STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03885

KVO VADIS

Henryk Sienkiewicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק שענקעוויטש

קוואַ וואַדיס

(QUO VADIS)

אידיש: יצחק דייטשער

פ א ר ל א ג ב ז ש א ז א

ו ו א ר ש ע 1 9 2 8

Printed in Poland

„QUO VADIS" Sienkiewicza.
Wydawnictwo Brzoza, Warszawa 1928.
Druk. Lewin-Epstein, Warszawa, Pawia 38.

פירטער טייל

אין רוים איז באַוווסט געווען, אַז דער צענזאָר האָט בריעה
אונטערהענגנס צו באַזוכן אָסטיע, אָדער ריכטיקער, די גרעסטע שיף
אין דער וועלט, וועלכע האָט ערשט נאָר וואָס געברענגט צו פירן
תבואה פון אַלעקסאַנדריע און פון דאָרט, מיטן ברעג-וועג(*, קיין
אַנציום. די באַפעלן זענען שוין מיט עטלעכע טעג פריִער אַרויסגעגעבן
געוואָרן, דעריבער האָבן זיך ביים פאָרט אָסטיענסיס שוין פונדער־
פרי אָן געזאַמלט מאַסן פון אָרטיקן המון און פון אַלערליי פעל־
קער פון דער וועלט, בכדי צוצוקוקן זיך צו דעם גרויסאַרטיקן
צעזאַרישן צוג, אויף וועלכן דער רוימישער פלעבס האָט זיך קיינ־
מאָל נישט געקענט זאַט אָנקוקן. דער וועג קיין אַנציום איז נישט
געווען קיין שווערער און נישט קיין ווייטער, און אין דער שטאָט
גופא, וועלכע איז באַשטאַנען פון פרעכטיקע פאַלאַצן און ווילַעס,
האָבן זיך געפֿ ינען אַלע מעגלעכסטע באַקוועמלעכקייטן און אפילו

*) ווִיאַ ליטאָרדיס.

ראַפּינירטסטער לוקסוס פון יענער צייט. פונדעסטוועגן האָט דער צעזאַר ליב געהאַט מיטצונעמען אין וועג אַריין אַלע זאַכן, וועלכע זענען אים נאָר געפעלן, פון מוזיק־אינסטרומענטן און שטוב חפצים, ביז סטאַטועס און מאָזאַיקעס, וועלכע מ'האָט אײַנגעשטעלט אפילו דאַן, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָר אויף אַ קורצער ווײַלע אין וועג, צי בכדי אָפּצורוען, צי בכדי אָפּצועסן. מחמת דעם פלעגן אים אויף יעדן שפּאַציר באַגלייטן גאַנצע מחנות דינער, אַ חוץ די אָפּטיילונגען פּרעטאָריאַנער און אויגוסטער, פון וועלכע יעדער האָט ווידער געהאַט זײַן אייגענע סוויטע שקלאַפן.

כעלות הבוקר פון זעלבן טאָג האָבן די פּאַסטוכער פון קאָמפּאַניען, אָנגעטון אין ציגן־פעל אויף די לענדן און מיט פאַרברענטע פּנימער פון דער זון, דורכגעטריבן דורכן טויער פינפהונדערט אייזלינס, בכדי פּאָפּעאַ זאָל קענען, באַלד אויף צומאָרגנס נאָכן אָנקומען קיין אַנציום, נעמען איר געוויינטלעכע באָד אין זייער מילך. דער המון האָט מיט געלעכטער און צופרידנקייט געקוקט אויף די זיך שאָקלענדיקע לאַנגע אויערן פון דער סטאַדע צווישן די קנוילן שטויב, און מיט שמחה זיך צוגעהערט צום פייפן פון די בייטשן און די ווילדע אויסגעשרייען פון די פּאַסטוכער.

נאָכן פאַרבייגיין פון דער סטאַדע, האָבן מחנות יונגלעך זיך אַ לאָז געטון אויף דעמזעלבן וועג און אָפּרייבנדיק אים גרונטלעך, האָבן זיי אים גענומען אויסשיטן מיט בלומען און נאָדלבלעטער. צווישן המון האָט מען מיט אַ געוויסער גאווה זיך איבערדערציילט, אַז דער גאַנצער וועג ביזן אַנציום וועט זײַן אַזוי אויסגעשיט מיט בלומען, וועלכע מ'האָט צונויפגענומען פון די אַרומיקע פּריוואַטע גערטנער און אפילו פאַר פיל געלט אײַנגעקויפט ביי די פאַרקויפערינס פון פּאָרטאַ מוגיאַניס. וואָס שפּעטער נאָך די פרימאָרגן שעהן איז דער אָנגעלויף מיט יעדער מינוט גרעסער געוואָרן. טייל האָבן אַהערגעבראַכט זייער גאַנץ בני בית, און בכדי די צייט זאָל נישט זײַן צו לאַנגווייליק, האָבן זיי אויסגעלייגט זייערע שפּייז־זאַפּאַסן אויף די שטיינער, וועלכע זענען דאָרט געלעגן צוגעגרייט פאַר דעם נייעם צערעראַ־טעמפּל, און

האָבן געגעבן „פּראַנדיום" אונטערן בלויזן הימל. ווו נישט האָבן זיך געשאַפן גרופּעס, אָנגעפירט דורך יורדים. די שמועסן האָבן זיך געפירט וועגן דעם צעזאַרס נסיעה, וועגן זיינע ווייטערדיקע נסיעות און וועגן נסיעות בכלל, אגב, האָבן מאַטראָזן און אויסגעדינטע זעלנער דערציילט וואונדער וועגן לענדער, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט בשעת זייערע ווייטע נסיעות, און וועלכע קיין רוימישער פוס האָט נאָך ביז היינט נישט באַטרעטן. היימישע תושבים, וועלכע זענען נאָך קיינמאָל אין זייער לעבן נישט געווען ווייטער ווי אויף וויאַ אַפּיאַ, האָבן פאַרגאַפט געהאָרכט די וואונדער פון אינדיע און אַראַביע, וועגן די אַרכיפּעלאַגן, וועלכע רינגלען אַרום בריטאַניע, ווו בריאַריוס האָט אויף איינעם פון די אינדזלען געבונדן דעם שלאָפנדיקן סאַטורן און ווו עס וויען רוחות, וועגן די היפּערבאָרעישע געגנטן, וועגן פאַרגליווערטע ימים, וועגן דעם זידן און ברומען פונם אָקעאַן אינם מאָמענט, ווען די פאַרגייענדיקע זון טוקט זיך אונטער אין זיינע וואַסערן. דאָס ערב רב האָט לייכט געגלייבט אין אַזעלכע ניסים, אין וועלכע אפילו אַזעלכע לייט ווי פּליניוס און טאַציט האָבן געגלייבט. מ'האָט אויך גערעדט וועגן יענער שיף, וועלכע דער צעזאַר האָט געזאָלט באַזוכן, אַז זי פירט ווייץ אויף גאַנצע צוויי יאָר, אַ חוץ די פירהונדערט פאַרשוינען און אויך אַזוי פיל שיפסלייט און אַ מאַסע ווילדע חיות, וועלכע זאָלן באַנוצט ווערן בשעת די זומער-שפּילן. דאָס אַלץ האָט גורם געווען אין דעם עולם אַ נייגונג צום צעזאַר, וועלכער האָט זיי נישט נאָר געשפּייזט, נאָר אויך געוויילט. זיי האָבן זיך דעריבער געגרייט אויף אַ התלהבותדיקער באַגריסונג פאַר אים.

דערווייל האָט זיך באַוויזן אַן אַפּטיילונג נומידישע רייטער, וועלכע געהערן צום פּרעטאָריאַנישן חייל. זיי זענען געווען אָנגעקליידט אין געלע מאַנטלען, רויטע בענדער און גרויסע אויער-העלמען, וועלכע האָבן געוואָרפן אַ גאָלדענעם אָפּשיין אויף זייערע שוואַרצע פּנימער. די שאַרפן פון זייערע באַמבוס-שפּיזן האָבן געגלאַנצט אין דער זון ווי פלעמלעך. נאָך זייער דורכמאַרש האָט זיך אָנגעהויבן דער צוג, ענלעך צו אַ פּראָצעסיע. דער המון

האָט זיך גענומען שטופּ, בכדי גענעטער צוצוקוקן זיך צום פאַר־
ביימאַרש, אָבער עס זענען אָנגעקומען אָפּטיילונגען פּרעטאָריאַ־
נער פוסגייער און, אויסשטעלנדיק זיך לענגויס פון ביידע זייטן
טויער, האָבן זיי פאַרשטעלט דעם צוטריט צום וועג. פאַרויס זע־
נען געגאַנגען די וועגנס, וועלכע האָבן געפירט פורפורנע, רויטע
און פיאָלעטע געצעלטן, און געצעלטן פון ווי שניי חייסן מיט
גאָלדענע פעדים דורכגעפלאָכטענעם ביס־שטאָף און מזרח־טעפּיכן
און ציטרן־טישן און מאָזאַיק שטיקער און קיך־מכשירים און
שטייגן מיט פון מזרחדיקע, דרומדיקע און מערבדיקע פייגל, חע־
מענס געהירלעך און צינגלעך עס דאַרפן צוגעגרייט ווערן פאַרן
צעזאַרס טיש און אַמפאָרן מיט חיין און קערב מיט פרוכטן.

אַנדערע חפצים, וועלכע האָבן געקענט צעבויגן אָדער צע־
בראָכן ווערן אויף די וועגנס, זענען געטראָגן געוואָרן דורך גיי־
ענדיקע שקלאַפן. ס׳איז על כן געווען צו זען הונדערטער מענטשן,
וועלכע האָבן געטראָגן געפעסן און קליינע סטאַטועס פון קאָרינטישן
קופער, באַזונדערע מענטשן פאַר די עטרוסישע וואַזעס, באַזונדע־
רע פאַר די גריכישע, באַזונדערע פאַר די גאָלדענע, זילבערנע,
אָדער פון אַלעקסאַנדרישן גלאָז געשליפענע כלים. קליינע אָפּ־
טיילונגען פוסגייער־און רייטער־פּרעטאָריאַנער האָבן געמאַכט אַ
מחיצה צווישן יעדער גרופּע באַזונדער, אָנגעפירט בראש פון
שוטרים, באַוואָפנטע מיט בייטשן, צי וועלכע ס׳איז צוגעבונדן גע־
ווען שטיקלעך בליי און אייזן אין שפּיץ.

דער צוג פון מענטשן, וואָס האָבן מיט כוונה און געוואָרנט־
קייט געטראָגן פאַרשידענע חפצים, האָט געהאַט דעם אויסזען פון
עפּעס אַ פייערלעכע רעליגיעזע פּראָצעסיע, דידאָזיקע ענלעכקייט
איז געוואָרן נאָך בולטער, ווען עס האָבן אָנגעהויבן פאַרבייגיין די
כלי־זמר פון צעזאַר און פון פּאַלאַץ. עס איז געווען צוזען האַרפן,
גריכישע פידלען, העברעישע און עגיפּטישע פידלען, לירעס, פאַר־
מענגעס, ציטרעס, פייפלעך, לאַנגע אויסגעצויגענע טרומפייטן און
צימבלען. קוקנדיק אויף דעמדאָזיקן ים כלי־זמר, וועלכע האָבן גע־
גלאַנצט אין דער זון מיט גאָלד, בראָנז, טייערע שטיינער און
פערלמוטער, האָט מען געקענט מיינען, אַז אַפּאָלאָ אָדער באַקכוס

האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ נסיעה איבער דער וועלט. נאָכדעם האָבן זיך באַוויזן פּרעכטיקע קאַרוק געפּאַקטע מיט שפּרינגער, טענצער, טענצערינס און מאָלערישע גרופּעס מיט פּעכערס אין די הענט. נאָך זיי זענען געפֿאָרן שקלאַפֿן נישט צו דער אַרבעט, נאָר צום וואָלטאָג, ס'הייסט יונגלעך און קליינע מיידלעך ספּעציעל געבראַכטע פֿון גריכנלאַנד און פֿון קליין-אַזיע, לאַנגהאָריקע אָדער מיט געוויקלטע קרייזן אַרומגענומען מיט אַ גאָלדן געשטריק, ענ-לעך צו אַמאָרן, מיט פּרעכטיקע פּנימלעך, אָבער גענצלעך באַדעקטע מיט אַ דיקע שיכט קאָסמעטיק, בכדי דער שאַרפֿער ווינט פֿון קאַמ-פּאַניען זאָל נישט אָפּברענען זייער צאַרטע הויט.

און נאָך זיי ווידער אַ מחנה פּרעטאָריאַנער פֿון ריזיקע, בערדיקע, בלאָנדע און געלהאָריקע סיקאַמבערן מיט בלויע אויגן. פֿאַר זיי האָבן פֿאָנען-טרעגער, אַזוי גערופֿענע אימאַזשענאַריען, גע-טראָגן רוימישע אָדלערס, טאָוולען מיט אויפֿשריפֿטן, גערמאַנישע און רוימישע געטלעך און לסוף קליינע סטאַטועס און ברוסט-בילדער פֿון צעזאַר. פֿון אונטער די זילבערישע לעדער-און פּאַנצער-קליידער האָט מען אַרויסגעזען קרעפֿטיקע און פֿאַרהאַרטעוועטע אָרעמס, פֿעיִקע צום שווערן וואָפֿן, מיט וועלכן דער מין חיל איז באַוואָפֿנט געווען. די ערד האָט זיך ווי געבויגן אונטער זייערע גלייכמאָסיקע שווערע טריט, און זיי, ווי וויסנדיק זייער כּוח, וועלכן זיי האָלטן געקענט אָנווענדן אַפֿילו קעגן צעזאַר גופֿא, האָבן גאַווהדיק געקוקט אויפֿן גאַסן-פּעבל, פֿאַרגעסנדיק אַפֿנים, אַז פֿיל פֿון זיי זענען דאָ אין שטאָט אַריין אָנגעקומען געבונדענע אין קייטן. אָבער זיי זענען דאָך נישט געווען קיין גרויסע מחנה. וואָרים די הויפּט פּרעטאָריאַנער קרעפֿטן זענען געבליבן אין די לאַגערן אויפֿן אָרט, בכדי צו היטן די שטאָט און צו האַלטן זי אין די צוימען.

נאָך זיי האָט מען דורכגעפֿירט נעראָנס שפּאַן-צוג לעמפּערטן און לייבן, כּדי, אויב עס וועט זיך אים פֿאַרגלוסטן נאָכצומאַכן דיאָניזעסן, זאָל מען זיי איינשפּאַנען אין די צוג-וואָגנס. זיי זענען געפֿירט געוואָרן דורך אינדוסן און אַראַבער אויף שטאָלענע קייטן מיט אַ שלייף, אָבער אַזוי אַרומגעדרייט מיט בלומען, אַז ס'האָט

זיך געדוכטן, דאָס זיי זענען איינגאַנצן געפלאָכטן פון בלומען. די גע-
ניטע בעסטיאַרן געצוימטע חיות האָבן געקוקט אויפן המון מיט
זייערע גרינגע ווי פאַרשלאָפענע אויגן און טיילמאָל, אויפהייבנדיק
זייערע ריזיקע קעפּ, האָבן זיי כראָפּענדיק אַריינגעצויגן אין זייע-
רע נאָזלעכער די מענטשלעכע אויסאָטעמונגען, באַלעקנדיק זיך די
פּיסקעס מיט זייערע שטעכעדיקע לעקערס.

און ווייטער זענען פאַרביי דעם צעזאַרס וועגנס, קלענערע
און גרעסערע, גאָלדענע און פּורפּורנע לעקטיקעס, אויסגעפלאָס-
טערטע מיט העלפאַנטביין, פּערל און שפּילנדיקע אין גלאַנץ פון
די שענסטע אבנים טובות. נאָך זיי ווידער אַ קליינע מחנה מיט
רוימישע כלי-זין באַוואָפנטע פּרעטאָריאַנער, פון איטאַליענישן
פרייוויליקן חייל(* און ווידער מחנות גרויסאַרטיקע שקלאַפן-דינער-
שאַפט און יונגלעך, און לסוף איז געפאָרן דער צעזאַר גופא, חע-
מענס אָנקום איז נאָך פונווייטנס אָנגעזאָגט געוואָרן דורך די גע-
שרייען פונם המון.

צווישן המון האָט זיך געפונען אויך דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס,
וועלכער האָט איינמאָל אין לעבן געוואָלט אָנקוקן דעם צעזאַר,
לעבן אים איז געווען ליגיע, מיט אַ געדיכט פאַרשלייערט געזיכט
און אורסוס, וועמענס גבורה עס איז געווען דער זיכערסטער שוץ
פאַר דעם מיידל צווישן דעם הפקרדיקן און אויסגעלאַסענעם המון.
דער ליגיער האָט גענומען איינעם פון די פעלזנשטיינער, וועלכע
זענען געלעגן אָנגעגרייט פאַר דעם פונדאַמענט פון נייעם טעמפּל,
און האָט אים צוגעטראָגן צום אַפּאָסטאָל, בכדי ער זאָל, אַרויפ-
שטעלנדיק זיך אויף אים, קענען זען בעסער פון אַלע. דער עולם

---

*) די איינוווינער פון איטאַליען זענען נאָך פאַר אויגוסטוס
צייטן באַפרייט געוואָרן פון מיליטער-דינסט, צוליב וואָס די א. ג.
„קאָהאָרס איטאַליקאַ", וועלכע האָבן געווײנטלעך געלאַגערט אין
אַזיען, איז באַשטאַנען פון פרייוויליקע. אַזוי אויך די פּרעטאָריאַנער,
אויף וויפיל זיי זענען נישט באַשטאַנען פון באַרבאַרן, זענען זיי
געווען פרייוויליקע.

האָט פריער אָנגעהויבן מורמלען, וואָרים אורסוס האָט זיי פאַרגאַנדער-געשטופּט, ווי אַ שיף שטויסט פונאַנדער די כוואַליעס, אָבער בשעת ער האָט איינער אַליין אויפגעהויבן דעם פעלז, וועלכן פיר שטאַרק-סטע גבורים פון המון האָבן נישט געקענט רירן פון אָרט, איז דאָס געמורמלעריי פאַרביטן געוואָרן אין באַוווּנדערונג, און אויסרופן „מאַקטע"! האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן.

דערווייל איז אָנגעפאַרן דער צעזאַר. ער איז געזעסן אין אַ וואָגן, וועלכער האָט געהאַט די פאָרם פון אַ געצעלט, געצויגן דורך זעקס ווייסע אידומענער פערד, געקאָוועט אין גאָלד. דער וואָגן האָט געהאַט די פאָרם פון אַ געצעלט מיט בכיוון אָפענע זייטן, בכדי דער המון זאָל קענען זען דעם צעזאַר. עס האָבן דאָרט געקענט אַריין עטלעכע מענטשן, אָבער נעראָן, ווילנדיק צוציִען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט בלויז אויף זיך, איז געפאָרן איינער אַליין, האַלט-דיק ביי זיינע טריט בלויז צוויי קריפּל-קאַרליקעס. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייסן טוניק און אין אַן אַמעטיסטן טאָגע, וועלכע האָט געוואָרפן אַ בלוילעכן אָפשיין אויף זיין פנים. אויף זיין קאָפּ איז געווען אַ לאָרבער קראַנץ.

זינט זיין נסיעה קיין נעאַפּאָליס איז ער פיל דיקער געוואָרן. ס'פּנים צעשוואָלן, אונטער דער גאָמבע אַ דיקן גוידער, צוליב וועלכן זיין מויל, וועלכעס איז תמיד אויסגעקומען צו נאָענט צו דער נאָז, האָט איצט אויסגעזען, ווי האַרט אונטער די נאָזלעכער. דער דיקער האַלדז זיינער איז ווי תמיד געווען אַרומגענומען מיט אַ זיידן טיכל, וועלכעס ער האָט אַלע מינוט פאַררוקט מיט זיין ווייסע פעטע האַנט, אַ פאַרוואַקסענע ביים פינגער-געלענק מיט געלע האָר, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי בלוטיקע פלעקן, און וועלכע ער האָט די עפּילאַטאָרן נישט דערלויבט אויסצורייסן, ווייל מ'האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז גורם אַ ציטערן אין די פינגער און ס'שטערט דעם שפּילן אויף דער האַרפע. אַן אומבאַגרענעצטע פוסט-קייט איז ווי תמיד געווען אויף זיין פנים, צוזאַמען מיט אַ מידעקייט און לאַנגווייליקייט. בכלל גענומען איז עס געווען גלייכציטיק אי אַ שרעקלעך, אי אַ פּאַיאַציש פּנים. בשעתן פאָרן האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ איןביידע זייטן, פאַרזשמורענדיק טיילמאָל די אויגן און

איינהערנדיק זיך מיט כוונה, ווי אזוי מ'באַגריסט אים. אַ שטורעם פון פאַטשערייען האָט אים באַגריסט מיט אויסרופן:

„זיי געגריסט געטלעכער צעזאַר, אימפּעראַטאָר, זיי געגריסט זיגער! זיי געגריסט אומפאַרגלייכלעכער — זון פון אַפּאָלאָן, אַפּאָלאָן"!

הערנדיק דאָס, האָט ער געשמייכלט, אָבער טיילמאָל איז אים ווי אַ כמאַרע איבערן פּנים אַריבער, דען דאָס רוימישע פאָלק איז געווען אָפּשפּעטעריש, און פילנדיק זיך אין גרויסע מאָס, האָט עס זיך דערוועגט אויף שפּאָטישע ווערטלעך אפילו לגבי די גרויסע טריומפאַטאָרן, וועלכע זענען באמת באַליבט און געשעצט געווען. עס איז דאָך באַוווסט געווען, אַז בשעת יוליוס צעזאַרס אַריינפאָר אין רוים, האָט מען גערופן: „בירגער, באַהאַלט אייערע ווייבער, וואָרים דער קריעה־זבליעהניק מיטן פליך קומט אָן!" אָבער נעראָנס מוראדיקע אייגנליבע האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם מינדסטן חוזק אָדער פּחיתת־הכבוד.

דערווייל האָט מען דאָ צוזאַמען מיט די לויב־געשרייען געהערט אויסרופן: „קופּערבאָ־ד!... קופּערבאָרד. וואוהין פירסטו דיין פייערדיקע באָרד? האָסטו דען מורא, אַז רוים זאָל נישט פון איר פאַרברענט ווערן?" און די וועלכע האָבן דאָס גערופן האָבן נישט געוווסט, אַז דערדאָזיקער וויץ זייערער איז אַ שרעקלעכע נבואה, וועלכע וועט מקוים ווערן. אָבער דעם צעזאַר האָבן נישט איבעריק פאַרדראָסן דידאָזיקע אויסרופן נאָך מער דערפאַר, וואָס ער האָט גאָר קיין באָרד נישט געטראָגן, ווייל ער האָט זי שוין לאַנג געהאַט מקריב געווען אין אַ גאָלדענער פּושקע יאָזישן פון קאַפּיטאָל. אָבער אַנדערע, באַהעלטענע אונטער די קופּעס שטיינער און הינטער דער וואַנט פונם טעמפּל, האָבן געשריגן: „מאַטריסידאַ! נעראָ! אָרעסטעס! אַלקמעאָן!" און אַנדערע: „ווו איז אָקטאַוויאַ! גיב אָפּ דעם פּורפּור!" — און אויף פּאָפּעאַן, וועלכע איז געפאָרן באַלד הינטער אים, האָט מען גערופן: „פלאַווע קאָמאַ"! ס'הייסט זונה.

נעראָנס מוזיקאַלישע אויער האָט אויפגעכאַפּט אויך אַזעלכע אויסרופן, און דאַן האָט ער מיט די פינגער צוגעטראָגן צום

אויג זיין געשליפענעם שמאראגד, ווי ער וואלט געוואלט אנקוקן און זיך נעמען אין זכרון אריין די יעניקע, וועלכע האבן דאס גערופן.

אויף אזא אופן איז זיין בליק געפאלן אויפן אפאסטאל, וועלכער איז געשטאנען אויפן פעלד. א מינוט האבן דידאזיקע צוויי מענטשן געקוקט איינער אויפן אנדערן און קיינעם נישט פון דעם גאנצן רויסארטיקן צוג, נישט פון דעם אומצייליקן המון איז איינגעפאלן, אז אין דערדאזיקער מינוט קוקן אויף זיך צוויי וועלט-הערשער, פון וועלכע איינער וועט באלד פארשווינדן, ווי א בלוטיקער חלום און דער צווייטער, יענער זקן, אנגעטון אין ארימען מאנטל, וועט איבערנעמען אויף אייביק אין זיין רשות דידאזיקע שטאט און די וועלט די גאנצע.

דערווייל איז דער צעזאר דורכגעפארן, און הארט הינטער אים האבן אכט אפרן געטראגן די פרעכטיקע לעקטיקע, אין וועלכער עס איז געזעסן פאפעא, די דורכן פאלק פארהאסטע. זי איז געווען אנגעטון אויך אזוי ווי נערא, אין אן אמעטיסטן-מאנטל, מיט א דיקע שיכט קאסמעטיק אויפן פנים, אן אומבאוועגלעכע, א פארטראכטע, א גלייכגילטיקע האט זי אויסגעזען, ווי עפעס א ביזע און אין דערזעלבער צייט אויך שיינע געטין, וועלכע מ'טראגט אויף א רעליגיעזע פראצעסיע. נאך איר האט זיך ווידער געצויגן א גאנצער שטאט מענלעכע און ווייבלעכע דינערשאפט און אויך א ריי וועגנס מיט אלעם נייטיקן צו שפילערייען און צום פוץ.

די זון איז שוין געווען ווייט נאך מיטאג, ווען עס האט זיך אנגעהויבן דער פארבייפאר פון די אויגוסטער — א פרעכטיקער, גלענצנדיקער, ווי א שלאנג פינקלדיקער צוג אן א סוף. דער פוילער פעטראניוס, גוטהארציק באגריסט דורכן המון, איז געטראגן געווארן אין א לעקטיקע צוזאמען מיט זיין געטין-ענלעכע שקלאפין, טיגעלינוס איז געפארן אין א קארוקע, אן איינגעשפאנטע אין קליינע פערדלעך, וועלכע זענען באפוצט געווען מיט ווייסע און פורפורנע פעדערן. מ'האט אים געזען, ווי ער האט זיך אויפגעשטעלט אין וואגן און, אויסשטרעקנדיק פארויס דעם קאפ, האט

ער בעקוקט, צי דער צעזאר וועט אים באלד געבן א צייכן, אז ער זאל זיך איבערזעצן צו אים.

פון צווישן אנדערע האבן די מאסן מיט פאטשערייען באגריסט ליציניאנוס פיסאנען, מיט א געלעכטער וויטעליוסן, מיט א געפייפעריי וואטיניוסן. לגבי די קאנסולן ליציניוס און לעקאניוס האט זיך דער עולם פארהאלטן גלייכגילטיק, דערפאר איז טוליוס סענעציא, וועלכער איז אומבאוווסט פארוואס באליבט געווען, און אויך וועסטיניוס, רוישיק אויפגענומען געווארן. די סוויטע איז געווען נישט איבערצוציילן. עס האט אויסגעזען, ווי אלץ וואס איז רייך, פרעכטיקער אדער בארימט אין רוים עמיגרירט איצט קיין אנציום. נערא איז קיינמאל נישט געפארן אנדערש, ווי מיט טויזנט וועגנס און זיין שטאב-באגלייטער האט תמיד איבערגעטראפן די צאל זעלנער אין א לעגיאן*). מ'האט געטייטלט אויך אויף דאמיציוס אפערן און אויף דעם איינגעהויקערטן לוציוס סאטורנין. מ'האט בעקענט זען אספסיגוסן, וועלכער איז נאך דאן נישט געהאט אוועק מיט זיין צוג אויף יהודה, פונוואנען ער איז צוריקגעקומען שוין נאך דער צעזאר-קרוין, און זיינע זין און דעם יונגן נערווי, און לוקאנען, און אניוס גאלאן, און קווינטיאנוס, און פיל פרויען, בארימטע דורך זייער רייכקייט, שיינקייט, לוקסוס און אויסגעלאסנקייט.

די בליקן פון המון האבן זיך געטראגן פון באקאנטע פנימער אויף די געשפאנען, וועגנס, פערד, אויף די אויסטערלישע בגדים פון די דינערשאפטן, וועלכע איז באשטאנען פון אלערליי פעלקער פון דער וועלט. אינם דאזיקן מבול פון רייכסטן לוקסוס און גרויסארטיקייט האט מען נישט געוווסט אויף וואס פריער צו קוקן, און נישט נאר דער בליק, נאר אויך דער געדאנק איז פארבלענדט געווארן פון די אלע גאלד-שימערן, פורפור און פיאלעטע פארבן, פינקלען פון איידל-שטיינער, גלאנץ פון ביסאר, פערלמוטער און

---

*) אין די צייטן פון צעזארטום האט א לעגיאן געציילט איבער צוועלף טויזנט מאן.

עלפאַנטביין. עס האָט זיך געדוכטן, אַז די זון־שטראַלן אפילו צע־שלאָגן זיך אָן דעמדאָזיקן שימערירנדיקן ים. און הגם צווישן דעם המון האָבן זיך דאָך געפונען נישט ווייניק שלעפּער מיט איינ־געשרומפּענע גערערים און מיט הונגער אין די אויגן, האָט דאָך דער אָנבליק פון דעם אַלעם זיי אָנגעצונדן נישט נאָר מיט חשק צו געניסן און מיט קנאה, נאָר אויך זיי אָנגעפילט גלייכצייטיק מיט פּראַכט און שטאָלץ, געבנדיק זיי צו פילן רוימס מאַכט און זיכער־קייט, אויף וועלכן עס האָט זיך געשטיצט און פאַר וועלכן עס האָט געקניט די וועלט די גאַנצע. עס האָט אויסגעזען, אַז אויף דער וועלט וועט זיך נישט געפינען קיינער, ווער עס זאָל זיך דער־וועגן צו טראַכטן, אַז דידאָזיקע מאַכט וועט נישט דויערן איבער אַלע דורות, וועט נישט איבערלעבן אַלע פעלקער און אַז עפּעס וואָס אויף דער ערד דער גאַנצער קען זיך איר קעגנשטעלן.

וויניציוס, וועלכער איז געפאָרן צום סוף פון צוג, איז, דער־זעענדיק דעם אַפּאָסטאָל און ליגיען, וועלכע ער האָט זיך נישט געריכט דאָ צו זען, אַרויסגעשפּרונגען פון זיין וואָגן און, באַ־גריסנדיק זיי מיט אַ צעשטראַלט פּנים, האָט ער גענומען רעדן מיט אַ שנעלער שטים, ווי אַ מענטש, וועלכער האָט נישט קיין איבעריקע צייט צו פאַרלירן:

— ביסט געקומען? כ'ווייס נישט, ווי אַזוי איך זאָל דיר דאַנקן, אָ, ליגיע!... גאָט האָט שוין נישט געקענט מיר שיקן קיין בעסערן סימן. כ'באַגריס דיך נאָכאַמאָל געזעגנענדיק זיך, אָבער מיר געזעגענען זיך נישט אויף לאַנג. איך וועל צעשטעלן איבערן גאַנצן וועג פאַרטישע פערד און איך וועל זיין לעבן דיר יעדן פרייען טאָג, ביז איך וועל מיר נישט אויסבעטן די באַווילי־קונג אומצוקערן זיך. זיי געזונט!

— זיי געזונט, מאַרק — האָט ליגיע געענטפערט און באַלד האָט זי שטילער צוגעגעבן:

— זאָל דיך קריסטוס פירן און עפענען דיר דיין האַרץ פאַר די רייד פון פּוילוס.

און ער האָט זיך דערפרייט אין האַרצן דערפאַר, וואָס זי

שטרעבט אזוי, אז ער זאָל וואָס שנעלער ווערן אַ קריסט. ער האָט דעריבער געענטפערט:

— „אַסעלע מי“ זאָל געשען אזוי, ווי דו זאָגסט. פּוילוס וויל בעסער פאַרן צווישן מיינע מענטשן, אָבער ער איז מיט מיר און ער וועט ביר זיין אַ רבי און אַ חבר... בייג אַזוי דעם שלייער, פרייד מיינע, כדי איך זאָל דיך זען פאַרן אָפּפאָרן. פאַר וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרשלייערט?

זי האָט אויפגעהויבן אַ ברעג שלייער און האָט אים געוויזן איר ליכטיק פּנים און אירע וואונדערלעך לאַכנדיקע אויגן, פרעגנדיק:

— איז דען שלעכט?

איר שמייכל האָט געהאַט אין זיך עטוואָס מיידלישע הכנעה, אָבער וויניציוש האָט, קוקנדיק אויף איר מיט באַגייסטערונג, געענטפערט:

— ס'איז שלעכט פאַר מיינע אויגן, וועלכע באַגערן צו קוקן אייביק און אייביק אויף דיר אײנע.

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו אורסוסן און געזאָגט:

— אורסוס, היט זי, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, וואָרים דאָס איז נישט נאָר דיין, נאָר אויך מיין דאָמינאַ!

און דאָס זאָגנדיק, האָט ער אָנגעכאַפּט איר האַנט און זי צוגעפּרעסט צו זיינע ליפּן, צו דער גרעסטער פאַרוואונדערונג פון המון, וועלכער האָט נישט געקענט פאַרשטיין דעמדאָזיקן כבוד-אויסדרוק מצד אַזאַ גרויסאַרטיקן אויגוסטער פאַר אַ מיידל, וועלכע טראָגט אַ פּשוט, כמעט שקלאַפיש קלייד.

— זיי געזונט!...

און באַלד האָט ער זיך שנעל דערווייטערט, דען דער גאַנצער צוג איז שוין געווען ווייט פאָרויס. דער אַפּאָסטאָל פעטרוס האָט אים איבערגעצלמט מיט אַ שוואַכער האַנט-באַוועגונג, און דער גוטמוטיקער אורסוס האָט אים גענומען לויבן, צופרידן דערפון, וואָס זיין יונגע הערין האָרכט אים גערן זון קוקט אויף אים מיט דאַנקבאַרקייט.

דער צוג האָט זיך דערווייטערט און פאַרשוואונדן הינטער די קנוילן גאָלדענעם שטויב. אָבער זיי האָבן נאָך לאַנג נאָכגעקוקט נאָך אים, ביז דעמאָלט דער מילנער, דערזעלבער ביי וועלכן אורסוס האָט געאַרבעט אין די נעכט, האָט גענענט צו זיי און, אַ קוש טוענדיק דעם אַפּאָסטאָל אין האַנט, האָט ער אים גענומען בעטן, אַז זיי זאָלן אָפּטרעטן ביי אים אין הויז צום עסן, ווייל זיין הויז איז נאָענט פון עמפּאָריום און זיי מוזן געוויס זיין הונגעריק און מיד, פאַרברענגענדיק דאָ ביים טויער דעם גרעסטן טייל פון טאָג.

זיי זענען דעריבער צוזאַמען אַוועק, און אָפּרוענדיק און אָפּעסנדיק ביי אים אין הויז, האָבן זיי זיך ערשט פאַרנאַכט אומגעקערט אויף יענער זייט טיבער. ווילנדיק אַריבערגיין דעם טייך דורך דער עמיליוס-בריק, זענען זיי געגאַנגען דורך קליוווס פּובליקוס, וועלכער ציט זיך אינמיטן פון אַווענטינער באַרג, צווישן די טעמפּלען פון דיאַנאַ און מערקור. אַפּאָסטאָל פּעטרוס האָט איצט פונדערהייך געקוקט אַראָפּ אויף די הייזער און בנינים, וואָס רינגלען אַרום און פאַרלירן זיך דאָרט אין דער ווייטקייט, און פאַרזינקענדיק אין שווייגן, האָט ער געטראַכט איבער דער גרויסקייט און מעכטיקייט פון דעראָזיקער שטאָט, וווהין ער איז געקומען גאָטס וואָרט זאָגן. ער האָט ביז איצט שוין געזען די ממשלה פון רוים און אירע לעגיאָנען אין פאַרשידענע לענדער, וועלכע ער האָט אַדורכגעוואַנדערט, אָבער דאָס זענען אַלץ געווען, ווי איינציקע אברים פון דעראָזיקער מאַכט, וועמענס פאַרקערפּערונג אין דער געשטאַלט פון צעזאַר ער האָט היינט צום ערשטן מאָל געזען.

די דאָזיקע שטאָט, אַן אומגעהייערע, אַ רוצחישע, אַ גיריקע און אויך אַן אויסגעלאַסענע, אַ פאַרפוילטע דורך און דורך און אין דערזעלבער צייט אַן אומבאַזיגלעכע אין איר איבערמענטשלעכער גבורה, דעראָזיקער צעזאַר, דער ברודער-מערדער, מוטער-מערדער און פרויען-מערדער, נאָך וועמען עס ציט זיך אַ ריי, ניט ווייניקער פון זיין אמתן צוג פון בלוטיקע שאָטנס; דעראָזיקער בעל-תאווהניק און פּאַיאַץ און אין דערזעלבער צייט האַר פון דרייסיק

לעגיאָנען און דורך זיי פון דער גאַנצער ערד; דידאָזיקע הויפּלייט, געקליידט אין גאָלד און שאַרלאַך, נישט זיכערע מיטן מאָרגן און אין דערזעלבער צייט מעכטיקער ווי מלכים — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי די ממשלת-זדון פון רויב און רשעות. און ער איז נשתומם געוואָרן אין זיין פּשוט הארץ, ווי אַזוי גאָט קען געבן אַזאַ אומבאַגרייפלעכע אַלמאַכט דעם שטן און ווי אַזוי ער קען אים איבערגעבן די ערד, ער זאָל זי צעבלוטיקן, פאַרוויסטן, צעטרעטן, אויסקוועטשן טרערן און בלוט, זי אויפּברויזן ווי אַ שטורעם, פאַרפּלאָנטערן ווי אַ ווינט, פאַרברענען ווי אַ שרפה.

און פון דידאָזיקע מחשבות האָט אויפגעציטערט זיין אַפּאָסטאָליש הארץ און ער האָט אין הארצן גענומען רעדן צום האַר:

— „האַר, וואָס זאָל איך אָנהייבן פּנים אל פּנים מיט דערדאָזיקער שטאָט, אין וועלכער דו האָסט מיך געשיקט? זייבע זענען די ימים און די יבשות, זייבע זענען די חיות אויף דער ערד און די שרצים אין וואַסער, זייבע זענען אַלע מדינות און די שטעט און די דרייסיק לעגיאָנען, וועלכע היטן זיי, איך אָבער, האַר, בין אַ פישער פון טייך! וואָס זאָל איך דאָ טון? און ווי אַזוי וועל איך דען קענען זיין רשעות גובר זיין?

אַזוי רעדנדיק, האָט ער אויפגעהויבן זיין גרויען ציטערדיקן קאָפּ צום הימל, תפילה טוענדיק און רופנדיק פון דער טיפעניש פון הארץ צו זיין געטלעכן לערער, פול מיט אומעט און אובדן.

און פּלוצלינג איז זיין תפילה איבערגעריסן געוואָרן דורך ליגיעס שטים, וועלכע האָט געזאָגט:

— די גאַנצע שטאָט איז ווי אין פייער...

און באמת איז די זון אין דעם טאָג מאָדנע פאַרגאַנגען. איר ריזיק ראָד איז שוין ביז אין דער העלפט געווען באַהאַלטן הינטער די יאַניקולער בערג, און דער גאַנצער הימל-שטח האָט געפלאַקערט אין רויטן צעפּשיין. פון דעם אָרט, וווּ זיי זענען געשטאַנען, האָט זייער בליק אַרומגענומען אַ ווייטן מרחק. אַ ביסל

אויף רעכטס האָבן זיי געזען די לענגלעכע מויערן פֿון אירקוס מאַקסימוס, איבער אים האָבן זיך געהויבן די פּאַלאַצן פֿון פּאַ־לאַטין, און גלייך פֿאַרויס פֿאַר זיי, הינטערן פֿאָרום באָאַריום און וועלאַבּרום — דער שפּיץ פֿון קאַפּיטאָל מיטן טעמפּל פֿון יופּיטער. און די אַלטע מויערן, זיילן, טעמפּל־שפּיצן זענען ווי פֿאַרטונקען געווען אין יענעם גאָלדענעם און פּורפּורנעם שימער. דער טייל פֿון טייך, וועלכן מ'האָט געזען פֿונדערווייטנס, איז געפֿלאָסן ווי מיט בלוט, און וואָס מער די זון האָט זיך געזעצט הינטער די בערג, איז דער אָפּשיין געוואָרן אַלץ רויטער, אַלץ מער ענלעך צו אַ שׂרפֿה אָפּשיין, שטאַרקנדיק זיך, פֿאַרשפּרייטנדיק זיך, ביז ער האָט אַרומגענומען אַלע זיבן בערג רוימס, פֿונאַנדערגיסנדיס זיך פֿון דאָרט איבער דער גאַנצער געגנט אַרום.

— די גאַנצע שטאָט איז ווי אין פֿייער — האָט ליגיע אַ־פֿערגעזאָגט.

און דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס האָט זיך מיט דער האַנט פֿאַר־שטעלט די אויגן און געזאָגט:

— גאָטס צאָרן איז איבער איר.

XXXVII.

ווינציוש צו ליגיען:

„דער שקלאַף פלעגאָן, דורך וועלכן איך שיק דיר איבער דעמדאָזיקן בריוו, איז אַ קריסט, ער וועט, הייסט עס, זיין איינער פון די, וועלכע וועלן באַקומען די פרייהייט פון דיין האַנט, טייערסטע מיינע. דאָס איז אַן אַלטער דינער פון אונדזער הויז, כ׳קען דעריבער מיטן גאַנצן צוטרויען שרייבן דורך אים און נישט מורא האָבן, דער בריוו זאָל אַריינפאַלן אין אַנדערע הענט, ווי אין דיינע.

„איך שרייב אין לאַורענטום, ווו מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן מחמת די היצן. אָטאָ באַזיצט דאָ אַ פרעכטיקע ווילע, וועלכע ער האָט בשעתו אַוועקגעשענקט פאָפעאַן, און זי, הגם זי האָט זיך געגט מיט אים, האָט געהאַלטן פאַר פאַסיק צו לאָזן זיך דידאָזיקע שיינע מתנה...

„ווען איך טראַכט וועגן די פרויען, וועלכע רינגלען דאָ מיך אַרום און וועגן דיר, דאַכט זיך מיר, אַז פון דעקאַליאָנס שטיינער

זענען באַשאַפן געוואָרן פאַרשידענע, גאַרנישט ענלעכע אויף אַנדער מינים מענטשן, און אַז דו געהערסט צו יענע, וועלכע זענען געוואָרן פון קרישטאָל? איך באַוואונדער דיך און ליב דיך מיט דער גאַנצער נשמה מייַנער, אַזוי, אַז כ׳וואָלט געוואָלט מיט דיר רעדן גאָר וועגן דיר און איך דאַרף מיר אַ כּוח אָנטון, בכדי דיר צו שרייבן וועגן דער נסיעה, וועגן דעם, וואָס מיט מיר איז און וועגן די הויף בייעסן.

„דער צעזאַר איז, הייסט עס, געווען פּאַפּאַס גאַסט, וועלכע האָט בסוד צוגעגרייט אַ פּרעכטיקן קבלת פּנים. זי האָט איבעריקנס פאַרבעטן נישט פיל אויגוסטער, נאָר איך און פּעטראָניוס זענען יאָ פאַרבעטן געוואָרן.

„נאָכן פראַנדיום זענען מיר געשוואומען מיט גאָלדענע שיפלעך איבערן ים, וועלכער איז געווען אַזוי שטיל, אַזוי רויק און אַזוי בלוי, ווי דיינע אויגן, אָ, געטלעכע! מיר האָבן אַליין גערודערט, ווייל דאָס האָט געשמייכלט דער אויגוסטין, אַז זי ווערט געפירט דורך קאָנסולן אָדער זייערע זין. דער צעזאַר האָט, שטייענדיק ביים רודער אין אַ פּורפּור-טאָגע געזונגען אַ הימן לכבוד דעם ים, וועלכעס ער האָט די פאַריקע נאַכט מחבר געווען און צו וועלכן ער האָט צוזאַמען מיט דיאָדאָרן צוגעפּאַסט מוזיק. אויף אַנדערע שיפלעך אַרום האָבן אים אונטערגעהאַלטן אינדישע שקלאַפן, וועלכע קענען שפּילן אויף ים-שטעקלעך און אַרום האָבן זיך באַוויזן דעלפינען, ווי זיי וואָלטן באמת אַרויסגעכישופט געוואָרן פון די ים-טיפענישן דורך דער מוזיק. און איך, ווייסטו, וואָס איך האָב געטון? איך האָב געטראַכט וועגן דיר און געבענקט נאָך דיר, און כ׳האָב געוואָלט נעמען דעם ים, דאָס וואַסער און די מוזיק און אָפּגעבן דאָס אַלץ דיר.

„צי וואָלסטו געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך אַמאָל באַזעצן ביים ברעג פון ים, אויגוסטין מיינע, ווייט פון רוים? איך האָב ערד אין סיציליען, וווּ עס געפינט זיך אַ מאַנדל-וועלדל, וועלכעס בליט אום פרילינג ראָזיק און ס׳איז אַזוי נאָנט ביים ים, אַז די צווייגן רירן כמעט אָן דאָס וואַסער. דאָרט וועל איך דיך ליבן און כבוד אָפּגעבן דער לערע, וועלכע פּוילוס לערנט מיך, ווייל דאָס ווייס איך

שוין, אַז זי איז נישט קעגן דער ליבע און קעגן גליק. ווילסטו?...

„אָבער איידער איך הער די תשובה פון דיין ליב מויל, דערצייל איך דיר דערווייל ווייטער, וואָס עס האָט פּאַסירט אויפן שיפל. אַזוי באַלד ווי די בריק איז שוין געווען הינטער אונדז, האָבן מיר דערזען פונדערווייטנס פאַר זיך אַ זעגל און גלייך האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו האַמפּערן, צי דאָס איז אַ געוויינטלעך פישערשיפל, צי די גרויסע שיף פון אָסטיען. איך האָב זי דער ערשטער דערקענט און דאַן האָט די אויגוסטין געזאָגט, אַז אַפּנים, דאָס פאַר מיינע אויגן איז קיין פאַרבאָרגענע זאַכן נישט פאַרהאַן און, אַראָפּלאָזנדיק פּלוצלינג אַ שלייער אויף איר פּנים, האָט זי מיך געפרעגט, צי איך וואָלט זי אויך אַזוי דערקענט? פּעטראָניוס האָט תיכף געענטפערט, אַז הינטער די וואָלקנס איז אפילו די זון שווער צו זען, אָבער זי האָט כלומרשט לאַכנדיק געזאָגט, אַז אַזאַ שאַרפן בליק ווי מיינעם קען נאָר סיידן די ליבע פאַרבלענדן און, אויסרעכענענדיק פאַרשידענע אויגוסטעריגס, האָט זי גענומען פרעגן און טרעפן, אין וועלכער איך בין פאַרליבט. איך האָב איר רויק געענטפערט, אָבער זי האָט לסוף דערמאָנט אויך דיין נאָמען.

„רעדנדיק וועגן דיר האָט זי צוריק אויפגעדעקט דאָס געזיכט און האָט גענומען קוקן אויף מיר מיט בייזע און גלייכצייטיק פאַרשנדיקע אויגן. כ׳בין האַרציק דאַנקלעך פּעטראָניוסן, וואָס ער האָט אין דערזעלבער רגע אַ בייג געטאָן דאָס שיפל אין אַ זייט, צוליב וואָס אַלעמענס בליקן זענען אָפּגעווענדעט געוואָרן פון מיר, וואָרים, ווען כ׳וואָלט אַזוי געהערט וועגן דיר אַ נישט גינסטיק אָדער שפּאָטיש וואָרט, וואָלט איך נישט געקענט באַהאַלטן מיין כעס און כ׳וואָלט געמוזט זיך ראַנגלען מיטן חשק צוצעשמעטערן מיטן רודער דעם קאָפּ פון דערדאָזיקער פאַרדאַרבענער און שלעכטער פרוי...

„דו געדענקסט דאָך כסתמא, וואָס איך האָב דיר ערב מיין אָפּפאָרן דערציילט ביי לינוסן אין הויז מכוח דער געשעעניש אויפן אַגריפּאַ טייך? פּעטראָניוס האָט נאָך מורא וועגן מיר און ער באַשווערט מיך, איך זאָל נישט רייצן די אייגנליבע פון דער אויגוס-

טין. אָבער פּעטראָניוס פאַרשטייט מיך שוין נישט און ער ווייסט נישט, אַז אַ חוץ דיר איז פאַר מיר נישטאָ נישט קיין תענוגים, נישט קיין שיינקייט, נישט קיין ליבשאַפט און אַז פאַר פּאָפּעאַן האָב איך נאָר עקל און פאַראַכטונג. דו האָסט שוין שטאַרק געענדערט מיין נשמה אַזוי ווייט, אַז צו מיין פריערדיקן לעבן וואָלט איך שוין גאָרנישט געקענט זיך אומקערן. נאָר שרעק זיך נישט, אַז מיך זאָל דאָ אפשר עפּעס שלעכטס טרעפן. פּאָפּעאַ ליבט מיך נישט, ווייל זי איז בכלל נישט מסוגל ווּעמען עס איז ליב צו האָבן, און אירע תאוותלעך קומען נאָר פון כעס אויף צעזאַר, וועלכער איז נאָך אונטער איר השפעה און וועלכער האָט זי נאָך אפשר אויך ליב, אָבער ער שוינט זי שוין דאָך נישט און באַהאַלט נישט פאַר איר זיין אומפאַרשעמטקייט און זיינע פאַרברעכנס.

„איך וועל דיר איבעריקנס דערציילן נאָך אַ זאַך, וועלכעס דאַרף דיך באַרויִקן: אַט האָט מיר פּעטרוס פאַר מיין אָפּעקפאָרן געזאָגט, אַז איך זאָל זיך נישט שרעקן פאַרן צעזאַר, דען קיין האָר פון מיין קאָפּ וועט נישט געמינערט ווערן און איך גלייב אים. עפּעס אַ שטים פון האַרצן זאָגט מיר, אַז יעדעס וואָרט זיינס מוז מקוים ווערן, און אַזוי ווי ער האָט דאָך געבענטשט אונדזער ליבע, דעריבער וועט נישט דער צעזאַר, נישט אַלע כוחות פון האַדעס, אפילו נישט דאָס מזל אַליין נישט זיין בכח דיך פון מיר אָפּצונעמען.

„אָ, ליגיע! ווען איך טראַכט וועגן דעם בין איך גליקלעך ווי איך וואָלט געווען דער הימל, וועלכער איז אייבער אַליין גליקלעך און רויִק. אָבער דיך, קריסטין, וועט אפשר אַרן דאָס, וואָס איך זאָג דאָ וועגן הימל און וועגן מזל? אין דעם פאַל זיי מיר מוחל, ווייל איך זינדיק נישט ווילנדיק. דער טויף האָט מיך נאָך נישט אָפּגעוואַשן, אָבער מיין האַרץ איז ווי אַ ליידיקער בעכער, וועלכן פּוילוס פון תרשיש דאַרף ערשט אָנפילן מיט דער זיסער לערע אייערע, וועלכע איז פאַר מיר נאָך מער זיס צוליב דעם וואָס זי איז דיינע. דו, געטלעכע, רעכן מיר פאַר אַ גוטס כאָטש דאָס, וואָס איך האָב פון דעם בעכער אויסגעגאָסן דאָס פלייסיקייט וועלכעס האָט אַ מאָל פריִער אָנגעפילט און איך גיב אים נישט צו

ריק, נאָר איך צי אים נאָך אויס, ווי א דורשטיקער, וועלכער שטייט ביים ברעג פון א רייניעם פרישן קוואַל. לאָמיך געפינען חן אין דיינע אויגן. אין אַנציום וועל איך די טעג און נעכט פאַר־ברענגען אין הערן די רייד פון פוילוסן, וועלכער האָט שוין גלייך אין ערשטן טאָג פון דער נסיעה געוויזען אַזאַ גרויסע השפּעה צווישן מיינע מענטשן, אַז זיי רינגלען אים אַרום אָן אויפהער, זעענדיק אין אים נישט נאָר אַ טאַומאַטורג, נאָר כמעט אַן איבער־נאַטירלעכן מאַ'.

„נעכטן האָב איך באַמערקט עפּעס אַ פרייד אויף זיין פּנים, און אויף מיין פראַגע, וואָס ער טוט, האָט ער מיר געענטפערט: „כ'זייע". פּעטראָניוס ווייסט, אַז ער געפינט זיך צווישן מיינע מענטשן און ער וויל אים זען, דאָ:זעלבע אויך סענעקאַ, וועלכער האָט וועגן אים געהערט פון גאַלאָנ:ן. אָבער אָז בלייכן זיך שוין די שטערן, אָ, ליגיע, און דער מאָרגן „לוציפער" שיינט שוין אַלץ שטאַרקער. באַלד וועט דער מאָרגנרויט ראָזיקן דעם ים — אַלץ אַרום שלאָפט, נאָר איך אייגער טראַכט וועגן דיר און ליב דיך. זיי געגריסט צוזאַמען מיטן מאָרגנשטערן, „ספּאָנסאַ מעאַ"!

XXXVIII.

ווינציוש צו ליגיען:

„ביסטו, טייערע, שוין אַמאָל געווען מיט די אוילוסעס אין אנציום? אויב ניין, וועל איך זיין גליקלעך, אויב איך וועל זי דיר אַמאָל ווייזן. שוין פון לאורענטום אָן ציען זיך לענגאויס דעם ברעג חיליעס אייבע נאָך די אַנדערע, און אַנציום גופא איז איין אומענדלעכע ריי פון פּאַלאַצן און פּאָרטיקן, וועמענס זיילן און קאָלאָנאַדן שפּיגלען זיך, בשעת אַ שיין וועטער, אין וואַסער. איך איך האָב דאָ אַ נעסט האַרט ביים וואַסער מיט איילבירט-ביימער און מיט אַ ציפּריס וועלדל הינטער דער ווילע, און ווען איך דערמאָן זיך, אַז דידאָזיקע חיים וועט אַמאָל געהערן צו דיר, ווערן מיר אירע מאַרמאָרן אויס ווייסער, טונקעלער אירע גערטנער און בלויער דער ים.

„אָ, ליגיע, ווי גוט איז צו לעבן און צו ליבן!

„דער אַלטער מעניקלעס, וועלכער באַלעבאַטעוועט דאָ מיט

דער ווילע, האט פארזעצט אויף די לאנקעס אונטער די מירטן גאנצע בייטן אירוסן, וועלכע האבן מיך דערמאנט אן דעם הויז פון די אוילוסעס, אייער אימפלוויום און אייער גארטן, אין וועלכן איך פלעג זיצן מיט דיר. אויך דיך וועלן די אירוסן דערמאנען אן דיין היים, דעריבער בין איך זיכער, אז דו וועסט ליב קריגן אנציום און דידאזיקע ווילע. באלד נאך אונדזער אנקום האבן מיר, איך און פוילוס, לאנג געשמועסט בשעתן פראנדיום. מיר האבן גערעדט וועגן דיר, און דערנאך האט ער גענומען רעדן וועגן אייער לערע און איך האב אים א לאנגע צייט געהארכט, און איך קען דיר נאר זאגן, דאס ווען איך וואלט אפילו געקענט אזוי שרייבן ווי פעטראניוס, וואלט איך נישט געקענט דיר איבער-געבן דאס אלץ, וואס איך האב דאן געפילט און געטראכט. איך האב זיך נישט געריכט, אז עס קען נאך זיין אויף דער וועלט אזא גליק, שיינקייט און רו, וועגן וועלכן מענטשן האבן נאך ביז איצט נישט געוווסט. אבער דאס אלץ לאז איך איבער אויף צו רעדן מיט דיר, ווען איך וועל ביי דער ערשטער פרייער מינוט קומען צו דיר קיין רוים

„זאג מיר, ווי אזוי קען די ערד טראגן אויף זיך צוזאמען אזעלכע מענטשן, ווי אפאסטאל פעטרוס, ווי פוילוס פון תרשיש און דעם צעזאר? איך פרעג דאס דערפאר, ווייל איך האב דעם אוונט נאך פוילוסעס לערע פארברענגט ביי נעראנען, און ווייסטו, וואס כ'האב דארט געהערט? פריער האט ער אליין געזונגען זיי-נע א פאעמע וועגן חורבן אין טראיא און ער האט זיך גענומען קלאגן, אז ער האט נאך קיינמאל נישט געזען קיין ברענענדיקע שטאט, ער האט מקנא געווען פריאמען און האט אים גערופן גליקלעכער-מאן דערפאר, ווייל ער האט אליין געזען די שרפה און דעם אונטערגאנג פון זיין אייגענער שטאט. אויף דעם האט טיגעלינוס געזאגט: „זאג, געטלעכער, נאר איין ווארט, נעם איך תיכף א פלאקער און איידער די נאכט וועט פארביי וועסטו זען אנציום אין פלאמען". אבער דער צעזאר האט אים צוגערופן שוטה. „ווהין, זאגט ער, וואלט איך געקומען אפעטעמען מיט ים-לופט און אפהיטן מיין שטים, מיט וועלכער די געטער האבן מיך בא

שאַנקן און וועלכע איך מוז, ווי מיאָגט, אַפּהיטן לטובת דעם פאָלק? צי דען נישט רוים שאַדט מיר, צי דען נישט די געשטאַנקען פון סובור און עסקווילין מאַכן מיך כסדר הייזעריק און צי וואָלט דען דאָס ברענענדיקע רוים נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פיל פרעכטיקער און טראַגישער בילד ווי אַנציום?

„דאָ האָבן אַלע גענומען רעדן, וואָס פאַר אַן אומדערהערטע טראַגעדיע עס וואָלט געווען דער אָנבליק פון אַזאַ וועלט באַצווינגערישע שטאָט, פאַרביטן אין אַ באַרג אַש. דער צעזאַר האָט פאַרזיכערט, אַז דאַן וואָלט זיין פּאָעמע איבערגעשטיגן האָמערס לידער, און נאָכדעם האָט ער גענומען שילדערן, ווי אַזוי ער וואָלט צוריק אויפגעבויט די שטאָט און ווי די שפּעטערדיקע דורות וואָלטן געמוזט באַוווּנדערן זיין ווערק, אַנטקעגן וועלכן אַלע אַנדערע מענטשלעכע מעשים וואָלטן נישטיק געווען. דאַן האָבן די שיכּורע געסט גענומען שרייען: „טו עס! טו עס!" און ער האָט געענטפערט: „איך וואָלט צו דעם געמוזט האָבן טרייערע און מער איבערגעגעבענע פריינט".

„איך בין זיך מודה, אַז הערנדיק דאָס, האָב איך זיך זייער באַאומרויקט, ווייל אין רוים ביסטו דאָך דאָ, קאַראַסימאַ. איך לאַך איצט אַליין פון מיין מורא און איך מיין, אַז דער צעזאַר און די אויגוסטער, הגם זיי זענען משוגע, וואָלטן דאָך נישט דערוועגט זיך אויסצופירן אַזאַ משוגעת, און דאָך, זע, ווי דער מענטש ציטערט איבער זיין טייערס. איך וואָלט פונדעסטוועגן געוואָלט, אַז לינוסעס הויז זאָל זיך נישט געפינען אין יענעם שמאָלן טיבער-געסל און אין דעם קוואַרטאַל, וועלכער איז באַוווינט דורך דער פרעמדער באַרבאַרישער באַפעלקערונג, אויף וועלכן מען וואָלט זיך דאַן ווייניקער אומגעקוקט. מיר דאַכט זיך, אַז אפילו די פּאַלאַטינער פּאַלאַצן וואָלטן נישט געווען קיין גענוג באַקוועמע וווינונג פאַר דיר, איך וואָלט דעריבער געוואָלט, אַז עס זאָל דיר נישט פעלן גאָרנישט פון דעם וווילטאָג און באַקוועמלעכקייט, צו וועלכן די ביסט צוגעוווינט פון קינדווייז אָן. צי זיך איבער צו די אוילוסעס אין הויז, ליגיע מיינע. איך האָב פיל געטראַכט וועגן דעם. ווען דער צעזאַר וואָלט געווען אין רוים, וואָלט די ידיעה וועגן

ביז דערגיין שקלאַפן די דורך געקענט באמת צוריקקום אין אין פּאַלאַסטין, דאַן צוצ?ען אויף דיר די אויפמערקזאַמקייט און גורם זיין רדיפות אויף דיר דערפאַר, וואָס דו האָסט געהאַט די העזה צו גיין קעגן דעם רצון פון צעזאַר. אָבער צום גליק וועט ער דאָ לאַנג פאַרבלייבן אין אַנציום און ביז ער וועט זיך אומקערן, וועלן די שקלאַפן שוין לאַנג האָבן פאַרגעסן וועגן דעם. ליגיוס און אורסוס קענען וווינען מיט דיר צוזאַמען. איבעריקנס האָף איך, אַז איידער דער צעזאַר וועט אָנקוקן דעם פּאַלאַטין, וועט זיך, מיין געטלעכע, שוין וווינען אין דיין אייגן הויז אויף קאַרינען.

„געבענטשט זאָל זיין דער טאָג, די שעה, די מינוט, ווען די וועסט איבערטרעטן מיין שוועל, און אויב קריסטוס, וועמענס אמונה איך לערן זיך איצט, וועט מיר דאָס באַשערן, זאָל געבענטשט זיין אויך זיין נאָמען. איך וועל אים דינען און אָפּגעבן פאַר אים מיין לעבן און מיין בלוט. כ'האָב שלעכט געזאָגט: מיר וועלן אים ביידע דינען אַזוי לאַנג, ווי אונדזער לעבנס-פאָדים וועט זיך צ?ען. איך ליב דיך און גריס דיך פון טיפן האַרצן".

XXIX.

אורסוס האָט געשעפּט וואַסער אינם באַסיין און, אַרויפציענדיק מיט אַ שטריק די טאָפּלטע אַמפאָרן, האָט ער זיך שטיל צוגעזונגען אַ וואונדערלעך ליגיש ליד, און דערביי האָט ער מיט פריידיקע אויגן נאָכגעקוקט ליגיען און וויניציושן, וועלכע האָבן זיך געבלייכט צווישן די ציפּריסן-ביימער פון לינוסעס גאָרטן, ווי צוויי סטאַטוען. קיין מינדסט ווינטל האָט זייערע קליידער נישט באַוועגט. עס איז צוגעפאַלן אַ גאָלדענער און ליליענפאַרביקער פאַרנאַכט און זיי האָבן אין אָוונט-שטילקייט, האַנט בײַ האַנט, געשמועסט צווישן זיך.

— צי קען דיר נישט אַמאָל עפּעס שלעכטס געשען, מאַרק, דערפאַר, וואָס דו האָסט אָן צעזאַרס וויסן פאַרלאָזט אַנציום? — האָט ליגיע געפרעגט.

— ניין, מיין טייערע — האָט וויניציוש געענטפערט — דער צעזאַר האָט צוּוויסן געטון, אַז ער וועט זיך פאַרמאַכן מיט טערפּנאָכן אויף צוויי טעג, בכדי מחבר צו זיין נייע לידער. ער

מיט אַפּט אַזוי, און דאַן ווייסט ער גאָרנישט און טראַכט וועגן גאָרנישט. איבעריקנס, וואָס גייט מיך אָן דער צעזאַר, אַז איך זיץ לעבן דיר און קוק אויף דיר. איך האָב שוין צופיל געבענקט, און אין די לעצטע נעכט איז שוין אויך דער שלאָף אָפּגעטון געוואָרן פון מיר. טיילמאָל, ווען איך בין אַנדרימלט געוואָרן פון מידעקייט, האָב איך זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט מיט אַ געפיל, אַז עפּעס אַ סכנה הענגט איבער דיר. טיילמאָל האָט זיך מיר געחלומט, אַז מען האָט מיר צוגערויבט די שטאָפּן-פערד, וועלכע דאַרפן מיך ברענגען צו דיר פון אַנציום קיין רוים און אויף וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט דעם וועג אַזוי שנעל, ווי קיין צעזאַרישער שליח האָט עס נאָך נישט באַוויזן. איך האָב שוין לענגער נישט געקענט אויסהאַלטן אָן דיר. צופיל ליב איך דיך, טייערע, טייערסטע מיינע!

— כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען. אויף מיין בקשה איז אורסוס צוויי מאָל אַוועק אויף קאַרינען אין דיין הויז אַריין פרעגן זיך אויף דיר. ליגוס האָט געלאַכט פון מיר און אורסוס אויך.

און עס איז באמת געווען צו זען, אַז זי האָט זיך געריכט אויף אים, דען אַנשטאָט דאָס געוויינטלעכע טונקעלע קלייד, האָט זי געטראָגן אַ ווייכע ווייסע סטאָלע, וואָס פון אירע פּרעכטיקע פאַלדן זענען אירע אַקסלען און איר קעפּל אַרויסגעקומען, ווי אַ צעבליט פּאָר פרילינג בלימל פון שניי. עטלעכע רויזע אַנעמאָנען האָבן באַפּוצט אירע האָר.

וויניציוש האָט צוגעדריקט זיין מויל צו איר האַנט, נאָכדעם האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטיינערנער באַנק צווישן ווילדן וויינשטאָק און, אָנלענענדיק זיך איינער אָן אַנדערנס אָרעמס, האָבן זיי געשוויגן, פאַרקוקט אין אָוונט-שיין, וועמענס לעצטער שימער האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין זייערע אויגן.

דער פּישוף פונם שטילן אָוונט האָט זיי ביסלעכווייז באַהערשט.

— ווי שטיל דאָ איז און ווי שיין די וועלט איז — האָט וויניציוש מיט אַ נידעריקער שטים זיך אָנגערופן. — עס קומט אָן

אומגעהייער לויטערע נאַכט, איך פיל זיך אַזוי גליקלעך, ווי גאָר קיינמאָל נישט אין מיין לעבן. זאָג מיר, ליגיע, וואָס איז דאָס? איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז עס קען זיין אַזאַ ליבע. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז נאָר אַ פייער אין בלוט און תאווה. אָבער איצט ערשט זע איך, אַז מען קען ליבן מיט יעדן טראָפּן פון בלוט און מיט יעדן אָטעם צוג, און דערביי פילן אַזאַ געוואַלטיקע און זיסע רויקייט, ווי דער שלאָף און דער טויט וואָלטן שוין די נשמה פאַרטיגט. דאָס איז פאַר מיר גאָר אַ נייעס. איך קוק אויף דער רו פון דיביימער דאָ אַרום און ס'דאַכט זיך מיר, אַז ער איז אין מיר. איצט ערשט פאַרשטיי איך, אַז עס קען זיין אַ גליק, פון וועלכן מענטשן האָבן ביז איצט נישט געוווּסט. איצט ערשט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס דו און פּאָמפּאָניע גרעצינע זענט אַזעלכע לויטערע... יאָ!... דאָס קומט פון קריסטוס...

און זי האָט אין דער מינוט אָנגעלעגט איר הערלעך פּנים אָן זיין אָרעם און געזאָגט:

— מיין טייערער מאַרקוס...

זי האָט ווייטער נישט געקענט רעדן. פרייד, דאַנקבאַרקייט און דאָס געפיל, אַז איצט מעג זי שוין ליבן, האָט איר דאָס קול אָפּגענומען און אָנגעפילט אירע אויגן מיט טרערן פון גערירטקייט. און וויניציוש האָט, אַרומנעמענדיק מיט זיין אַ־עם איר קליינע געשטאַלט, זי געדריקט אַ ווייל צו זיך און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— ליגיע! זאָל געבענטשט זיין די מינוט, ווען כ'האָב דאָס ערשטע מאָל דערהערט דעם נאָמען זיינעם.

און זי האָט אים שטיל געענטפערט:

— איך ליב דיך, מאַרקוס.

און זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן, נישט קענענדיק אַרויסברענגען קיין וואָרט פון די איבערפולטע הערצער זייערע. אויף די ציפּריסן האָבן זיך פאַרלאָשן די לעצטע ליליען אָפּשיינען און דער גאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן זילבערן פונם לבנה שיין.

אין אַ ווייל אַרום האָט וויניציוש גענומען רעדן:

— איך ווייס... אַזוי ווי איך בין דאָ אַריינגעקומען, אַזוי ווי איך האָב נאָר אַ קוש געטון דיינע טייערע הענט, האָב איך אַרויסגעלייענט פון דיינע ווייגן די פראַגע: צי איך האָב שוין באַגריפן די געטלעכע אמונה, און וועלכער דו גלייבסט און צי איך בין שוין געטויפט? ניין! געטויפט בין איך נאָך נישט, אָבער צי ווייסטו, בלימל, פאַרוואָס?

אַט האָט פּוילוס צו מיר אַזוי געזאָגט: „איך האָב דיר אויסגעוויזן, אַז גאָט איז געקומען אויף דער וועלט און האָט זיך געלאָזט צלמען, בכדי אָפּצולייזן די וועלט, אָבער אין קיין פאַל פון חסד זאָל דיך פּעטרוס נובל זיין, ער, וועלכער האָט דער ערשטער אויסגעשפּרייט איבער דיר די הענט און האָט דער ערשטער דיך געבענטשט“!

און אויך איך האָב געוואָלט, אַז דו, טייערסטע, זאָלסט זען מיין טויפן און אַז פאַניע זאָל מיר זיין אַ מוטער. דעריבער בין איך ביז איצט נישט געטויפט, הגם איך גלייב אין גואל און אין זיין זיסע אמונה.

פּוילוס האָט מיר אויפגעוויזן, מיך איבעראַנדערשט, און צי האָט דען געקענט אַנדערש זיין? ווי אַזוי וואָלט איך געקענט נישט גלייבן, אַז קריסטוס איז געקומען אויף דער וועלט, קוים זאָגט דאָס פּעטרוס, וועלכער איז געווען זיין תלמיד, און פּוילוס, צו וועמען ער האָט זיך באַוויזן? ווי אַזוי וואָלט איך געקענט נישט גלייבן דאָס ער איז געווען גאָט, אַז ער איז אויפגעשטאַנען תחית המתים? מ'האָט דאָך אים געזען אין שטאָט, און ביים טייך, און אויפן באַרג, און עס האָבן אים געזען מענטשן, וועמענס מיילער עס האָבן פון קיין ליגנס נישט געוווּסט. איך האָב דאָס שוין געגלייבט נאָך פון יענער צייט אָן, ווען איך האָב געהערט פּעטרוסן אין אָסטריאַנום, וואָרים שוין דעמאָלט האָב איך מיר געטראַכט: יעדער אַנדערער מענטש אויף דער וועלט וואָלט געקענט זאָגן ליגן, נאָר נישט דער דאָזיקער, וועלכער זאָגט: „איך האָב געזען“! אָבער איך האָב זיך געשראָקן פאַר אייער לערע. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי נעמט דיך צו פון מיר. איך האָב געמיינט, אַז זי האָט נישט אין זיך נישט קיין חכמה, נישט קיין שיינקייט, נישט קיין

גליק. אָפּשר היינט, ווען איך האָב זי דערקענט, וואָס פֿאַר אַ מענטש וואָלט איך געווען, ווען איך זאָל נישט וועלן, אַז אויף דער וועלט זאָל הערשן אמת און נישט קיין ליגנס, ליבע און נישט קיין שנאה, גוטס און נישט קיין פֿאַרברעכן, פֿרײַשאַפֿט און נישט קיין פֿאַלש-קייט, רחמנות און נישט קיין נקמה? וואָס וואָלט דאָס געווען פֿאַר איינער, וועלכער וואָלט דאָס נישט געגאַרט און געוואָלט? און אָט דאָס טאַקע איז דאָך אײַער לערע. אויך אַנדערע ווילן גערעכטי-קייט, אָבער נאָר זי אײנע מאַכט די מענטשלעכע הערצער יושרדיק, און אַ חוץ דעם מאַכט זי זיי אויך ריין, ווי דיינס און פּאַמפּאַניעס, און מאַכט זיי געטרײַ, ווי דיינס און פּאַמפּאַניעס. אַ בלינדער וואָלט איך געווען, ווען איך זאָל דאָס נישט זען. און אויב דערבײַ האָט גאָט-קריסטוס נאָך מבטיח געווען דאָס אייביקע לעבן און אַזאַ אומענד-לעך גליק, ווי נאָר דער אַלמעכטיקער קען געבן, טאָ וואָס נאָך קען דער מענטש פֿאַרלאַנגען?

ווען איך זאָל אַזוי פֿרעגן סענעקאַן: פֿאַרוואָס איר עצהט מיר זײַן רעכטפֿאַרטיק, אויב די פֿאַרדאָרבנהייט גיט מער גליק אין לעבן, וואָלט ער מיר גאָר נישט געקענט קיין שום שכל-דיקע תשובה דערויף געבן, אָבער איך ווייס איצט, פֿאַרוואָס איך דאַרף זײַן רעכטפֿאַרטיק. דערפֿאַר, ווײַל גוטס און ליבע קומען פֿון קריסטוסן, און דערפֿאַר, בכדי, ווען דער טויט וועט מיר צו-מאַכן די אויגן, זאָל איך צוריקגעווינען דאָס לעבן, דאָס גליק, זיך זעלבסט און דיך, טײַערסטע מײַנע... ווי אַזוי קען מען נישט ליבן און נישט אָננעמען אַזאַ לערע, וועלכע רעדט גלײַכצײַטיק אמת און איז מבטל דעם טויט? ווער וואָלט דען נישט אויסגע-ווילט ליבער דאָס גוטע איידער דאָס שלעכטע? איך האָב גע-מיינט, אַז די יידישע אמונה איז קעגן גליק, דערווײַל אָבער האָט מיר פּױלוס אויפֿגעוויזן, אַז נישט נאָר, וואָס זי נעמט גאָרנישט אַוועק, נאָר זי גיט נאָך צו. איך קען דאָס אַלץ קוים, קוים משיג זײַן, אָבער איך פֿיל, אַז אַזוי איז עס, ווײַל איך בין קיינמאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך ווי איך וואָלט עס נישט געווען, ווען איך וואָלט דיך אפֿילו מיט געוואַלט צוגענומען און דיך געהאַלטן אין מײַן הויז. אָט האָסטו מיר מיט אַ מינוט צוריק געזאָגט: „איך ליב

דין". און די ווערטער וואָלט איך פון דיר נישט ארויסבאַקומע
אפילו פאַר דער גאַנצער מאַכט פון רוים. אָ, ליגיע! דער פאַר-
שטאַנד זאָגט דאָך, אז דידאָזיקע לערע איז געפּלעך און די בעס-
טע, דאָס האַרץ פילט דאָך דאָס, און קען זיך דען ווער קעגנ-
שטעלן אָט די צוויי כּוחות?

ליגיע האָט געהאָרכט, קוקנדיק אויף אים מיט אירע צוויי
בלויע אויגן, ענלעכע ביים לבנה־שיין צו צוויי מיסטישע בלומען
און פייכטע אויך ווי בלומען.

— יאָ, מאַרקוס, אמת! — האָט זי געזאָגט, צודריקנדיק
שטאַרקער איר קאָפּ צו זיין אַקסל.

און אין דער מינוט האָבן זיי זיך ביידע געפילט אָן א שיעור
גליקלעך, דען זיי האָבן פאַרשטאַנען, אז אויסער דער ליבע פאַריי-
ניקט זיי נאָך עפּעס אַן אַנדערע קראַפט, א זיסע און אַן אומבאַ-
זיגלעכע, צוליב וועלכן די ליבע גופא ווערט אייביק, לויז פון
ענדערונג, פון אָפּנאַרונג, פעלשונג און אפילו פון טויט. זייערע
הערצער זענען פול געוואָרן מיט דעם בטחון, אז וואָס עס זאָל
נישט געשען, וועלן זיי זיך נישט אויפהערן ליב צו האָבן און גע-
הערן זיך אייבער דעם צווייטן. און דורך דעם זענען זייערע גע-
מיטער איבערגעפילט געוואָרן מיט אַן אומאויסדריקלעכע רויִקייט.
וויניציוש האָט דערביי געפילט, אז דאָס איז נישט נאָר א פיינע
און טיפע ליבע, נאָר אויך גאָר א נייע, אַזעלכע, וואָס די וועלט
האָט נאָך ביז איצט נישט געזען און נישט געקענט געבן. אין זיין
האַרץ איז אַלץ געווען אין הסכם מיט דעם: אי ליגיע, אי קריס-
טוסעס לערע, אי די לבנה־שיין, וועלכע האָט גערוט אויף די שטי-
לע ציפּריסן און אי די לויטערע נאַכט, אַזוי, אַז די גאַנצע אַלוועלט
האָט זיך אים אויסגעוויזן איז איבערגעפילט מיט דעם.

אין א ווײַלע אַרום האָט ער ווידער גענומען רעדן מיט א
שטילער און ציטערנדיקער שטים:

— דו וועסט זיין די נשמה פון מיין נשמה און וועסט מיר
זיין די טייערסטע אין דער וועלט. צוזאַמען וועלן אונדזערע הער-
צער קלאַפּן, איינע וועט זיין אונדזער תּפילה און איינע — אונ-

דוער ליב קריסטוסן. אָ, מיין טייערע! לעבן צוזאַמען, אַכפּעריך צוזאַמען דעם מילדן גאָט און וויסן, אַז ווען עס וועט אָנקומען דער טויט, וועלן אונדזערע אויגן זיך ווידער עפענען, ווי נאָך אַ זיסן שלאָף, צו אַ נייַ ליכט, וואָס קען שוין בעסער זיין! איך וווּנדער זיך דעריבער, פאַרוואָס איך האָב דאָס פריִער נישט פאַרשטאַנען. און ווייסטו, איך טראַכט מיר איצט, אַז קעגן אָט דערדאָזיקער אמונה וועט קיינער נישט קענען ביישטיין. אין צוויי הונדערט אָדער דריי הונדערט יאָר אַרום וועט די גאַנצע וועלט זיך באַקענען צו איר, די מענטשן וועלן פאַרגעסן אָן יאָווישן, און עס וועלן נישט זיין קיין אַנדערע געטער, נאָר קריסטוס, און קיין אַנדערע טעמפּלען, נאָר קריסטלעכע. ווער וויל דען נישט זיין אייגן גליק? אָך! איך האָב דאָך געהערט דעם שמועס צווישן פּוילוס און פּעטראָניוסן, און ווייסטו, וואָס פּעטראָניוס האָט צום סוף געזאָגט? „דאָס איז נישט פאַר מיר געדאַכט“, און מער האָט ער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

— חזר איבער פּוילוסעס ווערטער — האָט ליגיע געבעטן.

— דאָס איז געווען אין אָוונט ביי מיר אין הויז. פּעטראָניוס האָט גענומען לייכט ווערטלען זיך און אָפּשפּעטן, ווי ער טוט עס געוויינטלעך, און דאַן האָט פּוילוס צו אים געזאָגט: „ווי קענסטו, קלוגער פּעטראָניוס, לייקענען, אַז קריסטוס האָט עקזיסטירט און איז אויפגעשטאַנען תחיית המתים, אַז דו ביסט נאָר דאָך נישט געווען אויף דער וועלט. אָבער פּעטרוס און יוחנן האָבן אים געזען און אויך איך האָב אים געזען אויפן וועג קיין דמשק! וויַזשע קודם כל אויף מיט דיין חכמה, אַז מיר זענען ליגנער און נאָכדעם וועסטו לייקענען אונדזער באַשטעטיקונג“.

נאָר פּעטראָניוס האָט אים געענטפערט, אַז ער מיינט גאָרנישט אָפּצולייקענען, דען ער ווייסט גוט, אַז עס געשען פיל אומבאַגרייפלעכע זאַכן, וועלכע ווערן דאָך באַשטעטיקט פון באַגלייבטע מענטשן. נאָר עפּעס אַנדערש איז אויפצודעקן אַ וועלכן עס איז נייעם פרעמדן גאָט און עפּעס אַנדערש אָנצונעמען זיין לערע,

„איך וויל נישט — האָט ער געזאָגט — וויסן פון גאָרנישט, וואָס קען מיר קאַליע מאַכן דאָס לעבן און צונישט מאַכן די שיינקייט דערפון, עס איז נישט וויכטיק, צי אונדזערע געטער זענען עכטע, אָבער שיין זענען זיי, עס איז אונדז פריילעך מיט זיי און מיר קענען לעבן אָן זאָרג".

דאַן האָט אים פּױלוס געענטפערט: „דו פאַרוואַרפסט די לערע פון ליבע, גערעכטיקייט און גוטהאַרציקייט אויס מורא פאַר די זאָרג פון לעבן, אָבער באַטראַכט זיך גוט, פּעטראָניוס: צי אייער לעבן איז באמת ריין פון זאָרגן? אַט קענסטו, האַר, נישט וויסן און אויך קיינער נישט פון די רייכסטע און אָנגעזעענסטע, צי איינשלאָפנדיק אין אָוונט, וועט ער זיך נישט אויפכאַפּן צומאָרגנס מיט אַ טויט-פּסק. זאָג מיר אָבער: ווען דער קייסער וואָלט געגלייבט אָן דער אמונה, וועלכע באַפעלט ליבע און גערעכטיקייט, צי וואָלט דאַן דיין גליק נישט געווען זיכערער? דו ציטערסט איבער דיינע פריידן, אָבער צי וואָלט דען דאָס לעבן דאַן נישט געווען פריילעכער? און וואָס איז נוגע דעם פּוץ פון לעבן און דער שיינקייט, איז זויב איר האָט געבויט אַזוי פיל שיינע טעמפּלען און סטאַטועס לכּבוד בייזע, נקמהדיקע, זנותדיקע און פאַלשע געטער, וואָס זשע וואָלט איר געקענט אויפטון לכּבוד איין גאָט פון אהבה און אמת? דו ביסט צופרידן מיט דיין גורל, ווייל דו ביסט רייך און לעבסט אין וואוילטאָג, אָבער דו האָסט דאָך אויך געקענט זיין אָרים און עלנט, הגם דו שטאַמסט פון יחוסדיקע גזע, און דאַן וואָלט דיר באמת בעסער געווען אויף דער וועלט, ווען מענטשן וואָלטן געגלייבט אין קריסטוס. אין אייער שטאָט וואַרפן פיל רייכע עלטערן אַרויס זייערע קינדער, נישט ווילנדיק זיך די מי געבן זיי צו דערציִען, אַזעלכע קינדער ווערן גערופן אַלומנאַ. אויך דו, האַר, האָסט געקענט זיין אַזאַ אַלומנאַ. אָבער ווען דיינע עלטערן וואָלטן געלעבט לויט אונדזער לערע, דאַן וואָלט דיך נישט געקענט אַזוינס טרעפן. ווען דו וואָלסט קומענדיק אין די צייטיקע יאָרן חתונה געהאַט מיט דיין געליבט מיידל, וואָלסטו געוואָלט, זי זאָל דיר בלייבן טריי ביזן טויט. אָבער קוק זיך נאָר אַרום, וואָס עס טוט זיך ביי אייך, וויפיל שאַנד, פאַרשמוצונג

פון מאַן־און ווייב־טרייַשאַפט! איר ווונדערט זיך דאָ שוין אַליין, אויב עס טרעפט זיך אַ פרוי, וועלכע איר רופט אוניווירע. אָבער איך זאָג דיר, אַז די יעניקע, וועלכע וועלן טראָגן קריסטוסן אין האַרצן וועלן נישט ברעכן די טריישאַפט צו זייערע מענער אַזוי גוט, ווי די קריסטלעכע מענער וועלן עס אָפּהיטן בנוגע זייערע ווייבער. איר אָבער זייט נישט זיכער נישט מיט אייערע הערשער, נישט מיט אייערע פאָטערס, נישט מיט אייערע ווייבער, קינדער, דינער. די גאַנצע וועלט ציטערט פאַר אייך און איר ציטערט פאַר אייערע אייגענע שקלאַפן, וואָרים איר ווייסט גוט, אַז יעדער שעה קענען זיי אויפהייבן אַ בלוטיקן בונט קעגן אייער אונטערדריקונג, ווי זיי האָבן עס שוין נישט איינמאָל געטון. דו ביסט רייך, אָבער דו קענסט נישט וויסן, צי מען וועט דיר נישט מאָרגן באַפעלן צו פאַרלאָזן דיין רייכקייט; דו ביסט יונג, אָבער קענסט גאָר מוזן שטאַרבן. דו ליבסט, אָבער בגידה לאָקערט אויף דיר, דו האָסט ליב די ווילִיעס און די סטאַטועס, אָבער מאָרגן קענסטו ווערן פאַר־טריבן אין די מדבריות פון פאַנדאַטאַריע, דו האָסט טויזנטער די־נער, אָבער מאָרגן קענען דיר די דינער דאָס בלוט אַרויסצאַפּן. און אויב אַזוי, טאָ ווי קענט איר זיין רויק, גליקלעך און לעבן אין פרידן? איך אָבער לערן ליבע און אַ גלויבן, וועלכע הייסט די הערשער ליבן זייערע אונטערטעניקע, די האַרן — זייערע דינער. די דינער — צו דינען פון ליבשאַפט, טון גוטס און גערעכטיקייט, און ועל כולם איז עס מבטיח גליקזעליקייט אָן אַ סוף, ווי דער ים דער אומענדלעכער. ווי זשע קענסטו, פּעטראָניוס, זאָגן, אַז דער גלויבן מאַכט קאַליע דאָס לעבן, אַז ער מאַכט עס גאָר בעסער, און דו אַליין וואָלסט גאָר געווען פיל מאָל גליקלעכער און זיכערער, ווען ער וואָלט אַרומגעכאַפּט די וועלט, אַזוי ווי אייער רוימישע מאַכט".

— אַזוי האָט פּאַולוס גערעדט, אָ, ליגיע.

אויף דעם האָט פּעטראָניוס געזאָגט:

— דאָס איז נישט פאַר מיר געמאַכט.

און מאַכנדיק זיך שלעפעריק, איז ער אַרויסגעגאַנגען. און ביי דער שוועל האָט ער נאָך צוגעגעבן:

— „איך װיל בעסער מײן עניסע, אײדער דײן אמונה, יהידהלע, בײַ פרוחן זיך מיט דיר אויף דער טריבונע װאָלט איך נישט געװאָלט.

אָבער איך האָב געהאָרכט זײַנע רייד מיט דער גאַנצער נשמה מײַנער, און װען ער האָט גערעדט װעגן אונדזערע פרויען, האָב איך פון גאַנצן האַרצן גראַכפערט די לערע, פון װעלכער דו װאַקסט אַרויס, װי די ליליען װאַקסן פרילינג־צײַט אַרויס פון דער זאַפטיקער ערד.

און איך האָב מיר דאַן געטראַכט: אָט האָט פּאַפּעאַ אָװעקגעװאָרפן צװײ מענער צוליב נערװנען, אָט האָבן קאַלװיאַ קריספּינילאַ, ניגידיאַ און אַלע איבעריקע פרויען כמעט, װעלכע איך קען, אַ חוץ פּאָמפּאָניע, געשענדט זײער טרײַקייט און זײערע שבועות, און נאָר דו אײנע, און נאָר מײַנע, װעסט נישט אָפּפאַלן, װעסט נישט פאַרפירן, נישט פאַרשװעכן דאָס פײַער אפילו, װען איך זאָל װערן אָפּגעגעבאָרט און פאַרלאָזט פון אַלעם, אויף װעלכן איך האָב געלײגט מײַנע האָפנונגען.

האָב איך דעריבער אין האַרצן גערעדט צו דיר: מיט װאָס זשע, זאָל איך דיר אָפּדאַנקען, אויב נישט מיט אהבה און מיט ליבע? צי האָסטו דאָ געפילט, אַז איך דאָרט אין אַנציום האָב כּסדר גערעדט און געשטעבהט צו דיר, אַזוי װי דו װאָלסט געװען לעבן מיר? איך לעב דאָך טויזנט מאָל מער דערפאַר, װאָס דו ביסט אַנטלאָפן פאַר מיר פון צעזאַרס הויז. אויך איך װיל אים שוין מער נישט. איך װיל נישט זײַנע תענוגים, זײַן געזאַנג, נאָר דיך אײנע. זאָג מיר אײן װאָרט, און מיר װעלן פאַרלאָזן רוים און זיך באַזעצן ערגעץ װײַט.

און זי האָט, נישט אָװעקנעמענדיק איר קאָפּ פון זײַן אַקסל, אויפגעהויבן די אויגן, װי אין מחשבות, צו די באַזילבערטע שפּיצן פון די ציפּריסן און געענטפערט:

— גוט, מאַרקוס. דו האָסט מיר געשריבן װעגן סיציליען, װו אויך די װילוסעס װילן זיך באַזעצן אויף דער עלטער זײַערער — — —

וויניציוש האָט איר מיט שמחה איבערגעריסן:

— יאָ, טייערע מיינע! אונדזער ערד געפינט זיך אין דער נאָנט. דאָס איז אַ וואונדערלעכער ברעג, ווו דאָס קלימאַט איז מילדערער, די נעכט לויטערער, דופטיקער און ליכטיקער, ווי די רוימישע... דאָרט איז לעבן און גליק אייגנס און דאָסזעלבע.

דערנאָך האָט ער גענומען פאַנטאַזירן וועגן עתיד.

— דאָרט קען מען פאַרגעסן אָן די דאגות. אין די וועלדלעך צווישן די אייל־בירטן וועלן מיר שפּאַצירן און רוען אין זייער שאָטן. אָ, ליגיע! ווי גוט איז זיך צו ליבן, טרייסטן, צוזאַמען צו קוקן אויפן ים, צוזאַמען אויפן הימל, צוזאַמען אָכפּערן דעם זיסן גאָט, טון גוטס און גערעכטיקייט אין מנוחה.

זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן, פאַרקוקט אין עתיד, נאָר וואָס ער האָט זי אַלץ פעסטער געדריקט צו זיך, בשעת וואָס דער גאָלדענער ריטערישער רינג אויף זיין האַנט האָט געפינקלט אין שיין פון דער לבנה. אינם דאָזיקן קוואַרטאַל, באַוווינט פון דער אָרימער אַרבעטער באַפעלקערונג, איז שוין אַלץ געשלאָפן און קיין שום שאָרך האָט נישט געשטערט די שטילקייט.

— דו ווערסט מיר באַוויליקן צו זען זיך מיט פאָמפּאָניען? — האָט ליגיע געפרעגט.

— געוויס, טייערע. מיר וועלן זיי פאַרבעטן צו זיך אין הויז, אָדער מיר וועלן צו זיי קומען. צי וואָלסטו געוואָלט, מיר זאָלן מיטנעמען מיט זיך דעם אַפּאָסטאָל פּעטרוס? ער איז שוין צוגעדריקט פון דער עלטער און פון אַרבעט. פּוילוס וועט אונדז אויך באַזוכן און ער וועט איבעראַנדערשן אוילוס פּלויציוסן, און פּונקט ווי די זעלבער פאַרלייגן קאָלאָניעס אין די ווייטע מדינות, אַזוי וועלן מיר פאַרלייגן אַ קריסטלעכע קאָלאָניע.

ליגיע האָט, בעמענדיק וויניציושס האַנט, געוואָלט זי צודריקן צו אירע ליפּן, אָבער ער האָט גענומען רעדן שעפּטשענדיק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט נישט צוצעשטרייען דאָס גליק:

— ניין, ליגיע! ניין! דאָס שעך איך און אַכפּער דיך. גיב דו מיר דיינע הענט.

— איך ליב דיך.

אָבער ער האָט שוין געפּ־עסט זיינע ליפּן צו אירע ווי זשאַסמין הייסע הענט און אַ ווײַלע האָבן זיי נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון זייערע אייגענע הערצער. קיין מינדסט ווינטל האָט נישט געווייעט און די ציפּריסן זענען געשטאַנען אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי זיי וואָלטן אויך פאַרהאַלטן דעם אָטעם אין זייערע ברוסט...

פלוצלינג איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן פון אַ מוראַדיק אומגעריכטן דונער, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס. ליגיע האָט אויפגעשוידערט. און וויניציוש האָט אויפשטייענדיק געזאָגט:

— דאָס ברומען די לייבן אין די וויוואַריעס...

און זיי האָבן ביידע געגומען זיך איינהערן. דערווייל איז נאָך דעם ערשטן דונער געקומען אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ צענ־טער פון אַלע זייטן און פון אַלע געגנטן. אין שטאָט האָבן זיך טיילמאָל געפונען צו עטלעכע טויזנט לייבן ביי די פאַרשידנסטע אַרענעס, און טיילמאָל אין די נעכט האָבן זיי, ציגייענדיק צו די קראַטן און אָנשפּאַרנדיק אָן זיי זייערע ריזיקע קעפּ, אויף אַזאַ אופן געלאָזט הערן זייער בענקשאַפט נאָך פרייקייט און נאָך דער מדבר. אַזוי האָבן זיי אויך איצט געגומען בענקען, און אונטער־האַלטנדיק איינער דעם צווייטן אין דער טיפער נאַכט־שטילקייט, האָבן זיי אָנגעפילט די גאַנצע שטאָט מיט זייער געבריל. און עס איז אין דעם געווען עפּעס אַזוי מוראַדיקעס, און פינסטערס, אַז ליגיע, וואָס דידאָזיקע שטימען האָבן צעשטרייט אירע לויטערע, רויקע זעונגען פון עתיד, האָט זיך צו זיי צוגעהערט מיט אַ פאַר־קלעמט האַרץ פון אומרויקייט און אומעט.

אָבער וויניציוש האָט זי אַרומגענומען מיט זיין אָרעם און האָט געזאָגט:

— שרעק זיך נישט, טייערע. די פאַרשטעלונגען דאַרפן

איניכן פאַרקומען, און אַלע וויוואַריעס זענען דערינער איבער־פולט.

נאָכדעם זענען זיי ביידע אַריין אין ליגוסטעס הויז, באַגלייט פון אַן אַלץ מעכטיקערן דונער פון לייבן געבריל.

XL

אין אַנציום האָט פּעטראָניוס דערווייל כּמעט יעדן טאָג אָפּגעהאַלטן בײַע נצחונות איבער די אויגוסטער, וועלכע האָבן, צוזאַמען מיט אים, זיך געיאָגט נושא חן צו זיין ביים צעזאַר אין די אויגן. טיגעלינוסעס איינפלוס איז כּמעט אינגאַנצן געפאַלן. אין רוים, ווען עס איז אויסגעקומען צו באַזייטיקן מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעזען צו זיין געפערלעך, צו צערויבן זייערע פאַרמעגנס, דערליידיקן פּאָליטישע ענינים, געבן פאַרשטעלונגען, וועלכע האָבן געקענט דערשטוינען מיט זייער פאַרשווענדערישקייט און שלעכטן געשמאַק, און ענדלעך אויף צופרידן צו שטעלן דעם צעזאַרס העסלעכע תּאוות, צו דעם איז טיגעלין, וועלכער איז געווען דורכ-געטריבן אין גרייט אויף אַלעם, געווען אַ נויטיקער מענטש. אָבער אין אַנציום, צווישן די פּאַלאַצן, וועלכע האָבן זיך געשפּיגלט אין דער ים-בלויקייט, האָט דער צעזאַר געלעבט אַ העלעניש לעבן. פון פרימאָרגן ביז אַ נאַכט האָט מען געלייענט לידער, גערעדט וועגן זייער בוי און שלימות. אַנטציקט זיך מיט גליקלעך איינגעגעבענע

פּראָזן, פֿאַרנומען זיך מיט מוזיק, טעאַטער, קורץ מיט אַלעם, וואָס דער גריכישער געניוס האָט דערפֿינדן און פֿאַרשענערט דאָס לעבן

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט פּעטראָניוס, אומפֿאַרגלײַכלעך געבילדעטער פֿון טיגעלינוסן און די איבעריקע אויגוסטער, אַ שאַרפֿזיניקער, מיט אַ געשליפֿענער צונג, פֿול מיט געשמאַק און סובטעלע געפֿילן, געמוזט האָבן פֿאַרצוג. דער צעזאַר האָט געלעכצט נאָך זײַן געזעלשאַפֿט, זיך גערעכנט מיט זײַן מיינונג, זיך מיט אים שואל-עצה געווען, ווען ער האָט אַליין געשאַפֿן, און האָט אים אַרויסגעוויזן מער פֿרײַנטשאַפֿט ווי אַלעמאָל. די אַרומיקע האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז זײַן אײַנפֿלוס האָט שוין ענטגילטיק געזיגט, אַז די פֿרײַנטשאַפֿט צווישן אים און דעם צעזאַר איז שוין אַרײַן אין אַ פֿעסטע תקופֿה און וועט געדויערן יאָרן. אַפֿילו די, וועלכע האָבן אַמאָל אַרויסגעוויזן אַ ווידערווילן דעמדאָזיקן גרויסאַרטיקן עפּיקורער, האָבן אים איצט אַרומגערינגלט און באַמיט זיך צו גע-פֿינען חן אין זײַנע אויגן. נישט איינער פֿון זיי איז אמתדיק צו-פֿרידן געווען אין זיך, וואָס די גרויסטע ראָלע שפּילט אַזאַ מענטש, וואָס קען זיך, וואָס אַן אמת, אויף יעדן און נעמט מיט אַ סקעפּ-טישן שמייכל צו די חניפֿות פֿון די נעכטיקע שונאים, אָבער, וועלכער האָט, צי דורך פֿוילקייט, צי דורך ראַפֿינירטקייט, קיין נקמה נישט גענומען און האָט זײַן מאַכט נישט אויסגענוצט אויף יענעמס אומ-גליק, אָדער שאָדן. עס זענען געווען מאָמענטן, ווען ער האָט גע-קענט אומברענגען אַפֿילו טיגעלינוסן, אָבער ער האָט אים גלײַכער צונאַר געמאַכט און אויפֿגעדעקט פֿאַר אַלע זײַן עם-הארצות און פּראָסטקייט. דער סענאַט אין רוים האָט אָפּגעאָטעמט, דען שוין אַנדערטהאַלבן חדשים איז קיין טויט-משפּט נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן. אי אין אַנציום, אי אין שטאָט האָט מען אַפֿילו דערציילט וווּנדער וועגן דער ראַפֿינירטקייט, צו וועלכן די תאוות פֿון צעזאַר און זײַן פֿאַוואָריט האָבן דערגרייכט, אָבער יעדער האָט גלײַכער געוואָלט האָבן איבער זיך אַ ראַפֿינירטן צעזאַר, איידער אַ חיהש צעווילדעטן בײַ טיגעלינוסן אין די הענט. טיגעלינוס אַליין האָט פֿאַרלוירן דעם קאָפּ און שוין געוואַקלט זיך. צי ער זאָל נישט

אויפגעבן דעם קאמף אלס פארשפילט, וואָרים דער צעזאַר האָט נישט איינמאָל פאַר אַלעמען געזאָגט, אַז אין גאַנץ רוים און פון אַלע אין הויף זענען פאַראַן נאָר צוויי נשמות, וועלכע קענען זיך פאַרשטיין, און נאָר צוויי עכטע העלדן: ער און פעטראָניוס.

די פלאַדיקע געשיקטקייט פונם לעצטן האָט באַפעסטיקט ביי אַלעמען די מיינונג, אַז זיין איינפלוס וועט זיין דער דויערהאַפטסטער פון אַלע אַנדערע. קיינער האָט זיך שוין נישט געקענט פאַרשטעלן, ווי אַזוי דער צעזאַר וועט זיך באַגיין אָן אים, מיט וועמען וואָלט ער געפירט געשפּרעכן וועגן פּאָעזיע, מוזיק, וועט-לויפן און וועמען וואָלט ער געקוקט אין די אויגן אַריין וועלנדיק וויסן, צי דאָס, וואָס ער האָט געשאַפן, איז טאַקע גוט. פעטראָניוס אָבער האָט מיט זיין געוויינטלעכער פלעגמאַטישקייט, ווי נישט צוגעגעבן קיין גרויסן ווערט דער שטעלונג זיינער. ער איז ווי אַלעמאָל געווען נאַכלעסיק, פויל, שאַרפזיניק און סקעפּטיש. ער פלעגט אָפט מאַכן אויף די אַרומיקע אַן איינדרוק פון אַ מענטשן, וועלכער חוזקט אָפּ פון זיך, פון צעזאַר, פון זיי אַלע און פון דער גאַנצער וועלט. טיילמאָל האָט ער גאָר די העזה געהאַט צו זידלען דעם צעזאַר אין די אויגן, און בשעת די אַנדערע זענען זיכער געווען, אַז ער איז שוין צו ווייט אַוועק, אָדער, אַז ער ברענגט אויף זיך אַן אומפאַרמיידלעך אומגליק, האָט ער גאָר אומגעריכט זיינע האַרבע ווערטער צוגעגעבן אַזאַ כאַראַקטער, אַז עס איז גאָר אויסגעקומען אַ חניפה און ממילא אים לטובה. דאַן האָט ער ביי די אַרומיקע דערוועקט אַ באַוווּנדערונג און אַן איבערצייגונג, אַז עס איז גאָר־נישט פאַראַן די לאַגע, פון וועלכער ער זאָל נישט אַרויס מיט נצחון. איינמאָל, בערך אַ וואָך נאָך וויניציוּשס צוריקקומען פון רוים, האָט דער צעזאַר אין אַ קליינעם קרייז פאַרגעלייענט אַ פראַגמענט פון זיין „טראָיקאַ". ווען ער האָט געענדיקט און עס איז שטיל געוואָרן נאָך די צעפלאַקערטע אַפּלאָדיסמענטן און הנאה-אויסרופן, האָט פעטראָניוס, אויף וועמען דער צעזאַר האָט אָנגעשטעלט אַ פרעגנדיקן בליק, געענטפערט:

— נישטיקע פערזן, זיי טויגן אויפן פייער.

ביי אַלע אַרום האָבן די הערצער אויפגעהערט צו קלאַפּן פאַר שרעק, וואָרים נערגן האָט זייט ער לעבט נישט געהערט נאָך פון קיינעם אַזאַ מיינונג, בלויז טיגעלינס פּנים האָט אויפגעלויכטן פון פרייד. דערפאַר איז וויניציוש בלייך געוואָרן, מיינענדיק, אַז פּעטראָניוס, וועלכער איז קיינמאָל נישט שיכור געווען, איז עס דאַסמאָל געוויס יאָ.

און נערגן האָט מיט אַ לאַקריץ־זיס שטימעלע, אין וועלכן עס האָט אָבער געציטערט אַ טיף פאַרוווּנדעטע אייגנליבע, גענומען פרעגן:

— וואָסגעפינסטו דען אין זיי נישט גוט?

פּעטראָניוס איז אָנגעפאַלן אויף אים.

— גלייב זיי נישט — האָט ער געזאָגט, ווייזנדיק מיט דער האַנט אויף די אַרומיקע — זיי קענען זיך אויף גאָרנישט. פרעגסט זיך, וועלכעס איז נישט גוט אין די פערזן? אויב דו ווילסט יאָ וויסן דעם אמת, וועל איך דיר זאָגן: זיי זענען גוט פאַר ווערגיליוסן, זיי זענען גוט פאַר אָווידיוסן זיי זענען אפילו גוט פאַר האָמערן, אָבער נישט פאַר דיר. דו טאָרסט נישט שרייבן אַזעלכע פערזן. די שׂרפה, וועלכע דו באַשרייבסט, פלאַקערט נישט גענוג, דיין פייער ברענט נישט גענוג. הער נישט די חניפות פון לוקאַנען. אים וואָלט איך פאַר דיזעלבע פערזן צוגערעכנט פאַר אַ גאָניוס, אָבער נישט דיך. און ווייסטו פאַרוואָס? ווייל דו ביסט גרעסער פאַר זיי. ווען די געטער האָבן אַזוי פיל געשאָנקען, ווי דיר, פון דעם קען מען מער פאָדערן. אָבער דו פוילסט זיך. דיר גלוסט זיך בעסער שלאָפן נאָכן פראַנדיום, איידער צוצוזיצן די פאַלדן דיינע. דו קענסט שאַפן אַ ווערק, וואָס די וועלט האָט נאָך פון אַזעלכעס נישט געהערט, און דעריבער זאָג איך דיר אָפן: שרייב אַן בעסערע!

ער האָט דאָס גערעדט אַזוי פלעגמאַטיש, ווי ער וואָלט אָפּגעשפּעט און גלייכצייטיק קריטיקירט, אָבער דעם צעזאַרס אויגן זענען פאַרלאָפן מיט אַ נעפּל פון נחת און ער האָט געזאָגט:

— די געטער האָבן מיר געגעבן עטוואָס טאַלאַנט, אָבער זיי האָבן מיר אַ חוץ דעם געגעבן נאָך עפּעס מער: אַן אמתן מבין

און אַ פּרײַנט, װעלכער נאָר ער אײנער קען זאָגן דעם אמת אין די אױגן.

און דאָס זאָגנדיק, האָט ער אױסגעשטרעקט זײַן פעטע האַנט, אַ באַװאַקסענע מיט געלע האָר, צום גאָלדענעם קאַנדעלאַבער, װעלכער איז צוגערוקט געװאָרן פון דעלפיאַ, און געװאָלט פאַרברענען די פּאָרזן.

אָבער פּעטראָניוס האָט זי אים אַרױסגעכאַפּט פון דער האַנט, אײדער דאָס פײַער האָט באַװיזן אָנצינדן דעם פּאַפּירוס.

— נײן, נײן! — האָט ער געזאָגט — אפילו אַזעלכע נישט געלונגענע געזהערן אױך צו דער מענטשהײט. לאָז זײ מיר איבער.

— אױב אַזױ, דערלױב זשע מיר אָפּצושיקן זײ דיר אין אַ פּושקע לױט מײַן געשמאַק — האָט נעראָן, אַרומנעמענדיק אים, געזאָגט.

און אין אַ װײַלע אַרום האָט ער גענומען רעדן:

— ס'איז ריכטיק, ביסט גערעכט. מײַן שרפה פון טראָיאַ ברענט נישט גענוג, מײַן פײַער ברענט נישט גענוג. כ'האָב פונדעסטװעגן געמײנט, אַז אױב כ'װעל זיך נאָר אױסגלײַכן מיט האָמערן, װעט עס גענוג זײַן. אַ געװיסע נישט־דרײסטקײט און אַ ביסל עניוות האָבן מיר שטענדיק געשטערט. דו אָבער האָסט מיר געעפנט די אױגן. אָבער װײסטו, פאַרװאָס עס איז אַזױ אַרױסגעקומען בײַ מיר, װי דו זאָגסט? דערפאַר, װײַל װען אַ סקולפּטור װיל שאַפן אַ געשטאַלט פון אַ גאָט, זוכט ער ער זיך אַ מאָדעל, איך אָבער האָב קײן מאָדעל נישט געהאַט. איך האָב נאָך קײנמאָל קײן ברענענדיקע שטאָט נישט געזען און דערפאַר פעלט אין מײַן שילדערונג די נאַטירלעכקײט.

— איך קען דיר נאָר זאָגן, אַז אום דאָס צו פאַרשטײן דאַרף מען זײַן אַ גרױסער קינסטלער.

נעראָן האָט זיך אַ װײַלע פאַרטראַכט, און דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— ענטפער מיר, פּעטראָניוס, אױף אײן פראַגע: צי באַדױערסטו, װאָס טראָיאַ איז פאַרברענט געװאָרן?

— צי איך באַדויער? ... ביי וועגעראַס הינקענדיקן מאַן! גאָר קנאַפּ! און כ׳וועל דיר זאָגן פאַרוואָס. ווען פּראָמעטעוס וואָלט די מענטשן ניט אַראָפּגעבראַכט דאָס פייער, און די גריכן וואָלטן ניט דערקלערט קריג פּריאַמען, וואָלט טראָיאַ ניט פאַרברענט געוואָרן, ווען ס׳וואָלט אָבער קיין פייער ניט געווען, וואָלט דאָך עסכילאָס ניט אָנגעשריבן זיין פּראָמעטעוס, אַזוי ווי אָן דער מלחמה וואָלט האָמער ניט אָנגעשריבן זיין איליאַדע. מיר איז אָבער ליבער איליאַדע און פּראָמעטעוס, איידער דער קיום פון אַ קליין, שמוציק שטעטל, אין וועלכן עס וואָלט איצט, לכל הפּחות, געזעסן אַ ליבער פּראָקוראַטאָר, וועלכער וואָלט דאָך גענודזשעט מיט קאָנפליקטן צווישן אים מיט דעם אָרטיקן אַרעאָפּאַג.

— אָט דאָס הייסט קלוג גערעדט! — האָט דער צעזאַר געענטפערט. — פאַר דער פּאָעזיע און פאַר דער קונסט מעג מען און מען דאַרף אַלץ מקריב זיין. גליקלעכע אַכאַיער, וועלכע האָבן האָמערן געגעבן אינהאַלט פאַר זיין איליאַדע און גליקלעכער פּריאַם, וועלכער האָט צוגעזען דעם אונטערגאַנג פון זיין פאָטערלאַנד! און איך?! איך האָב נאָך ניט געזען קיין ברענענדיקע שטאָט.

עס איז שטיל געוואָרן, ביז טיגעלין האָט ענדלעך זיך אָנגערופן:

— כ׳האָב דאָך דיר, צעזאַר, שוין געזאָגט — באַפעל און איך וועל אונטערצינדן אַנציום. אָדער ווייסטו גאָר וואָס? אויב עס זענען דיר אַ שאָד די דאָזיקע ווילעס און פּאַלאַצן, וועל איך הייסן אונטערצינדן די שיפן אין אָסטיע, אָדער איך וועל לאָזן אויפבויען פאַר דיינעטוועגן אַ הילצערנע שטאָט, אין וועלכער דו וועסט דער ערשטער אַריינוואַרפן פייער. ווילסטו?

אָבער נעראָן האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט פאַראַכטונג.

— איך זאָל קוקן אויף ברענענדיקע הילצערנע ביידלעך? דיין מוח איז שוין אינגאַנצן אויסגעטריקנט, טיגעלין! און אַ חוץ דעם זע איך איין, אַז דו שעצסט ניט איבעריק מיין טאַלאַנט און מיין טראַגיקאַ, אויב דו רעכנסט, אַז אַן אַנדער קרבן וואָלט שוין פאַר אים צו גרויס געווען.

טיגעלין איז גבוילבל געוואָרן און בעראָן האָט אין אַ ווײַלע אַרום, ווי ער וואָלט געוואָלט בייטן דאָס געשפּרעך, צוגעגעבן:

— דער זומער קומט... אָ, ווי רוים מוז איצט שטינקען...

און דאָך וועלן מיר אויף די זומער-פּאַרווײַלונגען זיך מוזן דאָרט אַהין אומקערן.

דערווײַל האָט טיגעלין זיך אָנגערופן:

— צעזאַר, ווען די אויגוסטער וועלן אַוועק, בעט איך דיך מיר דערלויבן צו בלײַבן מיט דיר אַ ווײַלע...

אין אַשעה אַרום האָט ויניציוש, אַוועקגייענדיק מיט פּעטראָניוסן פון צעזאַרס ווילע, געזאָגט:

— כ'האָב צוליב דיר געהאַט אַ רגע שרעק. כ'האָב געמיינט, אַז דו האָסט שיכורערהייט באַשלאָסן זיך אומגליקלעך צו מאַכן. געדענק, אַז דו שפּילסט זיך מיטן טויט.

— דאָס איז מײַן אַרענע — האָט פּעטראָניוס פלעגמאַטיש געענטפערט — און מיך ווילט דאָס געפיל, אַז איך בין דאָ דער בעסטער גלאַדיאַטאָר. זע זשע, ג'יט וואָס דאָס האָט זיך געענדיקט, מײַן אײַנפלוס איז נאָך דערבײַעלבן אַוועט געשטיגן, ער וועט מיר, צושיקן זײַנע פערזן אין אַ פּושקע, וועלכע וועט זײַן געוואַלטיק רײַך און געוואַלטיק געשמאַקלאָז. כ'וועל הייסן מײַן רופא האַלטן אין איר די צירות-מיטלען, איך האָב דאָס געטון דערפאַר אויך, ווײַל טיגעלינוס, זענענדיק, אַז אַזעלכע זאַכן גיבן זיך איין, וועט געוויס וועלן מיר נאָכטון און כ'שטעל זיך פאָר, וואָס עס וועט אַרויסקומען, ווען ער וועט אַרויס מיט זײַן קאָנצעפּציע. דאָס יועט זײַן ווי אַ פירענט:שער בער וואָלט געוואָלט גיין אויף אַ שטריק, כ'וועל דאָן לאַכן, ווי דעמאָקריט. זעסטו, ווען כ'וואָלט דורכויס געוואָלט, וואָלט איך געקענט טיגעלינען אומברענגען און ווערן אויף זײַן אָרט פּרעפעקט כון די פּרעטאָריאַנער. דאָן וואָלט איך געהאַט אין מײַנע הענט דעם אַהענאָבאַרבאַ גופא אויך. אָבער עס גלוסט זיך מיר נישט. איך וויל שוין גלײַכער אַזאַ לעבן, ווי איצט, און אפילו דעם צעזאַרס פּאָעזיע אויך.

— וואָס פאַר אַ געשיקטקייט, וועלכע קען פון זידלערײַ-

אפילו מאַכן אַ חניפה! אָבער צי זענען די פּערזן באמת אַזוי שלעכט? איך קען זיך נישט דערויף.

— זיי זײַנען נישט ערגער פון אַנדערע. לוקאַן האָט אין איין פינגער זיינעם מער טאַלאַנט. דאָך איז אַפילו אין געלבערדיקן אויך עפּעס דאָ. קודם כל איז אין אים פאַרהאַן אַ געוואַלטיקע ליבשאַפט צו קונסט און מוזיק. אין צוויי טעג אַרום דאַרפן מיר צו אים קומען אויסהערן מוזיק צום הימן לכבוד אַפראָדיטאַ, וועלכעס ער דאַרף היינט אָדער מאָרגן פאַרענדיקן. מיר וועלן זיין אין אַ קליינעם קרייז. בלויז איך, דו, טוליוס סענעציאָ און דער יונגער נערוואַ. און מכּח די פּערזן איז דאָס, וואָס כ'האָב דיר געזאָגט, אַז איך באַנוץ זיי נאָכן עסן, אַזוי ווי וויטעליוס באַנוצט פלאַמינגאָ־פעדערן, איז נישט ריכטיק!... זיי זענען טיילמאָל זייער געלונגען. העקובאַס ווערטער למשל זענען זייער רירנד. זי קלאָגט אויף די חבלי־לידה און נעראָן האָט געפונען דערצו געלונגענע ווערטער. אפשר נאָר מחמת דעם, וואָס ער אַליין האָט שרעקלעכע ווייען ביי יעדן פערז... טיילמאָל איז מיר אויף אים אַ רחמנות. ביי פּאָלוקסן! וואָס פאַר אַ פּאַדיקע צונויפמישונג ער איז! קאַלעגולאַן האָט געפעלט אַ שטיקל מוח, אָבער אַזאַ משונהדיקע בריאה ווי נעראָן איז ער נישט געווען.

— ווער קען פאַרויסזען ביז וווּהין אַהענאָבאַרבאָס משוגעתן קענען דערגיין? — האָט וויניציוש געזאָגט.

— קיינער נישט. עס קענען נאָך געשען אַזעלכע זאַכן, אַז אין פיל דורות אַרום וועלן זיך ביי מענטשן די האָר אויפן קאָפּ קאַפּוירשטעלן דערמאָנענדיק זיך וועגן זיי. אָבער דאָס טאַקע איז זייער אינטערעסאַנט. ס'איז שפּאַנענד. און כאָטש איך לאַנגווייליק זיך טיילמאָל, ווי יופּיטער אַמאָנער אין דער מדבר, כּונדעסטוועגן טראַכט איך מיר, אַז ביי אַן אַנדערן צעזאַר וואָלט איך זיך אפשר נאָך מער געלאַנגווייליקט. דיין ייִד פּוילוס האָט אַ געשליפענע צונג, דאָס בין איך אים מודה, און אויב נאָך אַזעלכע מענטשן ווי ער וועלן פּריידיקן דיזאָזיקע תורה, דאַן וועלן אונדזערע געטער, נישט אויף קיין שפּאַס, זיך מוזן היטן, מ'זאָל זיי נישט פאַרוואַרפן אויפן בוידעם. דאָס איז אמת, אַז ווען דער צעזאַר למשל וואָלט געווען אַ

קריסט, וואָלטן מיר זיך אַלע געפילט זיכערער. אָבער דיין נביא פון תרשיש, האָט אַנווענדנדיק זיינע אַרגומענטן בנוגע מיר, נישט קיין טראַכט געטון, אַז פאַר מיר איז טאַקע דידאָזיקע נישט־זיכער־קייט דער גאַנצער רייץ פון לעבן. דער, וואָס שפילט נישט אין ביינער, דער פאַרשפילט נישט זיין פאַרמעגן, און דאָך שפּילן מענטשן אין ביינער. עס איז אין דעם פאַרהאַן אַ מין גניוס און אַ מין פאַרגעסן זיך. כ'האָב געקענט זין פון ריטער און סענאַטאָרן, וועלכע זענען פרייוויליק געוואָרן גלאַדיאַטאָרן. איך, זאָגסטו, שפּיל מיטן לעבן, ס'איז ריכטיק, אָבער איך טו דאָס, ווייל ס'ווילט מיך, אייערע קריסטלעכע מדות אָבער וואָלטן מיר לאַנגווייליק געוואָר באַלד דעם ערשטן טאָג, ווי סענעקאַס טראַקטאַטן. דעריבער זענען פּױלוסעס רייד אַרויסגעוואָרפענע. ער דאַרף פאַרשטיין, אַז אַזעלכע מענטשן, ווי איך, וועלן קיינמאָל נישט אָננעמען דעמדאָזיקן גלויבן. דו ביסט עפּעס אַנדערש! מיט דיין טעמפּעראַמענט האָסטו געקענט, אָדער פיינט באַקומען דעם נאָמען קריסט, ווי אַ מגפה, אָדער אַליין ווערן עס. איך גיב זיי רעכט, גענעצנדיק. מיר הוליען, מיר דערנענטערן זיך צום אָפּגרונט, עפּעס אומבאַקאַנטעס קומט אונדז אַנטקעגן פון עתיד, עפּעס ברעכט זיך אונטער אונדז, עפּעס גייט אונטער לעבן אונדז, מ[illegible]ם! אָבער שטאַרבן וועלן מיר קענען און דערווייל ווילט זיך אונדז שווער מאַכן דאָס לעבן און דינען דעם טויט פריער, איידער ער וועט אונדז נעמען. דאָס לעבן עקזיסטירט צוליב זיך זעלבסט, נישט צוליב גאָרנישט.

— און איך באַדויער דיך, פּעטראָניוס.

— באַדויער מיך נישט מער, ווי איך באַדויער זיך זעלבסט. אַמאָל איז דיר גאָרנישט שלעכט געווען ביי אונדז און, שלאָגנדיק זיך אין אַרמעניען, האָסטו געבענקט נאָך רוים.

— אויך איצט בענק איך נאָך רוים.

— יאָ, ווייל דו האָסט ליב באַקומען אַ קריסטלעכע וועס־אַלקע, וועלכע וווינט אויף יענער זייט טיבער. איך וווּנדער זיך גאָרנישט דערויף און כ'וועל דיר דערפאַר קיין שלעכט וואָרט נישט זאָגן. כ'וווּנדער זיך מער דערויף, וואָס נישט קוקנדיק אויף דער תורה, וועלכע איז, לויט דיינע רייד, פול ווי דער ים מיט

גליק, און נישט קוקנדיק אויף דיין ליבע, וועלכע דארף שוין געקרויגט ווערן, גייט דער אומעט דאָך נישט אראָפּ פון דיין פּנים. פּאַמפּאַניע גרעציניע איז תּמיד טרויעריק, און אויך דו האָסט אויפגעהערט צו לאַכן, זייט דו ביסט געוואָרן אַ קריסט. רעד זשע מיר נישט איין, אַז דאָס איז אַ פרייד־געבנדיקע תּורה! פון רוים ביסטו צוריקגעקומען נאָך אומעטיקער. אויב זשע איר ליבט אייך אַזוי אויפן קריסטלעכן שטייגער, ביי באַקכאָס העלפט לאַכן! וועל איך נישט גיין נאָך אייער ביישפּיל.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש — האָט וויניציוש געענט־פערט — איך שווער דיר נישט ביי באַקכאָס לאַכן, נאָר ביי דער נשמה פון מיין פאָטער, אַז איך האָב פריִער קיינמאָל נישט געאָגט אפילו פון אַזאַ גליק, מיט וועלכן איך אָטעם איצט. נאָר איך בענק אומגעהייער און, וואָס נאָך וווּנדערלעכער, ווען איך געפין זיך וויט פון ליגיען, דאַכט זיך מיר, אַז עפּעס אַ סכּנה הענגט אי־בער איר, כ׳ווייס נישט וואָס און פונוואַנען זי קען קומען, אָבער איך פיל דאָס פאַר, ווי מען פילט פאַר אַ שטורעם.

— צייט צוויי טעג נעם איך זיך אונטער אויסצופירעלן פאַר דיר אַ דערלויבניש צו פאַרלאָזן אַנציום אויף אַזוי לאַנג, ווי דיר וועט זיך גלוסטן. פּאָפּעאַ איז עפּעס רויִקער געוואָרן און אויף וויפיל איך ווייס, דראָט דיך און ליגיען גאָרנישט פון איר זייט.

— היינט ערשט האָט זי מיך געפרעגט, וואָס איך האָב גע־טון אין רוים, כאָטש איך בין אַוועקגעפאָרן בסוד.

— ס׳איז מעגלעך, אַז זי האָט געהייסן דיר נאָכשפּירן. איצט מוז זי זיך שוין אָבער אויך מיט מיר רעכענען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט וויניציוש געזאָגט:

— פּוילוס זאָגט, אַז גאָט וואָרנט טייל מאָל פאָרויס, אָבער אין קיין טרעפעריי הייסט ער נישט גלייבן, איך וועל זיך אַלזאָ קעגן דעם אָבערגלויבן און קען נישט פּטור ווערן דערפון. כ׳וועל דיר דערציילן, וואָס עס איז געווען, כּדי אַראָפּצוּוואַרפן אַ שטיין פון האַרצן. איך מיט ליגיען זענען מיר געזעסן צוזאַמען אין אַזאַ

קלאָר־לויטערע נאַכט, ווי די היינטיקע, און מיר האָבן געמאַכט פּלענער וועגן אונדזער צוקונפטיק לעבן. כ'קען דיר נישט איבערגעבן, ווי גליקלעך און רויק מיר זענען געווען. און פּלוצלינג האָבן די ליבן אָנגעהויבן ברומען. דאָס איז דאָך אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך אין רוים און פונדעסטוועגן האָב איך, פון דער מינוט אָן, נישט קיין רו. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז אין דעם געווען עפּעס, ווי אַ דראָונג, ווי אַן אָנזאָג אויף אַן אומגליק... דו ווייסט, אַז איך ווער נישט אַזוי לייכט איבערגעשראָקן, אָבער דאַמאָלס איז עפּעס אַזוי געווען, אַז דער חושך פון דער נאַכט איז פול געוואָרן מיט שרעק. עס איז אַזוי ווונדערלעך און אומגעריכט געקומען, אַז איך הער, נאָך ביז איצט יעדע הילכן אין די אויערן און כ'האָב אַ כסדרדיקע, אומרויקייט אין האַרצן, אַזוי ווי ליגיע וואָלט באַדאַרפט מיין שוץ קעגן עפּעס שרעקלעכס... כאָטש שוין קעגן דידאָזיקע ליבן טאַקע און איך מאַטער זיך דעריבער זייער. באַקום זשע פאַר מיר אַ דערלויבעניש אַוועקצופאָרן, וואָרים אויב נישט, וועל איך פאָרן אָן אַ דערלויבעניש. כ'קען דאָ נישט בלייבן, כ'זאָג דיר נאָכאַמאָל, כ'קען נישט.

פּעטראָניוס האָט זיך צעלאַכט.

— אַזוי ווייט האַלט עס נאָך נישט — האָט ער געזאָגט — אַז די זין פון קאָנסול־לייט, אָדער זייערע פרויען זאָלן געוואָרפן ווערן פאַר די ליבן אויף דער אַרענע. די פאַרשידנסטע טויטן קענען אייך טרעפן, נאָר נישט אַזעלכער. איבעריקנס, ווער ווייסט, צי דאָס זענען געווען ליבן, וואָרים די גערמאַנישע טורן ברומען נישט ערגער פון זיי. וואָס שייך מיר, לאַך איך פון נביאות און סמנים. נעכטן איז געווען אַ וואַרעמע נאַכט און כ'האָב געזען שטערן פאַלן ווי אַ רעגן. נישט איינעם ווערט אומהיימלעך דאָס צו זען, אָבער איך האָב מיר געטראַכט: אויב עס איז צווישן זיי דאָ אויך מיי־שטערן, וועט דאָך מיר אַלעפאַלס קיין געזעלשאַפט נישט פעלן!...

ער איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן און אַ טראַכט טוענדיק האָט ער געזאָגט:

— איבעריקנס, זעסטו, אויב אייער קריסטוס איז אויפגע־שטאנען תחיית־המתים, קען ער אויך אייך ביידן רעטן פון טויט.

— מעגלעך — האט וויניציוש געענטפערט, קוקנדיק אויף דעם געדיכט אויסגעשטערנטן הימל.

XLI.

נערָאן האָט געשפּילט און געזונגען אַ הימן לכבוד דער „געטין פון ציפּר“, צו וועלכן ער האָט אַליין פאַרפאַסט פערזן און מוזיק. ער איז דעם טאָג געווען ביי דער שטימע און ער האָט געשפּילט, אַז זיין מוזיק רייסט באמת מיט די בייזייענדיקע, און דאָס געפיל אין אים האָט צוגעגעבן שטאַרקייט די טענער, וועלכע ער האָט פון זיך אַרויסבאַקומען, און עס האָט אַזוי צעוויגט זיין אייגענע נשמה, אַז ער האָט אויסגעזען צו זיין באַגייסטערט. צום סוף איז ער אַליין בלייך געוואָרן פון אויפריכטיקער גערירטקייט. און געוויס, צום ערשטן מאָל אין לעבן, האָט ער נישט געוואָלט הערן די שבחים פון די אַרומיקע. אַ ווײַלע איז ער אַזוי געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אָן דער ציטרע מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, דערנאָך איז ער פּלוצלינג אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— כ'בין מיד, און כ'מוז האָבן לופט. שטעלט דערוויל אָן די ציטרן.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אַרומגעוויקלט זיך דעם האַלדז מיט אַ זיידן טיכל.

— איר קומט מיט מיר — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו פּעטראָניוסן און וויניציוסן, וועלכע זענען געזעסן אין אַ ווינקל פֿון זאַל. — דו, וויניציוס, גיב מיר דײַן האַנט, מחמת איך בין שוואַך, און פּעטראָניוס וועט מיר דערציילן וועגן מוזיק.

דערנאָך זענען זיי צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע פֿון פּאַלאַץ, וועלכער איז געווען געפּלאַסטערט מיט אַלבאַסטער און אויסגעשטעלט מיט זאַפֿראַן.

— דאָ אָטעמט זיך פֿרײַער — האָט נעראָן געזאָגט. — די נשמה אין מיר איז דורכגעווייטיקט און פֿאַראומערט. כאָטש כ'זע דאָך, אַז מיט דעם, וואָס כ'האָב איצט אַלס פּרוּוו געזונגען, קען איך אַרויסטרעטן עפֿנטלעך, און אַז דאָס וועט זײַן אַ טריומף, וואָס קיין שום רוימער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען.

— קענסט אויפֿטרעטן דאָ אין רוים און אין אַכאַיִע. כ'האָב דיך באַוווּנדערט מיטן האַרץ און מיטן קאָפּ, געטלעכער! — האָט פּעטראָניוס געענטפֿערט.

— כ'ווייס, ביסט צו פֿויל אום זיך צו נויטן צו זאָגן שבחים און ביסט אויפֿריכטיק, ווי טוליוס סענעציאָ, נאָר דו בּכנט אַ בעסערער כבין פֿון אים. זאָג מיר, וואָס דענקסטו וועגן מוזיק?

— ווען כ'הער פּאָעזיע, ווען כ'קוק אויף אַ קוואַדריגע, מיט וועלכער דו טרײַבסט אָן אין צירק, אויף אַ שיינער סטאַטוע, שיינעם טעמפּל, אָדער אַ בילד, פֿיל איך, אַז איך נעם אַרום דאָס וואָס כ'זע אין דער גאַנצער גרייס, און אַז מײַן אַנטציקונג נעמט אין זיך אַרײַן אַלץ, וואָס די זאַך קען געבן. אָבער ווען כ'הער מוזיק, איבערהויפּט דײַנע, עפֿענען זיך פֿאַר מיר אַלץ נײַע שיינהייטן און פֿאַרגעניגנס. איך יאָג זיי נאָך, איך כאַפּ זיי, אָבער אײדער איך באַווײַז זיי אײַנצוזאַפּן אין זיך, שווימען אָן אַלץ נײַע און נײַע, פּונקט ווי די כוואַליעס פֿון ים, וועלכע קומען פֿון דער אומענדלעכקייט. כ'וועל דיר אַלזאָ זאָגן, אַז מוזיק איז ווי דער ים. מיר שטייען בײַ איין ברעג און מיר זען די ווײַטקייט, אָבער דעם צווייטן ברעג צו דערזען איז אוממעגלעך.

— אָך, וואָס פאַר אַ טיפער מבין דו ביסט — האָט בעראַן געזאָגט.

און אַ ווײַלע האָבן זיי שווײַגנדיק שפּאַצירט, נאָר וואָס דער זאַפּראַן האָט שטיל געשאָרכט אונטער זייערע טריט.

— דו האָסט אַרויסגעזאָגט מײַן געדאַנק — האָט בעראַן ענדלעך זיך אָנגערופן — און דעריבער זאָג איך תמיד, אַז אין גאַנץ רוים קענסטו נאָר אײנער מיך פאַרשטײן — געוויס. איך דענק אויך אַזוי וועגן מוזיק. ווען איך זינג און שפּיל, אַנטפּלעקן זיך פאַר מיר אַזעלכע זאַכן, וואָס כ'האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז זיי עקזיסטירן אין מײַן מלוכה, אָדער אויף דער וועלט. איך בין צעזאָר, און די גאַנצע וועלט געהערט מיר, איך קען אַלץ, און דאָך אַנטפּלעקט די מוזיק פאַר מיר נײַע קעניגרײַכן, נײַע בערג און ימים און נײַע פאַרגעניגנס, וועלכע איך האָב ביז איצט נישט געקענט. ס'רוב האָב איך פאַר זיי קײן נאָמען נישט און איך קען זיי מיטן געדאַנק נישט משיג זײַן, — איך פיל זיי נאָר. איך פיל די געטער, כ'זע דעם אָלימפּ. עפּעס איבערערדישע ווינטן בלאָזן אויף מיר, כ'דערזע, ווי אין נעפּל, עפּעס אומגעהײַערע גרויסקײטן. אַזעלכע רויִקע און העלע, ווי דער זון־אויפגאַנג... דער גאַנצער ספעראָס שפּילט אַרום מיר, און כ'וועל דיר זאָגן, (דאָ האָט נעראָנס שטים אַ ציטער געטון מיט ווירקלעכער באַוווּנדערונג.) אַז איך, צעזאַר און גאָט, פיל זיך דאַן קלײן, ווי שטויב. וועסט גלייבן?

— יאָ, בלויז גרויסע קינסטלער קענען זיך פילן קלײן לגבי דער קונסט.

— הײַנט איז אַ נאַכט פון אויפריכטיקייט, כ'עפן אַלזאָ פאַר דיר די נשמה, ווי פאַר אַ פרײַנט, און כ'וועל דיר נאָך מער זאָגן... צי רעכנסטו, אַז איך בין בלינד, אָדער אָן שכל? צי מײנסטו, אַז איך ווײס נישט, דאָס אין רוים שרײַבט מען אויף די מויערן רכילות אויף מיר, אַז מען רופט מיך מוטער־מערדער און פרויען־מערדער... אַז מ'האַלט מיך פאַר אַ חיה און פאַר אַן טאַכזור דערפאַר, וואָס טיגעלין האָט געפּועלט בײַ מיר עטלעכע טויט־אורטײלן אויף שונאים מײַנע... יאָ, טײַערער, מ'האַלט מיך פאַר אַ חיה, און איך ווײס וועגן דעם... מ'האָט מיך אַזוי ווײַט

איינגעריידט אכזריות, דאָס טייל מאָל פרעג איך זיך אַליין: צי בין איך טאַקע נישט קיין אכזר?... אָבער זיי פאַרשטייען נישט, אַז די מעשים פון מענטשן קענען אַמאָל זיין אכזריותדיק און דער מענטש אַליין זאָל נישט זיין קיין אכזר. אָך, קיינער וועט נישט גלייבן, און אפשר אויך דו, טייערער, וועסט נישט גלייבן, אַז מאָמענטנווייז, ווען די מוזיק פאַרוויגט מיין נשמה, פיל איך זיך אַזאַ גוטער, ווי אַ קינד אין וויג. כ'שווער דיר ביי די שטערן, וועלכע לייכטן איבער אונדז, אַז כ'זאָג דיר דעם גאַנצן אמת: מענטשן ווייסן נישט, וויפיל גוטסקייט עס געפינט זיך אין דעם האַרץ און וויפיל אוצרות איך אַליין זע דערין, ווען די מוזיק עפנט מיר די טירן צו זיי.

פּאַטראַניוס, וועלכער האָט קיין ש״ם ספק נישט געהאַט, אַז נעראָן ריידט אין דער מינוט גאַנץ אויפריכטיק, און אַז די מוזיק קען באמת אַרויסבאַקומען אויף דער פריי פאַרשיידענע בעסערע נייגונגען פון זיין נשמה, וועלכע ווערן פאַרלייגט מיט גאַנצע בערגער עגאָיזם, פאַרדאָרבנקייט און פאַרברעכנס, האָט געזאָגט:

— דיך דאַרף מען קענען אַזוי נאָענט, ווי איך. רוים האָט דיך קיינמאָל נישט געוווּסט ווי אָפּצושאַצן.

און דער צעזאַר האָט זיך פעסטער אָנגעהאַלטן אָן וויניציושעס אָרעם, ווי ער וואָלט זיך געבויגן אונטער דער לאַגע פון אומגערעכטיקייט און האָט געענטפערט:

— טיגעלין האָט מיר געזאָגט, דאָס אין סענאַט סודעט מען זיך, אַז דיאָדאָר און טערפּנאָס שפּילן בעסער פאַר מיר אויף ציטרעס. אפילו דאָס נעמען זיי מיר צו! אָבער דו, וועלכער זאָגסט תמיד דעם אמת, זאָג מיר אָפנהאַרציק: צי שפּילן זיי טאַקע בעסער פון מיר, אָדער אפילו אַזוי גוט, ווי איך?

— ס'הייבט זיך נישט אָן. דו האָסט אַ מילדערע און גלייכצייטיק אַ קרעפטיקערע באַרירונג. אין דיר איז צו פילן אַ קינסטלער און אין זיי — געניטע בעלי־מלאכות. יאָ! הערנדיק פריער זייער שפּילן, פאַרשטייט מען ערשט בעסער, ווער דו ביסט.

— אויב אַזוי, טאָ זאָלן זיי בלייבן לעבן. זיי וועט קיינמאָל נישט איינפאַלן, וואָס פאַר אַ טובה דו האָסט זיי איצט אין דער

מינוט געטון. איבעריקנס, ווען איך וואָלט זיי אומגעבראַכט, וואָלט איך דאָך געמוזט נעמען אַנדערע אויף זייער אָרט.

— און מענטשן וואָלטן נאָך געזאָגט, אַז אויס ליבע צו דער מוזיק, ראַטסטו אויס די מוזיק פון דיין לאַנד. ראָט קיינמאָל נישט אויס קונסט צוליב קונסט, געטלעכער.

— ווי אַנדערש דו ביסט פון טיגעלינען! — האָט נעראָן געענטפערט. — נאָר, זעסטו, איך בין טאַקע אין אַלעם אַ קינסטלער; און וויל די מוזיק עפנט פאַר מיר שטחים, וועגן וועלכע כ'האָב אפילו נישט געאַנט, לענדער, וועלכע איך באַזיץ נישט, פאַרגעניגן און גליק, וועגן וועלכן כ'האָב קיין פאָרשטעלונג נישט געהאַט, דעריבער קען איך נישט לעבן מיט קיין געוויינטלעך לעבן. די קונסט זאָגט מיר, אַז עס עקזיסטירט אויסערגעוויינטלעכס. דעריבער זוך איך עס מיטן גאַנצן אימפעט פון דער מאַכט, וועלכע די געטער האָבן איבערגעגעבן אין מיינע הענט. טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אום כדי אַריינצובאַקומען זיך אין די אָלימפּישע וועלטן, מוז מען טון עפּעס אַזוינס, וואָס קיין שום מענטש האָט נאָך ביז איצט נישט געטון, מוז מען איבערשטייגן די מענטשן אין גוטס אָדער אין שלעכטס. כ'ווייס אויך, אַז מענטשן האַלטן דאָס איך ווילדעווע, אָבער איך ווילדעווע גאָרנישט, נאָר איך זוך! און אויב איך ווילדעווע, איז עס פון לאַנגווייל און פון אומגעדולד, וואָס איך קען נישט געפינען. איך זוך! פאַרשטייסטו מיך? און דעריבער וויל איך זיין גרעסער פון אַ מענטש, ווייל נאָר אַזוי אַרום קען איך זיין דער גרעסטער אַלס קינסטלער.

דאָ האָט ער גענומען רעדן שטילער, אַזוי, אַז וויניציוש זאָל אים נישט קענען הערן, און צולייגנדיק זיין מויל צו פּעטראָניוסעס אויער, האָט ער גענומען פליסטערן:

— ווייסטו, אַז הויפּטזעכלעך צוליב דעם האָב איך פאַרמשפּט צום טויט מיין מוטער און מיין פרוי? ביי די טויערן פון דער אומבאַקאַנטער וועלט האָב איך געוואָלט ברענגען דעם גרעסטן קרבן, וואָס אַ מענטש קען נאָר מקריב זיין, איך האָב געמיינט, אַז עס וועט נאָכדעם עפּעס געשען און אַז עפּעס אַ טיר וועט זיך עפענען, הינטער וועלכער כ'וועל דערזען עפּעס אומבאַקאַנטס, זאָל

פֿס זיין שענער, אָדער שרעקלעכער פֿון יעדער מענטשלעכער השגה, אָבער אויסערגעוויינטלעך און גרויס זאָל עס זיין... דער קרבן מיינער איז אָבער נישט גענוג געווען. אום צו עפענען די עמפּירישע טיר איז, ווייזט אויס, נייטיק אַ גרעסערער קרבן — און זאָל געשען, ווי דאָס מזל וויל.

— וואָס האָסטו דען בדעה צו טון?

— ווערסט זען, וועסט עס זען, פיל שנעלער, ווי דו מיינסט. דערווייל זיי וויסן, אַז עס איז פֿאַרהאַן צוויי נעראַנען: איינער אַזעלכער, ווי מענטשן קענען אים, און דער צווייטער אַ קינסטלער, וועלכן נאָר דו איינער קענסט, און וועלכער, אויב ער ראָט אויס ווי דער פּויט, אָדער ווילדעוועט ווי באַקכוס, איז עס נאָר דערפֿאַר, ווייל עס שטיקט אים די פּלאַכקייט און נישטיקייט פֿון געוויינטלעכן לעבן. און ער וואָלט עס געוואָלט אויסראָטן, ווען עס זאָל אפילו אויסקומען צו באַנוצן פֿייער און אייזן... אָ! ווי פֿלאַך דידאָזיקע וועלט וועט ווערן, ווען איך וועל פֿאַרשווינדן!... קיינער אַנט נאָך פּאָרנישט, און אפילו אויך נישט דו, טייערער, וואָס פֿאַר אַ קינסטלער איך בין. און טאַקע דעריבער לייד איך, און כ'זאָג דיר ערנסט, אַז די נשמה אין מיר איז טיילמאָל אַזוי פֿאַראומערט, ווי די ציפּ-ריסן, וועלכע שוואַרצן זיך דאָרט פֿאַר אונדז. ס'איז שווער פֿאַר אַ מענטש צו שלעפּן אויף זיך צוזאַמען די משא פֿון דער העכסטער מאַכט און העכסטן טאַלאַנט...

— איך פֿיל דיר מיט, צעזאַר, פֿון גאַנצן האַרצן און צו-זאַמען מיט מיר אויך די ערד און דער ים, נישט רעכענענדיק שוין וויניציוסן, וועלכער פֿאַרגעטערט דיך.

— איך האָב אים אויך שטענדיק ליב געהאַט, — האָט נעראָן געזאָגט — כאָטש ער דינט מאַרסן, נישט די מוזען.

— ער דינט דער עיקר אַפֿראָדיטאַן — האָט פּעטראָניוס געענטפֿערט.

און פּלוצלינג האָט ער באַשלאָסן מיט איין צוג שוין צו דערליידיקן דעם ענין פֿון זיין שוועסטערן-זון און צו זאַמען מיט דעם אויך צו באַזייטיקן יעדער סכּנה, וועלכע קען איבער אים הענגען.

— ער איז פארליבט, ווי טראָילוס אין קרעסידען. — האָט ער געזאָגט — דערלויב אים, האר, אויסקוקן קיין רוים, וואָרים ער וועט מיר דאָ איינדאַרן אינגאַנצן. ווייסטו, אז יענע ליגישע ערבותניצע, וואָס דו האָסט אים געשאַנקען, האָט זיך אָפגעפונען, און אז וויניציוש האָט, ארויספאָרנדיק קיין אנציום, זי איבערגעלאָזט אונטער דער השגחה פון א געוויסן ליגוס? כ'האָב דיר וועגן דעם נישט געמאָלדן ביז איצט, ווייל דו האָסט געהאַלטן אין שאַפן דיין הימן, און דאָס איז וויכטיקער פאַר אַלץ. וויניציוש האָט זי געוואָלט פאַר א געליבטע, אָבער אַזוי ווי זי האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר א צנועה, ווי לוקרעציע, האָט ער זיך פארליבט אין איר צניעות און איצט וויל ער מיט איר חתונה האָבן. זי איז א קעניגליכע טאָכטער, קען עס אייגנטלעך פאַר אים קיין בזיון נישט זיין, אָבער ער איז אמתער זעלנער: ער זיפצט, ער טריקנט איין, ער קרעכצט, אָבער ער וואַרט אויף א דערלויבעניש פון זיין אימפעראַטאָר.

— דער אימפעראַטאָר רויבט נישט צו ביי זיינע זעלנער די פרויען. נאָך וואָס דאַרף ער מיין דערלויבעניש?

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, האר, אז ער פאַרגעטערט דיך.

— מעג ער אוודאי זיכער זיין אויף א דערלויבעניש. דאָס איז א שיין מיידל, נאָר צו שמאָל אין די היפטן. די אויגוסטא פאָפעא האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט אויף איר, אז זי האָט אַן עין־הרע געטון אינדזער קינד אין די פּאַלאַטין־גערטנער...

— אָבער איך האָב געזאָגט טיגעלינוסן, אז געטלעכקייט געפינט זיך נישט אונטער דער שליטה פון כישוף. געדענקסט, געטליכער, ווי ער האָט זיך פארלוירן און ווי דו האָסט אַליין געשריגן: האַבעט!

— כ'געדענק.

און ער האָט זיך געווענדט צו וויניציושן:

— ליבסטו זי טאַקע אזוי, ווי פּעטראָניוס זאָגט:

— כ'ליב זי, האר, — האָט וויניציוש געענטפערט.

— אַלזאָ באַפעל איך דיר שוין מאָרגן צו פאָרן קיין רוים

חתונה האָבן מיט איר, און זאָלסט זיך נישט ווייַזן פאַר מיינע אויגן אָן אַ קידושין־רינגל.

— אַ דאַנק דיר, האַר, פון טיפן האַרצן.

— אָ, ווי גוט עס איז גליקלעך צו מאַכן מענטשן! — האָט דער צעזאַר געזאָגט. — כ'וואָלט ס'גאַנצע לעבן נישט געוואָלט טון עפּעס אַנדערש.

— טו אונדז נאָך איין חסד, געטלעכער, — האָט פּעטראָניוס געזאָגט — און מאַך וויסן דיין ווילן דער אויגוסטין. וויניציוס וואָלט קיינמאָל נישט געוואַגט חתונה צו האָבן מיט אַ ווען, צו וועלכער די אויגוסטין האָט אַ ווידערווילן, אָבער דו, האַר, וועסט מיט דיינס איין וואָרט פאַרטרייבן איר פאָראורטייל, ווייַזנדיק איר, אַז דו צליין האָסט אַזוי באַפוילן.

— גוט — האָט דער צעזאַר געזאָגט — דיר און וויניציוסן קען איך גאָר נישט אָפּזאָגן.

ער האָט זיך אומגעקערט צו דער ווילע און זיי זענען מיט אים מיטגעגאַנגען מיט פרייד אין די הערצער פון נצחון. וויניציוס האָט זיך מיט אַלע כוחות געמוזט העמען, אום נישט צו וואַרפן זיך פעטראָניוסן אויפן האַלדז. וואָרים איצט זענען שוין, דאַכט זיך, אַלע סכנות און שטערונגען באַזייטיקט געווען.

אין אַטריום פון דער ווילע האָט דער יונגער נערוואַ און טוליוס סענעציאָ געוויילט די אויגוסטין מיט אַ געשפּרעך און טערפּנאָס מיט דיאַדאָרן האָבן אָנגעשטעלט די ציטערן. נעראָן האָט אַרייַנגייענדיק זיך געזעצט אויף דער מיט שילדקרעט געפלאַסטערטער שטול. און אייַנרוימענדיק עפּעס דעם גריכישן יונגלינג, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער זייט, האָט ער גענומען וואַרטן.

באַלד איז דאָס יונגל צוריקגעקומען מיט אַ גאָלדן קעסטעלע. נעראָן האָט עס געעפנט און, צרויסנעמענדיק אַ האַלדז־באַנד פון גרויסע אָפּאַלן, האָט ער געזאָגט:

— אָט איז צירונג, וועלכעס איז פּאַסיק פאַרן הייַנטיקן אָוונט.

— דער מאַרגנשטערן פינקלט אויף זיי — האָט פּאָפּעאַ געענטפערט, זייענדיק זיכער, אַז דער האַלדזבאַנד איז באַשטימט פאַר איר.

אַ ווײַלע האָט דער צעזאַר דאָ אויפגעהויבן, דאָ אַראָפּגעלאָזט די ראָזע שטײַנער, און ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— וויניציוש, ווייסט דעמדאָזיקן האַלדזבאַנד שענקען פון מיר דער יינגער ליגישער בת מלכה, מיט וועלכער איך באַפעל דיר חתונה צו האָבן.

פיל מיט צאָרן און אומגערעכטער דערשיטערונג האָט פּאָפּעאַס בליק געגומען זיך איבערטראָגן פונם צעזאַר אויף וויניציוש און האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אויף פּעטראָניוסן.

ער אָבער איז געשטאַנען נאַכלעסיק אָנגעבויגן איבערן הענטל פון דער שטול און האָט מיט דער האַנט געפירט איבער רוקן פון דער האַרפע, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אײַנקריצן אין זכרון די פאָרם אירע.

דערווײַל איז וויניציוש, דאַנקענדיק פאַר דער מתנה, צוגעגאַנגען צו פּעטראָניוסן און געזאָגט:

— מיט וואָס זאָל איך דיר אָפּדאַנקען פאַר דעם, וואָס דו האָסט הײַנט פאַר מיר געטון?

— זיי מקריב עוטערפּיען אַ פּאָר שוואַנען — האָט פּעטראָניוס געענטפערט — לויב דעם צעזאַרס לידער און לאַך פון טרעפעריי. כ׳פאַרהאָף, אַז דאָס ברומען פון די לייבן וועט שוין מער נישט שטערן דיר און דײַן ליגישער ליליע די חלומות אייערע.

— ניין — האָט וויניציוש געזאָגט — איצט בין איך פולקום רויק.

— זאָל זשע פאָרטונאַ צו אײַך לײַטזעליק זײַן. אָבער איצט גיב אַכטונג, וואָרים דער צעזאַר נעמט שוין ווידער די פאָרמינגע, האַלט אײַן דעם אָטעם, הער זיך צו און לאָז טרערן.

און ווירקלעך האָט דער צעזאַר גענומען די פאָרמינגע אין

דער האַנט און אויפגעהויבן די אוגן אינדערהייך. אין זאַל האָבן אויפגעהערט די געשפּרעכן און אַלע זענען געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, ווי פאַרשטיינערט. בלויז טערפּנאָס און דיאָדאָר, וועלכע האָבן באַדאַרפן אַקאָמפּאַנירן דעם צעזאַר, האָבן, דרייענדיק מיט די קעפּ, זיך איבערגעקוקט דאָ אויף זיך, דאָ אויף זיין מויל, וואַרטנדיק אויף די ערשטע טענער פונם ליד.

פלוצלינג איז אין פּאָדערצימער געוואָרן עפּעס אַ גערודער און אַ טומל, און באַלד האָט זיך פון הינטער דער פאָרהאַנג באַוויזן פריער דעם צעזאַרס באַפרייטער פאַאָן און גלייך נאָך אים דער קאָנסול לעקאַיוס.

נעראָן האָט געקנייטשט מיט די ברעמען.

— אַנטשולדיק, געטלעכער אימפּעראַטאָר! — האָט פאַאָן מיט אַ פאַרסאַפּעטער שטים געזאָגט — אַ שרפה אין רוים! די גרעסטע טייל שטאָט איז אין פלאַמען!...

ביי דער ידיעה האָבן זיך אַלע אַ הייב געטון פון די ערטער. נעראָן האָט אַוועקגעלייגט די פאָרמינגע און געזאָגט:

— געטער!.. כ'וועל זען אַ ברענענדיקע שטאָט און כ'וועל ענדיקן מיין טראַגיקאַ.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום קאָנסול:

— אויב כ'זאָל גלייך אַרויספאָרן, וועל איך נאָך באַווייזן צו זען די שרפה?

— האַר! — האָט דער קאָנסול בלייך ווי די וואַנט געענטפערט — איבער דער שטאָט איז אַ ים פלאַמען, דער רויך שטיקט די באַפעלקערונג און מענטשן חלשן אָדער וואַרפן זיך משוגענערהייט אין פייער אַריין... רוים גייט אונטער, האַר!

עס איז איינגעטרעטן אויף אַ ווײלע אַ שטילקייט, וועלכע איז פלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן דורך וויניציושס געשריי:

— ווע מיזעראָ מיהי!...

און דער יונגערמאַן איז, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די טאָגע, אין דעם בלויזן טוניק אַרויסגעלאָפן פון פּאַלאַץ.

און נעראָן האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויס־
גערופן :

— ווײ דיר, הייליקע שטאָט פריִאַמס!...

XL I.

וויניציוש האָט קוים צייט געהאַט צו באַפעלן עטלעכע שקלאַפן, זיי זאָלן אים נאָכרייטן, און אַרויפשפּרינגענדיק אויפן פערד, האָט ער אינמיטן דער נאַכט אַוועקגאַלאָפּירט דורך די פּוסטע גאַסן פון אַנציום אין דער ריכטונג פון לאַורענטום. אַריינפּאַלנדיק צוליב דער ווירקונג פון דער שרעקלעכער ידיעה, ווי אין אַ צושטאַנד פון ווילדקייט און גייסטיקער צערודערונג, האָט ער מאָמענטנווייז אַליין נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אויף דעמזעלבן פערד הינטער זיין רוקן זיצט דאָס אומגליק און, שרייענדיק אים אין אויער אַריין: „רוים ברענט!" — שמייסט עס אים און דאָס פערד און טרייבט זיי אין יענעם פייער אַריין.

אַראָפּבייגנדיק זיין אָפּגעדעקטן קאָפּ ביז אויפן קאַרק פון פערד, האָט ער אין דעם בלויזן טוניק גאַלאָפּירט פאָרויס, אויף בלינד, נישט קוקנדיק פאַר זיך, נישט אַכטנדיק אויף קיין שטערונגען, אַ וועלכע ער האָט געקענט צעשמעטערט ווערן.

אין דער אַרומיקער שטילקייט, אין דער רויִקער אויסגעשטערנטער נאַכט, האָט דער רייטער מיטן פערד, באַגאָסענע מיט לבנה שיין, געמאַכט דעם איינדרוק פון נאַכט־רוחות.

דאָס אידומייער פערד איז מיט אומגעלייגטע אויערן און מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז, געפלויגן ווי אַ פייל פון בויגן, פאַרבײַשווינדלענדיק פאַרביי אומבאַוועגלעכע ציפּריסן און ווייסע ווילעס צווישן זיי.

דאָס קלאַפּן פון די פערדישע קאָפּיטעס אָן שטיינערנעם ברוק האָט דאָ און דאָרט געוועקט די הינט, וועלכע האָבן מיט געבילעריי באַגלייט די משונהדיקע דערשיינונג, און דערנאָך, באַאומרויִקט פון דערדאָזיקער האַסטיקייט, האָבן זיי גענומען יאָמערן, אויפהייבנדיק די מאָרדעס קעגן דער לבנה.

די שקלאַפן, וועלכע זענען אויף פיל ערגערע פערד נאָכגעריטן נאָך וויניציושן, זענען אינגיכן הינטערשטעליק געבליבן. ער אַליין האָט, דורכציִענדיק ווי אַ שטורעם דורכן שלאָפנדיקן לאַורענטום, פאַ קירעוועס צו אַרדעאַ, וווּ ער האָט אַזוי ווי אין אַריציען, באָווילע און אוסטרינום געהאַט גרייט פערד פון צייט ער איז געפאָרן קיין אַנציום כדי צו קענען דאָס שנעלער דורכלויפן דעם וועג, וואָס טיילט אים אָפּ פון רוים. און טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ער די לעצטע כוחות געיאָגט פון פערד.

הינטער אַרדעאַ האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער הימל איז אין צפון־מזרח זייט באַדעקט מיט אַ ראָזן אָפּגלאַנץ. דאָס האָט אויך געקענט זיין דער מאָרגן־רויט, ווייל עס איז שוין געווען גאַר שפּעט, און אין יולי איז פרי טאָג געוואָרן. אָבער וויניציוש האָט נישט געקענט העמען אין זיך דאָס געשריי פון פאַרצווייפלונג און אויפרעגונג, וואָרים עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז דאָס איז דער אָפּשיין פון דער שרפה.

ער האָט זיך דערמאָנט די ווערטער פון ליקאַניוסן.
„די גאַנצע שטאָט איז אין איין ים פלאַמען“.

און אַ ווײַלע האָט ער געפילט, דאָס ער קען ווירקלעך משוגע ווערן, וואָרים ער האָט אינגאַנצן פאַרלוירן די האָפנונג צו קענען

אַרויסראַטעווען ליגיען און אפילו אַהינצוקומען, איידער די שטאָט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין איין קופּע אַש.

די געדאַנקען אין אים זענען איצט געווען נאָך פלינקער, ווי דער גאַלאָפּ פון פערד און זיי האָבן געיאָגט פאָרויס, ווי אַ מתנה שוואַרצע פייגל — פאַרצווייפלטע און מוראדיקע. אמת, ער האָט נישט געוווסט, וועלכער שטאָט-טייל האָט פריער אָנגעהויבן צו ברענען, ער האָט זיך אָבער משער געווען, אַז קודם כל האָט מען זיכער געלאָזט אויף הפקר פאַר די פלאַמען דעם שטאָט-טייל פון יענער זייט טיבער, וועלכער איז געדיכט פאַרבויט מיט הייזער, האַלץ-מאַגאַזינען און הילצערנע בוידן, אין וועלכע מ'פאַרקויפט שקלאַפן.

אין רוים זענען גענוג אָפט פאָרגעקומען שרפות בשעת וועלכע עס זענען אויך געשען געוואַלט-טאַטן און רויבערייען, הויפּטזעכלעך אין די קוואַרטאַלן, וועלכע זענען באַוווינט געווען פון דער אָרימער און האַלב-באַרבאַרישער באַפעלקערונג, היינט וואָס זשע קען זיך נאָך טון אין אַזאַ הינטערן טיבער, ווו ס'איז די נעסט פונם ערב-רב פון אַלע עקן וועלט?

דאָ האָט אורסוס מיט זיין איבערמענטשלעכער גבורה אַ בליץ געטון אין וויניציושס קאָפּ, אָבער וואָס קען אויפטון נישט נאָר אַ מענטש, נאָר אפילו אַ טיטאַן קעגן דער צעשטערנדיקער קראַפט פון פייער?

די מורא פאַר אַ שקלאַפן-בונד איז אויך געווען אַ געשפּענסט, וואָס האָט פון לאַנגע יאָרן אָן געשטיקט רוים. מ'פלעגט שמועסן, אַז הונדערטער טויזנטער שקלאַפן טרוימען וועגן דער צייט פון ספּאַרטאַקוסן און וואַרטן נאָר אויף אַ גינסטיקער מינוט, אום צו כאַפּן זיך פאַרן געווער קעגן זייערע אונטערדריקער און קעגן דער שטאָט. און אָט איז דידאָזיקע מינוט געקומען! מעגלעך, אַז דאָרט אין שטאָט זידט איצט אַ חוץ דער שרפה אויך אַ שחיטה און אַ בירגער-קריג. און אפשר האָבן זיך נאָך אויך די פּרעטאָריאַנער געוואָרפן אויף דער שטאָט און מאָרדן אויפן באַפעל פונם צעזאַר. די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך אים קאַפּויערגעשטעלט פון שרעק. ער האָט זיך דערמאָנט אַלע געשפּרעכן וועגן שרפות פון שטעט,

וועלכע זענען פון א געוויכער צייט אָן מיט אַ מאָדנער עקשנות געפירט געוואָרן ביים צעזאַר אין הויף. ער האָט זיך דערמאָנט זיין באַקלאָגן זיך, אַז אים קומט אויס צו ב שרייבן אַ ברענענדיקע שטאָט, נישט האָבנדיק געזען קיינמאָל קיין אמתדיקע שרפה. זיין פאַראַכטלעכן ענמפער טיגעלינוסן, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אונטערצוצינדן אַנציום, אָדער אַ קינסטלעכע הילצערנע שטאָט, ענדלעך זיין קלאָגן זיך אויף רוים און אויף די שטינקנדיקע געסלעך פון סובור. יאָ! דאָס האָט דער צעזאַר געהייסן פאַרברענען רוים! נאָר ער איינער האָט זיך געקענט דערוועגן דאָס צו טון, אַזוי ווי נאָר איין טיגעלינוס האָט זיך געקענט אונטערנעמען אַזאַ באַפעל אויסצופירן. אויב זשע רוים ברענט לויטן צעזארס באַפעל, טאָ ווער קען ערב זיין, אַז די באַפעלקערונג וועט נישט אויסגעקוילעט ווערן לויט זיין באַפעל; די חיה איז צו דעם אויך פעיק געווען. אַלזאָ אַ שרפה, אַ שקלאַפן-בונד און אַ שחיטה! וואָס פאַר אַ שרעקלעכער כאַאָס! וואָס פאַר אַ בושעווען פון פאַרניכטנדיקע עלעמענטן און מענטשלעכער ווילדקייט. און אין מיטן ון דעם אַלעם איז ליגיע!

וויניציושס קרעכצן האָבן זיך צונויפגעמישט מיטן כראָפען און סאָפען פון פערד, וועלכעס האָט, לויפנדיק איבערן וועג, וועלכער איז ביז אַריציען געגאַנגען באַרג-אַרויף, גאַלאָפירט שוין מיט די לעצטע קרעפטן. ווער וועט זי אַרויסרייסן פון דער ברענענדיקער שטאָט און ווער וועט זי רעטן?

דאָ האָט וויניציוש, אויסציִענדיק זיך אינגאַנצן אויפן פערד, אַריינגעפלאָנטערט זיינע פינגער אין די האָר, גרייט צו בייסן פאַר ווייטיק דעם קאַרק פון פערד. אָבער אין דערזעלבער מינוט האָט עפעס אַ ריטער, וועלכער האָט אויך גאַלאָפירט ווי אַ שטורם, נאָר פון דער קעגנבעדדיקער זייט קיין אַנציום, אויסגעשריגן פאַרביירייטנדיק פאַרביי אים: „רוים גייט אונטער"! און איז אַוועק ווייטער.

צו וויניציושס אויערן האָט זיך נאָר דערטראָגן נאָך איין וואָרט: „געטער", דאָס איבעריקע איז פאַרטויבט געוואָרן דורכן

קלאַפּן פון די פערדישע קאָפּיטעס. דאָסדאָזיקע וואָרט אָבער האָט אים אויסגעניכטערט. געטער!...

וויניציוש האָט פּלוצלינג קאָפּוירגעהויבן דעם קאָפּ און, אויפהייבנדיק די הענט צום געדיכט אויסגעשטערנטן הימל, האָט ער גענומען מתפלל זיין:

„נישט צו אייך רוף איך, וועמענס טעמפּלען עס ברענען, נאָר צו דיר!... דו אַליין האָסט געליטן, דו איינער ביסט באַרמהאַרציק! נאָר דו האָסט פאַרשטאַנען דעם מענטשלעכן וויי! דו ביסט געקומען אויף דער וועלט, כדי צו לערנען מענטשן רחמנות, ווייז זשע עס איצט אַרויס. אויב דו ביסט אַזעלכער, ווי פּעטרוס און פּאַולוס זאָגן, רעטע זשע מיר ליגיען. נעם זי אויף דיינע הענט און טראָג זי אַרויס פון די פלאַמען. דו קענסט עס באַווייזן! גיב זי מיר אָפּ, און איך וועל דיר אָפּגעבן מיין בלוט, און אויב דו ווילסט עס נישט טון פאַר מיינעטוועגן, טו זשע דאָס פאַר אירעטוועגן, זי ליבט דיך און טרויט דיר. דו זאָגסט צו לעבן נאָכן טויט און גליק, אָבער דאָס גליק נאָכן טויט וועט נישט אַוועקקומען, און זי וויל דאָך נאָך נישט שטאַרבן. לאָז זי לעבן. נעם זי אויף דיינע הענט און טראָג זי אַרויס פון רוים. דו קענסט עס באַווייזן, סיידן דו ווילסט נישט...“

ער האָט אָפּגעהאַקט, וואָרים ער האָט דערפילט, אַז די ווייטערדיקע תפילה קען זיך פאַרוואַנדלען אין אַ לעסטערונג, און ער האָט מורא געהאַט צו באַליידיקן אַ גאָט אינעם מאָמענט, ווען ער דאַרף אַמנייטיקסטן זיין רחמנות און זיין חסד.

ביים בלויזן געדאַנק וועגן דעם האָט ער זיך דערשראָקן און, כדי נישט צו האָבן אין זינען אפילו קיין שאָטן פון דראָונג, האָט ער ווידער גענומען שמייסן דאָס פערד, נאָך דערצו, אַז די ווייסע מויערן פון אַריציען, וועלכע געפינען זיך אין דער העלפט וועג קיין רוים, האָבן זיך שוין גענומען ווייזן פאַר אים אין לבנה-שיין. אַ ביסל שפּעטער איז ער פאַרבייגעריטן אין פולן גאַלאָפּ פאַרביי מערקורס טעמפּל, וועלכער האָט זיך געפונען אין וועלדל לעבן דער שטאָט. מ'האָט שוין דאָ, ווייזט אויס, געוווּסט וועגן אומגליק, וואָרים פאַרן טעמפּל איז געווען אַן אומגעווײנטלעכע באַוועגונג.

וויניציוש האָט לויפנדיק געזען אויף די טרעפּ און צווישן די קאָלאָנען אַ געווימל פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך צוגעלויכטן מיט שטורקאַצן און זיך געשטופּט אונטערן שוץ פון די געטער. דער וועג איז שוין אויך נישט געווען אַזוי פּוסט און אַזוי פריי, ווי הינטער אַרדעאַ, די מאַסע האָט אפילו געצויגן צום וועלדל דורך די זייטן שטעגלעך, אָבער אויך אויפן הויפּט-טראַקט זענען געשטאַנען גרופּעס, וועלכע האָבן זיך האַסטיק אָפּגערוקט אָן אַ זייט פאַרן גאַלאָפּירנדיקן רייטער. פון שטאָט האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש פון שטימען. וויניציוש איז דאָרט אַריינגעפאַלן ווי אַ שטורעם, אומוואַרפנדיק און צעטרעטנדיק עטלעכע מענטשן אין וועג. אַרום אים האָט מען געשריגן: „רוים ברענט! די שטאָט איז אין פייער! געטער, ראַטעוועט רוים!״

דאָס פערד האָט זיך אַ שטרויכל געטון און מיטאַמאָל, געהעמט דורך אַ פעסטע האַנט, האָט עס זיך אַראָפּגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס פאַר אַן אכסניה, אין וועלכער וויניציוש האָט געהאַט גרייט אַן אַנדער פערד צום בייטן. די שקלאַפן זענען געשטאַנען פאַר דער אכסניה, ווי זיי וואָלטן זיך געריכט אויפן אָנקומען פון זייער האַר און אויף זיין באַפעל זענען זיי זיך צעלאָפן, אום צו ברענגען דאָס נייע פערד. וויניציוש אָבער, דערזעענדיק אַן אָפּטיילונג פון צען פּרעטאָריאַנער רייטער, וועלכע זענען, ווייזט אויס, געריטן מיט דער ידיעה פון שטאָט קיין אַנציום, איז ער צוגעשפּרינגען צו זיי און האָט זיך גענומען אויספרעגן:

— וועלכע טייל שטאָט איז אין פייער?

— ווער ביסטו? — האָט דער עלטסטער געפרעגט.

— וויניציוש, מיליטער-טריבון און אויגוסטער! ענטפער, ביי דיין קאָפּ!

— דאָס פייער, האַר, איז אויסגעבראָכן אין די קראָמען לעבן גרויסן צירק. ווען מ׳האָט אונדז אַרויסגעשיקט, איז דער צענטער שטאָט געווען אין פייער.

— און יענע זייט טיבער?

— ביז איצט איז דאָס פייער נאָך דאָרט אַהין נישט צוגעקומען, אָבער מיט אַ מוראדיקער קראַפט נעמט עס אַרום אַלץ נייע

קווארטאלן, מענטשן קומען אום פון היץ און רויך און יעדער רעטונג איז אויסגעשלאסן.

אין דער מינוט האט מען וויניציושן דערלאנגט אן אנדער פערד. דער יונגער טריבון איז ארויפגעשפרונגען און שנעל אוועקגעריטן.

ער איז איצט געריטן צו אלבאנוס, איבערלאזנדיק אויף רעכטס אלבאלאנגע און איר פרעכטיקע אזיערע. דער טראקט קיין אריציען איז געלעגן נידעריק, צופוסנס פון בארג, וועלכער האט געגנצלעך פארשטעלט דעם האריזאנט און אלבאנום, וועלכע האט זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט. וויניציוש האט אבער געווסט, אז צוקומענדיק צום שפיץ בארג, וועט ער דערזען נישט נאר באווילע און אוסטריגום, ווו עס ווארטן אויף אים פרישע פערד, נאר אויך רוים, ווארים הינטער אלבאנום האט זיך שוין פון ביידע זייטן אפיער-וועג געצויגן דאס נידעריקע פלאכע קאמפאניע, איבער וועלכן עס האבן זיך געצויגן צו דער שטאט בלויז די בויגנס פון די אקוועדוקטן און קיין שום זאך האט מער נישט פארשטעלט דעם אויסזיכט.

— פון שפיץ וועל איך דערקענען די פלאמען — האט ער געטראכט.

און ער האט ווייטער גענומען שמייסן דאס פערד.

אבער נאך איידער ער איז ציגעקומען צום שפיץ, האט ער דערפילט א ווינטל אויפן געזיכט און צוזאמען דערמיט א געריך פון רויך אין די נאזלעכער.

און באלד האט זיך אויך דער שפיץ בארג גענומען גאלדיקן.

— די שרפה-שיין! — האט וויניציוש א טראכט געטון.

די נאכט האט זיך שוין פון לאנג געבלייכט, דער פארטאגס איז איבערגעגאנגען אין אויפגאנג, און אויף אלע ארומיקע בערגלעך האבן אויך געשיינט גאלדענע און ראזע אפגלאנצן, וועלכע האבן גלייכצייטיק געקענט קומען אי פון דער שרפה און אי פונם מארגנרויט. וויניציוש האט צוגעאיילט צום שפיץ בארג און א שרעקלעך בילד האט זיך פאר זיינע אויגן באוויזן.

דער גאַנצער טאָל איז באַדעקט געווען מיט רויך, וועלכער האָט אויסגעזען, ווי איין ריזיקער, האַרט ביי דער ערד ליגנדי־קער, וואָלקן, אין וועלכן עס זענען פאַרשוווּנדן די שטעט, די אַק־וועדוקטן, די ווילעס, די ביימער, און צום סוף פון דעם גרויסן, מוראדיקן שטח האָט איינגעדרעהייך געבראַנט די שטאָט.

דאָס פייער האָט אָבער נישט געהאַט די פאָרם פון אַ פייער־דיקן זייל, ווי עס זעט אויס דאַן, ווען עס ברענט איין בנין, אפילו דער גרעסטער. דאָס איז גיכער געווען איין לענגלעכער פאַס, ווי דער מאַרגנרויט.

איבער דעם פאַס האָט זיך געהויבן אַ וואָל רויך, אויף טייל ערטער שוואַרץ און אויף טייל ערטער זיך טוישנדיק אין ראָז און בלוט־רויט, געדעמפט אין זיך, אָנגעדראָלן און געדיכט קנוילענ־דיק זיך, ווי אַ שלאַנג, וואָס קורטשעט זיך איין און ציט זיך אויס.

דערדאָזיקער מוּוימדיקער וואָל האָט מאָמענטנווייז ווי פאַר־דעקט אויך דעם פייערדיקן פאַס אַזוי, אַז ער איז געוואָרן שמאָל ווי אַ שנור, מאָמענטנווייז אָבער האָט דער פייערדיקער פאַס באַ־לויכטן פון אונטן דעם וואָל אַזוי, אַז די אונטערשטע קנוילן רויך זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פלאַמיקע כוואַליעס. ביידע האָבן זיך געצויגן פון איין עק האָריזאָנט ביזן צווייטן, אַרומשליסנדיק אים אַזוי, ווי עס שליסט אים טיילמאָל אַרום אַ וואַלד־פאַס. די סאַ־בינער בערג האָט מען אינגאַנצן נישט געזען.

אין ערשטן אויגנבליק האָט זיך ווינימיוש געדוכטן, אַז דאָס ברענט נישט נאָר די שטאָט, נאָר די גאַנצע וועלט, און אַז קיין איין לעבעדיקער נפש וועט נישט אַרויס פון דעם אָקעאַן פייער און רויך.

דער ווינט האָט וואָס אַמאָל שטאַרקער געבלאָזן פון דער זייט פון פייער, טראָגנדיק מיט זיך אַ ריח פון טשאַד, זענגעכץ און אַ רויך בראַנד, וועלכער האָט ביסלעכווייז פאַרדעקט אפילו די זאַכן אַרום. ס'איז שוין געוואָרן גוט טאָג, די זון האָט שוין באַ־לויכטן די שפּיצן בערג, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט די אַלבאַנער

זיערע. אָבער די גאָר-העלע פֿלאַם-שטראַלן האָבן צוליב דעם רויך-בראַנד אויסגעזען קרענקלעך געל.

וויניציוש איז, אַרומפֿלאָנדיק זיך צום אַלבאַנום, אַריינגעריטן אין אַן אַלץ געדיכטערן און אַלץ ווייניקער דורכדריגלעכן רויך, אין וועלכן ס'גאַנצע שטעטל איז געווען פֿאַרשלונגען. די איבערגעשראָקענע איינוווינער זענען אַרויס אויף די גאַסן און ס'איז אַ שרעק געווען אַ טראַכט צו טון, וואָס אין רוים מוז זיך טון, אויב דאָ איז שוין שווער צו אָטעמען.

וויניציוש איז ווידער אַריינגעפֿאַלן אין יאוש, און די שרעק האָט אים ווידער קאַפּוירגעשטעלט די האָר אויפֿן קאָפּ, אָבער ער האָט געפּרוּווט זיך שטאַרקן, ווי ווייט ער האָט געקענט.

— ס'איז נישט געמאָלט — האָט ער געטראַכט, — אַז די גאַנצע שטאָט זאָל אָנהייבן ברענען מיטאַמאָל. דער ווינט בלאָזט פֿון צפֿון און טרייבט דעם רויך נאָר אין דער זייט אַריין. אויף דער צווייטער זייט זענען זיי נישטאָ. יענע זייט טיבער, וועלכע איז אָפּגעצוימט דורכן טייך, איז אפֿשר אינגאַנצן ניצול געוואָרן, און יעדנפֿאַלס איז נעגוג, אַז אורסוס זאָל זיך אַרויסבאַקומען מיט ליגיען דורכן יאַניקולער טויער, אום כּדי ניצול צו ווערן פֿאַרן געפֿאַר. ס'איז דעסטגלייכן אוממעגלעך, אַז די גאַנצע באַפֿעלקערונג זאָל אומקומען, און אַז די שטאָט, וועלכע הערשט איבער דער וועלט, זאָל אָפּגעווישט ווערן צוזאַמען מיט אירע איינוווינער פֿון דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד. אַפֿילו אין דעראָבערטע שטעט, וווּ עס בושעווען פֿייער און שחיטות, בלייבן שטענדיק אַ געוויסע צאָל מענטשן ביים לעבן. פֿאַרוואָס דען מוז ליגיע דורכויס אומקומען? האָט דאָך גאָט, וועלכער האָט אַליין באַזיגט דעם טויט, השגחה איבער איר!

און אַזוי טענהנדיק מיט זיך, האָט ער גענומען תּפֿילה טון, און לויטן אַלטן מנהג, ווי ער איז געוווינט געווען, האָט ער געגעבן מאַכן גרויסע נדרים און מנדב זיין נדבית און קרבנות פֿאַר קריסטוסן.

אַדורכרייטנדיק דורך אַלבאַנום, ווו כּמעט די גאַנצע באַ-

פעלקערונג איז געזעסן אויף די דעכער און ביימער און געקוקט צו רוים, האָט ער זיך עטוואָס באַרויִקט און האָט צוריקבאַקומען די קאַלטבלוטיקייט, ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז ליגיען באַזיצן נישט נאָר אורסוס און ליגוס, נאָר אויך דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס.

ביים בלויזן געדאַנק וועגן דעם, האָט ער באַקומען נייעם בטחון אין האַרצן. פּעטרוס איז תמיד ביי אים אין די אויגן געווען אַן אומבאַגרייפלעך, כמעט איבערערדיש וועזן. פון דעם מאָמענט אָן, וואָס ער האָט אים געהערט אין אָסטריאַנום, איז אים איבערגעבליבן אַ וואונדערלעכער רושם, ווען וועלכן ער האָט מתחילת זיין פאַרבערענגען אין אַנציום געשריבן צו ליגיען: יעדעס וואָרט פון דעם זקן ווערט מקוים, אָדער מוז אַמאָל מקוים ווערן.

די בענטערע באַקאַנטשאַפט, וועלכע ער האָט בשעת זיין קראַנקהייט געשלאָסן מיטן אַפּאָסטאָל, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די מיינונג, וועלכע איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן ביי אים אין אַ פעסטן גלויבן. דעריבער אויב פּעטרוס האָט געבענטשט זיין ליבע און האָט אים מבטיח געווען ליגיען, קען שוין ליגיע נישט אומקומען אין די פלאַמען. די שטאָט קען זיך פאַרברענט ווערן, אָבער אויף אירע קליידער וועט קיין איין פונק נישט פאַלן.

אונטער דער ווירקונג פון דער שלאָפלאָזער נאַכט, דעם בליץ-שנעלן רייטן און די איבערלעבונגען, האָט אים איצט אַרומגענומען אַ וואונדערלעכע עקזאַלטאַציע, בשעת וועלכער אַלץ איז ביי אים מעגלעך געווען: פּעטרוס וועט איבערצלמען די פלאַמען, וועט זיי עפענען מיט איין וואָרט זיינס און זיי וועלן זיכער אַדורכגיין צווישן זיילן פייער, אַ חוץ דעם ווייסט דאָך פּעטרוס זאַכן פון עתיד, ער האָט אַלזאָ אויך, בלי ספק, פאָרויסגעזען דאָס אומגליק פון דער שרפה. און אין דעם פאַל, ווי זשע איז מעגלעך, אַז ער זאָל נישט וואָרענען און נישט אַרויספירן פון דער שטאָט די קריסטן און צווישן זיי אויך ליגיען, וועלכע ער האָט ליב, ווי זיין אייגן קינד?

אין זיין האַרצן האָט זיך דערוועקט אַן אַלץ שטאַרקע

האפנונג. ער האט געטראכט, אז מ׳אנטלויפט פון שטאט, וועט ער זיי אפשר געפינען אין באוויליע, אדער באגעגענען אויפן וועג. מע לעך, אז אט-אט וועט זיך דאס אים ליבע פנים ארויסטוקן פונם רויך, וועלכער פארשפרייט זיך אלץ ווייטער איבער קאמפאניע.

דאס האט זיך אים אויסגעוויזן פאר מעגלעך צוליב דעם, וואס ער האט אנגעהויבן אנטרעפן אויפן וועג אלץ מער מענטשן, וועלכע האבן, פארלאזנדיק די שטאט, געצויגן אין די אלבאנער בערג, כדי, ראטעווענדיק זיך פון פייער, ארויסצובאקומען זיך דערנאך אויך אויסער דעם שטח פונם רויך.

נישט דערפארנדיק ביז אוסטרינום, האט ער געמוזט נעמען רייטן לאנגזאמער מחמת דעם פולגעפאקטן וועג. צוזאמען מיט די פוסגייער, מיט די פעקלעך אויף די פלייצעס, האט ער אויך באגעגנט באלאדנטע פערד, אייזלען, אנגעלאדענע וועגנס מיט האב און גוטס, און ענדלעך אויך לעקטיקעס, אין וועלכע שקלאפן האבן געטראגן די פארמעגלעכערע איינוווינער. אוסטרינום איז שוין געווען אזוי אנגעפראפט מיט פליטים פון רוים, אז עס איז שווער געווען דורכצושטופן זיך דורכן המון.

אין מארק, אונטער די זיילן פון די טעמפלען און אויף די גאסן, האט עס געווימלט פון אנטרונענע. דא און דארט האט מען שוין גענומען אויפקלאפן געצעלטן פאר גאנצע פאמיליעס, אנדערע האבן געלאגערט אונטערן פרייען הימל, שרייענדיק און רופנדיק צו די געטער, אדער פארשעלטנדיק דאס מזל.

אין אלגעמיינעם טומל איז שווער געווען וועגן עפעס זיך אויסצופרעגן. די מענטשן, צו וועלכע וויניציוש האט זיך געווענדט, האבן אים, אדער אינגאנצן נישט געענטפערט, אדער זיי האבן אויפגעהויבן אויף אים זייערע האלב-צעמישטע אויגן פון שרעק, ענטפערנדיק, אז די שטאט און די גאנצע וועלט גייט אונטער. פון דער ריכטונג פון רוים זענען מיט יעדער מינוט אנגעקומען אלץ נייע מאסן, מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האבן נאך מער פארגרעסערט דעם טומל און דאס געיוויינערײַ. טייל, וועלכע האבן זיך אין געדראנג פארלוירן איינער דעם אנדערן, האבן

פאַרצווייפלט אַרומגעזוכט די פאַרלוירענע, אַנדערע ווידער האָבן זיך געשלאָגן צוליב אַ געצעלט אָדער אַ פלאַץ. מחנות האַלב־ווילדע פאַסטוכער פון קאַמפּאַניען זענען געקומען אָנצוציִען אין שטאָט אַריין, אויסשמעקנדיק בייסן אָדער עפּעס פאַרדינסטלעך פון גנבות, וועלכע זענען לייכט אָנגעקומען צוליבן טומל. דאָ און דאָרט האָט אַ המון שקלאַפן פון פאַרשידענע פעלקער און גלאַדיאַטאָרן אָנגעהויבן ראַבירן די הייזער און די ווילעס אין שטאָט און מאַכן געשלעגן מיט די זעלנער, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דער באַפעלקערונג.

דער סענאַטאָר יוניוס, וועלכן וויניציוש האָט אָנגעטראָפן לעבן אַ גאַסט־הויז מיט אַן אָפּטיילונג באַטאַווישע שקלאַפן, האָט אים דער ערשטער געגעבן עטוואָס גענויערע ידיעות וועגן דער שׂרפה. דאָס פייער האָט ווירקלעך אויסגעבראָכן לעבן גרויסן צירק, באַנט פון פּאַלאַטין און דעם באַרג קאַעליוס, אָבער עס האָט זיך מיט אַן אומפאַרשטענדלעכע שנעלקייט פאַרשפּרייט אַזוי, אַז עס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן צענטער פון שטאָט. פון ברענוסעס צייטן אָן האָט נאָך די שטאָט קיינמאָל נישט געליטן אַזאַ שרעקלעכע מפּלה.

— דער צירק האָט אינגאַנצן אָפּגעברענט, ווי אויך די אַרומיקע קראָמען און הייזער — האָט יוניוס געזאָגט. — אַווענטין און קאַעליוס זענען אין פייער. די פּאַלאַצן, וועלכע האָבן אַרומגענומען דעם פּאַלאַטין, האָבן זיך אַריבערבאַקומען אויף קאַרינען...

דאָ האָט יוניוס, וועלכער האָט אויף קאַרינען געהאַט אַ פּרעכטיקע „אינסולאַ“ מיט פיל קונסט־ווערק, אין וועלכע ער איז פאַרליבט געווען, געכאַפּט אַ הויפן קויטיקן זאַמד און, באַשיטנדיק זיך דערמיט דעם קאָפּ, האָט ער גענומען פאַרצווייפלט קלאָגן.

אָבער וויניציוש האָט אים אַ טרייסל געטון פאַרן אַקסל.

— אויך מייַן הויז איז אויף קאַרינען — האָט ער געזאָגט — אָבער ווען אַלץ גייט צו גרונט זאָל דאָס אויך גיין.

דערנאָך, דערמאָנענדיק זיך, אַז ליגיע האָט, פאָלגנדיק זיין

עצה, זיך אפשר איבערגעצויגן צו אוילוסן אין הויז, האָט ער געפרעגט:

— און וויקוס פאַטריציוס?

— אין פלאַמען! — האָט יוניוס געענטפערט.

— און יענע זייט טיבער?

יוניוס האָט אַ קוק געטון אויף אים פאַרחידושט.

— וואָס גייט אונדז אָן יענע זייט טיבער — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק זיך מיט די הענט די אָנגעווייטיקטע שלעפן.

— מיך גייט מער אָן יענע זייט טיבער, ווי גאַנץ רוים! — האָט וויניציוש האַסטיק אויסגערופן.

— וועסטו זיך דאָרט אהינבאַקומען סיידן דורך וויאַ-פּאָרטועבסיס, וואָרים לעבן אווענטין וועסטו דערשטיקט ווערן פון היץ... יענע זייט טיבער?... כ׳ווייס נישט. ס׳פייער איז זיכער דאָרט אהין נישט געקומען, אָבער צי איז עס שוין אין דער איצטיקער מינוט נישט אהינגעקומען, קענען נאָר די געטער וויסן...

דאָ האָט יוניוס אַ ווײַלע זיך געשלאָגן מיט דער דעה, דערנאָך האָט ער שטילער געזאָגט:

— כ׳ווייס, אַז דו וועסט מיך נישט אויסגעבן, וועל איך דיר אַלזאָ זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין געוויינטלעכע שרפה. מ׳האָט נישט געלאָזט ראַטעווען דעם צירק... כ׳האָב אַליין געהערט... ווען די הייזער אַרום האָבן גענומען ברענען, האָבן טויזנטער שטימען גערופן: „טויט די ראַטעווערס!“ עפּעס מענטשן זענען געלאָפן איבער דער שטאָט און געוואָרפן ברענענדיקע פלאַמען אין די הייזער אַריין... פון דער צווייטער זייט בונטעוועט זיך דאָס פאָלק און שרייען, אַז די שטאָט ברענט לויט אַ באַפעל. כ׳וועל מער גאָרנישט זאָגן. וויי דער שטאָט, וויי אונדז אַלע און מיר! וואָס דאָרט טוט זיך אָפּ, איז די מענטשלעכע צונג גאָרנישט אימשטאַנד איבערצוגעבן. די באַפעלקערונג קומט אים אין פייער. אָדער מאָרדן זיך קעגנזייטיק אויס אין געדראַנג... דאָס איז דער סוף שוין פון רוים!...

און ער האָט ווייטער גענומען רופן: „וויי! וויי דער שטאָט

און אונדז!" — אָבער וויניציִדש איז אַרויף אויפֿן פערד און אַװעק ווייטער מיטן אַפּיער וועג.

אָבער דאָס איז איצט גיכער געווען אַ שטופּן זיך צווישן אַ שטראָם מענטשן און וואָגנס, וועלכע זענען געפֿלאָסן פֿון דער שטאָט. די שטאָט איז איצט געלעגן פֿאַר וויניציושן, ווי אויף דער האַנט, אַרומגענומען מיט כוראַדיקן פֿייער... פֿונעם ים פֿייער און רויך האָט געשלאָגן אַ שרעקלעכער בראַנד און דער מענטשלעכער געפּילדער איז נישט אימשטאַנד געווען צו פֿאַרטויבן דאָס סיקען און קנאַלן פֿון די פֿלאַמען.

XLII.

וואָס נענטער ווינציוש איז געקומען צו דער שטאָט, אַלץ מער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז לייכטער געווען צוצוקומען ביז רוים, ווי אַריינצובאַקומען זיך אין שטאָט. דורכן אַפּיער־וועג איז שווער געווען זיך דורכצושטופּן צוליבן געדראַנג פון מענטשן, די הייזער, פעלדער, בית־עלמינס, גערטנער און טעמפּלען, וועלכע האָבן זיך געפונען פון ביידע זייטן וועג, זענען פאַרביטן געווען אין לאַגערן. אין טעמפּל פון מאַרס, וועלכער האָט זיך געפונען האַרט לעבן פאָרטאַ אַפּיאַ, האָט דער המון אויסגעשטופּט די טירן, כדי צו האָבן אינעווייניק נאַכט־לעגער, אויף די בית־עולמס זענען פאַרנומען געוואָרן די גרעסערע קברים און עס זענען געפירט געוואָרן צוליב זיי געשלעגן, וועלכע זענען דערגאַנגען ביז בלוט־פאַרגיסונג.

אויסטרינוס מיט איר אומאָרדנונג האָט נאָר קוים געגעבן אַ קליינעם ביישפּיל פון דעם, וואָס עס האָט זיך געטון אונטער די סאַמע טויערן פון שטאָט. עס האָט אויפגעהערט יעדער אַכ'ונג צום

געזעץ, אָרדנונג, פאַמיליען-באַציִונגען, קלאַסן אונטערשיידן. מ׳האָט געקענט זען שקלאַפן, וועלכע שלאָגן מיט שטעקנס בירגער. גלאַדיאַ־טאָרן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשיכּורט מיטן וויין, וואָס זיי האָבן צעראַבירט אין עמפּאָריום, האָבן זיך צונויפגענומען אין גרויסע מחנות, און לויפנדיק מיט ווילדע געשרייען איבער די פּלעצער, האָבן זיי צעטריבן דעם עולם, טרעטנדיק און ראַבירנדיק. אַ מאַסע באַרבאַרן, וועלכע זענען אין שטאָט צעזויסגעשטעלט געווען צום פאַרקויף, זענען זיך צעלאָפן פון די פאַרקויפס-האַלעס. די שׂרפה און דער אונטערגאַנג פון דער שטאָט איז גלייכצייטיק געווען פאַר זיי דער סוף פון זייער פאַרשקלאַפונג און אַ שעה פון נקמה.

דעריבער אין דער צייט, וואָס די איינגעזעסענע באַפעלקע־רונג, וועלכע האָט אין פייער פאַרלוירן איר גאַנץ האָב און גוטס, האָט אין פאַרצווייפלונג געשטרעקט די הענט צו די געטער, רופנ־דיק נאָך רעטונג, האָבן זיי מיט פרייד-געקוויטשן געבושעוועט צווישן המון, שלאָגנדיק, אַראָפּציִענדיק פון מענטשן די קליידער און רויבנדיק יונגע פרויען. צו זיי זענען צוגעשטאַנען די שקלאַפן, וועלכע דינען שוין לאַנג אין רוים, שלעפּער, וועלכע האָבן כמעט גאָרנישט געהאַט אויפן לייב, אויסער אַ וואָלענע גאַרטל אויף די לענדן, שרעקלעכע געשטאַלטן פון די הינטערגעסלעך, וועלכע מ׳האָט בײַטאָג כמעט קיינמאָל נישט געזען אויף די גאַסן און וועגן וועמענס עקזיסטענץ ס׳איז אין רוים זיך שווער געווען אָנ־צושטויסן.

דאָסדאָזיקע ערב-רב פון אַזיאַטן, אַפריקאַנער, גריכן, טראַקן, גערמאַנער און בריטאַנער, וועלכע האָבן געפילדערט אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט, ווילדע און צעלאָזטע, האָט געבושעוועט, רעכענענדיק, אַז ס׳איז אָנגעקומען די מינוט, ווען זיי קענען זיך זעלבסט באַלוינען פאַר די אַלע יאָרן ליידן און נויט.

צווישן דעראָזיקער צעברויזטער מענטשן-מאַסע, האָבן אין שיין פון טאָג און פון פייער געבלאַנקט די העלמען פון די פּרע־טאָריאַנער, אונטער וועמענס שוץ די רויִקערע באַפעלקערונג האָט

זיך איבערגעגעבן און וועלכע האָבן אין פֿיל ערטער געמוזט ערגעץ אַטאַקירן דאָס צעווילדעוועטע פּאָבל.

וויניציוש האָט שוין אין זײַן לעבן געזען אײַנגענומענע שטעט, אָבער קיינמאָל האָבן נאָך זײַנע אויגן נישט געקוקט אויף אַזאַ סצענע, ווו פֿאַרצווייפֿלונג, טרערן, שמערץ, קרעכצן, ווילדע געשריי, משוגעת, צאָרן און הפֿקרות האָבן זיך צונויפֿגעמישט אין איין אומגעהייערן כאַאָס. און איבער דעם דאָזיקן צעהיצטן, פֿאַרריקטן מענטשן-געווימל האָט געהוזשעט דאָס פֿײַער, האָט געברענט אויף די בערג די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט, הויכנדיק אויף אַלעם מיט אַ פֿײַערדיקן אָטעם און צודעקנדיק אַלץ מיט רויך, דורך וועלכן מ'האָט שוין דעם הימל נישט דורכגעזען.

דער יונגער טריבון האָט, מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, אײַנשטעלנדיק יעדע מינוט דאָס לעבן, זיך קוים דורכגעשלאָגן צום אַלפּן-טויער, אָבער דאָ האָט ער דערזען, אַז דורך דעם קוואַרטאַל פּאָרטאַ קאַפּענאַ וועט ער זיך נישט קענען דורכבאַקומען אין שטאָט אַרײַן נישט נאָר צוליב דעם מענטשן-געדראַנג, נאָר אויך צוליב דער שרעקלעכער בראַנד, פֿון וועלכער די גאַנצע לופֿט האָט דאָ הינטערן טויער געציטערט. אויסערדעם האָט די בריק לעבן פּאָרטאַ טריגעמינאַ, קעגנאיבער דעם טעמפּל באָנאַ דעאַ, נאָך דאַן נישט עקזיסטירט, און ווילנדיק זיך אַריבערבאַקומען אויף יענער זײַט טיבער, האָט מען פֿריער געמוזט זיך דורכרײַסן דורך סובליציוס-בריק, ד. ה. אַרומקרײַזן אַרום דעם אַווענטין, דורך דעם טייל שטאָט, וועלכער געפֿינט זיך אין אַ ים פֿלאַמען. און דאָס איז געווען אַ פּשוטער אומזין.

וויניציוש האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער מוז צוריקקערן אין דער ריכטונג פֿון אוסטריניום דאָרט אַראָפּקירעווען פֿון אַלפּישן וועג, דורכרײַטן דעם טייך הינטער דער שטאָט און אַרויסבאַקומען זיך אויף וויאַ פּאָרטוענסיס, ווו דער וועג פֿירט גלײַך אויף יענער זײַט טיבער. אָבער אויך דאָס איז נישט געווען אַזאַ לײַכטע זאַך צוליב דעם אַלץ גרעסערן בישמאַש, וועלכער האָט געהערשט אויפֿן אַלפּישן וועג. ס'איז אויסגעקומען זיך דאָרט צו מאַכן אַ וועג סײַדן מיט דער שווערד. וויניציוש אָבער האָט נישט געהאַט קיין וואָפֿן

בײַ זיך, װײַל ער איז אַרױס פֿון אַנציום גלײַך, װי ער האָט די ידיעה װעגן דער שׂרפֿה דערהערט בײַם צעזאַר אין דער װילע. אָבער בײַ מערקורס־קװאַל האָט ער דערזען זײַנס אַ באַקאַנטן צענטוריאָן פֿון פּרעטאָריאַנער, װעלכער האָט אין דער שפּיץ פֿון עטלעכע צענדליק מענטשן געשיצט דעם צוגאַנג צום טעמפּל, און ער האָט אים געהײסן באַגלײטן נאָך זיך, און יענער האָט, דערװעגנדיק דעם טריבון און אױגוסטער, נישט דערװעגט זיך קעגנצושטעלן דעם באַפֿעל.

װיניציוש האָט אַלײן איבערגענומען די אָנפֿירונג איבער דער אָפּטײלונג, און פֿאַרגעסנדיק אױף דערװײַל די לערע פֿון פּױלוסן װעגן ליבע צום צװײטן, האָט ער געשטױסן און געשניטן פֿאַר זיך דעם עולם מיט אַזאַ געשיקטקײט, בײַ װעלכן עס זענען אומגעקומען פֿיל, װעלכע האָבן נישט באַװיזן צו דער צײַט זיך אָפּצורוקן. מ'האָט זײ נאָכגעשיקט קללות און אַ האָגל פֿון שטײנער. אָבער זײ האָבן אױף דעם קײן אַכט נישט געלײגט, װילנדיק װאָס פֿריִער זיך אַרױסבאַקומען אױף אַ פֿרײַער אָרט. פֿונדעסטװעגן איז דאָך מעגלעך געװען צו רוקן זיך פֿאָרױס נאָר מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג.

די לײַט, װעלכע האָבן זיך שױן געהאַט צעלײגט און געלאַגערט אױף די ערטער, האָבן נישט געװאָלט אָפּטרעטן דעם װעג פֿאַר די זעלנער, שעלטנדיק אױפֿן קול דעם צעזאַר און די פּרעטאָריאַנער. אױף טײל ערטער האָט דער המון אָנגענומען אַ געפֿערלעכע שטעלונג.

צו װיניציושס אױערן האָבן זיך דערטראָגן שטימען, װעלכע האָבן באַשולדיקט דעם צעזאַר אין אונטערצינדן די שטאָט. מ'האָט אױף דעם צעזאַר, אױף פּאָפּעאַן אָפֿן געדראָט מיט טױט. אַרום האָט מען נאָר געהערט געשרײען: „סאַנניאָ!“ „היסטריאָ!“ (פּאַיאַץ, אַקטיאָר) „מוטער־מערדער!“

טײל האָבן געשריגן, אַז מ'דאַרף אים אַװעקשלעפּן און אַרײַנװאַרפֿן אין טיבער, אַנדערע, אַז רױם האָט שױן גענוג געדולדעט. ס'איז נכּר געװען, אַז פֿון די דאָזיקע דראָונגען קען אַרױסקומען אָן אָפֿענער בונט, װעלכער קען יעדער מינוט אױסברעכן, עס זאָל

זיך נאָר געפינען אַן אָנפירער. דערווייל זאָל זיין דער כעס און די פאַרצווייפלונג פונעם המון געווענדט קעגן די פּרעטאָריאַנער, וועלכע האָבן זיך נאָך אויך צוליב דעם נישט געקענט אַרויסבאַקומען פונעם געדראַנג, ווייל דער וועג איז געווען פאַרצוימט מיט גאַנצע בערגער זאַכן, וועלכע זענען אויף דער גיך אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון פייער: קאַסטנס און פעסלעך מיט שפייז, טייער מעבל, געפעסן, קינדער־וויגלעך, בעטגעוואַנט, וועגנס און האַנט־טראַגעס.

דאָ און דאָרט איז געקומען צו צוזאַמענשטויסן, אָבער די פּרעטאָריאַנער האָבן זיך לייכט אַן עצה געגעבן מיט דעם אומבאַוואָפנטן פעבל.

אַדורכהאַקנדיק מיט שווערייקייטן דעם לאַטיינישן, נומידישן, אַרדעישן, לוווינישן און אַסטישן וועג, אַרומרינגלענדיק ווילעס־גערטנער, בית־עלמינס און טעמפּלען, איז וויניציוס ענדלעך צוגעקומען צום שטעטל מיטן נאָמען וויקוס אַלעקסאַנדרי, ביי וועלכן ער איז אַריבער דעם טייך. דאָרט איז שוין געווען גערוימער און ווייניקער רויך.

פון די אַנטרונענע, וועלכע האָבן, פונדעסטוועגן, אויך דאָ נישט געפעלט, האָט ער זיך דערוווסט, אַז נאָר אַ טייל געסלעך אויף יענער זייט טיבער זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון די פלאַמען, אָבער אַז קיין שום אָרט וועט מן הסתם נישט ניצול ווערן פון פייער, ווייל עס זענען פאַרהאַן מענטשן, וועלכע לייגן ספּעציעל אונטער פייער און דערלויבן נישט צו ראַטעווען, שרייענדיק, אַז זיי טוען דאָס לויט אַ באַפעל. דער יונגער טריבון האָט שוין איצט נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק, אַז דאָס האָט דער צעזאַר טאַקע געהייסן אונטערצינדן רוים, און די נקמה, נאָך וועלכער דער המון האָט געלעכצט, האָט אים אויסגעוויזן גערעכט און יושרדיק. וואָס נאָך ערגערס וואָלט שוין מיטרידאַט אָדער אַן אַנדערער פאַרביסענער שונא פון רוים געקענט טון? די מאָס איז שוין איבערגעפילט געווען, דאָס ווילדקייט איז שוין צו מוראדיק געוואָרן און דאָס לעבן פון די מענטשן שוין צו אומדערטרעגלעך צוליב דעם.

וויניציוש האָט אויך געגלייבט, אַז נעראָנס שעה האָט געשלאָגן, און אַז די דאָזיקע חורבות, אין וועלכע די שטאָט צעפאַלט זיך, דאַרפן און מוזן באַגראָבן אונטער זיך אויך דעם מאוימדיקן פּאַלאַץ, צוזאַמען מיט זיינע אַלע פאַרברעכנס. ווען עס זאָל זיך נאָר געפינען אַ גענוג דרייסטער מאַן, וועלכער זאָל זיך שטעלן אָן דער שפּיץ פון דער פאַרצווייפלטער מאַסע, קען דאָס געשען אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה. דאָ האָבן דרייסטע נקמה-פולע מחשבות גענומען דורכגיין דורך וויניציושקאָפּ. און ווען ער זאָל דאָס טון? די פאַמיליע וויניציוש, וועלכע האָט ביז דער לעצטער צייט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ גאַנצע רייע קאָנסולן, איז באַקאַנט געווען אין גאַנץ רוים. די מאַסן דאַרפן נאָר אַ נאָמען. איז דאָך שוין איינמאָל, צוליב דעם טויט-משפט אויף פיר הונדערט שקלאַפן פון פּרעפעקט פּעדאַניוס סעקונדאַ, שיער נישט געקומען צו אַ בונט און אַ בירגער-קריג, וואָס זשע דאַרף נאָך געשען היינט, צוליב אַזאַ אומגליק, וועלכעס שטייגט אַריבער אַלע אומגליקן, וועלכע רוים האָט געליטן אין משך פון גאַנצע אַכטהונדערט יאָר? ווער עס וועט איצט רופן די קוויריטן צום געווער (האָט וויניציוש געטראַכט), דער וועט זיכער שטירצן נעראָנען און אַליין זיך אָנקליידן אינעם פּורפּור, פאַרוואָס זשע זאָל ער דען דאָס נישט טון? ער איז קרעפטיקער, טיכטיקער און יינגער פון די איבעריקע אויגוסטער... אמת, נעראָן באַפעלט נאָך מיט דרייסיק לעגיאָנען, וועלכע שטייען ביי די גרענעצן פון דער מלוכה, אָבער צי וועלן דען די לעגיאָנען און זייערע אָנפירער אויך נישט אויפגעבראַכט ווערן ביי דער ידיעה וועגן אונטערצינדן רוים מיט אירע טעמפּלען?... און דאַן וואָלט ער, וויניציוש, געקענט ווערן צעזאַר. שעפּטשעט מען דאָך שוין לאַנג צווישן די אויגוסטער, אַז עפּעס אַ נביא האָט פאַרויסגעזאָגט אָטהאָנען דעם פּורפּור. מיט וואָס זשע איז ער ערגער? אפשר וואָלט אים אויך קריסטוס בייהילפיק געווען מיט זיין געטלעכער מאַכט? אפשר גיט ער אים דאָס איין אַזעלכע געדאַנקען?

— ווען דאָס זאָל מקוים ווערן! — האָט וויניציוש גערופן פון דער טיף. ער וואָלט זיך דאַן נוקם געווען אָן נעראָנען פאַר

די כּוונות, וועלכע ליגן אין אויסגעשטאַנען, פֿאַר זיין שרעק, ער וואָלט איינגעפֿירט די הערשאַפֿט פֿון יושר און אמת ער וואָלט פֿאַרשפּרייט דעם גלויבן פֿון קריסטוסן פֿון פּרת ביז די נעפּלדיקע ברעגן פֿון בריטאַניע, און ער וואָלט ליגיען אָנגעטאָן דעם פּורפּור און געמאַכט זי פֿאַר די הערשערין פֿון דער ערד.

אָבער דידאָזיקע מחשבות, וועלכע זענען אַרויס פֿון זיין קאָפּ, ווי גאַרבן פֿונקען פֿון אַ ברענענדיק הויז, זענען אויך פֿאַרלאָשן געוואָרן ווי פֿונקען. קודם כּל איז נייטיק געווען צו ראַטעווען ליגיען. ער האָט איצט גוט געזען דאָס אומגליק פֿון דער נאָנט. און ווידער אַמאָל האָט אים באַהערשט אַ מורא, און פּנים אל פּנים מיט דעמדאָזיקן ים פֿייער און רויך, פּנים אל פּנים מיט דער שרעקלעכער ווירקלעכקייט, איז יעדער צוטרויען, מיט וועלכן ער האָט געגלייבט, אַז אַפּאָסטאָל פּעטרוס וועט רעטן ליגיען, געגנצלעך אָפּגעשטאָרבן אין זיין האַרץ. דער יאוש האָט אים ווידער אַרומגענומען, אַרויסקומענדיק אַלזאָ אויף וויאַ פּאָרטוענסיס, וועלכע פֿירט גלייך אויף יענער זייט טיבער, איז ער אין אַזאַ פֿאַרשטיינערטן צושטאַנד געבליבן, ביז ער איז צוגעקומען צום טויער, ווו מ׳האָט אים נאָכאַמאָל געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס די פּליטים האָבן אים שוין פֿריער געהאַט דערציילט, אַז די גרעסטע טייל פֿון דעם קוואַרטאַל איז נאָך נישט אַרומגענומען פֿון פֿייער, כאָטש דאָס פֿייער האָט זיך שוין אויך עטלעכע ערטער איבערגעוואָרפֿן איבערן טייך.

יענע זייט טיבער איז פֿינדעסטוועגן אויך פֿול געווען מיט רויך און אַנטלויפֿנדיקע, דורך וועלכע עס איז שווער געווען זיך דורכצושטופּן דערפֿאַר, ווייל דאָ האָבן די איינוווינער, האָבנדיק מער צייט, געראַטעוועט און אַרויסגעטראָגן מער זאַכן, דער גאַנצער פֿאָרט-וועג איז געווען פֿאַרלייגט מיט זיי און לעבן נאַומאַכיאַ אויגוסטאַ זענען געווען אָנגעוואָרפֿן גאַנצע בערגער. די ענגערע געסעלעך, ווו דער רויך האָט זיך אָנגעזאַמלט פֿיל געדיכטער, זענען פּשוט נישט צוגענגלעך געווען. די איינוווינער זענען פֿון דאָרט אַנטלאָפֿן אין די טויזנטער, וויניציוש האָט אויפֿן וועג געזען גרוילעכע סצענעס. טיילמאָל האָבן צוויי שטראָמען מענטשן, וועלכע זענען אָנגעקומען פֿון צוויי קעגנאיבערדיקע זייטן, זיך גע-

שטויסן איינע אויף די אַנדערע און געקעמפּט צווישן זיך אויף טויט. מענטשן האָבן זיך געשלאָגן און געטרעטן איינער דעם אַנדערן. פאַמיליעס האָבן זיך פאַרלוירן אין געדראַנג, מוטערס האָבן פאַרצווייפלט גערופן זייערע קינדער.

וויניציושן האָבן זיך די האָר קאַפּויערגעשטעלט ביים געדאַנק, וואָס עס מוז זיך טון נעענטער צום פייער. אינם ליאַרם און טומל איז שווער געווען זיך עפּעס אויסצופרעגן אָדער צו פאַרשטיין די אַלע קולות. טיילמאָל האָבן זיך פון יענער זייט טייך אַריבערגעקייקלט נייע שוואַרצע כמאַרעס רויך, אַזעלכע שווערע, אַז זיי האָבן זיך געדוקט האַרט ביי דער ערד, פאַרדעקנדיק די הייזער, די מענטשן און אַלץ אַרום, אַזוי ווי אַ פינסטערע נאַכט. אָבער דער ווינט, וועלכער איז געקומען פון דער שׂרפה, האָט זיי צעבלאָזן, און דאַן האָט וויניציוש געקענט זיך ווייטער רוקן צום געסל, וווּ ליגוסעס הויז האָט זיך געפינען. די יולי־היץ, וועלכע איז נאָך שטאַרקער געוואָרן צוליב דער בראַנד, וועלכע האָט געשלאָגן פון די ברענענדיקע קוואַרטאַלן, איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. דער רויך האָט געביסן אין די אויגן, אין דער ברוסט האָט אויסגעפעלט אָטעם. אפילו די פון די איינוווינער, וועלכע האָבן געהאָפט, אַז דאָס פייער וועט נישט אַריבער דעם טייך און זענען דעריבער ביז איצט געבליבן אין די הייזער, האָבן איצט אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן זיי. און דאָס געדראַנג איז מיט יעדער שעה גרעסער געוואָרן.

די פּרעטאָריאַנער, וועלכע האָבן באַגלייט וויניציושן, זענען געבליבן הינטערשטעליק. אינם געשטופּעריי האָט ווער מיט אַ האַמער פאַרוווּנדעט זיין פערד, וועלכעס האָט גענומען וואַרפן מיטן פאַרבלוטיקטן קאָפּ, שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס און נישט האָרכן דעם רייטער. לויט דער רייכער טוניקע האָט מען אין אים געקענט דערקענען אַן אויגוסטער, און באַלד האָבן זיך אַרום אים דערהערט געשרייען: „טויט נעראָנען און זיינע אונטערצינדער!“ דאָס איז געווען אַ געפערלעכער מאָמענט, וואָרים הונדערטער הענט האָבן זיך געשטרעקט צו וויניציושן, אָבער דאָס צעשראָקענע פערד האָט זיך געריסן און אים אַוועקגעטראָגן, צע-

טריטענדיק מענטשן, אין גלייכצייטיק איז אָנגעקומען אַ נייער וואָלקן שוואַרצער רויך און האָט די גאַנצע גאַס פאַרהילט אין פינסטערניש.

וויניציוש, זעענדיק, אַז ער וועט זיך נישט דורכשטופן, איז ענדלעך אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און האָט גענומען לויפן צו־פוס, שאַרנדיק זיך ביי די מויערן, און טיילמאָל האָט ער אָפּגעוואַרט ביז די מאַסע וועט פאַרביי. אין האַרצן האָט ער געטראַכט, אַז דאָס זעענען אומזיסטע באַמיִונגען. קען זיין, אַז ליגיע איז שוין נישטאָ אין שטאָט, מעגלעך, אַז אין דערזעלבער מינוט אַנטלויפט זי פון שטאָט. ס'איז שוין לייכטער געווען צוגעפינען אַ שפּילקע אויפן זאַמד ביים ברעג ים, ווי זי דאָ אין דעם געדראַנג און כאַאָס. ער האָט פונדעסטוועגן געוואָלט, ריזיקירנדיק אַפילו מיטן לעבן, צוקומען צו ליניוסעס הויז. טיילמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעריבן די אויגן. אָפּרייסנדיק אַ ברעג טוניק האָט ער זיך פאַרשטופּט די נאָז און דאָס מויל און איז ווייטער געלאָפן.

וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צום טייך, אַלץ שרעקלעכער איז די היץ געוואָרן. וויסנדיק, אַז די שׂריפה האָט זיך אָנגעהויבן ביים גרויסן צירק, האָט וויניציוש לכתחילה גערעכנט, אַז די היץ שלאָגט פון די גליִענדיקע חורבות, ווי אויך פון פאָרום באָאַריום און פון וועלאַבּרום, וועלכע געפינען זיך דערלעבן און זעענען געוויס אויך אַרומגענומען פון פייער. די היץ איז אָבער געוואָרן אומדערטרעגלעך. איינער, אַן אַלטער מאַן אויף קוליעס, דער לעצטער, וועמען וויניציוש האָט געזען אַנטלויפן, האָט אויסגעשריגן: „ניי נישט צו צעסטיוסעס בריק, די גאַנצע אינדזל איז אין פייער"! און ס'איז שוין טאַקע נישט מעגלעך געווען ווייטער זיך צו נאַרן. ביים עק וויקוס יודאַעאָרום, וווּ ליניוסעס הויז איז געשטאַנען, האָט דער יונגער טריבון דערזען צווישן די וואָלקנס אַ פלאַם, עס האָט געברענט נישט נאָר די אינדזל, נאָר אויך דער צווייטער ברעג טיבער, יעדנפאַלס דער צווייטער עק גאַס, וווּ ליגיע האָט געוווינט.

וויניציוש האָט פונדעסטוועגן געדענקט, אַז ליניוסעס הויז איז אַרומגערינגלט געווען מיט אַ גאָרטן, הינטער וועלכן אין דער זייט פון טיבער האָט זיך געצויגן אַ נישט זייער גרויסער ליידיקער

גלאַנץ. דאָס האָט אים געגעבן האָפענונג. ס'איז מעגלעך, אַז דאָס פייער האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן ליידיקן אָרט. מיט דער האָפענונג איז ער גענומען לויפן ווייטער. כמעט יעדער בלאָז פון ווינט האָט שוין אויסער רויך מיטגעבראַכט אויך טויזנטער פונקען, וועלכע האָבן געקענט אונטערצינדן דאָס געסל פון דער צווייטער זייט און אָפּשניידן דעם צוריקגאַנג.

ענדלעך האָט ער דורך דעם רויך־שלייער דערזען די ציפּרעסן פון ליגוסעס גאָרטן. די הייזער, וועלכע זיינען געשטאַנען הינטער דעם ליידיקן פּלאַץ, האָבן שוין געפלאַקערט, ווי טרוקענע שייטערס האָלץ אָבער ליגוסעס קליינע „אינסולאַ" איז נאָך געשטאַנען אומבאַרירט. וויניציוש האָט מיט דאַנקבאַרקייט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און איז צו צום הויז, כאָטש די לופט האָט אים שוין אָנגעהויבן ברענען. די טיר איז געווען פאַרמאַכט, אָבער ער האָט זי אַ שטויס געטאָן און איז אַריין אינעווייניק.

אין גערטל איז קיין לעבעדיקער נפש נישט געווען און אויך דאָס הויז האָט אויסגעזען צו זיין אינגאַנצן פּוסט.

— אפשר חלשן זיי פון רויך און היץ — האָט וויניציוש אַ טראַכט געטאָן.

און ער האָט גענומען רופן:

— ליגיע! ליגיע!

עס האָט אים געענטפערט אַ טיפע שטילקייט. אין דער שטילקייט האָט מען נאָר געהערט דאָס קנאַקן פון פייער פון ווייט.

— ליגיע!

פּלוצלינג האָט זיך צו זיינע אויערן דערטראָגן יענע גרוילעכע ברומען, וועלכעס ער האָט שוין איינמאָל געהערט אין דעם גערטל. אויף דער נאָענטער אינדזל האָבן, ווייזט אויס, אָנגעהויבן ברענען די וויוואַריעס, וועלכע געפינען זיך נישט ווייט פון עסקולאַפּס טעמפּל, און אין וועלכע די פאַרשידענע חיות און צווישן זיי אויך לייבן האָבן אָנגעהויבן ברומען פון שרעק. וויניציושן איז אַדורך אַ שוידער פון קאָפּ ביז צו די פיס. אָט לאָזן זיך די דאָזיקע

מאויםדיקע קולות שוין צום צווייט מאָל הערן ג׳יאָד אין דעם מאָ-
מענט, ווען ער איז איינגאַנצן פאַרטיפט אין געדאַנקען וועגן לי-
גיען, דיזאָזיקע שרעקלעכע קולות לאָזן זיך הערן, ווי אַן אָנ-
זאָג אויף אַן אומגליק, ווי אַ בייזע ובאות אויף אַ ביטערער צו-
קונפט.

דאָס זענען אָבער געווען קורצע, מאָמענטאַלע איינדרוקן,
וואָרים נאָך שרעקלעכער פון ברומען פון די חיות האָט דאָס קנאַלן
פון פייער דערמאָנט, אַז מ׳דאַרף טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש.
ליגיע האָט טאַקע נישט געענטפערט אויף דעם רוף, אָבער עס
קען זיין, אַז זי ליגט פאַרחלשט אָדער דערשטיקט פון רויך אין
דעם מסוכנדיקן הויז.

וויניציוש איז אַריין אין די צימערן פון הויז. אין קליינעם
אַטריום איז געווען פינסטער פון רויך. זוכנדיק מיט די
הענט די טיר, וועלכע פירט אין די קוביקולומס, האָט ער דער-
זען אַ צאַנקענדיק פלעמל פון אַ לעמפל, און צוגייענדיק נענטער,
האָט ער דערזען דאָס לאַראַריום, אין וועלכן עס איז אָנשטאָט
לאַרן געווען אַ קרייץ. אונטער דעם קרייץ האָט געברענט אַ קאַנאַ-
ניק. דורכן קאָפּ פונעם יונגן עקזאַלטירטן מאַן האָט זיך בליץ-שנעל
דורכגעטראָגן אַ געדאַנק, אַז דאָס האָט אים דערדאָזיקער קרייץ
צוגעשיקט דאָס פלעמל, מיט וועלכן ער וועט גיכער געפינען ליגי-
ען. ער האָט אַלזאָ גענומען דאָס קאַנאַניקל און האָט אָנגעהויבן
אַרומזוכן די קוביקולומס. געפינענדיק איינעם, האָט ער אויפגע-
הויבן די פאָרהאַנג און, צושטעלנדיק זיך מיטן קאַנאַניקל, האָט ער
גענומען זיך אַרומקוקן.

אָבער אויך דאָ איז קיינער נישט געווען. וויניציוש איז
אָבער זיכער געווען, אַז ער איז אין ליגיעס קוביקולום, וואָרים
אויף אַ נאָגל, וועלכער האָט געשטעקט אין דער וואַנט, זענען גע-
האָנגען אירע קליידער און אויפן בעט איז געלעגן דאָס „קאַפּיט-
יום", ד. ה. אַ געפּאַסט העמד, וועלכעס די פרויען טראָגן אויפן
בלויזן לייב. וויניציוש האָט דאָס געכאַפּט, האָט עס צוגעדריקט צו
די ליפּן און, פאַרוואַרפנדיק עס זיך אויפן אַקסל, איז ער ווייטער

נעלאָפן זוכן. דאָס הייזל איז געווען אַ קליינס. ער האָט עס אַלזאַ אינגיכן דורך און דורך געזוכט, אפילו די קעלערס אויך. אָבער ער האָט אין ערגעץ נישט געפונען קיין לעבעדיק נפש. איצט האָט מען שוין גאַנץ באַשיינפערלעך געקענט זען, אַז ליגיעלינוס און אורסוס זענען צוזאַמען מיט אַלע איינוואוינער פון דעם קוואַרטאַל אַנטלאָפן פון דער שרפה.

— מ'דאַרף זיי זוכן צווישן המון הינטער די שטאָט-טויערן — האָט וויניציוש געטראַכט.

עס האָט אים נישט שטאַרק געוווּנדערט דאָס, וואָס ער האָט זיי נישט באַגעגנט אויף וויאַ פּאָרטועגסיס, ווייל זיי האָבן דאָך געקענט אוועק פון הינטערן טיבער דורך דער צווייטער זייט, אין דער ריכטונג פון וואַטיקאַנער באַרג. אַלענפאַלס זענען זיי דאָך לכל הפחות פון פייער געראַטעוועט. וויניציוש איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. אמת, ער האָט געזען, מיט וויפיל סכנות אויך דאָס אַנטלויפן איז פאַרבונדן, אָבער ער האָט געהאָפט אויף אורסוסעס איבערמענטשלעכער גבורה.

— איצט מוז איך — האָט ער געטראַכט — אַנטלויפן, וואָס שנעלער פונדאַנען און איבערבאַקומען זיך דורך דאָמיציוסעס גערטנער אין אַגריפינעס גערטנער אַריין. דאָרט וועל איך זיי געפינען. דער רויך איז דאָרט נישט אַזוי שרעקלעך, ווייל דער ווינט בלאָזט פון די סאַבינער בערג.

און ס'איז שוין געווען די העכסטע צייט צו טראַכטן וועגן אייגענעם לעבן, וואָרים די פלאַמען פייער זענען שוין אָנגעקומען וואָס אַמאָל נענטער פון דער אינדזל, און קנוילן רויך האָבן דאָס גאַנצע געסל כמעט פאַרדעקט. דאָס קאַגאַניקל, מיט וועלכן ער האָט זיך צוגעלויכטן אין הויז, איז פון אַ צוג-ווינט פאַרלאָשן געוואָרן.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, איז וויניציוש איצט געלאָפן מיטן גאַנצן אימפּעט צו וויאַ פּאָרטועגסיס, אין דערזעלבער ריכטונג, פונוואַנען ער איז אָנגעקומען, און די פלאַמען האָבן אים ווי נאָכגעיאָגט מיט זייער פייערדיקן אָטעם, דאָ אַרומנעמענדיק אים מיט

נייע וואָלקנס רויך, דאָ באַשטענדיק אים מיט פּינקען, וועלכע זענען אים געפֿאַלן אויף די האָר, אויפֿן האַלדז און אויף די קליידער. דער טוניק אויף אים האָט אויף אייניקע ערטער אָנגעהויבן טליען. אָבער ער האָט נישט געקוקט דערויף און איז ווייטער געלאָפֿן אין שרעק, דער רויך זאָל אים נישט דערשטיקן. אין מויל האָט ער געפֿילט אַ טעם פֿון טשאַד און סאַדזע, די קעל און די לונגען האָבן אים געגליט ווי פֿייער. דאָס בלוט האָט אים געשלאָגן צום קאָפּ אַזוי, אַז מאָמענטנווייז האָט אים אַלץ אויסגעזען רויט, און אַפֿילו דער רויך האָט אים אויך אויסגעוויזן צו זיין רויט. דאַן האָט ער שוין אין זיך אַ טראַכט געטון: „דאָס איז אַ לעבעדיק פֿייער! עס איז שוין בעסער אַנידערצוואַרפֿן זיך אויף דער ערד און שטאַרבן". דאָס לויפֿן האָט אים וואָס ווייטער אַלץ מער געמאַטערט. דער קאָפּ, דער האַלדז, דער רוקן זענען אים באַגאָסן געוואָרן מיט שווייס. און דער שווייס ווידער האָט אים געבריט ווי זידיק וואַסער. ווען נישט ליגיעס נאָמען, וועלכן ער האָט כסדר געהאַט אין זינען, און ווען נישט דער קאַפּיטום אירער, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעוויקלט דאָס מויל, וואָלט ער זיכער געפֿאַלן. אין עטלעכע מינוט אַרום אָבער האָט ער שוין אָנגעהויבן נישט צו דערקענען די געסלעך, דורך וועלכע ער איז געלאָפֿן. אין ביסלעכווייז האָט אים דאָס באַוווסטזיין פֿאַרלאָזט, ער האָט נאָר געדענקט, אַז ער מוז אַנטלויפֿן, ווייל אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד וואַרט אויף אים ליגיע. וועלכע פּעטרוס אַפּאָסטאָל האָט אים צוגעזאָגט. און פּלוצלינג האָט אים אַרומגענומען עפּעס אַ וווּנדערלעכע, האַלב פֿיבערהאַפֿטע זיכערקייט, ענלעך צו אַ גסיסה־זעונג, אַז ער מוז זי נאָך זען, זי מקדש זיין און באַלד דערנאָך שטאַרבן.

ער איז שוין אָבער געלאָפֿן, ווי אַ שיכורער, וואַקלענדיק זיך פֿון איין זייט גאַס צו דער צווייטער. און פּלוצלינג האָט זיך עפּעס געביטן אין דעם מוראדיקן פֿייער, וועלכעס האָט אַרומגענומען די ריזיקע שטאָט. אַלץ, וואָס האָט נאָך ביז איצט נאָר געטליעט, האָט אויסגעשאָסן אין איין ים פֿלאַמען, ווייל דער ווינט האָט אויפֿגעהערט אָנצוברענגען רויך, און דעם רויך, וועלכער האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט אין די געסלעך, האָט אַ האַזטיקער צוג פֿון

דער אָנגעגליטער לופט צעטריבן. דערזעלבער צוג האָט איצט אָנגעיאָגט מיליאָנען פינקען, אַזוי, אַז ווינציוש איז געלאָפן ווי אין אַ פייער-כמאַרע, אָבער דערפאַר האָט ער בעסער געקענט זען פאַר זיך, און אין דערזעלבער רגע ווען ער האָט גאָר וואָס געזאָלט אַנידערפאַלן, האָט ער דערזען דעם עק פון געסל. דאָס האָט אים ווידער צוגעגעבן כוחות, און דורכלויפנדיק דעם ראָג-גאַס, האָט ער זיך געפונען אויף דער גאַס, וועלכע פירט צו וואַ פאָרטשענס׳ס און צום קאָדעטאַנער פלאַץ. די פונקען האָבן אים אויפגעהערט נאָכיאָגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב אים וועט געלונגען צוצולויפן ביז צום פאָרט-וועג, וועט ער זיין גערעטעט, אפילו ווען ער זאָל דאָרט בלייבן חלשות.

ביים סוף גאַס האָט ער ווידער דערזען עפּעס ווי כמאַרעס — וועלכע האָבן פאַרשטעלט דעם אַרויסגאַנג. „אויב דאָס איז רויך — האָט ער געטראַכט — וועל איך שוין נישט אַדורך". ער איז געלאָפן מיט די לעצטע כוחות. אויפן וועג האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טוניק, וועלכער האָט טליענדיק שוין גענומען אים ברענען, ווי בעסוסעס העמד, און ער איז געלאָפן אַ נאַקעטער, בלויז מיט ליגיעס קאַציטיום אויפן קאָפּ און איבערן מויל. צוקומענדיק נענטער, האָט ער דערזען, אַז דאָס, וואָס ער האָט אָנגענומען פאַר אַ רויך, איז גאָר אַ גרויסער שטויב, פון וועלכן עס האָבן זיך נאָך אויך געהערט מענטשלעכע קולות און געשרייען.

— דאָס ערב-רב ראַבירט די הייזער — האָט ער אַ טראַכט געטון.

דאָך איז ער געלאָפן אין דער ריכטונג פון די קולות. ווי ס׳זאָל נישט זיין זענען דאָך דאָרטן דאָ מענטשן, וועלכע קענען אים געבן הילף. מיט דער האָפענונג האָט ער אָנגעהויבן, נאָך איידער ער איז צוגעקומען, מיטן גאַנצן כח צו שרייען נאָך הילף. אָבער דאָס איז שוין געווען זיין לעצטע אָנשטרענגונג. די אויגן זענען אים נאָך מער רויט געוואָרן, אין די לונגען האָט אים פאַרפעלט אָטעם, אין די ביינער — כח און ער איז אַנידערגעפאַלן

מ'האָט אים אָבער דערהערט, דער ריכטיקער — דערזען, און צוויי מענטשן זענען געלאָפן אים צו הילף מיט פולע עמערס וואַסער! וויניציוש, וועלכער איז געפאַלן פון פאַרמאַטערטקייט, אָבער נישט פאַרלירנדיק דאָס באַוווסטזיין, האָט אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט די כלי און האָט אויסגעטרונקען ביז אין דער העלפט.

— אַ דאַנק — האָט ער געזאָגט — שטעלט מיך אויף די פיס, ווייטער וועל איך שוין אַליין גיין!

דער צווייטער אַרבעטער האָט אים באַגאָסן דעם קאָפּ מיט וואַסער און ביידע האָבן אים נישט נאָר געשטעלט אויף די פיס, נאָר זיי האָבן אים אויך אויפגעהויבן און צוגעטראָגן צו אַ צווייטער גרופע, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט און זאָרגפעלטיק באַטראַכט, צי ער איז נישט ערנסט פאַרוווּנדעט. דידאָזיקע טריישאַפט האָט וויניציושן געוווּנדערט.

— מענטשן — האָט ער געפרעגט — ווער זענט איר?

— מיר לייגן איין די הייזער, כדי דאָס פייער זאָל נישט קענען צוקומען צום פאָרט-וועג — האָט איינער פון די אַרבעטער געענטפערט.

— איר זענט מיר געקומען צו הילף אינם מאָמענט, ווען כ'בין שוין געפאַלן. אַ דאַנק אייך.

— מיר טאָרן נישט אָפּזאָגן קיינעם צו העלפן — האָבן עטלעכע שטימען זיך אָפּגערופן.

דאַן האָט וויניציוש, וועלכער האָט פון דער פרי אָן געזען נאָר צעווילדעטע מאַסן, געשלעגערייען און רויבערייען, אַ קוק געטון אויפמערקזאַמער אויף די געזיכטער אַרום אים און האָט געזאָגט:

— זאָל אייך קריסטוס... באַלוינען.

— געלויבט איז דער נאָמען זיינער! — האָט אַ כאָר פון שטימען אויסגערופן.

— לינוס?... האָט וויניציוש געפרעגט.

אָבער ער האָט ווייטער נישט געקענט פרעגן און ער האָט

שוין דעם ענטפער נישט דערהערט, דען פון צופיל געפילן און נאָך די אַלע אָנשטרענגונגען, האָט ער געחלשט. ער איז צו זיך געקומען ערשט אויפן קאַדעטאַנזער פעלד, אין אַ גאָרטן, זעענדיק זיך צרומגערינגלט דורך עטלעכע פרויען און מענער, און די ערשטע ווערטער, וועלכע ער האָט אַרויסגערעדט, זענען געווען:

— ווו איז ליגוס?

אַ ווײַלע איז קיין ענטפער נישט געווען, דערנאָך האָט עפּעס אַ באַקאַנטע שטים זיך אָנגערופן:

— הינטערן נאָמענטאַנער טויער: ער איז אַוועק אין אָסטריאַנום... מיט צוויי טעג צוריק... פרידן צו דיר, פּערסישער מלך!

ווינציוש האָט זיך אונטערגעהויבן און געזעצט, דערזעענדיק אומגעריכט איבער זיך כילאָנען.

דער גריך האָט געזאָגט:

— דײַן הויז, האַר, איז זיכער פאַרברענט געוואָרן, ווײַל קאַרינען זענען אין פלאַמען, אָבער דו וועסט נאָך אַלץ בלייבן רײַך, ווי מידאַס. אַ, וואָס פאַר אַן אומגליק! די קריסטן, זון פון סעראַפּיס, האָבן שוין לאַנג פאַרויסגעזאָגט, אַז די שטאָט וועט אונטערגיין אין פײַער... און ליגוס צוזאַמען מיט דער טאָכטער יופּיטערס זענען אין אָסטריאַנום... אָ! וואָס פאַר אַ בראַך אויף דער שטאָט איז געקומען!

ווינציוש האָט זיך ווידער דערפילט שלעכט.

— האָסט זיי געזען? — האָט ער געפרעגט.

— כ'האָב זיי געזען, האַר!... אַ דאַנק קריסטוסן און אַלע געטער דערפאַר, וואָס איך קען דיר מיט אַ גוטער בשורה אָפּצאָלן פאַר די אַלע חסדים דײַנע. אָבער איך וועל דיר, אָזיריס, נאָך מער אָפּצאָלן, איך שווער דיר בײַ אָט דעם ברענענדיקן רוים.

עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, אָבער אין גאָרטן איז געווען ליכטיק, ווי באַטאָג, ווײַל דאָס פײַער איז דערווײַל נאָך גרעסער געוואָרן. עס האָט זיך געדוכטן, אַז עס פלאַקערן שוין נישט נאָר

איינציקע קווארטאלן, נאָר די גאַנצע שטאָט, ווי לאַנג און ברייט זי איז. דער הימל איז געווען רויט, ווי ווייט מ׳האָט מיטן אויג גע־קענט גרייכן און אויף דער וועלט איז אָנגעשטאַנען א רויטע נאַכט.

XLVI.

דער פייער-גלוט פון דער ברענענדיקער שטאָט האָט פאַר־ גאָסן דעם הימל אַזוי ברייט, ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט דער־ בליקן. פון הינטער די בערג איז קאַפּויערגעקומען אַ גרויסע און גולע לבנה, וועלכע איז באַלד צעבּגעגליט געוואָרן פון די שרפה-אָפּשיי־ נען און, באַקומענדיק דעם קאָליר פון צעגליט קופּער, האָט זי ווי פאַרוואונדערט געקוקט אויף דער אונטערגייענדיקער וועלט-שטאָט. אין די פאַרויטלטע הימל תהומען האָבן געלויכטן אויך רויטע שטערן, נאָר אין קעגנזאַץ צו אַלע געוויינטלעכע נעכט, איז די ערד גע־ ווען העלער, ווי דער הימל. רום האָט ווי אַ ריזיקער שייטער באַ־ לויכטן גאַנץ קאַמפּאַניען. ביי דער בלוט-רויטער באַלויכטונג האָט מען געזען אויך די ווייטערע בערגלעך, שטעט, ווילִיעס, טעמפּלען, מאָנומענטן און אַקוועדוקטן, וועלכע האָבן זיך פון אַלע ארומיקע בערג געצויגן צו דער שטאָט, און אויף די אַקוועדוקטן — געווימלען פון מענטשן, וועלכע האָבן דאָרט געפונען אַ מקום-מקלט, אָדער וועלכע האָבן זיך פון דאָרט צוגעקוקט צו דער שרפה.

דערווײַל האָט דער שרעקלעכער עלעמענט אַרומגענומען אַלע נײַע קוואַרטאַלן. עס איז קיין שום ספק נישט געווען, אַז פאַרברעכערישע הענט צינדן אונטער די שטאָט, וואָרים עס זענען אויסגעבראָכן אַלע נײַע שׂרפות אין ערטער, וועלכע זענען געווען ווײַט פון צענטער שטאָט, ד. ה. פון דער הויפּט-שׂרפה. פון די בערג, אויף וועלכע רוים איז געבויט געווען, זענען די פלאַמען, ווי די ים-כוואַליעס, אַראָפּגעפלאָסן אין די טאָלן, וועלכע זענען געווען געדיכט פאַרבויט מיט הײַזער, צו פינף און זעקס שטאָק, מיט בודן, קראָמען, הילצערנע באַוועגלעכע אַמפיטעאַטערן, וועלכע זענען צופעליק געשטעלט געוואָרן אויף פאַרשידענע פאָרשטעלונגען, און ענדלעך סקלאַדן פון האָלץ, בוימל, תּבואה, ניס, דרום שישקעס, וואָס מיט זייערע קערנער האָט זיך די אָרימע באַפעלקערונג געשפּײַזט, קליידער, וועלכע מ'האָט טיילמאָל מיטן צעזאַרס חסד געטיילט דער כאַליאַסטרע, וועלכע האָט זיך אויפגעהאַלטן אין די ענגע געסלעך.

דאָרט האָט די שׂרפה, געפונענדיק גענוג ברען-מאַטעריאַלן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ריי אויפרײַסן און האָט מיט אַן אומדערהערטער שנעלקייט אַרומגענומען גאַנצע גאַסן. די מענטשן, וועלכע האָבן געלאַגערט הינטער דער שטאָט, אָדער זענען געשטאַנען אויף די וואַסער-לייטונגען, האָבן לויט דער קאָליר פון פײַער געטראָפן, וואָס עס ברענט איצט. דער פירכטלעכער לופט-שטורם האָט טיילמאָל קאָפּויפגעהויבן פונם פײַער-ים טויזנטער און מיליאָנען צעגליטע שאָלן פון ניס און מאַנדלען, וועלכע האָבן ראַפּטום הויך קאָפּויפגעשאָסן, ווי אַן אומצייליקע מחנה גלאַנציקע שמעטערלינגען, און האָבן מיט אַ קנאַקערײַ געפּלאַצט אין דער לופטן, אָדער זענען געיאָגט דורכן ווינט אַראָפּגעפאַלן אויף אַנדערע קוואַרטאַלן, אויף די וואַסער-לייטונגען און אויף די פעלדער אַרום דער שטאָט. יעדער געדאַנק וועגן רעטונג איז געווען אַן אומזין. דאָס געפּילדער איז כּסדר גרעסער געוואָרן, וואָרים אין דער צײַט, וואָס פון איין זײַט איז די שטאָטישע באַפעלקערונג אַנטלאָפן דורך אַלע טויערן אַרויס פון שטאָט, האָט פון דער צווייטער זײַט די שׂרפה צוגעצויגן טויזנטער מענטשן פון דער אומגעגנט, אײַנוווינער פון

די קליינע שטעטלעך, ווי אויך פויערן און האלב-הילדע פאסטוכער פון קאמפאניען, וועלכע האבן געהאפט אויף דער מעגלעכקייט צו דאבירן.

דאס געשריי: „רוים גייט אונטער"! האט נישט אויפגעהערט, אין יענע צייטן אבער איז דער אונטערגאנג פון דער שטאט גלייכצייטיק אויך באטראכט געווארן אלס דער אונטערגאנג פון דער מאכט און פון אלע פארבאנדן, וועלכע האבן ביז איצט געבונדן און צונויפגעשמידט די באפעלקערונג אלס איין גאנצעס.

דער המון, וועלכער איז דאס רוב באשטאנען פון שקלאפן און גרים, וועלכער איז מיט גארנישט פאראינטערעסירט געווען אין רוימס הערשאפט און וועלכן די מהפכה האט נאר געקענט באפרייען פון די קייטן, האט דא און דארט געפערלעך זיך געהאלטן. עס האט זיך פארשפרייט געהאלט און רויבערייַ. עס האט אויסגעזען, אז בלויז נאר דאס בילד פון דעם אונטערגאנג פון דער שטאט שמידט נאך צו די מענטשלכע אויפמערקזאמקייט און האלט נאך איין דעם אויסברוך פון שתּ׳ית, וועלכעס וועט זיך אנהייבן גלייך באכדעם, ווי די שטאט וועט זיין פארוואנדלט אין חורבות. הונדערטער טויזנטער שקלאפן האבן, דאכט זיך, נאר געווארט אויף א סיגנאל און אן אנפירער, פארגעסנדיק, אז רוים באזיצט נאך אויסער די טעמפלען און מויערן אויך עטלעכע צענדליק לעגיאנען אין אלע עקן וועלט. מ׳האט אנגעהויבן דערמאנען דעם נאמען ספארטאקוס, — אבער קיין כפארטאקוס איז נישט געווען, — דערפאר אבער האבן די בירגער אנגעהויבן זיך פארייניקן און באוואפענען מיט וואס איינער האט געקענט.

איין ידיעה שרעקלעכער פאר דער צווייטער איז פארשפרייט געווארן איבער אלע טויערן פון דער שטאט. טייל האבן בזואגן אז דאס רייסט זיך א ווולקאן ארויס פון דער ערד און פארניכטעט, לויט יופיטערס באפעל, די שטאט מיט פייער, אנדערע ווידער, אז דאס איז זיך וועסטא ניקם צוליב דער וועסטאלקע רובריא. אין דער איבערצייגונג האבן מענטשן נישט געוואלט ראטעווען, אנשטאט דעם האבן זיי, באלאגערנדיק די טעמפלען, געבעטן,

רחמנות פון די געטער. אָבער צום מערסטן זענען געווען די קלאַנ-גען, אַז דאָס האָט דער צעזאַר געהייסן אונטערצינדן רוים, כדי פטור צו ווערן פון די געשטאַנקען, וועלכע טראָגן זיך פון סובור, און כדי דערנאָך אויפצובויען א נייע שטאָט מיטן נאָמען נעראָניאַ. און א שרעקלעכער ברימצאָרן האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, און ווען עס וואָלט זיך טאַקע, ווי וויניציוש האָט געטראַכט, געפינען אַן אַנפירער, וואָס וואָלט געוואָלט אויסנוצן דעמדאָזיקן שנאה-אויסברוך, וואָלט נעראָנס שעה געשלאָגן נאָך מיט פיל יאָרן פריִ-ער.

מ'האָט אויך געזאָגט, אַז דער צעזאַר איז משוגע געוואָרן אַז ער האָט געהייסן די פּרעטאָריאַנער און די גלאַדיאַטאָרן אַטאַ-קירן די באַפעלקערונג און מאַכן אַן אַלגעמיינע שחיטה. טייל האָבן געשוווירן ביי די געטער, אַז אַלע חיות זענען אַרויסגעלאָזט גע-וואָרן פון די וויוואַריעס, לויט אהענאָבאַרבעס באַפֿעל. מ'האָט גע-זען אין די גאַסן לייבן מיט ברענענדיקע גריוועס, און צעווילדע-וועטע העלפאַנטן, און טורן, וועלכע האָבן געטרעטן מאַסן מענטשן, פּיילוייז איז דאָס טאַקע אמת געווען, וואָרים אין טייל ערטער האָבן די העלפאַנטן, זעענדיק דאָז צוקומענדיקע פייער, צעשמע-טערט די שטייגן, און אַרויסקומענדיק אויף דער פריי, זענען זיי אין ווילדן געלויף געלאָפן אין דער קעגנייבערדיקער ריכטונג פון פייער, פאַרניכטנדיק אַלץ אויפן וועג, ווי אַ שטורם.

לויט די קלאַנגען זענען צענדליקער טויזנטער מענטשן אומ-געקומען אין פייער. און עס זענען באמת פיל אומגעקומען. עס זע-נען געווען אַזעלכע, וועלכע פאַרלירנדיק זייער פאַרמעגן אָדער די טייערסטע און ליבסטע זייערע, האָבן זיי זיך פון פאַרצווייפלונג אַליין געוואָרפן אין פייער אַריין. אַנדערע זענען דערשטיקט גע-וואָרן פון רויך. אין צענטער שטאָט, צווישן קאַפּיטאָל פון איין זייט און דעם קווירינאַל, ווימינאַל און עסקווילין פון דער צווייטער זייט, ווי אויך צווישן פּאַלאַטין און דעם קאַעליוס-באַרג, וווּ עס האָבן זיך געפונען די אַמגעדיכטסטן פאַרמויערטע גאַסן, איז די שרפה אויסגעבראָכן אין עטלעכע ערטער אויף אַמאָל, אַזוי, איז די מאַסן, וועלכע זענען צעטלאָפן פון איין זייט, האָבן אומגעריכט אָנגע-

טראָפּן אָן אַ צווייטער וואַנט פון פלאַמען פון דער צווייטער זייט און זענען אומגעקומען מיט אַ שרעקלעכן טויט און מבול פייער.

אין שרעק, טומל און צעמישטקייט האָט סוף כל סוף קיינער נישט געוווּסט, וווּ צו אַנטלויפן. די וועגן זענען געווען פאַרלייגט מיט זאַכן און אין טייל ערטער פשוט פאַרשפּאַרט. אויף די מערק און פּלעצער, דאָרט, וווּ עס איז שפּעטער אויפגעבויט געוואָרן פלאַוויוסעס אַמפיטעאַטער, לעבן דעם טעמפּל פון דער געטין ערד, לעבן פּאַרטיק פון ליוויאַ און נאָך העכער, לעבן די טעמפּלען פון יונאָנאַ און לוציגאַ, אויך צווישן קליווּס וויבריוס און דעם אַלטן עסקווילינער טויער זענען די מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָרט אַהין באַהאַלטן, געפינענדיק זיך אַרומגערינגלט מיט אַ ים פייער, אומגעקומען פון היץ. אויף די ערטער, וווּ דאָס פייער איז אפילו נישט צוגעקומען, האָט מען שפּעטער געפונען הונדערטער קערפּער אָפּגעבראָטן אויף קויל, כאָטש אויף טייל ערטער האָבן די אומגליקלעכע אַרויסגעריסן די שטיינערנע פּליטעס, און כדי צו שיצן זיך פאַר דער היץ, זיך איינגעגראָבן ביז אין דער העלפט אין דער ערד. כמעט קיין איין פאַמיליע פון די, וועלכע האָבן געוווינט אין צענטער שטאָט, איז נישט געראַטעוועט געוואָרן אינגאַנצן. דעריבער האָט מען אין דער לענג פון די שטאָט-מויערן און ביי אַלע טויערן און אויף אַלע וועגן געהערט דאָס פאַרצווייפלטע יאָמערן פון פרויען, וועלכע האָבן הויך גערופן די נעמען פון די, וועלכע זענען זיי פאַרלוירן געגאַנגען אין געדראַנג אָדער אין פייער.

און אַזוי איז אין דער צייט, וואָס אַ טייל האָבן געבעטן רחמנות פון די געטער, האָבן די אַנדערע זיי געלעסטערט צוליב דעם שרעקלעכן אומגליק, מ'האָט געקענט זען זקנים, וועלכע זענען געשטאַנען געווענדט צו דער זייט פונם טעמפּל יופּיטער ליבעראַטאָר אין, אויסציענדיק די הענט, האָבן זיי גערופן: „ביזט אַ רעטער, רעטע דיין מזבח און דיין שטאָט!“ די פאַרצווייפלונג איז פונדעסטוועגן בעווענדט געווען דער עיקר קעגן די אַלטע רוימישע געטער, וועלכע האָבן, לויט דער השגה פון דער באַפעלקערונג, באַדאַרפט מער פון אַלע וואַכן איבער דער שטאָט. זיי האָבן

זיך איצט אַרויסבאַוויזן מאַכטלאָז, האָט מען זיי, אַלזאָ, געשאָלטן.

דערפאַר אָבער איז אויך געשען, אַז בשעת אויף וויאַ אַטינבאַריאַ האָט זיך באַוויזן אַ מחנה עגיפּטישע פּריסטער, וואָס האָבן דורכגעפירט די סטאַטועס פון איזידאַ, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעראַטעוועט פון די טעמפּלען אין דער געגנט פון פּאָרטאַ קאַפּעליאַ, האָט דער המון זיך געוואָרפן אויף דער פּראָצעסיע, האָבן זיך איינגעשפּאַנט צום וואָגן, געשלעפּט אים ביז צום אַפּיער טויער און, כאַפּנדיק די סטאַטועס, האָבן זיי זי אַריינגעשטעלט אין מאַרס-טעמפּל, אַנשלאָגנדיק דערביי די פּריסטער פון דעם גאָט, וועלכע האָבן דערוואַגט זיך אַקעגנצושטעלן.

ערגעץ אַנדערש ווידער האָט מען געגרופן צו סעראַפּיס, בעל, יעהאָוואַ, וועמענס גלויביקע האָבן זיך אַרויסגעשיילט פון די געסלעך פון סובור און פון היינטערן טיבער און אָנגעפילט מיט ליאַרמען און געשרייען די פעלדער אַרום די שטאָט-מויערן.

אין זייערע געשרייען האָבן אָבער ווי געקלונגען טענער פון נצחון, און דעריבער, ווען אַ טייל פון דער באַפעלקערונג זענען צוגעשטאַנען צום כאָר, וועלכער האָט געלויבט דעם „רבונו של עולם“, האָבן אַנדערע, אויפגערעגט פון דערדאָזיקער שמחה, זיי מיט געוואַלט געפּרוווט איינשטילן. ווו נישט ווו האָט מען געהערט זינגען קרעכציקע מיידער, זקנים, פרויען און קינדער, וואונדערלעכע, פּייערלעכע נגונים, וואָס קיינער האָט זייער באַדייטונג נישט פאַרשטאַנען, אָבער אין וועלכע עס האָבן זיך אַלע ווייטע איבערגעחזרט די ווערטער: „עס קומט אָן דער שופט אין טאָג פון משפּט און קלאָג“. אַט אַזוי נאָך האָט די רוישיקע, שלאָפלאָזע מענטשן-כוואַליע, ווי אַ צעברויזטער ים, אַרומגערינגלט די ברענענדיקע שטאָט.

אָבער עס האָט נישט געהאָלפן נישט קיין יאוש, נישט קיין לעסטערונג, נישט קיין לויב-תפילות. דאָס אומגליק האָט אויסגעזען צו זיין אומבאַזיגלעך, אַנטגילטיק און אומברחמנותדיק, ווי דאָס מזל. לעבן פּאָמפּעיוס אַמפיטעאַטער האָבן זיך אָנגעצונדן די סקלאַדעס פון פלאַקס און ליאַנען, וועלכעס איז לרוב פאַרברויכט געוואָרן פאַר די צירקן, אַרענעס און פאַר פאַרשיידנסטע מאַשינען, וועלכע מ'האָט

באַנוצט בײַ די שפּילערײַען, אויך די דערלעבנדיקע געבײַדעס, אין וועלכע עס זענען געווען פּאַסלעך סמאָלע צום שמירן שטריק. אין משך פֿון וועלכע שעה האָט דערדאָזיקער גאַנצער שטאָט-טייל לעבן מאַרס-פֿעלד געלויכטן מיט אַזאַ העל-געלן פֿלאַקער, אַז די פֿון שרעק האַלב צעמישטע צוקוקער האָט זיך אַ געוויסע צײַט געדוכטן, דאָס צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער מהפּכה איז אויך די אָרדנונג פֿון טאָג און נאַכט צעמישט געוואָרן און אַז דאָס איז די שײַן פֿון דער זון. דערנאָך אָבער האָט איין אײַנהײַטלעכער בלוטיקער אָפּשײַן גובר געווען אַלע איבעריקע קאָלירן פֿון די פֿלאַמען. פֿונעם ים פֿײַער האָבן צום צעגליטן הימל קאַפּויערגעשאָסן פֿלאַמען ווי ריזיקע פֿאָנטאַנען און זײַלן, וועלכע האָבן זיך אינדערהייך צעשויבערט, ווי פֿײַערדיקע פֿעגזלען און פֿעדערן, דער ווינט ווידער האָט זיי מיטגעריסן, פֿאַרוואַנדלט זיי אין גאָלדענע פֿעדעם און האָריקע פֿינקען און געטראָגן זיי אַוועק ווײַט, ווײַט איבער קאַמפּאַניען, ביז צו די אַלבאַנער בערג. די נאַכט איז געוואָרן אַלץ ליכטיקער; עס האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז די לופֿט איז דורכגעזאַפּט נישט נאָר מיטן אָפּשײַן, נאָר אויך מיטן פֿײַער גופֿא. דער טיבער איז געפֿלאָסן מיט העל לעבעדיק פֿײַער. די אומגליקלעכע שטאָט איז פֿאַרוואַנדלט געווען אין איין גהינום. דאָס פֿײַער האָט אַרומגענומען אַלץ גרעסערע שטחים, גענומען מיט שטורעם די בערג, זיך צעגאָסן איבער די פֿלאַכקייטן, פֿאַרפֿלייצט די טאָלן, געבושעוועט, געברויזט, געקנאַלט.

XLV.

מאַקרינוס דער וועבער, צו וועמען אין הויז מ'האָט וויניציאַנישן אַריינגעטראָגן, האָט אים אַרומגעוואַשן, אים אָנגעטון אין בגדים און געגעבן צו עסן, דערנאָך האָט דער יינגער טריבון, קומענדיק צוריק צו די כּוחות, דערקלערט, אַז נאָך די זעלבע נאַכט נעמט ער זיך ווייטער צו זוכן ליגוס. מאַקרינ, וועלכער איז געווען אַ קריסט, האָט באַשטעטיקט כּילאָנס ווערטער, אַז ליגוס איז צוזאַמען מיטן עלטסטן גייסטלעכן קלעמענס אַוועק אין אַסטריאַנום, וווּ פּעטרוס האָט געזאָלט טויפן גאַנצע גרופּעס נייע אָנהענגער פון קריסטוסן.

אַלע קריסטן אין דעם קוואַרטאַל האָבן געוווּסט, אַז ליגוס האָט מיט צוויי טעג צוריק איבערגעגעבן די השגחה איבער זיין הויז אַ געווויסן גאַיוסן. דאָס האָט וויניציושן איבערצייגט, אַז נישט ליגיע, נישט אורסוס זענען נישט געבליבן אינדערהיים און אַז זיי זענען געוויס אויך מיט אַוועק אין אַסטריאַנום.

דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים פיל לייכטער געמאַכט אויפן

הארצן. ליגוס איז געווען אַן אַלטער מאַן, וועמען עס איז שווער געווען צוגיין צופוס פון הינטערן טיבער ביז צום ווייטן נאָמענטאַנער טויער און דערנאָך צוריק ביז הינטערן טיבער. ער איז הפנים אויף די עלטערע טעג פאַרבליבן ביי איינעם פון די מיט־גלויביקע הינטער דער שטאָט, און צוזאַמען מיט אים אויך ליגיע און אורסוס. אַזוינאָך האָבן זיי אויסגעמיטן די שרפה, וועלכע האָט זיך איבערהויפּט נישט אַריבערבאַקומען ביז אויפן צווייטן שפּיץ פונם עסקווילינער באַרג. וויניציוש האָט אין דעם אַלעמען געזען קריסטוסעס ווילן, ער האָט געפילט איבער זיך זיין השגחה, און איבערגעפילט אין האַרצן מיט ליבע מער ווי אַלעמאָל, האָט ער אין זיך צוגעשווירן אים אָפּצוצאָלן מיט זיין גאַנץ לעבן פאַר די דאָזיקע בולטע חסדים זיינע.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך איצט נאָכמער געאיילט קיין אָסטריאַנום. ער וועט דאָרט געפינען ליגיען, ליגוסן, פּעטרוסן און ער וועט זיי צונעמען ווייט פונדאַנען, אין איינעם פון זיינע גיטער, אפשר קיין סיציליען. רוים ברענט איצט, און אין עטלעכע טעג אַרום וועט פון איר בלייבן נאָר אַ באַרג חורבות, צו וואָס זשע זאָלן זיי דאָ בלייבן לעבן דעם אומגליק און צעווילדעוועטן המון? דאָרט וועלן זיי זיין אַרומגערינגלט מיט דיסציפּלינירטע שקלאַפן, מיט דאָרפישע שטילקייט און זיי וועלן זיך לעבן רויק, אונטער די פליגלען פון קריסטוסן, מיט פּעטרוסעס ברכה. זאָל ער זיי נאָר איצט געפונען!

דאָס איז אָבער נישט געווען קיין לייכטע זאַך. וויניציוש האָט געדענקט, ווי שווער עס איז אים אָנגעקומען זיך דורכצושלאָגן פון וויאַ אַפּיאַ ביז הינטערן טיבער און ווי ער האָט געמוזט אַרומקרייזן, אום צוצוקומען ביזן פאָרט וועג, ער האָט דעריבער איצט באַשלאָסן אַרומצוגיין די שטאָט פון דער צווייטער זייט.

גייענדיק מיטן טריומף־וועג, לענגויס דעם טייך, האָט מען געקענט צוקומען ביז דער עמיליוס־בריק, פון דאָרט, פאַרביי פּינציוס, לענגויס דעם מאַרס־פעלד, לעבן די גערטנער פון פּאָמפּעיוס, לוקולאַ און סאַלוסטיוס האָט מען געקענט צוקומען ביז וויאַ נאָמענטאַנאַ. דאָס איז געווען דער קורצסטער וועג, אָבער נישט מאַקרי־

נוס, נישט כילאָן האָבן אים געעצהט גיין מיט דעם וועג. דאָס פּייער האָט נאָך טאַקע נישט צערומגענומען ביז איצט יענעם שטאָטטייל, אָבער אַלע פּלעצער און גאַסן קענען שוין זיין פאַרלייגט און פאַרפולט מיט מענטשן און זאַכן. כילאָן האָט אים צוגערעדט צו גיין דורך אַגער וואַטיקאַנוס ביז פּאָרטאַ פלאַמיניאַ, דאָרט אַריבערגיין דעם טייך און ווייטער גיין פון יענער זייט מויער, נאָך אַציליוסעס גערטנער, ביז פּאָרטאַ סאַלאַריאַ. וויניציוש האָט, נאָך אַ מינוט וואַקלען זיך, איינגעשטימט מיט דער עצה.

מאַקרינוס האָט געמוזט איבערבלייבן היטן דאָס הויז, אָבער ער האָט פאַר זייערטוועגן ערגעץ באַקומען צוויי מויל-אייזלען, וועלכע האָבן געקענט צו נוץ קומען אויך פאַר דער ווייטערדיקער רייזע פאַר ליגיען. ער האָט אים אויך געוואָלט מיטגעבן אַ שקלאַף, אָבער וויניציוש האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון, רעכענענדיק, אַז אַזוי ווי אַהערצוועגס וועט אויך איצט די ערשטע בעסטע פּרעטאָריאַנער אָפּטיילונג, וועלכע ער וועט אָנטרעפן אויפן וועג, אים נאָכגיין אויף זיין באַפעל.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי ביידע, ער און כילאָן, אַוועק דורך פּאַגוס יאַניקולענסיס צום טריומף-וועג. אויף די אָפענע פּלעצער זענען דאָ אויך געווען לאַגערן, דאָ האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן פיל לייכטער דורכגעשטופּט, ווייל דער גרעסטער טייל איינוווינער זענען אַנטלאָפן דורכן פּאָרט-וועג. הינטערן סעפּטימיאַנער טויער זענען זיי געפאָרן צווישן דעם טייך און די פּרעכטיקע דאָמיציוס-גערטנער, וווּ די ריזיקע ציפּריסן האָבן אינגאַנצן געלויכטן אין רויטן שיין פון דער שרפה, ווי אין שיין פון זון-אונטערגאַנג. דער וועג איז געוואָרן פרייער. זעלטן נאָר איז זיי אויסגעקומען צו קעמפן מיט אַ שטראָם אָנקומענדיקע דאָרפס-לייט. וויניציוש האָט מיט אַלע קרעפטן געטריבן זיין אייזל, און כילאָן, פאָרנדיק הינטער אים, האָט איבערן גאַנצן וועג גערעדט מיט זיך אַליין:

— אָט איז שוין דאָס פייער הינטער אונדז און עס וואַרעמט אונדז אין די פּלייצעס. ס'איז נאָך קיינמאָל דאָ אויף דעם וועג נישט געווען אַזוי ליכטיק בנאַכט. אָ, צעוס! אויב דו וועסט נישט

אראפלאזן קיין שלאקס-רעגן אויף דער שרפה, וועט עס זיין א סימן, אז דו האסט רוים נישט ליב. קיין שום מענטשלעכע הענט זענען נישט אימשטאנד צו פארלעשן דאסדאזיקע פייער, אזא שטאט, וועמען גריכנלאנד און די גאנצע וועלט האט געדינט! און איצט וועט דער ערשטער בעסטער גריך קענען בראטן באב אויף איר אש! ווער וואלט זיך דאס געריכט!... און עס וועט שוין מער נישט זיין קיין רוים, נישט קיין רוימישע מושלים... און וועמען עס וועט זיך פארגלוסטן ארומצוגיין און פייפן איבער די חורבות, ווען זיי וועלן אפגעקילט ווערן, דער וועט מעגן פייפן אן מורא. א געטער! פייפן איבער אזא וועלט-באצווינגערישע שטאט! ווער פון די גריכן, אדער אפילו פון די בארבארן האט זיך געקענט ריכטן אויף אזא סוף?... און פונדעסטוועגן מעג מען פייפן, ווייל א בארג אש, צי עס איז איבערגעבליבן נאך א פייער, וואס פאסטוכער האבן אי־בערגעלאזט, צי נאך א פארברענטער שטאט, איז עס דאך נישט מער ווי א בארג אש, וועלכעס א ווינט וועט פריער, צי שפעטער פאנאנדערבלאזן אין אלע זייטן.

אזוי רעדנדיק, האט ער זיך פון צייט צו צייט אומגעקוקט פון דער זייט פון פייער מיט א בייז און גלייכצייטיק אויך דערפרייט געזיכט. דערנאך האט ער ווייטער גערעדט:

— אונטערגאנג! אונטערגאנג! און זי וועט זיין אפגעמעקט פון דער ערד. וווהין וועט איצט די וועלט שיקן איר תבואה, איר אייל און איר געלט? ווער וועט איצט אויספרעסן פון דער וועלט גאלד און טרערן? מארמאר ווערט נישט פארברענט, אבער עס ברעקלט זיך אין פייער. דער קאפיטאל וועט בלייבן אין חורבות און דער פאלאטין אין חורבות. א, צעוס! רוים איז געווען ווי א פאסטוך און אלע פעלקער ווי שאף, ווען דער פאסטוך איז געווען הונגעריק האט ער געקוילעט א שעפעלע, האט אויפגעגעסן דאס פלייש און דיר, פאטער פון די געטער, האט ער מקריב געווען די פעל ווער, א, וואלקן-הערשער, וועט איצט שחטן און אין וועמענס הענט וועסטו איצט איבערגעבן די פאסטוכער-בייטש? ווארים רוים ברענט, ווי דו, פאטער, וואלסט זי אליין מיט א דונער אונטערגע־צונדן.

— אײל זיך! — האָט אים וויניציוש אונטערגעזאָגט — וואָס טוסטו דאָרט?

— כ'וויין איבער רוימס גורל, האַר — האָט כילאָן געענטפערט — אַזאַ יופּיטער-שטאָט!...

און זיי זענען אַזוי אַ צייט געפאָרן שווייגנדיק אין קנאַקן פון פייער און אין רויש פון די פויגלעשע פליגל. די טויבן, וועלכע האָבן מאַסנווייז גענעסט אין די ווילעס און אין די קאַמפּאַנישע שטעטלעך, און אויך די פאַרשידנסטע מינים ווילדע פייגל פון אַבערן ים און פון די אַרומיקע בערג, אַננעמענדיק, ווייזט אויס, דעם אָפּשיין פון דער שרפה פאַר זון-שיין, זענען זיי מחנותווייז געפלויגן גלייך אין פייער אַריין.

וויניציוש האָט דער ערשטער איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— ווו ביסטו געווען, ווען דאָס פייער האָט אויסגעבראָכן?

— איך בין גראָד געגאַנגען צו מיין פריינט עריציוסן, וועלכער האָט געהאַלטן אַ קרעמל לעבן גרויסן צירק, און כ'בין מיר אַזוי פאַרזונקען געווען אין מחשבות וועגן קריסטוסן, ווי פּלוצלינג האָט מען אָנגעהויבן שרייען: „ס'ברענט”! מענטשן זענען זיך צונויפגעלאָפן צום צירק, כדי צו ראַטעווען און אויך אויס נייגיריקייט, אָבער ווען די פלאַמען האָבן אַרומגענומען דעם גאַנצן צירק און אויסער דעם האָבן זיי זיך גלייכצייטיק אָנגעהויבן ווייזן אויף נאָך פיל ערטער, האָט מען שוין געמוזט קלערן וועגן ראַטעווען ס'אייגענע נפש.

— צי האָסטו געזען מענטשן, וואָס זאָלן האָבן געוואָרפן פלאַמען אין די הייזער?

— וואָס האָב איך דען נישט געזען, אייניקל פון ענעאַש! כ'האָב געזען מענטשן, וועלכע האָבן זיך מיט כלי-זיין אין די הענט געמאַכט אַ וועג צווישן עולם, כ'האָב געזען געשלעגן און געזען צעטרעטן מענטשלעכע געדערים אויפן ברוק. אָך, האַר, ווען דו וואָלסט דאָס געזען, וואָלסטו געמיינט, אַז די באַרבאַרן האָבן איינגענומען די שטאָט און מאַכן אָן שחיטות. אַלע האָבן געשריגן, אַז ס'איז שוין געקומען דער סוף פון דער וועלט. טייל האָבן זיך גאָר איבגאַנצן פאַרלוירן, און נישט פרווונדיק צו אַנטלויפן, האָבן

זיי טעמפ געווארט, ביז די פלאַמען האָבן זיי אַרומגענומען. אַנדערע זענען אַראָפּ פון זינען, אַנדערע האָבן געוואָיעט פון פאַרצווייפלונג, כ'האָב אָבער געזען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן געוואָיעט פון פרייד, וואָרים עס זענען, האַר, אויף דער וועלט פאַראַן פיל שלעכטע מענטשן, וועלכע ווייסן נישט, ווי אָפּצושאַצן די חסדים פון אייער מילדער הערשאַפט און פון אייערע יושרדיקע געזעצן, אויפן גרונט פון וועלכע איר נעמט ביי אַלעמען צו וואָס איינער פאַרמאָגט פאַר אייערטוועגן. מענטשן קענען בשום אופן נישט צו־געוווינען זיך צום ווילן פון די געטער!

וויניציוש איז צופיל פאַרטיפט געווען אין זיינע מחשבות, אום צו באַמערקן די איראָניע, וועלכע האָט געציטערט אין כילאָנס רייד. אַ שוידער האָט אים דורכגענומען ביים בלויזן געדאַנק, אַז ליגיע האָט זיך געקענט געפינען אין דעם כאַאָס, אויף דיזאָזיקע שרעקלעכע גאַסן, ווו מ'האָט צעטרעטן מענטשלעכע געדערים. און דעריבער, כאָטש ער האָט שוין אפשר צען מאָל אויסגעפרעגט כילאָנען וועגן אַלעם, וואָס ער האָט געזען, האָט ער זיך נאָך איין־מאָל צו אים געווענדט:

— דו האָסט זיי מיט דיינע אויגן געזען אין אָסטריאַ־נום?

— כ'האָב זיי געזען, זון פון ווענערא, כ'האָב געזען דאָס מיידל, דעם גוטן ליגיער, דעם הייליקן לינוס און דעם אַפּאָסטאָל פעטרוס.

— פאַר דער שרפה?

— פאַר דער שרפה, מיטראַ!

אָבער ביי וויניציושן איז געבוירן געוואָרן אַ ספק, צי כילאָן באַרט אים נישט. אָפּשטעלנדיק גלוא זיין אייזל, האָט ער דראָענד אַ קוק געטון אויף דעם אַלטן גריך און האָט אים געפרעגט:

— וואָס האָסטו דאָרט געטון?

כילאָן איז צעמישט געוואָרן. אמת, דאָס אַזוי ווי פיל אַנדערע האָט ער אויך געמיינט, אַז צוזאַמען מיטן אונטערגאַנג פון רוים איז אויך געקומען אַ סוף צו רוימס מאַכט, אָבער דערווייל איז ער געווען אויג אויף אויג מיט וויניציושן און ער האָט געדענקט, אַז

דער האָט אים שרעקלעך מתרה געווען פאַר נאָכשפּירן די קריסטן און איבערהויפּט ליגוסן און ליגיען.

— האַר — האָט ער געזאָגט — פאַרוואָס גלייבסטו מיר נישט, אַז איך ליב זיי? יאָ! כ׳בין געווען אין אַסטריאַנום, ווייל איך בין אַ האַלבער קריסט. פּיראָן האָט מיך געלערנט צו שעצן די מאָראַל מער, ווי די פילאָזאָפיע, איך טוליע זיך דעריבער אַלץ מער צו אָרנטלעכע לייט. אויסערדעם, אָ האַר, בין איך אָרים, און אין דער צייט, וואָס דו, יופּיטער, האָסט זיך געוויילט אין אַנציום, בין איך דאָ שיער נישט געשטאָרבן פאַר הונגער, זיצנדיק איבער די ביכער, איך פלעג זיך דעריבער אַוועקזעצן ביי די טויערן פון אַסטריאַנום, וואָרים די קריסטן, כאָטש זיי זענען אַליין אויך אָרים, גיבן זיי פונדעסטוועגן מער נדבות, ווי אַלע רוימישע בירגער צוזאַמענגענומען.

דערדאָזיקער תירוץ האָט וויניציוישן אויסגעוויזן צו זיין גענוגנד. ער האָט אַלזאָ שוין מיט ווייניקער צאָרן געפרעגט:

— און דו ווייסט נישט, וווּ ליגיע האָט זיך דורך דער צייט אויפגעהאַלטן?

— דו האָסט מיך שוין איינמאָל, האַר, האַרב באַשטראָפט פאַר נייגיריקייט — האָט דער גריך געענטפערט.

וויניציוש איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיי זענען געפאָרן ווייטער.

— האַר, — האָט כילאָן אין אַ ווילע אַרום זיך אָנגערופן — דו וואָלסט נישט געפינען דאָס מיידל, ווען נישט איך, און אויב מיר וועלן זי געפינען, וועסטו נישט פאַרגעסן אָן דעם אָרימען פילאָזאָף?

— דו וועסט באַקומען אַ הויז מיט אַ ווייגאָרטן לעבן אַמעריאָלאַ — האָט וויניציוש געענטפערט.

— אַ דאַנק דיר, הערקולעס! מיט אַ ווייגאָרטן? ... כ׳דאַנק דיר! אָט אַזוי! מיט אַ ווייגאָרטן!

זיי זענען פאַרביי די וואַטיקאַן בערג, וועלכע האָבן זיך איצט געראָטלט פון דעם שרפה-אָפשיין, אָבער הינטער באַומאַכיאַ האָבן זיי פאַרקירעוועט אויף רעכטס, כדי אַדורכהאָקנדיק דאָס

וואַטיקאַן-פעלד ציצוקומען צום טייך און, אַריבערקומענדיק איבער אים, דערגרייכן ביז פּאָרטאַ פלאַמיניאַ. אינדעם האָט כילאָן אָפּגעשטעלט זיין אייזל און געזאָגט:

— האַר! עס איז מיר איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק.

— זאָג — האָט וויניציוש געענטפערט.

— צווישן די יאַניקולער און וואַטיקאַנער בערג, הינטער אַגריפּינאַס גערטנער זענען פאַרהאַן גרובן, פונוואַנען מ'האָט אויסגעהאַקט שטיינער און זאַמד פאַר נעראָנס צירק-געביידע. האָרך מיך האַר! אין די לעצטע צייטן האָבן די יידן, וועלכע זענען, ווי דו ווייסט, זייער פיל דאָ הינטערן טיבער, אָנגעהויבן שרעקלעך צו רודפן די קריסטן. דו געדענקסט דאָך, אז נאָך אין די צייטן פון געטלעכן קלודיוס זענען דאָרט פאָרגעקומען אַזעלכע אומרוען, אז ער איז געווען געניייט זיי אַרויסצוטרייבן פון רוים. היינט ווען זיי זענען צוריקגעקומען און פילן זיך זיכער אונטער אויגוסטינס שוץ, האָבן זיי זיך גענומען נאָך העזהדיקער צו רודפן די קריסטן. איך האָב דאָס געזען! כ'ווייס עס גוט! קיין שום עדיקט קעגן די קריסטן איז נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן, אָבער די יידן באַשולדיקן זיי פאַרן שטאָט-פּרעפעקט, אז זיי מאָרדן קינדער, דינען צו אַן אייזל און פאַרשפּרייטן אַ לערע, וועלכע איז נישט אָנערקענט דורכן סענאַט, אויסערדעם שלאָגן זיי אַליין די קריסטן, באַפאַלן זייערע געבעט-הייזער מיט אַזאַ שנאה, אַז די קריסטן מוזן זיך פאַר זיי באַהאַלטן.

— וואָס זשע ווילסטו דערמיט זאָגן? — האָט וויניציוש געפרעגט.

— דאָס, האַר, וויל איך זאָגן, אַז סינאַגאָגעס זענען דאָ בפרהסיא הינטערן טיבער, אָבער די קריסטן, ווילנדיק אויסמיידן רדיפות, מוזן זיי זיך באַהאַלטן אום תפילה צו טון, אָדער זיי זאַמלען זיך צונויף אין פוסטע שאָפּעס הינטער דער שטאָט, אָדער אין די אַרענאַריעס. די, וועלכע וווינען הינטערן טיבער, האָבן זיך אָפּגעקליבן טאַקע די הייל, וועלכע זענען אַנטשטאַנען צוליב די שטיינער, וואָס מ'האָט פון דאָרטן אויסגעהאַקט צום בויען דעם

צירק און אַנדערע הייזער לעבן טיבער. איצט, ווען די שטאָט גייט אונטער, זעגען קריסטוסעס גלויביקע געוויס מתפלל. מיר וועלן זיי מאָסנווייז איצט געפינען אין די היילן, דעריבער רעד איך דיך צו, האַר, מיר זאָלן איבערן וועג דאָרט אָפּטראָגטן.

— דו האָסט דאָך געזאָגט. אַז ליגוס איז אַוועק אין אָסטריאַנום ! — האָט ווינציוש אומגעדולדיק אויסגערופן.

— און דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט אַ הויז מיט אַ ווייַנגאָרטן הינטער אַמעריאָל, — האָט כילאָן געענטפערט — דעריבער וויל איך זוכן דאָס מיידל אומעטום, ווו איך האָב נאָר אַ האָפענונג זי צו געפינען. עס איז מעגלעך, אַז נאָכן אויסברוך פון דער שרפה האָבן זיי צוריקגעקערט אויף יענער זייט טיבער. זיי האָבן געקענט אַרומרינגלען די שטאָט אַזוי, ווי מיר איצט. ליגוס האָט אַן אייגן הויז, און ער האָט אפשר געוואָלט זיך געפינען נענטער צו זיין הויז, כדי צו זען, צי דאָס פייער וועט אויך יענע געגנט אַרומכאַפּן. אויב זיי האָבן זיך אומגעקערט, דאַן שווער איך דיר, האַר, ביי פּערסאָפאָנען, אַז מיר וועלן זיי געפינען תפילה טוענדיק אין דער הייל. און אין ערגסטן פאַל וועלן מיר באַקומען ידיעות וועגן זיי.

— האָסט רעכט, פיר מיך — האָט דער טריבון געזאָגט.

כילאָן האָט גלייך פאַרקירעוועט אויף לינקס, צום באַרגאַ ווייַלע האָט די שרפה אַזוי פאַרשטעלט פאַר זיי דעם באַרג, אַז כאָטש די באַנטע הויכקייטן זענען געווען העל באַלויכטן, האָבן זיי זיך געפונען אין שאָטן. מיידנדיק דעם צירק, האָבן זיי נאָך פאַרקירעוועט אויף לינקס און זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ מין צווישן-געבירג, ווו עס איז געווען גאַנץ פינסטער. אָבער אין דער פינסטערניש האָט ווינציוש דערזען מענגעס פינקלענדיקע לאַמטערנדלעך.

— אָט זענען זיי! — האָט כילאָן געזאָגט — זיי וועלן זיך היינט דאָ צונויפזאַמלען מער ווי אַלעמאָל, ווייל אַלע אַנדערע געבעט-הייזער זענען אָפּגעברענט, אָדער פול מיט רויך, אַזוי ווי דער גאַנצער דאָזיקער קוואַרטאַל.

— יאָ, כ׳האָב געזאָגט — האָט ווינציוש געזאָגט.

און עס האָבן זיך טאַקע פון דער ספּאַנונג אין באַרג דערטראָגן מענטשלעכע זינגענדיקע שטימען און די פייערלעך זענען איינס נאָכן צווייטן דאָרט פאַרשוווּנדן. אָבער פון די זייטיקע צווישן־געבירגן האָבן כסדר אַרויסגעשלייכט אַלץ נייע געשטאַלטן, אַזוי, אַז אינגיכן האָבן זיך וויניציוש און כילאָן געפונען צווישן אַ המון מענטשן.

כילאָן איז אַראָפּ פון מויל־אייזל, און צורופנדיק אַ יונגל, וועלכער איז גראָד דורכגעגאַנגען, האָט ער אים געזאָגט:

— איך בין קריסטוסעס אַ פּריסטער און אַ בישאָף. גיב דאָ אַכטונג אויף אונדזערע אייזלען, וועל איך דיר געבן מיין ברכה און וועל דיר פאַרגעבן דיינע זינד.

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער אים אַריינגעשטעקט די לייצן אין דער האַנט און צוזאַמען מיט וויניציושן האָט ער זיך אויסגעמישט מיט דעם המון.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי אַריינגעקומען אין אַן אונטערערדישער הייל און ביים שוואַכן שיין פון די לאַמטערנדלעך זענען זיי ווייטער געגאַנגען אין אַ מין פינסטערן קאָרידאָר, ביז זיי זענען אַרויסגעקומען אין אַזאַ גערוימער הייל, פונוואַנען מ׳האָט אַפּנים פריִער געהאַקט שטיינער, ווייל אָן די ווענט האָט מען דערקענט פרישן שטיין־ברוך.

דאָרט איז שוין געווען ליכטיקער, ווי אין קאָרידאָר, ווייל אויסער די קאַגאַניקעס און לאַמטערנדלעך האָבן נאָך אויך געברענט פלאַקערן. ביים דאָזיקן ליכט האָט וויניציוש דערזען אַ גרויסן עולם אויף די קניען, מיט אויפגעהויבענע הענט. ליגיען, דעם אַפּאָסטאָל פעטרוסן און לינוסן האָט ער אין ערגעץ נישט באַמערקט. אַרום זיך האָט ער געזען נאָר פייערלעכע, געפילפולע געזיכטער. אויף אַ טייל פון זיי איז ניכר געווען דערוואַרטונג, צעטומלונג, האָפנונג. די שיין האָט זיך אָפּגעשלאָגן אָן דעם ווייסאַפּל פון די קאַפּויערגעגלאָצטע אויגן, דער שווייס איז גערונען איבער די ווי קרייד ווייסע שטערנס; טייל האָבן געזונגען לידער, אַנדערע האָבן בערהאַפּט כסדר איבערגעחזרט דעם נאָמען יעזוס, נאָך אַנדערע האָבן זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט. אויף זיי אַלע איז ניכר גע־

וען, אַז זיי ריכטן זיך יעדע מינוט זאָל עפּעס וווּנדערלעכס געשען.

פּלוצלינג זענען די לידער אַנטשוויגן געוואָרן און איבער די פאַרזאַמלטע אין דער נישע, וועלכע איז געשטאַנען נאָכן אַרויסנעמען אַ גרויסן פעלז, האָט זיך באַוויזן וויניציוסעס גוט באַקאַנטער קריספּוס, מיט אַ האַלב-צעמישטן, בלייך, פאַנאַטיש און שטרענג געזיכט. אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט צו אים, ווי זיי וואָלטן דערוואַרט ווערטער פון טרייסט און האָפענונג, און ער, איבערצלמענדיק די פאַרזאַמלטע, האָט אָנגעהויבן רעדן שנעל, כמעט שרייענדיק:

— קלאָגט אויף אייערע זינד, דען די שעה איז געקומען, ענדלעך האָט גאָט אָנגעשיקט אויף דער שטאָט פון רציחה און זנות, אויף דעם נייעם בבל אַ פייער פון פאַרטיליקונג. עס האָט געשלאָגן די שעה פון משפט, גרימצאָרן און מפּלה... גאָט האָט צוגעזאָגט צו קומען און באַלד וועט איר אים דערזען! אָבער ער וועט שוין איצט נישט קומען אַלס שעפעלע, וואָס האָט זיין בלוט אַוועקגעשענקט פאַר אייערע זינד, נאָר אַלס מוראדיקער שופט, וועלכער וועט מיט זיין גערעכטיקייט שטויסן אין תהום אַריין די זינדיקע און נישט גלויביקע... ווי דער וועלט, ווי די זינדיקע, דען עס וועט שוין פאַר זיי קיין רחמנות נישט זיין... איך זע דיך, קריסטוס! די שטערן פאַלן, ווי אַ רעגן אויף דער ערד! די זון ווערט פינצטער, די ערד שפּאַלט זיך און די מתים שטייען אויף; און דו באַווייזט זיך מיט קולות פון שופרות, מיט בליץ און דונער, אַרומגערינגלט מיט מחנות מלאכים. איך זע דיך און הער דיך, אָ, קריסטוס!

דאָ איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און אויפהייבנדיק זיין געזיכט, האָט ער זיך ווי איינגעקוקט אין עפּעס ווייטס און שרעקלעכס. און פּלוצלינג האָט אין דער הייל אָפּגעהילכט אַ טויבער דונער, איינער, דער צווייטער און דער צענטער. דאָס האָבן אין דער ברענענדיקער שטאָט גאַנצע גאַסן ברענענדיקע הייזער גענומען איינפאַלן מיט אַ געדונער. דאָס רוב פון די קריסטן אָבער האָבן די דאָזיקע דונערן אָנגענומען פאַר בולטע סימנים, אַז די

שרעקלעכע שעה קומט אָן, וואָרים דער גלויבן אין קריסטוסעס צווייטן דערשייַנען און אין דעם גיכן סוף פון דער וועלט איז אַזוי אויך געווען זייער פאַרשפּרייט צווישן זיי און איצט איז דאָס נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן צוליב דער שׂרפה פון דער שטאָט. און גאָטס פּחד איז אויף די פאַרזאַמלטע געפאַלן. פיל שטימען האָבן גענומען רופן: „דער יום־הדין! ... ער קומט” טייל האָבן זיך מיט די הענט פאַרדעקט די פּנימער, זייענדיק זיכער, אַז באַלד וועט די ערד געשטירצט ווערן פון אירע פונדאַמענטן און פון איר בויך וועלן אַרויס טייוולאַנישע בעסטיעס, וועלכע וועלן זיך וואַרפן אויף די זינדיקע. אַנדערע האָבן גערופן: „קריסטוס דערבאַרעם זיך! גואל אונדזערער, זיי באַרמהאַרציק! ...” נאָך אַנדערע האָבן אויפן קול זיך מתוודה געווען, א טייל ווידער האָבן זיך גאָר אומגעאַרעמט, כּדי אין דער שרעקלעכער מינוט צו האָבן לעבן זיך זייערע ליבע און נאָנטע.

עס זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס זייערע געזיכטער זענען שוין געווען געלייטערט מיט אַן איבערערדישן שיין און תענוג און זיי האָבן קיין שום פּחד נישט אַרויסגעוויזן. פון עטלעכע ערטער האָט מען דערהערט אויסרופן. דאָס האָבן מענטשן אין רעליגיעז עקסטאַז גענומען אויסרופן אומפאַרשטענדלעכע ווערטער אין אומפאַרשטענדלעכע לשונות. איינער האָט פון א טונקעלן הייל־ווינקל אויסגערופן: „וואַך אויף, דו, וועלכער שלאָפסט!” און איבער אַלע האָט זיך געטראָגן קריספּוסעס קול: „זייט וואַך! זייט וואַך!”

מינוטנווייז אָבער איז שטיל געוואָרן, ווי אַלע וואָלטן פאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם אין דער ברוסט, געוואַרט דערויף, וואָס עס דאַרף באַלד געשען. און דאַן האָט מען געקענט הערן די ווייטע דונערן פון די איינפאַלנדיקע שטאָט־קוואַרטאַלן, נאָך וועלכן די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אָפּגערופן מיט קרעכצן, תּפילות, קולות און אויסרופן: „גואל אונדזערער, דערבאַרעם זיך!” טיילמאָל האָט קריספּוס זיך אָפּגערופן מיט געשרייען: „זאָגט זיך אָפּ פון יעדן ערדישן גוטס, ווייל באַלד וועט די ערד אונטער אייערע פיס חרוב ווערן! זאָגט זיך אָפּ פון יעדער ערדישער ליבע, וואָרים גאָט

זעט פאַרטיליקן די, וועלכע האָבן זייערע ווייבער און קינדער ליב געהאַט מער ווי אים. וויי צו דעם, וועד ס'האָט דאָס וועלט געליבט מער, ווי דעם באַשעפער וויי צו די רייכע! וויי צו די געניסנדיקע! וויי צו די אויסגעלאַסענע! וויי צו די מענער, צו די פרויען, צו די קינדער!..."

פלוצלינג האָט אַ דונער, מעכטיקער ווי די פריערדיקע, אויפגעטרייסלט די גאַנצע שטיינבראָך-הייל. אַלע זענען געפאַלן אויף דער ערד, אויסשפרייטנדיק די הענט אין אַ קרייץ, כדי מיט דעמדאָזיק געשטאַלט צו ווערן זיך פאַר די רוח־ות־רעות. ס'איז געוואָרן שטיל, אַזוי, אַז מ'האָט נאָר געהערט דאָס האַסטיק-שנעלע אָטעמען און דאָס איבערגעשראָקענע פליסטערן: "יעזוס, יעזוס, יעזוס!" און ווי ביִשט ווי אַ געוויין פון קליינע קינדער. אינדעם האָט איבער דערדאָזיקער ליגנדיקער מענטשן-מאַסע אַ רויִקע שטים זיך אָפּגערופן:

— פרידן צו אייך!

דאָס איז געווען די שטים פון אַפּאָסטאָל פּעטרוס, וועלכער איז מיט אַ ווײַלע פריער אַריין אין הייל. ביים קלאַנג פון זיין שטים איז די שרעק אין איין מינוט פאַרשוונדן, ווי עס פאַרשווינדט דער שרעק פון דער סטאַדע, וועלכע האָבן זייער פּאַסטוך צוריקבאַקומען. מענטשן האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, די בענטערע האָבן זיך גענומען טוליען צו זיינע קני, ווי זיי וואָלטן געזוכט שוץ אונטער זיינע פליגלען; און ער האָט אויסגעשפּרייט די הענט איבער זיי און געזאָגט:

— פאַרוואָס שרעקן זיך אייערע הערצער אַזוי? ווער פון אייך קען דען וויסן, וואָס אים איז באַשערט, איידער די שעה איז געקומען? גאָט האָט געשטראָפט בבל מיט פייער, אָבער אויף אייך, וועלכע דאָס טויף-וואַסער האָט אָפּגעשווענקט, און אויף וועמענס זינד דאָס בלוט פונם שעפעלע האָט מכפּר געווען, וועט גאָט זיין רחמים פאַרשפּרייטן און איר וועט שטאַרבן מיט זיין נאָמען אויף אייערע ליפּן. פרידן צו אייך!

נאָך קריכפיסעס גרוילעכע און בייזע רייד, זענען די רייד פון פּעטרוסן געפאַלן, ווי אַ באַלזאַם אויף די פאַרזאָמלטע. אַנ-

שטאַט דער פּחד פון גאָט, האָט זיי באַהערשט די ליבע פון גאָט זיי האָבן צוריקגעפונען אַזאַ קריסטוסן, וועלכן זיי האָבן ליב באַקומען פון די צפאַסטאָלן-מעשיות, נישט קיין ביינן שופט, נאָר אַ ליב און געדולדיק שעפעלע, וועמענס באַרמהאַרציקייט עס שטייגט איבער אַלדאָס מענטשלעכס בייז. אַלע האָבן דערפילט אַ פאַרלייכטערונג, און בטחון צוזאַמען מיט דאַנקלעכקייט צום אַפּאָסטאָל האָט אַנגעפולט אַלעמענס הערצער. פון אַלע זייטן האָט מען געהערט רופן: „מיר זענען דיינע שאָף, פּיטער אונדז!“ די נענטערע האָבן געזאָגט „פאַרלאָז אונדז נישט אין טאָג פון אומגליק“. און זיי האָבן צונידערגעקניט ביי זיינע פיס. דערזעענדיק דאָס, איז וויניציוש צוגעגאַנגען, האָט אָנגענומען אַ ברעג פון זיין מאַנטל און, אַראָפּבייגנדיק דעם קאָפּ, האָט ער געזאָגט:

— האַר, ראַטעווע מיך! כ'האָב זי געזוכט אין רויך פון דער שרפה, געדראַנג פון מענטשן און האָב זי אין ערגעץ נישט געקענט געפינען, אָבער איך גלייב, אַז דו קענסט זי מיר אומקערן.

פּעטרוס האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיין קאָפּ און האָט געענטפערט:

— האָב בטחון און קום מיט מיר.

XLVI.

די שטאָט האָט כסדר געברענט, דער גרויסער צירק איז שוין אינגאַנצן געווען אין חורבות, דערנאָך האָבן גענומען אײַנפאַלן גאַנצע גאַסן און הינזערגעסלעך אין די קוואַרטאַלן, וווּ די שׂרפה האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן. נאָך יעדן שמעטער אַזעלכן האָבן אין איין מינוט זײַלן פלאַמען זיך געגעבן אַ הייב ביז צום הימל. דער ווינט האָט זיך געביטן און האָט איצט שטאַרק געבלאָזן פון דער זײַט פון ים, אַנטראָגנדיק אויף צאַפּליוס, איף עסקווילינוס און אויף ווימינאַליס גאַנצע שטראָמען פײַער, האָלאַוועשקעס און קוילן.

איצט אָבער האָט מען שוין געטראַכט וועגן ראַטעווען. לויט טיגעלינס באַפעל, וועלכער איז אויפן דריטן טאָג געקומען פון אַנציום, האָט מען גענומען אײַנוואַרפן די הײַזער אויף עסקווילין, כדי דאָס פײַער זאָל, אָנטרעפנדיק אויף פוסטע ערטער, אַליין פון זיך פאַרלאָשן ווערן. דאָס איז אָבער נאָר געווען אַ נישטיקע רעטונג מיטן

ציל אָפּצוראַטעווען נאָך דעם שריד ופליט פון דער שטאָט, וואָרים וועגן ראַטעווען דאָס, וואָס האָט שוין געברענט, איז גאָרנישט געווען אפילו וואָס צו קלערן. ס'איז אויך נויטיק געווען צו באַוואָרענען פאַר ווייטערדיקע אומגליקן. צוזאַמען מיט רוים איז אומגעקומען אויך אומגעהייערע רייכטימער, איז אומגעקומען דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון אַלע איינוווינער, אַזוי, אַז אַרום די שטאָט-מויערן האָבן איצט אַרומגעבלאָנקעט הונדערטער טויזנטער הוילע שלעפּער.

שוין דער צווייטער טאָג, ווי דער הונגער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דערדאָזיקער מענטשן-מאַסע, וואָרים די אומגעהייערע שפּייז-זאַפּאַסן, וועלכע זענען געווען אָנגעזאַמלט אין שטאָט, זענען צוזאַמען מיט איר פאַרברענט געוואָרן, און אין דעם אַלגעמיינעם ווירוואַר און פאַלן פון דער אָרדנונג, האָט קיינער ביז איצט אפילו נישט אַ טראַכט געטון וועגן צופירן נייע. ערשט נאָך טיגעלינס אָנקומען זענען קיין אָסטיען אַוועק די געהעריקע באַפעלן, אָבער דערווייל איז די שטעלונג פון המון געוואָרן אַלץ געפערלעכער.

דאָס הויז, אין וועלכן טיגעלין האָט צייטווייליק פאַרבראַכט, איז באַלאַגערט געוואָרן פון מחנות פרויען, וועלכע האָבן פון דערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט געשריגן: „ברויט און ווינונגען!“

אומזיסט האָבן די פּרעטאָריאַנער, וועלכע מ'האָט אַראָפּגעבראַכט פון הויפּט-לאַגער, וואָס געפינט זיך צווישן וויאַ סאַלאַריאַ און נאָמענטאַנאַ, זיך באַמיט צו דערהאַלטן אַ וועלכע ס'איז שטיקל אָרדנונג. דאָ און דאָרט האָט מען זיי געשטעלט אָן אָפּענעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, ערגעץ אַנדערש האָבן אומבאַוואָפנטע מאַסן, ווייזנדיק אויף דער ברענענדיקער שטאָט, גערופן: „קוילעט אונדז אויס ביים שיין פון דעם פייער!“ מ'האָט געזידלט דעם צעזאַר, די אויגוסטער, די פּרעטאָריאַנער זעלנער. און דער צאָרן איז געוואַקסן מיט יעדער שעה, אַזוי, אַז ווען טיגעלינוס האָט באַנאַכט אַ בליק געוואָרפן אויף די טויזנטער געצעלטן, וועל-

כע האָבן זיך געצויגן אַרום דער שטאָט, האָט ער זיך געטראַכט, אַז דאָס זענען אייגנטלעך פּייניקלעכע לאַגערן.

לויט זיין באַפעל האָט מען געבראַכט צופירן אויסער מעל, אויך זייער פיל פּאַרטיק ברויט נישט נאָר פון אַסטיען, נאָר אויך פון אַלע אַרומיקע שטעט און דערפער, אָבער ווען די ערשטע טראַנספּאָרטן זענען בײַנאַכט אָנגעקומען אין עמפּאָריום, האָט דאָס פאָלק אויפגעריסן דאָס הויפט-טויער פון דער זייט צו אַווענטין און האָבן אויגנבליקלעך אַלץ צעכאַפּט, אָנמאַכנדיק אַ שרעקלעכן פּאַניק.

בײַם ליכט פון שׂרפה-שיין האָט מען זיך געשלאָגן צוליב לעבלעך ברויט, וועלכע זענען מאַסנווייז צעטרעטן געוואָרן אונטער די פיס. דאָס מעל פון די צעריסענע זעק האָט ווי אַ שניי באַדעקט די ערד ווייט אַרום, פון די שפּייכלער ביז דעם טויער-בויגן פון דרוזוס און גערמאַניק, און די אומרועןן האָבן געדויערט אַזוי לאַנג, ביז די זעלנער האָבן פאַרנומען אַלע געביידעס און אָנגעהויבן צו-צעטרייבן דעם המון מיט פיילן און גראַנאַטן.

קיינמאָל, צייט דעם אָנפאַל פון די גאַלן אונטער דער אָנ-פירונג פון ברענוסן, האָט נאָך רוים אַזאַ מפּלה נישט געליטן. מ׳האָט טאַקע מיט פאַרביטערונג פאַרגלייכט די שׂרפה צו יענער, דאַמאָלס איז אָבער כאָטש געבליבן דער קאַפּיטאָל, און איצט איז דער קאַפּיטאָל אַרומגענומען מיט שרעקלעכע פלאַמען פייער. די מאַרמאָרנע טאַפּלען האָבן, אמת, נישט געברענט מיט קיין פלאַמען אָבער בײַנאַכט, ווען דער ווינט האָט אויף אַ ווײַלע צעטריבן די פלאַמען, האָט מען געזען רייען קאָלאָנען פון אייבערשטן יופּיטער-טעמפּל צעגליטע און ראָז לייכטנדיקע, ווי טליִענדיקע קוילן. אויסער דעם האָט רוים פאַר ברענוסעס צייטן געהאַט אַ דיסציפּלינירטע, אײַנ-הייטלעכע באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען צוגעבונדן צו דער שטאָט און צו אירע טעמפּלען. איצט אָבער האָבן אַרום די מויערן פון דער ברענענדיקער שטאָט אַרומגעשלייכט פאַרשידנשפּראַכיקע מאַסן, וועלכע זענען דאָס רוב באַשטאַנען פון שקלאַפן און באַ-פרייטע, צעווילדעוועטע, הפקרדיקע און גרייטע אונטערן דרוק פון הונגער צו גיין קעגן דער מאַכט און דער שטאָט.

אָבער די בלויזע מוראדיקייט פון פייער, וועלכע האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע, האָט אין אַ געוויסער מאָס געצוימט דאָס פאָבל. נאָך דעם אומגליק פון דער שרפה האָט געקענט נאָכקומען הונגער און מגפות, וואָרים צום אומגליק האָבן זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכע יולי־היצן. עס איז אוממעגלעך געווען צו אָטעמען מיט דער דורכגעגליטער לופט פון זון און פייער. די נאַכט האָט נישט נאָר נישט געבראַכט מיט זיך קיין דערלייכטערונג, נאָר זי איז נאָך, פאַרקערט, געוואָרן אומדערטרעגלעך.

מיטן אָנקומען פון טאָג האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פירכטלעך און מאַיימדיק בילד. אינדערמיט — די ריזיקע שטאָט אויף די געבירג, פאַרוואַנדלט אין אַ ברויזנדיקן וואולקאַן, און אַרום און אַרום, אַזש ביז צו די אַלבאַנער בערג — איין אומדורכדרינגלעכער געווימל פון ביידלעך, געצעלטן, שאַלאַשן, וועגנס, פורלעך, טראַגעס, קראָמען, שטעלן, אַלץ פאַרשטעלט פון רויך, שטויב, באַלויכטן מיט מוטנע געלע זון שטראַלן, וועלכע האָבן דורכנעדרונגען דורך דעם בראַנד־פייער, טומל, געשרייען, קללות, שנאה און שרעק פון די מענער, פרויען און קינדער. קוויריטן, גריכן, לאַנגהאָריקע און העלאויגיקע צפון מענטשן, אַפרען און אַזיאַטן, פרייע בירגער, שקלאַפן, גלאַדיאַטאָרן, הענדלער, האַנטווערקער, פויערן און זעלנער — אַן אמת מענטשלעכער ים, וואָס האָט פאַרפלייצט אַרום און אַרום די פייערדיקע אינדזל.

פאַרשידענע ידיעות האָבן צעוויגט דעם אָזיקן ים, ווי דער ווינט צעוויגט אַן אמתן כוואַליע. עס זענען געווען גוטע ידיעות און שלעכטע. עס זענען געווען קלאַנגען, וועגן אומגעהייערע זאַפּאַסן תבואה און מלבושים, וועלכע האָבן געזאָלט אָנקומען אין עמפּאָריום און צעטיילט ווערן אומזיסט. מ'האָט אויך גערעדט, אַז לויטן צעזאַרס באַפעל, וועלן די פּראָווינצן אין אַזיען און אַפריקע אויסגערויבט ווערן פון אַלע רייכטימער, און דער אוצר, וואָס וועט אַזוינאָך ווערן אויפגעזאַמלט, וועט צעטיילט ווערן צווישן דער רוימישער באַפעלקערונג, אַזוי, אַז יעדער זאָל האָבן די מעגלעכקייט אויפצושטעלן זיך אַן אייגן הויז. אָבער גלייכצייטיק האָט מען אויך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דאָס וואַסער אין דער וואַסער־

לייטונג איז פאַרסמט געוואָרן; און אַז נעראָן וויל חרוב מאַכן די שטאָט און אומברענגען ביז איינעם אַלע איינוואוינער, כדי דערנאָך איבערצוטראָגן זיך קיין גריכנלאַנד, אָדער קיין עגיפּטן, און פון דאָרטן רעגירן איבער דער וועלט.

יעדער קלאַנג האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט און די מאַסע האָט אין אַלעם בעגלייבט, זייענדיק צוליב דעם אַמאָל דערשראָקן, אַמאָל צאָרנדיק, אַמאָל האָפנונגספול און אַמאָל אויפגערעגט. ענדלעך האָט אַ מין פיבער אַרומגעכאַפּט די אַלע טויזנטער בלאָנקענדיקע. דער גלויבן פון די קריסטן, אַז דער סוף פון דער וועלט דורך פייער איז נאָענט, האָט זיך אַלעמאָל מער פאַרשפּרייט אויך צווישן די געצנדינער. מענטשן זענען אַריינגעפאַלן אין אַ מין פאַרגליווערטקייט, אָדער משוגעת. צווישן די וואָלקנס, וועלכע זענען רויט באַלויכטן געוועזן פון דער שרפה־שיין, האָט מען מכלומרשט געזען די געטער, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט צום אונטערגאַנג פון דער ערד און מ'האָט צו זיי אויסגעשטרעקט די הענט, אָדער זיי געשאָלטן.

דערווייל האָבן די זעלנער, מיט דער הילף פון אַ געוויסער צאָל איינוואוינער, געשטורעמט די הייזער פון עסקוילין, צעליוס און אויך אויף יענער זייט טיבער, פון וועלכן אַ באַדייטנדיקער טייל איז אַ דאַנק דעם אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. אָבער אין דער שטאָט גופא האָבן געברענט אומשאַצבאַרע אוצרות, וועלכע זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן דורך זיגרייכע לאַנגע דורות, טייערע קונסטווערק, פּרעכטיקע טעמפּלען און די שענסטע אָנדענקונגען פון רוימישן עבר און רוימישן רום. מ'האָט פאָרויסגעזען, אַז פון דער גאַנצער שטאָט וועלן אָפּגעראַטעוועט ווערן קוים עטלעכע גאַסן אין סאַמע עק פון שטאָט, און אַז הונדערטער טויזנטער מענטשן וועלן בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַנדערע ווידער האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די זעלנער וואַרפן איין הייזער נישט אום אָפּצוהאַלטן דאָס פייער, נאָר כדי עס זאָל גאָרנישט איבערבלייבן פון דער שטאָט.

טיגעלין האָט אין יעדן בריוו געבעטן רחמים דעם צעזאַר, ער זאָל קומען, כדי מיט זיין בייזיין צו באַרויִקן דאָס צעבושו־

חפטע פאָלק. אָבער בעראָן האָט זיך ערשט דאַן אַרויסגעריסן, ווען
די פלאַמען האָבן שוין אַרומגענומען „דאָמוס טראַנסיטאָריאַ", און
ער האָט זיך געאײַלט, כדי נישט צו פאַרזוימען די מינוט, ווען
די שׂרפֿה וועט האָבן דערגרייכט איר העכסטן פונקט.

XLVII.

דאָס פייער האָט דערווייל דערגרייכט ביז וויאַ נאָמענטאַנאַ און פון דאָרט האָט עס זיך, צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון ווינט, געווענדט צו וויאַ לאַטאַ און צום טיבער, עס האָט ארומגעקרייזט דעם קאַפּיטאָל, זיך פאַרשפּרייט איבער פאָרום באָאַריום, און פאַרניכטנדיק אַלץ, וואָס עס האָט ביים ערשטן אימפּעט אויסגעמיטן, איז עס צוגעקומען ביז צום פּאַלאַטין. טיגעלינוס האָט, צונויפנעמענדיק אַלע פּרעטאָריאַנער קרעפטן, געשיקט אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן צעזאַר איין שליח נאָכן צווייטן מיט דער בשורה, אַז ער וועט גאָרנישט פאַרזוימען פון דער הערלעכקייט פון בילד, ווייל די שרפה האָט זיך ערשט פאַרשטאַרקט. אָבער נעראָן האָט דורכויס געוואָלט אָנקומען באַנאַכט, כדי וואָס בעסער זיך אָנצוזעטיקן מיטן בילד פון דער אונטערגייענדיקער שטאָט. צוליב דעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַקוואַ אַלבאַנאַ און, ארויסרופנדיק צו זיך אין געצעלט דעם טראַגיק אַליטורוס, האָט ער מיט זיין הילף שטודירט די האַלטונג פון קערפּער, פון געזיכט און פונם בליק, די געפּאַסטע

באַוועגונגען, אַמפּערנדיק זיך מיט אים. צי בײַ די ווערטער: „אָ, הײליקע שטאָט, וואָס האָסט אויסגעוויזן צו זײַן דויערהאַפּטיקער פֿון אידאַ", דאַרף ער אויפֿהייבן אינדערהייך בײדע הענט, צי גאָר האַלטנדיק אין איין האַנט אַ פּאַרמינע, האַלטן זי אַראָפּגעלאָזט לענגויס דעם קערפּער און אויפֿהייבן נאָר די צווייטע האַנט.

דידאָזיקע פֿראַגע האָט זיך אים אין דער מינוט אויסגעוויזן צו זײַן וויכטיקער ווי אַלע אַנדערע. און אַרויסרירנדיק ענדלעך מיטן אָוונט צוגלײַך, האָט ער זיך נאָך שואל עצה געווען מיט פּעטראָניוסן, צי זאָל ער אין דעם פּערז וועגן דעם אומגליק אַרײַנגעבן עטלעכע אויסגעצייכנטע לעסטערונגען קעגן די געטער, און צי, פֿון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט גענומען, וואָלטן זיך אַזעלכע ווערטער נישט אַרויסגעריסן פֿון מויל בײַ אַ מענטשן אין אַזאַ לאַגע, ווען ער זעט צו דעם אונטערגאַנג פֿון זײַן היים.

אַרום האַלבער נאַכט האָט ער זיך לסוף דערנענטערט צו די שטאָט־מויערן, צוזאַמען מיט זײַן געוואַלטיקער סוויטע, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון מענגעס סענאַטאָרן, ריטער, באַפֿרײַטע שקלאַפֿן, פֿרויען און קינדער. זעכצן טויזנט פּרעטאָריאַנער אויסגעשטעלט אין פֿולער באַוואָפֿנונג איבערן וועג, האָבן געהיט די רו און זיכערקייט פֿון זײַן אָנקומען, האַלטנדיק דאָס צעבושעוועטע פֿאָלק אין אַ געוויסער ווײַטקייט.

דאָס פֿאָלק האָט געשאָלטן, געליאַרעמט און געפּייפֿט זעענדיק די אָנקומענדיקע פּראָצעסיע, אָבער עס האָט נישט דערוועגט זיך אָנצופֿאַלן. פֿון פֿיל ערטער האָט מען אַפֿילו געהערט אַפּלאָדיסמענטן, וועלכע האָבן געשטאַמט פֿון דער כאַליאַסטרע, וועלכע נישט פֿאַרמאָגנדיק גאָרנישט, האָט זי אויך גאָרנישט אָנגעווירן אין דער שׂרפֿה, און האָט זיך נאָך פֿאַרקערט איצט געריכט אויף אַ נאָך מילדערער פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון תּבֿואה, בוימאייל, מלבושים און געלט.

לסוף איז דער געפּילדער, דאָס געפּײַפֿערײַ, ווי אויך די אַפּלאָדיסמענטן פֿאַרטויבט געוואָרן דורך דעם שאַלן פֿון טרומייטן און שופֿרות, אין וועלכע טיגעלין האָט געהייסן בלאָזן.

בערך האָט זיך נאָכן אָנקומען אין אָסטיער טויער אויף אַ

ווײַלע אָפּגעשטעלט און געזאָגט: „הײמלאָזער הערשער פֿון הײמלאָזן פֿאָלק, ווו וועל איך אויף איבער נאַכט אָנשפּאַרן מײַן אומגליקלעכן קאָפּ!“ — דערנאָך האָט ער, דורכגײענדיק צליוווּס דאַלפּיני, באַטרעטן די טרעפּ, וועלכע זענען פֿאַר אים געווען צוגעגרייט אויף דעם אַפּיער וואַסער-לייטונג, און נאָך אים די אויגוסטער און אַ כאָר זינגער, וועלכע האָבן געטראָגן ציטרן, האַרפֿן און אַנדערע מוזיק-אינסטרומענטן.

אַלע האָבן פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם אין דער ברוסט, וואַרטנדיק, צי ער וועט נישט לאָזן פֿאַלן עפּעס גרויסע ווערטער, וועלכע ער האָט צוליב זײַן אייגענער זיכערקייט באַדאַרפֿן געדענקען. אָבער ער איז געשטאַנען פֿייערלעך, שווייגנדיק, אין דעם פּורפּורנעם מאַנטל און מיטן קראַנץ פֿון גאָלדענע לאָרבער אויפֿן קאָפּ, און אײַנגעקוקט זיך אין דער צעבושעוועטער קראַפֿט פֿון די פֿלאַמען. ווען טערפּנאָס האָט אים דערלאַנגט די גאָלדענע האַרפֿע, האָט ער זי אויפֿגעהויבן צו דעם פֿון שרפֿה-שײַן רויטן הימל, ווי ער וואָלט געוואַרט, עס זאָל זיך אויף אים אַראָפּנידערן אַ רוח הקודש.

דאָס פֿאָלק האָט פֿונדערווײַטנס געטײַטלט אויף אים, ווי ער שטייט אַ בײַגאָסענער מיטן בלוטיקן אָפּשײַן. דאָרט ווײַט האָבן געצושט די פֿײַערדיקע צינגער און האָבן פֿאַרברענט אוראַלטע הייליקע אַנטיקן. עס האָט געברענט דער הערקולעס טעמפּל, וועלכן עוואַנדער האָט געבויט, און יופּיטערס סטאַטאָרס טעמפּל, און לונאַס טעמפּל, וועלכער איז נאָך אויפֿגעבויט געוואָרן דורך סערוויוס טוליוס, און נומאַ פּאָמפּיליוס הויז, און וועסטאַס קדשי-קדשים מיט די מגינות פֿון רוימישן פֿאָלק. פֿון די פֿלאַמען צינגער האָט זיך טייל-מאָל באַוויזן דער קאַפּיטאָל, דאָס האַרץ און דער עבֿר פֿון רוים האָט געברענט, און ער, דער צעזאַר, איז געשטאַנען מיט דער האַרפֿע אין דער האַנט, מיט אַ געזיכט פֿון אַ טראַגיק-אַקטיאָר, זײַן מיט מחשבֿות נישט וועגן דער אונטערגייענדיקער היים-שטאָט, נאָר וועגן זײַן פּאָזע און וועגן די פּאַטעטישע ווערטער, מיט וועלכע ער וואָלט אַמבעסטן געקענט אויסדריקן די גרויסקייט פֿון דעם אומגליק, אַרויסרופֿן באַוווּנדערונג און באַקומען הייסע אַפּלאָדיסמענטן.

ער האָט פֿײַנט געהאַט די שטאָט, ער האָט פֿײַנט געהאַט אירע אײַנוווינער, ער האָט נאָר געליבט זײַנע לידער און פֿערזן, ער האָט זיך דעריבער אין האַרצן געפֿרייט, וואָס ער האָט ענדלעך דערזען אַ טראַגעדיע, וועלכע איז ענלעך צו דער, וועלכע ער האָט באַשריבן. דער פֿערזנמאַכער האָט זיך געפֿילט גליקלעך, דער דעקלאַמאַטאָר האָט זיך געפֿילט באַגײַסטערט, דער זוכער פֿון אײַנדרוקן האָט זיך געזעטיקט מיט דעם מוראדיקן בילד און מיט פֿאַרגעניגן האָט ער זיך געטראַכט, אַז אַפֿילו דער אונטערגאַנג פֿון טראָיאַ איז געווען נישטיק אין פֿאַרגלײַך מיט דעם אונטערגאַנג פֿון דעראָזיקער ריזן-שטאָט. וואָס נאָך האָט ער געקענט באַגערן? אָט פֿלאַקערט רוים, די וועלט-הערשנדיקע, און ער שטייט אויף די בויגנס פֿון דער וואַסער-לײַטונג, מיט אַ גאָלדענער האַרפֿע אין דער האַנט, אַ ליכטיקער, אַ פּורפּורנער, אַ באַוווּנדערטער, אַ פּרעכטיקער און דיכטערישער. דאָרט ערגעץ אונטן אין חושך צאַרנט און בושעוועט דאָס פֿאָלק! טאָ זאָל עס צאַרנען. דורות וועלן פֿאַרבײַ, טויזנטער יאָרן וועלן דורך און מענטשן וועלן אַלץ געדענקען און לויבן דעם דיכטער, וועלכער האָט אויך אין אַזאַ נאַכט באַזונגען די מפּלה און די שׂריפֿה פֿון טראָיאַ. און וואָס באַדײַט ערשט האָמער אַנטקעגן אים? וואָס איז אַפּאָלאָ אַליין מיט זײַן אויסגעהוילטע פֿאָרמינגע?

דאָ האָט ער אויפֿגעהויבן די הענט און אַ פּרוּוו טוענדיק איבער די סטרונעס, האָט ער זיך אָפּגערופֿן מיט די ווערטער פֿון פּריאַמען:

— אָ, נעסט פֿון די פֿאָטערס מײַנע,
אָ, וויגעלע טײַערס! ...

די שטים זײַנע האָט אויף דער פֿרײַער לופֿט, בײַם קנאַלן פֿון פֿײַער און בײַם ווײַטן רעש פֿון טויזנטער קעפּיקן המון, אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק, ציטערנדיק און שוואַך, און די קלאַנגען פֿון די באַגלייטער האָבן אָפּגעהילכט, ווי אַ פֿליגן-זשומערײַ. אָבער די סענאַטאָרן, באַאַמטע און אויגוסטער, וועלכע זענען פֿאַרזאַמלט

געווען דאָ אויף דער וואַסער-לייטונג, האָבן אַראָפּגעבויגן זייערע קעפּ און אין שטילער באַגייסטערונג זיך איינגעהערט. ער האָט לאַנג געזונגען, און וואָס ווייטער אַלץ טרויעריקער זיך צע-ברומט.

בשעת ער האָט אַ ווײַלע אויפגעהערט, כּדי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, האָט דער כאָר זינגער דערווײַל איבערגעחזרט די לעצ-טע פערזן, דערנאָך האָט נעראָן מיט אַ באַוועגונג, וועלכע אַליטו-רוס האָט אים אויסגעלערנט, אַ וואָרף געטון פון אַקסל די טראַגי-שע „סירמע", האָט אַ קלאַפּ געטון איבער די סטרונעס און האָט ווײַטער געזונגען, און ענדיקנדיק ענדלעך דאָס פון פריִער פאַר-פאַסטע ליד, האָט ער אָנגעהויבן איmפּראָוויזירן, זוכנדיק גרויסע פאַרגלײַכונגען אין דעם בילד, וועלכעס האָט זיך דאָ פאַר זײַן בליק געצויגן. אין זײַן געזיכט האָט זיך גענומען עפּעס רירן. עס האָט אים, אמת, נישט גערירט דער אונטערגאַנג פון זײַן היים-שטאָט, אָבער ער האָט זיך באַרוישט און איבערגענומען מיט דעם פּאַטאָס פון זײַנע אייגענע ווערטער אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט פּלוצלינג אַ לאָז אַראָפּ געטון מיט אַן אָפּהילך די האַרפע צו די פיס און אײַנהילנדיק זיך אין דער „סירמע", איז ער אַזוי פאַרבליבן, ווי פאַרשטיינערט, ענלעך צו איינעם פון די ניאָבידן סטאַטועס, וועלכע האָבן באַפּוצט דעם הויף פון פּאַלאַטין.

נאָך אַ קורצער ווײַלע שווײַגן האָט אַ דונער געטון אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. אָבער פונדערווײַטנס האָט אים אָפּגעענטפערט אַ געהײַלערײַ פון המון. איצט האָט שוין דאָרט קיינער נישט גע-צווייפלט, אַז דאָס האָט דער צעזאַר געהייסן אונטערצינדן די שטאָט, כּדי צו האָבן אַ פאָרשטעלונג און צו זינגען דערבײַ לידער. הערנדיק יענץ געשרײַ פון הונדערטער טויזנטער שטימען, האָט נעראָן זיך געווענדט צו די אויגוסטער מיט אַן אומעטיקן רעזיג-נאַציע פולן שמייכל פון אַ באַהאַלטן מענטשן און האָט גע-זאָגט:

— אָט ווי אַזוי די קוויריטן ווייסן, ווי אַזוי אָפּצושאַצן מיך און די פּאָעזיע.

— לויפן! — האָט וואַטיניוס געענטפערט — הייס, האָר די פּרעטאָריאַנער שטורמען אויף זיי.

נעראָן האָט זיך געווענדט צו טיגעלינוסן:

— צי קען איך זיך פאַרלאָזן אויף דער געטרייִשאַפט פון חייל?

— געוויס, געטלעכער! — האָט דער פּרעפעקט געענטפערט.

אָבער פּעטראָניוס האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— אויף זייער געטרייִשאַפט, נאָר נישט אויף זייער צאָל — האָט ער געזאָגט. — בלייב דערווייל דאָ, וווּ דו ביסט, ווייל דאָ איז אַמזיכערסטן פאַר דיר, און דאָס פאָלק דאַרף מען באַרויִקן.

אין דערזעלבער מיינונג זענען אויך געווען סענעקאַ און דער קאָנסול ליציניוס. דערווייל איז אונטן די אויפרעגונג געוואַקסן, דאָס פאָלק האָט זיך באַוואָפנט מיט שטיינער, מיט פלעקער פון די ביידלעך, מיט ברעטער פון די וועגנס, מיט פאַרשידענע אייזנוואַרג. באַלד זענען עטלעכע עלטסטע פון חייל אַרייַנגעקומען מיט אַ ידיעה, אַז ווערנדיק געשטורמט דורכן המון, האַלטן זיך די פּרעטאָריאַנער קוים איין אויף דער קאַמפּס-ליניע און, נישט האָבנדיק קיין באַפעל אָנצופאַלן, ווייסן זיי נישט וואָס ווייטער צו טון.

— געטער! — האָט נעראָן אויסגערופן — וואָס פאַר אַ נאַכט! פון איין זייט דאָס פייער און פון דער צווייטער זייט דאָס צעבושעוועטע פאָלק.

און ער האָט גענומען זוכן ווייטערע אויסדרוקן, וועלכע זאָלן וואָס שענער קענען איבערגעבן דאָס גאַנצע געפאַר פון דער מינוט, אָבער דערזעענדיק אַרום זיך בלאַסע געזיכטער און אומרויִקע בליקן, איז ער אויך דערשראָקן געוואָרן.

— גיט מיר אַ טונקעלן מאַנטל מיט אַ קאַפּטור. שוין זשע וועט עס טאַקע קומען צו אַ שלאַכט?

— האַר, — האָט טיגעלינוס מיט אַן אומזיכערער שטים געענטפערט, — איך האָב געטון אַלץ, וואָס איך האָב געקענט, אָבער

די סכנה איז גרויס... רעד שפעט, האר, צום פאָלק, גיב זיי הבטחות.

— דער צעזאר זאָל רעדן צום המון? זאָל דאָס אַן אַנדע-רער טון אין מיין נאָמען. ווער נעמט זיך דאָס אונטער?

— איך! — האָט פּעטראָניוס רויק געענטפערט.

— גיי, פריינט! דו ביסט מיר אין אַלע נויטן דער געטריי-עסטער... גיי און קאַרג נישט קיין הבטחות.

פּעטראָניוס האָט זיך געווענדט צו דער סוויטע מיט אַ קאַלט-בלוטיק און איראָניש געזיכט.

— די סענאַטאָרן, וועלכע זענען דאָ איצט פאַראַן און אוי-סער זיי אויך פּיסאָ, נערוואַ און סענעציאָ זאָלן מיט מיר מיטגיין.

ער איז געלאָפן אַראָפּ פון דער וואַסער-לייטונג, און די, וועל-כע ער האָט מיטגערופן, זענען, נישט אָן צעגערונג, אָבער מיט אַ געוויסער האָפנונג, וועלכע זיין רויקייט האָט זיי געגעבן, נאָך אים נאָך. בלייבנדיק שטיין ביי די בויגנס, האָט פּעטראָניוס געהייסן זיך דערלאַנגען אַ ווייס פערד און אויפזיצנדיק איז ער אָן דער שפּיץ פון די באַגלייטער דורכגעריטן דורך די טיפע רייען פּרעטאָריאַ-נער, צו דער טונקעלער, הוזשענדיקער, אומבאַוואָפנטער מאַסע, האָבנדיק בלויז אַ העלפאַנט-ביינערן שטעקעלע אין האַנט, אויף וועלכן ער פלעגט זיך געוויינטלעך אָנשפּאַרן.

און צוקומענדיק, איז ער אַריינגעריטן צווישן די מאַסן. ביי דער שיין פון דער שרפה איז אַרום און אַרום געווען צו זען אויפ-געהויבענע הענט, באַוואָפנטע מיט כלערליי וואָפן, צעגליטע אויגן, דערשוויצטע געזיכטער און ריטשענדיקע מיט שוים באַדעקטע ליפּן. אַ צעברויזטע כוואַליע האָט באַלד אַרומגערינגלט אים און זיינע באַגלייטער, און הינטער זיי איז געווען אַן אמת צעוויגטער, ברויזנדיקער, שרעקלעכער ים פון קעפּ.

דער רעש האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט און איז איבער-געגאַנגען אין אַן אוממענטשלעך געבריל. פלעקער, היי-גאָפּלען און שווערדן אפילו האָבן גענומען פאָכען איבער פּעטראָניוסעס קאָפּ. צערייצטע הענט האָבן זיך געשטרעקט צו די לייצן פון זיין פערד און צו אים. אָבער ער איז געריטן אַריין אַלץ טיפער אין המון,

אַ קאַלטער, אַ רויִקער, אַ פאַראַכטנדיקער. טײלמאָל האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיטן שטעקעלע איבער די קעפּ פון די חוצפּהדיקסטע אַזוי, ווי ער וואָלט זיך געמאַכט אַ וועג אין געווײנטלעכן מענטשן געדראַנג, און די צעווילדעטע מאַסע איז טאַקע פאַרגאַפט געוואָרן פון דערדאָזיקער זיכערקייט און רויִקייט זײנער. סוף כּל סוף האָט מען אים דערקענט און פיל שטימען האָבן גענומען רופן:

— פּעטראָניוס! אַרביטער עלעגאַנטיאַרום! פּעטראָניוס!...

— פּעטראָניוס! — האָט עס געהילכט פון אַלע זײטן.

און וואָס מער מ'האָט געהערט דעמדאָזיקן נאָמען, זענען די פּנימער אַרום געוואָרן אַלץ װײניקער מאַוימדיק און די געשרײען װײניקער שטורמיש, דען דערדאָזיקער הערלעכער פּאַטריציער, כאָטש ער האָט זיך קײנמאָל נישט געחנפעט צום המון, איז דאָך געווען זײער ליבלינג. ער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ מענטשן-פרײנטלעכן און גרויסמוטיקן מאַן. זײן פּאָפּולערקײט איז נאָך מער אויסגעוואַקסן זינט דעם ענין פּעדאַניוס סעקונדאַ, ווען ער האָט געווירקט צו מילדערן דעם האַרבן פּסק, וועלכער האָט אַלע קנעכט פון פּרעפעקט פאַרמשפּט צום טויט. גאָר באַזונדער האָבן אים די שקלאַפן ליב געקריגן פון דאַן אָן מיט אַזאַ שטאַרקער ליבשאַפט, מיט וועלכער אונטערגעדריקטע און אומגליקלעכע מענטשן ליבן די, וועלכע ווײזן זײ אַרויס עטוואָס מיטגעפיל. איצט איז נאָך אויך צוגעקומען די נײגיריקײט, וואָס אַזוינס דעם צעזאַרס שליח וועט זאָגן, װאָרים קײנער האָט נישט געצווייפלט, אַז דאָס האָט אים דער צעזאַר געשיקט.

און ער האָט, אַראָפּנעמענדיק פון זיך זײן ווײסע מיט אַ שאַרלאַך שלאַק באַזוימטע טאָגע, גענומען פאָכען מיט איר הויך איבערן קאָפּ, אַלס צײכן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן.

— שטילער! שטילער! — האָט מען געשריגן פון אַלע זײטן.

אין אַ ווײלע אַרום איז טאַקע שטיל געוואָרן, דאַן האָט ער זיך אויסגעגלײכט אויפן פערד און האָט גענומען רעדן מיט אַ הויכער רויִקער שטים:

— בירגער! זאָלן די, וועלכע הערן מיך, איבערגעבן מײנ

ווערטער צו די, וועלכע שרייען ווייטער און אלע פארהאלט אייך די מענטשן, נישט ווי חיות אין די ארענעס.

— מיר הערן! מיר הערן!...

— אלזא, הערט אויס. די שטאט וועט צוריק אויפגעבויט ווערן. די גערטנער פון לוקולא, מעצענאס, צעזאר און אגריפינא וועלן פאר אייך אפן זיין! פון מארגן אן וועט מען אנהייבן טיילן תבואה, ווייַן און בוימאייל אזוי פיל, אז יעדער וועט זיך קענען אנפאקן א בויך ביז צום האלדז! דערנאך וועט דער צעזאר פאר אייך איינארדנען שפילערייען, וואס די וועלט האט נאך אזעלכע נישט געזען, בשעת וועלכע איר וועט אויך האבן סעודות און מתנות. איר וועט נאך דער שרפה זיין רייכער, ווי פאר דער שרפה!

עס האט אים אפגעענטפערט א געברומעריי, וועלכעס איז זיך פון סאמע מיטן צעגאנגען אין אלע זייטן, ווי עס צעגייען זיך די כוואליעס אויפן וואסער, אין וועלכן עס האט ווער ארייַנגעווארפן א שטיין; דאס האבן די נענטערע איבערגעגעבן זייערע ווערטער צו די ווייטער שטייענדיקע. דערנאך האבן זיך פון פיל ערטער דערטראגן בייזע אדער צושטימענדיקע געשרייען, וועלכע האבן זיך לסוף פארוואנדלט אין איין אלגעמיינעם מעכטיקן ליארם:

— פאנעם עט צירצענסעס!!!...*)

פעטראניוס האט זיך ארומגעהילט אין דער טאגע און אזוי אומבאוועגלעך, ענלעך אין זיין ווייס קלייד צו א מארמאר סטאטוע, האט ער א צייט זיך צוגעהערט. דער רעש איז געוואקסן און האט פארטויבט דאס קנאלעריי פון דער שרפה, עס האט זיך פון אלע טיפערע ערטער דערטראגן אויפסניי, אבער דער שליח האט נאך, ווייזט אויס, געהאט עפעס צו זאגן, ווארים ער האט געווארט.

און ענדלעך, אויפהייבנדיק די האנט אלס צייכן, עס זאל שטיל ווערן, האט ער אויסגערופן:

— איך זאג אייך צו פאנעם עט צירצענסעס, און איצט רופט אויס אן אויסגעשריי לכבוד דעם צעזאר, וועלכער שפייזט און

*) ברויט און פארוויילונג!!!

קליידט אייך, דערנאָך גייט שלאָפן, כאַליאַסטרע. וואָרים עס טאָגט שוין באַלד.

דאָס זאָגנדיק האָט ער אומגעדרייט דאָס פערד און לייכט קלאַפנדיק מיטן שטעקעלע איבער די קעפּ און געזיכטער פון די, וועלכע זענען אים געשטאַנען אין וועג, איז ער געלאָסן צוגעריסן צו די רייען פּרעטאָריאַנער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער געווען לעבן דער וואַספּר־לײַ־טונג. אויבן איז דערהײַל געוואָרן אַ פּאַניק, מ׳האָט דאָרט נישט דײַטלעך געהערט דאָס געשריי: פּאַנעם עט צירצענסעס! — און מ׳האָט גערעכנט, אַז דאָס איז אַ נײַער אויסברוך פון צאָרן. מ׳האָט אפילו נישט גערעכט, אַז פּעטראָניוס זאָל זיך קענען ראַטעווען, און איצט, אַז נעראָן האָט אים דערזען, איז ער צוגעלאָפן ביז צו די טרעפּ און מיט אַ בלייך געזיכט פון אויפרעגונג האָט ער גענומען פרעגן:

— נו, וואָס? וואָס טוט זיך דאָרט? ס׳איז שוין אַ שלאַכט?

פּעטראָניוס האָט אַרײַנגעצויגן לופט אין די לונגען, האָט זיך אָפּגעאָטעמט און געענטפערט:

— ביי פּאָלוקסן! זיי שוויצן און שטינקען! זאָל מען מיר דערלאַנגען „עפּילימע״, וואָרים עס ווערט מיר נישט גוט.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום צעזאַר.

— כ׳האָב זיי צוגעזאָגט — האָט ער געזאָגט — תבואה, בוימאייל, עפענען די גערטנער פון פאַרווײַלונגען. זיי פאַרגעטערן דיך שוין ווידער און שרײַען לכבוד דיר מיט זייערע פאַרטרוקנטע ליפּן... געטער, וואָס פאַר אַ נישט געשמאַקער גערוך עס שלאָגט פון דעם פּלעבס.

— די פּרעטאָריאַנער זענען גרייט געווען — האָט טיגע־לינוס אויסגערופן — און ווען דו וואָלטסט זיי נישט באַרויִקט, וואָלטן די שרײַערס אויף אייביק אַנטשטומט געוואָרן. אַ שאָד, צע־זאַר, וואָס דו האָסט זיי נישט דערלויבט באַנוצן קראַפט.

פּעטראָניוס האָט אַ קוק געטון אויף אים, האָט געהויבן מיט די אַקסלען און געזאָגט.

— דאָס איז נאָך נישט פאַרפאַלן, עס מעג דיר אפשר אויס־קומען מאָרגן דאָס צו טאָן.

— ניין, ניין! — האָט דער צעזאַר געזאָגט.— כ'וועל הייסן פאַר זיי עפענען די גערטנער און זיי צעטיילן תבואה. א דאַנק דיר, פעטראָניוס! די שפּילערייען וועל איך איינאָרדענען, און דאָס ליד, וועלכעס איך האָב איצט הייַנט געזונגען, וועל איך זינגען עפנטלעך אויך.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף פּעט־ראָניוסעס אַרעם און האָט אַ ווײַלע געשוויגן, לסוף, באַרויקנדיק זיך, האָט ער געפרעגט:

— זאָג מיר דעם אמת: ווי בין איך דיר געפעלן, ווען כ'האָב געזונגען?

— דו ביסט ווערט געווען דאָס בילד, ווי דאָס בילד איז ווערט געווען דיך — האָט פּעטראָניוס געענטפערט.

דערנאָך האָט ער זיך אומגעדרייט צום פייער.

— נאָר לאָמיר זיך נאָך צוקוקן — האָט ער געזאָגט — און לאָמיר זיך געזעגענען מיט דעם אַלטן רוים.

XLVIII.

די ווערטער פון אַפּאָסטאָל האָבן אַריינגעגעבן בטחון אין די הערצער פון די קריסטן. דער סוף פון דער וועלט האָט זיך שטענדיק אויסגעוויזן צו זיין נאָנט, זיי האָבן פונדעסטוועגן איצט אָנגעהויבן גלייבן, אַז דער שרעקלעכער משפּט וועט דאָך נישט אַזוי גיך קומען, און אַז זיי וועלן נאָך אפשר פריִער זען דעם סוף פון נעראָנס ממשלה, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט פאַר די ממשלה פון אַנטיקריסט, און אַלס גאָטס שטראָף פאַר די פאַרברעכנס זיינע, וועלכע שרייען נאָך נקמה. דעריבער האָבן זיי, נאָכן ענדיקן די תפילות, זיך אָנגעהויבן צעגיין פון די היילן מיט מוט אין די הערצער, און האָבן זיך אומגעקערט יעדער אין זיין דערווייליקער באַהעלטעניש און אפילו אויך אויף יענער זייט טיבער, וואָרים עס זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז דאָס פייער, וועלכעס איז געווען אונטערגעלייגט אויף פיל ערטער, האָט זיך צוזאַמען מיט דער ווינטענדערונג ווידער געווענדט צום טייך, און פאַרניכטנדיק דאָ און

דאָרט אַלץ, וואָס עס האָט נאָר געקענט פאַרניכטן, האָט עס אויפֿ־געהערט זיך צו פאַרשפּרייטן.

דער אַפּאָסטאָל האָט, אין דער באַגלייטונג פון וויניציוּשן און כילאָנען, וועלכער איז היינטער זיי געגאַנגען, אויך פאַרלאָזט די הייל. דער יונגער טריבון האָט זיך נישט דערוועגט אים איבער־צורייסן אין זיין תּפילה, ער איז אַלזאָ אַ צייט געגאַנגען שווייג־דיק, בעטנדיק מיט די אויגן רחמים און ציטערנדיק אינגאַנצן פון אומרויִקייט. פיל מענטשן זענען אויסערדעם כסדר צוגעקומען קושן די הענט און די בריגן קליידער פון אַפּאָסטאָל, מוטערס האָבן צו אים אויסגעצויגן זייערע קינדער, אַנדערע האָבן אין דעם פינסטערן, לאַנגן דורכגאַנג אַנידערגעקניט, און אויפהייבנדיק אינדערהייך די קאַגאַניקלעך, האָבן זיי געבעטן אַ ברכה; נאָך אַנדערע ווידער האָבן פאַרבייגייענדיק געזונגען אַזוי, אַז ס'איז קיין איין גינסטיקע מינוט נישט געווען אויף צו פרעגן, נישט אויף צו ענטפערן. דאָסזעלבע איז אויך געווען אין דעם צווישנגעבירג. ערשט ווען זיי זענען אַרויסגעקומען אויף דעם פרייערן פלאַץ, פון וואַנען מ'האָט שוין געזען די ברענענדיקע שטאָט, האָט דער אַפּאָסטאָל, איבערקרייצנדיק זי דריי מאָל, זיך געווענדט צו וויניצ־יוּשן און געזאָגט:

— שרעק זיך נישט, נישט ווייט פונדאַנען געפינט זיך דאָס שטיבל פונעם פאָסאָר, וווּ מיר וועלן טרעפן ליגיען מיט ליניוסן און מיט איר טרייען דינער. קריסטוס, וועלכער האָט זי פאַר דיר באַשטימט, האָט זי אויך פאַר דיינעטוועגן אָפּגעהיטן.

וויניציוּש האָט זיך אַ וואַקל געטון און האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט אַ האַנט אָן אַ פעלז. דער וועג פון אַנציום, די פאַרפאַלן היינ־טער די שטאָט־מויערן, דאָס אַרומזוכן ליגיען צווישן פייער און רויך, דאָס נישט שלאָפן און דאָס שרעקלעכע באַאומרויִקן זיך וועגן איר, האָבן אים שוין די גאַנצע כוחות אויסגעשעפּט, און איצט האָט אים נאָך מער אָפּגעשוואַכט די ידיעה, אַז דערדאָזיקער קאָפּ, וואָס איז אים טייערער פאַר אַלץ אין דער וועלט, איז נאָענט, און ער וועט זי אין אַ ווײַלע אַרום זען. ער האָט זיך פּלוצלינג דערפילט אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו די

פיס פון אַפּאָסטאָל, און אַרומנעמענדיק זיינע פיס, איז ער אַזוי פאַרבליבן, נישט קענענדיק קיין וואָרט אַרויסברענגען.

אָבער דער אַפּאָסטאָל ז, ווערנדיק זיך פון דאַנקלעכ-קייט און כבוד, געזאָגט:

— נישט מיר, נישט מיר, נאָר קריסטוסן!

— וואָס פאַר אַ וויכטיקער גאָט!! — האָט זיך הינטער זיי דערהערט כילאָנס שטים — אָבער כ'ווייס דאָך נישט, וואָס צו טון מיט די אייזלען, וועלכע וואַרטן דאָ נישט ווייט.

— שטיי אויף און קום מיט מיר — האָט פּעטרוס געזאָגט צום יונגן מענטשן, נעמענדיק אים פאַר דער האַנט.

וויניציוש איז אויפגעשטאַנען. ביים ליכט פון דער שרפה-שיין, האָט מען געזען צוויי טרערן, וועלכע זענען אים גערונען איבער זיינע פון אויפרעגונג בלייכע באַקן. זיינע ליפּן האָבן זיך געטרייסלט, ווי ער וואָלט תפילה געטון.

— גייען מיר — האָט ער געזאָגט.

אָבער כילאָן האָט ווידער געזאָגט:

— האַר, וואָס זאָל איך טון מיט די אייזלען, וועלכע וואַרטן? אפשר וואָלט דער געשעצטער נביא בעסער געוואָלט רייטן, איידער גיין.

וויניציוש האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, אָבער הערנדיק פון פּעטרוסן, אַז דעם גרובן-אַרבעטערס שטיבל געפינט זיך דאָ נישט ווייט, האָט ער געענטפערט:

— פיר אַוועק די אייזלען צו מאַקרינוסן.

— פאַרגיב מיר, האַר, וואָס איך וועל דיך דערמאָנען וועגן דעם הויז אין אַמעריאָל. בשעת אַזאַ שרעקלעכע שרפה איז לייכט צו פאַרגעסן וועגן אַזאַ קלייניקייט.

— וועסט עס באַקומען.

— אָ! אייניקל פון פּאַמפּיליוס, כ'בין אַלעמאָל געווען גאַנץ זיכער, נאָר איצט, ווען אויך דערדאָזיקער גרויסמוטיקער אַפּאָס-טאָל האָט געהערט דיין צוזאָג, וועל איך דיך שוין אַפילו נישט דערמאָנען, אַז דו האָסט מיר צוגעזאָגט אויך אַ ווייַנגאַרטן, פאַקס

װאַביסקום*). איך װעל דיך שױן אױפֿזוכן, האַר. פּאַקס װאַביסקום.

און זײ האָבן אָפּגעענטפֿערט:

— אױך מיט דיר.

דערנאָך זענען זײ בײדע אַװעק אױף רעכטס צו די בערג. אײַפֿן װעג האָט װיניציוש געזאָגט:

— האַר! װאַש מיך אָפּ מיטן טױף־װאַסער, כּדי איך זאָל קענען זיך אָנרופֿן אַלס אמתער גלױביקער אין קריסטוסן, װאָרים איך ליב אים מיט מײַן גאַנצער נשמה. רײניק מיך אָפּ שנעלער, װאָרים אין האַרצן בין איך שױן גרײט. און װאָס ער װעט מיך הײסן, דאָס װעל איך טון, נאָר דו, זאָג מיר, װאָס נאָך קען איך טון.

— ליב מענטשן, װי דײַנע אײגענע ברידער, — האָט דער אַפּאָסטאָל געענטפֿערט — דען נאָר מיט ליבע קענסטו אים דינען.

— יאָ! איך פֿאַרשטײ שױן דאָס און פֿיל דאָס. אַלס קינד האָב איך געגלױבט אין די רױמישע געטער, אָבער איך האָב זײ נישט געליבט, דעם אײנאונאײנציקן אָבער האָב איך ליב אַזױ, אַז איך װאָלט מיט פֿרײד אָפּגעגעבן פֿאַר אים מײַן לעבן.

און בליקנדיק צום הימל, האָט ער אין התלהבות גענומען רעדן:

— װײַל ער איז אײנער! װײַל ער אײנער איז גוט און רחמנותדיק! זאָל זשע אונטערגײן נישט נאָר דיזאַזיקע שטאָט, נאָר אַפֿילו די גאַנצע װעלט. איך װעל נאָר אים אַלײן דינען און אין אים אַלײן גלײבן!

— און ער װעט שיקן די ברכה אױף דיר און אױף דײַן הױז — האָט דער אַפּאָסטאָל פֿאַרענדיקט.

דערװײַל זענען זײ אַרונטער אין אַן אַנדערן צװישן־געבירג,

---

*) פֿרידן מיט אײַך.

ווו זיי האָבן ביים סאַמע סוף געזען אַ שוואַך ליכטל. פּעטרוס האָט דאָרט אַהינגעווייזן מיט דער האַנט און האָט געזאָגט:

— אָט איז דעם גרובן-אַרבעטערס שטיבל, וועלכעס האָט אונדז אויפגענומען, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט מיטן קראַנקן ליניוס פון אָסטריאַנום און האָבן זיך נישט געקענט אַריבערבאַקומען אויף יענער זייט טיבער.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי צוגעקומען. דאָס שטיבל איז גיכער געווען אַ מין מערה אויסגעהוילט אין באַרג, און פון אינע-ווייניק פאַרמאַכט מיט אַ וואַנט פון ליים און צווייגן, די טיר איז געווען פאַרמאַכט, נאָר דורך דער עפענונג, וועלכע האָט געדינט אַלס פענסטער, האָט מען געקענט זען, אַז אינעווייניק איז ליכ-טיק.

עפּעס אַ טונקעלע ריזן-געשטאַלט האָט זיך אויפגעשטעלט אַנטקעגן די אָנקומענדיקע און האָט געפרעגט:

— ווער זענט איר?

— קריסטוסעס דינער — האָט פּעטרוס געענטפערט. — פרידן מיט דיר, אורסוס.

אורסוס האָט זיך נידעריק געבויגט צו די פיס פון אַפּאָסטאָל און דערנאָך, דערקענענדיק וויניציושן, האָט ער אַ כאַפּ געטון זיין האַנט און האָט זי צוגעטראָגן צו די ליפּן.

— אויך דו, האר? — האָט ער אויסגערופן — געלויבט זאָל זיין דער נאָמען פון שעפעלע פאַר דער פרייד, וועלכע דו וועסט פאַרשאַפן קאַלינען.

אַזוי רעדנדיק, האָט ער געעפנט די טיר און זיי זענען אַריינגעגאַנגען. דער קראַנקער ליניוס איז געלעגן אויף אַ בינטל שטרוי, ער האָט געהאַט אַן אָפּגעצערט געזיכט און אַ געלן שטערן, ווי העלפאַנט-ביין. לעבן פייער איז געזעסן ליגיע, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ בינטל קליינע פישלעך אויפגעצויגענע אויף אַ שנירל, ווייזט אויס, צום אָוונט-ברויט.

באַשעפטיקט מיטן אַראָפּנעמען די פיש פון שנירל און זיי-כער זייענדיק אַז דאָס גייט אורסוס אַריין, האָט זי אַפילו די אויגן נישט אויפגעהויבן. וויניציוש אָבער איז צוגעגאַנגען, און

אַרויסרעדנדיק איר נאָמען, האָט ער די הענט צו איר אויסגעשטרעקט. דאַן האָט זי זיך שנעל אַ הייב אויף געטון: אַ צוק פון איבעראַשונג און פרייד איז איבער איר געזיכט אַדורך, און אַן ווערטער, ווי אַ קינד, וועלכעס האָט נאָך פיל טעג שרעק און פיין צוריקבאַקומען דעם פאָטער אָדער די מוטער, האָט זי זיך געוואָרפן אין זיינע אָפענע אָרעמס.

ער האָט זי אַרומגענומען און האָט זי אַ צייט לאַנג געדריקט צו זיין ברוסט אויך מיט אַזאַ באַגייסטערונג, ווי זי וואָלט אויף אַ וואונדערלעכן אופן ניצול געוואָרן. צענעמענדיק דערנאָך די הענט האָט ער זי צוגענומען מיט ביידע הענט ביי די שלייפן, האָט זי געקושט אין שטערן, אין די אויגן און האָט זי ווידער אַרומגענומען, האָט איבערגעחזרט איר נאָמען, דערנאָך האָט ער זיך אַראָפגעבויגן צו אירע קני, צו אירע הענט, האָט זי באַגריסט, פאַרהערלעכט, פאַרערט. זיין פרייד האָט פשוט נישט געהאַט קיין גרענעץ, אַזוי ווי זיין ליבע און זיין גליק.

ענדלעך האָט ער איר גענומען דערציילן, ווי ער איז געקומען צולויפן פון אַנציום, ווו ער האָט זי געזוכט אונטער די מויערן און צווישן דעם רויך ביי לינוסן אין הויז, וויפיל זאָרג און שרעק ער האָט געהאַט, וויפיל ער האָט געליטן, איידער דער אַפאָסטאָל האָט אים געבראַכט צו איר.

— אָבער אַצינד, — האָט ער געזאָגט — אַז איך האָב דיך געפונען, וועל איך דיך דאָ נישט לאָזן נאָנט פון דעם פייער און דעם צעווילדעוועטן המון. מענטשן שחטן זיך דאָ הינטער די מויערן, שטורמען און רויבן שקלאַפינס. גאָט ווייסט, וואָס נאָך פאַר אַן אומגליקן עס וועלן קומען אויף רוים. אָבער איך מוז דיך און אייך אַלעמען ראַטעווען. אָ, מיין טייערע!... איר ווילט פאָרן מיט מיר קיין אַנציום? דאָרט וועלן מיר זיך אויפזעצן אויף אַ שיף און מיר וועלן אַוועקשווימען קיין סיציליען. מיינע גיטער זענען אייערע גיטער, מיינע הייזער זענען אייערע הייזער. פאָלג מיך!... אין סיציליען וועלן מיר טרעפן די אַוילוסעס, איך וועל דיך אומקערן צו פּאָמפּאָניען און וועל דיך דערנאָך נעמען פון איר האַנט. אָ, קאַריסימאַ, דו שרעקסט זיך דאָך שוין נישט פאַר מיר! דאָס טויפ-

וואָסער האָט מיך נאָך נישט ריינגעוואַשן, אָבער פרעג פּעטרוסן, צי איך האָב אים נישט מיט אַ רגע פריִער, אַהערגייענדיק צו דיר, געזאָגט, אַז איך וויל זיין אַן אמתער קריסט און צי איך האָב אים נישט געבעטן, ער זאָל מיך טויפן, אפילו דאָ אין דעם פּאַסאַזשירס שטיבל. גלייב מיר און גלייבט מיר אַלע.

ליגיע האָט מיט אַ שטראַלנדיק געזיכט געהערט דידאַזיקע רייד, אַלע וואָס געפינען זיך דאָ האָבן טאַקע פריִער, צוליב די רדיפות מצד די יידן און איצט צוליב דער שרפה און דער מהומה, געלעבט אין שטענדיקן שרעק און אומזיכערקייט. דאָס אַוועקפאָרן אין דעם רויִקן סיציליען וואָלט געמאַכט אַ סוף צו אַלע שרעק און עס וואָלט זיך אויך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע פון גליק אין זייער לעבן. ווען וויניציוש וואָלט אַזוי בדעה געהאַט צו־צונעמען בלויז זי, ליגיען, וואָלט זי זיך זיכער קעגנגעשטעלט דעם נסיון, נישט ווילנדיק איבערלאָזן דעם אַפּאָסטאָל פּעטרוס און לי־נוסן, אָבער וויניציוש האָט דאָך זיי געזאָגט: „פאָרט אַלע מיט מיר! מיינע הייזער זיינען אייערע!״

אַראָפּבייגנדיק זיך אַלזאָ אַ קוש צו טון זיין האַנט, אַלס צייכן פון געהאָרכזאַמקייט, האָט זי געזאָגט:

— דיין היים איז מיינע.

דערנאָך, פאַרשעמענדיק זיך, וואָס זי האָט אַרויסגערעדט אַזעלכע ווערטער, וואָס לויטן רוימישן מנהג זאָגן דאָס נאָר כלות ביי דער חופּה, האָט זי זיך פאַרויטלט און איז געבליבן שטיין אַזוי ביים שיין פון פייער מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, אין ספק, צי מ׳וועט נישט אויף איר פאַריבל האָבן דערפאַר.

אין וויניציושס בליק אָבער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ גרענעצ־לאָזע פאַרגעטערונג. באַלד האָט ער זיך געווענדט צו פּעטרוסן און האָט געזאָגט:

— רוים ברענט לויטן צעזאָרס באַפעל. נאָך אין אַנציום האָט ער זיך געקלאָגט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין גרויסע שרפה. אָבער אויב ער האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פאַר אַזאַ פאַרברעכן, באַטראַכט נאָר וואָס עס קען נאָך געשען. ווער ווייסט, צי אַהערברענגענדיק דאָס חייל, וועט ער נישט הייסן

אויסקוילן די איינוווינער. ווער ווייס, וואָס פאַרא פּראָסקריפּציעס ס'וועלן אָנקומען, ווער ווייסט, צי נאָך דעם אומגליק מיט דער שׂרפה וועט נישט אָנקומען אַן אומגליק פון אַ בירגער־קריג, מאָרדן און הונגער? אַלזאָ ראַטעוועט זיך, און ראַטעוועט ליגיען: דאָרט וועט איר איבערוואַרטן דעם שטורם אין רויקייט, און ווען ער וועט אַריבערגיין, וועט איר זיך אומקערן צום זייען אייער זוימען.

פון דרויסן, פון דער זייט פון אגער וואַטיקאַנוס, אַזוי ווי אויך צו באַשטעטיקן וויניציוסעס מורא, האָבן זיך געלאָזט הערן ווייטע געשרייען, פול ווילדקייט און שרעק. גלייכצייטיק איז אויך אָנגעקומען דער שטיינהעקער, דער בעל־הבית פון דאָס הייזל און פאַרמאַכנדיק שנעל די טיר, האָט ער אויסגערופן:

— מענטשן קוילן זיך לעבן נירונס צירק. שקלאַפן און גלאַדיאַטאָרן זענען אָנגעפאַלן אויף די בירגער.

— איר הערט? — האָט זיך אָפּגערופן וויניציוס.

ס'ווערט פול די מאָס — האָט זיך אָפּגערופן דער שליח — און צרות וועלן זיין ווי דער ים אָן אַ ברעג.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו וויניציוסן און, ווייזנ־דיק אויף ליגיען, האָט ער געזאָגט:

— נעם דאָס מיידל, וואָס גאָט האָט דיר באַשטימט און ראַטעווע איר און לינוס, וועלכער איז קראַנק און אורסוס זאָל מיטפאָרן מיט אייך.

אָבער וויניציוס, וואָס האָט ליב געקריגן דעם אַפּאָסטאָל מיטן גאַנצן כּוח פון זיין אומבאַגרענעצטער נשמה האָט אויסגע־רופן:

— איך שווער דיר, לערער, אַז איך וועל דיר דאָ נישט איבערלאָזן אין אַזאַ עת־צרה.

— און דער האַר וועט דיר בענטשן פאַר דיין ווילן — האָט געענטפערט דער אַפּאָסטאָל — אָבער צי האָסטו נישט גע־הערט, אַז קריסטוס האָט מיר דריי מאָל איבערגעחזרט אויף דער אָזערע: „פּאַשע מיינע שעפּסעלעך!"

וויניציוס איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— ווען דו, ווען קיינער האָט נישט באַפוילן השגחה צו געבן אויף מיר, זאָגסט, אַז דו וועסט מיר נישט איבערלאָזן אין אַ צרה, ווי אַזוי פֿאַרלאַנגסטו, אַז איך זאָל אַוועק פֿון מײַן סטאַדע אין טאָג פֿון אומגליק? ווען ס'איז געווען אַ שטורעם אויף דער אָזערע, און ווען ס'האָט אונדז אַלע געציטערט די הערצער, האָט ער אונדז נישט אָפּגעלאָזט, ווי אַזוי זאָל איך, אַ קנעכט, נישט נאָכטאָן דעם בײַשפּיל פֿון מײַן האַר?

דעמאָלט האָט לינוס אויפֿגעהויבן זײַן אויסגעדאַרט פּנים און געפֿרעגט:

— און ווי אַזוי זאָל איך, דו גאָטס פֿאַרטרעטער, נישט נאָכטאָן דײַן בײַשפּיל?

ויניציוס האָט אָנגעהויבן צו פֿירן מיט דער האַנט איבערן קאָפּ, ווי ער וואָלט געקעמפֿט מיט זיך אָדער ווי ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, דערנאָך האָט ער אָנגעכאַפּט ליגיען פֿאַרן האַנט און זיך אָפּגערופֿן מיט אַ שטימע, אין וועלכער ס'האָט געקלונגען די ענערגיע פֿון אַ רוימישן סאָלדאַט:

— הערט מיך אויס, פּעטרוס, און דו, ליגיאַ! איך האָב געזאָגט דאָס, וואָס ס'האָט מיר געהייסן מײַן מענטשלעכער פֿאַרשטאַנד, אָבער איר האָט אַן אַנדערן, וועלכער קלערט נישט וועגן זיך ראַטעווען, נאָר וועגן די באַפֿעלן פֿון אויסלייזער. יאָ! איך האָב דאָס נישט פֿאַרשטאַנען און איך האָב פֿאַרבלאָנדזשעט, ווײַל פֿון מײַנע אויגן איז נאָכנישט אַראָפּגענומען געוואָרן דער בלאַס, און די אַלטע נאַטור רופֿט זיך נאָך אָפּ אין מיר. אָבער ווײַל איך ליב קריסטוסן און איך וויל זײַן זײַן קנעכט, דערי־בער, כאָטש עס גייט מיר דאָ וועגן עפּעס מער, ווי וועגן מײַן אייגענעם קאָפּ, קני איך דאָ פֿאַר אײַך און שווער, אַז איך וועל אויך מקיים זײַן די מצווה פֿון ליב האָבן, און איך וועל נישט פֿאַרלאָזן מײַנע ברידער אין צײַט פֿון אומגליק.

זאָגנדיק דאָס, איז ער געפֿאַלן אויף די קני, און פּלוצ־לונג האָט אים אַרומגענומען אַ התלהבות: די אויגן און די הענט האָט ער אויפֿגעהויבן אין דערהויך און אָנגעהויבן צו שרײַען:

— צי פאַרשטיי איך דיר שוין, אָ, קריסטע? צי בין איך דיר ראוי?

די הענט האָבן אים געציטערט, די אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן, דער קערפּער האָט געציטערט מיט אַ פיבער פון גלויבן און ליבשאַפט, און פּעטרוס דער אַפּאָסטאָל האָט גענומען אַ ליימענע אַמפאָרע מיט וואַסער און דערנענטערנדיק זיך צו אים, האָט ער זיך אָנגערופן פייערלעך:

— אָט טובל איך דיר, אין נאָמען פון פאָטער, זון און גייסט, אמן!

דעמאָלט האָט אַ רעליגיעזע התלהבות ארומגעכאַפּט אַלע אַנוועזנדע. ס'האָט זיך זיי אויסגעדוכט, דאָס די שטוב ווערט פול מיט נישט קיין ערדישע ליכטיקייט, אַז זיי הערן נישט קיין ערדישע מוזיק, אַז דער שטיין פון דער מערה שפּאַלט זיך איבער זייערע קעפּ, אַז פון הימל פליסן אַראָפּ כמאַרעס מלאכים, און ווייט־ווייט, אין דערהויך, זעט מען אַ צלם און דורכגעלעכערטע בענטשנדיקע הענט.

דערווייל פלעגן דערגיין פון דרויסן קולות פון מענטשן, וואָס שלאָגן זיך און דער טראַסק פון די פלאַמען פון דער ברענענדיקער שטאָט.

XLIX.

מחנות מענטשן האָבן זיך אויסגעלייגט אין די פּרעכטיקע גערטנער פון צעזאַרן, די אַמאָליקע דאמיציעס און אַגריפּינעס, אויפן מאַרס־פעלד, אין פּאָמפּעיוסעס, סאַלוסטיוסעס און מעצענאַסעס גערטנער. מ׳האָט פאַרנומען די פּאָרטיקעס, הייזער צום שפּילן אין פּילקע, גראַנדיעזע זומער־ווינוּנגען און שאָפּעס פאַר חיות. פּאַוועס, פלאמינגען, שוואַנען און שטרויסן, גיזעלעס און אַנטילאָפּעס פון אַפריקע, הערשן און סאַרנעס, וועלכע זענען געווען די שיינקייט פון די גערטנער, זענען געגאַנגען אונטערן מעסער פון המון. עסנוואַרג האָט מען אָנגעהויבן ברענגען פון אָסטיע אַזויפיל, אַז איבער די געהילץ און פאַרשידענע שיפן האָט מען געקענט אַריבערגיין פון איין זייט טיבער אויף דער צווייטער, אַזוי ווי איבער אַ בריק. מ׳פלעגט צעטיילן תבואה צו אונערהערטע פּרייזן פון דריי סעסטערציעס, און אָרעמערע אינגאַנצן אומזיסט. מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט קאָלאָסאַלע מענגעס ווין, אייל און קאַשטאַנעס; פון די בערג פלעגט מען יעדן טאָג

אראָפּיאָגן סטאַדעס אָקסן און שעפּסן. די בעטלערס, וועלכע האָבן זיך פֿאַרבאַהאַלטן פֿון דער שׂרפֿה אין די הינטערגעסלעך פֿון סובורע און וועלכע פֿלעגן אין אַן איינפֿאַכע צייט שטאַרבן פֿון הונגער, האָבן איצטער געלעבט בעסער ווי פֿריער. די מורא פֿאַר אַ הונגער איז אינגאַנצן אַוועק, אָבער שווערער איז געוואָרן צו פֿאַרהיטן פֿון רציחות, גנבֿות און געוואַלדטאַטן. דאָס וואַנדערנדיקע לעבן האָט פֿאַרזיכערט אומבאַרירלעכקייט די גנבֿים, וועלכע פֿלעגן זיך נאָך האַלטן פֿאַר צעזאָרס פֿאַרערעס און פֿלעגן אים נישט שפּאָרן קיין קאָמפּלימענטן, ווו ער פֿלעגט זיך נאָר באַווייזן. און ווייל צוליב דער געשאַפֿענער לאַגע זענען די אַמטן געווען פֿאַרשלאָסן און אויפֿן אָרט האָט געפֿעלט אַ גענוגנדיקע באַוואָפֿנטע מאַכט, וועלכע זאָל קענען פֿאַרהיטן פֿון פֿאַרפֿאַלן, איז אין דער שטאָט, אין וועלכער ס'האָט געוווינט די פּסולת פֿון דער גאַנצער וועלט אין יענער צייט, פֿלעגן פֿאַרלויפֿן זאַכן, וועלכע שטייגן איבער יעדע מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע. יעדע נאַכט פֿלעגן זיין קאַמפֿן, הריגות, אויפֿלאַפֿן פֿון פֿרויען און קינדער. לעבן פּאָרטאַ מוגיאַניס, ווו ס'פֿלעגן שטיין די געבראַכטע פֿון קאַמפּאַניע סטאַדעס, פֿלעגן דערגיין צו הריגות, אין וועלכע ס'פֿלעגן אומקומען הונדערטער מענטשן. יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגן די ברעגעס פֿון טיבער זיין פֿול מיט דערטרונקענע קערפּערס, וועלכע קיינער פֿלעגט נישט מקבר זיין, און וועלכע, פֿוילנדיק שנעל צוליב די היצן, פֿאַרגרעסערטע נאָך מיט דעם פֿייער, פֿלעגן אָנפֿילן די לופֿט מיט שטינקנדיקע ריחות. אין די מחנות האָבן זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן קראַנקהייטן, און מער פּחדנותדיקע האָבן שוין פֿאָרויסגעזען אַ גרויסע עפּידעמיע.

און די שטאָט האָט אַלץ נאָך געברענט. אויפֿן זעקסטן טאָג האָט דאָס פֿייער, אָנטרעפֿנדיק אויף די ליידיקע פּלעצער פֿון עסקווילינוס, ווו מ'האָט ספּעציעל חרובֿ געמאַכט אַ גרויסע צאָל הייזער, אָנגעהויבן צו ווערן שוואַכער. נאָר די הויפֿנס ברענענדיקע קוילן האָבן נאָך געלויכטן אַזוי שטאַרק, אַז דער המון האָט גאָרנישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז שוין דער סוף פֿון אומגליק. אויף דער זיבעטער נאַכט האָט דאָס פֿייער צו־

דיק אויפגעפלאַמט מיט אַ נייעם כוח אין טיגעלינוסעס בנינים, נאָר ווייל ס'האָט געפעלט ברען־מאַטעריאַל, האָט עס לאַנג נישט געדויערט. נאָר די פאַרברענטע הייזער פלעגן נאָך דאָ און דאָרט איינפאַלן, ארויסוואַרפנדיק אין דערהויך שטיקער פלאַמען און זיילן פונקען. נאָר די פאַמעלעך טליענדיקע אין זיך חורבות האָבן אָנגעהויבן פון הויבן צו ווערן שוואַרץ. נאָכן זון־אונטערגאַנג האָט שוין דער הימל אויפגעהערט צו לייכטן מיט אַ בלוטיקן פייער, נאָר אויף דער נאַכט, אויף דעם גרויסן שוואַרצן מדבר פלעגן טאַנצן בלאָע צונגען פון צווישן די הויפנס קוילן.

פון פערצן קוואַרטאַלן פון רוים זענען געבליבן קוים פיר, אַריינרעכענענדיק שוין אין דעם יענע זייט טיבער. דאָס איבעריקע האָבן אויפגעפרעסן די פלאַמען. ווען צום סוף זענען אויף אַש פאַרברענט געוואָרן די הויפנס קוילן, האָט מען געזען, אָנהייבנדיק פון טיבער ביז צום עסקווילינוס, אַ גרויסן, גראָען, טרויעריקן, אָפּגעשטאָרבענעם מרחק, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ ריי קוימענס, אַזוי ווי קברים־זיילן אויף אַ בית־עלמין. צווישן די זיילן פלעגן זיך בייטאָג אַרומדרייען אומעטיקע גרופעס מענטשן, וועלכע פלעגן זוכן אָדער טייערע חפצים, אָדער ביינער פון ליבע נפשות. ביינאַכט פלעגן הינט וואיען איבער אַש און חורבות פון געוועזענע הייזער.

די גאַנצע אָפענע האַנט און הילף, וועלכע צעזאַר האָט געהאַט פאַר זיין פאָלק, האָבן נישט פאַרמיטן פון קללות און צאָרן. צופרידן איז נאָר געווען דער המון גנבים, רויבער און היימלאָזע בעטלער, וועלכע האָבן געקענט גענוג עסן, טרינקען און רויבן. אָבער די, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע נאָענטסטע און זייער פאַרמעגן, האָבן זיך נישט געלאָזט איבעררעדן נישט מיט די געעפנטע גערטנער, נישט מיט די צעטיילטע תבואות, נישט מיט די צוגעזאָגטע שפּילערייען און מתנות. דער אומגליק איז געווען צו גרויס און צו אונערהערט. אַנדערע, אין וועלכע ס'האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון ליבע צו דער שטאָט־פאָטערלאַנד, האָט נאָך געבראַכט צו פאַרצווייפלונג די ידיעה, אַז דער אַלטער נאָמען „ראָמאַ" דאַרף אָפּגעמעקט ווערן פון דער

ערד, און אַז צעזאַר האָט בדעה אויף די חורבות אויפצובויען אַ נייע שטאָט מיטן נאָמען נעראָפּאָליס. די אונצופרידנהייט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און טראָץ די חניפות פון די אויגוסטיאַנער, טראָץ די שקרים פון טיגעלינוסן, האָט נירון, דער עמפּפינדלעכסטער פון אַ.ע פּאָריקע צעזאַרן לויט דער מיינונג פון המון, האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, אַז אין זיין שטילן קאַמף אויף טויט און לעבן, וועלכן ער האָט געפירט מיט די פּאַטריציער און סענאַט, קען אים פאַרפעלן די נויטיקע אונטערשטיצונג. די אויגוסטיאַנער אַליין זענען געווען אַמווינציקסטן באַרויקט, ווייל יעדער טאָג האָט געקאָנט ברענגען זיי אַ מפּלה. טיגעלינוס האָט געקלערט וועגן ברענגען עטלעכע לעגיאָנען פון קליין־אַזיע. וואַטיניוס, וועלכער האָט געלאַכט אפילו דעמאָלט, ווען מען האָט אים געפּאַטשט, האָט פאַרלוירן זיין הומאָר; וויטעליוס האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט.

אַנדערע האָבן זיך באַראַטן צווישן זיך, ווי אַזוי זיך צו פאַרהיטן פון אַ געפאַר, ווייל פאַר קיינעם איז דאָס נישט געווען קיין סוד, אַז אין פאַל פון אַן אויפשטאַנד קעגן צעזאַרן, וואָלט אויסער פּעטראָניוס קיינער פון די אויגוסטיאַנער נישט אַרויס מיטן לעבן, ווייל מ׳האָט דאָך געהאַלטן, אַז אַלע זיינע משוגעתן, אַלע פאַרברעכנס, האָט נירון אויסגעפירט אונטער זייער השפעה, פון זייער איניציאַטיוו. דער כעס קעגן זיי איז געווען אפשר אַ גרעסערער, ווי קעגן אים.

האָבן זיי אָנגעפאַנגען זיך צו דאַרן די קעפּ, ווי אַזוי אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן פאַרברענען די שטאָט. אָבער ווילנדיק איר אַראָפּוואַרפן פון זיך, האָט מען געדאַרפט אויך אָפּרייניקן פון חשדים צעזאַרן, ווייל אַנדערש וואָלט קיינער נישט געגלויבט, אַז זיי זענען נישט די שולדיקע פאַר דער שריפה. טיגעלינוס האָט זיך געעצהט וועגן דעם מיט דאָמיציוס אַפער, און אפילו מיט סענעקאַן, וועלכן ער האָט זייער פיינט געהאַט. פּאָפּעא, פאַרשטייענדיק גוט, אַז נירונס מפּלה וואָלט אויך געווען אירע, האָט געפרעגט עצות

ביי אירע אָנפּאַרטרויטע און יידישע כהנים, וואָרים אַלע האָבן געוווּסט, אַז זייט עטלעכע יאָר גלויבט זי אין יידישן גאָט. נירון פּלעגט אויסגעפינען מיטלען, אָפּט מוראדיקע, גאַנץ אָפּט ליצנות׳דיקע און אָדער ער פּלעגט אַריינפאַלן אין אַן אימה, אָדער ער פּלעגט זיך שפּילן, אַזוי ווי אַ קינד, שטענדיק פּלעגט ער זיך נאָר באַקלאָגן.

איין מאָל, האָט מען אין טיבעריוסעס אָפּגעראַטעוועטן שטוב פון פייער, אָפּגעהאַלטן א לאַנגע אסיפה, וועלכע האָט נישט געבראַכט צו קיין רעזולטאטן. פּעטראָניוס האָט ארויסגע־זאָגט זיין מיינונג, אַז מ׳דאַרף אָפּלאָזן אַלע דאגות און פאָרן קיין גריכנלאַנד און פון דאָרט קיין מצרים און קליין־אַזיע. די נסיעה איז שוין פון לאַנג געווען פּראָיעקטירט, צו וואָס איר אָפּלייגן, ווען אין רוים איז אומעטיק און געפערלאַך.

צעזאַר האָט אויפגעכאַפּט די עצה מיט התלהבות, נאָר סענעקאַ, קלערנדיק אַ רגע, האָט געזאָגט:

— אוועקפאָרן איז לייכט. אָבער זיך אומקערן וואָלט גע־ווען שפּעטער שווערער.

— אויף הערקלעסן! — האָט זיך אָפּגערופן פּעטראָ־ניוס — זיך אומקערן קען מען דאָך בראש פון די אַזיאַטישע לעגיאָנען.

— אַזוי וועל איך טאָן! — האָט אויסגערופן נירון.

אָבער טיגעלינוס האָט אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן. אַליין האָט ער גאָרנישט געקענט אויסגעפינען, און ווען אים זאָל צום ערשטן קומען אין קאָפּ פּעטראָניוס געדאַנק, וואָלט ער אים געווים געהאַלטן פאַר דעם בעסטן, נאָר אים איז געגאַנגען אין דעם, אַז פּעטראָניוס זאָל צום צווייטן מאָל נישט זיין דער איינ־ציקער מענטש, וועלכער קען אין אַן עת־צרה אַלץ און אַלע אַרויסראַטעווען.

— הער מיך אויס, דו געטלעכער! — האָט ער געזאָגט — די עצה איז אַ געפערלעכע! איידער דו וועסט דערפאָרן ביז אָסטיע, וועט אויסברעכן א בירגער־קריג; ווער ווייס, צי איינער פון די נאָך ביים לעבן געבליבענע זייטיקע יורשים פון

געטלעכן אויגוסט וועט זיך נישט דערקלערן פאַר אַ צעזאַר, און וואָס וועלן מיר דעמאָלט טאָן, אַז די לעגיאָנען וועלן זיך שטעלן אויף זיין זייט?

— מיר וועלן טאָן דאָס — האָט אָפּגעענטפערט נירון — וואָס מיר וועלן זיך באַמיען, אַז ס'זאָל טאַקע אויספעלן אויגוסטס יורשים. קיין סך איז נישט געבליבן, זיך צו באַפרייען פון זיי איז גאַנץ לייכט.

— דאָס קען מען מאַכן, אָבער צי גייט נאָר וועגן דעם? נישט לענגער, ווי נעכטן, האָבן מיינע מענטשן געהערט צווישן המון רעדן, אַז אַ צעזאַר דאַרף זיין אַזאַ מאַן, ווי טראַזעאַס.

נירון האָט פאַרביסן די ליפּן. אין אַ ווייל אַרום האָט ער אויפגעהויבן די אויגן אינדערהויך און האָט געזאָגט:

אומאָנגעזעטיקטע און נישט דאַנקבאַרע. זיי האָבן דאָך גענוג תבואה און קוילן אויף צו באַקן זיך פלעצלעך, וואָס זשע ווילן זיי נאָך?

און טיגעלינוס האָט געענטפערט:

— נקמה.

עס איז שטיל געוואָרן. פּלוצלונג איז דער צעזאַר אויפגעשטאַנען, האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און אָנגעהויבן דעקלאַמירן:

„הערצער לעכצן נקמה, און נקמה — קרבנות".

און פאַרגעסנדיק אָן אַלעם האָט ער מיט אַ שטראַלנדיק פּנים אַ רוף געטאָן:

— דערלאַנגט מיר די טאָוולען און דעם סטיל צו פאַרשרייבן דעמדאָזיקן פערז. לוקאַן האָט קיינמאָל אַזעלכעס נישט געשאַפן. האָט איר באַמערקט, אַז כ'האָב עס אַזוי געפונען אין איין רגע?

— אָ, אומפאַרגלייכלעכער! — האָבן זיך עטלעכע שטימען אָפּגערופן.

נירון האָט פאַרשריבן דעם פערז און געזאָגט:

— יאָ, נקמה וויל קרבנות.

און איבערגייענדיק מיטן בליק אַלע אַרומיקע:

— און אויב מ'זאָל אַרויסלאָזן אַ קלאַנג, אַז דאָס האָט וואַטיניוס געהייסן אונטערצינדן די שטאָט, און אים מקריב זיין צום צאָרן פון המון?

— אָ, געטלעכער, ווער בין איך דען? — האָט וואַטיניוס אויסגערופן.

— אמת! מ'דאַרף עפּעס אַ גרעסערן פון דיר... ווי־טעליוסן?

וויטעליוס איז בלייך געוואָרן, אָבער ער האָט אָנגעהויבן לאַכן.

— מיין פּעטס — האָט ער געענטפערט — וואָלט נאָר געקענט צוריק אויפבלאָזן דאָס פייער.

אָבער נירון האָט שוין וועגן עפּעס אַנדערש געטראַכט. ער האָט געטראַכט וועגן עפּעס אַ קרבן, וואָס זאָל אויף אַן אמת שטילן דעם צאָרן פון פאָלק און ער האָט עס געפו־נען.

— טיגעלינוס — האָט ער אין אַ ווייל אַרום געזאָגט — דו האָסט פאַרברענט רוים.

אַ ציטער איז אַדורך די פאַרזאַמלטע. זיי האָבן פאַר־שטאַנען, אַז דער צעזאַר האָט דאָסמאָל אויפגעהערט צו שפּאַסן און אַז עס רוקט זיך אָן אַ מוראדיקע אומדערוואַרטע מינוט.

טיגעלינוסעס פּנים האָט זיך צונויפגעשרומפּן ווי די מאָרדע פון אַ הונט, גרייט צו בייסן.

— איך האָב פאַרברענט רוים אויף דיין באַפעל — האָט ער געזאָגט.

און זיי האָבן ביידע זיך גענומען אָנקוקן ווי צוויי רוחות. עס איז אַזוי שטיל געוואָרן, אַז מ'האָט געהערט דאָס זשווזשען פון אַ פליג, וואָס איז אַרומגעפלויגן אין אַטריום.

— טיגעלינוס — האָט דער צעזאַר זיך אָפּגערופן — האָסטו מיך ליב?

— דו ווייסט עס, האַר.

— זיי זיך מקריב פאַר מיר!

— געטלעכער צעזאַר — האָט טיגעלינוס געענטפערט — צוהאָס דערלאַנגסטו מיר דעם זיסן געטראַנק, וועלכן איך טאָר צו די ליפּן נישט צוטראָגן. דאָס פאָלק מורמלט און בונטעוועט זיך, ווילסטו, אַז אויך די פּרעטאָריאַנער זאָלן זיך נעמען בונטעווען?

און אַנגסט האָט פאַרקלעמט אַלעמענס הערצער אַרום. טיגעלינוס איז געווען פּרעפעקט פון די פּרעטאָריאַנער און זיינע ווערטער האָבן גאַנץ פּשוט באַטייט אַ דראָונג. נירון אַליין האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען און זיין פּנים איז בלייך געוואָרן.

אינדעם איז אריין עפּאַפראָדיט, דעם צעזאַרס פרייגעלאָזטער, מיט אַ מעלדונג אַז די געטלעכע אויגוסטין ווינטשט צו זען טיגעלינוסן, ווייל עס זענען ביי איר איצט דאָ מענטשן וועלכע דער פּרעפעקט דאַרף אויסהערן.

טיגעלינוס האָט זיך פאַרנייגט פאַרן צעזאַר און איז אַרויס מיט אַ רויק און פאַראַכטלעך פּנים. אָט האָט מען אים געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן, האָט ער באַוויזן די ציין און האָט געגעבן צו פאַרשטיין ווער ער איז און קענענדיק נירונס פּחדנות האָט ער געוווּסט, אַז דערדאָזיקער הערשער פון דער וועלט וועט קיינמאָל נישט האָבן די העזה אויפצוהויבן קעגן אים אַ האַנט.

נירון איז אַ מינוט געזעסן שטיל, נאָר זעענדיק, אַז אַלע אַרום וואַרטן אויף עפּעס אַ וואָרט פון אים האָט ער געזאָגט:

— איך האָב אויפגעצויגן אַ שלאַנג אויף מיין שויס.

פּעטראָניוס האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן דערמיט, אַז אַזאַ שלאַנג איז נישט שווער אָראָפּצורייסן דעם קאָפּ.

— וואָס זאָגסטו? רעד, עצה מיר! האָט נירון אויסגערופן, זעענדיק זיין באַוועגונג. דיר איינעם טרוי איך, ווייל דו האָסט מער פאַרשטאַנד פאַר זיי אַלע און דו ליבסט מיך!

פּעטראָניוס האָט שוין געהאַט אויף דער צונג: „באַשטים מיך פאַר פּרעפעקט פון די פּרעטאָריער און איך וועל טיגעלינוסן אַרויסגעבן דעם פאָלק אין די הענט און אין איין טאָג באַרויקן

די שטאָט". אָבער זיין איינגעבוירענע פוילקייט האָט גובר געווען. פרעפעקט זיין האָט געהייסן טראָגן אויף זיינע פלייצעס דעם צעזאַר און טויזנטער אַנדערע עפנטלעכע דאגות. צוואָס זשע טויג אים דידאָזיקע אַרבעט? איז דען נישט בעסער צו פאַרנעמען זיך מיט לייענען פערזן אין דער פּרעכטיקער ביבליאָטעק, אָנצוקוקן וואזעס און סטאַטועס, אָדער האַלטנדיק אויף דער שויס עניסעס געטלעכן קערפער פונאַנדערצוזשאַרן מיט די פינגער אירע גאָלדענע האָר און צוצוגייגן דאָס טויל צו אירע קאָראַלן-ליפן.

ער האָט דעריבער געזאָגט:

— איך עצה צו פאָרן קיין אַכאַי.

— אַך — האָט נירון געענטפערט — כ'האָב דערוואַרט פון דיר עפּעס מער. דער סענאַט האָט מיך פיינט. ווער קען מיר ערוב זיין, אַז זיי וועלן נישט אויפשטיין קעגן מיר, ווען כ'וועל אַרויספאָרן און וועלן אויסרופן אַן אַנדערן פאַר צעזאַר? אַמאָל איז דאָס פאָלק מיר געווען געטריי אָבער היינט וועלן זיי גיין נאָך זיי... ביי האַדעסן! ווען דער סענאַט און דאָס פאָלק זאָלן האָבן איין קאָפּ!...

— דערלויב מיר דיר זאָגן, אָ, געטלעכער, אַז ווילנדיק דעם קיום פון רוים מוז מען איבערלאָזן כאָטש עטלעכע רוימער — האָט פעטראָניוס געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

אָבער נירון האָט זיך גענומען קלאָגן:

— וואָס טויג מיר רוים און די רוימער! אין אַכאַי וואָלט מען מיך געהערט. דאָ אָבער האָב איך אַרום מיר בלויז פאַראַט. אַלע פאַרלאָזן מיך: איר זענט גרייט מיך צו פאַרראַטן! איך ווייס דאָס, כ'ווייס!... איר, איר טראַכט אַפילו נישט, וואָס וועלן די שפּעטערדיקע דורות זאָגן וועגן אייך, וועלכע פאַרלאָזן אַזאַ קינסטלער ווי איך.

דאָ האָט ער זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן און האָט אויסגערופן:

— געוויס!... צווישן די אַלע דאגות פאַרגעס איך ווער איך בין.

און דאָס זאָגנדיק האָט ער זיך געווענדט צו פּעטראָניוסן שוין אינגאַנצן מיט אַ צעשטראַלט פּנים.

— פּעטראָניוס — האָט ער געזאָגט — דאָס פֿאָלק מורמלט, אָבער ווען איך זאָל נעמען די האַרפֿע און אַרויסגיין צו זיי אויף די מאַרס־פֿעלדער, ווען איך זאָל פֿאַר זיי זינגען דאָס זעלבע ליד, וואָס איך האָב פֿאַר אייך געזונגען בעת דער שׂרפֿה, ווי מיינסטו, וואָלט איך זיי נישט גערירט מיט מיין געזאַנג ווי אָרפֿעוס די ווילדע חיות?

אויף דעם האָט טוליוס סענעציאָ, וועלכער האָט זיך שטאַרק געאיילט אַהיים צו זיינע שקלאַפֿינס, וועלכע מ'האָט נאָר וואָס געהאַט געבראַכט פֿון אַנציום, און איז זייער אומגעדולדיק געווען, געענטפֿערט:

— בלי ספֿק, צעזאַר, אויב זיי וועלן דיך נאָר לאָזן אָנהייבן.

— פֿאָרן מיר קיין העלאַדע! — האָט נעראָן נישט געראָן אַ זאָג געטאָן.

אָבער אין דערזעלבער מינוט איז אַריינגעקומען פּאָפּעאַ און נאָך איר טיגעלינוס. אַלעמענס בליקן האָבן זיך נישט ווילנדיק געווענדט צו אים, וואָרים קיין שום טריומפֿאַטאָר איז נאָך קיינמאָל נישט אָנגעקומען אויפֿן קאַפּיטאָל מיט אַזאַ שטאָלץ, ווי ער איז איצט געבליבן שטיין פֿאַרן צעזאַר.

באַלד האָט ער גענומען רעדן געלאַסן און דייטלעך מיט אַ שטים, אין וועלכער ס'האָט זיך געהערט ווי אַן אייזן־געקריץ.

— הער מיך אויס, צעזאַר, וואָרים איך קען דיר מודיע זיין: כ'האָב געפֿונען! דאָס פֿאָלק לעכצט נקמה און קרבנות, אָבער נישט קיין איינציקע, נאָר הונדערטער און טויזנטער. האָסטו אַמאָל געהערט, צעזאַר, פֿון קריסטוסן, דער וועלכער איז געצלמט געוואָרן דורך פּאָנטיוס פּילאַט? צי ווייסטו ווער עס זענען דאָס די קריסטן? האָב איך דיר דען נישט דערציילט וועגן זייערע פֿאַרברעכנס און געמיינע דינים, וועגן זייערע נביאות, אַז די וועלט וועט אונטערגיין אין פֿייער? דאָס פֿאָלק האָט זיי פֿיינט און איז זיי חושד. קיינער זעט זיי נישט אין די טעמפּלען, ווייל זיי האַלטן אונזערע געטער פֿאַר בייזע

רוחות. זיי קומען נישט אין סטאַדיום, ווייל זיי זענען מבטל די גײַען. קיינמאָל האָט נאָך קיין האַנט פון קיין קריסט דיך נישט באַרירט מיט אַפּלאָדירן. קיינער פון זיי האָט דיך נאָך קיינמאָל נישט אָנערקענט פאַר אַ גאָט. זיי זענען שונאים פון מענטשלעכן מין, פון רוים און פון דיר. דאָס פאָלק מורמלט קעגן דיר, אָבער נישט דו, צעזאַר, האָסט מיך געהייסן פאַרברענען רוים און נישט איך האָב אונטערגעצונדן... דאָס פאָלק דורשט נקמה, זאָל עס זי באַקומען. דאָס פאָלק דורשט בלוט און שפּילערייען, זאָל עס זיי האָבן. דאָס פאָלק איז חושד דיך, זאָל זיין חשד אָפּגענייגט ווערן אין אַן אַנדער זייט.

נירון האָט אויסגעהערט אין אָנהייב מיט גרויס פאַרוואונדערונג. נאָר וואָס ווייטער טיגעלינוס האָט גערעדט, האָט זיין אַקטיאָרישע צורה זיך גענומען בייטן און אָננעמען דאָ אַן אויסדרוק פון כעס, דאָ פון באַדויערונג, פון מיטגעפיל, פון גרימצאָרן. פּלוצלונג איז ער אויפגעשטאַנען און אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די טאָגע, וועלכע איז אים אַזויערנאָך אַראָפּגעהאָנגען ביז צו די טריט, האָט ער אויפגעהויבן ביידע הענט אינדערהויך און איז אַזוי אַ גוטע ווייל פאַרבליבן אין שווייגן.

לסוף האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַ שטים פון אַ טראַגיק:

— זעוס, אַפּאָלין, העראַ, אַטענע, פּערסעפּאָנאַ און איר אַלע אומשטערבלעכע געטער, פאַרוואָס זייט איר אונז נישט געקומען צו הילף? וואָס האָט דען דידאָזיקע אומגליקלעכע שטאָט געטאָן אַזוינס די אכזרים, וואָס זיי האָבן זי אַזוי אוממענטשלעך פאַרברענט?

— זיי זענען שונאים פון דער מענטשהייט און פון דיר — האָט פּאָפּעאַ געזאָגט.

און אַנדערע האָבן גענומען רופן:

— טו גערעכטיקייט! באַשטראָף די אונטערצינדער! די געטער אַליין ווילן נקמה.

ער אָבער האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט געלאָזט זינקען זיין קאָפּ אויף דער ברוסט און איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן.

אַזוי ווי דאָס געמיינקייט, וועלכע ער האָט איצט געהערט, וואָלט אים פאַרבליפט. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט און האָט אויסגערופן:

— וואָס פאַר אַ שטראָף און וואָס פאַר אַ ענוים קענען דען אויסקויפן אַזאַ פאַרברעכן? ... אָבער די געטער וועלן מיך באַגייסטערן און מיט דער הילף פון די טאַרטאַר־מאַכטן וועל איך דעם אומגליקלעכן פאָלק מיינעם געבן אַזאַ פאָרשטעלונג, אַז זיי וועלן מיך דורות לאַנג געדענקען מיט דאַנקבאַרקייט.

א וואָלקן איז מיט אַמאָל אַריבער איבער פּעטראָניוסעס שטערן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער סכנה, וועלכע הענגט איבער ליגיע, איבער וויניציוסן, וועלכן ער האָט הייס געליבט און איבער, די אַלע לייט וועמענס לצרע ער האָט אָפּגעוואָרפן, אָבער וועגן וועמענס אומשולדיקייט ער איז זיכער געווען. ער האָט אויך אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וועט זיך איצט אָנהייבן איינע פון די בלוטיקע אָרגיעס, וועלכע זיינע אויגן פון אַן עסטעט האָבן נישט געקענט סובל זיין. נאָר קודם כל — האָט ער געטראַכט — מוז איך ראַטעווען וויניציוסן, וועלכער וועט משוגע ווערן אויב יענץ מיידל וועט אומקומען. און אָט דער פּרט האָט גובר געווען אַלדאָס אַנדערע. וואָרים פּעטראָניוס האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ער הייבט איצט אָן אַזאַ געפערלעכע שפּיל ווי נאָך קיינמאָל נישט.

ער האָט בכן גענומען רעדן אַזוי פריי און אָפּגעלאָזן ווי ער וואָלט געווייגלעך רעדן, ווען ער האָט קריטיקירט אָדער אויסגעלאַכט די צו ווינציק עסטעטישע איינפאַלן פונם צעזאַר און פון די אויגוסטער:

— האָט איר הייסט עס געפונען קרבנות! גוט! איר קענט זיי שיקן אויף דער אַרענע אָדער אָנטאָן די „שמערצלעכע טוניקעס״. אויך נישט שלעכט! דאָך הערט מיך אויס: איר האָט די מאַכט, איר האָט פּרעטאָריער, איר האָט קראַפט, זייט זשע ערלעך, לכל הפחות דעמאָלט, ווען קיינער הערט אייך נישט. גענאַרט דאָס פאָלק אָבער נישט זיך זעלבסט. גיט איבער די קריסטן צום פאָלק, פאַרמשפּט זיי צו וואָס פאַר אַ ענויים

איר ווילט, אָבער האָט פונדעסטוועגן דעם מוט צו זאָגן זיך אַליין, אַז נישט זיי האָבן אונטערגעצונדן רוים !... פּהי ! איר רופט מיך אַרביטר פון עלעגאַנץ, זאָג איך אייך דעריבער, אַז איך לייד נישט קיין נישטיקע קאָמעדיעס. פּהי ! אַך ווי דאָס אַלץ דערמאָנט מיך אָן די טעאַטער־בודעס ביים אַסינאַרי טויער ווו די אַקטאָרן שפּילן פאַרן ערב רב פון די פּאָרשטעטע אַלס קעניגן און געטער און נאָך דער פאָרשטעלונג פאַרטרינקען זיי די ציבעלע מיט זויערן ווייַן אָדער כאַפּן שמיץ. זייט טאַקע געטער און קעניגן, וואָרים איר קענט זיך באמת דאָס דערלויבן. וואָס שייך דיר, צעזאַר, האָסטו אונז געשראָקן מיטן משפּט פון די קומענדיקע דורות, אָבער דאַרפסט וויסן, אַז זיי וועלן אַרויס־טראָגן זייער משפּט אויך וועגן דיר. ביי דער געטלעכער קליאָ ! נירון דער הערשער פון דער וועלט, נירון דער גאָט האָט פאַרברענט רוים, ווייל ער איז געווען אַזוי מעכטיק אויף דער ערד ווי צעו: אויפן אָלימפּ. נירון דער פּאָעט האָט אַזוי געליבט די פּאָעזיע, אַז ער האָט מקריב געווען דאָס פּאָטערלאַנד פאַר איר ! זייט די וועלט שטייט האָט נאָך קיינער אַזעלכעס נישט געוואַגט. איך באַשווער דיך אין נאָמען פון די ניין ליבער־טידעס, זאָג דיך נישט אָפּ פון אַזאַ רום, צוליב וועלכן די לידער וועגן דיר וועלן געזונגען ווערן עד סוף כל הדורות. וואָס וועט אנטקעגן דער באַטייטן פּריאַם ? אַגאַמעמנאָן ? אכילעס ? און אפילו די געטער אליין ? נישט וויכטיק צו דאָס פאַרברענען רוים איז אַ גוטע עובֿדה, אָבער דאָס איז גרויס און אומגעוויינלעך ! אויך זאָג איך דיר, אַז דאָס פאָלק וועט נישט אויפהייבן קיין האַנט אויף דיר ! עס איז נישט אמת ! האָב מוט ! היט זיך מיט נישט פּאַסיקע מעשים פאַר דיר, וואָרים פאַר דיר איז נאָר פאַראַן איין סכנה. אַז די קומענדיקע דורות וועלן זאָגן : „נירון האָט פאַרברענט רוים, אָבער אַלס פחדני־ער צעזאַר און פחדנישער פּאָעט האָט ער ...ן שרעק אַליין פאַר־לייקנט זיין גרויסע טאַט און האָט די שולד אַרויפגעוואָרפן אויף אומשולדיקע !"

די ווערטער פון פּעטראָניוסן האָבן אַלעמאָל געמאַכט אַ

שטאַרקן איינדרוק אויף נירונען, אָבער דאָס מאָל האָט זיך פּעטראָניוס אַליין נישט גענאַרט. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דידאָזיקע רייד זיינע זענען דאָס לעצטע מיטל, וועלכעס קען אויף אַ גליקלעכן אופן אָפּראַטעווען די קריסטן, אָבער נאָך גיכער אים אַליין אומברענגען. ער האָט זיך אָבער נישט געוואַקלט איצט, ווען עס איז אים געגאַנגען אי וועגן וויניציוסן, וועלכן ער האָט ליב געהאַט, און אי וועגן האַזאַרד וועלכער האָט אים געווײלט. די בײנער זענען געוואָרפן, האָט ער זיך געטראַכט, און לאָמיר זען אויף וויפל די מורא פאַר דער אייגענער פעל וועט גובר זיין אין דער מאַלפּע די ליבע צו באַרימטקייט".

און ער האָט בײ זיך נישט געספּקט, ז די מורא וועט גובר זיין.

דערווייל אָבער איז נאָך זיינע רייד געוואָרן שטיל. פּאָפּעאַ און אַלע אַרום האָבן געקוקט אין נירונס אויגן ווי אין אַ רעגנבויגן. נירון ווידער האָט גענומען הייבן זיינע ליפּן אַרויף כמעט ביז צו די סאַמע נאָזלעכער, ווי ער פלעגט תמיד טאָן ווען ער איז געקומען אין פאַרלעגנהייט און ווידערווילן, וועלכעס מען האָט לסוף אויף זיין פּנים געקענט דײטלעך זען.

— האַר — האָט באַמערקנדיק דאָס אויסגערופן טיגעלינוס — דערלויב מיך אַוועקצוגיין, ווייל ווען מען וויל דיין פּערזאָן ברענגען אין אומגליק און מען רופט דיך נאָך דערביי אָן פּחדנישער צעזאַר, פּחדנישער פּאָעט, אונטערצינדער און קאָמעדיאַנט קענען מיינע אויערן נישט פאַרנעמען אַזעלכע רייד.

— כ'האָב פאַרשפּילט — האָט פּעטראָניוס אַ טראַכט געטאָן און ווענדנדיק זיך צו טיגעלינוסן, האָט ער אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק אין וועלכן עס איז געווען פאַראַכטונג פון אַ גרויסן האַר און ראַפינירטן מאַן צו אַ בעטלער, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— טיגעלינוס, דאָס האָב איך דיך אָנגערופן קאָמעדיאַנט, ווייל דו ביסט עס אויך אין איצטיקן מאָמענט.

— אפשר דערפאַר ווייל איך וויל נישט אויסהערן דיינע באַליידיקונגען?

— דערפאַר ווייל דו מאַכסט אַן אָנשטעל פון ליבע אָן אַ

גרענעץ צום צעזאַר און מיט אַ מינוט פריער האָסטו אים געשראָקן מיט די פּרעטאָריער, וואָס מיר האָבן אַלע גוט פאַרשטאַנען און ער אַליין אויך.

טיגעלינוס, וועלכער האָט זיך נישט געריכט, אַז פּעטראָניוס וועט וואַגן ארויס אויפן טיש מיט אַזעלכע ביינער, איז בלייך געוואָרן, האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און איז פאַרשטומט געוואָרן. אָבער דאָס איז געווען דער לעצטער נצחון פון אַרביטער פון עלעגאַנץ איבערן קאָנקורענט, ווייל אין דערזעלבער מינוט האָט פּאָפּעאַ יך אָפּגערופן:

— האַר, ווי קענסטו דערלויבן, אַז אַזאַ געדאַנק זאָל גאָר אַדורך ביי עמיצן אין קאָפּ און זאָל נאָך דערצו האָבן די העזה אים אַרויסצוזאָגן הויך ביי דיין בייזיין.

— באַשטראָף דעם חוצפּהניק! — האָט וויטעליוס אויסגערופן.

נירון האָט ווידער קאַפּויערגעהויבן די ליפּן צו די נאָזלעכער און ווענדנדיק אויף פּעטראָניוסן זיינע גאָלדענע קורצזיכטיקע אויגן, האָט ער געזאָגט:

— אָט אַזוי צאָלסטו עס מיר אָפּ פאַר דער פריינטשאַפט, וועלכע איך האָב פאַר דיר תמיד געהאַט?

— אויב איך האָב אַ טעות — דערוויז עס מיר — האָט פּעטראָניוס געענטפערט — נאָר וויסן זאָלסטו, אַז איך זאָג דאָס, וואָס מיין ליבשאַפט צו דיר הייסט מיך.

— באַשטראָף דעם חוצפּהניק! — האָט וויטעליוס איבערגעחזרט.

— טו אַזוי! — האָבן עטלעכע שטימען אויסגערופן.

אין אַטריום איז געוואָרן אַ שאָרכן און אַ גערודער, ווייל אַלע האָבן זיך גענומען אָפּרוקן פון פּעטראָניוסן. אפילו טוליוס סענעציאָ, זיין שטענדיקער באַגלייטער אין פּאַלאַץ און דער יונגער נערוואַ, וועלכער האָט אים ביז איצט אַרויסגעוויזן די גרעסטע פריינטשאַפט, האָבן זיך אָפּגערוקט פון אים. אין אַ מינוט אַרום איז פּעטראָניוס געבליבן אַליין אין דער לינקער זייט פון אַטריום און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן צעגעמענדיק די

פאלדן פון דיין טאָגע, האָט ער נאָך געוואַרט, וואָס דער צע-זאַר אַליין וועט זאָגן אָדער טאָן.

דער צעזאַר אָבער האָט געזאָגט:

— איר ווילט איך זאָל אים באַשטראָפן. אָבער דאָס איז מיין חבר און פריינט. דעריבער הגם ער האָט מיר פאַרוואונדעט מיין האַרץ, זאָל ער אָבער וויסן, אַז דאָסדאָזיקע האַרץ האָט פאַר פריינט בלויז... מחילה.

— כ'האָב פאַרשפּילט און כ'בין פאַרלוירן — האָט פּעט-ראָניוס אַ טראַכט געטאָן.

דער צעזאַר האָט זיך דערווייל אויפגעשטעלט. די אסיפה איז געווען געענדיקט.

העגריק שענקעוויטש

קווא וואדיס

(QUO VADIS)

יידיש: יצחק דייטשער

פ א ר ל א ג ב ו ש א ז א

וו א ר ש ע 1 9 2 8

PRINTED IN POLAND

QUO VADIS
HENRYK SIENKIEWICZ

Wydawnictwo Ch. BRZOZA
Warszawa, Gęsia 25.

Druk. „Record" Dzika 18

פינפטער טייל

L

פעטראָניוס איז אַוועק צו זיך אַהיים, און נירון מיט טיגעלינוסן זענען אַרײַן אין פּאָפּעאָס אַטריום, ווו עס האָבן אויף זיי געוואַרט די מענטשן מיט וועלכע דער פּרעפעקט האָט פריער גערעדט.

עס זענען דאָרט געווען צוויי רבים פון איבערן טיבער, אָנגעקליידט אין לאַנגע יומטובדיקע קליידער מיט מיטרעס אויף די קעפּ, אַ יונגער שרייבער, זייער געהילף, און כילאָן. ביים אָנבליק פון צעזאַר זענען די גייסטלעכע בלייך געוואָרן פון איבערראַשונג און אויפהייבנדיק די הענט גלייך מיט די אַקסלען האָבן זיי אָנגעבויגן זייערע קעפּ ביז צווישן די אָרעמס.

— זיי געבענטשט געזאַלבטער פון די געזאַלבטע און קעניג פון די קעניגן — האָט דער עלטערער געזאָגט — זיי געבענטשט הערשער פון דער ערד, באַשיצער פון אויסדערוויילטן פאָלק, און צעזאַר, לייב צווישן די מענטשן, וואָס זיין הערשאַפט איז ווי דאָס ליכט פון דער זון און ווי דער צעדער פון לבנון און ווי אַ קוואַל און ווי אַ פּאַלמע און ווי דער באַלזאַם פון יריחו!...

— איר רופט מיך נישט גאָט? — האָט צעזאַר געפרעגט.

די גייסטלעכע זענען נאָך מער בלאַס געוואָרן, און דער עלטערער האָט געענטפערט:

— דיינע ווערטער, האר, זענען זיס ווי אַ הענגל זאַפטיקע וויינטרויבן און ווי אַ צייטיקע פייג, וואָרים יהוה האָט אָנגעפילט דיין האַרץ מיט גוטסקייט. אָבער דער צעזאַר קאַ-

יס, וועלכער איז געווען פאַר דיין פאָטער איז געווען אַן אכזר און דאָך האָבן אונזערע שלוחים אים נישט אָנגערופן גאָט, אָננעמענדיק פאַר ליבע דעם טויט איידער עובר צו זיין אויף דער תורה.

— און קאַליגולאַ האָט באַפוילן זיי צו וואַרפן פאַר די לייבן?

— ניין, האַר, דער צעזאַר קאַיוס האָט זיך דערשראָקן פאַרן צאָרן פון יהוה.

זיי האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, דען דער נאָמען פון אַל-מעכטיקן יהוה האָט זיי צוגעגעבן מוט. מיט בטחון אין זיין קראַפט האָבן זיי שוין דרייסטער געקוקט נירונען אין די אויגן.

— איר באַשולדיקט די קריסטן אין אונטערצינדן רוים?...

האָט דער צעזאַר געפרעגט.

— מיר, האר, באַשולדיקן זיי נאָר, אַז זיי זענען שונאים פון דער תורה, שונאים פון דער מענטשהייט, שונאים פון רוים און פון דיר און אַז זיי האָבן שוין לאַנג געשראָקן די שטאָט און די גאַנצע וועלט מיט פייער. דאָס איבעריקע וועט דיר דער-ציילן דערדאָזיקער מענטש, וועמענס מויל האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט באַשמוצט מיט ליגנט, דען אין די אָדערן פון זיין מו-טער איז געפלאָסן בלוט פון אויסדערוויילטן פאָלק.

נירון האָט זיך געווענדט צו כילאָנען.

— ווער ביסטו?

— דיין פאַרערער, אָ, אָזיריס, און דערצו אַן אָרימער סטאָיק...

— איך האָב פיינט די סטאָיקער — האָט נירון געזאָגט— איך האָב פיינט טראַזעאָסן, כ'האָב פיינט מוזאָנאַסן און קאָרנוטן. עס איבלט מיך פון זייערע רייד, פון זייער פאַראַכטונג צו קונסט, פון זייער גוטווילליקער נויט און שמוץ.

— האר, דיין לערער סענעקאַ האט טויזנט ציטרוס-טישן, וויל עס נאָר און איך וועל זיי האָבן צוויי מאָל אַזוי פיל. איך בין אַ סטאָיק באַין ברירה. באַקלייד, אַ שטראַלנדיקער, מיין סטאָיציזם מיט אַ רויזנקראַנץ און שטעל פאַר אים אַ קרוג מיט

ייִן, וועט ער זינגען אנאקרעאנטן אַזוי, אַז ער וועט פארהילכן אַלע עפּיקורעער.

גירון, ווען עס איז שטארק געפעלן דער צונאָמען „שטראַלנדיקער" האָט אַ שמייכל געטאָן, און געזאָגט:

— דו געפעלסט מיר!

— דער מאַן איז ווערט אַזויפיל גאָלד וויפיל ער וועגט אַליין — האָט טיגעליִנוס אויסגערופן.

און כילאָן האָט געענטפערט:

— דערפול, האַר, מײַן וואָג מיט דײַן מילדקייט, אויב גישט וועט דער ווינט אָוועקטראָגן מײַן שכר.

— פונדעסטוועגן, וואָלסטו נישט איבערגעוויגן מיטעלאַסן — האָט דער צעזאַר אַ זאָג געטאָן.

— עהעו, זילבערבויגנדיקער, מײַן וויץ איז נישט פון בלײַ.

— איך זע, אַז דײַן גלויבן פאַרבאָט דיר נישט מיך אָנצורופן גאָט?

— אָ, אומשטערבלעכער! מײַן אמונה ביסטו. די קריסטן האָבן געלעסטערט אָט די אמונה און דעריבער האָב איך זיי פײַנט באַקומען.

— וואָס ווייסטו וועגן די קריסטן?

— וועסט מיר דערלויבן צו וויינען, געטלעכער?

— ניין — האָט נירון געזאָגט, דאָס איבלט מיך.

— און האָסט דרײַ מאָל רעכט, וואָרים די אויגן, וואָס האָבן דיך געזען, דאַרפן איינמאָל פאַר אַלע מאָל ווערן טרוקן פון טרערן. האַר, שיץ מיך פאַר מײַנע שונאים.

— רעד וועגן די קריסטן — האָט פּאָפּעא זיך אַרײַנגעמישט אַביסל אומגעדולדיק.

— זאָל זײַן ווי דו באַפעלסט, איזידאַ — האָט כילאָן געענטפערט. — פון מײַן יוגנט אָן האָב איך זיך געווידמעט דער פילאָזאָפיע און געזוכט דעם אמת. איך האָב געזוכט דעם אמת בײַ די פאַרצײַטיקע געטלעכע חכמים און אין די אַקאַדעמיעס פון אַטען און אין אַלעקסאַנדריער סעראַפעום. הערנדיק וועגן די קריסטן, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ נײַע

שול אין וועלכער כ'וועל געפינען עטלעכע נייע קערנער אמת און כ'האב זיך מיט זיי באקענט. צו מיין אומגליק! דער ערשטער קריסט, וועלכן דער בייזער גורל האָט מיר אונטערגעשיקט, איז געווען גלויקאָס, אַ רופא פון נעאַפּאָל. פון אים טאקע האב איך זיך מיט דער צייט דערוווסט, אַז זיי פארגעטערן איינעם אַ קריסטוסן, וועלכער האָט זיי מבטיח געווען אויסצוראָטן אַלע מענטשן און צו פארטיליקן אַלע שטעט פון דער וועלט, נאָר זיי אליין איבערצולאָזן, אויב זיי וועלן אים צוהעלפן אויסהרגענען די דיאָקאַליאָנישע זרע. מחמת דעם, אָ האַרי האבן זיי פיינט מענטשן, דערפאַר פאַרסמען זיי די פאָנטאַנעס, דערפאר שעלטן זיי אויף זייערע פאַרזאַמלונגען רוים און אַלע טעמפּלען ווו מען גיט אָפּ כבוד אונזערע געטער. קריסטוס איז געצלמט געוואָרן אָבער ער האָט זיי מבטיח געווען, אַז ווען רוים וועט אונטערגיין אין פייער, דאַמאָלס וועט ער ווידער קומען אויף דער וועלט און וועט זיי איבערגעבן די הערשאַפט איבער דער וועלט...

— איצט וועט דאָס פאלק פאַרשטיין, פאַרוואָס רוים איז פאַרברענט געוואָרן — האט טיגוליוס איבערגעריסן.

— אַ סך פאַרשטייען שוין, האר — האָט כילאָן געענטפערט — ווארים איך גיי איבער די גערטנער, איבער די מאַרספעלדער און באַלער דאָס פאָלק. דאָך אויב איר וועט וועלן מיך אויסהערן ביזן סוף, וועט איר ערשט איינזען, וואָס איז די סיבה פאַרוואָס איך דורשט נאָך נקמה. גלויקוס האָט לכתחילה מיר נישט אויסגעזאָגט, אַז זייער גלויבן הייסט פיינט האָבן מענטשן. אדרבה! ער האט מיר געזאָגט, אַז קריסטוס איז אַ גוטער גאָט און אַז דער גרונט פון זיין לערע איז ליבע. מיין פילנדיק הארץ האָט נישט געקענט באַשטיין אַזעלכע איידעלע אמתן, דעריבער האָב איך ליב באַקומען גלויקוסן און באַקומען צוטרוי צו אים. כ'האָב זיך געטיילט מיט אים מיט יעדן ביסן ברויט, מיט יעדע פרוטה, און ווייסטו, האר, ווי אַזוי ער האט מיר אָפּגעדינט? אויפן וועג פון נעאַפּאָל קיין רוים האט ער מיר אריינגעשטאָכן אַ מעסער און מיין שיין ווייב, מיין שיינע און יונגע בערעניקע, האט ער פאַרקויפט צו די שקלאַפנהענדלער.

ווען סאָפּאָקלעס וואלט געוווסט מיינע געשעענישן... אבער וואָס רעד איך! מיך הערט איצט אַ גרעסערער ווי סאָפּאָקלעס.

— אָרימער מענטש! — האָט פּאָפּעאָ געזאָגט.

— ווער עס האָט געזען דאָס פּנים פון אַפראַדיטאַ, דער איז נישט אָרים, האַרין, און איך זע עס איצט פאַר מיר. דאַמאָלס אָבער האָב איך געזוכט טרייסט אין פילאָזאָפיע. קומנדיק קיין רוים האָב איך געזוכט צו דערשלאָגן זיך צו זייערע עלטסטע, כדי צו מאָנען גערעכטיקייט איבער גלויקוסן. כ'האָב געמייגט, אַז זיי וועלן אים נויטן מיר אָפּצוגעבן מיין ווייב... כ'האָב זיך באַקענט מיט זייער הויפּט־גייסטלעכן און אויך מיט אַ צווייטן, פּוילוס איז זיין נאָמען, וועלכער איז דאָ געזעסן אין תּפיסה און איז דערנאָך באַפרייט געוואָרן. כ'האָב דערקענט דעם זון פון זעבעדעוסן און אויך לינאָן און קלעטן און נאָך אַ סך אַנדערע. כ'ווייס ווו זיי האָבן געוווינט פאַר דער שרפה. כ'ווייס ווו זיי קומען זיך צונויף. כ'קען אָנווייזן אַ הייל אין וואטיקאַנער באַרג און אַ בית עולם הינטערן נאָמענטאַנער טויער, ווו זיי ריכטן אָפּ זייערע מיאוסע צערעמאָניעס. כ'האָב דאָרט געזען דעם אַפּאָסטאָל פּעטרוס, כ'האָב דאָרט געזען גלויקוסן ווי ער האָט געשאָכטן קינדער, כדי דער אַפּאָסטאָל זאָל האָבן מיט וואָס צו באַשפּריצן די קעפּ פון'ם עולם און כ'האָב דאָרט געזען ליגיען וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן ביי פּאָמפּאָניע גרעצינע, ווי זי האָט זיך געריימט, אַז נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו ברענגען בלוט פון קינדער, ברענגט זי כאָטש דעם טויט פון אַ קינד, אָפּשפּרעכנדיק מיט אַ כישוף די קליינע אויגוסטן, דיין טעכטערל אָ, אזיריס! און אויך דיינע אָ, איזידאָ!

— דו הערסט, צעזאַר? — האָט פּאָפּעאָ געזאָגט.

— איז דאָס מעגלעך? — האָט נירון אויסגערופן.

— איך האָב געקענט מוחל זיין מיינע אייגענע עוולות — האָט כילאָן ווייטער גערעדט — אָבער הערנדיק וועגן אייערע עוולות האָב איך געוואָלט אין איר אַ מעסער אַריינשטעכן, אָבער ליידער האָט מיר דערין געשטערט דער איידעלער וויניציוס, וועלכער ליבט זי.

— וויניציוס? זי איז דאָך פון אים אַנטלאָפן?

— זי איז אַנטלאָפן, אָבער ער האָט זי געזוכט, ווייל ער האָט נישט געקענט לעבן אָן איר. פאַר אַ נישטיקן לוין האָב איך אים געהאָלפן זי זוכן און איך האָב אים דאָס אָנגעוויזן איבערן טיבער, ווו זי האָט געוווינט צווישן די קריסטן. מיר זענען דאָרט אַהין אַוועק צוזאַמען און מיט אונז אויך דיין אַט-לעט קראָטאָן, וועלכן דער איידעלער וויניציוס האָט מיטגענומען צוליב זיכערקייט. אָבער אורסוס, ליגיעס שקלאַף, האָט צעקוועטשט קראָטאָנען. דאָס איז, אָ, האר, אַ שרעקלעך שטאַרקער מענטש, וועלכער דרייט אַן אָקס אַראָפּ דעם קאָפּ אַזוי לייכט, ווי אַן אַנדערער רייסט אָפּ אַ מאָן-קעפּל. אוילוס און פּאָמפּאָניע האָבן אים דערפאַר ליב געהאַט.

— ביי הערקולעסן! — האָט נירון געזאָגט — דער שטערבלעכער, וועלכער האָט דערקוועטשט קראָטאָנען איז ווערט צו האָבן אַ סטאַטוע אויפן פאָרום. אָבער דו, זקן, ביסט זיך טועה, אָדער דו לייגסט, וואָרום קראָטאָנען האָט וויניציוס דער-שטאָכן מיט אַ מעסער.

— אַזוי געפּאַרן מענטשן אָפּ די געטער. אָ, האר, איך האָב אַליין געזען ווי קראָטאָנס ביינער האָבן זיך געבראָכן אין אורסוס אָרעמס, וועלכער האָט דערנאָך אויך אומגעשליידערט וויניציוסן. ער וואָלט אים דערהרגעט, ווען נישט ליגיע. וויני-ציוס איז נאָכדעם לאַנג קראַנק געווען. אָבער זיי האָבן אים גע-היילט און צוגעזען מיט דער האָפנונג, אַז פון ליבשאַפט וועט ער ווערן אַ קריסט. און ער איז טאַקע געוואָרן אַ קריסט.

— וויניציוס?

— יאָ.

— און אפשר אויך פּעטראָניוס? — האָט טיגעלינוס גיריק געפרעגט.

כילאָן האָט גענומען זיך בייגן און רייבן זיך די הענט פאַר שמחה און געזאָגט:

— כ'באַוואונדער דיין טיפן פאַרשטאַנד, האר, זייער מעג-לעך! זייער מעגלעך!

— איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס ער האָט אַזוי מליץ יושר געווען אויף די קריסטן.

אָבער נירון האָט גענומען לאַכן.

— פעטראָניוס אַ קריסט!... פעטראָניוס אַ שונא פון לעבן און תענוגים. זייט נישט קיין נאַראָנים און פאַרלאַנגט נישט איך זאָל דאָס גלויבן וואָרים איך בין שוין גרייט אין גאָרנישט צו גלויבן.

— אָבער דער איידעלער וויניציוס איז געוואָרן אַ קריסט, האַר. כ׳שווער ביי דעם אָפּשיין, וואָס שלאָגט פון דיר, אַז איך זאָג דעם אמת און אַז קיין שום זאַך עקלט מיך נישט אַזוי ווי ליגנט. פּאָמפּאָניע איז אַ קריסטין, דער קליינער אוילוס איז אַ קריסט און ליגיע און וויניציוס. איך האָב טריי געדינט, אָבער ער האָט מיר אַלס שכר, לויט גלויקוס רופאַס פאַרלאַנג, געהייסן מיך שמייסן. הגם איך בין אַלט און בין דעמאָלט קראַנק און הונגעריק געווען. איך האָב געשוווירן ביי האָדעס, אַז איך וועל אים דאָס אייביק געדענקען. אָ, האַר, זיי זיך נוקם אָן זיי מיין עוולה און איך וועל אייך אַרויסגעבן אַפּאָסטאָל פעטרוס און לי־נוסן און קלעטאָן און גלויקוסן און קריספאַן די גאָר גרעסטע און ליגיע און אורסוסן. איך וועל אייך אָנווייזן זייערע הונדער־טער, טויזנטער. איך וועל אייך אָנווייזן זייערע געבעט־ערטער, זייערע ביית-עולמס. אַלע אייערע תפיסות וועלן נישט סטייען זיי אַריינצונעמען!... אָן מיר וואָלט מען זיי נישט געקענט געפינען! ביז איצט האָב איך אין מיין נויט געזוכט אַ טרייסט נאָר אין פילאָזאָפיע, לאָמיך דאָס איצט געפינען אין די חסדים, וועלכע וועלן אויף מיר זיך שיטן... איך בין אַלט און האָב נאָך פון לעבן נישט גענאָסן, לאָמיך איצט אָפּרוען!...

— ווילסט זיין אַ סטאָיק ביי אַ פולער שיסל — האָט נירון געזאָגט.

— דער וואָס טוט עפּעס גוטס פאַר דיר, דער פילט זי דערמיט אָן.

— האָסט נישט קיין טעות, פילאָזאָף.

אָבער פּאָפּעאַ האָט נישט פאַרגעסן אָן אירע שונאים, איר

ליבע צו וויניציוסן איז גיכער געווען אַ מאָמענטאַלער חשק, צוליב קנאה כעס און באַליידיקטע אייגנליבע. און דאָך האָט די קאַלט־קייט פון יונגן פאַטריציער זי טיף געקרענקט און אָנגעפילט איר האַרץ מיט איינגעגעסענעם פאַרדראָס. שוין בלויז דעם, וואָס ער האָט געהאַט די דרייסטקייט זי אָפּצושטויסן צוליב אַן אַנדערער, האָט זיך איר אויסגעוויזן אַלס אַזאַ פאַרברעכן, וואָס שרייט נאָך נקמה. וואָס שייך ליגיען האָט זי זי פיינט באַקומען פון דער ערש־טער רגע אָן, ווען זי איז אומרויק געוואָרן צוליב דער שיינקייט פון דערדאָזיקער צפון-ליליע. פעטראָניוס, וועלכער האָט גערעדט וועגן די צו שמאָלע היפּטן פון מיידל האָט געקענט אַלץ איינרעדן נירונען אָבער נישט איר. די מבינטע פּאָפּעאַ האָט מיטן ערשטן בליק פאַרשטאַנען, אז אין גאַנץ רוים קען נאָר איין ליגיע קאָנ־קורירן אין שיינקייט מיט איר און נאָך אַפילו זי איבערשטייגן. און פון דער מינוט אָן האָט זי זיך פאַרשווירן זי אומצוברענגען.

— האַר, — האָט זי געזאָגט — זיי זיך נוקם פאַר אונזער קינד!

— איילט זיך! — האָט כילאָן אויסגערופן — איילט זיך! אויב נישט וועט וויניציוס זי באַהאַלטן. איך וועל אייך אָנווייזן דאָס הויז, וווהין זיי זענען צוריקגעקומען נאָך דער שרפה.

— איך וועל דיר געבן צען מענטשן און גיי גלייך אַהין — האָט טיגעלינוס געזאָגט.

— האַר! דו האָסט נישט געזען קראָטאָנען אין אורסוסעס אָרעמס. אויב דו וועסט מיר מיטגעבן פופציק מענטשן וועל איך קוים אָנווייזן דאָס הויז פונדערווייטנס. אָבער אויב איר וועט נישט אויך פאַרשפאַרן וויניציוסן בין איך אַ פאַרלוירענער.

טיגעלינוס האָט אַ קוק געטון אויפן צעזאַר.

— צי וואָלט נישט גלייך געווען, אַ געטלעכער, זיך אָפּצו־פּאַרטיקן אין איינמאָל מיטן פעטער און מיטן שוועסטערן-זון?

נירון האָט אַ מינוט געטראַכט און געענטפערט:

— ניין! נישט איצט!... מענטשן וואָלטן נישט געגלויבט ווען מ׳זאָל זיי איינרעדן, אַז פעטראָניוס, וויניציוס און פּאָמפּאָניע גרעצינע האָבן אונטערגעצונדן רוים. זיי האָבן צו שיינע הייזער

פאַרמאָגט... הײַנט דאַרפֿן מיר אַנדערע קרבנות און די רײַע פֿון יענע וועט קומען שפּעטער.

— גיב זשע מיר, האַר, זעלנער, מיך צו היטן — האָט כּי־לאָן געזאָגט.

— דאָס וועט שוין טיגעלינוס באַזאָרגן.

— דו וועסט דערווײַל ווינען בײַ מיר — האָט דער פּרע־פֿעקט געזאָגט.

כּילאָנס פּנים האָט גענומען שײַנען פֿאַר שמחה.

— כ'וועל אַלע אַרויסגעבן! נאָר אײַלט זיך! אײַלט זיך! — האָט ער מיט אַ הײזעריקער שטים געשריען.

L I

אַרויסגייענדיק פון צעזאָר האָט פּעטראָניוס געהייסן זיך טראָגן צו זיין הויז אויף קאַרינען, וועלכעס איז, גאַנץ אויסנעמלעך, נישט פאַרברענט געוואָרן בעת דער שׂרפה, ווייל עס איז פון דריי זייטן געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גאָרטן און פון פאָרנט מיט אַ קליינעם פאָרום מיט צעציליען.

מחמת דעם האָבן די איבעריקע אויגוסטער, וועלכע האָבן אַלע פאַרלוירן זייערע הייזער צוזאַמען מיט געוואַלטיקע רייכטימער און קונסט-ווערק, מקנא געווען פּעטראָניוסן. זיי האָבן איבריקנס שוין לאַנג גערעדט וועגן אים, אַז ער איז דער בכור פון דער געטין פאָרטונאַ, די מיינונג איז נאָך מער באַשטעטיקט געוואָרן צוליב דער אַלץ גרעסערער פריינטמער, וואָס דער צעזאַר האָט אים די לעצטע צייטן אַרויסגעשאָפט, וויזן.

אָבער דער בכור פון פאָרטונאַ האָט איצט געדאַרפט טראַכטן וועגן דער אומטרייקייט פון דער דאָזיקער מוטער אָדער נאָכמער וועגן איר ענלעכקייט צו קראָנאָסן, וועלכער פרעסט אויף די אייגענע קינדער.

— ווען מיין הויז וואָלט פאַרברענט געוואָרן — האָט ער זיך געטראַכט — און אין איינוועגס שוין אויך מיינע געממעס, מיין עטרוסקער געפעס און אַלעקסאַנדריער גלאָז און קאָרינטיש קופער, וואָלט נירון אפשר באמת פאַרגעסן זיין פאַרדרוס אויף מיר. ביי פאָלוקסן! בלויז אַ טראַכט צו געבן, אַז עס האָט זיך געווענדט נאָר אָן מיר, איך זאָל איצט זיין פּרעפעקט פון די פּרעטאָריער. איך וואָלט טיגעלינוסן דערקלערט אַלס אונ-

טערצינדער׳ וואָס ער איז עס טאַקע באמת, כ׳וואָלט אים אָנגעטאָן אין דער „יסורים-טוניק״, אים אַרויסגעגעבן דעם פאָלק, באַשיצט די קריסטן און אויפגעבויט רוים. ווער ווייסט צי אָרנטלעכע לייט וואָלטן איצט נישט בעסער געלעבט. איך האָב דאָס גע-דאַרפט טאָן שוין צוליב וויניציוסן. אויב כ׳וואָלט געהאַט צופיל אַרבעט וואָלט איך אים אָפּגעטרעטן דעם אַמט פון פרע-פעקט און נירון וואָלט נישט געפּרוווט אַפילו זיך אַנטקעגנ-צושטעלן... וויניציוס וואָלט שוין געמוזט דערנאָך אָפּטוישן אַלע פרעטאָריער און אַפילו דעם צעזאַר גופא אויך. וואָס וואָלט עס מיך געאַרט! נירון אַ גאָטספאַרכטיקער. נירון אַ בעל מידות און אַ בעל רחמנות. ס׳וואָלט אַ שיין בילד געווען.

און זיין געמיטלעכקייט איז אַזוי ווייט נישט געשטערט געווען, אַז ער האָט גענומען שמייכלען. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך זיינע מחשבות שוין געווענדט אין אַן אַנדערער זייט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער איז אין אַנציום און אַז פּוילוס פון תּרשיש רעדט צו אים:

„איר באַטראַכט אונז אַלס שונאים פון לעבן, אָבער ענט-פער מיר, פּעטראָניוס: ווען דער צעזאַר וואָלט געווען אַ קריסט און וואָלט זיך געפירט לויט אונזער לערע צי וואָלט אייער לעבן נישט געווען רויקער און זיכערער?״

און דערמאָנענדיק זיך די דאָזיקע ווערטער האָט ער ווייּ-טער געטראַכט:

— ביי קאַסטאָר! וויפיל מ׳זאָל זיי דאָ נישט אויסקוילענען די קריסטן, געפינט פּוילוס אַלץ נייע, ווארים אויב די וועלט קען טאַקע נישט עקזיסטירן אויף געמיינקייט, האָט ער רעכט... ווער ווייסט צי זי קען עס נישט אויב זי עקזיסטירט פאַרט. איך גופא, וועלכער האָב נישט ווייניק זיך אויסגעלערנט, האָב זיך פונדעסטוועגן נישט אויסגעלערנט צו זיין אַ גענוג גרויסער אויסוואורף און מחמת דעם וועל איך דאַרפן זיך עפענען די אָדערן. אָבער עס האָט זיך דאָך סיי ווי סיי געמוזט אַזוי ענ-דיקן. און ווען עס זאָל זיך אַפילו נישט אַזוי ענדיקן וואָלט עס זיך אַנדערש געענדיקט. אַ שאָד איז מיר נאָר עוניסע און

מיינע מירענער וואזעס. אָבער זי איז דאָך שוין פריי און די וואזעס וועלן מיטגיין מיט מיר. די געלע באָרד וועט זיי בשום אופן נישט באַקומען! עס איז מיר אויך אַ שאָד וויניציוס. איבעריקנס הגם איך האָב זיך די לעצטע צייטן ווינציקער געלאנווייליקט ווי פריער, דאָך בין איך גרייט. אויף דער וועלט זענען פאראַן שיינע זאַכן. גאָר יי מענטשן זענען על פי רוב מיאוס, אַזוי אַז עס לוינט זיך נישט צו באדויערן דאָס לעבן. ווער עס קען לעבן, דער דאַרף קענען שטארבן. הגם איך האָב געהערט צו די אויגוסטער בין איך דאָך געווען מער פרייער מענטש ווי זיי דאָרט מיינען.

ער האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען:

— זיי מוזן דאָרט מיינען, אַז אין דער איצטיקער מינוט ציטערן מיר די קניען און אַז די האָר אויפן קאָפּ שטעלן זיך מיר קאַפּויר פון שרעק. אָבער איך וועל אַהיימקומענדיק גאָר נעמען אַ באָד אין פיילכן-וואסער, נאָכדעם וועט מיין גאָלדהאָריקע אַליין מיך אויסשמירן און נאָכן מאָלצייט וועלן מיר זיך הייסן זינגען הויך דעם הימן צו אַפּאָלאָנען, וועלכן אנטעמיאָס האט פארפאַסט. איך האָב אַליין אַמאָל געזאָגט, אַז וועגן טויט לוינט זיך נישט צו טראַכטן, ווייל ער טראַכט שוין וועגן אונז אָן אונזער הילף. עס וואָלט אָבער דאָך געווען אַ ווונדערשיינע זאַך, ווען עס זאָלן באמת עקזיסטירן א וועלכע עליזייפעלדער, און אויך זיי שאָטנס. עניסע וואָלט שפּעטער צו מיר געקומען און מיר וואָלטן צוזאַמען געוואַנדערט איבער די לאָנקעס מיט אספּאָדעלן. כ׳וואָלט דאָרט געהאט א פיל בעסערע חברותא ווי דאָ... וואָס פאַר אַ פּאיאצן! וואָס פאַר אַ קונצןבאַכער, וואָס פאַר אַ פּאסקודנער פּעבל אָן געשמאק און אָן גלאַנץ! צען אַרביטרען פון עלעגאַנץ וואָלטן נישט באוויזן איבערצומאכן דידאָזיקע טרימאלכיאָנען פאַר ארנטלעכע לייט. ביי פּערסעפאָנע! איך האָב זיי שוין גענוג!

און ער האט א פארוונדערטער ערשט איצט דערזען, אַז עפּעס טיילט אים שוין אָפּ פון די דאָזיקע לייט. ער האט דאך זיי גוט געקענט און האָט דאך תמיד געוווסט, ווער זיי

זענען און דאך האבן זיי זיך אים איצט אויסגעוויזן עפּעס פיל ווייטער און פיל נישטיקער ווי אַלע מאָל. ער האט זיי באמת שוין געהאט געננוג.

שפּעטער אָבער האָט ער אָנגעהויבן זיך פאַרטראַכטן איבער דער לאַגע. אַ דאַנק זיין דורכדרינגלעכקייט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די סכנה איז נישט אַזוי נאָנט. נירון האט אויסגענוצט די פּאַסיקע מינוט כּדי אַרויסצוזאָגן עטלעכע שיינע הויכע ווערטער וועגן פריינטשאַפט, וועגן מחילה און האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס דערמיט מתחייב געווען צו עפּעס. ער וועט איצט מוזן זוכן אויסריידן און איידער ער וועט זיי געפינען קען דערוויל אַוועק פיל צייט. פריער וועט ער געבן פאָרשטעלונגען פון די קריסטן—האט זיך פּעטראַניוס געטראַכט—דערנאָך ערשט וועט ער מיך אין זינען האָבן. און אויב אַזוי לוינט זיך נישט צו זאָרגן וועגן דעם און צו ענדערן מיין לעבנס־שטייגער. אַ נענטערע סכנה שטייט פאַר ויניציוסן.

און ער האָט גענומען טראַכטן נאָר וועגן ויניציוסן און באַשלאָסן אים צו ראַטעווען.

די שקלאַפן האָבן שנעל געטראָגן די לעקטיקע צווישן די חורבות, אַש און באַקעטע קוימענס מיט וועלכע די קאָרינען זענען פול געווען. אָבער ער האָט זיי געהייסן נאָך שנעלער לויפן, כּדי וואָס שנעלער אהיימצוקומען. ויניציוס, וועמעס „אינסולאַ" איז פאַרברענט געוואָרן האָט געוווינט ביי אים און איז צום גליק גראָד געווען אינדערהיים.

— האָסט נישט געזען ליגיע? — האָט אים פּעטראָניוס געפרעגט אַריינקומענדיק.

— איך קום איצט פון איר.

— הער־זשע וואָס איך וועל דיר זאָגן און פאַרליר נישט קיין צייט אויף קיין קשיות. ביים צעזאַר איז היינט באַשלאָסן געוואָרן אַרויפצוּוואַרפן אויף די קריסטן די שולד פאַר דער שׂרפה פון רוים. ער שטייט זיי פאַר רדיפות און ענוים. דאָס נעמט אויף זיי דאַרף זיך אָנהייבן אַ ליאַדע מינוט. נעם ליגיע און אַנטלויפט די אותו רגע. אויף יענע זייט אַלפּן אָדער

קיין אפריקע. און אייל זיך, דען פון פּאלאטין איז נענטער צו יענער זייט טיבער ווי פון דאנען!

וויניציוס איז באמת געווען צופיל זעלנער אום צו פאַר־לירן צייט אויף איבריקע שאלות. ער האָט געהאָרכט מיט צונויפגעצויגענע ברעמצן, מיט אַן אָנגעשטרענגט און פינצטער געזיכט, אָבער אָן שרעק. אפנים, אַז דאָס ערשטע געפיל וועלכעס האָט זיך אויפגעוועקט אין דעמדאָזיקן כאַראַקטער לגבי דער סכנה, איז געווען אַ חשק צום קאַמף און אָפּווער.

— איין וואָרט נאָך: נעם מיט אַ „קאַפּסע” מיט גאָלד, וואָפן און אַביסל דיינע מענטשן קריסטן. אויב עס וועט נויטיק זיין, שלאָג אָפּ!

וויניציוס איז שוין געווען אין דער טיר פון אַטריום.

-- שיק מיר אַ ידיעה דורך אַ שקלאַף — האָט פּעט־ראָניוס נאָכגערופן דעם אַרויסג״ענדיקן.

און בלייבנדיק אַליין האָט ער גענומען אומגיין לענגאויס די קאָלאָנען, וואָס האָבן באַפּוצט דעם אַטריום, אין מחשבות וועגן די קומענדיקע געשעענישן. ער האָט געוווסט, אַז ליגיע און לינוס האָבן נאָך דער שרפה זיך אומגעקערט אין פריער־דיקן הויז, וועלכעס איז ווי די גרעסטע טייל פון היגטערן טיבער גאַנץ געבליבן. און דאָס טאַקי איז געווען זייער נישט גוט, וואָרים ווען נישט וואָלט געווען שווער זיי צו געפינען צווישן די מאַסן. ער האָט אָבער געטראַכט, אַז פּונדעסטוועגן ווייסט דאָך סיי ווי אין פּאַלאַטין קיינער נישט ווו זיי וווינען, דאַן וועט וויניציוס אין יעדן פאַל אָנקומען פריער ווי די פּרע־טאָריער. עס איז אים אויך געקומען אויפן געדאַנק, אַז אַזוי ווי טיגעלינוס וועט דאָך וועלן מיט איין קלאַפּ פאַנגען אַ וואָס גרעסערע צאָל קריסטן וועט ער מוזן פונאַנדערשפּרייטן זיין נעץ איבער גאַנץ רוים, דאָס הייסט צעטיילן די פּרעטאָריער אויף קליינע מחנות. אויב עס וועלן נאָך איר קומען נישט מער ווי צען מאַן — האָט ער געטראַכט — וועט דער ליגי־שער ריז אַליין זיי צעברעכן די ביינער און ווער שמועס נאָך, אַז וויניציוס וועט אים נאָך קומען צו הילף. און דאָס

טראַכטנדיק האָט ער באַקומען בטחון· אמת, שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד די פּרעטאָריער הייסט כמעט אָנהייבן אַ מלחמה מיטן צעזאַר. פּעטראָניוס האָט אויך גוט געוווסט, אַז אויב ווינציוס וועט זיך אויסדרייען פון נירונס נקמה, קען די דאָזיקע נקמה פאַלן אויף אים, אָבער דאָס האָט אים ווייניק געאַרט· פאַרקערט, דער געדאַנק וועגן שטערן די פּלענער פון נירון און טיגעלינוס האָט אים פריילעך געמאַכט. ער האָט באַשלאָסן נישט צו קאַרגן אויף דעם נישט קיין געלט און נישט קיין מענטשן. און אַזוי ווי פּוילוס פון תרשיש האָט נאָך אין אַנציום צוגעצויגן די גרעסטע טייל פון זיינע שקלאַפן, דערי־בער האָט ער געקענט זיין זיכער, אַז ביים אָפּווערן די קריסטן קען ער רעכענען אויף זייער גרייטקייט און מסירות נפש,

עניסעס אַריינקומען האָט איבערגעריסן זיינע מחשבות.
זי דערזעענדיק זענען אַלע זיינע דאגות און פאַרלעגנהייטן צע־רונען אָן שפור. ער האָט פאַרגעסן אָן צעזאַר, אָן דעם אומחן אין וועלכן ער געפינט זיך איצט, אָן די נידערטרעכטיקע אוי־גוסטער, אָן די פאַרשטייענדיקע רדיפות אויף די קריסטן, אָן ווינציוסן און ליגיען און האָט אויף איר געקוקט מיט די אויגן פון אַן עסטעט, וועלכער איז פאַרליבט אין וווּנדערלעכע פאָר־מען און פון אַ געליבטן פאַר וועלכן עס אָטעמט מיט ליבע פון די דאָזיקע פאָרמען. און זי, אין אַ דורכזיכטיק פּיאָלעט קלייד, וועל־כעס רופט זיך „קאָאַוועסטעס", דורך וועלכן מ'האָט דורכגעזען איר ראָזן קערפּער, איז באמת געווען שיין ווי אַ געטין. פילנ־דיק זיך נאָך אויך אַ באַוווּנדערטע און ליבנדיק אים מיטן גאַנצן האַרצן, כסדר דורשטיק נאָך זיינע צערטלעכקייטן האָט זי גע־נומען פלאַמען פון פרייד, ווי זי וואָלט געווען נישט קיין קעפּס־ווייב, גאָר אַן אומשולדיק מיידעלע.

— וואָס וועסטו זאָגן שאַריטע ? — האָט פּעטראָניוס געזאָגט אויסציִענדיק צו איר די הענט.

און זי, אָנבייגנדיק צו אים איר גאָלדנהאָריקן קאָפּ, האָט אים געענטפערט:

— האַר, אַנטעמיאָס איז געקומען מיט די לידער און ער פרעגט צי דו וועסט אים וועלן היינט הערן ?

— זאָל ער וואַרטן. ער וועט אונז ביים מיטאָק זינגען דעם הימן צו אַפּאָלאָנען. אַרום זענען נאָך דאָ די חורבות און אַש און מיר וועלן הערן דעם הימן צו אַפּאָלאָנען! ביי די פּאַפּישע ווערדלעך! ווען איך זע דיך אין דעם קאָאווסטעס דוכט זיך, אַז אַפּראַדיטאַ האָט זיך פּאַרהילט מיט אַ שטיקל הימל און שטייט דאָ פאַר מיר.

— אָ, האַר! — האָט עניסע געזאָגט.

— קום אהער, עניסע, און נעם מיך אַרום מיט דיינע אָרעמס און גיב מיר דיינע ליפּן... האָסט מיך ליב?

— איך וואָלט צעוסן נישט געקענט מער ליבן.

דאָס זאָגנדיק האָט זי צוגעפּרעסט אירע ליפּן צו זיינע, פלאַטערדיק אין זיינע אָרעמס פון גליק.

אין אַ מינוט אַרום האָט פּעטראָניוס געזאָגט:

— און ווען עס זאָל אונז אויסקומען זיך צו שיידן?...

עניסע האָט מיט שרעק אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן:

— וואָס הייסט, האַר?...

— שרעק זיך נישט!... פאַרשטייסטו מיך, ווער ווייסט צי איך וועל מיך נישט מוזן לאָזן אין אַ ווייטן וועג אַריין.

— נעם מיך מיט...

אָבער פּעטראָניוס האָט פּלוצלונג געביטן דעם שמועס און האָט אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, צי זענען פאַראַן אויף די פעלצער אין גאָרטן אַספאָדעלן?

— די ציפּריסן און די גראָזן אין גאָרטן זענען פאַרגעלט געוואָרן פון דער שרפה און פון די מירטן זענען אַראָפּגעפאַלן די בלעטער און דער גאַנצער גאָרטן זעט אויס ווי טויט.

— גאַנץ רוים זעט אויס טויט און גאָר אינגיכן וועט עס זיין אַן אמתער בית עולם. ווייסטו, אַז עס דאַרף אַרויס אַן עדיקט קעגן די קריסטן און עס וועלן זיך אָנהייבן רדיפות, בעת וועלכע עס וועלן אומקומען טויזנטער מענטשן?

— פאַרוואָס גייט מען זיי באַשטראָפן. האַר? דאָס זענען דאָך גוטע און רויקע מענטשן.

— טאַקע דערפֿאַר.

— לאָמיר זשע פֿאָרן צום ים. דײַנע געטלעכע אויגן האָבן נישט ליב צו קוקן אויף בלוט.

— גוט, דערווײַל אָבער מוז איך זיך אָפּבאָדן. קום אין עלאַעאַטעזיום מיר פּערפֿומירן די אָרעמס. ביי קיפּרידאַס גאַרטל! דו האָסט זיך מיר נאָך קײנמאָל נישט אויסגעוויזן אַזוי שײן. איך וועל הייסן מאַכן פֿאַר דײַנעטוועגן אַ וואַנע אין דער פֿאָרם פֿון אַ מושל און דו וועסט זײַן ווי אַ טײַערע פּערל... קום גאָלדהאָריקע.

ער איז אַרויסגעגאַנגען. און אין אַ שעה אַרום זענען זיי ביידע געזעסן מיט רויזן-קרענץ אויף די קעפּ און מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן ביי אַ טיש אָנגעשטעלט מיט גאָלדענע כּלים. יונגע ייִנגלעך, אָנגעקליידט ווי אַמאָרן, האָבן זיי באַדינט און זיי האָבן, טרינקנדיק ווײַן פֿון בלושטש-קרוגן, געהערט דעם הימן צו אַפּאָלאָנען, וועלכער איז געזונגען געוואָרן ביים קלאַנג פֿון האַרפֿן אונטער דער פֿירונג פֿון אַנומיא. וואָס האָט דאָס זיי געקענט אַרן, וואָס אַרום דער ווילאַ שטאַרן נאַקעטע קוימענס פֿון די הײַזער און וואָס דער ווינט צעטראָגט אַש פֿון פֿאַרברענטן רוים. זיי האָבן זיך געפֿילט גליקלעך און האָבן נאָר געטראַכט וועגן ליבע, וואָס האָט פֿון זייער לעבן געמאַכט אַ מין געטלעכן חלום.

אָבער נאָך איידער דער הימן איז געווען צום סוף איז אין זאַל אַרײַנגעקומען דער שקלאַף, דער ממונה איבערן אַטריום.

— האַר — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטים אין וועלכער עס האָט געציטערט אומרו — דער צענטוריאָן מיט אַן אָפּטיילונג פּרעטאָריער שטייט פֿאַרן טויער און לויט אַ באַפֿעל פֿון צעזאַר וויל ער זיך זען מיט דיר.

דאָס געזאַנג און דער קלאַנג פֿון האַרפֿן האָבן אויפֿגעהערט. אַלע זענען דורכגענומען געוואָרן מיט דער אומרויקייט, ווארים דער צעזאַר האָט אין די באַציונגען מיט פּרײַנט זיך געוויינלעך נישט באַנוצט מיט די פּרעטאָריער און זייער קומען האָט אין יענע צײַטן נישט פֿאָרגעזאָגט קיין גוטס. נאָר איין פּעטראָניוס

האט נישט ארויסגעוויזן די מינדסטע אומרויקייט און האָט גע־רעדט ווי אַ מענטש, ווען עס לאַנגווײַלן די שטענדיקע פאַר־בעטונגען.

— וואָלטן זיי מיך געלאָזט כאטש רויק אָפּעסן.

דערנאָך האט ער ווענדנדיק זיך צום ממונה איבערן אטריום געזאָגט :

— לאָז אַריין.

— דער שקלאַף איז פארשוואונדן אונטער דעם פּאַרהאַנג, אין אַ מינוט אַרום האָט מען דערהערט שווערע טריט און אין זאַל איז אַריין פעטראָניוסעס גוט באקאנטער מאה׳ניק אפער באוואַפּנט פון קאָפּ ביז די פּיס, מיט אַן אײַזערנעם העלם אויפן קאָפּ.

— גרויסמוטיקער האַר, האָט ער געזאָגט — אָט איז אַ בריוו פון צעזאַר.

פעטראָניוס האָט פויל אויסגעשטרעקט זיין ווייסע האַנט, האָט גענומען די טאָוולען און איבערלייענדיק מיטן בליק האָט ער זיי רויק דערלאַנגט עניסען.

— ער וועט אין אָוונט לייענען אַ ניי ליד פון טראָיקאַ — האָט ער געזאָגט — און ער רופט מיך ארויס.

— איך האָב אַ באַפעל בלויז אָפּצוגעבן דעם בריוו — האָט דער מאָהניק זיך אָפּגערופן.

— גוט, קיין ענטפער איז נישט נויטיק. נאר אפשר וואָלסטו, מאהניק, זיך צוגעשפּארט ביי אונז און אויסגעטרונקען אַ קראַ־טער וויין?

— כ׳דאנק דיר, גרויסמוטיקער האַר. אַ קראַטער וויין וועל איך גערן אויסטרינקען פאַר דיין געזונט, אָבער צושפּארן זיך קען איך נישט ווייל איך בין אין דינסט.

— פאַרוואָס זשע האט מען דיר געגעבן דעם בריוו אָנ־שטאט אים צושיקן דורך אַ שקלאַף?

— כ׳ווייס נישט האַר, אפשר דערפאַר ווייל איך דאַרף זיין אין דער געגנט וועגן אַן אנדער ענין.

— כ'ווייס -- האָט פּעטראָניוס געזאָגט — קעגן די קריסטן.
— ריכטיק, האַר.
— שוין לאַנג, אַז דאָס געיעג האָט זיך אָנגעהויבן ?
— עטלעכע מתנות זענען נאָך פאַר מיטאָק אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף יענער זייט טיבער.

דאָס זאָגנדיק האָט דער מאָהניק אָפּגעטרייסלט פון בעכער אַ ביסל ווײַן לכּבוד מאַרסן, אויסגעטרונקען און געזאָגט:
-- לאָזן די געטער דיר געבן, האַר, וואָס דו באַגערסט.
— טרינק אויך דעם אַנדערן קראַטער — האָט פּעטראָניוס געזאָגט.

נאָכדעם האָט ער געגעבן אַ צייכן אַנטעמיאָסן, ער זאָל ענדיקן דעם הימן צו אַפּאָלאָנען.

די גולע באַרד הייבט זיך אָן צו שפּילן מיט מיר און מיט וויניציוסן — האָט ער געטראַכט בעת די האַרפן האָבן זיך ווידער געלאָזט הערן. כ'פאַרשטיי זיין כּוונה! ער האָט מיך גע־וואָלט איבערשרעקן · שיקנדיק מיך רופן מיטן צענטוריאָן. אין אָוונט וועלן זיי אים אויספרעגן ווי אַזוי איך האָב אים צוגע־נומען. ניין, וועסט זיך נישט איבעריק פרייען בייזע מאַוימדיקע קוקלע. כ'ווייס, אַז דו וועסט די באַליידיקונג נישט פאַרגעסן, כ'ווייס, אַז דער אומקום וועט מיך נישט מיידן, אָבער אויב דו מיינסט, אַז איך וועל דיר קוקן מיט תּחנונים אין די אויגן, אַז דו וועסט אויף מיין פּנים זען שרעק און הכנעה, האָסטו אַ טעות.

— דער צעזאַר שרייבט, האַר: „קומט אַויב איר האָט חשק". — האָט עניסע געזאָגט — וועסט גיין ?
— כ'בין אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג און כ'קען הערן אפילו זיינע פּערזן — האָט פּעטראָניוס געענטפערט — איך וועל, בכן, גיין, איבערהויפּט אַז וויניציוס קען נישט אַהינגיין.

און נאָכן מאָלצייט, נאָך דעם געוויינטלעכן שפּאַציר, האָט ער זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די שקלאַפינס, וואָס קאַרבירן די האָר און פון די שקלאַפינס, וואָס לייגן איין די

פארדן און אין אַ שעה שפּעטער, שיין ווי אַ געטש, האָט ער זיך געהייסן טראָגן אין פּאַלאַטין. — עס איז שוין געווען שפּעט. דער אָוונט איז געווען אַ שטילער, אַ וואַרימער, די לבנה האָט אַזוי שטאַרק געלויכטן, אַז די „לאַמפּאַדאַרי", וועלכע זענען גע-גאַנגען פאָרויס דער לעקטיקע, האָבן אויסגעלאָשן די פלאַקערן. איבער די גאַסן און צווישן די חורבות האָבן אַרומגעשלייכט מיט וויין באַזויפּענע מענטשן, אויסגעפּוצטע אין בלושטש און וויינשטאָק-בלעטער, טראַגנדיק אין די הענט מירטן און לאָרבער-צווייגלעך פון צעזאַרס גערטנער. די שפע פון קאָרן און די דערוואַרטונג אויף גרויסע פאָרשטעלונגען האָט זיי פריילעך גע-מאַכט. ווו נישט ווו האָט מען געזונגען לידער לכבוד דער „געטלעכער נאַכט" און דער ליבע. אויף אַנדערע ערטער האָט מען געטאַנצט ביים שיין פון דער לבנה. די שקלאַפן האָבן פיל מאָל געמוזט רופן צו מאַכן אָרט פאַר דער לעקטיקע פון „איידעלן פּעטראָניוס" און דאַן האָט זיך דער המון אָפּגערוקט מאַכנדיק אויסרופן לכבוד זייער ליבלינג.

ער אָבער האָט געטראַכט וועגן וויניציוסן און האָט זיך געוווּנדערט וואָס ער האָט פון אים נישט קיין שום ידיעה. ער איז געווען אַן עפּיקורעער און אַן עגאָיסט. אָבער זייענדיק אין דער סביבה פון פּאָלוס פון תּרשיש און פון וויניציוסן און הערנדיק יעדן טאָג וועגן די קריסטן האָט ער זיך אַ ביסל גע-ענדערט, אַליין נישט וויסנדיק וועגן דעם. עס האָט פון זיי גע-ווייעט אויף אים אַ מין ווינטל, וועלכעס האָט אין זיין נשמה אַריינגעוואָרפן אַן אומבאַקאַנט קערנדל. אַ חוץ זיין אייגענע פּערזאָן, האָבן אים אָנגעהויבן אינטערעסירן אויך אַנדערע מענטשן. צו וויניציוסן איז ער איבעריקנס תּמיד געווען צוגע-בונדן, וואָרים ער האָט אין זיינע קינדער-יאָרן שטאַרק ליב געהאַט זיין מוטער, ד. ה. זיינע אַ שוועסטער, און איצט באַטייליקנדיק זיך אין זיינע עסקים האָבן זיי אים אַזוי פאַרכאַפּט ווי ער וואָלט זיך צוגעקוקט צו אַ טראַגעדיע.

ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז וויניציוס האָט מקדים געווען די פּרעטאָריער, אָדער לכל הפּחות זי אָפּגעשלאָגן.

אָבער ער וואָלט פונדעסטוועגן געוואָלט וויסן אויף זיכער, ווייל ער האָט פארויסגעזען, אַז עס וועט אים אפשר אויסקומען צו ענטפערן אויף פארשידענע שאלות, אויף וועלכע עס איז גלייכער צו זיין צוגעגרייט.

אָפּשטעלנדיק זיך פאַרן הויז פון טיבעריוס, איז ער אַרויס פון דער לעקטיקע און אין אַ מינוט אַרום איז ער אַריין אין אטריום, וועלכער איז שוין פול געווען מיט אויגוסטער. די נעכטיקע פריינט הגם זיי האָבן זיך געוווּנדערט וואָס ער איז פאַרבעטן געוואָרן, האָבן זיך אָפּגערוקט פון אים, אָבער ער איז זיי פאַרבייגעגאַנגען, אַ שיינער, אַ פרייער, אַ גלייכ-גילטיקער און אַזוי זיכער אין זיך, אַזוי ווי ער וואָלט אַנ-דערע געטיילט הסדים. טעלעכע זענען טאַקע, זעענדיק אים, אומרויק געוואָרן און געטראַכט צי זיי האָבן נישט אַמאָל צו פריצייטיק זיך אָפּגערוקט פון אים.

דער צעזאַר האָט זיך פונדעסטוועגן געמאַכט אים נישט זען און האָט נישט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג, מאַכנ-דיק זיך ווי ער וואָלט פאַרטיפט געווען אין אַ שמועס. אָבער טיגעלינוס איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט :

— גוט מאָרגן, אַרביטר פון עלעגאַנץ, האַלסטו נאָך אַלץ, אַז נישט די קריסטן האָבן פאַרברענט רוים ?

פעטראָניוס האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען און קלאַפנדיק אים איבער די פּלייצעס ווי אַ באַפרייטן שקלאַף האָט ער געענטפערט :

— דו ווייסט אַזוי גוט ווי איך, וואָס וועגן דעם צו טראַכטן.

— איך וואַג נישט צו פאַרגלייכן זיך מיט דיין חכמה.

— און ביסט נישט איינגאַנצן אומגערעכט, וואָרים אויב נישט וואָלסטו דאָך געמוזט, בעת דער צעזאַר וועט אונז דאָ באַלד איבערלייענען זיין ניי ליד וועגן טראָיקא, שטאָט צו שרייען ווי אַ פּעע, אַרויסזאָגן עפּעס אַ נאַרישע מיינונג.

טיגעלין האָט פאַרביסן די ליפּן. ער איז נישט איבע־ריק צופרידן געווען, וואָס דער צעזאַר האָט באַשלאָסן היינט צו לייענען אַ ניי ליד, ווייל דאָס איז געווען אַ געביט אויף וועלכן ער האָט נישט געקענט זיך איבעריאָגן מיט פּעטראָ־ניוסן. און כך הוה, בעת דעם לייענען האָט נירון נישט ווילנדיק, מחמת לאַנגער געוווינהייט, געווענדט זיין בליק צו פּעטראָניוסן, צוקוקנדיק זיך שטאַרק, וואָס זיין פּנים דריקט אויס. ער אָבער האָט געהאָרכט, קאַפּוירהייבנדיק די ברעמען, ביי טייל שטעלן מסכּים זייענדיק, ביי אַנדערע אָנשטרענגנדיק די כּונה, ווי ער וואָלט געוואָלט זיכער זיין, צי ער האָט גוט געהערט. דערנאָך ווידער האָט ער ביי טייל שטעלן געלויבט, טייל צו נישט געמאַכט, פאַרלאַנגנדיק אויסצובעסערן אָדער אויס־צושלייפן טייל פערזן. נירון אַליין האָט תּופס געווען, אַז אַנ־דערע האָבן מיט זייערע שבחים אין זינען נאָר זייערע איי־גענע נוצן און נאָר דער איינער אינטערעסירט זיך מיט דער פּאָעזיע לשמה, אַז נאָר ער איינער איז אַ מבין און אויב ער לויבט עפּעס, קען מען זיין זיכער, אַז די פערזן זענען ווערט געלויבט צו זיין. און ביסלעכווייז האָט ער שוין גענומען מיט אים איינטענהן, זיך מתוכּח צו זיין, און לסוף בעת פּעטראָ־ניוס האָט מטיל בספק געווען די טרעפלעכקייט פון אַ געוויסן אויסדרוק האָט ער אים געזאָגט:

— וועסט שוין זען אין מיין לעצט ליד פאַרוואָס איך האָב אים באַנוצט.

— וועל איך זיך נאָך הייסט עס דערוואַרטן אויפן לעצטן ליד — האָט פּעטראָניוס אַ טראַכט געטאָן.

און נישט איינער האָט הערנדיק דאָס, זיך שוין גע־טראַכט:

— ווי מיר! האָבנדיק נאָך אַזוי פיל צייט קען פּעט־ראָניוס נאָך צוריק געפינען חן און שטירצן אַפילו טיגעלינוסן.

און מען האָט זיך צוריק אָנגעהויבן דערנענטערן צו אים.

דער סוף פון אָוונט איז שוין אָבער ווייניקער מזלדיק געווען. דער צעזאַר האָט פּלוצים, גראָד ווען פּעטראָניוס האָט זיך

געזעגנט מיט אים פאַרן אַוועקגיין, אַ פרעג געטאָן מיט פאַר־זשמורעטע אויגן און מיט אַ בייז און אינדערזעלבער צייט דערפרייט פנים:

— און וויניציוס, פאַרוואָס איז ער נישט געקומען?

ווען פּעטראָניוס וואָלט געווען זיכער, אַז וויניציוס מיט ליגיע זענען שוין פון יענער זייט שטאָט־טויערן, וואָלט ער אים געענטפערט: „ער האָט, לויט דיין הסכמה, חתונה געהאַט און אַוועקגעפאָרן". זעענדיק אָבער נירונס מאָדנע שמייכעלע האָט ער געענטפערט:

— דיין אויפפאָדערונג, געטלעכער, האָט אים נישט גע־טראָפן אינדערהיים.

— זאָג אים, אַז כ'וועל אים גערן זען, — האָט נירון געענטפערט — און זאָג אים אויך אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל נישט דורכלאָזן די פאָרשטעלונגען, אויף וועלכע די קריסטן וועלן אַרויסטרעטן.

די דאָזיקע ווערטער האָבן פּעטראָניוסן זייער באַאומרויקט, עס האָט זיך אים געדוכט, אַז זיי האָבן אַ דירעקטע שייכות צו ליגיען. און זעענדיק זיך אין דער לעקטיקע האָט ער געהייסן זיך אַהיימטראָגן נאָך שנעלער ווי פריער. דאָס איז אָבער נישט געווען אזוי לייכט. פאַר טיבעריוסעס הויז איז געשטאַנען אַ גע־דיכטער פילדערנדיקער המון באַזויפן ווי פריער, אָבער שוין נישט זינגענדיק און טאַנצנדיק, נאָר עפּעס ווי אויפגעבראַזט. פונדערווייטנס האָבן זיך דערטראָגן עפּעס אויסגעשרייען, וועלכע פּעטראָניוס האָט לכתחילה נישט גוט דערהערט, אָבער וואָס ווייטער זענען זיי געוואָרן מעכטיקער, העכער, ביז זיי זענען לסוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין ווילדן רעש:

— די קריסטן פאַר די לייבן!!

די פּרעכטיקע לעקטיקעס פון די הויפלייט האָבן זיך באַוועגט צווישן דער טומלדיקער מאַסע. פון דער טיפעניש פון די אָפּגעברענטע גאַסן זענען אָנגעלאָפן אַלץ נייע מאַסן. וועלכע דערהערנדיק די אויסגעשרייען האָבן זיי באַלד אונטערגעכאַפּט. פון מויל צו מויל איז איבערגעגאַנגען די ידיעה, אַז דאָס גע־

יעג דויערט שוין פון מיטן טאָג אָן, אַז מ'האָט שוין געכאַפּט אַ סך אונטערציִנדער. און באַלד האָט זיך איבער די ניי־דורכ־געהאַקטע און איבער די אַלטע גאַסן, איבער די חרובדיקע געפּלעך אַרום פּאַלאַטין, איבער אַלע בערגלעך און גערטנער, געטראָגן ווי גרויס און ווייט רוים איז, אַן אַלץ ווילדערער ליאַרם:

— די קריסטן פאַר די לייבן!

— סטאַדע! — האָט פּעטראָניוס מיט פאַראַכטונג גע־טראַכט — דאָס פאָלק איז ווערט דעם צעזאַר!

און ער האָט גענומען טראַכטן, אַז אַזאַ וועלט וואָס איז געשטעלט אויף געוואַלט, אַכזריות, וועגן וועלכן די באַרבאַרן אפילו האָבן קיין השגה נישט געהאַט, אויף פאַרברעכן און ווילדע הפקרות, קען קיין קיום נישט האָבן. רוים איז געווען דער האַר פון דער וועלט אָבער אויך די מכה פון דער וועלט. עס האָט פון איר געאָטעמט מיט מתים־גערוך. אויף דעמדאָזיקן פאַרפוילטן לעבן איז געפאַלן דער שאָטן פון טויט. אויך צווישן די אויגוסטער האָט מען שוין נישט איינמאָל וועגן דעם גע־רעדט, אָבער פאַר פּעטראָניוסן איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי בולט־קלאָר דערדאָזיקער אמת, אַז אָט דער באַקראַנצטער וואָגן, אויף וועלכן עס שטייט רוים אין געשטאַלט פון אַ טריומפאַטאָר, שלעפּנדיק נאָך זיך אַ געפּענטעטע סטאַדע פון פעלקער, גייט צום אָפּגרונט. דאָס לעבן פון דעם וועלט־באַ־צווינגערישן כרך האָט זיך אים אויסגעוויזן עפּעס ווי אַ קלאָונישער קאַראַהאָד, ווי אַן אָרגיע, וועלכע מוז זיך דאָך אַ מאָל ענדיקן.

ער האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז נאָר די קריסטן אַליין האָבן עפּעס נייע יסודות פון לעבן. ער האָט אָבער געטראַכט, אַז אינגיכן וועט פון די קריסטן געוויס קיין זכר נישט בלייבן. און דעמאָלט וואָס?

דער קלאָונישער קאַראַהאָד וועט ווייטער גיין בראש פון צעזאַר, און אויב נירון וועט פאַרשווינדן, וועט זיך געפינען אַ צווייטער, אויך אַזעלכער ווי ער, אָדער נאָך אַן ערגערער,

וואָרים ביי אַזאַ פֿאָלק און ביי אַזעלכע פּאַטריציער איז ניטאָ קיין שום אויסקוק, אַז עס זאָל זיך געפֿינען אַ בעסערער. וועט זיין אַ נייע אָרגיע און דערצו נאָך וואָס ווייטער אַלץ געמיינער און מיאוסער.

אַן אָרגיע קען אָבער נישט דויערן אייביק און מען מוז נאָך גיין שלאָפֿן, שוין בלויז צוליב מידקייט.

טראַכטנדיק וועגן דעם האָט פּעטראָניוס אַליין זיך דערפֿילט געוואַלדיק מיד. צי לוינט זיך צו לעבן, און דאָס נאָך אין אומזיכערקייט וועגן מאָרגן, בלויז צוליב דעם, כּדי צוצוזען אַזאַ מין אָרדנונג אויף דער וועלט? דער געניוס פֿון טויט איז דאָך נישט וויניקער שיין ווי דער געניוס פֿון שלאָף און ער האָט אויך פֿליגלען ביי די אַקסלען.

די לעקטיקע האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר זיין הויז־טיר, וועלכע דער אויפֿגעשפּיצטער טיר־וועכטער האָט די אותו רגע געעפֿנט.

— צי איז דער איידעלער וויניציוס שוין צוריקגעקומען? — האָט אים פּעטראָניוס געפֿרעגט.

— ערשט די מינוט, האַר — האָט דער שקלאַף געענטפֿערט.

— האָט ער זי, הייסט עס, נישט אָפּגעשלאָגן — האָט פּעטראָניוס אַ טראַכט געטאָן.

און אַראָפּוואַרפֿנדיק די טאָגע איז ער אַריינגעלאָפֿן אין אַטריום. וויניציוס איז געזעסן אויף אַ דריי־פֿוס, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ כּמעט ביז צו די קני, מיט די הענט אויפֿן קאָפּ. נאָר דערהערנדיק טריט האָט ער אויפֿגעהויבן זיין פֿאַרשטיינערט פּנים אין וועלכן בלויז נאָר די אויגן האָבן פֿיבערדיק געגלייט.

— ביסט געקומען צו שפּעט? — האָט פּעטראָניוס געפֿרעגט.

— יאָ, מ׳האָט זי אַוועקגעפֿירט פֿאַר מיטאָג נאָך.

עס איז אַ מינוט שטיל געוואָרן.

— האָסט זי געזען?

— יאָ.

— וווּ איז זי?

— אין מאמערטינער תפיסה.

פעטראניוס האָט אַ ציטער געטאָן און גענומען קוקן אויף וויניציוסן מיט אַ פרעגנדיקן בליק.

דער האָט פאַרשטאַנען.

— ניין! — האָט ער געזאָגט. מ'האָט זי נישט אַריינגעוואָרפן אין „טוליאַנום" 1) און אפילו נישט אין די מיטעלע טיילן פון תפיסה. כ'האָב איבערגעקויפט דעם וועכטער, ער זאָל איר אָפּטרעטן זיין שטיבל. אורסוס האט זיך אַוועקגעלייגט ביי דער שוועל און וואכט איבער איר.

— פאַרוואָס האט אורסוס זי נישט אָפּגעשלאָגן?

— פופציק פרעטאָריער זענען געקומען נאָך איר. איבעריקנס האָט אים ליגוס דאָס פאַרבאָטן.

— און ליגוס?

— ליגוס גוססט. דעריבער האָט מען אים נישט גענומען.

— וואָס קלערסטו איצט צו טאָן?

— אַרויסראַטעווען זי אָדער שטאַרבן מיט איר צוזאַמען. איך גלויב אויך אין קריסטוסן.

וויניציוס האָט גערעדט לפנים רויק, אָבער אין זיין שטים איז געווען עפּעס אַזאַ אָנגעווייטאָקס, אַז פעטראָניוסעס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן פון טיפן רחמנות.

— איך פאַרשטיי דיך — האָט ער געזאָגט — אָבער ווי אַזוי ווילסטו זי ראַטעווען?

— כ'האָב איבערגעקויפט די וועכטער, קודם כל, אַז זיי זאָלן זי שוינען. און צווייטנס, אַז זיי זאָלן איר נישט שטערן צו אַנטלויפן.

— ווען דאַרף דאָס געשען?

— זיי האָבן מיר געענטפערט, אַז זיי קענען זי מיר נישט שוין גלייך אַרויסגעבן, ווייל זיי האָבן מורא פאַר זייער אחריות. נאָר ווען די תפיסה וועט זיין פול מיט מאַסן מענטשן און מען

---

*) די טיפסטע טייל פון דער תפיסה, גאַנץ אונטער דער ערד מיט איין עפנונג אין סופיט. דאָרט איז יוגורט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

וועט פאַרלירן דעם רעכענונג פון זיי, דאַן וועלן זיי זי מיר אַרויסגעבן. אָבער דאָס איז באַין ברירה! פּריער ראַטעווע דו זי און מיך! דו ביסט דעם צעזאַרס אַ פריינט. ער אַליין האָט זי מיר געגעבן. גיי צו אים און ראַטעווע מיך!

שטאָט צו ענטפערן האָט פּעטראָניוס אַ רוף געטאָן אַ שקלאַף און הייסנדיק אים ברענגען צוויי טונקעלע מאַנטלען און צוויי קינזשאַלן, האָט ער זיך געווענדט צו וויניציוסן:

— אויפן וועג וועל איך דיר ענטפערן — האָט ער געזאָגט — דערווייל נעם אַ מאַנטל, אַ מעסער און לאָמיר גיין צו דער תּפיסה. דאָרט וועסטו געבן די וועכטער הונדערט טויזנט סעסטערציען, צוויי מאָל אַזוי פיל און פינף מאָל אַזוי-פיל, אַבי זיי זאָלן תּיכּף ומיד אַרויסלאָזן ליגיע. אויב נישט וועט זיין צו שפּעט.

— גייען מיר, — האָט וויניציוס געזאָגט.

אין אַ מינוט אַרום זענען זיי געווען אינדרויסן.

— און איצט הער מיך אויס — האָט פּעטראָניוס געזאָגט. — איך האָב נישט געוואָלט פאַרלירן קיין צייט. איך בין פון היינטיקן טאָג אָן אין אומחן ביים צעזאַר. מיין אייגן לעבן הענגט אויף אַ האָר און דעריבער קען איך גאָרנישט פּועלן ביים צעזאַר. נאָך ערגער! איך בין זיכער, אַז ער וועט מיר טאָן פּונקט להכעיס. ווען נישט דאָס, וואָלט איך דען דיר געעצהט דו זאָלסט אַנטלויפן מיט ליגיען אָדער זי אָפּשלאָגן? וואָרים ווען דיר זאָל דאָס אפילו געלינגען און דו זאָלסט ניצל ווערן, וואָלט דאָך דעם צעזאַרס צאָרן געפאַלן אויף מיר. ער וואָלט היינט גיכער געטאָן עפּעס לטובת דיר ווי לטובת מיר. דו רעכן אָבער נישט דערויף. באַקום זי אַרויס פון תּפיסה און אַנטלויף! מער בלייבט דיר גאָרנישט איבער צו טאָן. אויב דאָס וועט זיך נישט איינגעבן, דעמאָלס וועלן מיר זיך נעמען צו אַנדערע מיטלען. דערווייל אָבער זיי וויסן. אַז ליגיען האָט מען געכאַפּט נישט נאָר פאַר גלייבן אין קריסטוסן. זי און דיך רודפט דער צאָרן פון פּאָפּעאַ. געדענקסטו, אַז דו האָסט באַליידיקט די אויגוסטין, אָפּזאָגנדיק איר? זי אָבער ווייסט, אַז

דו האָסט זי אָפּגעוואָרפן צוליב ליגיען, וועלכע זי האָט אַזוי אויך פיינט געקריגן פון ערשטן אויגנבליק אָן. נאָך פריער אפילו האָט זי זיך דאָך שוין באמיט זי אומצוברענגען, באַשולדיקנדיק זי, אז מיט איר כישוף האָט זי געטויט איר קינד. אין דעם וואָס עס איז געשען שטעקט די האַנט פון פּאָפּעא! מיט וואָס דען וועסטו דערקלערן, וואָס מ'האט ליגיען די ערשטע געכאַפּט? ווער האָט דען געקענט אָנווייזן אויף ליגוסעס הויז? איך זאָג דיר, אַז מ'האט זי שוין לאַנג נאָכגעשפּירט! איך ווייס, אַז איך צערייס דיר דיין האַרץ און נעם דיר צו די רעשט האָפענונג, אָבער איך זאָג דאס דיר בכיון, כדי דו זאָלסט וויסן, אַז אויב דו וועסט זי נישט באפרייען איידער זיי וועלן זיך כאַפּן, אַז דו האָסט עס בדעה צו טאָן, זענען איר ביידע פארפאַלן.

— ריכטיק! כ'האָב פארשטאנען — האָט וויניציוס פאַרדומפּן געענטפערט.

די גאַסן זענען שוין צוליב דער שפּעטער שעה געווען פּוסט, אבער זייער שמועס איז פונדעסטוועגן איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ שיכּורן גלאַדיאטאָר, וועלכער איז אָנגעקומען פון אַנטקעגן און איז אַרויף גלייך אויף פּעטראָניוסן, אַזוי אַז ער האָט זיך איינגעאַנצן אָנגעשפּאַרט מיט זיין האַנט אויף פּעטראָניוס אַקסל, בלאָזנדיק אים אין פּנים אַריין זיין מיט וויין אָנגעזאָפּטן אָטעם און יעלהנדיק מיט אַ הייזעריקן קול:

— די קריסטן פאַר די לייבן!

— מירמילאָן — האָט פּעטראָניוס רויק זיך אָנגערופן — הערך אַ גוטע עצה און גיי דיר דיין וועג.

אָבער דער שיכּור האָט אים אויך מיט דער צווייטער האַנט געכאַפּט פאַרן אַקסל:

— שריי צוזאַמען מיט מיר, אַז נישט דריי איך דיר דעם קאָפּ אַראָפּ: די קריסטן פאַר די לייבן!

אָבער די נערוון פון פּעטראָניוסן האָבן שוין געהאַט גענוג די דאָזיקע ליאַרמען. פון זייט ער איז אַרויס פון פּאַלאַטין שטיקן זיי אים ווי אַ שלאַנג און בייסן אים די אויערן. און

דעריבער זעענדיק נאָך איבער זיך די אויפגעהויבענע פויסט פונם ריז, האָט זיין געדולד געפּלאַצט.

— מיין ליבער — האָט ער געזאָגט — שטינקסט מיט ווײַן און דו שטייסט מיר אין וועג.

און דאָס זאָגנדיק האָט ער אים אַרײַנגעזעצט זיין קורץ וואָפן ביז צום הענטל טיף אין דער ברוסט. דערנאָך האָט ער נעמענדיק ווינציוסן אונטערן אָרעם ווייטער גערעדט ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַרגעקומען:

— דער צעזאַר האָט היינט געזאָגט צו מיר: „זאָג אין מיין נאָמען ווינציוסן, ער זאָל זיין אויף די פאָרשטעלונגען אויף וועלכע עס וועלן אַרויסטרעטן די קריסטן". דו פאַרשטייסט וואָס דאָס הייסט? זיי ווילן שעפּן נחת פון דיינע יסורים. דאָס איז אַן אַדורכגעטראַכטער פּלאַן. עס קען זיין, אַז מחמת דעם טאַקע האָט מען אונז ביז איצט נאָך נישט פאַרהאַלטן. אויב עס וועט זיך דיר נישט איינגעבן שוין איצט זי אַרויסצובאַקומען, דאַן... ווייס איך נישט!... אפשר וועט זיך אַקטע אָננעמען פאַר דיר, אָבער צו וועט דאָס העלפן?... דיינע גיטער אין סיציליען וואָלטן אויך געקענט רייצן טיגעלינוסן. פּרוּוו!

— כ'וועל אים אָוועקגעבן אַלץ וואָס איך פאַרמאָג — האָט ווינציוס געענטפערט.

פון קאַרינען ביזן פאָרום איז נישט געווען זייער ווייט. זיי זענען דעריבער באַלד אָנגעקומען. די נאַכט האָט זיך שוין אָנגעהויבן בלייכן און די שלאָס-מויערן האָבן שוין בולט אַרויסגעשטויכט פון שאָטן.

פּלוצלונג בעת זיי האָבן זיך אַרונטערגעדרייט צו דער מאַמערטינער תפיסה, איז פּעטראָניוס געבליבן שטיין און אויסגערופן:

— פּרעטאָריער!... צו שפּעט!...

דאָס געפענגעניש איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ טאָפּלטע רייע סאָלדאַטן. דער באַגינען האָט געזילבערט זייערע אייזערנע העלמען און שפּיזן.

ווינציוסעס פּנים איז בלייך געוואָרן ווי מאַרמאָר.

— לאָמיר צוגיין — האָט ער געזאָגט.

אין אַ מינוט אַרום זענען זיי געשטאַנען פאַר דער רייע. פעטראַניוס מיט זיין געוואַלדיקן זכרון האָט געקענט נישט נאָר די עלטסטע, נאָר כמעט אַלע פּרעטאָריער, ער האָט דעריבער צווישן זיי באַלד דערקענט זיין באַקאַנטן הויפּט פון דער מחנה און ער האָט צו אים אַ ווונק געטאָן.

— וואָס איז דאָס, ניגר? האָט ער געזאָגט צו אים — מ'האָט אייך געהייסן היטן די תּפיסה?

— יאָ, גנעדיקער פּעטראָניוס. דער פּרעפעקט האָט מורא מען זאָל נישט פּרוּוון אָפּשלאָגן די אונטערצינדער.

— צי האָט איר אַ באַפעל קיינעם נישט אריינצולאָזן? — האָט ויניציוס געפרעגט.

— ניין, האר. פריינט וועלן קומען באַזוכן די געפאַנגענע און אַזוינאָך וועלן מיר אויסכאַפּן וואָס מער קריסטן.

— אויב אַזוי לאָז זשע מיך דורך — האָט ויניציוס געזאָגט. און דריקנדיק פּעטראָניוסן די האַנט, האט ער געזאָגט צו אים:

— זע זיך מיט אקטע, און איך וועל קומען זיך דערוויסן וואָס פאַר אַן־ענטפער זי האָט דיר געגעבן...

— זאָלסט קומען — האָט פּעטראַניוס געענטפערט.

אין דערדאָזיקער מינוט האָט זיך פון אונטער דער ערד און פון אונטער די דיקע מויערן דערהערט אַ געזאַנג. דאָס געזאַנג, פריער אַ פאַרדומפּנס און אַ פאַרשטיקטס איז וואָס ווייטער געוואַקסן. שטימען פון מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין האַרמאָנישן כאָר. די גאַנצע תּפיסה האָט זיך אין דער פאַרטאָגיקער שטילקייט צעזונגען ווי אַ האַרף. אָבער דאָס זענען נישט געווען קיין שטימען פון פּיין און יאוש. פאַרקערט, עס האָט זיך געהערט אין זיי שמחה און נצחון.

די זעלנער האָבן נשתּומם זיך אָנגעקוקט. אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע גאָלדענע און ראָזע אָפּשיינען פונם מאָרגנשטערן.

LII

דער רוף „די קריסטן פאַר די לייבן!“ האָט זיך כּסדר פאַרשפּרייט איבער אַלע שטאָט־טיילן. — לכתחילה האָבן אַלע נישט גאָר געגלייבט, אַז זיי זענען באמת געווען די ריכטיקע אונטערצינדער, גאָר קיינער האָט אפילו נישט געוואָלט ספק, מחמת זייער שטראָף האָט אינדערזעלבער צייט געזאָלט זיין אַ הערלעכע פאַרווייַלונג פאַרן המון. עס האָבן זיך אָבער אויך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דאָס אומגליק וואָלט נישט געווען אַזוי מוראדיק גרויס, ווען נישט דער צאָרן פון די געטער. עס איז דעריבער פאַראָרדנט געוואָרן אין די טעמפּלען „פּיאַציאָס“ אָדער קרבנות אַלס כּפּרה פאַר די זינד. לויט דער עצה פון די סיבילער ביכער האָט דער סענאַט איינגעאָרדנט פייערלעכקייטן און עפנטלעכע תּפילות צו וווּלקאַן, צערערא און פּראָזערפּינא. די מאַטראָנעס האָבן געבראַכט קרבנות צו יונאנא. זיי זענען אין אַ פּראָצעסיע אַוועק צום ברעג ים אָנצושעפּן וואַסער און באַשפּריצן דערמיט די סטאַטוע פון דער געטין. באַמאַנטע

פרויען האָבן געמאַכט סעודות און וואַך-נעכט לכבוד די געטער. גאַנץ רוים האָט זיך געריייניקט פון די זינד, מקריב געווען קרבנות און געזוכט חן אין די אויגן פון די אומשטערבלעכע. דערווייל האָט מען צווישן די חורבות דורכגעשניטן נייע ברייטע גאַסן. דאָ און דאָרט האָט מען שוין געלייגט פונדאַמענטן פון פּרעכטיקע הייזער, פּאַלאַצן און טעמפּלען. נאָר דער עיקר האָט מען אין גרויס איילעניש אויפגעשטעלט ריזיקע הילצערנע אמפיטעאַטרען אין וועלכע די קריסטן האָבן געזאָלט אומקומען. באַלד נאָך דער אסיפה אין טיבעריוס-הויז זענען צעשיקט גע- וואָרן באַפעלן צו די פּראָקאָנסולן זיי זאָלן צושטעלן ווילדע חיות. טיגעלינוס האָט אויסגעליידיקט די וויוואַריעס פון אַלע איטאַליענישע שטעט, אַפילו פון די קלענערע שטעטלעך. אויף זיין באַפעל זענען אין אַפריקע איינגעאָרדנט געוואָרן גרויסע חיות-פאַנגען אין וועלכע די גאַנצע אָרטיקע באַפעלקערונג האָט זיך געמוזט באַטייליקן. מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט העלפאַנטן און טיגערן פון אַזיע, קראָקאָדילן און היפּאָפּאָטאַמען פון נילוס, לייבן פון אטלאַס, וועלף און בערן פון די פּירענעען, ווילדע הינט פון היבערן, בערג-הינט פון עפיר, בופלאָקסן און ריזיקע מוראַדיקע זוברעס פון גערמאַניע. צוליב דער גרויסער צאָל געפאַנגענע האָבן די פאָרשטעלונגען געזאָלט איבערשטייגן מיט זייער פאַרנעם אַלץ וואָס איז ביז איצט ווען עס איז געווען געוואָרן. דער צעזאַר האָט געוואָלט פאַרטרינקען אין בלוט די זכרונות וועגן דער שרפה און פאַרשיכורן דערמיט רוים. די הריגות האָבן דעריבער געזאָלט זיין פון אַזאַ גרויסן פאַרנעם ווי נאָך קיינמאָל נישט.

דער אונטערגעהעצטער המון האָט צוגעהאָלפן די „וויגילן" און די פּרעטאָריער אין געיעג נאָך די קריסטן. דאָס איז נישט געווען קיין שווערע זאַך, ווייל גאַנצע גרופּעס פון די קריסטן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט דער איבריקער באַפעלקערונג גע- לאַגערט אין די גערטנער האָבן בקול רם זיך אָנערקענט צו זייער גלייבן. בעת מ׳האָט זיי אַרומגערינגלט האָבן זיי אַנידער- געקניט און זאָגנדיק הימנען האָבן זיי זיך אָן ווידערשטאַנד גע-

לאָזט פאנגען. אָבער אָט די דאָזיקע געוואַלד זייערע האָט נאָך מער אויפגערייצט דעם המון, וועלכער האָט נישט פארשטייענדיק די סיבה דערפון דאָס אָנגענומען פאַר א סימן פון פאַרביסנקייט און עקשנותדיקייט אין פארברעכן. אַ שגעון האָט צוגעכאַפּט די פאַרפאָלגער. עס פלעגט זיך טרעפן, אַז דער המון האָט אַרויסגעריסן קריסטן פון די פרעטאָריערס הענט און זיי צעריסן לעבעדיקערהייט אויף שטיקער, פרויען האָט מען געשלעפּט פאַר די האָר אין געפענגעניש אריין, קינדער האָט מען צעשמעטערט די קעפּלעך אָן די שטיינער. טויזנטער מענטשן זענען ביי טאָג און ביינאַכט געלאָפן איבער די גאַסן מיט געפילדער. מ'האָט געזוכט קרבנות צווישן די חורבות, אין די קוימענס, אין די קעלערן. פאַר די תפיסות פלעגן געפראַוועט ווערן ביים שיין פון פייערן באַכאַנטישע הוליאַנקעס און טענץ ארום פעסער-ווייַן. אין די אָוונטן פלעגן זיי מיט תענוג הערן דאָס געברומעריי, וועלכעס האָט זיך ווי מעכטיקע דונערן צעקייקלט איבער דער שטאָט. די תפיסות זענען איבערפולט געווען מיט טויזנטער מענטשן און יעדן טאָג האָט דער המון און די פרעטאָריער אָנגעטריבן אַלץ נייע קרבנות. רחמנות איז פאַרשוונדן. עס האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז די מענטשן האָבן פאַרגעסן דאָס רעדן און האָבן אין ווילדן שגעון געדענקט בלויז נאָר איין געשריי „די קריסטן פאר די לייבן!” עס זענען אנגעשטאַנען מאָדנע חלשותדיקע טעג און דומפע נעכט ווי קיינמאָל נאָך נישט: די לופט אפילו איז געווען ווי אָנגעזאַפּט מיט שגעון, בלוט און פארברעכן.

און אָט דידאָזיקע איבערפולטע מאָס אכזריות האָט זיך צונויפגעטראָפן פנים אל פנים מיט אויך אזא איבערפולטע מאָס פון מארטירער-באַגער. די קריסטוס-גלייביקע זענען געגאַנגען פרייוויליק צום טויט און האָבן נאָך אפילו אים, בכיון געזוכט, ביז די עלטסטע האָבן זיי דאָס שטרענג פאַרבאָטן. אויף זייער באַפעל האָט מען זיך אָנגעהויבן צונויפצוקומען נאָר אונטער דער שטאָט. אין די היילן אויף וויאַ אפּיאַ און אין די אונטער־שטאָטישע ווייַנגערטנער, וועלכע האבן געהערט צו פאטריציער־

קריסטן, פון וועלכע מ'האָט נאָך ביז איצט קיינעם נישט גענומען. אויפן פּאַלאַטין האָט מען גוט געוווּסט, אַז צו קריסטוס אָנהענגער געהערן פלאוויוס און דאָמיטילא און פּאמפּאָניא גרעצינא, און קאָרנעליוס פודענס און וויניציוס. דער צעזאַר האָט אָבער דאָך מורא געהאט, אַז דער המון וועט זיך נישט לאָזן איינרעדן, אַז אַזעלכע לייט האָבן דאָס אונטערגעצונדן רוים און אַזוי ווי דער עיקר איז דאָך געווען איבערצוצייגן דעם עולם, האָט מען דעריבער די שטראָף און נקמה דערווייל אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. אַנדערע האָבן געהאַט די מיינונג, אַז דאָס האט אַקטעס השפּעה מציל געווען די דאָזיקע פּאַטריציער. די דאָזיקע מיינונג איז אָבער געווען נישט ריכטיק. פּעטראָניוס איז טאַקע באַלד נאָכן שיידן זיך פון וויניציוסן אַוועק צו אַקטען נאָך הילף פאַר ליגיען; זי האָט אים אָבער געקענט שענקען בלויז טרערן, ווארים זי האָט געלעבט אין פּיין און אין פאַרגעסנקייט, געדולדעט גאָר אויף אַזויפיל אויף וויפיל זי האָט זיך נישט געוויזן פאַר פּאָפּעאָ און פאַרן צעזאַר.

זי פלעגט פונדעסטוועגן באַזוכן ליגיע אין תפיסה און פלעגט איר ברענגען קליידער און שפּייז און דער עיקר זי פלעגט זי באַשיצן פון באַליידיקונגען מצד די שוין אַזוי אויך איבערגעקויפטע תפיסה-וועכטער.

פּעטראָניוס, נישט קענענדיק פאַרגעסן, אַז ווען נישט ער מיט זיינע המצאות צוצורייבן ליגיע פון אולוסעס הויז וואָלט זי אַפּנים איצט נישט געווען אין תפיסה, און ווילנדיק אַ חוזק דעם אויך געווינען אין דעם שפּיל מיט טיגעלינוסן, האָט ער דערווייל נישט געקאַרגט קיין צייט און קיין פלענער. אין משך פון עטלעכע טעג האָט ער זיך געזען מיט סענעקאָן, מיט דאָמיציוס אפרע, מיט קריספּינילאָן, דורך וועלכער ער האָט געוואָלט צוקומען צו פּאָפּעאַ, מיט טערפּנאָס און מיט דיאָדאָרן, מיטן שיינעם פּיטאַגאָראַסן און לסוף מיט אַליטורן און מיט פּאַריסן, וועמען דער צעזאַר פלעגט געוויינלעך קיינמאָל גאָרנישט אָפּזאָגן. מיט דער הילף פון כריזאָטעמיס, וועלכע איז איצט געווען די געליבטע פון וואַטיניוסן האָט ער זיך באַמיט צו באַקומען אַפילו זיין הילף, נישט זשאַלעוועדיק

אים און אויך די איבריקע קיין הבטחות און קיין געלט.

אָבער די אַלע אָנשטרענגונגען זענען געווען אומזיסט, סענעקאַ, נישט זיכער מיט זיין מאָרגן, האָט אים גענומען דערקלערן, אַז די קריסטן, אויב זיי האָבן אַפילו באמת נישט אונטערגעצונדן רוים, דאַרפן אויך פאַרטיליקט ווערן צוליב דער טובה פון דער שטאָט. ד. ה. ער האָט באַרעכטיקט די קומענדיקע שחיטות מיט דער מלוכה־נויטיקייט. טערפּנאָס און דיאָדאָר האָבן גענומען געלט און האָבן דערפאַר גאָרנישט געטאָן. וואַטיניוס האָט איבערגעגעבן דעם צעזאַר, אַז מ׳וויל אים איבערקויפן. בלויז איין אליטורוס, וועלכער האָט זיך לכתחילה פאַרהאַלטן פריינטלעך צו די קריסטן, און האָט זיי איצט באַדויערט, האָט זיך איינגעשטעלט צו דערמאָנען דעם צעזאַר וועגן דעם געפאַנגענעם מיידל און געבעטן פאַר איר, אָבער ער האָט גאָרנישט אויסגעפועלט אויסער אַן ענטפער:

— צי מיינסטו, אַז איך האָב אַ קלענערן גייסט פון ברוטוסן, וועלכער האָט לטובת רוים נישט געשוינט זיינע אייגענע זין?

און בעת ער האָט דידאָזיקע תשובה איבערגעגעבן פּעטראָניוסן האָט דער לעצטער געזאָגט:

— קוים האָט ער שוין געפונען אַ משל מיט ברוטוסן, איז שוין קיין שום רעטונג נישטאָ.

עס איז אים אָבער אַ רחמנות געווען אויף וויניציוסן און עס האָט אים אַ מורא דורכגענומען צי ער וועט זיך נישט אַמאָל אַליין דאָס לעבן נעמען. „איצט — האָט ער געטראַכט — האַלטן אים נאָך אויף די פּלענער, וועלכע ער מאַכט זי צו ראַטעווען, די זעונגען מיט איר און די צרות גופא. אָבער ווען אַלע מיטלען וועלן זיך ענדיקן מיט אַן אַדורכפאַל און דער לעצטער פונק האָפנונג וועט פאַרלאָשן ווערן, ביי קאַסטאָר! ער וועט זי נישט איבערלעבן און ער וועט זיך וואַרפן אויף זיין שווערד". פּעטראָניוס פון זיין זייט האָט גיכער תופס געווען, מ׳זאָל קענען אַזוי ענדיקן, ווי מ׳זאָל קענען אַזוי ליב האָבן און אַזוי ליידן. דערווייל האָט וויניציוס

געטאָן אַלץ, וואָס זיין קאָפּ האָט נאָר געקענט אויסטראַכטן אום צו ראַטעווען ליגיען. ער איז אַרומגעלאָפן צו אַלע אויגוסטער און אַליין פריער אַזאַ שטאָלצער האָט ער איצט געבעטלט זייער הילף. דורך וויטעליוסן האָט ער טיגעלינוס פאָרגעשלאָגן במתנה זיינע סיציליער גיטער און אַלץ וואָס ער פאַרלאַנגט נאָר. טיגעלינוס אָבער, נישט וועלנדיק אפּנים איינרייסן מיט דער אויגוסטין, האָט אָפּגעזאָגט. גיין צום צעזאַר, פאַלן אים צו די פיס און בעטן רחמים וואָלט געווען אומזיסט. וויניציוס האָט שוין אַפילו אויך דאָס געוואָלט טאָן, אָבער פעטראָניוס, הערנדיק וועגן דעם, האָט אים גע-פרעגט:

— און אויב ער וועט דיר אָפּזאָגן, אויב ער וועט דיר ענטפערן מיט שפּאָט אָדער מיט אַן אומפאַרשעמטע דראָונג, וואָס וועסטו דעמאָלט טאָן?

דערויף האָט זיך וויניציוס'פּנים צונויפגעצויגן פון יסורים און פון כעס און פון די צוזאַמענגעדריקטע ציין האָט זיך געהערט אַ קריץ.

— יאָ, האָט פעטראָניוס געזאָגט — מחמת דעם עצה איך דיר דאָס נישט. דו וועסט נאָך דערמיט אָפּהאַקן אַלע וועגן צו דער רעטונג!

וויניציוס אָבער האָט זיך געצוימט, און איבערפינדיק מיט דער האַנט איבער זיין מיט קאַלטן שוויס באַדעקטן שטערן, האָט ער געזאָגט:

— ניין! ניין! איך בין אַ קריסט!...

— דו וועסט אָבער פאַרגעסן אָן דעם, ווי דו האָסט מיט אַ מינוט פריער פאַרגעסן. דו האָסט אַ רעכט אומצוברענגען דיך זעלבסט, אָבער נישט זי. געדענק וואָס סעיאַנס טאָכטער איז דורכגעגאַנגען פאַרן טויט.

ער איז נישט גאַנץ אויפריכטיק געווען מיט דידאָזיקע רייד, וואָרים אים איז מער אָנגעגאַנגען וויניציוס ווי ליגיע. ער האָט אָבער געוווסט, אַז ער וועט אים מיט גאָרנישט קענען אָפּהאַלטן פון אַזאַ געפערלעכן טריט ווי מיט דעם, וואָס ער

וועט אים דערמאָגען, אַז ער קען ברענגען אַן אומפאַרמייד־לעכן טויט אויף ליגיען. איבריקנס האָט ער אויך געהאַט רעכט, דען אויפן פּאַלאַטין האָט מען פּאָרויסגעזען דאָס באַ־ווייזן זיך פון דעם יונגן טריבון און מ׳האָט טאַקע אָנגענומען געהעריקע פאַרהיטונגס־מיטלען.

די יסורים פון וויניציוסן זענען אָבער איבערגעאַנגען אַלע מענטשלעכע כּוחות. פון דער מינוט אָן, וואָס ליגיע איז געפאַנגען געוואָרן און עס איז אויף איר געפאַלן דער אָפּשיין פון קומענדיקער מערטירעריי, האָט ער זי נישט נאָר הונדערט מאָל מער ליב געקריגן, נאָר ער האָט פּשוט אָנגעהויבן פילן צו איר אַ מין רעליגיעזע פאַרהערלעכונג, ווי צו אַן איבער־ערדיש געשטאַלט. און איצט ביים געדאַנק, אַז ער וועט מוזן אָט דאָסדאָזיקע געליבטע און אין דערזעלבער צייט הייליק נפש, און אַז אַ חוץ דעם טויט זענען איר נאָך אפשר באַשערט ענוים פיל ערגערע ווי דער טויט איז אים דאָס בלוט פאַר־גליווערט געוואָרן אין די אָדערן. זיין נשמה איז געווען איין קרעכץ און די חושים האָבן זיך אים צעמישט. מינוטנווייז האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אונטער זיין שאַרבן ברענט אַ פייער, וועלכעס וועט אים צעזעצן אָדער פאַרברענען. ער האָט אויפ־געהערט צו פאַרשטיין פאַרוואָס קריסטוס, דער באַרמהאַרציקער! דער גאָט! קומט נישט צוהילף זיינע גלויביקע, פאַרוואָס די פאַרויכערטע מויערן פון פּאַלאַטין ווערן נישט איינגעזונקן און צוזאַמען מיט זיי נירון, די אויגוסטער, די פּרעטאָריער און דידאָזיקע גאַנצע שטאָט פון רציחה. ער האָט געטראַכט, אַז עס קען נישט און עס טאָר נישט זיין אַנדערש, און אַז דאָס אַלץ אויף וואָס זיינע אויגן קוקן, פון וואָס די נשמה רייסט זיך און ס׳האַרץ יאָמערט איז נאָר אַ חלום. אָבער דאָס גע־בריל פון די חיות האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז אַ וואָרהייט. דער הילך פון די העק פון אונטער וועלכע עס זענען גע־וואַקסן די אַרענעס האָט אים דערמאָנט, אַז דאָס איז אַן אמת און באַשטעטיקט האָט עס דער געפּילדער פון המון און די איבערגעפּולטע תּפיסות. דעמאָלט האָט זיך דער גלויבן אין

קריסטוסן אין אים דערשראָקן און דידאַזיקע שרעק איז געווען אַ קוואַל פון נייע יסורים, נאָך אפשר שרעקלעכערע פון אַלע אַנדערע:

און פעטראָניוס האָט צו אים געטענהט:

— געדענק וואָס די טאָכטער פון סעיאַן האָט איבערגע־ לימן פאַר איר טויט

LIII.

און ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. ווינִיציוס האָט זיך אַזוי ווייט דערנידריקט, אַז ער האָט געזוכט שטיצע ביי די באַפרייטע און ביי די שקלאַפן פון פּאָפּעאַ און פון צעזאַר, האָט באַשיט מיט גאָלד זייערע פאַלשע הבטחות, האָט מיט רייכע מתנות זיך באַמיט ביי זיי חן צו געפינען. ער האָט אָפּגעזוכט דעם ערשטן מאַן פון דער אויגוסטין, רופיוס קריספּינוסן און האָט ביי אים אַרויסבאַקומען אַ בריוו; ער האָט איר זון פון ערשטן מאַן רופיוסן אַוועקגעשענקט אַ ווילע אין מצרים. אָבער ער האָט דערמיט נאָך דערצאָרנט צעזאַרן, וועלכער האָט פיינט געהאַט דעם שטיפזון. דורך אַ ספּעציעלן שליח האָט ער אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו פּאָפּעאַס צווייטן מאַן אָטאָן אין שפּאַניע, האָט אים פאָרגעשלאָגן זיין גאַנץ פאַרמעגן און זיך אַליין אויך, ביז ער האָט לסוף איינגעזען, אַז ער איז נאָר געווען אַ שפּילכל ביי מענטשן און, אַז ווען ער וואָלט זיך געמאַכט, אַז ליגיעס

געפּאַנגשאַפּט אַרט אים נישט וואָלט ער זי אפשר גיכער באַפרייט.

דאָסזעלבע האָט אויך פּעטראָניוס דערזען. דערווייל איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג. די אַמפיטעאַטרען זענען פאַרטיק געוואָרן. מ׳האָט שוין צעטיילט „טעססערן״, דאָס הייסט איינגאַנגסצייכנס אויף דעם „לודוס מאַטוטינוס״. אָבער דאָסמאָל האָבן די „מאָרגן-פאָרשטעלונגען״ מחמת דער גרויסער צאָל קרבנות געזאָלט זיך פאַרציען אויף טעג, אויף וואָכן גאַנצע, אויף חדשים. מ׳האָט שוין נישט געוווסט ווו אַהינצוטאָן די קריסטן. די תּפיסות זענען געווען געפּאַקט און עס האָט אין זיי געבושעוועט דאָס פיבער. די „פּוטיקול״, דאָס הייסט די בשותּפותדיקע גריבער אין וועלכע מ׳פלעגט באַגראָבן די שקלאַפן זענען איבערפולט געוואָרן. מ׳האָט מורא געקריגן, אַז די קראַנקהייטן זאָלן זיך נישט פאַרשפּרייטן איבער דער שטאָט. מ׳האָט דעריבער באַשלאָסן זיך צוצואיילן.

און די אַלע ידיעות האָבן דערגרייכט צו וויניציוסעס אויערן, לעשנדיק אין אים די לעצטע שטראַלן פון האָפנונג. כּל זמן עס איז נאָך געווען צייט האָט ער זיך נאָך געקענט איינרעדן, אַז ער וועט דאָך נאָך עפּעס אויפטאָן, איצט אָבער איז שוין כמעט קיין צייט אויך נישט פאַרבליבן. די פאָרשטעלונגען האָבן זיך שוין געזאָלט אָנהייבן. ליגיע האָט יעדן טאָג זיך געקענט געפינען אין „קוניקולום״ פון צירק, פונוואַנען דער ארויסגאַנג האָט שוין געפירט גלייך אויף דער אַרענע. וויניציוס, נישט וויסנדיק וווהין דער גורל און די מאַכט פון רשעות וועט זי פאַרוואַרפן, האָט ער אָנגעהויבן באַזוכן אַלע צירקן, איבערקויפן די וועכטער און די „בעסטיאַרן״, שטעלנדיק זיי פאָדערונגען, וועלכע זיי זענען נישט אומשטאַנד געווען צו דערפילן. אָפט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער באַמיט זיך אייגנטלעך נאָר וועגן דעם צו פאַרגרינגערן איר דעם טויט און דעמאָלט פלעגט ער פילן, אַז אָנשטאָט געהירן האָט ער גאָר צעגליטע קוילן אונטער זיין שאַרבן.

ער האָט איבעריקנס נישט געטראַכט זי איבערצוּלעבן און ער האָט באַשלאָסן אומצוקומען מיט איר אינאיינעם. נישט מער אים האָט זיך געדוכט, אַז די ליידן וועלן פאַרצערן דאָס לעבן אין אים נאָך איידער דער שרעקלעכער טערמין וועט זיך אָנרוקן. זיינע פריינט און פּעטראָניוס האָבן אויך גערעכנט, אַז אָט אָט מיט יעדן טאָג וועט זיך עפענען פאַר אים די מלוכה פון שאָטנס. דאָס געזיכט פון וויניציוסן איז געוואָרן שוואַרץ און ענלעך צו יענע וואַקסענע מאַסקעס פון די „לאַרומס". אין זיינע פּנים-שטריכן איז פאַרגליווערט געוועןן דער אויסדרוק פון פאַרוואונדערונג, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס איז אַזוינס געשען און וואָס עס וועט ווייטער זיין. בעת עס האָט ווער צו אים גערעדט, האָט ער מעכאַניש אויפגעהויבן די הענט צום קאָפּ און דריקנדיק זיך מיט די הענט ביי די שלייפן, האָט ער אויף דעם רעדנדיקן געקוקט מיט אַ דערשראָקענעם און פרעגנדיקן בליק. די נעכט פלעגט ער פאַרברענגען צוזאמען מיט אורסוסן הינטער ליגיעס טיר פון תּפיסה און אַז זי האָט אים געהייסן גיין אָפּרוען זיך, איז ער אַוועק צו פּעטראָניוסן און האָט זיך ביז אין טאָג אַריין אַרומגעדרייט איבערן אַטריום. די שקלאַפן פלעגן אים אויך אָפט געפינען קניענדיק מיט אויפגעהויבענע הענט אָדער ליגנדיק מיטן פּנים צו דער ערד. ער האָט מתפּלל געווען צו קריסטוסן, דען דאָס איז געווען די לעצטע האָפנונג זיינע. אַלע פלענער זענען דורכגעפאַלן. ליגיע האָט נאָר געקענט געראַטעוועט ווערן דורך אַ נס, וויניציוס האָט דעריבער געקלאַפּט מיט זיין שטערן אָן די שטיינערנע פליטעס און געבעטן אַ נס.

ער האָט נאָך אָבער געהאַט אַזוי פיל באַוווסטזיין, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, דאָס פּעטרוס' תּפילה האָט מער באַדייטונג ווי זיינע. פּעטרוס האָט אים מבטיח געווען ליגיע, פּעטרוס האָט אים טובל געווען, פּעטרוס האָט באַוויזן נסים, זאָל ער אים איצט ראַטעווען און העלפן.

און איינמאָל ביינאַכט איז ער אַוועק אים זוכן. די קריסטן פון וועלכע עס איז שוין נישט פיל פאַרבליבן האָבן אים איצט

שטאַרק אויסבאַהאַלטן אפילו איינער פאַרן אַנדערן, כדי אַ שוואַכמוטיקער זאָל אַמאָל נישט בשוגג אָדער במזיד אים אויס־געבן. בעתן אַלגעמיינעם פּאָגראָם און צעמישונג פאַרנומען איבערן קאָפּ מיט זיינע אָנשטרענגונגען אַרויסצובאַקומען ליגיע האָט וויניציוס פאַרלוירן דעם אַפּאָסטאָל פון די אויגן, אַזוי, אַז פון זיין טויף אָן האָט ער אים קוים איינמאָל געזען, נאָך פאַר די רדיפות. אָבער אַריינקומענדיק צו יענעם פּאָססאָר ביי ווענען אין געצעלט ער איז געטויפט געוואָרן האָט ער זיך פון אים דערוווסט, אַז אין ווינקעלע הינטער פּאָרט סאַלאַריאַ, וועלכער געהערט צו קאָרנעליוס פּודענס וועט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג פון קריסטן. דער פּאָססאָר האָט זיך אונטערגענומען אים אַהינ־צופירן, פאַרזיכערנדיק אים, אַז ער וועט דאָרט טרעפן פּעטרוסן. און טאַקע אָוונט צייט האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין און אַרויסבאַקומענדיק זיך אויף יענער זייט שטאָט־מויערן זענען זיי, גייענדיק צווישן ווילד פאַרוואַקסענע טאָלן, צוגעקומען צו דעם ווינקעלער, וואָס האָט זיך געפונען פאַרווילדט און אָן אַ זייט פאַרבאָרגן. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ קאַמער, אין וועלכער מ׳פלעגט קוועטשן דעם וויין. ביים אָנקומען איז צו וויניציוסעס אויער דערגאַנגען דאָס געשושקעריי פון תפילות און אַריינקומענדיק האָט ער ביים צאַנקנדיקן שיין פון די לאָמ־טערנדלעך דערזען טלעכע צענדליק קניִענדיקע געשטאַלטן פאַרטיפטע אין געבעט. זיי האָבן געשעפטשעט אַ מין ליטאַניע און אַ כאָר פון שטימען, מענערישע און ווייבערישע, האָבן יעדע מינוט אַ רוף געטאָן: „קריסטוס דערבאַרעם זיך״. אַ האַרצרייסנ־דיקער טרויער און ווייטאָק האָט געציטערט אין די דאָזיקע שטימען.

פּעטרוס איז געווען דערביי. ער האָט פאָרויס געקניט פאַר אַ הילצערנעם צלם, וועלכער איז געווען צוגעשלאָגן צו דער וואַנט פון דער קאַמער, און האָט מתפּלל געווען. וויניציוס האָט פונדעסטוועגן דערקענט זיינע ווייסע האָר און אויפגעהויבענע הענט. די ערשטע מחשבה פון יונגן פּאַטריציער איז געווען דורכצוגיין דעם עולם, וואַרפן זיך צו די פיס פון אַפּאָ־

סטאָל און שרייען „ראַטעווע!" אָבער צי די פייערלעכקייט פון דער תפילה, צי זיין אייגענע שוואַכקייט האָט אים אונטערגעבויגן די קניען און אַנידערקניענדיק ביים איינגאַנג, האָט ער זיפצנדיק געגומען מורמלען מיט פאַרבראָכענע הענט. „קריסטוס דערבאַרעם זיך!" ווען ער וואָלט געווען ביי די געדאַנקען וואָלט ער פאַרשטאַנען, אַז נישט נאָר אין זיין געבעט זענען געווען זיפצן און אַז נישט נאָר ער אַליין האָט דאָ אַהערגעבראַכט זיין וויי, זיין פיין און זיין אומרו. אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז נישט געווען קיין איין נפש, וועלכער האָט נישט פאַרלוירן זיינע טייערסטע און בעת די איבערגעגעבנסטע, די מוטיקסטע פון די געליבטע זענען שוין געווען געפאַנגען, בעת יעדע מינוט האָבן זיך פאַרשפּרייט נייע ידיעות וועגן די דערנידערונגען און יסורים, וואָס מען טוט זיי אָן אין די תפיסות, בעת די גרויס פון אומגליק איז איבערגעוואַקסן יעדע דערוואַרטונג, בעת עס איז איבערגעבליבן בלויז נאָר דאָסדאָזיקע קליינע הייפעלע, איז צווישן זיי נישט געווען איין הארץ אַפילו, וועלכעס האָט זיך נישט אַ וואַקל געטאָן אין גלויבן און האָט נישט אין ספקות געפרעגט: ווו איז קריסטוס? און פאַרוואָס דערלאָזט ער, אַז דאָס שלעכטס זאָל זיין מעכטיקער ווי גאָט?

לעת עתה אָבער האָבן זיי אין פאַרצווייפלונג געבעטן אים רחמים, וואָרים אין יעדנס האַרץ האָט דאָך געטליעט אַ פונק פון האָפנונג, אַז ער וועט קומען, וועט אָפּווישן דאָס שלעכטס, וועט אַריינשטויסן נירון אין תהום און וועט הערשן איבער דער וועלט... נאָך האָבן זיי געבליקט צום הימל, נאָך האָבן זיי זיך איינגעהערט, נאָך האָבן זיי מיט התלהבות מתפלל געווען. און אויך וויניציוס, וואָס ווייטער ער האָט געשעפּטשעט „קריסטוס דערבאַרעם זיך!" האָט אים אַרומגענומען אַלץ מער אַ באַגייסטערונג ווי אַמאָל ביים פּאָססאָר אין געצעלט. אָט רופט מען צו אים פון טיפן פיין, פון תהום, אָט אָ רופט צו אים פעטרוס, וועט דער הימל מסתמא אָט אָ יעדן אויגנבליק זיך שפּאַלטן, די ערד וועט אויפציטערן ביז די גרונטן און ער

וועט אַראָפּנידערן אין געוואַלטיקער שיין, שטערן אונטער זיינע טריט, אַ בעל רחמים אָבער אויך אַ שרעקלעכער. ער וועט דערהייבן זיינע גלייביקע און וועט באַפעלן די תהומען איינ־צושלינגען די פאַרפאָלגער.

וויניציוס האָט פאַרדעקט זיין פּנים מיט די הענט און איז צוגעפאַלן צו דער ערד מיטאַמאָל האָט אים אַרומגענו־מען אַ שטילקייט, ווי די ג"רא וואָלט פאַרשטיקט דאָס געבעט אין די מיילער ביי אַלע אַרומיקע. און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז עס מוז עפּעס דורכויס געשען, אַז עס איז געקומען די רגע פון נס. ער איז געווען זיכער, אַז ווען ער וועט אויפשטיין און עפענען די אויגן, וועט ער דערזען אַ ליכט פון וועלכן די אויגן פון שטערבלעכע וועלן פאַר־בלענדט ווערן און ער וועט דערהערן אַ שטים פון וועלכער ס'האַרץ וועט צעגאַנגען ווערן,

אָבער די שטילקייט האָט כסדר געדויערט. ביז זי איז, לסוף, איבערגעריסן געוואָרן דורך א זיפץ פון אַ פרוי.

וויניציוס איז אויפגעשטאַנען און האָט מיט אַ שטאַרן בליק גענומען זיך אַרומקוקן.

אין דער קאַמער האָבן, אַנשטאָט די איבערערדישע שיי־נען, געבלישטשעט די נישטיקע פלעמלעך פון די לאַמטערנס און די לבנה־שטראַלן האָבן זי אָנגעפילט, דורך דער עפענונג פון דאַך, מיט אַ זילבער־שיין. די מענטשן, וועלכע האָבן געקניט נעבן וויניציוסן, האָבן אין שטילשווייגן אויפגעהויבן זייערע, מיט טרערן פולע אויגן צום צלם, דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט פאַרשטיקטע געוויינען און פונדרויסן האָט זיך קוים געהערט דאָס פאָרזיכטיקע פייפן פון די מענטשן אויף דער וואַך. אינדעם איז פעטרוס אויפגעשטאַנען און ווענדנדיק זיך צו די פאַר־זאַמלטע, האָט ער געזאָגט:

— קינדער, טראָגט אונטער אייערע הערצער דעם רע־טער אונזערן און שענקט אים די טרערן אייערע.

און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

פלוצלונג האָט זיך צווישן די פאַרזאַמלטע אָפּגערופן אַ

פרויענשטים, פול מיט שמערצלעכן קלאָגן זיך און פיין אָן אַ גרענעץ:

— איך בין אַן אלמנה. איין זון האָב איך געהאַט, וועלכער האָט מיך געשפּייזט. גיב מיר אים צוריק, האר!

עס איז ווידער אַ ווייל שטיל געוואָרן. פּעטרוס איז געשטאַנען פאר דער קניענדיקער גרופּע מענטשן אָן אַלטער, אַ פאַרדאגהטער און ער האָט אין דער מינוט ביי זיי אין די אויגן אויסגעזען ווי די געשטאַלטונג פון צעבראָכנקייט און שוואַכקייט.

אינדעם האָט אַ צווייטע שטים זיך גענומען קלאָגן:

— די תּלינים האָבן געשענדט די טעכטער מיינע און קריסטוס האָט דאָס צוגעלאָזט!

דערנאָך אַ דריטע:

— כ'בין געבליבן אַליין מיט מיינע קינדער און ווען מען וועט מיך אויך צונעמען ווער וועט זיי געבן ברויט און וואַסער?

דערנאָך אַ פערטער:

— לינוסן, וועלכן זיי האָבן פריער געלאָזט צורו האָבן זיי איצט צוריקגענומען אויף ענוים, האר!

דערנאָך אַ פינפטער:

— בעת מיר וועלן זיך איצט אומקערן אַ היים, וועלן אונז די פּרעטאָריער פאַנגען, ווו זאָלן מיר זיך אויסבאהאַלטן?

— ווי צו אונז! ווער וועט אונז באשירמען?

און אַזוי האָט אין דער שטילקייט פון דער נאכט געקלונגען אַ קלאָג נאָך אַ קלאָג. דער אַלטער פישער האָט צוגעמאַכט די אויגן און געטרייסלט מיט זיין ווייסן קאָפּ איבער אָט דעם מענטשלעכן וויי און אומרו. עס איז ווידער שטיל געוואָרן, נאָר וואָס די וואַך אינדרויסן האָט שטיל געפייפט פון צייט צו צייט.

וויניציוס האָט זיך ווידער אַ ריס געטאָן, כדי אַדורך דורך דער מאַסע צום אפּאָסטאָל און פאָדערן פון אים רעטונג, אָבער פּלוצלונג האָט ער דערזען פאר זיך ווי אַ תּהום, וואָס האָט

אים ווי אונטערגעהאקט די פיס. און וואָס וועט זיין אויב דער אַפּאָסטאָל וועט מודה זיין אויף זיין שוואַכקייט, אויב ער וועט גאָ־שטעטיקן, אַז דער רוימישער צעזאַר איז מעכטיקער ווי קריס־טוס פון נצרת? ביי דער מחשבה האָט אים די שרעק די האָר אויפן קאָפּ קאַפּויר געהויבן, וואָרים ער האָט דערפילט, אַז דעמאָלט וועט פאַרפאַלן ווערן אין תהום אַריין נישט נאָר זיין לעצט ביסל האָפנונג נאָר ער אויך, ער אַליין און ליגיע אין זיין ליבע צו קריסטוסן און זיין לעבן און אַלץ מיט וואָס ער האָט געלעבט און עס וועט בלייבן נאָר דער טויט און די נאַכט ווי דער אָן ברעגיקער ים.

דערווייל האָט פּעטרוס גענומען ריידן מיט אַזאַ שטיל־צער שטים, אַז מ׳האָט אים קוים געקענט דערהערן:

— קינדער מיינע! אויף דער גלגלתא האָב איך געזען ווי מ׳האָט גאָט צוגעשלאָגן צום צלם. איך האָב געהערט די האַמערס און איך האָב געזען ווי מ׳האָט הויך אויפגעהויבן דעם צלם, כדי דער עולם זאָל זען דעם טויט פון מענטשן־קינד...

. . . . : : : . . . .

...און כ׳האָב געזען ווי מ׳האָט אים ס׳הארץ געלעכערט און ווי ער איז געשטאָרבן. און דעמאָלט, אומקערנדיק זיך פון צלם האָב איך אין ווייטאָק געררופן, ווי איר רופט איצט: „ווי! ווי! האַר! דו ביסט גאָט! פאַרוואָס האָסטו דאָס דערלאָזט, פאַרוואָס ביסטו געשטאָרבן און פאַרוואָס האָסטו פאַראומערט די הערצער אונזערע, וואָס מיר האָבן געגלייבט, אַז עס וועט קומען דאָס מלכות דיינס?..

... און ער, דער האַר אונזערער און גאָט אונזערער, איז דעם דריטן טאָג אויפגעשטאַנען תחית המתים און ער איז גע־ווען צווישן אונז, ביז ער איז אין אַ גרויס ליכטיקייט אַרויף אין קעניגרייך זיינעם...

און מיר, זעענדיק אונזער קנאַפּן גלויבן, האָבן מיר זיך

געשטאַרקט אין אונזערע הערצער און ביז היינטיקן טאָג זייען מיר די קערנער זיינע...

. . . .

דאָ האָט ער, ווענדנדיק זיך צו דער זייט פונוואַנען עס איז געקומען די ערשטע תרעומות, גענומען רעדן שוין מיט אַ שטאַרקערע שטים:

— וואָס ביסטו מתרעם?... גאָט אַליין האָט זיך אי־בערגעגעבן צו ענוים און צום טויט און איר ווילט, אַז ער זאָל אייך דערפון מציל זיין? ווייניק גלייביקע מענטשן! האָט איר דען פאַרשטאַנען זיין לערע, האָט ער אייך דען בלויז דאָס איינע לעבן צוגעזאָגט? אָט קומט ער צו אייך און ער זאָגט אייך: „קומט מיר נאָך", אָט דערהייבט ער אייך צו זיך און איר קלאַמערט זיך מיט די הענט אָן דער ערד און שרייט: „האַר, ראַטעווע!" איך, שטויב פאַר גאָט, אָבער שלוח פון גאָט און פירער אין זיין נאָמען, זאָג אייך אין נאָמען פון קריסטוס: נישט טויט איז פאַר אייך, נאָר לעבן, נישט ענוים, נאָר פרייד אָן מאָס, נישט טרערן און קרעכצן, נאָר געזאַנג, נישט שקלאַפעריי, נאָר מלכות! איך, שלוח פון גאָט זאָג דיר, אַלמנה: דער זון דיינער וועט נישט שטאַרבן, נאָר ער וועט ווידערגעבוירן ווערן אין לויב צו אַן אייביק לעבן און דו וועסט זיך פאַראייניקן מיט אים! דיר, פאָטער, וועמען די רוצחים האָבן פאַרפאָלגט די אומשולדיקע טעכטער, בין איך מבטיח, אַז דו וועסט זי צוריק געפינען ווייסער ווי די ליליע פון חברון! אייך מוטערס, וועלכע מ׳וועט אָפרייסן פון די יתומים, אייך, וועלכע וועלן פאַרלירן די פאָטערס, אייך, וועלכע זענט מתרעם, אייך, וועלכע וועלן צוזען דעם טויט פון די גע־ליבסטע אייערע, אייך, פאַרזאָרגטע, אומגליקלעכע, צעשראָקענע און אייך וועלכע דאַרפן אומקומען פאַרן נאָמען פון קריסטוס, זאָג איך, אַז איר וועט זיך אויפכאַפּן ווי פון שלאָף צו אַ גליקלעכע וואָר און ווי פון נאַכט צו גאָטס ליכט. אין נאָמען

פון קריסטוס זאָל אַראָפּפאַלן דאָס הייטל פון אייערע אויגן און לאָזן זיך צעפלאַקערן די הערצער!

דאָס זאָגנדיק האָט ער אויפגעהויבן די הענט, ווי ער וואָלט באַפוילן, און זיי האָבן דערפילט ניי בלוט אין די אָדערן און גלייכצייטיק אַ ציטער אין די ביינער, וואָרים עס איז איצט פאַר זיי שוין נישט געשטאַנען דער אַלטינקער, צעבראָכענער, זקן, נאָר אַ גבור, וועלכער האָט אָנגעגריפן זייערע נשמות און זיי קאַפּוירגעהויבן פון שטויב און שרעק.

— אָמן! — האָבן עטלעכע שטימען אויסגערופן.

און אים האָט פון די אויגן געשלאָגן אַן אַלץ גרעסערע שיין און עס האָט געאָטעמט פון אים מיט קראַפט, מיט מאַיעסטעט, מיט קדושה. קעפּ האָבן זיך פאַר אים געבויגן און ער, ווען דער „אָמן" איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ווייטער גערעדט:

— זייט אין טרערן, כדי צו שניידן אין פרייד. פאַר וואָס שרעקט איר זיך פאַר דער קראַפט פון בייז? איבער דער ערד, איבער רוים, איבער די מויערן פון שטאָט איז דאָ דער האַר, וועלכער רוט אין אייך. די שטיינער וועלן וויין ווערן פון טרערן, דאָס זאַמד וועט דורכגעזאַפּט ווערן פון בלוט, די גריבער וועלן פול זיין מיט אייערע גופים און איך זאָג אייך: איר וועט מנצח זיין! דער האַר איז אַרויס איינצונעמען די דאָזיקע שטאָט פון רויב, רציחה און גאווה און איר זענט זיינע חילות! און אַזוי ווי ער אַליין האָט מיט ענוים און מיט בלוט מכפּר געווען די זינד פון דער וועלט, אַזוי וויל ער אַז אויך איר זאָלט מיט אייערע ענוים און בלוט מכפּר זיין אויף דעמדאָזיקן נעסט פון פאַרברעכן!... דאָס זאָגט ער אייך אָן דורך די לעפּצן מיינע!

און ער האָט פונאַנדערגעשפּרייט די הענט און די אויגן זיינע געווענדעט אין דערהויך. און אין זיי האָבן די הערצער אויפגעהערט צו קלאַפּן, וואָרים זיי האָבן דערפילט, אַז זיין בליק זעט עפּעס אַזוינס, וואָס זייערע שטערבלעכע אַפּלען קענען נישט דערזען.

און באמת האָט זיך זיין פנים געענדערט און באַשטראַלט געוואָרן מיט אַ ליכטיקייט און ער איז אַ צייט אַזוי אין שטיל־שווייגן געשטאַנען פאַרקוקט ערגעץ ווו אינדערהויך, ווי אין שטומער אַנטציקונג. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט מען דער־הערט זיין שטים:

— ביסט דאָ, האַר, און דו ווייזט מיר די וועגן דיינע!... פאַרוואָס דען, אָ, קריסטוס!... נישט אין ירושלים נאָר אין דער דאָזיקער שטאָט פון שטן ווילסטו גרינדן דיין רעזידענץ? דאָ, פון די דאָזיקע טרערן און פון דעם בלוט ווילסטו בויען דאָס הייליקע הויז דיינס? דאָ, ווו היינט הערשט נירון, זאָל שטיין דיין אייביק קעניגרייך? אָ, האַר, האַר! און דו באַפעלסט די־דאָזיקע צעשראָקענע, אַז זיי זאָלן פון זייערע ביינער בויען דעם פונדאַמענט אונטער דעם ציון פון דער וועלט און מיין גייסט באַפעלסטו איבערצונעמען די הערשאַפט איבער זיי און איבער דו פעלקער פון דער וועלט?... און אָט גיסטו אויס אַ קוואַל פון קראַפט אויף די שוואכע, אום זיי זאָלן געשטאַרקט ווערן און דו באַפעלסט מיר פונדאַנען אויס צו פיטערן די שעפעלעך דיינע ביזן סיף כל הדורות... אָ, זיי געלויבט אין משפט דיינעם, וואָס הייסט מנצח זיין, הושענא! הושענא!...

די, וועלכע זענען געווען צעשראָקן, זענען אויפגעשטאַנען, אין די, וועלכע זענען געווען אין ספק, איז אַריין שטראָמען נייער גלויבן. טייל האָבן מיטאַמאָל אויסגערופן: „הושענא!" אַנדערע: „פּרא קריסטאָ!" און דערנאָך איז שטיל געוואָרן. העלע בליצן פון דער זומער־נאַכט האָבן באַלויכטן די קאַמער און די בלייכע פנימער פון אינערלעכער געריריטקייט.

פעטרוס, פאַרקוקט אין דער זעונג האָט נאָך לאַנג מתפלל געווען, אָבער לסוף האָט ער זיך אופגעכאַפּט, האָט געווענדט צום עולם זיין באַגייסטערטן, באַשטראַלטן קאָפּ און געזאָגט:

— אָט אַזוי ווי דער האַר האָט באַזיגט דעם ספק אין אייך, אַזוי גייט איר אויך און זיגט אין נאָמען אין זיינעם!

און הגם ער האָט שוין געוואוסט, אַז זיי וועלן זיגן, הגם ער האָט געוואוסט, וואָס עס וועט אַרויסוואַקסן פון זייערע טרערן

און פון זייער בלוט, דאָך האָט זיין קול געציטערט פון אויפ־רעגונג, בעת ער האָט זיי געגומען בענטשן מיטן צלם פאַרן צעגיין זיך און ער האָט געזאָגט:

— און איצט בענטש איך אייך, קינדער מיינע, צו די ענוים, צום טויט, צו דער אייביקייט!

אָבער זיי האָבן אים אַרומגערינגלט און געדופן; „מיר זענען שוין גרייט, אָבער דו היליקער קאָפּ באַהאַלט דיך, וואָרים דו ביסט דער פירער, וואָס פירט אָן מיט דער ממשלה פון קריסטוס!" און אַזוי זאָגנדיק האָבן זיי זיך געקלאַמערט אָן זיין קלייד, אָבער ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף זייערע קעפּ און האָט זיי יעדן באַזונדער געבענטשט, ווי אַ פאָטער זיינע קינדער, וועלכע ער שיקט אַוועק אין אַ וויטן וועג אַריין.

און באַלד האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו צעגיין פון דער קאַמער, דען זיי האָבן זיך געאיילט צו זייערע היימען און פון דאָרט שוין אין די תפיסות און אויף די אַרענעס. זייערע מחשבות האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער ערד, זייערע נשמות האָבן זיך אַ ריס געטאָן צו דער אייביקייט און זיי זענען געגאַנגען ווי אין שלאָף אָדער ווי אין באַגייסטערונג, אַנטקעגנצושטעלן די קראַפט, וועלכע זיי האָבן אין זיך געטראָגן, יענער קראַפט און אכזריות פון דער „בעסטיע".

און דעם אַפּאָסטאָל האָט נעראָס פרייַנד נערעוס דינער געגומען און אַוועקגעפירט מיט אַ פאַרבאָרגן סטעזשקעלע פון גאָרטן צו זיך אין הויז, אָבער אין דער העלער נאַכט איז ויניציוס זיי נאָכגעגאַנגען און ווען זיי זענען לסוף צוגעקומען צום גע־צעלט פון נערעוס האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פיס פון אַפּאָסטאָל.

און ער, דערקענענדיק אים, האָט געפרעגט:

— וואָס פאַרלאַנגסטו, זון?

אָבער ויניציוס, נאָך דעם אַלעם וואָס ער האָט געהערט דאָרטן אין קאַמער, האָט נישט געוואַגט איצט צו בעטן ביי אים, נאָר אַרומנעמענדיק אים ביי די טריט, האָט ער יאָמערנדיק

צוגעדריקט צו זיי זיין שטערן, רופנדיק אזוי שטומערהייט נאָך רחמנות.

און דער אפּאָסטאָל האָט געזאָגט:

— איך ווייס, עס איז געפאַנגען געוואָרן דאָס מיידל וואָס דו האָסט ליב באַקומען. זיי מתפּלל פאַר איר.

— האַר! — האָט וויניציוס ארויסגעזאָגט, אַרומנעמענ־דיק נאָך פעסטער די טריט פון אפּאָסטאָל — האַר! איך בין אַ נישטיקער וואָרם, אָבער דו האָסט געקענט קריסטוסן, דו בעט אים, דו שטעל זיך איין פאַר איר.

און ער האָט געצאַפּלט פון ווייטאָק ווי אַ בלאַט און האָט געקלאַפּט זיין שטערן אָן דער ערד, וואָרים דערקענענדיק די מאַכט פון אפּאָסטאָל האָט ער געוווּסט, אַז נאָר ער איינער קען זי אים אומקערן.

און פּעטרוס איז גערירט געוואָרן פון דעמדאָזיקן שמערץ. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אויך ליגיע, אַנגעשראָקן דורך קריס־טוסן, איז אַמאָל אַזוי געלעגן ביי זיינע פיס און געבעטן רחמנות. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זי אויפגעהויבן און גע־טרייסט, ער האָט דעריבער אויך איצט אויפגעהויבן וויניציוסן.

— זון מיינער — האָט ער געזאָגט — איך וועל תּפילה טאָן פאַר איר, נאָר דו געדענק, וואָס איך האָב געזאָגט צו יענע צווייפלענדיקע: אַז גאָט אַליין האָט איבערגעטראָגן עגוים פון צלם און געדענק, אַז נאָך דעם איצטיקן לעבן, הייבט זיך אָן אַן אַנדערס, אַן אייביקס.

— איך ווייס!... איך האָב געהערט — האָט וויניציוס געענטפערט, ציטערנדיק אָטעם אין זיינע בלייכע ליפּן - אָבער זע, האַר... איך קען נישט! אויב עס איז נויטיק בלוט, בעט, זשע קריסטוסן ער זאָל נעמען מיינס... איך בין אַ סאָלדאַט לאָז ער פאַרטאָפּלען, פאַרדרייפאַכן די יסורים וואָס איך דאַרף איבערנעמען פאַר איר. איך וועל אויסהאַלטן! נאָר זאָל ער זי מציל זיין! זי איז זאָך אַ קינד, האַר! און ער איז דאָך מעכ־טיקער פון צעזאַר, איך גלייב! ער איז מעכטיקער!... דו האָסט

זי אַליין ליב געהאַט. דו האָסט אונז געבענטשט! דאָס איז דאָך נאָך אַן אומשולדיק קינד!...

דאָ האָט ער זיך ווידער אָנגעבויגן און צעלייגנדיק זיין פּנים צו די קני פון פּעטרוס האָט ער גערעדט:

— דו האָסט געקענט קריסטוסן, האר! דו האָסט אים געקענט. ער וועט דיך אויסהערן. נעם זיך אָן פאַר איר!

און פּעטרוס האָט צוגעמאַכט די אויגן און הייס געבעטן.

די זומערנאַכט-בליצן האָבן ווידערגענומען באַלייכטן דעם הימל. וויניציוס האָט אין זייער שיין זיך איינגעקוקט אויפן אַפּאָסטאָלס ליפּן, וואַרטנדיק פון זיי זיין משפּט פון לעבן אָדער טויט. אין דער שטילקייט האָט מען געהערט די פייגעלעך, וואָס האָבן זיך איבערגערופן פון די גערטנער און אַ טויבן ווייטן אָפּקלאַנג פון די ווייַן-טרעטער ביי וויאַ סאַלאַריאַ.

— וויניציוס — האָט דער אַפּאָסטאָל לסוף זיך אָנגערופן — האָסטו אמונה?

— האר, נאָך וואָס דען וואָלט איך דאָ אַהערגעקומען? — האָט וויניציוס געענטפערט.

— גלייב זשע ביז צום סוף, וואָרים גלויבן הויבט בערג אונטער. דעריבער, ווען דו וועסט אפילו זען דאָס מיידל אונטער דער שווערד פון תּלין, אָדער אין פּיסק פון לייבן, זאָלסטו אַלץ נאָך גלייבן, אַז קריסטוס קען זי מציל זיין. גלייב און זיי מתפּלל צו אים און איך וועל צוזאַמען מיט דיר תּפילה טאָן.

דערנאָך האָט ער אויפהייבנדיק זיין פּנים צום הימל הויך געזאָגט:

— קריסטוס באַרמהאַרציק ער, בליק אויף דעמדאָזיקן אָנגע,, ווייטאָקטן האַרץ און טרייסט עס! קריסטוס באַרמהאַרציקער ריכט דיין ווינט אין דער וואָל פון שעפעלע! קריסטוס באַרמהאַרציקער, וואָס דו האָסט געבעטן דעם פאָטער, ער זאָל אָפּ-ווענדן דעם בעכער מיט ביטערניש פון די ליפּן דיינע, ווענד

אים אָפּ אויך פון די ליפּן פון דעמדאָזיקן דינער דיינעם!
אָמן!

און ווינציוס האָט אויסשטרעקנדיק די הענט צו די שטערן אינדערהויך, כליפּנדיק געזאָגט:

— אָ, קריסטוס! איך בין דיינער! נעם מיך אַנשטאָט איר!

אין מזרח האָט דער הימל גענומען זיך בלייכן.

LIV

פון אפּאָסטאָל איז וויניציוס אַוועק צום געפּענגעניש מיט אַ ניי געבוירן האַרץ פון האָפענונג. ערגעץ ווו אין דער טיף־פון נשמה האָט נאָך געיאָמערט די פאַרצווייפלונג און די שרעק, אָבער ער האָט דידאָזיקע שטימען דערשטיקט אין זיך. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אומגלייבלעך, אַז דאָס אייב־שטעלן זיך פון גאָטס פאַרטרעטער און די מאַכט פון זיין תפילה זאָל נישט העלפן. ער האָט מורא געהאַט צו ספקן. „איך וועל גלייבן אין זיין באַרמהאַרציקייט — האָט ער זיך געזאָגט — אַפילו ווען איך זאָל זי זען אין פּיסק פון לייב״. און ביי דעם געדאַנק, הגם עס האָט אין אים געפלאַטערט די נשמה און אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט די שלייפן, האָט ער דאָך געגלייבט. יעדער צוק פון זיין האַרץ איז איצט געווען אַ תפילה. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז גלייבן קען בערג רירן, וואָרים ער האָט אין זיך געפילט עפּעס אַ ווונדערלעכע קראַפט, וואָס ער האָט ביז איצט נישט געפילט. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער וועט איצט קענען באַווייזן אַזעלכע זאַכן, וועלכע ער איז נאָך נעכטן נישט געווען בכוח. אָפט האָט זיך אים געדוכט, אַזוי ווי דאָס שלעכטס וואָלט שוין אַריבער. און ווען די פאַרצווייפלונג פלעגט זיך נאָך אָפּרופן אין אים מיט אַ קרעכץ, האָט ער זיך גלייך דערמאָנט יענע נאַכט און יענץ הייליק און יראת הכבודיק

פנים געווענדט צום הימל אין אַ תּפילה. „ניין! קריסטוס וועט נישט אָפּשטויסן די תּפילה פון זיין ערשטן תּלמיד און פון דעם פּאַסטוך פון זיינע שאָף! קריסטוס וועט אים נישט אָפּזאָגן און איך וועל נישט פאַרצווייפלען!” און ער איז גע־לאָפן צו דער תּפיסה ווי מיט אַ גוטער בשורה.

אָבער דאָ האָט אויף אים געוואַרט אַן אומגעריכטע זאַך.

די פּרעטאָריאַנער וואַכן, וועלכע פלעגן זיך בייטן ביי דער מאַמערטינער תּפיסה, האָבן אים שוין אַלע געקענט און פלעגן געווינלעך אים נישט מאַכן די מינדסטע שוועריקייט ביים אַדורכלאָזן אים. אָבער איצטיקס מאָל האָט זיך די קייט נישט געעפנט פאַר אים און אַנשטאָט דעם איז דער עלטסטער צוגעקומען צו אים און געזאָגט:

— זיי מוחל, גרויסמוטיקער טריבון, מיר האָבן היינט אַ באַפעל קיינעם נישט אַריינצולאָזן.

— אַ באַפעל? — האָט ויניציוס, בלאַס ווערנדיק, איבער־געפרעגט.

דער סאָלדאַט האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט מיט־געפיל און האָט געענטפערט:

— יאָ, האַר, אַ באַפעל פון צעזאַר. אין תּפיסה זענען פאַראַן פיל קראַנקע און מעגלעך, אַז מ'האָט מורא די באַזוכער זאָלן נישט פאַרשלעפּן די שלאַפקייטן איבער דער שטאָט.

— דו האָסט דאָך אָבער געזאָגט, אַז דער באַפעל איז נאָר אויף היינט?

— נאָכמיטאָג בייט זיך די וואַך.

ויניציוס איז שטיל געבליבן און האָט אָפּגעדעקט זיין קאָפּ, וואָרים עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דער „פּילע־אָלוס”, וועלכן ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ איז פון בליי. אינדעם האָט אַ זעלנער גענענט צו אים און שטיל צו אים אַ זאָג געטאָן:

— באַרויק זיך, האַר, די וועכטער און אורסוס וואַכן איבער איר.

און דאָס זאָגנדיק האָט ער זיך אנגעבויגן און אין איין רגע האָט ער מיט זיין גאַלישן וואָפן אויפגעצייכנט אויף דער שטיינערנער פליטע די פאָרם פון אַ פיש.

ויניציוס האָט אויף אים אַ קוק געטאָן.

— און דו ביסט אַ פּרעטאָריער ?...

— ביז איך וועל זיך דאָרט נישט געפינען — האָט דער זעלנער געענטפערט — אָנווייזנדיק אויף דער תּפיסה.

— אויך איך פאַרגעטער קריסטוסן.

— זאָל געלויבט זיין דער נאָמען דיינער; איך ווייס עס, האַר. איך קען דיך נישט אַריינלאָזן אין תּפיסה, נאָר אויב דו וועסט אָנשרייבן אַ בריוו וועל איך אים איבערגעבן די וועכטער.

— אַ דאנק דיר, ברודער !...

און דריקנדיק די האַנט פונם זעלנער איז ער אַוועק. דער „פילעאָלוס" האָט אים שוין מער נישט געדריקט ווי בליי אויפן קאָפּ. די מאָרגנזון האָט זיך אויפגעהויבן איבער די מויערן פון דער תּפיסה און צוזאמען מיט איר ליכטיקייט איז אויך אין ויניציוסעס האַרץ אריין אַ נייער בטחון. דערדאָזיקער זעלנער־קריסט איז פאַר אים געווען ווי אַ נייער באַווייז פון קריסטוסעס מאכט. אין אַ מינוט אַרום האט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווענדנדיק זיין בליק צו די ראָזע וואָלקנדלעך איבערן קאַפּיטאָל און איבער דעם טעמפּל פון סטאַטאָר, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב זי היינט נישט געזען, האַר, אָבער איך גלייב אין דיין רחמים.

אינדערהיים האָט שוין אויף אים געוואַרט פּעטראָניוס, וועלכער האָט, ווי געוויינלעך, „פון נאכט טאָג מאכנדיק" זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט. ער האָט אָבער דאָך שוין געהאַט באַוויזן צו נעמען אַ באָד און אויסצוזאַלבן זיך צום שלאָף.

— איך האָב פאַר דיר אַ נייעס — האָט ער געזאָגט. —

— איך בין היינט געווען ביי טוליוס סענעציאַ, ווו דער צעזאַר איז אויך געווען. כ'ווייס נישט פאַרוואָס דער אויגוסטין

איז עפּעס אײַנגעפּאַלן מיטצונעמען מיט זיך דעם קלײנעם רופיוסן... מעגלעך, כּדי מיט זײַן שײנקײט װײך צו מאַכן דעם צעזאַרס האַרץ. צום אומגליק איז דאָס קינד, פאַרמאַטערט פון שלאָף, אײַנגעשלאָפן בעתן לײענען, װי אַספּאַסיאַנוס בשעתו. און אַ הענאָבאַרבוס דערזעענדיק דאָס האָט אַ שלײדער געטאָן אין אים דעם בעכער און עס שװער פאַרװונדעט. פּאָפּעאַ האָט געחלשט, און אַלע האָבן געהערט װי דער צעזאַר האָט געזאָגט: „כ'האָב שױן גענוג דעמדאָזיקן ממזר!" און דאָס װײסטו דאָך איז אַזױ גוט װי פאַרמשפּט צום טױט!

— אױף דער אױגוסטין איז גאָטס שטראָף געקומען — האָט װיניציוס געזאָגט — אָבער אַנטקעגן װאָס דערצײלסטו מיר דאָס?

— איך זאָג עס אַנטקעגן דעם, אַז אַזױ װי דו און ליגיע זײַט געװרודפט פון פּאָפּעאַס צאָרן, איז איצט, זײַענדיק פאַרנומען מיט איר אײגן אומגליק, װעט זי אפשר פאַרגעסן אָן נקמה און װעט גיכער לאָזן זיך איבערבעטן. איך װעל הײַנט אין אָװנט זיך זען מיט איר און מיט איר רעדן.

— איך דאַנק דיר. זאָגסט מיר אָן אַ גוטע בשורה.

— און דו באָד זיך אױס און גײ שלאָפן. האָסט בלאָע ליפּן און עס איז פון דיר אַ שאָטן געבליבן.

אָבער װיניציוס האָט אים געפרעגט:

— צי האָסטו נישט געהערט װען עס דאַרף פאָרקומען דער ערשטער „לודוס מאַטוטינוס"?

— אין צען טאָג אַרום. אָבער זײ װעלן פריער נעמען אַנדערע תּפיסות. װאָס מער עס װעט אונדז בלײַבן צײַט, אַלץ בעסער פאַר אונדז. עס איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן.

דאָס זאָגנדיק האָט ער אַלײן נישט געגלײבט דערין. װאָרים ער האָט גאַנץ גוט געװוּסט, אַז קױם האָט דער צעזאַר אױף אַליטורוסעס געפֿינענעם געפונען א װױלקלינגנדיקע תּשובה אין װעלכער ער פאַרגלײַכט זיך צו ברוטוסן, איז שױן פאַר ליגיען קײן שום רעטונג נישט פאַראַן. אױס רחמנות האָט ער אױך פאַרשװיגן דאָס, װאָס ער האָט געהערט בײַ סענעצי, אַז דער

צעזאַר און טיגעלין האָבן באַשלאָסן אויסצוקלויבן פאַר זיך און פאַר זייערע פריינט די שענסטע קריסטלעכע מיידלעך און שענדן זיי פאַר די ענוים און די איבריקע זאָלן ווערן אַרויסגעגעבן אין סאַמע טאָג פון די פאָרשטעלונגען צו די קרעטאָריער זעלנער און צו די בעסטיאַרן.

וויסנדיק, אַז וויניציוס וועט בשום אופן נישט וועלן איבערלעבן ליגיען, האָט ער בכיון דערוויילן דערמוטיקט די האָפענונג אין זיין האַרץ, קודם כל מחמת מיטגעפיל צו אים, און צווייטנס, איז דעמדאָזיקן עסטעט געגאַנגען אויך אין דעם, אַז וויניציוס, אויב ער מוז שטאַרבן, זאָל ער שטאַרבן אַ שיינער און נישט מיט אַ פאַרחושכט און אָפּגעצערט פנים פון שמערץ און שלאָפלאָזיקייט.

— איך וועל היינט זאָגן צו דער אויגוסטין — האָט ער געזאָגט — אומגעפער אַזוי: ראַטעווע די ליגיע פאַר וויניציוסן, און איך וועל פאַר דיר ראַטעווען רופיוסן. און איך וועל באמת דאָס אין זינען האָבן. איין וואָרט געזאָגט צו אַהענאָבאַרבוסן אין דער ריכטיקער מינוט, קאָן ראַטעווען אָדער אומברענגען אַ מענטשן. אין ערגסטן פאַל וועלן מיר געווינען צייט.

— איך דאַנק דיר — האָט וויניציוס נאָכאַמאָל געזאָגט.

— אַמבעסטן וועסטו מיר דאַנקען דערמיט, וואָס דו וועסט עפּעס עסן און זיך צולעגן. ביי אַטענע! אָדיסעי האָט אין זיין גרעסטן אומגליק נישט פאַרגעסן צו עסן און צו שלאָפן. האָסט זיכער אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט אין תפיסה.

— ניין — האָט וויניציוס געענטפערט. — איך האָב ערשט איצט געוואָלט גיין אין תפיסה אַריין, אָבער עס איז דאָ אַ באַפעל מ׳זאָל קיינעם נישט אַריינלאָזן. דערוויס דו זיך, פּעטראָניוס, צי דער באַפעל איז נאָר בלויז אויף היינט, צי שוין ביזן טאָג פון די פאָרשטעלונגען.

— היינט ביינאַכט וועל איך זיך אַלץ דערוויסן, און מאָרגן אינדערפרי וועל איך דיר זאָגן, אויף ווי לאַנג און פאַרוואָס דער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. און איצט, ווען העליאָס זאָל פון עגמת נפש זיך אפילו אַראָפּלאָזן אין

דיקימערישע לענדער, גיי איך שלאָפן און דו טו אויך דאָסועלבע.

זיי האָבן זיך צעשיידט. אָבער וויניציוס איז אַרייַן אין ביבליאָטעק און האָט גענומען שרייבן א בריוו צו ליגיען.

ווען ער האָט אים געענדיקט, האָט ער אים אַליין אונטערגעטראָגן און איבערגעגעבן דעם קריסטלעכן עלטסטן, וועלכער איז מיט אים באַלד אַוועק אין תּפיסה און אין אַ מינוט אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ גריס פון ליגיע און מיט אַ צוזאָג, אַז נאָך היינט וועט ער אים ברענגען איר ענטפער.

וויניציוס האָט אָבער נישט געוואָלט אַהיימגיין און אַוועקזעצנדיק זיך אויף אַ שטיין האָט ער געוואַרט אויף ליגיעס בריוו. די זון איז שוין געווען זייער הויך אויפן הימל און דורך קליוווס אַרזשענטאַריוס זענען ווי געוויינלעך אָנגעקומען מאַסן מענטשן אויפן פאָרום. די הענדלער האָבן אויסגערופן זייערע סחורות; טרעפער האָבן פאָרגעלייגט זייער קונסט, בירגער האָבן מיט ערנסטע טריט געשפּאַנט צום ראָסטראָם, צו הערן דאָרט דורכוואַנדערנדיקע רעדנער, אָדער כּדי צו דערציילן זיך די לעצטע נייעסן. וואָס גרעסער די היץ איז געוואָרן, אַלץ גרעסערע מחנות פוילנצער האָבן זיך געפּאַקט אונטער די זיי.ן פון די טעמפּלען פונוואַנען עס זענען יעדע מינוט אַפּערגעפלויגן מיט אַ הילכיקן פליגל-געשאָרך גאַנצע מחנות טויבן, בליצנדיק מיט זייערע ווייסע פעדערן אין זונליכט און הימל בלאָקייט.

פון צופיל ליכט, טומל, היץ און גרויס מידקייט האָבן זיך וויניציוסן די אויגן גענומען קלעפּן. די מאָנאָטאָנע געשרייען פון די ייִנגלעך, וואָס האָבן לעבן אים געשפּילט אין מאָרע און די געמאָסטענע טריט פון די זעלנער האָבן אים פאַרוויגט אין אַ שלאָף. עטלעכע מאָל האָט ער נאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איבערגעפירט די אויגן איבערן געפּענגעניש, דערנאָך האָט ער אים אָנגעשפּאַרט אָן אַ ברעג פעלז, האָט אָפּגעזיפצט ווי אַ קינד, וואָס שלאָפט איין נאָך אַ לאַנג געוויין, און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

און באַלד זענען אים באַפֿאַלן זעונגען. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז עס איז אינמיטן דערנאַכט און ער טראָגט אויף די הענט ליגיע דורך עפּעס אַן אומבאַקאַנטן ווייַנגאָרטן, פּאָרויס זיי גייט פּאָמפּאָניע גרעצינע מיט אַ קליין ליכטל אין האַנט און לייכט זיי צו. עפּעס אַ קול, דוכט זיך פּעטראָניוסעס, שרייַט זיי נאָך פֿונדערווייטנס: „קער זיך אום!“ אָבער ער קוקט זיך נישט אום אויף דידאָזיקע געשרייען און גייט ווייטער נאָך פּאָמפּאָניען, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ געצעלט וווּ אַפּאָסטאָל פּעטרוס איז געשטאַנען אויף דער שוועל. דאַן האָט ער אים געוויזן ליגיע און האָט געזאָגט: „מיר גייען פֿון דער אַרענע, האַר, אָבער מיר קענען זי נישט אויפֿוועקן, וועק דו זי אויף“. אָבער פּעטרוס האָט געענטפֿערט: „קריסטוס אַליין וועט קומען זי אויפֿוועקן!“

דערנאָך האָבן זיך אים די בילדער אינגאַנצן צעמישט. ער האָט אין חלום געזען נירונען און פּאָפּעאַן, האַלטנדיק דעם קליינעם רופֿיוסן מיט אַ צעבלוטיקטן שטערן אויף די הענט און פּעטראָניוס וואַשט אים אַרום די ווונדן. ער האָט געזען טיגעלינוסן שיטנדיק אַש אויף די מיט טייַערע מאכלים געדעקטע טישן און וויטעליוסן, וואָס האָטגע פֿרעסן די מאכלים און נאָך אַ סך אַנדערע אויגוסטער זיצנדיק בײַם גאַסטמאָל, ער אַליין האָט זיך געפֿונען נעבן ליגיען. אָבער צווישן די טישן זענען אַרומגעגאַנגען לייבן און פֿון זייערע צעשויבערטע גריוועס האָט געטריפֿט בלוט. ליגיע האָט אים געבעטן ער זאָל זי אַרויספֿירן פֿון דאָרט, אָבער ער איז פּלוצלונג אַזוי שרעקלעך אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז ער האָט זיך אַפֿילו נישט געקענט קיין ריר טאָן. דערנאַך האָבן זיך די זעונגען נאָך מער פֿאַרפֿלאָנטערט און לסוף איז אַלץ פֿאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפֿן חושך.

פֿון טיפֿן שלאָף האָט אים ערשט אויפֿגעוועקט די ברע־נענדיקע היץ און געשרייען האַרט נעבן דעם אָרט ווו ער איז געזעסן. וויניציוס האָט אויסגעריבן די אויגן: די גאַס האָט געווימלט פֿון מענטשן, אָבער צוויי פֿאָרלויפֿער, אָנגעטאָן אין

געלע טוניקעס, האָבן מיט לאַנגע ראָר־שטעקן צעטריבן דעם עולם, שרייענדיק און מאַכנדיק אַ וואַרע פאַר אַ הערלעכע לעקטיקע, וועלכע פיר שטאַרקע עגיפּטישע שקלאַפן האָבן געטראָגן.

אין דער לעקטיקע איז געזעסן עפּעס אַ מענטש אין ווייסע קליידער, וואָס זיין פּנים האָט מען נישט געקענט זען, ווייל ער האָט האַרט ביי די אויגן געהאַלטן אַ פּאַפּירוס־מגילה און פאַרטיפט געלייענט.

— פּלאַץ פאַר דעם איידעלן אויגוסטער! — האָבן די פאָרלויפער געשריגן.

די גאַס איז אָבער געווען אַזוי געפּאַקט, אַז די לעקטיקע האָט זיך אַ מינוט געמוזט אָפּשטעלן. דאַן האָט דער אויגוסטער אומגעדולדיק אַוועקגענומען פון די אויגן זיין מגילה און אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ, שרייענדיק:

— צעטרייבט דיזאָזיקע לײַדאַקעס! שנעלער!

פּלוצלונג, דערזעענדיק וויניציוסן, האָט ער צוריק אַריינגערוקט דעם קאָפּ און האָט שנעל אויפגעהויבן צו די אויגן זיין פּאַפּירוס־מגילה.

וויניציוס האָט זיך געריבן מיט דער האַנט דעם שטערן, מיינענדיק אַז ער חלומט נאָך אַלץ.

אין דער לעקטיקע איז געזעסן כילאָן.

דערווייל האָבן די פאָרלויפער פריי געמאַכט דעם וועג און די עגיפּטער האָבן שוין געזאָלט רירן ווייטער, ווי פּלוצלונג איז דער יונגער טריבון, וועמען עס איז אין איין רגע קלאָר געוואָרן פיל זאַכן, וועלכע זענען ביז איצט פאַר אים געווען אומפאַרשטענדלעך, צו צו דער לעקטיקע.

— זיי געגריסט כילאָן! — האָט ער געזאָגט.

— יונגערמאַן — האָט דער גריך ווירדיק און שטאָלץ געענטפערט, באַמיענדיק זיך צו מאַכן אַ רויִקן אויסדרוק אויפן פּנים, וועלכן עס האָט באמת נישט געהאַט — זיי געגריסט

אָבער פאַרהאַלט מיך נישט, וואָרים איך איל צו מיין פריינט דעם איידעלן טיגעלינוס.

און וויניציוס, אָנכאפנדיק דעם פאָרענטש פון דער לעקטיקע, האָט ער זיך אָנגעבויגן צו אים און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין האָט ער מיט א שטילער שטים געזאָגט:

— דאָס האָסטו אויסגעגעבן ליגיע? ...

— קאַלאָס פון מעמנאָן! — האָט כילאָן אין שרעק אויסגערופן.

אָבער אין וויניציוסעס אויגן איז קיין שום דראָונג נישט געווען, די שרעק פון גריך איז דעריבער שנעל אַריבער. ער האָט א טראַכט געטאָן, אַז ער איז אונטערן שוץ פון טיגעלין און פון צעזאַר גופא, ס׳הייסט אַזעלכע קרעפטן פאַר וועלכע אַלע ציטערן און אַז ער איז אין דעם מאָמענט אונטער דער השגחה פון שטאַרקע שקלאַפן, וויניציוס אָבער שטייט דאָ פאַר אים אַן אַנטוואָפנטער, מיט אַן אויסגעצערט געזיכט און איינגאַנצן געבויגן פון שמערץ.

ביי דעם געדאַנק איז ער צוריק פרעך געוואָרן. ער האָט אָנגעשטעלט אויף וויניציוסן זיינע רויט אַרומגעזוימטע אויגן און אַרויסגעשעפּטשעט:

— און דו, בעת כ׳האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס פאַר הונגער, האָסטו מיך געהייסן שמייסן.

א וויילע זענען זיי ביידע שטיל געוואָרן, דערנאָך האָט זיך וויניציוס אָפּגערופן מיט אַ פאַרשטיקטער שטים:

— כ׳האָב דיר אַן עולה געטאָן, כילאָן! ...

דאַן האָט דער גריך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קנאַקטוענדיק מיט די פינגער, וואָס האָט אין רוים באַדייט גרינגשעצונג און פאַראַכטונג, האָט ער זיך אָפּגערופן אַזוי הויך, אַז אַלע זאָלן הערן:

— מיין פריינט, אויב דו האָסט עפּעס א ביטע צו מיר, טאָ קום אין מיין הויז אויף עסקווילין אין די מאָרגן-שעהן, ווען איך נעם אויף, נאָך דער באָד, געסט און קליענטן.

און ער האָט אַ ווונק געטאָן מיט דער האנט. אויף דעם־צייכן האָבן די עגיפּטער אַ הויב געטאָן די לעקטיקע און די־שקלאַפן אין די געלע טוניקעס האָבן גענומען שרייען פּאַכנדיק מיט די ראָר־שטעקנס:

— פּלאַץ פאר דער לעקטיקע פון איידעלן כילאָ־בידעס! פּ, אַץ! פּלאַץ!...

L V

ליגיע האָט אין אַ לאַנגן און אין איילעניש געשריבענעם בריוו זיך געזעגנט אויף אייביק מיט וויניציוסן. זי האָט גע־ וווּסט, אַז קיינער קען שוין מער נישט אַריינקומען אין תּפיסה אַריין און אַז זי וועט קענען זען וויניציוסן ערשט פון דער אַרענע. זי האָט אים דעריבער געבעטן, ער זאָל זיך דערוויסן ווען זייער ריי דאַרף אויספאַלן און אַז ער זאָל זיין אויף דער פאָרשטעלונג, ווארים זי וויל אים כאָטש נאָכאיינמאָל זען ביי איר לעבן. אין איר בריוו איז נישט געווען צוזען קיין שום אַנגסט. זי האָט געשריבן, אַז זי, ווי אויך אַלע איבריקע בענקען שוין צו דער אַרענע, ווו זיי וועלן באפרייט ווערן פון תּפיסה. ריכטנדיק זיך אויפן אָנקום פון פּאָמפּאָניע און אולוסן, האָט זי געבעטן, אַז אויך זיי זאָלן זיין אויף דער פאָרשטעלונג. אין יעדן וואָרט אירן איז געווען צו דערקענען אַ באַגייסטערונג און דאָס דאָזיקע אָפּגעריסנקייט פון דער ערד מיט וועלכן אַלע עפּאַנגענע האָבן געלעבט, און גלייכצייטיק אויך אַ פעסטער

גלויבן, אַז אַלע הבטחות וועלן מוזן מקוים ווערן נאָכן טויט. „צי קריסטוס (האָט זי געשריבן) וועט איצט אָדער נאָכן טויט מיך באפרייען, אָבער ער האָט מיך דיר צוגעזאָגט דורכן מויל פון אפּאָסטאָל, איך בין בכן דיינע". און זי האָט אים באשווירן, אַז ער זאָל זי נישט באַדויערן און זאָל זיך נישט לאָזן באַהערשן פון צער. דער טויט איז פאַר איר נישט געווען קיין איבעררייס פון זייער שבועה. מיטן צוטרויען פון אַ קינד האָט זי פאַרזיכערט וויניציוסן, אַז באַלד נאָך די ענוים אויף דער ארענע וועט זי זאָגן קריסטוסן, אַז אין רוים איז געבליבן איר חתן מארק, וועלכער בענקט נאָך איר מיטן גאַנצן הארצן. און זי האָט געטראַכט, אַז אפשר וועט קריסטוס דערלויבן איר נשמה אויף אַ ווײַלע זיך אומצוקערן צו אים כדי אים צו זאָגן, אַז זי לעבט, אַז זי געדענקט שוין נישט די יסורים און אַז זי איז גליקלעך. דער גאַנצער בריוו אירער האָט געאָטעמט מיט גליק און מיט אַ געוואַלדיקער האָפנונג. עס איז דאָרט געווען בלויז נאָר איין בקשה, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט ערדישע ענינים: וויניציוס זאָל צונעמען איר קערפּער פון ספּאָלאַריום און זאָל זי מקבר זיין אַלס זיין ווייב אינם קבר אין וועלכן ער וועט אַמאָל אליין נקבר ווערן.

ער האָט דעמדאָזיקן בריוו געלייענט מיט אַ צובראכן האַרץ, אָבער עס האָט זיך אים דאָך אויסגעוויזן ווי אַן אוממעגלעכע זאַך, אַז ליגיע זאָל אומקומען אונטער די ציין פון די ווילדע חיות און אַז קריסטוס זאָל זיך נישט מרחם זיין איבער איר. דאָס איז אָבער דאָך געווען זיין האָפנונג און זיין גלייבן. אַהיימקומענדיק האָט ער צוריקגעשריבן, אַז ער וועט יעדן טאָג קומען אונטער די מויערן פון טוליאַנום וואַרטן ביז קריסטוס וועט נישט שטירצן די דאָזיקע מויערן און זי אים צוריקגעבן. ער האָט זי געהייסן גלייבן, אַז קריסטוס קען זי אים צוריקגעבן אפילו פון צירק, אַז דער גרויסער אַפּאָסטאָל בעט אים אויך וועגן דעם און אַז די שעה פון באַפרייונג איז נאָנט. דער געטויפטער צענטוריאָן האָט איר געזאָלט איבערגעבן אויפצומאָרגנס דעם בריוו.

אָבער בעת וויניציוס איז אויפן צווייטן טאָג געקומען צו דער תּפיסה איז דער צענטריאָן צוגעקומען צו אים פון דער דיי אַרויס און געזאָגט:

— הער אויס, האַר. קריסטוס, וועלכער האָט דיך אויס־געפּרוּווט, האָט דיר באַוויזן זיין חסד. היינט ביינאַכט זענען געקומען דעם צעזאַרס און דעם פּרעפעקטס באַפרייטע שקלאַפן אויסצוקלויבן פאַר זיי קריסטלעכע מיידלעך צום שענדן, זיי האָבן זיך געפרעגט אויף דיין געליבטע, אָבער דער האַר אונ־זערער האָט אַראָפּגעשיקט אויף איר דאָס פיבער פון וועלכן די געפאַנגענע אין טוליאַנום שטאַרבן און זיי האָבן זי צורוּ־געלאָזט. נעכטן אין אָוונט איז זי שוין געווען אָן באַוווסטזיין און זאָל זיין געלויבט דער נאָמען פון גואל, וואָרים דידאָזיקע שלאַפקייט, וואָס האָט זי געראַטעוועט פון שאַנד קען זי אויך ראַטעווען פון טויט.

וויניציוס האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט זיין האַנט אָן דעם זעלנערס אָרעם, כּדי נישט אומצופאַלן, און יענער האָט ווייטער גערעדט:

— דאַנק דער בארמהאַרציקייט פון האַר. לינוסן האָבן זיי צוריקגענומען צו די ענוּים, אָבער זעענדיק, אַז ער גוססט האָבן זיי אים אָפּגעגעבן. אפשר וועלן זיי זי דיר איצט אויך אָפּגעבן און קריסטוס וועט זי צוריק געבן.

דער יונגער טריבון איז נאָך אַ מינוט אַזוי געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, דערנאָך האָט ער אים אויפגעהויבן און האָט שטיל געזאָגט:

— יאָ, צענטריאָן, קריסטוס, וועלכער האָט זי מציל גע־ווען פון שאַנד, וועט זי אויך מציל זיין פון טויט.

און אַוועקזעצנדיק זיך אונטער די תּפיסה־מויערן ביזן אָוונט איז ער דערנאָך אַוועק אַ היים און געשיקט זיינע מענטשן נאָך לינוסן און געהייסן אים איבערטראָגן אין איינע פון זיינע אונטער־שטאָטישע ווילעס.

פּעטראָניוס האָט דערוויל, דערוויסנדיק זיך וועגן אַלעם, באַשלאָסן ווייטער צו ווירקן. ער איז שוין געהאַט געווען ביי־

דער אויגוסטין. איצט איז ער נאָכאַמאָל אַוועק צו איר. ער האָט זי געטראָפֿן ביים בעטל פֿון קליינעם רופּיוסן. דאָס קינד מיטן צעהאַקטן קאָפּ האָט געקרעכצט אין פֿיבער און די מו־טער האָט עס אין פֿאַרצווייפֿלונג און אין שרעק געראַטעוועט, טראַכטנדיק, אַז אויב זי וועט עס אָפּראַטעווען, איז אפשר נאָר כּדי עס זאָל אינגיכן אומקומען מיט נאָך אַ שרעקלעכערן טויט.

פֿאַרכאַפּט אינגאַנצן פֿון איר אייגענעם שמערץ, האָט זי אַפֿילו נישט געוואָלט הערן וועגן וויניציוסן און ליגיען. אָבער פּעטראָניוס האָט זי אָגגעשראָקן. — „דו האָסט באַליידיקט — האָט ער געזאָגט — דעם נייעם אומבאַקאַנטן גאָט. דו, אוי־גוסטין, גלויבסט, דוכט, זיך אין העברעישן יעהאָווא. אָבער די קריסטן האַלטן, אַז קריסטוס איז זיין זון, באַטראַכט זיך דער ריבער צי דער פֿאָטער איז זיך נישט נוקם אָן דיר. ווער ווייסט, צי דאָס וואָס איז אויף דיר געקומען, איז נישט טאַקע זייער נקמה און צי רופּיוסעס לעבן איז נישט אָפּהענגיק דערפֿון ווי דו וועסט טאָן“.

— וואָס ווילסטו דען זאָל איך טאָן? — האָט פּאָפּעא אין שרעק געפֿרעגט.

— בעט איבער דעם דערצאָרנטן גאָט.

— ווי אַזוי?

— ליגיע איז קראַנק. ווירק אויפֿן צעזאַר אָדער אויף טי־געלינען, אַז זיי זאָלן זי אַרויסגעבן וויניציוסן.

זי האָט מיט פֿאַרצווייפֿלונג געפֿרעגט:

— און דו מיינסט, אַז איך בין דאָס בכּוח?

— דאַן קענסטו עפּעס אַנדעריש טאָן. אויב ליגיע וועט געזונט ווערן מוז זי גיין צום טויט. גיי זשע דו אין וועס־טאַס טעמפּל און פֿאָדער, אַז די „ווירגאָ מאַגנאַ“ זאָל גראָד זיין ביים טוליאַנום בעת מען וועט אַרויספֿירן די געפֿאַנגענע צום טויט און זי זאָל באַפֿעלן צו באַפֿרייען דאָס מיידל. די גרויסע וועסטאַלקע וועט דיר דאָס נישט אָפּזאָגן.

— און אויב ליגיע וועט שטאַרבן פֿון פֿיבער.

— די קריסטן זאָגן, אַז קריסטוס איז אַ בעל נקמה, אָבער אויך אַ גערעכטער: מעגלעך, אַז ער וועט איבערגע־בעטן ווערן בלויז פון דיין גוטן ווילן.

— לאָז ער מיר געבן עפּעס אַ צייכן, אַז ער וועט ראַטעווען רופיוסן.

פּעטראָניוס האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— איך קום נישט אַלס זיין שליח, אָ, געטלעכע, איך זאָג דיר נאָר דו זאָלסט בעסער לעבן בשלום מיט אַלע רוי־מישע און פרעמדע געטער.

— כ׳גיי! — האָט פּאָפּעאַ מיט אַ דערשלאָגענער שטים געזאָגט.

פּעטראָניוס האָט טיף אָפּגעעטעמט.

— סוף כל סוף האָב איך עפּעס געפּועלט:

און צוקומענדיק צו וויניציוסן האָט ער אים געזאָגט:

— בעט דיין גאָט, אַז ליגיע זאָל נישט שטאַרבן פון פיבער, וואָרים אויב זי וועט נישט שטאַרבן, וועט די גרויסע וועסטאַלקע זי הייסן באַפרייען, די אויגוסטין אַליין וועט זי דאָס בעטן.

וויניציוס האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אויגן אין וועלכע עס האָט געגליט היץ און האָט געענטפערט:

— קריסטוס וועט זי באַפרייען.

און פּאָפּעאַ, וועלכע איז גרייט געווען, כדי צו ראַטעווען רופיוסן, מקריב צו זיין קרבנות פאַר אַלע געטער פון דער וועלט, איז נאָך דעמזעלבן אָוונט אַוועק אויפן פאָרום צו די וועסטאַלקעס, לאָזנדיק די השגחה איבערן קראַנקן קינד צו איר געטרייער אַם סילוויאַ, וועלכע האָט זי אַליין אויך אויסגעהאָ־דעוועט.

אויפן פּאַלאַטין איז שוין אָבער געווען אַרויסגעגעבן דער משפט איבערן קינד, און קוים איז נאָר די צעזאַרינס לעקטיקע פאַר־שווונדן הינטערן גרויסן טויער, זענען אין חדר ווו עס איז גע־לעגן דער קליינער רופיוס אַריינגעקומען צוויי פרייע שקלאַפן פון צעזאַר. איינער האָט זיך געוואָרפן אויף דער אַלטער סיל־

וויאַ און האָט איר פאַרשטאָפּט דאָס מויל, און דער צווייטער האָט, כאַפּנדיק די קופּערנע סטאַטוע פון אַ ספינקס, מיט איין קלאַפּ זי דערהרגעט.

נאָכדעם זענען זיי צו צו רופיוסן. דאָס ייִנגל, אויסגעמאַטערט פון פיבער און אָן באַוווסטייזן, נישט פאַרשטייענדיק וואָס עס טוט זיך אַרום אים, האָט געשמייכלט צו זיי און האָט געזשמורעט זײַנע שיינע אויגן. ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט זיי צו דערקענען. און זיי, אַראָפּנעמענדיק פון דער טויטער אַם די שנור, די אַזויגערופענע סינגולום האָבן זיי עס פאַרוואָרפן דעם קינד אַרום האַלז און גענומען עס ווערגן. דאָס קינד האָט, רופנדיק אייַנאונאייִנציק מאָל די מוטער, באַלד געגוססט און אויסגעגאַנגען. דאַן האָבן זיי עס איינגעוויקלט אין אַ לײַלעך און אַרויפכאַפּנדיק זיך אויף שוין פון פריער צוגעגרייטע פערד, זענען זיי שנעל אַוועק אַזש ביז אָסטיען, וווּ זיי האָבן דעם קערפּער אַרײַנגעוואָרפן אין ים.

פּאָפּעאַ, נישט טרעפנדיק די גרויסע ווערסטאַלקע, וועלכע איז צוזאַמען מיט אַנדערע ווערסטאַלקעס געווען ביי וואַטיניוסן, איז באַלד צוריק אַוועק אויפן פּאַלאַטין. געפינענדיק אַ ליידיק בעטל און דעם קאַלטן קערפּער פון סילוויאַ, האָט זי געחלשט און ווען מ׳האָט זי אָפּגעמינטערט האָט זי גענומען שרייען און איר יאָמערן האָט זיך געהערט אַ גאַנצע נאַכט און דעם טאָג דערנאָך.

אָבער אויפן דריטן טאָג האָט דער צעזאָר איר באַפוילן צו קומען אויף אַ גאַסטמאָל. אָנטועענדיק בכן אַ באַטיסטענע טוניקע איז זי געקומען און איז געזעסן מיט אַ פאַרשטיינערט געזיכט, אַ גאָלדהאָריקע, אַ שווייגנדיקע, אַ פּרעכטיקע און אַ בייזע ווי דער מלאך פון טויט.

LVI.

איידער די פלאַוויוסן האָבן אויפגעבויט דעם קאָלאָסעום האָט מען די אמפיטעאטרען אין רוים געבויט אַממייסטן פון האָלץ, דעריבער זענען זיי כמעט אַלע פאַרברענט געוואָרן בעת דער שרפה. נירון אבער, כדי אויסצופירן די צוגעזאָגטע פאָר־שטעלונגען, האָט באַפוילן אויפצושטעלן עטלעכע אַמפיטע־אַטרען און צווישן זיי איינעם אַן אומגעהייער גרויסן, פאַר וועלכן מ'האָט תיכף נאָך דער שרפה אָנגעהויבן צוצופירן מיטן ים און מיטן טיבער ריזיקע ביימער־שטאַמען פון די שפּועים פון אַט־לאַס. ווייל די פאָרשטעלונגען האָבן מיט זייער פּראַכט און מיט זייער גרויסער צאָל קרבנות געזאָלט איבערגיין אַלע פריערדיקע, האָט מען דעריבער אָפּגעגעבן ריזיקע פלעצער פאַר צוקוקער און פאַר חיות. טויזנטער בעלי־מלאכות האָבן געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט איבער די בנינים. מ'האָט געבויט און געפּוצט אָן אויפהער. צווישן פאָלק האָט מען זיך דערציילט וווּנדער וועגן די מיט בראָנז, בורשטין, העלפאַנטביין, פּערלמוטער און ים־מו־

שעלן געפלאַסטערטע באַריערעס. קאַנאַלן לענגאויס די בענק,
אָנגעפילט מיט לויפנדיקע אייזקאַלטע וואַסער פון די בערג, האָבן
געזאָלט אויפהאַלטן אין דער געביידע אַ ליבע קילקייט אפילו
בעת די גרעסטע היצן. אַ ריזיקע פורפור „וועלאַריום” אינדער=
הויך האָט באַשיצט פאַר די זונשטראַלן. צווישן די רייען בענק
זענען אויסגעשטעלט געווען בשמים־וואַזעס צו רויכערן אַראַבישע
בשמים. אינדערהויך זענען איינגעאָרדנט געוואָרן כלים אויף צו
טריפן אויף די צוקוקער מיט זאַפראַן און וואַרעמע פייכטקייט.
די באַרימטע בוימייסטער: סעווערוס און סעלער האָבן אָנגע=
ווענדעט זייער גאַנצע קונסט אום אויפצושטעלן אַן אומפאַר=
גלייכלעך אַמפיטעאַטער און וועלכער זאָל צו דערזעלבער צייט
אויך קענען אַריינעמען אַזויפיל צוקוקער ווי קיין שום אַנדער
אַמפיטעאַטער ביז איצט.

דעריבער, אין טאָג ווען עס האָט זיך געזאָלט אָנהייבן
דער „לודוס מאַטוטינוס” האָט אַ ריזיקער המון געוואַרט פון
פאַרטאָג אָן אויף דער עפענונג פון די טויערן, איינהערנדיק
זיך מיט תענוג צום ברומען פון די לייבן, צום כראָפענדיקן
בעקען פון די פאַנטערעס און צום געהויל פון די הינט. די
חיות האָט מען בכיון צוויי טעג נישט געגעבן צו פרעסן און
אָנשטאָט דעם האָט מען פאַרבייגעפירט פאַר זיי פאַ־בלוטיקטע
שטיקער פלייש, כדי וואָס מער צו דערוועקן אין זיי דעם הונ־
גער און די ווילדקייט. טיילמאָל האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ
שטורם פון ווילדע קולות, אַז דער עולם, וואָס איז געשטאַנען
פאַרן צירק, האָט נישט געקענט רעדן צווישן זיך און די שוואַ־
כערע זענען בלייך געוואָרן פון שרעק. אָבער גלייך מיטן זון=
אויפגאַנג האָבן אין צירק אָפּגעקלונגען הילכיקע אָבער רויקע
געזאַנגען, וועלכע דער עולם האָט געהערט מיט גרויס פאַרוווּ־
נדערונג, זאָגנדיק איינער צום צווייטן: „די קריסטן! די קריסטן!”
גרויסע מחנות פון זיי האָט מען נאָך ביינאַכט געבראַכט אין
צירק אַריין און נישט פון בלויז איין תפיסה אַרויס, ווי מ׳האָט
לכתחילה בדעה געהאַט, נאָר פון יעדע תפיסה צוביסלעך. דער
המון האָט געוווּסט, אַז די פאָרשטעלונגען וועלן זיך פאַרציִען

אויף וואָכן גאַנצע און אויף חדשים, אָבער זיי האָבן זיך גע־שפּאַרט צי מ׳וועט באַווייזן צו פאַרענדיקן אין משך פון איין טאָג מיט דעם ביסל קריסטן וואָס זענען באַשטימט אויף היינט. די מענערשע, ווייבערשע און קינדערשע שטימען, וואָס האָבן געזונגען דאָס מאַרגנליד, זענען געווען אַזוי פּ״ל, אַז מבינים האָבן געטענהט, דאָס ווען מ׳זאָל אפילו אַרויסלאָזן אויף דער אַרענע צו הונדערט אָדער צווייהונדערט נפשות מיטאַמאָל, וועלן די חיות זיך פאַרמאַטערן, זאַט ווערן און וועלן נישט באַוויזן ביזן אָוונט אַלע צו פאַרצוקן. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז די צו גרויסע צאָל קרבנות, וואָס וועלן אַרויסטרעטן מיט איינמאָל אויף דער אַרענע, וועט צעפּיצלען די כונה און וועט שטערן צו קוויקן זיך ווי געהעריק מיט דער פאָרשטעלונג. וואָס מער עם האָט זיך דערנענטערט דער מאָמענט פון עפענען די פאָרהאַנגען, וואָס פון אינווייניק אריין, די אַזויגערופענע „וואָמיטאָריום״, איז דאָס פאָלק לעבעדיקער און פרייליכער געוואָרן און זיך מתוכח געווען וועגן פאַרשידענע זאַכן, וואָס זענען נוגע דער אַרענע. עס האָבן זיך גענומען שאַפן צדדים וועגן דער גרעסערער געשיקט־קייט פון לייבן אָדער פון טיגערס אינם צערייסן מענטשן. דאָ און דאָרט האָט מען זיך געוועט. אַנדערע ווידער האָבן גע־פירט שמועסן וועגן גלאַדיאַטאָרן, וועלכע האָבן געזאָלט אַרויס־טרעטן פאַר די קריסטן אויף דער ארענע און ווידער האָבן זיך געשאַפן צדדים: די פון סאַמניטן, די אַנדערע פון גאַללען, נאָך אנדערע פון מירמיליאָנען, פון טראַקן, פון די פאַנגער. פון באַלד אינדערפרי האָבן קלענערע און גרעסערע אָפּטיילונגען זייערע אונטער דער אָנפירונג פון זייערע מייסטערס, די אַזויגערופענע ליאַניסטן, גענומען שטראָמען אין אַמפיטעאַטער אריין. נישט וועלנדיק זיך פריצייטיק פאַרמאַטערן זענען זיי געגאַנגען אָן וואָפן, אָפט גאַנץ נאַקעט, אָפט מיט גרינע צווייגלעך אין די הענט אָדער באַקראַנצט מיט בלומען, יונגע, שיינע אין מאָרגן־שיין און פול מיט לעבן. זייערע קערפּערס, גלאַנצנדיקע פון בוימלען, קרעפטיקע ווי אויסגעהאַקטע פון מאַרמאָר האָבן גע־בראַכט אין אַנטציקונג דעם אין פאָרמען פאַרליבטן המון. פיל

פון זיי זענען געווען פּערזענלעך באַקאַנט און יעדע מינוט האָט מען געהערט אויסשרייען: „גרוס פֿורניוס! גרוס לעאָ! גרוס מאַקסימוס! גרוס דיאָמעדעס!” יונגע מיידלעך האָבן זיי צוגעוואָרפן פֿאַרליבטע בליקן און זיי האָבן נאָר אויסגעקוקט וועלכע עס איז די שענסטע און האָבן זיי צוגעוואָרפן וויציקע ווערטלעך, ווי זיי וואָלטן פֿון קיין שום זאָרג נישט געוווּסט, שיקנדיק קושן אָדער רופֿנדיק: „נעם אַרום, איידער דער טויט וועט אַרומנעמען!” דערנאָך זענען זיי פֿאַרשוווּנדן אין די טויערן פֿונוואַנען פֿיל פֿון זיי האָבן שוין מער נישט געזאָלט צוריק אַרויסקומען. אָבער פֿאַרשידענע נייע זאַכן האָבן כּסדר אָפּגעצויגן דעם נייגער פֿון עולם. נאָך די גלאַדיאַטאָרן זענען געגאַנגען די מאַסטיגאָפֿאָרן, דאָס הייסט מענטשן מיט בייטשן, וואָס זייער אַרבעט איז געווען אונטערצושמייסן און אונטערצוהיצן די קעמפֿנדיקע. ווייטער האָבן מוילאייזלען געשלעפּט אין דער ריכטונג פֿון ספּאָלאַריום רייען וועגן מיט פֿיל הילצערנע טרומנעס, בײַ וואָס דער המון איז זייער דערפֿרייט געוואָרן, דערקענענדיק לויט דער גרויסער צאָל אָרונות, דעם ריזיקן פֿאַרנעם פֿון די פֿאָרשטעלונגען. דערנאָך זענען געגאַנגען די מענטשן, וועלכע דאַרפֿן דערשלאָגן די פֿאַרוווּנדעטע, זיי זענען געווען אָנגעטאָן ווי כאַראָן אָדער מערקור, דערנאָך די וואָס היטן די אָרדענונג אין צירק, וואָס גיבן די פּלעצער צום זיצן, דערנאָך די שקלאַפֿן צום צעטראָגן עסנוואַרג און קילע געטראַנקען און לסוף די פּרעטאָריער, וועלכע יעדער צעזאַר האָט אין אַמפֿיטעאַטער תּמיד געהאַט נעבן זיך.

סוף כּל סוף האָבן זיך די וואָמיטאָריומס געעפֿנט און דער המון האָט זיך געטאָן אַ שיט אַרײַן. די מאַסע איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן געשטראָמט און געשטראָמט גאַנצע שעהן. אַזוי אַז עס איז פּשוט געווען אַ וווּנדער ווי אַזוי דאָס אַמפֿיטעאַטער קען אַזוי פֿיל אַרײַננעמען אין זיך. דאָס געבריל פֿון די חיות, וואָס האָבן דערפֿילט מענטשלעכע אויסאָטעמונגען, איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. דער המון האָט גע-

פילדערט ביים פאַרנעמען די פּלעצער ווי די ים-כוואַליעס בעת אַ שטורם.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער שטאָט-פּרעפעקט אין דער באַגלייטונג פון „וויגילן" און נאָך אים שוין איין לאַנגע רייע פון לעקטיקעס מיט סענאַטאָרן, קאָנסולן, פּרעטאָרן, עדילן, שטאָט- און פּאַלאַץ-באַאַמטע, פּרעטאָריאַנער, הויפּטן, פּאַטריציער און גרויסאַרטיקע פרויען. פאַר טייל לעקטיקעס זענען פאָרויס געגאַנגען ליקטאָרן טראָגנדיק העק מיט בונטן ריטער, פאַר אַנדערע לעקטיקעס — מחנות שקלאַפן. אין דער זון האָבן געמיניעט די באַגילדונגען פון די לעקטיקעס, די ווייסע און פאַרשידנפאַרביקע קליידער, פעדערן, אויערלעפלען, צירונגען, שטאָלהעק. פון צירק האָבן זיך געטראָגן די אויסגעשרייען מיט וועלכע דאָס פאָלק האָט באַגריסט די מעכטיקע לייט. פון צייט צו צייט זענען נאָך אָנגעקומען קלענערע מחנות פּרעטאָריער.

די כהנים פון די פאַרשידענע טעמפּלען זענען אָנגעקומען אַ ביסל שפּעטער, און ערשט נאָך זיי האָט מען געטראָגן די הייליקע מיידלעך פון וועסטא מיט ליקטאָרן פאָרויס. איצט האָט מען נאָר געוואַרט מיטן עפענען די פאָרשטעלונג אויפן צעזאַר, וועלכער, נישט וועלנדיק לאָזן דעם פאָלק צו לאַנג וואַרטן און וועלנדיק אים וואָס פריער האָבן אויף זיין זייט, איז ער טאַקע באַלד אָנגעקומען אין דער באַגלייטונג פון דער אויגוסטין און די אויגוסטיאַנער.

פּעטראָניוס איז אָנגעקומען צווישן די אויגוסטיאַנער מיט ווינישיוסן ביי זיך אין דער לעקטיקע. ער האָט געוווסט, אַז ליגיע איז קראַנק און ליגט אָן באַוווסטזיין. נאָר אַזוי ווי אין די לעצטע טאָג איז דער צוטריט צו דער תפיסה געווען שטרענג באַוואַכט און די פריערדיקע וואַך איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ נייע, ווען עס איז פאַרבאָטן געווען צו רעדן מיט די טירוועכטער ווי אויך מיטצוטיילן די מינדסטע ידיעה די מענטשן, וואָס פלעגן קומען זיך אויספרעגן וועגן די געפאַנגענע, איז ער דעריבער נישט געווען זיכער צו זי געפינט זיך נישט איצט צווישן די קרבנות, וואָס זענען באַשטימט אויף דער ערשטער

פאַרשטעלונג. פאַר די לייבן האָבן זיי געקענט אַרויסשיקן אַ קראַנקע אין פיבער אויך. אָבער אַזוי ווי די קרבנות האָבן געזאָלט איינגעגייט ווערן אין פעל פון חיות און אַרויסגעשיקט ווערן אויף דער אַרענע מחנותווייז, דעריבער איז פאַר אַ צוקוקער געווען אוממעגלעך וועמען פון זיי צו דערקענען, אָדער פעסטצושטעלן צי עס געפינט זיך צווישן זיי איינער מער אָדער ווייניקער. די וועכטער און די גאַנצע דינערשאַפט פון אמפיטעאַטער זענען געווען איבערגעקויפט און מיט די בעסטיאַרן איז געווען אָן אָפּמאַך, אַז זיי וועלן ליגיע באַהאַלטן אין אַ פינצטער ווינקל ערגעץ פון אַמפיטעאַטער און ביינאַכט וועלן זיי זי אַרויסגעבן איינעם פון וויניציוסעס מענטשן, וועלכער וועט זי תיכף ומיד אַוועקפירן אין די אַלבאַנער בערג. פעטראָניוס, וועמען דער דאָזיקער סוד איז אויך אָנפאַרטרויט געווען, האָט וויניציוסן געעצהט ער זאָל לפנים פאַר אַלע מיטקומען מיט אים אין אַמפיטעאַטער. נאָר ערשט בײַם אַרייַנגאַנג זאָל ער זיך אין געדראַנג אַרויסמאַכן און שנעל אַוועק אין די צעלן אונטער דער אַרענע, כּדי אום אויסצומיידן אַ מעגלעכן טעות זאָל ער אַליין אָנווייזן די וועכטער אויף ליגיע.

די וועכטער האָבן אים אַרייַנגעלאָזט דורך קליינע טירלעך דורך וואַנען זיי גייען אַריין. איינער פון זיי מיטן נאָמען סירוס האָט אים באַלד אַוועקגעפירט צו די קריסטן. איבערן וועג האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס נישט, האַר, צי דו וועסט געפינען די, וועלכע דו זוכסט. מיר האָבן זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף אַ מיידל מיטן נאָמען ליגיע, אָבער קיינער האָט אונז נישט געענטפערט נאָר מעגלעך איז, אַז זיי געטרויען אונז נישט.

— זיי זענען דאָ אַ סך? — האָט וויניציוס געפרעגט.

— פיל וועלן מוזן בלייבן, האַר, אויף מאָרגן.

— צי זענען דאָ קראַנקע צווישן זיי?

— אַזעלכע, וועלכע זאָלן נישט קענען שטיין אויף די פיס, זענען נישטאָ.

בײַ די רייד האָט סירוס געעפנט אַ טיר און זיי זענען אַרײַן אין אַ מין גרויסן אָבער נידריקן און טונקעלן חדר, וווהין דאָס ליכט איז אַרײַנגעדרונגען נאָר דורך די קראַטן וואָס טיילן עס אָפּ פון דער אַרענע. לכתחילה האָט וויניציוס גאָרנישט געקענט זען, ער האָט נאָר געהערט אַ שעפּטשען פון שטימען אינם חדר און די געשרייען פונם המון וואָס זענען געקומען פון דרויסן. אָבער אין אַ מינוט אַרום, ווען זײַנע אויגן זענען צוגעוווינט געוואָרן צום בין השמשות, האָט ער דערזען גאַנצע גרופּן משונהדיקע באַשעפענישן, ענלעכע צו וועלף און בערן. דאָס זענען געווען די קריסטן אײַנגענייט אין פעל פון חיות. טייל פון זיי זענען געשטאַנען, אַנדערע האָבן מתפלל געווען קניענדיק. ווו נישט ווו האָט מען לויט די לאַנגע האָר, וואָס זענען אַריבערגעפאַלן איבער דער פעל, געקענט דערקענען, אַז עס איז אַ פרוי. מוטערס ענלעכע צו וועלפינס האָבן געהאַלטן אויף די הענט אויך אין פעל אײַנגענייטע קינדער. נאָר פון די פעל אַרויס האָבן אַרויסגעקוקט לויטערע געזיכטער און אויגן, וואָס האָבן אין דער טונקלקייט געלויכטן פרייִדיק און פיבערדיק. עס איז געווען צו זען, אַז די גרעסטע טייל פון די דאָזיקע מענטשן האָט באַהערשט איין אויסנאַמלעכער און איבערערדישער געדאַנק, וועלכער האָט זיי נאָך בײַם לעבן געמאַכט נישט פילעוודיק צו אַלעם וואָס טוט זיך אַרום זיי און מיט זיי. אַ טייל האָבן, בעת וויניציוס האָט זיי געפרעגט וועגן ליגיע, זיך ווי אויפגעכאַפּט פונם שלאָף נישט ענטפערנדיק אויף דער פראַגע. אַנדערע האָבן געשמייכלט צו אים, אַרויפלייגנדיק אַ פינגער אויפן מויל אָדער אָנווײַזנדיק אויף די אײַזערנע קראַטן דורך וועלכע עס זענען אַרײַן העלע בונטן ליכט. נאָר וואָס אַ טייל קינדער האָבן געוויינט איבערגעשראָקענע פון געברום פון די בעסטיעס, פון וואָיען פון די הינט, געפילדער פונם המון און פון די געשטאַלטן פון זייערע אייגענע עלטערן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי חיות. וויניציוס, גייענדיק בײַ דער זײַט פון יועבטער סירוס, האָט זיך אײַנגעקוקט אין די פּנימער, האָט געזוכט, זיך אויסגעפרעגט, אָפט האט ער אָנגעטרעטן אויף

קערפּער, וואָס האָבן געהלשט פון ענגשאַפט, דושנעקייט און היץ און האָט זיך דורכגעשטופּט ווייטער אינם טונקעלן הינטערגאַנג פונם חדר, וואָס האָט אויסגעוויזן צו זיין אַזוי ריזיק ווי דאָס גאַנצע אַמפיטעאַטער.

אָבער פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ווארים עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָ נעבן די קראַטן האָט ער געהערט עפּעס א באַקאַנט קול. איינהערנדיק זיך אַ ווייל איז ער צוריקגעגאַנגען און דורכשטופּנדיק זיך דורך די מחנות איז ער צוגעקומען נאָענט. אַ בונט ליכט איז געפאלן גלייך אויפן קאָפּ פון דעם, וואָס האָט גערעדט און אין דעם ליכט האָט ווינציוס דערקענט אונטער דער וואָלפן־פעל דאָס אויסגעמאָגערטע און אומברחמנותדיקע פנים פון קריספּוסן.

— קלאָגט אויף די זינד אייערע — האָט קריספּוס געזאָגט, ווארים אָט קומט שוין אָן דער מאָמענט. אָבער ווער עס טראַכט, אַז בלויז מיט זיין טויט וועט ער אויסקויפן די זינד זיינע, דער זינדיקט אויפסניי און וועט אַריינפאַלן אין אייביק פייער. מיט יעדער זינד וואָס איר האָט ביים לעבן געטאָן האָט איר באַנייט די ענויים פונם האַר, ווי זשע וואַגט איר צו דענקען, אַז די ענויים וואָס וועלן איצט קומען אויף אייך וועלן מכפּר זיין אויף יענע? היינט וועלן אַלע, די גערעכטע און די זינדיקע, שטאַרבן מיט דעמזעלבן טויט, אָבער גאָט וועט די זינדיקע דערקענען. ווי צו אייך, דען די ציין פון די לייבן וועלן צערייסן די לייבער אייערע, אָבער נישט די זינד אייערע און נישט אייער חשבון מיט גאָט. גאָט האָט שוין אַרויסגעוויזן גענוג רחמים לאָזנדיק זיך צוקלאַפּן צום צלם, אָבער פון היינט אָן וועט ער שוין זיין בלויז אַ בעל־משפט, וועלכער וועט נישט דורכלאָזן קיין איין עבירה אָן אַ שטראָף. די וואָס האָבן געמיינט, אַז מיט די ענויים פאַרווישן זיי די זינד זייערע האָבן דערמיט געלעסטערט די געטלעכע גערעכטיקייט און וועלן דעריבער נאָך טיפער פאַלן אין גיהנום. עס האָט זיך גענומען אַ סוף צו דער באַרמהאַרציקייט און עס איז געקומען דער שטרענגער יום הדין פון גאָט. אָט נאָך אין אַ מינוט

אַרום וועט איר שטיין פּנים אל פּנים פֿאַרן שרעקלעכן שופט פֿאַר וועלכן נאָר די גרעסטע צדיקים וועלן אַ תקומה האָבן. קלאָגט אויף די זינד אייערע, וואָרים דאָס מויל פֿון אָפּגרונט שטייט אָפֿן און ווי צו אייך מענער און ווייבער, ווי צו די עלטערן און צו די קינדער!

און אויסשטרעקנדיק זײַנע ביינערדיקע הענט האָט ער געטרייסלט מיט זיי איבער די געבויגענע קעפּ, אַ נישט אָנגעשראָקענער און אַן אומברחמנותדיקער אַפֿילו פּנים אל פּנים מיטן טויט, וועלכער האָט אים און די אַלע פֿאַרמשפּטע איינגיכן דערוואַרט. נאָך זײַנע רייד האָבן זיך געהערט שטימען: „מיר קלאָגן אויף אונזערע זינד!" דערנאָך איז שטיל געוואָרן און מען האָט נאָר געהערט דאָס געוויין פֿון די קינדער און דאָס קלאַפּן פֿון הענט און דער ברוסט. וויניציוסן איז דאָס בלוט פֿאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן. ער, וועלכער האָט די גאַנצע האָפֿנונג געלייגט אויף דעם רחמים פֿון קריסטוס, האָט איצט געהערט, אַז עס איז גאָר אָנגעשטאַנען דער טאָג פֿון צאָרן און אַז אַפֿילו דער טויט אויף דער אַרענע וועט נישט געפֿינען קיין רחמים. דורכן קאָפּ איז אים אַפֿילו אַדורך ווי אַ בליץ אַ קלאָרע און העלע מחשבה, אַז דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס וואָלט אַנדערש גערעדט צו די דאָזיקע מענטשן וואָס פֿאַרן טויט. דאָך האָבן די שרעקלעכע און פֿאַנאַטישע ווערטער פֿון קריספּוסן, דאָס דאָזיקע טונקעלע חדר מיט די קראַטן, הינטער וועלכע עס געפֿינט זיך דער ענוים-פּלאַץ, די מאַסע קרבנות אָנגעטאָן שוין צום טויט, אים אָנגעפֿילט מיט מורא און אימה. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט זיך אים אויסגעוויזן שרעקלעכער און הונדערטער מאָל מוראדיקער ווי די בלוטיקסטע שלאַכטן אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט. די געסרחא און די היץ האָבן אים גענומען שטיקן. אַ קאַלטער שווייס איז אים אַרויסגעטרעטן אויפֿן שטערן. ער האָט מורא געקריגן, ער זאָל נישט חלשן, אַזוי ווי די, אויף וועמענס קערפּער ער האָט אָנגעטרעטן זוכנדיק אין הינטערגרונט פֿון חדר, און אַז ער האָט נאָך אַ טראַכט געטאָן, אַז יעדע מינוט קען מען אָן עפֿן טאָן די קראַטן-

האָט ער געגומען הויך רופן ליגיע און אורסוסן, אין דער האָפּנונג, אַז אויב נישט זיי, וועט אים אפשר ענטפערן אייגער וואָס קען זיי.

און תיכף האָט אים טאָקע אייגער אָנגעטאָן פאַר אַ בער אַ צי געטאָן פאַר דער טאָגע און געזאָגט:

— האַר, זיי זענען איבערגעבליבן אין תּפיסה. מיך האָט מען דעם לעצטן אַרויסגעפירט און איך האָב זי געזען אַ קראַנקע אויפן געלעגער.

— ווער ביסטו? — האָט וויניציוס געפרעגט.

— דער פּאָססאַר ביי וועמען אין געצעלט דער אַפּאָסטאָל האָט דיך געטויפט, האַר, מיך האָט מען געפאַנגען ערשט מיט דריי טעג צוריק און שוין היינט וועל איך שטאַרבן.

וויניציוס האָט אָפּגעאָטעמט. דאָ אַריינגייענדיק האָט ער זיך געווונטשן צו געפינען ליגיע, איצט אָבער איז ער גרייט געווען צו דאַנקען קריסטוסן, וואָס זי איז נישטאָ און אין דערין צו זען אַ צייכן פון זיין באַרמהאַרציקייט.

דערווייל האָט אים דער פּאָססאַר נאָכאַמאָל אַ צי געטאָן פאַר דער טאָגע און געזאָגט:

— געדענקסט, האַר, אַז דאָס האָב איך דיך געפירט אין קאָרנעליוסעס ווייגאַרטן, ווו דער אַפּאָסטאָל האָט אין דער קאַמער גערעדט?

— כ'געדענק — האָט וויניציוס געענטפערט.

— איך האָב אים דערנאָך געזען מיט איין טאָג פריער איידער מ'האָט מיך פאַרהאַלטן, ער האָט מיך געבענטשט און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט קומען אין אַמפיטעאַטער אַריין איבערצלמען די שטאַרבנדיקע. איך וואָלט געוואָלט קוקן אויף אים אין דער מינוט פון טויט און זען דעם צייכן פון צלם, וואָרים דאַן וועט מיר זיין לייכטער צו שטאַרבן, על כן, אויב דו ווייסט, האַר, ווו ער געפינט זיך, זאָג עס מיר.

וויניציוס האָט איבּ שטיל געענטפערט:

— ער איז צווישן די מענטשן פון פּעטראָניוס, פאַרקליידט פאַר אַ שקלאַף. איך ווייס נישט ווו זיי האָבן זיך אָוועקגע=

זעצט, אָבער איך וועל זיך! איצט אומקערן און זען. דו זאָלסט קוקן אויף מיר, ווען איר וועט אַרויס אויף דער אַרענע, איך וועל מיך דאַן אויפשטעלן און וועל אויסדרייען מיין קאָפּ אין זייער זייט, דאַן וועסטו אים מיט די אויגן געפינען.

— כ׳דאַנק דיר, האַר, און פריִדן צו דיר.

— זאָל דער גואל אויף דיר רחמנות האָבן.

— אָמן.

וויניציוס איז אַרויס פון „קוניקולום" און איז אַוועק אין אַמפיטעאַטר אַריין, וווּ ער האָט געהאַט אַ פּלאַץ נעבן פּעטראָניוסן, צווישן די איבעריקע אויגוסטער.

— זי איז דאָ ? — האָט פּעטראָניוס געפרעגט.

— ניין, זי איז געבליבן אין תפיסה.

— הער, וואָס מיר איז געקומען אויפן געדאַנק, נאָר הערנדיק מיך, קוק, לאָמיר זאָגן, אויף ניגידע, כדי מ׳זאָל מיינען אַז מיר רעדן וועגן איר פריזור... טיגעלינוס און כילאָן קוקן אין דער מינוט אויף אונז... הער זשע : זאָל מען ליגיע די נאַכט אַריינלייגן אין אַן אָרון און אַרויסטראָגן פון תפיסה אַלס אַ בר מינן און דאָס איבריקע פאַרשטייסטו שוין.

— יאָ — האָט וויניציוס געענטפערט.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט זיי איבערגעריסן טוליוס סענעציאָ, וועלכער האָט אָנבויגנדיק זיך צו זיי געפרעגט :

— איר ווייסט נישט צי מ׳וועט די קריסטן געבן וואָפן ?

— מיר ווייסן נישט — האָט פּעטראָניוס געענטפערט.

— איך וואָלט געוואָלט מ׳זאָל זיי יאָ באַוואָפענען — האָט טוליוס געזאָגט — אויב נישט וועט די אַרענע גיך ווערן ענלעך צו אַ יאַטקע. אָבער וואָס פאַר אַ פּרעכטיקער אַמפּי-טעאַטר !

און באמת איז עס געווען אַ פּרעכטיק בילד. די נידעריקע זיצערטער זענען געווען געדיכט באַזעצט מיט טאָגעס, וואָס האָבן זיך געווייסט ווי שניי. אינם באַגאָלדעטן „פּאָדיום" איז געזעסן דער צעזאַר אין אַ ד מענטענעם האַלזבאַנד מיט אַ גאָל-דענעם קראַנץ אויפן קאָפּ. נעבן אים די שיינע און אָנגע-

כמורעטע אויגופטין. דערנעבן פון ביידע זייטן די וועסטאַלקעס, הויכע באַאמטע, סענאַטאָרן אין ברייט באַזוימטע מאַנטלען, מיליטער־הויפּטן אין בלישטשנדיקע וואָפן, קורץ, אַלץ וואָס איז אין רוים געווען מעכטיק, הערלעך און רייך. אין די ווייטערדיקע רייען זענען געזעסן ריכטער און נאָך העכער האָבן זיך געטונקלט רעדער פון אַ ים מענטשלעכע קעפּ, איבער וועלכע עס זענען פון די זיילן אַראָפּגעהאַנגען גירלאַנדן געוויקלט מיט רויזן, ליליעס, מאַי־גלעקלעך, בלושטש און ווייַנשטאָק.

ס'פּאָלק האָט הויך גערעדט, איבערגערופן זיך, געזונגען, אָפּט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער איבער עפּעס אַ שפּאַס, וועלכן מ'האָט איבערגעשיקט פון איין ריי צו דער אַנדערער, האָבן געטופּעט פון אומגעדולד מ'זאָל שוין צואיילן דעם אָנהייב פון דער פאָרשטעלונג.

לסוף איז דאָס טופּען געוואָרן ענלעך צו אומאויפהערלעכע דונערן, דאַן האָט דער שטאָט־פּרעפעקט, וועלכער איז שוין פון פריער געהאַט אַרומגעקוקט מיט אַ הערלעכע סוויטע די אַרענע, געגעבן אַ צייכן מיט אַ טיכל אויף וועלכן דאָס גאַנצע אַמפּיטעאַטער האָט געענטפערט מיט איין אַלגעמיינעם „אַ אַ אַ!...“ וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון טויזנטער ברוסטן.

געוויינלעך פלעגן זיך די פאָרשטעלונגען אָנהייבן מיט געיעגן אויף אַ ווילדע חיה, אין וועלכער פאַרשידענע באַרבאַרן פון צפון און פון דרום האָבן געצילט. דאָסמאָל אָבער האָבן געזאָלט זיין שוין צופיל חיות, האָט זיך די פאָרשטעלונג דעריבער אָנגעהויבן מיט אַנדאַבאַטן, דאָס הייסט מענטשן אָנגעטאָן אין העלמען אָן עפענונגען פאַר די אויגן און דעריבער שלאָגנדיק זיך אויף בלינד. העכער אַ צענדליק פון זיי האָבן אַרויסקומענדיק אויף דער אַרענע גענומען פאָכען מיט די שווערדן אין דער לופט, די מאַסטיגאָפאָרן האָבן מיט דער הילף פון לאַנגע גאָפּלען אַזעלכע צוגעשטויסן איינע צו די אַנדערע כדי עס זאָל קענען קומען צו אַ צוזאַמענשטויס. די ראַפינירטערע צו-

קוקער האָבן געקוקט גלייכגילטיק און מיט פאַראַכטונג אויף אַזעלכע סצענעס, אָבער דאָס פאָלק האָט זיך געוויילט מיט די אומגעשיקטע באַוועגונגען פון די פעכטער, און ווען עס פלעגט פּאַסירן, אַז זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט די פלייצעס האָט עס אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער רופנדיק: „רעכטס!" „לינקס!" „פאָרויס!" און אָפט נאַרנדיק בכיון די קעמפער. עטלעכע פּאָר האָבן זיך פונדעסטוועגן צונויפגעטראָפן און דער געראַנגל האט אָנגעהויבן צו ווערן בלוטיק. די מער פאַרביסענערע קעמפער האָבן געוואָרפן די פאַנצערס און געבגדיק זיך די לינקע הענט כדי זיך מער נישט צו פאַרלירן האָבן זיי מיט די רעכטע זיך געשלאָגן אויף טויט. ווער עס איז געפאַלן האָט אויפגעהויבן די פינגער אינדערהויך בעטנדיק מיט דעם צייכן רחמנות, אָבער מתחילת פאָרשטעלונג האָט דער המון געווינלעך פאַרלאַנגט דעם טויט פון די פאַרוווּנדעטע, איבערהויפּט ווען עס האָט געהאַלטן ביי די אַנדאַבאַטן, וועלכע האָבנדיק פאַרשטעלטע פנימער זענען זיי געבליבן אומבאַקאַנט. ביסלעכווייז אָבער איז די צאָל קעמפנדיקע וואָס אַמאָל קלענער געוואָרן און בעת עס זענען לסוף איבערגעבליבן נאָר צוויי האָט מען זיי צוגעשטופּט איינער צום צווייטן, אַזוי אַז פאַרטשעפּענדיק זיך זענען זיי ביידע געפאַלן אויפן זאַמד און האָבן איינער דעם צווייטן דערשטאָכן. דאַן האָבן די דינער ביי געשרייען „פאַרטיק!" (Peractum est.) צוגענומען די מתים און יינגלעך האָבן צעשאַרט די בלוט־שפּורן אויף דעם זאַמד פון דער אַרענע און אויסגעשיט זאַפראַן־בלעטלעך.

איצט האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן אַ וויכטיקערער קאַמף, וועלכער האָט געוועקט דעם בייגיר נישט נאָר פונם ערב רב, נאָר אויך פון דעם בעסערן עולם, און בעת וועלכן יונגע פּאַטריציער האָבן נישט איינמאָל געמאַכט ריזיקע וועטן, פאַרשפּילנדיק זיך אָפט ביז צום לעצטן פּאָדים אויף זיך. באַלד האָבן אויך אָנגעהויבן אומצוגיין פון הענט צו הענט טאָוולען אויף וועלכע מ'האָט אויפגעשריבן די נעמען פון די באַליבטע און אויך די צאָל סעסטערצן וואָס יעדער האָט געשטעלט פאַר זיין

אויסדערוויילטן. די „ספעקטאטי". דאָס הייסט די יעניקע קעמפער, וועלכע זענען שוין אַמאָל אַרויסגעטרעטן אויף דער ארענע און האָבן שוין אָפּגעהאַלטן נצחונות האָבן געהאַט אַממייסטן אָנהענגער. צווישן די שפּילער זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשטעלט באַדייטנדיקע סומען אויף נייע גלאַדיאַטארן, איינגאַנצן אומבאַקאַנטע, מיט דער האָפנונג אַז אין פאַל אויב זיי וועלן זיגן וועלן זיי געווינען ריזיקע סומען. עס האָט זיך געוועט דער צעזאַר אַליין און די כהנים און די וועסטאַלקעס און די סענאַטאָרן און די ריטער און דאָס פאָלק. פּראָסטע לייט ווען עס האָט זיי אויסגעפעלט געלט האָבן אָפט איינגעשטעלט זייער אייגענע פרייקייט. מ'האָט דעריבער מיט הארצקלאַפּן און אפילו מיט אומרו געוואַרט אויף דעם באַווייזן זיך פון די פעכטערס און נישט איינער האָט אויפן קול מנדר געווען צו די געטער, אַז זיי זאָלן נעמען אונטער זייער שוץ זייער באַליבטן קעמפער.

און ווען עס האָבן זיך דערהערט די מוראדיקע קולות פון די שופרות איז אין אַמפיטעאַטער איינגעטרעטן אַ שטילקייט פון דערוואַרטונג. טויזנטער אויגן האָבן זיך געווענדט צו דעם גרויסן טויער צו וועלכן עס האָט געגעבן אַ מענטש. פאַרקליידט פאַר אַ באַראָן און אין דער אַלגעמיינער שטילקייט ארום האָט ער דאָרט דריי מאָל אָנגעקלאַפּט ווי ער וואָלט אַרויסגערופן צום טויט די, וועלכע זענען הינטער אים. דערנאָך האָבן זיך פאַמעלעך געעפנט ביידע האַלבע טויערן וויַזנדיק זייער שוואַרצן חלל, פונוואַנען עס האָבן זיך גענומען שיטן אויף דער ליכטיקער ארענע ארויס גלאַדיאַטאָרן. זיי זענען געגאַנגען אין אָפּטיילונגען צו פינף און צוואַנציק מאַן, די טראַקן באַזונדער, מירמיליאָנען באַזונדער, סאַמניטן, גאַלן. אַלע שווער באַוואָפנט און לסוף די „רעטיארי", וואָס האָבן געהאַלטן אין איין האַנט אַ נעץ און אין דער צווייטער אַ דריי=צאָן. ביי זייער אָנבליק האָבן זיך פון פאַרשידענע ערטער געהערט אַ פּאַטשעריי, וועלכעס איז באַלד איבערגעגאַנגען אין איין אומיבערגעריסענעם הילכיקן שטורם. פון אויבן ביז אַראָפּ האָט מען געזען צעפלאַמטע פנימער, פּאַטשנדיקע הענט און אָפענע מיילער, פון וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעריסן גע=

שרייען. און זיי האָבן ארוממארשירט די ארענע מיט שטייפע געמאָסטענע טריט, בליצנדיק מיט די וואָפנס און מיט די רייכע פאנצערס. דערנאָך האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פארן צעזארשן „פּאָדיום", שטאָלצע, רויקע און פּרעכטיקע. אַ מוראדיקער קול פון אַ האָרן האָט איינגעשטילט דאָס געפּאַטשעריי און דאן האָבן די גלאַדיאַטאָרן אויסגעשטרעקט זייער רעכטע האַנט און אויפהייבנדיק זייערע קעפּ און די אויגן צום צעזאר האָבן זיי געגומען רופן אָדער גיכער געזאָגט זינגען מיט אויסגעצייגענע טענער:

„Ave caesar imperator!
Morituri te salutant!"

דערנאָך האָבן זיי זיך שנעל צערוקט, פאַרנעמענדיק באַזונדערע ערטער אויף דער קיילעכיקער אַרענע. זיי האָבן זיך געזאָלט אַטאַקירן מחנותווייז, נאָר פריער האָט מען צוגעלאָזט די באַרימטערע פעכטערס אויסצופירן איינצלנע קאמפן אין וועלכע עס האָט זיך אַמבעסטן אַרויסגעוויזן דער כח, די פלינקייט און דער מוט פון די קעגנער. באַלד האָט זיך פון צווישן די „גאַללן" ארויסגערוקט אַן אַטלעט באַקאַנט פאַר די ליבהאָבער פון אַמפּיטעאַטער אונטערן נאָמען „קצב" (לאַניאָ), זיגער אין פיל צירק-קאַמפּן. מיטן גרויסן העלם אויפן קאָפּ און מיטן פאַנצער, וואָס האָט אַרומגענומען פון הינטן און פון פאָרנט זיין מעכטיקע ברוסט, האָט ער אין גלעלן שיין פון דער אַרענע אויסגעזען ווי אַ ריזיקער בלישטשענדיקער זשוק. דער נישט ווייניקער באַרימטער רעטיאריוס קאַלענדיאָ איז אַרויסגעטרעטן קעגן אים.

צווישן די צוקוקער האָט מען זיך געגומען וועטן:

— פינף הונדערט סעסטערציעס פארן גאלל!

— פינף הונדערט פאַר קאַלענדיאָ!

— ביי הערקולעס! טויזנט!

— צוויי טויזנט!

דערווייל האָט דער גאלל, צוגייענדיק ביז אינדערמיט אַרענע, זיך גענומען צוריקרוקן הינטערווײַלעכס. מיט אַן אָנגעשטעלטער שווערד און מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, האָט ער זיך שטאַרק צוגעקוקט דורך די לעכער פונם שטערנלעדל צום קעגנער. דער פלינקער רעטיאַריוס ווידער מיט דער פּרעכטיקער סטאַטוע־אַר־טיקער געשטאַלט, איינגאַנצן אַ נאַקעטער, אַ חוץ די באַנד בײַ די לענדן, האָט אַרומגערעדלט שנעל דעם שווערן שונא פּאָכנ־דיק גראַציעז מיט דער נעץ, אַראָפּלאָזנדיק אָדער אויפהײבנדיק דעם דרײַצאָן און זינגענדיק דאָס געוויינלעכע לידל פון די פאַנגער:

„נישט דיך וויל איך, פיש זוך איך,
וואָס זשע אַנטלויפסטו, גאלל“. 1)

דער גאלל איז אָבער נישט אַנטלאָפן, אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און בלײַבנדיק שטיין אויף איין אָרט האָט ער זיך גענומען קערעווען מיט קליינע באַוועגונגען, אַזוי אַז ער זאָל כסדר האָבן דעם קעגנער פאַר זיך. אין זיין געשטאַלט און אין זיין מוראדיק גרויסן קאָפּ איז איצט געווען עפּעס אימהדיקס. די צוקוקער האָבן גוט געוווּסט, אַז דערדאָ־זיקער שווערער אין קופער פאַרשמידטער קערפּער קלויבט זיך צו אַ פּלוצלונגן איבערפאַל, וועלכער קען אַנטשיידן דעם גאַנצן קאַמף. דער פאַנגער איז דערווייל אָט צוגעשפּרונגען צו אים און אָט אָפּגעשפּרונגען, מאַכנדיק מיט זיין דרײַצאָניקן געווער אַזעלכע שנעלע באַוועגונגען, אַז דאָס מענטשלעכע אויג האָט קוים געקענט נאָכאיילן. דער געקלאַנג פון די ציין אָן דעם פאַנצער האָט עטלעכע מאָל אָפּגעהילכט, אָבער דער גאלל האָט זיך אַפילו קיין וואַקל נישט געטאָן, באַווייזנדיק דערמיט זיין אומגעהויערע קראַפט. זיין גאַנצע כונה איז דוכט זיך געווען אָנגעשטעלט נישט אויף דעם דרײַצאָן, נאָר אויף דער נעץ, וועלכע האָט ווי אַ בייזער פויגל זיך אָן אויפהער געדרייט איבער

1) Non te peto, piscem peto
Quid me fugis Galle

זיין קאָפּ. די צוקוקער האָבן מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם אין די ברוסטן נאָכגעקוקט די מייסטערהאַפטע שפּיל פון די גלאַדיאַטאָרן. לעניאָ האָט, דערוואַרטנדיק זיך אַ גינסטיקע מינוט, לסוף אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן שונא, יענער אָבער האָט מיט דערזעלבער פלינקייט זיך אַרויסגעדרייט פון אונטער זיין שווערט און מיט אַן אויפגעהויבענעם אָרם האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אַ וואָרף געטאָן די נעץ.

דער גאַלל האָט אַ דריי-טוענדיק זיך אויפן אָרט זי פּאַרהאַלטן מיטן פּאַנצער, נאָכדעם זענען זיי ביידע אָפּגעשפּרונגען פון זיך. אין אַמפּיטעאַטער האָבן אַ הילך געטאָן געשרייען: „מאַקטע!" און אין די נידריקערע רייען האָט מען גענומען מאַכן נייע וועטן. דער צעזאַר גופא, וועלכער האָט מתחילת גערעדט מיט דער וועסטאַלקע רובריאַ און האָט ביז איצט זיך כמעט נישט צוגעקוקט צו דער אַרענע, האָט איצט זיך אומגעדרייט צו די קעמפער.

און זיי ווידער האָבן גענומען זיך ראַנגלען מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט אין די באַוועגונגען, אַז אָפט האָט זיך געקענט דוכטן, אַז עס גייט זיי נישט וועגן לעבן און טויט נאָר אום אַרויסצווייזן זייער פלינקייט. לעניאָ, וועלכער האָט זיך נאָך צוויי מאָל אַרויסגעדרייט פון אונטער דער נעץ, האָט זיך ווידער גענומען צוריקרוקן הינטערווייל צו די ראַנדן פון דער אַרענע. דאַן האָבן די, וועלכע האָבן געשפּילט קעגן אים, נישט ווילנדיק אַז ער זאָל זיך אָפּרוען, גענומען שרייען: „פּאַל אָן!" דער גאַלל האָט געפאָלגט און איז אָנגעפאַלן. דער אָרט פונם פּאַנצער איז פלוצלונג באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט און די נעץ האָט זיך אים אַראָפּגעלאָזט. לאַניאָ האָט זיך צונויפגעצויגן און אַ שפּרונג געטאָן ווילנדיק דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ. אָבער אינדערזעלבער רגע האָט קאַלענדיאָ, וועלכער האָט בכיון זיך געמאַכט ווי ער וואָלט שוין נישט געקענט באַוועגן זיך מיט דער נעץ, זיך אָנגעבויגן אַן א זייט, אויסגעמיטן דעם זעץ און אַריינרוקנדיק דעם דרייצאָן צווישן די קניען פונם שונא האָט ער אים אומגעוואָרפן אויף דער ערד.

יענער האָט געוואָלט אויפשטיין אָבער אין איין אויגנבליק האָבן אים שוין אַרומגעוויקלט די פאַטאַלע שטריק אין וועלכע ער האָט זיך מיט יעדע באַוועגונג שטאַרקער פאַרפלאָנטערט מיט די הענט און די פיס. דערווייל האָבן די קלעפּ פונעם דרייצאָן אים צוגענעגלט איינמאָל און ס'צווייטע מאָל צו דער ערד. נאָך איינמאָל האָט ער זיך אָנגעשטרענגט אויפצושטיין, אומזיסט! ער האָט נאָך אויפגעהויבן צום קאָפּ די אָפּגעשוואַכטע הענט אין וועלכער ער האָט שוין נישט געקענט דערהאַלטן די שווערד און איז געפאַלן אויף הינטן. קאַלענדיאָ האָט מיט די ציין פונעם גאָפּל אים צוגעדריקט דעם האַלדז צו דער ערד און אָנגעשפּאַרנדיק זיך מיט ביידע הענט אויפן אָנגעם האָט ער זיך געווענדט אין דער זייט פון צעזאַרס לאָזשע.

דער גאַנצער צירק האָט זיך גענומען טרייסלען פון געפּאַטשערייען און פון מענטשלעכע קולות. פאַר די, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר קאַלענדיאָ איז ער אין דער מינוט געווען גרעסער פון צעזאַר, אָבער טאַקע דערפאַר איז אין זייערע הערצער פאַרשוואונדן די פאַרביסנקייט אויף קעגן לעניאָ, וועלכער האָט אויפן חשבון פון זיין בלוט זיי אָנגעשטאָפּט די טאַשן. די פאַרלאַנגען פונעם עולם האָבן זיך צעטיילט: אויף אַלע בענק האָבן זיך אינדערהעלפט באַוויזן צייכנס פון טויט און אינדערהעלפט פון רחמנות. דער פאַנגער אָבער האָט נאָר געקוקט אין דער זייט פונעם צעזאַרס לאָזשע און פון די וועסטאַלקעס, וואַרטנדיק וואָס זיי וועלן באַשליסן.

צום אומגליק האָט נירון נישט ליב געהאַט לעניאָ, ווייל אויף די לעצטע פאָרשטעלונגען פאַר דער שׂרפה האָט ער, וועטנדיק זיך קעגן לעניאָ, פאַרשפּילט אַ גרויסע סומע צו ליציניוסן, האָט ער בכן איצט אַרויסגערוקט די האַנט פון „פּאָדיום" און האָט אַראָפּגעבויגן אַ פינגער צו דער ערד.

די וועסטאַלקעס האָבן באַלד נאָכגעמאַכט דעמדאָזיקן צייכן, דאַן האָט קאַלענדיאָ אַנידערגעקניט אויף דער ברוסט פונעם גאַלל, האָט אַרויסגענומען אַ קורץ מעסער, וואָס ער האָט געטראָגן אונטערן פאַס און אַרויפבייגנדיק דעם פאַנצער ביים

האַלז פון קעגנער האָט ער אים אַריינגעזעצט די דרייקאַנטיקע שערף ביז צום הענטל אין האַלז אַריין.

— „פּעראַקטום עסט!“ (פאַרטיק) האָבן געדונערט קולות אין אַמפיטעאַטער.

און לאַניאַ האָט נאָך אַ שטיקל צייט זיך געוואָרפן, ווי אַ געקוילעטער אָקס און געקאָפּעט דאָס זאַמד מיט די פיס, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעשטייפט און געבליבן אומבאַוועגלעך.

דער מערקורי האָט נישט באַדאַרפט אויספּרובירן מיט אַנגעגליט אייזן צי ער לעבט נאָך. מ'האָט אים באַלד אָפּגעראַמט און אַנדערע פּאָרלעך זענען אַרויסגעטרעטן, נאָך וועלכע עס האָט ערשט אויפגעברויזט דער קאַמף פון גאַנצע מחנות. דאָס פאָלק האָט זיך באַטייליקט מיט דער נשמה, מיטן האַרץ, מיט די אויגן, עס האָט געוואָיעט, געברומט, געפּייפט, געקנאַקט, געלאַכט, אונטערגעהעצט די קעגנער, געווילדעוועט. צעטיילט אין צוויי מחנות אויף דער אַרענע האָבן די גלאַדיאַטאָרן געקעמפט מיט דער פאַרביסנקייט פון ווילדע חיות, ברוסט אָן ברוסט האָט אָנגעקלאַפּט, קערפּערס האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין טויט-אומאַרמונגען, קרעפטיקע איברים האָבן געקנאַקט אין די געלענקען, שווערדן זענען אַריין אין ברוסטן און בייכער, בלייכע מיילער האָבן געפלאָסן מיט בלוט אויפן זאַמד. אבער אַ צענדליק נאָך נייע גלאַדיאַטאָרן האָט לסוף אַרומגעכאַפּט אַזאַ שרעקלעכע אימה, אַז אַרויסרייסנדיק זיך פון דער אַלגעמיינער בהלה האָבן זיי גענומען אַנטלויפן, אָבער די מאַסטיגאָפאָרן האָבן זיי תיכף צוריקגעיאָגט מיט בייטשן, פאַרענדיקט מיט שטיקער בליי אין דער שפּיץ, אין דער שלאַכט. אויפן זאַמד זענען געוואָרן גרויסע טונקעלע פלעקן, וואָס אַמאָל זענען מער נאַקעטע און באַפּאַנצערטע קערפּערס געלעגן קופּעסווייז אָנגעוואָרפן ווי סנאָפּעס. די לעבעדיקע האָבן זיך געשלאָגן אויף די טויטע, האָבן זיך געשטרויכלט אָן פּאַנצערס, זיך צעבלוטיקט די פיס אָן צעבראָכענע וואָפן און געפאַלן. דאָס פאָלק איז געווען אויסער זיך פון פרייד, האָט זיך פאַר-

שיכורט מיטן טויט, האָט געאָטעמט מיט אים און מיט תענוג אַריינגעצויגן אין זיינע לונגען זיינע ריחות.

די באַזיגטע זענען לסוף כמעט אַלע געפאַלן. עטלעכע פאַרווונדעטע בלויז האָבן נאָך געקניט אינדערמיט אַרענע און וואַקלענדיק זיך האָבן זיי אויסגעצויגן צו די צוקוקער די הענט וועגן רחמנות. די זיגער האָט מען געטיילט מתנות, קראַנצן, איילבירט-צווייגלעך און עס איז געקומען אַ מאָמענט פון אָפרו, וועלכער איז אויפן באַפעל פון מעכטיקן צעזאַר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סעודה. אין די וואַזאָנען האָט מען אָנגעצונדן בשמים. באַטריפער האָבן באַפייכט דעם עולם מיט אַ רעגנדל פון זאַפראַן און פיילכלעך-דופט. מ׳האָט געטיילט קאַלטע געטראַנקען, געבראָטענע פליישן, זיסע צוקער-געבעקס, וויין, איילבירטן און פרוכטן. דאָס פאָלק האָט געאַכלט, גערעדט און געמאַכט אויסרופן לכבוד דעם צעזאַר, כדי דערמיט אים געשטימט צו מאַכן צו נאָך אַ גרעסערע פּזרנות. ווען מ׳האט געזעטיקט דעם הונגער און דעם דורשט האָבן שקלאַפן ווידער אַריינגעבראַכט קערב מיט מתנות, פון וועלכע יינגלעך, אַנגעטאָן ווי אַמאָרן, האָבן אַרויסגענומען פאַרשידענע זאַכן און האָבן עס מיט ביידע הענט צעוואָרפן צווישן די בענק. בעת מען האָט צעטיילט לאָטעריע „טעסערן" איז געוואָרן אַ געשלעג צווישן המון; מענטשן האָבן זיך געשטויסן, אומגעשליידערט זיך, געטרעטן איינע איבער די צווייטע, גערופן נאָך הילף, אַריבערגעשפרונגען איבער די בענק און זיך געשפאַרט אין דעם שרעקלעכן געדראַנג, ווארים ווער עס האָט באַקומען דעם גליקלעכן נומער האָט געקענט געווינען אפילו אַ הויז מיט אַ גאָרטן, אַ שקלאַף, פּרעכטיקע בגדים אָדער עפּעס אַ וווּנדערלעכע ווילדע חיה, וועלכע מ׳האָט דערנאָך געקענט פאַרקויפן דעם אַמפיטעאַטר. עס איז צוליב דעם געוואָרן אַ שרעקלעכע בהלה, אַז אָפט האָבן די פּרעטאָריער געמוזט מאַכן אָרדענונג און נאָך יעדער פאַרטיילונג האָט מען פון צירק אַרויסגעטראָגן מענטשן מיט צעבראָכענע הענט און פיס אָדער גאָר אינגאַנצן אויף טויט צעטרעטענע אין געדראַנג.

די רייכע אָבער האָבן נישט אַנטייל גענומען אין געדראַנג זעגן „טעסערן". די אויגוסטער האָבן זיך דאָסמאָל געווילט מיטן אויסזען פון כילאָנען און מיט אָפּשפּעטן פון זיינע אומי־זיסטע באַמיונגען צו וויזן מענטשן, אַז ער קען אויך אַזוי גוט ווי יעדער קוקן אויף די קאַמפן און די בלוט=פאַרגיסונגען. אומזיסט האָט דער אומגליקלעכער גריך געקנייטשט מיט די ברעמען, פאַרביסן די ליפּן און צונויפגעדריקט די פויסטן אַזוי, אַז די נעגל זענען אים אַריין אין פלייש. זיין גריכישע נאַ־טור, ווי אויך זיין פּערזענלעכע פּחדנות האָבן נישט געקענט פאַר־טראָגן אַזעלכע סצענעס. דאָס פּנים איז אים בלייך געוואָרן, דער שטערן איז באַדעקט געוואָרן מיט טראָפּנס שוויס, די ליפּן זענען בלאָ געוואָרן, די אויגן זענען אים אַריינגעפאַלן, די ציין האָבן אים גענומען קלאַפּן און דעם גאַנצן קערפּער האָט אַרומגעכאַפּט אַ פיבערדיקער ציטער. נאָכן סוף פון די קאַמפּן איז ער אַביסל געקומען צו זיך, אָבער ווען מ'האָט אים גענומען אויף די צינגער איז ער אַריין אין כעס און האָט פאַרצווייפלט גענומען צוריקשטעכן.

— הא, גריך! קענסט נישט קוקן אויף צעפליקטע מענטש־לעכע פעל! — האָט וואטיניוס געזאָגט, אַ צי טוענדיק אים פאַר דער באָרד.

כילאָן אָבער האָט אויסגעשטשירעט אויף אים זיינע צוויי לעצטע געלע ציין און אָפּגעענטפערט:

— מיין פאָטער איז נישט געווען קיין שוסטער, קען איך דאָך זי נישט פאַרריכטן.

— מאַקטע! האבעט! — האָבן עטלעכע שטימען אויס־גערופן.

אָבער אַנדערע האָבן ווייטער געחוזקט:

— נישט ער איז שולדיק, וואָס ער האָט אין דער ברוסט אַנשטאָט אַ האַרץ — אַ שטיקל קעז! — האָט סענעציאָ אויס־גערופן.

— נישט דו ביסט שולדיק, וואָס אַנשטאָט אַ קאָפּ האָסטו אַ בלאָז — האָט כילאָן געענטפערט.

— אפשר וועסטו ווערן אַ גלאַדיאַטאָר, וואָלסט שיין אויס־געזען מיט דער גע־ץ אויף דער אַרענע.

— ווען כ׳וואָלט דיך געפאַנגען אין איר, וואָלט איך גע־האַט אַ פאַרשטונקענעם פיש.

— און וואָס וועט זיין מיט די קריסטן ? — האָט פעס־טוס פון ליגוריע געפרעגט — וואָלסט נישט געוואָלט ווערן אַ הונט און בייסן זיי ?

— כ׳וואָלט נישט געוואָלט ווערן דיין ברודער.

— דו, מעאָקישע נאָגיע !

— דו ליגורישע ווילאייזל !

— די הויט בייסט דיך אַפנים, אָבער דו האָסט מורא מיך צו בעטן איך זאָל דיך קראַצן.

— קראַץ דיך אַליין און אויב דו וועסט דיר אָראָפּקראַצן דייגע קרעצלעך, וועסטו אָנווערן דאָס בעסטע, וואָס דו האָסט דיין אייגנס.

און אַזוי זענען זיי אים באַפאַלן און ער האָט גיפטיק צו־ריקגעשטאָכן ביי אַרומיקן געלעכטער. דער צעזאַר האָט גע־פּאַטשט מיט די הענט, געהאַלטן אין איין שרייען „מאַקטע !“ און האָט זיי אונטערגעהעצט. באַלד איז צוגעקומען פּעטראָניוס און אָנרירנדיק מיט אַ פון העלפאַנטביין געשניצטע שטעקעלע דעם אַקסל פון גריך, האָט ער קאַלטבלוטיק געזאָגט :

— זייער גוט, פילאָזאָף, אָבער מיט איין זאַך האָסטו זיך טועה געווען: די געטער האָבן דיך באַשאַפן אַלס פראָסטן און דו ביסט גאָר געוואָרן אַ דעמאָן און דעריבער וועסטו נישט אויסהאַלטן !

דער זקן האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט זיינע פאַר־רויטלטע אויגן, אָבער דאָסמאָל האָט ער נישט געפונען עפּעס אַ גרייטע באַליידיקונג. אַ ווייל האָט ער געשוויגן, דערנאָך האָט ער מיט אַ מין אָנשטרענגונג געענטפערט :

— כ׳וועל אויסהאַלטן !...

אָבער דערווייל האָבן די שופרות געגעבן צוּוויסן, אַז די הפסקה איז געענדיקט. דער עולם האָט אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן

די מחיצות צווישן די בענק, וו זיי האָבן זיך גרופּירט אום אויסצוגלייכן אַביסל די הענט און די פיס און אַ ביסל צו שמועסן. עס האָט אויפגעברויזט די אַלגעמיינע מהומה און די געוויינלעכע קריגערייען ביים פאַרנעמען די פּלעצער צום זיצן. די סענאַטאָרן און פּאַטריציער האָבן געאײלט צו זייערע פּלעצער. ביסלעכווייז איז דער טומל איינגעשטילט געוואָרן און עס איז געוואָרן אַן אָרדנונג אין אַמפיטעאַטר. אויף דער אַרענע זענען אַרויפגעקומען אַ גרופּע מענטשן און אָפּגערוימט די שטיקער קלעפּיקן זאַמד מיט פאַרגליווערט בלוט.

עס איז געקומען די ריי אויף די קריסטן. אָבער אַזוי ווי דאָס האָט געזאָלט זיין פאַרן פאָלק אַ גאַנץ נייער מין פאָרשטעלונג און קיינער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי זיי וועלן זיך פאַרהאַלטן, האָבן אַלע זיי דערוואַרט מיט געשפּאַנטקייט. די שטימונג פון עולם איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע, וואָרום מ׳האָט זיך גערעכט אויף אויסערגעוויינלעכע אָבער פיינטלעכע סצענעס. האָבן דאָך די מענטשן, וואָס דאַרפן זיך באַלד באַווייזן, אונטערגעצונדן רוים מיט אירע אייביקע אוצרות, שפּייזן זיי זיך דאָך מיטן בלוט פון זויגקינדער, פאַרסמן ברונעמס, פאַרשעלטן די גאַנצע מענטשהייט און טוען די אומפאַרשעמטסטע פאַרברעכנס. פאַר דער אויפגעהעצטער שנאה איז קיין שום שטרענגע שטראָף נישט גענוג געווען און אויב אין די הערצער איז געווען עפּעס אַן אנגסט איז עס געווען נאָר די, אַז די ענויים וועלן אפשר נישט זיין אַזוי גרויס ווי די פאַרברעכנס פון דידאָזיקע בייזע לייט...

די זון איז דערווייל געקומען גאַנץ הויך און אירע שטראַלן, וואָס האָבן זיך דורכגעזייט דורך דעם פּורפּורנעם „וועלאַריום”, האָבן אָנגעפילט דאָס אמפיטעאַטר מיט א בלוטיקן שיין. דאָס זאַמד האָט באַקומען אַ פייער-קאָליר און אין דידאָזיקע שיינען, אין די מענטשלעכע פנימער ווי אויך אין דער ליידיקער אַרענע, וועלכע האָט אין א מינוט אַרום באַדאַרפּ גערן פול מיט מענטשלעכע יסורים און חיהשע ישעות. איז געווען עפּעס שרעקלעכעס. עס האט זיך געדוכט, אַז אין דער

לופט טראָגט זיך אימה און טויט. דער תּמיד פריילעכער המון איז איצט אונטער דער השפּעה פון שנאה פאַרזונקען אין אַ שווייגן. די פּנימער האָבן געהאַט אַן אויסדרוק פון פאַרביסנקייט.

אינדעם האָט דער פּרעפעקט געגעבן אַ צייכן: דאַן האָט זיך באַוויזן דערזעלבער זקן אָנגעטאָן ווי כאַראָן, וועלכער האָט אַרויסגערופן די גלאַדיאַטאָרן צום טויט, און דורכגייענדיק מיט פּאַמעלעכע טריט די גאַנצע אַרענע, האָט ער אין דער אַרומיקער טויט־שטילקייט ווידער דריי מאָל אָנגעקלאַפּט מיטן האַמער אין דעם טויער.

אין גאַנצן אַמפיטעאַטער האָט זיך דערהערט אַ געברום:

— קריסטן! קריסטן!...

עס האָבן אַ קריץ געטאָן די אייזערנע קראַטן, פון די טונקעלע עפענונגען האָבן זיך געטראָגן די געוויינלעכע געשרייען פון די מאַסטיגאָפאָרן: „אויפן זאַמד!“ און אין איין מינוט איז די אַרענע אָנגעפילט געוואָרן מיט מחנות משונהדיקע געשטאַלטן אין פעל פון חיות. אַלע זענען כמעט געלאָפן פיבערהאַפט און אַרויספאַלנדיק אין דערמיטן אַרענע האָבן זיי אַנידערגעקניט איינער ביים צווייטן מיט אויפגעהויבענע הענט. דער המון האָט געמיינט, אַז דאָס בעטן זיי רחמנות און קומענדיק אין כעס פון אַזאַ מין פּחדנות, האָבן זיי גענומען טופּן, פייפן, וואַרפן ליידיקע כּלים פון ווייַן, אַרומגעגריזשעטע ביינער און געוואַלדעוועט: „חיות! חיות!“ אָבער פּלוצלונג איז געשען עפּעס אומגעריכטס. אָט האָבן זיך פון דערמיט דער פאַרטוליעטער גרופּע דערהויבן עטלעכע זינגנדיקע שטימען און באַלד האָט אויפגעהילכט אַ ליד, וואָס מ׳האָט איצט דאָס ערשטע מאָל געהערט אין אַ רוימישן צירק:

„Christus regnat!!...“

• • • • • • • • • • • • • • • •

דאָס פאָלק איז נשתּומם געוואָרן.

די פאַרמשפּטע האָבן געזונגען מיט אויפגעהויבענע אויגן אינדערהויך צום וועלאַריום. מ׳האָט געזען בלייכע פּנימער ווי

נאגייסטערט. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע מענטשן בעטן
בּישט קיין רחמנות און אַז זיי זעען דוכט זיך נישט דעם צירק,
נישט דעם המון, נישט דעם סענאַט, נישט דעם צעזאַר. „כריסטוס
רעגנאַט!" האָט וואָס אַמאָל העכער געהילכט און אויף די בּענק
העט ווייט בּיז אַרויף צווישן די רייען צוקוקער האָט נישט איי-
נער אין זיך געפרעגט: וואָס בּאַדייט דאָס? און וואָס איז דאָס
פאַר אַ קריסטוס, וואָס קעניגט אין די מיילער פון די דאָזיקע
מענטשן וואָס דאַרפן שטאַרבּן? אָבּער דערווייל האָט מען גע-
עפנט נאָך אַ נייע קראַטע און אויף דער אַרענע זענען אַרויס-
געלאָפן אין אַ ווילדע בּהלה און מיט אַ געבּילעריי גאַנצע סטאַדעס
הינט, בּלעדע ריזיקע מאָלאָסן פון פעלאָפּענעז, געשטרייפטע הינט
פון די פּירענעען און צו וועלף ענלעכע קונדלעס פון היבּערן,
בּכיון אויסגעהונגערטע, מיט איינגעפאַלענע זייטן און בּלוטיקע
אויגן. דאָס געוואָיעריי און קוויטשעריי האָט אָנגעפילט דאָס
גאַנצע אַמפיטעאַטער. די קריסטן, ענדיקנדיק דאָס ליד האָבן גע-
קניט אומבּאַוועגלעך, ווי פאַרשטיינערט, איבּערחזרנדיק נאָר כסדר
אין איין קרעכצנדיקן כאָר: „פּראָ כריסטאָ! פּראָ כריסטאָ!"
די הינט, דערשפּירנדיק מענטשן אונטער די חיהשע פעל און
פאַרוואונדערט פון זייער אומבּאַוועגלעכקייט, האָבּן נישט געוואַגט
מיטאַמאָל זיך צו וואַרפן אויף זיי. טייל האָבּן זיך געדראַפּעט
אויף די ווענט פון די לאָזשעס, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט
צובּאַקומען צו די צוקוקער, אַנדערע זענען געלאָפן אַרום און
אַרום מיט אַ בּייזן געבּיל, ווי זיי וואָלטן געיאָגט עפּעס אַן
אומגעזעענע חיה. דער המון איז בּייז געוואָרן, טויזנטער
שטימען האָבּן גענומען ליאַרמען. טייל צוקוקער האָבּן נאָכגע-
מאַכט דאָס ריטשען פון חיות, אַנדערע האָבּן געבּילט ווי הינט.
נאָך אַנדערע האָבּן געהעצט אין אַלע לשונות. דאָס אַמפיטע-
אַטער האָט זיך געטרייסלט פון רעש. די צערייצטע הינט האָבּן
אָנגעהויבּן דאָ צוצופאַלן צו די קניענדיקע, דאָ זיך צוריקרוקן,
קנאַקנדיק מיט די ציין, בּיז לסוף האָט איינער פון די מאָלאָסן
אַריינגעלאָזט די ציין אין רוקן פון אַ קניענדיקער פרוי פון
פאָרנט און האָט זי מיטגעשלעפּט מיט זיך.

דאָן האָבן זיך צענדליקער פון זיי אַ וואָרף געטאָן אין מיטן אַריין ווי אויף אַן אַטאַקע. דער עולם האָט אויפגעהערט צו ריטשען כדי זיך צוצוקוקן מיט מער אויפגעשפּיצטקייט. צווישן וואָיען און קריצעריי האָט מען נאָך געהערט קלאָגנדיקע שטימען פון מענער און פרויען: „פראָ כריסטאָ! פראָ כריסטאָ!” אָבער אויף דער אַרענע האָבן זיך שוין געשאַפן צאַפּלענדיקע קנוילן פון הינטישע און מענטשלעכע קערפּערס, בלוט האָט זיך איצט געגאָסן שטראָמענווייז פון די צעריסענע קערפּערס. די הינט האָבן זיך איינער דעם צווייטן אַרויסגעריסן פאַרבלוטיקטע מענטשלעכע איברים. דער ריח פון בלוט און צעפליקטע געדערים האָט פאַרשטיקט די אַראַבישע בשמים און אָנגעפילט דעם גאַנצן צירק. ביז לסוף האָט מען נאָר ווו נישט ווו נאָך געזען איינצלנע קניענדיקע געשטאַלטן, וועלכע האָבן אָבער אויך באַלד באַדעקט די באַוועגלעכע, קריכנדיקע, פאַרבלוטיקטע קופּעס.

ויניציוס, וועלכער האָט זיך אין מאָמענט ווען די קריסטן זענען אַרויף אויף דער אַרענע, אויפגעהויבן און אויסגעדרייט, לויט זיין הבטחה אָנצווייזן דעם פאַסאַר די זייט ווו דער אַפּאָסטאָל האָט זיך געפונען צווישן פּעטראָניוסעס מענטשן, האָט זיך איצט צוריקגעזעצט און געזעסן ווי פאַרשטאָרבן. קוקנדיק מיט אַ גלעזערנעם בליק אויף די שרעקלעכע סצענעס. פריער האָט די מורא, אַז דער פאַסאַר האָט זיך געקענט טועה זיין און ליגיע געפינט זיך אפשר צווישן די קרבנות, אין אים יעדעס אבר אָפּגעטויט. אָבער ווען ער האָט געהערט די שטימען „פראָ כריסטאָ!” בעת ער האָט געזען די ענוים פון אַזויפיל קרבנות, וועלכע האָבן שטאַרבנדיק זיך געהאַלטן ביי זייער אמת און ביי זייער גאָט, האָט אים אַרומגענומען אַן אַנדער געפיל, וואָס האָט אים שרעקלעך וויי געטאָן אָבער דאָך שטאַרק אין אים גערעדט, אַז אויב קריסטוס גופא איז געשטאָרבן אין ענוים און בעת טויזנטער קומען אום פאַר זיינעטוועגן, בעת עס פליסט אַ ים פון בלוט, האָט נאָך איין טראָפּן נישט קיין גרויסע באַדייטונג און עס איז אפילו אַ זינד צו בעטן גאָר וועגן רחמים. דערדאָזיקער געדאַנק איז געקומען צו אים פון דער

אַרענע, האָט אים דורכגעדרונגען צוזאַמען מיט די קרעכצן פון די שטאַרבנדיקע, צוזאַמען מיט דעם ריח פון בלוט. און דאָך האָט ער תּפֿילה געטאָן און איבערגעחזרט מיט פאַרטריקנטע ליפּן: „כריסטע! כריסטע! דיין אַפּאָסטאָל איז אויך מתפּלל פאַר איר!" דערנאָך האָט ער זיך פאַרגעסן, האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין ווו ער געפינט זיך, עס האָט זיך אים נאָר געדוכט, אַז דאָס בלוט אויף דער אַרענע ווערט אַלץ מער און מער, פאַרשפּרייט זיך און וואַקסט אַלץ העכער און וועט באַלד אַרויספליסן פון צירק איבער גאַנץ רוים. איבעריקנס, ער האָט גאָרנישט געהערט, נישט דאָס וואָיען פון די הינט, נישט דאָס געפילדער פון המון, נישט די קולות פון די אויגוסטער, וועלכע האָבן פּלוצלונג גענומען שרייען:

— כילאָן חלשט!!

— כילאָן חלשט! — האָט פּעטראָניוס איבערגעחזרט, אומדרייענדיק זיך צו דער זייט פונם גריך.

יענער האָט באמת געחלשט און איז געזעסן אַ ווייסער ווי לייוונט, מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ אַהינטער און מיט אַ ברייט געעפנט מויל ענלעך צו אַ מת.

אינדערזעלבער מינוט האָט מען גענומען אַרויסשטופּן אויף דער אַרענע נייע אין פעל פאַרנייטע קרבנות.

די האָבן ווי די פריערדיקע באַלד אַנידערגעקניט, אָבער די פאַרמאַטערטע הינט האָבן שוין נישט געוואָלט זיי רייסן. קוים נאָר עטלעכע פון זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די, וואָס האָבן אַמנאָנטסטן געקניט, די איבעריקע אָבער האָבן אַנידערלייגנדיק זיך און אויפהייבנדיק זייערע פאַרבלוטיקטע מאָרדעס, גענומען מאַכן מיט די זייטן און שווער סאָפּען.

דאַן האָט דער אינערלעך אומרויקער אָבער מיט בלוט פאַרשיכורטער המון גענומען שרייען מיט שרעקלעכע קולות:

— לייבן! לייבן! אַרויסלאָזן די לייבן!...

די לייבן האָבן געזאָלט זיין אויפן צווייטן טאָג, אָבער אין די אַמפיטעאַטערן האָט דאָס פאָלק אַלעמען אָנגעוואָרפן זיין ווילן, אַפילו דעם צעזאַר. נאָר איין קאַליגולאַ, אַ פרעכער און

אַ פּלאַטערקאַפּ, האָט געוואַגט אַנטקעגנצושטעלן זיך און ער פּלעגט הייסן אויסקלאַפּן דעם המון מיט שטעקנס, אָבער אויך ער האָט אָפּט געמוזט נאָכגעבן. נירון, וועמען אָוואַציעס זענען געווען טייערער ווי אַלץ אין דער וועלט, האָט זיך קיינמאָל נישט איינגעעקשנט, איבערהויפּט נאָך איצט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן באַרויקן די צערייצטע מאַסן נאָך דער שׂרפה און וועגן די קריסטן אויף וועמען ער האָט געוואָלט אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד.

ער האָט בכן געגעבן אַ צייכן מען זאָל עפענען די „קוניקולומס” און דאָס פאָלק, זעענדיק דאָס, האָט זיך באַלד באַרויקט. עס האָט זיך דערהערט דאָס סקריפּען פון די קראַטעס, הינטער וועלכע עס זענען געווען די לייבן. די הינט האָבן זיך, ביי זייער אָנבליק, צענויפגעטוליעט אין דער צווייטער זייט עגול, וואָיענדיק אינדערשטיל, די לייבן האָבן זיך גענומען אַרויסקייקלען איינער נאָכן צווייטן אויף דער אַרענע, ריזיקע, בלעדע, מיט גרויסע צעפלאָשעטע קעפּ. דער צעזאר אליין האָט אומגעדרייט צו זיי זיין פאַרלאַנגווייליקט פנים און צוגעלייגט דעם שמאַראַגד צום אויג, כדי זיך בעסער צוצוקוקן. די אויגוסטער האָבן זיי אויפגענומען מיט אַ פּאַטשעריי, דער המון האָט זיי געציילט אויף די פינגער, גוט אַכטונג געבנדיק אין דערזעלבער צייט, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיי מאַכן אויף די קניענדיקע קריסטן, וועלכע האָבן ווידער אָנגעהייבן איבערחזרן די פאַר פילע אומפאַרשטענדלעכע און אַלעמען צערייצנדיקע ווערטער „פּראָ כריסטאָ! פּראָ כריסטאָ!”...

די לייבן אָבער, הגם זיי זענען געווען אויסגעהונגערט האָבן זיך נישט געאיילט צו די קרבנות. דער רויטער שיין אויף דער אַרענע האָט זיי געשטאָכן, האָבן זיי געזשמורעט מיט די אויגן, ווי פאַרבלענדעטע, טייל האָבן פויל אויסגעצויגן זייערע גאָלדיקע קערפּער, טייל האָבן, אויפעפענענדיק די פּיסקעס געגענעצט, מ'וואָלט געקענט זאָגן, אַז זיי ווילן ווייזן דעם עולם זייערע שרעקלעכע ציין. דערנאָך אָבער האָט דער ריח פון בלוט און פון צעריסענע קערפּערס, וועלכע זענען נאָך

מאַסנווייז געלעגן אויף דער אַרענע, אָנגעהויבן ווירקן אויף זיי. באַלד זענען די באַוועגונגען זייערע געוואָרן אומרויִק, די גריוועס האָבן זיך קאַפּוירגעשטעלט, די נאָזלעכער האָבן כראָפּענדיק אַריינגעצויגן די לופט. איינער איז פּלוצלונג צוגעפאַלן צום טויטן קערפּער פון אַ פּרוי מיט אַ צעפּליקט געזיכט און אַרויפליגנדיק די פאָדערשטע לאַפּעס אויפן קערפּער, האָט ער גענומען לעקן מיט זיין האַרטשטעכיקער צונג די פאַרגליווערטע בלוט-שטיקער, אַ צווייטער איז צוגעגאַנגען צו אַ קריסט, וואָס האָט געהאַלטן אויף דער האַנט אַ קינד איינגענייט אין דער פעל פון אַ יונגן הירש.

דאָס קינד האָט זיך געוואָרפן אין געשריי און אין געוויין אַרומנעמענדיק קאָנוואַלסיוו דעם פאָטער ביים האַלז, דער טאָטער אָבער וועלנדיק אים פאַרלענגערן דאָס לעבן כאָטש אויף איין מינוט, האָט ער זיך באַמיט עס אָפּצורייסן פון זיין האַלז, כדי עס צו דערלאַנגען די ווייטער פון אים קניענדיקע. אָבער דאָס שרייען און דאָס באַוועגן זיך האָט צערייצט דעם לייב. פּלוצלונג האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קורצן אָפּגעריסענעם ברום, האָט מיט איין קלאַפּ פון זיין לאַפּע צעשמעטערט דאָס קינד און אַריינכאַפּנדיק אין געעפנטן פּיסק אַריין דעם שאַרבן פון פאָטער האָט ער אים אין איין רגע צעריבן.

נאָכדעם האָבן אַלע איבריקע זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער מחנה קריסטן. עטלעכע פרויען האָבן נישט געקענט איינהאַלטן זיך פון אימה-געשרייען, אָבער דער המון האָט זיי פאַרטויבט מיט פּאַטשערייען, וועלכע זענען דאָך באַלד שטיל געוואָרן מחמת דעם חשק זיך צוצוקוקן, וואָס האָט גובר געווען. דאַן האָט מען געזען שרעקלעכע זאַכן: קעפּ וואָס זענען אינגאַנצן פאַרשוונדן אין אָפענע פּיסקעס, ביז אינדערטיף געעפנטע בריסט מיט איין זעץ פון די ריזיקע ציין, אַרויסגעריסענע הערצער און לונגען, עס האָט זיך געהערט דאָס קנאַקן פון ביינער צווישן די ציין. טייל לייבן זענען, כאַפּנדיק זייערע קרבנות פאַר אַ זייט אָדער ביים רוקן, געלאָפן אין ווילדע שפּרונגען איבער דער אַרענע ווי זוכנדיק אַן אָרט,

ווו זיי אויפצופרעסן, אַנדערע זענען רייסנדיק זיך צווישן זיך אַרויפגעקראָכן איינע אויף די צווייטע אַרומנעמענדיק זיך מיט די לאַפּעס ווי אַטלעטן און אָנפילנדיק דאָס אַמפיטעאַטער מיט אַ געבּרום ווי דונערן. מענטשן זענען אויפגעשטאַנען פון די ערטער, אַנדערע האָבן פאַרלאָזט זייערע ערטער, זענען אַראָפּגעגאַנגען דורך די מחיצות נידריקער, כּדי בעסער צו זען און האָבן זיך דאָרט געדרענגט אויף טויט. עס האָט זיך געדוכט, אַז די צעפלאַמטע מאַסן וועלן זיך אָט אָט וואַרפן אויף דער סאַמע אַרענע און אָנהייבן רייסן צוזאַמען מיט די לייבן. מינוטנווייז האָט מען געהערט אַן אוממענטשלעך געפילדער, מינוטנווייז אַ געפּאַטשערײַ, מינוטנווייז ריטשען, ברומען, פליאַסקען פון ציינער, קוויטשען פון די מאַלאָסן, און מינוטנווייז בלויז נאָר אַ קרעכצן.

דער צעזאַר האָט איצט, האַלטנדיק דעם שמאַראַגד בײַם אויג, שטאַרק זיך צוגעקוקט. אויף פּעטראָניוסעס פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון עקל און פאַראַכטונג. כילאָנען האָט מען נאָך פון פריער שוין געהאַט אַרויסגעטראָגן פון צירק.

און פון די קוניקולן האָט מען אַלץ נייע קרבּנות אַרויסגעשיקט.

פון דער העכסטער רייע אין אַמפיטעאַטר האָט אויף זיי געקוקט דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, ווײַל אַלע זענען געווען פאַרגאַפט אויף דער אַרענע, איז ער בכן אויפגעשטאַנען און ווי אַמאָל אין קאָרנעליוסעס ווײַנגאָרטן האָט ער געהאַט געבענטשט פאַרן טויט און פאַר דער אייביקייט די, וועלכע האָבן געזאָלט געפאַנגען ווערן, אַזוי האָט ער איצט געבענטשט מיטן צלם די אומקומענדיקע אונטער די ציין פון די חיות, זייער בלוט און זייערע ענוים און זייערע טויטע גופים, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צעפליקטע שטיקער פלייש און זייערע נשמות וואָס רייסן זיך אָפּ פון דעם בלוטיקן זאַמד. טייל פון די מאַרטירער האָבן אויפגעהויבן צו אים די אויגן, און דאַן האָבן זייערע פּנימער אויפגעלויכטן און זיי האָבן זיך צעשמייכלט זעענדיק איבער זיך

דאָרט אויבן אינדערהויך דעם צייכן פון צלם. און אין אים איז דאָס האַרץ צעריסן געוואָרן און ער האָט געזאָגט: אָ, האַר, זאָל זיין דער ווילן דיינער, דען פאַר דיין לויב, פאַר דיין אמת קומען אום דידאָזיקע שעפעלעך מיינע! דו האָסט זיי מיך געהייסן פיטערן, איך גיב זיי איצט דיר אָפּ און דו צייל זיי איבער, האַר, עס זיי צו, פאַרהייל זייערע וווּנדן, באַרויק זייער שמערץ און גיב זיי נאָך מער גליק, ווי זיי האָבן דאָ יסורים געליטן.

און ער האָט זיי איינעם נאָכן צווייטן, איין גרופּע נאָך דער צווייטער געבענטשט מיט אַזאַ גרויסער ליבשאַפט, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע קינדער, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן אין די הענט פון קריסטוס. אינדעם האָט דער צעזאַר, צי מחמת פאַרגעסן זיך, צי ווייל ער האָט געוואָלט, אַז די פאָרשטעלונג זאָל איבערגיין אַלץ, וואָס מ'האָט ביז איצט געזען אין רוים, איינגערוימט עטלעכע ווערטער דעם פּרעפעקט און יענער איז, פאַרלאָזנדיק דעם פּאָדיום, תיכף אַוועק אין די קוניקולן. און אפילו דער המון איז נשתומם געוואָרן, ווען זיי האָבן אין אַ מינוט אַרום דערזען ווידער זיך עפענען די קראַטן. מ'האָט איצט אַרויסגעלאָזט אַלע מינים חיות: טיגערס פון פרת, נומידישע פּאַנטערס, בערן, וועלף, היענעס און שאַקאַלן. די גאַנצע אַרענע איז באַדעקט געוואָרן ווי מיט אַ באַוועגלעכע כוואַליע פון פעלן געשטרייפטע, געלע, בלאָנדע, טונקעלע, ברוינע און געפלעקטע. עס איז געוואָרן אַזאַ מהומה אין וועלכער די אויגן האָבן שוין גאָרנישט געקענט אונטערשיידן אויסער אַ שרעקלעכן ווירבל און געקנויל פון חיהשע רוקנס. דאָס בילד האָט פאַרלוירן יעדן שיין פון וואָרקייט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין אָרגיע פון בלוט, אין אַ שרעקלעכן חלום, אין אַ מוראדיקער פיבער-וויזיע פון אַ גייסטיק קראַנקן. די מאָס איז געווען איבערפולט. צווישן דעם ריטשען, וואָיען און קוויטשעריי האָט מען דאָ און דאָרט פון ד בענק דערהערט שרעקלעכע, ספּאַזמאַטישע געלעכטערן פון פרויען, וועלכע האָבן ענדלעך פאַרלוירן די כוחות. עס איז פיל מענטשן געוואָרן שרעקלעך. די פנימער

זענען אָנגעכמורעט געוואָרן. פיל שטימען האָבן גענומען שרייען: „גענוג! גענוג!"

די חיות איז אָבער לייכטער געווען ארויסצולאָזן ווי צוריק אריינצוטרייבן. דער צעזאָר האָט אָבער געפונען אַ מיטל ווי אַזוי אָפּצורייניקן פון זיי די אַרענע, און עס זאָל גלייכצייטיק זיין אַ נייע פאַרווײַלונג פאַרן עולם. אין אַלע דורכגענג צווישן די בענק האָבן זיך באַוויזן מחנות שוואַרצע נומידן אויסגעפּוצטע אין פעדערן און אין אויערנלעדלעך, מיט בויגנס אין די הענט. דער המון האָט פאַרשטאַנען וואָס עס דאַרף באַלד געשען און האָט זיי באַגריסט מיט אויסגעשרייען פון צופרידנקייט. און זיי זענען צו צום ראַנד און צולייגנדיק די פיילן צו די ציילן האָבן זיי גענומען שיסן פון די בויגנס אין די קופּעס חיות. דאָס איז באמת געווען אַ נייע בילד. שלאַנקע, שוואַרצע קערפערס האָבן זיך אויסגעבויגן אַהינטער אָנציענדיק די עלאַסטישע בויגנס און שיקנדיק פייל נאָך פייל. דאָס הודיען פון די בויגן־זיידן און דאָס פייפן פון די שפּיציקע פיילן האָט זיך אויסגעמישט מיטן געיאָמער פון די חיות און מיט די אַנטציקונגס־געשרייען פונם המון. די וועלף, בערן, פּאַנטערס און די מענטשן, וועלכע זענען נאָך געבליבן לעבן זענען אין איין קופּע געפאַלן איינע לעבן די צווייטע. דאָ און דאָרט האָט אַ לייב, דערפילנדיק אַ פייל אין דער זייט, זיך אַ האַסטיקן דריי געגעבן מיט אַ צעוויפגעקאָרטשעטע מאָרדע פון כּעס אום צו כאַפּן און צו צערייבן דאָס שטיק, וואָס האָט זיך אין אים איינגעגראָבן. אַנדערע האָבן געקרעכצט פון ווייטאָק. דאָס חיהשע קליינוואַרג איז, אַריינפאַלנדיק אין אַ בהלה, געלאָפן אַרום דער אַרענע, אָדער זיך געקלאַפּט מיט די קעפּ אין די קראַטן, און די פיילן האָבן געהודעט און געהודעט כּסדר, ביז אַלץ וואָס לעבעדיק איז נישט געלעגן שוין אין די לעצטע גסיסה־צאַפּלען.

דאַן זענען הונדערטער שקלאַפן ארויפגעפאַלן אויף דער אַרענע באַוואָפנט מיט רידלעס, לאָפּאַטעס, בעזעמער, טאַטשקעס, קוישן צום אַרויסטראָגן די געדערעם און זעק מיט זאַמד.

איינע נאָך די צווייטע זענען זיי אָנגעקומען און אויף דעם גאַנצן עגול אַרום האָט געקאָכט אַ פּיבערדיקע אַרבעט. אינ־גיכן איז די אַרענע אָפּגערייניקט געוואָרן פון די פגרים, בלוט און צואות, דורכגעגראָבן און אויסגעגלייכט געוואָרן און אי־בערגעשיט מיט אַ נייעם דיקן שיכט זאַמד. דערנאָך זענען אַריינגעלאָפן אַמאָרעלעך, צעשיטנדיק רויזנבלעטער, ליליעס און פאַרשידענע בלומען. מ'האָט אויפסניי אָנגעצונדן אין די בשמים־געפעסן און אַראָפּגענומען דעם וועלאריום, ווייל די זון איז שוין געווען שטאַרק נידריק.

און דער עולם האָט, אָנקוקנדיק זיך מיט פאַרווונדערונג, געפרעגט איינער ביים צווייטן, וואָס נאָך פאַר אַ פאָרשטעלונג וועט דען נאָך היינט זיין.

און עס איז פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס קיינער האָט זיך דערויף נישט געריכט. אָט האָט זיך דער צעזאַר, וועלכער האָט פריער געהאַט פאַרלאָזט דעם פּאָדיום, פּלוצלונג באַוויזן אויף דער באַבלומטער אַרענע, אָנגעטאָן אין פּורפּור־מאַנטל און אין אַ גאָלדענעם קראַנץ. צוועלף זינגער מיט ציטרען אין די הענט זענען נאָכגעקומען נאָך אים, און ער, האַלטנדיק אַ זילבערנע האַרפע, איז מיט פייערלעכע טריט ארויס ביז אינ־מיטן דער אַרענע און פאַרנייגנדיק זיך עטלעכע מאָל פאַרן עולם האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און איז אַ צייט אַזוי פאַרבליבן ווי וואַרטנדיק אויף באַגייסטערונג.

דערנאָך האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן איבער די סטרונעס און געגומען זינגען:

„אָ, שטראַלנדיקער זון פון לעטאַ,
הערשער פון טענעד, קילל און כריז,
דאָס האָסטו, האָבנדיק אונטער דיין השגחה,
פון איליאָן די הייליקע שטאָט,
געקענט זי דעם צאָרן פון די אכיוון איבערגעבן
און דולדן, אַז די הייליקע מזבחות,
וואָס האָבן אייביק געפלאַקערט פאַר דיין לויב

זאָלן באַשפּריצט ווערן מיט בלוט פון די טראַיער ?
צו דיר, זקנים זייערע ציטערנדיקע הענט,
אָ זילבערבויגנדיקער, אין מרחק צילנדיקער,
צו דיר מוטערס ממעמקים פון זייערע לייבער
האָבן דערהויבן טרערן־שטימען,
זאָלסט אויף זייערע קינדער רחמים האָבן ;
אַ פעלז וואָלטן די קלאָגן גערירט
און דו ביסט ווייניקער גערירט געווען ווי אַ פעלז,
סמינטיי, אויף מענטשלעכן שמערץ !!!״..

דאָס ליד איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אַ יאָ־מערנדיקע, ווייטאָקפולע עלעגיע. אין צירק איז שטיל געווען. אין אַ מינוט אַרום האָט דער צעזאַר, אַליין אַ גערירטער, גע־נומען ווייטער זינגען:

„האָסט דאָך געקענט מיט דעם קלאַנג, דעם געטלעכן, פון פאָרמינגעס
פאַרטויבן דעם יאָמער פון הערצער און דעם געשריי,
אַז דאָס אויג נאָך היינט
פאַרגייט מיט אַ טרער, ווי מיט טוי פון אַ בלום,
ביים קלאַנג, דעם אומעטיקן, פונם ליד דעם,
וואָס לעבט אויף צוריק פון שטויב און אַש
פון שרפות, מפּלות, דעם אומגליק פון טאָג יענעם...
סמינטיי, ווו ביסטו דאַן געווען ?״

דאָ האָט אים די שטים אַ ציטער געטאָן און די אויגן זענען אים פייכט געוואָרן. אויף די וויעס פון די וועסטאַלקעס האָבן זיך באַוויזן טרערן, דאָס פאָלק האָט שטילשווייגנדיק אויסגעהערט און דערנאָך אויסגעבראָכן מיט אַן אומאויפהער־לעכן שטורם פון אָוואַציעס.

דערווייל האָט זיך פונדרויסן דערטראָגן, דורך די אָפענע וואָמיטאָריעס צום דורכלופטערן, דאָס סקריפּען פון די וועגנס, אויף וועלכע מ׳האָט אַוועקגעפירט די בלוטיקע רעשטלעך פון די קריסטן

פון מענער ווייבער און קינדער, צו די שרעקלעכע גריבער, די אזויגערופענע „פוטיקולי".

און אפאסטאל פעטרוס האט זיך אנגעכאפט מיט דער האנט ביי זיין ווייסן ציטערדיקן קאפ און האט אין זיך גערופן:

– האר! האר! וועמען האסטו איבערגעגעבן די ממשלה איבער דער וועלט? און דו ווילסט דאך גרינדן דיין רעזידענץ אין דערדאזיקער שטאט?

LVII

די זון איז דורך דער צייט אַראָפּ צו מערב זייט און האָט אויסגעזען ווי צעפּלאָסן גאָלד אין אָוונט־שיין. די פֿאָרשטעלונג איז געווען געענדיקט. די מאַסן האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן דאָס אַמפיטעאַטער און אַרויסצושטראָמען דורך די אַרויסגענג, די אַזויגערופֿענע וואָמיטאָריעס איבער דער שטאָט. בלויז די אויגוסטער האָבן זיך נישט געאײַלט, וואַרטנדיק ביז דער שטראָם וועט אַריבער. אַ גאַנצע גרופּע פֿון זיי האָבן, פֿאַרלאָזנדיק זייערע ערטער, זיך צונויפֿגעזאַמלט בײַם פּאָדיום, אין וועלכן דער צעזאַר האָט זיך ווידער באַוויזן, כּדי צו הערן שבֿחים. הגם דער עולם האָט אים נישט געקאַרגט קיין אָוואַציעס באַלד נאָכן ענדיקן דאָס ליד, איז אים דאָך דאָס אַלץ נישט גענוג געווען, וואָרים ער האָט זיך געריכט אויף אַזאַ התפּעלות ביז משוגעת. אומזיסט האָבן איצט געקלונגען די לויב־הימנען, אומזיסט האָבן די וועסטאַלקעס געקושט זײַנע „געטלעכע" הענט און רובריאַ האָט זיך [illegible] אַזוי אַראָפּגעבויגן, אַז איר געלער קאָפּ האָט אָנגערירט

זיין ברוסט. נירון איז געווען אומצופרידן און האָט עס נישט געקענט באהאַלטן. עס האָט אים געחידושט און באַאומרויקט אויך דאָס, וואָס פעטראָניוס שווייגט. עפּעס זיינס אַ ליבּ־וואָרט, וואָס זאָל גלייכצייטיק אויך טרעפלעך ארויטרוקן די מעלות פון ליד, וואָלט פאַר אים איצט געווען אַ גרויסע טרייסט. לסוף, נישט קענענדיק אויסהאַלטן לענגער, האָט ער אַ ווונק געטאָן צו אים און ווען יענער איז אַריין אין פאָדיום האָט ער געזאָגט:

— זאָג...

און פעטראָניוס האָט אים קאַלט געענטפערט:

— איך שווייג, ווייל איך קען נישט געפינען קיין ווערטער. האָסט זיך אַליין איבערגעשטיגן.

— מיר האָט זיך אויך אַזוי געדוכט, אָבער דאָך, דאָס דאָזיקע פאָלק?...

— צו קענסטו פאַרלאַנגען פון פּראָסטע לייט, אַז זיי זאָלן זיך קענען אויף פּאָעזיע?

— האָסטו בכן אויך באַמערקט, אַז מ'האָט מיר נישט באַדאַנקט אַזוי ווי כ'האָב מיר פאַרדינט?

— ווייל דו האָסט אויסגעקליבן אַ שלעכטן מאָמענט.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, ווייל די מחות, פאַרטשאַדעטע מיטן ריח פון בלוט, האָבן נישט געקענט הערן מיט כּוונה.

נירון האָט געבײַלט די פויסטן און אויסגערופן:

— אָך, די דאָזיקע קריסטן! זיי האָבן פאַרברענט רוים, און איצט באַצוולהן זיי אויך מיך. וואָס נאָך פאַר אַ שטראָף זאָל איך אויסגעפינען פאַר זיי?

פעטראָניוס האָט זיך ארומגעזען, אַז ער גייט מיט א שלעכטן וועג, און אַז זיינע ווערטער האָבן פונקט א פאַרקערטע ווירקונג, ווי ער האָט געוואָלט. וועלנדיק, בכן, אָפּווענדן דעם צעזאָרס געדאַנק אויף עפּעס אַנדערש האָט ער זיך צוגעבויגן צו אים און אים איינגערוימט:

— דיין ליד איז הערלעך, אָבער איך וועל דיר מאַכן אַ באַמערקונג: אין דער פערטער שורה פון דריטן פערז לאָזט

די מעטריק נאָך עפּעס צו ווינטשן.

נירון האָט זיך שטאַרק פאַררויטלט פאַר בושה, ווי מ'וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ מיאוסער עובדה, האָט צעשראָקן אַ קוק געטאָן און האָט אויך שטיל געענטפערט:

— דו באַמערקסט אַלץ!... כ'ווייס!... כ'וועל איבערמאכן!...
אָבער עס האָט מער קיינער נישט באמערקט? אמת? און דו, ביי דער ליבע פון די געטער, זאָג עס נישט קיינעם... אויב... דאָס לעבן איז דיר ליב...

דערויף האָט פּעטראָניוס צוזיפגעצויגן די ברעמען און האָט אָפּגעענטפערט ווי אין אויסברוך פון לאנגווייליקייט און ווידערווילן:

— דו קענסט מיך, געטלעכער, פאַרמשפּטן צום טויט, אויב איך בין דיר אין וועג, אָבער דראָען דערמיט זאָלסטו מיך נישט, ווארים די געטער ווייסן אמבעסטן, צי איך האָב דערפאַר מורא.

און ביי די ווערטער האָט ער גענומען קוקן דעם צעזאַר גלייך אין די אויגן, יענער האָט אים דאן אין אַ וויילע ארום געענטפערט:

— זיי נישט בייז... דו ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב...

— אַ שלעכטער סימן! — האָט פּעטראָניוס אַ טראַכט געטאָן.

— איך האָב אייך אַלעמען געוואָלט בעטן אויף אַ גאַסטמאָל — האָט נירון געזאָגט — אָבער איך וויל גלייכער זיך פאַרמאכן און שלייפן יענע פאַרשאָלטענע שורה פון דעם דריטן פערז. אַ חוץ דיר האָט דעם פעלער געקענט באַמערקן אויך סענעקא און אפשר אויך סעקונדוס קארינאַס, אָבער כ'וועל באַלד פון זיי פטור ווערן.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער צוגערופן סענעקאן און אים מודיע געווען, אַז צוזאַמען מיט אקראַטוסן און סעקונדוס קאַרינאַסן שיקט ער אים קיין איטאַליען און אין אַלע איבריקע פּראָווינצן נאָך געלט, וועלכעס ער באַפעלט אים איינצומאָנען פון די שטעט, פון די דערפער, פון די באַרימטע טעמפּלען,

מיט איין וואָרט פון אומעטום ווי מ'וועט עס נאָר געפינען אָדער קענען אַרויספּרעסן. אָבער סענעקאַ, פאַרשטייענדיק אַז ער גיט אים איבער אַן אַרבעט פון אַ רויבער, חלול הקודשניק און רוצח האָט זיך גלייך אָפּגעזאָגט.

— איך מוז אַרויספאָרן אויפן דאָרף, האַר — האָט ער געזאָגט — און דאָרט וואַרטן אויפן טויט, וואָרים איך בין שוין אַלט און מיינע נערוון זענען קראַנק.

סענעקאָס איבערישע נערוון, נאָך שטאַרקערע פון כילאָנס, זענען אפשר נישט געווען קראַנק, אָבער זיין געזונט איז בכלל געווען נישט אָמבעסטן, וואָרים ער האָט אויסגעזען ווי אַ שאָטן און דער קאָפּ איז אים די לעצטע צייטן אינגאַנצן גראָ געוואָרן.

און נירון האָט, קוקנדיק אויף אים, זיך געטראַכט, אַז ער וועט שוין אפשר באמת נישט לאַנג דאַרפן וואַרטן אויף זיין טויט און ער האָט געענטפערט:

— איך וויל דיך נישט ברענגען צו אַ נסיעה, אויב דו ביסט קראַנק, נאָר אַזוי ווי מחמת דער ליבשאַפט וואָס איך האָב צו דיר וויל איך דיך האָבן נעבן מיר, על כן אַנשטאָט אַרויסצופאָרן אויפן דאָרף, וועסטו זיך פאַרמאַכן אין דיין הויז און וועסט עס נישט פאַרלאָזן מער.

דערנאָך האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— אַז איך זאָל שיקן אַקראַטוסן און קאַרינאַסן אַליין איז ווי איך וואָלט שיקן וועלף נאָך שעפּסן. וועמען קען איך זיי מיטגעבן פאַר אַ משגיח איבער זיי?

— מיך, האַר! — האָט דאָמיציוס אַפער זיך אָנגע-רופן.

— ניין! איך וויל נישט ברענגען אויף רוים דעם כעס פון מערקור וועמען איר וואָלט פאַרשעמט מיט גנבה. איך דאַרף עפּעס אַ מין סטאָיִק, ווי סענעקאַ, אָדער ווי מיין נייער פריינט דער פילאָזאָף כילאָן.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן און גע-פרעגט:

— און וואָס איז געוואָרן מיט כילאָנען?

כילאָן אָבער, וועלכער איז אויף דער לופט צו זיך געקומען, און איז צוריק אריין אין אמפיטעאַטער ביים צעזאַרס ליד, האָט זיך צוגערוקט און געזאָגט:

— איך בין דאָ, ליכטיק קינד פון דער זון און פון דער לבנה, כ'בין געווען קראַנק, אָבער דיין געזאַנג האָט מיך געזונט געמאַכט.

— כ'וועל דיך שיקן קיין אַכאַי — האָט נירון געזאָגט. — דו מוזט אוודאי וויסן ביז איין פרוטה וויפל עס געפינט זיך דאָרט אין יעדן טעמפל.

— טו אַזוי, זעוס, און די געטער וועלן דיך אַזוי באַשענקען, ווי זיי האָבן נאָך קיינעם נישט אַזוי באַשאָנקען.

— איך וואָלט עס געטאָן, אָבער איך וויל דיר נישט צונעמען די מעגלעכקייט צו זען די פאָרשטעלונגען.

— בעל!... — האָט כילאָן געזאָגט.

אָבער די אויגוסטער, צופרידן וואָס דער הומאָר ביים צעזאַר האָט זיך פאַרבעסערט, האָבן גענומען לאַכן און שרייען:

— ניין, האַר! נעם נישט צו ביי דעמדאָזיקן העלדישן גריך די געלעגנהייט צו זען די פאָרשטעלונגען.

— אָבער נעם מיר צו האַר דעם אָנבליק פון דידאָזיקע קוויטשנדיקע קאַפּיטאָלינער גענז, וועמעס מוחות אַלע צוזאַמענגענומען וואָלטן נישט געקענט אָנפילן קיין ניסל־שאָלעכץ, — האָט כילאָן געענטפערט. — איך שרייב איצט, אָ, בכור פון אַפּאָללין, אַ הימן אויף גריכיש לכבוד דיר און דעריבער וויל איך פאַרברענגען עטלעכע טעג אינם טעמפל פון די מוזעס אום זיי צו בעטן וועגן רוח הקודש.

— אָ, ניין! — האָט נירון אויסגערופן. — ווילסט זיך אַרויסדרייען פון די ווייטערע פאָרשטעלונגען. דאָס גייט נישט!

— כ'שווער דיר, האַר, אַז כ'שרייב אַ הימן.

— וועסט אים שרייבן ביינאַכט בעט דיאַנע וועגן רוח הקודש, זי איז דאָך די שוועסטער פון אַפּאָללינען.

כילאָן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, קוקנדיק מיט כעס אויף די אַרומיקע, וועלכע האָבן ווידער אָנגעהויבן צו לאַכן.

דער צעזאַר ווידער האָט, ווענדנדיק זיך צו סענעציאָ און צו־טוליוס נערולינאָן, געזאָגט:

— שטעלט אייך פאָר, אַז פון די באַשטימטע קריסטן אויף היינט האָבן מיר זיך קוים מיט א העלפט באַוויזן אָפּצו־פּאַרטיקן.

דערויף האָט דער אַלטער אַקווילוס רעגולוס, אַ גרויסער מבין פון זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צום אַמפיטעאַטער, אַ מי־נוט נאָכגעקלערט און זיך דאַן אָנגערופן:

— דידאָזיקע פאָרשטעלונגען, אין וועלכע עס טרעטן אַרויס מענטשן sine armis et sine arte (אָן וואָפן און אָן קונסט. דער איבערז.) געדויערן נישט ווייניקער און זענען ווייניקער אינטערעסאַנט.

— איך וועל זיי הייסן געבן וואָפן — האָט נירון גע־ענטפערט.

אָבער דער אַבערגלויביקער וועסטינוס האָט זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט פון זיינע מחשבות און האָט מיט א סודותפולער שטים געפרעגט:

— האט איר באַמערקט, אַז זיי זעען עפּעס, בעת דער גסיסה? זיי קוקן אינדערהויך און זיי שטאַרבן, ווי אָן יסורים. איך בין זיכער, אַז זיי זעען עפּעס...

דאָס זאָגנדיק האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צו דער עפענונג אינדערהויך פון אַמפיטעאַטער, איבער וועלכן די נאַכט האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דאָס מיט שטערן־אויס־געשמיקטע „וועלאַריום". די איבעריקע אָבער האָבן געענטפערט מיט געלעכטער און מיט שפּאַסיקע השערות, וואָס די קריסטן קענען אַזוינס זען בעתן שטאַרבן. דערווייל האָט דער צעזאַר געגעבן אַ צייכן די שקלאַפן, וואָס האָבן געהאַלטן די שטור־קאַצן און האָט פאַרלאָזן דעם צירק און נאָך אים די וועס־טאַלקעס, די סענאַטאָרן, די באַאַמטע און די אויגוסטער.

עס איז געווען אַ ליכטיקע וואַרעמע נאַכט. פאַרן צירק זענען נאָך געשטאַנען פיל פון המון, וואָס האָבן געוואָלט זעען דעם אָפּפאָר פון צעזאַר, אָבער ערנסטע און שווייגנדיקע. ווי־

נישט ווו האָבן זיך דערהערט אָוואַציעס, וועלכע זענען באַלד שטיל געוואָרן. פון „ספּאָליאַריום" האָבן סקריפּענדיקע וועגן אַרויסגעפירט די פּאַרבלוטיקטע רעשטלעך פון די קריסטן.

פּעטראָניוס און וויניציוס האָבן דורכגעמאַכט דעם וועג שווייגנדיק. ערשט לעבן דער ווילאַ האָט פּעטראָניוס געפרעגט:

— האָסט געטראַכט וועגן דעם, וואָס איך האָב דיר געזאָגט?

— יאָ — האָט וויניציוס געענטפערט.

— צי וועסטו גלויבן, אַז איצט איז דאָס פאַר מיר אויך אַ זייער וויכטיקער ענין. איך מוז זי איצט באַפרייען להכעיס דעם צעזאַר און טיגעלינען. דאָס איז אַ מין מלחמה אין וועלכער איך האָב באַשלאָסן אומבאַדינגט מנצח צו זיין, אַ מין שפּיל, וועלכע איך וויל געווינען אפילו אויפן חשבון פון מיין אייגענער הויט. דער היינטיקער טאָג האָט מיך נאָך מער באַפעסטיקט אין מיין דעה.

— זאָל דיך קריסטוס באַלוינען!

— וועסט זען.

אַזוי רעדנדיק זענען זיי געבליבן שטיין פאַר דער טיר פון דער ווילאַ און זיי זענען אַרויס פון דער לעקטיקע. אינדערזעלבער מינוט איז צוגעקומען צו זיי עפּעס אַ טונקעלע געשטאַלט און געפרעגט:

— צי איז דאָ פאַראַן דער איידעלער וויניציוס?

— יאָ — האָט דער טריבון געענטפערט — וואָס פאַרלאַנגסטו?

— איך בין נאַזאַריוס, דער זון פון מרים: איך קום פון תפיסה און כ'ברענג דיר אַ גרוס פון ליגיען.

וויניציוס האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל און ביים ליכט פון שטורקאַץ האָט ער גענומען אים קוקן אין די אויגן, נישט קענענדיק אַרויסרעדן קיין וואָרט, אָבער נאַזאַריוס האָט פאַרשטאַנען די פראַגע, וואָס רייסט זיך פון זיינע ליפּן און האָט געענטפערט:

— זי לעבט. אורסוס האָט מיך געשיקט צו דיר, האַר, אַז זי איז מתפּלל אין היץ פאַר דיר און חזרט כּסדר דיין נאָמען.

וויניציוס האָט געענטפערט:

— געליבט איז קריסטוס, וועלכער קען זי מיר אומקערן.

דערנאָך האָט ער, נעמענדיק נאַזאַריוסן, אים אַריינגעפירט אין ביבליאָטעק. אין אַ ווייל אַרום איז פּעטראָניוס אויך אָנגעקומען אום צו הערן זייער שמועס.

— די קראַנקהייט האָט זי מציל געווען פון שאַנד, ווייל די תּלינים האָבן מורא — האָט דאָס ייִנגל געזאָגט. — אורסוס און גלויקוס-רופא וואַכן איבער איר בייטאָג און ביינאַכט.

— צי זענען די וועכטער דיזעלבע?

— יאָ, האַר, זי געפינט זיך טאַקע ביי זיי אין חדר. די געפאַנגענע, וועלכע זענען געווען אין אונטערשטן טייל פון דער תּפיסה, זענען אַלע אויסגעשטאָרבן פון פיבער, אָדער דערשטיקט געוואָרן פון עפּוש.

— ווער ביסטו דען? — האָט פּעטראָניוס געפרעגט.

— דער איידעלער וויניציוס קען מיך, איך בין דער זון פון דער אַלמנה, ביי וועלכער ליגיע האָט געוווינט.

— ביסט אַ קריסט?

דאָס ייִנגל האָט געוואָרפן אַ פרעגנדיקן בליק אויף וויניציוסן, אָבער זעענדיק, אַז ער איז אין דער מינוט מתפּלל האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— יאָ.

— ווי אַזוי האָסטו אַ פרייען אַריינגאַנג אין תּפיסה?

— כ'האָב זיך פאַרדונגען פאַר אַ מתים-טרעגער. כ'האָב דאָס בכּיון געטאָן, כּדי צו קענען קומען צוהילף מיינע ברידער און ברענגען זיי ידיעות פון שטאָט.

פּעטראָניוס האָט זיך שטאַרקער איינגעקוקט אין דעם ייִנגלס שיין פּנים, אין זיינע בלאָע אויגן און שוואַרצע געדיכטע האָר, דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— פון וועלכן לאַנד ביסטו, יינגל?

— פון גליל, האַר.

— וואָלסטו געוואָלט, אַז ליגיע זאָל באַפרייט ווערן?

דאָס יינגל האָט אויפגעהויבן די אויגן:

— ווען איך זאָל אַפילו אַליין מוזן שטאַרבן.

דערווייל האָט וויניציוס אויפגעהערט תּפילה צו טאָן און ער האָט זיך אָנגערופן:

— זאָג די וועכטער, אַז זיי זאָלן זי אַריינלייגן אין אַ טויטן־אָרון, ווי אַ געשטאָרבענע, דו קלויב דיר צו געהילפן, וועלכע זאָלן זי ביינאַכט צוזאַמען מיט דיר אַרויסטראָגן. נישט ווייט פון די שטינקנדיקע גריבער וועט איר געפינען מענטשן, וואָס וועלן אייך אָפּוואַרטן מיט אַ לעקטיקע, און זיי וועט איר אָוועקגעבן דעם אָרון. די וועכטער זאָג אין מיין נאָמען, אַז זיי וועלן באַקומען אַזוי פיל גאָלד, וויפל יעדער וועט קענען אַריינעמען אין זיין מאַנטל.

דאָס רעדנדיק האָט זיין פּנים פאַרלוירן די געוויינלעכע טויט־קייט, עס האָט זיך אין אים דערוועקט דער סאָלדאַט, וועמען די האָפנונג האָט צוריקגעקערט די אַמאָליקע ענערגיע.

נאַזאַריוס אָבער האָט אויפגעפלאַמט פון פרייד און אויפהייבנדיק די הענט האָט ער אויסגערופן:

— זאָל קריסטוס זי געזונט מאַכן, ווייל זי שוין זיין פריי.

— מיינסטו, אַז די וועכטער וועלן מסכּים זיין? — האָט פּעטראָניוס געפרעגט.

— זיי, האַר? אַבי זיי זאָלן נאָר זיכער זיין, אַז זיי וועלן נישט באַשטראָפט ווערן און אַז עס וועט זיי נישט אויסקומען צו ליידן!

— געוויס! — האָט וויניציוס געזאָגט. — די וועכטער האָבן אַפילו געוואָלט מסכּים זיין אויף איר פּליטה, וועלן זיי דאָך אוודאי מסכּים זיין מ׳זאָל זי אַרויסטראָגן אַלס טויטע.

— עס איז אַפילו דאָ — האָט נאַזאַריוס געזאָגט — אַ מענטש, וואָס פּרוווט אויס מיט אַן אָנגעגליט אייזן, צי די קערפּער וועלכע מיר טראָגן אַרויס זענען טויט. אָבער דערזעלבער נעמט

עטלעכע סעסטערציעס פאַר נישט צורירן דאָס אייזן צום פּנים פון די טויטע. פאַר איין אָרעוס וועט ער אָנרירן נאָר דעם ארון און נישט דעם קערפּער.

—זאָג אים, אַז ער וועט באַקומען אַ פולע „קאַפּסע" אָרעוסן — האָט פּעטראָניוס געזאָגט. — אָבער צי וועסטו קענען באַקומען זיכערע מיטהעלפער?

— איך וועל שוין באַקומען אַזעלכע געהילפן, וואָס וואָלטן פאַר געלט פאַרקויפט דאָס ווייב מיט די קינדער.

— ווו וועסטו זיי געפינען?

— אין תפיסה גופא, אָדער אין שטאָט. די וועכטער, קוים זענען זיי נאָר איבערגעקויפט, וועלן זיי שוין אַריינלאָזן וועמען מ'וועט פון זיי פאַרלאַנגען.

— אויב אַזוי, וועסטו מיך אַריינפירן, אַלס אַרבעטער — האָט וויניציוס געזאָגט.

אָבער פּעטראָניוס האָט גאַנץ אנטשלאָסן אים גענומען אָפּרעדן דערפון: די פּרעטאָריער וואָלטן אים אפשר דערקענט אַפילו אַן איבערגעטועגעם אויך און אַלץ וואָלט דאַן דורכגעפאַלן. נישט אין תפיסה און נישט ביי די שטינקנדיקע גריבער — האָט ער געזאָגט. עס איז נויטיק, אז אַלע, אי דער צעזאַר אי טיגעלין זאָלן זיין איבערצייגט, אַז זי איז געשטאָרבן, אויב נישט וואָלטן זיי תיכף ומיד באַפוילן זי אומבאַדינגט צו פאַנגען. יעדן חשד קענען מיר אָפּווישן נאָר דאַן, ווען מען וועט זי אַוועקפירן אין די אַלבאַנער בערג אָדער קיין סיציליען און מיר זאָלן בלייבן אין רוים. ערשט אין אַ וואָך אָדער צוויי אַרום וועסטו קראַנק ווערן און וועסט ארויסרופן נירונס רופא, וועלכער וועט הייסן אַרויספאָרן אין די בערג. דאַן וועסטו זיך פאַראייניקן מיט איר און דערנאָך...

דאָ האָט ער זיך אַ מינוט פאַרטראַכט און דערנאָך האָט ער אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט געזאָגט:

— דערנאָך וועלן אפשר זיין אַנדערע צייטן.

— זאָל זיך קריסטוס מרחם זיין איבער איר — האָט וויניציוס געזאָגט — דו רעדסט וועגן סיציליען און זי איז קראַנק און קען נאָך שטאַרבן...

— מיר וועלן זי דערווייל פירן ערגעץ נענטער. די בלוטזע לופט וועט זי אויסהיילן, אַבי מיר זאָלן זי נאָר אַרויסרייסן פון תּפיסה. שוין זשע האָסטו נישט אין די בערג עפּעס דיינס אַן אַרענדאַטאָר, וועמען מען קען טרויען?

— יאָ, איך האָב! — האָט וויניציוס שנעל אויסגערופן. נעבן די קאָריאָלן אין די בערג איז דאָ אַ זיכערער מאַן, וועלכער האָט מיך אויף די הענט געטראָגן, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען און וועלכער האָט מיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג ליב.

פּעטראָניוס האָט אים דערלאַנגט די טאָוולען.

— שרייב אים אָן, אַז ער זאָל מאָרגן דאָ זיין. איך וועל תּיכּף ומיד אַרויסשיקן אַ שליח.

ביי די ווערטער האָט ער אַריינגערופן דעם ממונה פון אַטריום און האָט אים געגעבן די געהעריקע באַפעלן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַ שקלאַף אַ רייטער אַרויס אין וועג קיין קאָריאָלי.

— כ'וואָלט געוואָלט — האָט וויניציוס געזאָגט — אַז אורסוס זאָל זי באַגלייטן אין וועג. איך וואָלט דאַן געווען זיכערער...

— האר — האָט נאַזאַריוס געזאָגט — דאָס איז אַ מאַן מיט אַן איבערמענטשלעכע קראַפט, וועלכער קען אויסברעכן די קראַטן און איר נאָכקומען. עס איז דאָ איין פענצטער איבער אַ הויכע משופּעדיקע וואַנט אונטער וועלכער עס איז נישטאָ קיין וואַך. איך וועל ברענגען אורסוסן אַ שטריק און דאָס איבעריקע וועט ער שוין אַליין טאָן.

— ביי הערקולעסן! — האָט פּעטראָניוס געזאָגט — זאָל ער אַרויס ווי אַזוי ער וויל, נאָר נישט צוזאַמען מיט איר און נישט אין צוויי אָדער אין דריי טאָג נאָך איר, וואָרים מ'וואָלט אים נאָכגעיאָגט און מ'וואָלט אַזוינאָך אויסגעפונען איר באַ-

העלטעניש. ביי הערקולעסן! צי ווילט איר זיך און זי אומ־בּרענגען? איך פֿאַרבּאָט אייך אים אַ וואָרט צוזאָגן וועגן קאָ־ריאָלי, אויב נישט וואַס איך זיך אָפּ די הענט פֿון דעם עסק.

זיי האָבּן בּיידע אים געגעבּן רעכט און זענען אַנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט נאַזאַריוס גענומען זיך זעגענען, צוזאָגנ־דיק צו קומען מאָרגן פֿאַרטאָגס.

מיט די וועכטער האָט ער געהאָפּט אָפּצומאַכן נאָך היינ־טיקע נאַכט, אָבּער פֿריער האָט ער נאָך געוואָלט אַריינפֿאַלן צו זיין מוטער וועלכע האָט מחמת די אומזיכערע און שרעקלעכע צייטן נישט געהאַט קיין מינוט רו וועגן אים. אַ געהילף האָט ער נאָך אַ ישוב הדעת בּאַשלאָסן צו זוכן נישט אין שטאָט נאָר טאַקע צווישן די, וועלכע טראָגן צוזאַמען מיט אים אַרויס די טויטע.

אָבּער פֿאַרן אוועקגיין איז ער נאָך אַ מינוט געבּליבּן און נעמענדיק וויניציוסן אָן אַ זייט האָט ער אים איינגערוימט:

— האַר, איך וועל נישט דאַכטן וועגן אונזער פּלאַן פֿאַר קיינעם, אפילו נישט פֿאַר מיין מוטער, נאָר דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס האָט צוגעזאָגט צו קומען צו אונז נאָכן אַמפּיטעאַטר און אים וועל איך אַלץ דערציילן.

— קענסט דאָ אין דעם הויז רעדן הויך — האָט וויניצי־וס געזאָגט, — אַפּאָסטאָל פּעטרוס איז געווען אין אַמפּיטעאַטר צווישן פּעטראָניוסעס מענטשן. איבּעריקנס, איך וועל אַליין גיין מיט דיר.

ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען אַ שקלאַפֿן־מאַנטל און זיי זענען בּיידע אַרויסגעגאַנגען.

פּעטראָניוס האָט טיף אָפּגעאָטעמט.

— איך האָבּ פֿריער געוואָלט — האָט ער געטראַכט, — אַז זי זאָל שטאַרבּן אין איר קראַנקהייט, וואָרים פֿאַר וויניציוסן וואָלט דאָס געווען דאָס קלענסטע שלעכטס. איצט אָבּער בּין איך גרייט צו מנדר זיין אַ גאָלדענעם דרייפֿוס פֿאַר עסקולאַפּן פֿאַר איר געזונט... אַך דו, אַהענאָבּאַרבּוס, דו ווילסט האָבּן אַ פֿאָרשטעלונג פֿון אַ געליבּטנס יסורים! דו, אויגוסטין, האָסט

פריער מקנא געווען דעם מיידלס שיינקייט און איצט וואָלסט זי לעבעדיקערהייט אויפגעגעסן, דערפאַר וואָס דיין רופיוס איז אומגעקומען... דו, טיגעלין, ווילסט זי להכעיס מיר אומברענגען !.. וועלן מיר זען. איך זאָג אייך, אַז אייערע אויגן וועלן זי נישט אָנקוקן אויף דער אַרענע. וואָרום אָדער זי וועט שטאַרבן מיט איר באַטירלעכן טויט, אָדער איך וועל זי אייך אַרויסרייסן ווי ביי אַ הונט דעם ביסן... און איך וועל זי אייך אַזוי אַרויסרייסן, אַז איר וועט וועגן דעם אפילו נישט וויסן און דערנאָך וועט איך וועל אייך זען, וועל איך מיר טראַכטן: אָט זענען די שוטים וועלכע פעטראָניוס האָט צונאַר געמאַכט...

און שטאַרק צופרידן פון זיך איז ער אַריין אין טריקלי־נוס, וווּ ער האָט זיך צוזאַמען מיט עניסען געזעצט צום טיש. דער לעקטאָר האָט פאַר זיי דורך דער צייט פאָרגעלייענט טעאָ־קריטס אידיליע. אינדרויסן האָט דער ווינט אָנגעטריבן כמאַרעס פון דער זייט פון סעראַקטע און אַן אומגעריכטער שטורם האָט אויפגעברויזט די לויטערע שטילקייט פון דער זומער־נאַכט. פון צייט צו צייט האָבן זיך צעטראָגן דונערן איבער די זיבן בערג. און זיי, ליגנדיק איינער לעבן צווייטן ביים טיש, האָבן געהערט לייענען דעם אידילישן דיכטער, וועלכער האָט אין אַ געזאַנג מיט אַ דאָרישן דיאַלעקט באַזונגען די פּאַסטוכער־ליבע, און דערנאָך האָבן זיי באַרויקטע, זיך געגרייט צום ליבן שלאָף.

אָבער נאָך פאַר דעם איז וויניציוס צוריקגעקומען. פעט־ראָניוס, דערוויסנדיק זיך וועגן זיין צוריקקום, איז אַרויס צו אים און האָט אים געפרעגט:

— נו?... צי האָט איר נישט באַשלאָסן עפּעס נייעס? און צי איז נאַזאַריוס שוין אַוועק אין תפיסה אַריין?

— יאָ — האָט וויניציוס געענטפערט, אַוועקשאַרנדיק זיינע פון רעגן דורכגענעצטע האָר. — נאַזאַריוס איז אַוועק אָפּ־מאַכן מיט די וועכטער, און איך האָב געזען פעטרוסן, וועלכער האָט מיך געהייסן תפילה טאָן און האָבן בטחון.

— דאָס איז גוט. אויב אַלץ וועט גיין כשורה, וועט מען זי די קומענדיקע נאַכט קענען אַרויסטראָגן...

— דער אַרענדאַר מיט די לייט דאַרפֿן זיין פֿאַרטאָגס.
— עס איז נישט קיין ווייטער וועג. איצט גיי רוען.
אָבער וויניציוס האָט אַנידערגעקניט אין זיין קוניקולום און האָט גענומען מתפּלל זיין.
מיטן זונאויפגאַנג איז פֿון קאַריאַלי אָנגעקומען דער אַרענדאַר ניגער, ברענגענדיק מיט זיך צופירן לויט וויניציוס' באַפֿעל מוילאייזלען, אַ לעקטיקע און פיר זיכערע מענטשן, אויסגעקליבענע פֿון צווישן די בריטאַנישע שקלאַפֿן, וועלכע ער האָט מחמת פֿאָרזיכטיקייט איבערגעלאָזט אין אן אכסניה אויף סובור.
וויניציוס, וועלכער איז אויף געווען אַ גאַנצע נאַכט, איז אַרויס אים אַנטקעגן. דער ווידער איז גערירט געוואָרן דערזעענדיק דעם האַר, און קושנדיק אים די הענט און די אויגן האָט ער געזאָגט:
— טייערער, צי ביסטו קראַנק, צי די זאָרג האָט דיר אויסגעזויגן דאָס בלוט פֿון פּנים, וואָרים איך האָב דיך אין פֿלוג קוים דערקענט.
וויניציוס האָט אים אַריינגענומען אין די אינעווייניקסטע קאָלומנאַדן, וועלכעס רופֿט זיך קסיסט און דאָרט האָט ער אים אַנפֿאַרטרויט דעם סוד. ניגער האָט אָנגעשטרענגט אויסגעהערט אַלץ און אויף זיין פֿאַרהאַרטעוועטע אָפּגעבערענט פּנים איז געווען צו זען טיפֿע גערירטקייט, וועלכע ער האָט זיך אפֿילו נישט באַמיט צו באַהערשן.
— איז זי, הייסט עס, אַ קריסטין? — האָט ער אויסגערופֿן.
און ער האָט פֿאָרשנדיק גענומען קוקן אין וויניציוסעס פּנים, דער האָט אפֿנים פֿאַרשטאַנען, וואָס דער בליק פֿונם פֿויערפֿרעגט, וואָרום ער האָט אים געענטפֿערט:
— אויך איך בין אַ קריסט...
אין ניגערס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. אַ מינוט האָט ער געשוויגן, דערנאָך האָט ער אויפֿגעהויבן די אויגן אינדערהויך און געזאָגט:

— אָ, אַ דאַנק דיר קריסטוס, וואָס דו האָסט אַראָפּגענומען דאָס הייטל פון די טייערסטע אויגן פאַר מיר אין דער וועלט.

ער האָט אַרומגענומען וויניציוסעס קאָפּ און וויינענדיק פאַר גליק האָט ער אים געקושט אין שטערן.

באַלד איז פּעטראָניוס אָנגעקומען מיט נאַזאַריוסן.

— גוטע ידיעות! — האָט ער נאָך פונדערווייטנס אויסגערופן.

עס זענען טאַקע געווען גוטע ידיעות. קודם כל האָט גלויקאָס רופא פאַרזיכערט, אַז ליגיע וועט לעבן, הגם זי האָט געהאַט דאָסזעלבע פיבער אויף וועלכן אין טוליאַנום און אין אַנדערע תפיסות זענען יעדן טאָג אויסגעשטאָרבן הונדערטער מענטשן. וואָס שייך די וועכטער און דעם מענטשן, וועלכער פרוווט די טויטע מיט אַן אָנגעגליט אייזן איז מצד זיי קיין שום מניעה נישט געווען. דער געהילף, אַטיס, איז שוין אויך געווען באַשטעלט.

— מיר האָבן געמאַכט עפענונגען אין דעם ארון, אַזוי אַז די קראַנקע זאָל קענען אָטעמען — האָט נאַזאַריוס דערציילט. — די סכנה באַשטייט נאָר אין דעם, זי זאָל נישט אַ קרעכץ טאָן אָדער זי זאָל זיך נישט אָפּרופן בעת מיר וועלן דורכגיין פאַרביי דער פּרעטאָריאַנער־וואַך. אָבער זי איז אָפּגעשוואַכט זייער און זי ליגט פון אינדערפרי אָן מיט פאַרמאַכטע אויגן. איבעריקנס וועט איר גלויקוס געבן אַ פאַרשלעפערנדיקע משקה, וועלכע ער וועט אַליין מאַכן פון די רפואות, וועלכע איך ברענג פון שטאָט. די דעק פון ארון וועט נישט זיין צוגעקלאַפּט. איר וועט זי לייכט אונטערהייבן און וועט די קראַנקע צונעמען אין דער לעקטיקע אַריין און מיר וועלן אין ארון אַריינלייגן אַ זאַק מיט זאַמד, וועלכן איר דאַרפט האָבן גרייט.

— וויניציוס איז, הערנדיק דאָס, געווען בלייך ווי לייווינט, אָבער ער האָט געהערט מיט אַזאַ אָנגעשפּיצטקייט, אַז ער האָט כמעט ווי געטראָפן, וואָס נאַזאַריוס דאַרף איצט זאָגן.

— צי וועט איר קיין אַנדערע קערפּער נישט אַרויס־טראָגן פון תּפיסה? — האָט פּעטראָניוס געפרעגט.

— היינט ביינאַכט זענען געשטאָרבן ביי אַ צוואַנציק מענטשן און ביז אָוונט וועלן באַשטימט נאָך איבער אַ צענד־ליק שטאַרבן, — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט. — מיר מוזן גיין צוזאַמען מיט דער גאַנצער ריי, אָבער מיר וועלן בכּיוון אָפּשלעפּן כּדי צו בלייבן פון הינטן. ביים ערשטן ווינקל וועט מיין געהילף פלוצלונג נעמען הינקען. אַזוינאָך וועלן מיר בלייבן ווייט פון הינטן. איר זאָלט אויף אונז וואַרטן לעבן דעם טעמפּל פון ליביטינען. גאָט זאָל געבן אַ שטאָק־פינסטערע נאַכט.

— גאָט וועט געבן — האָט ניגער געזאָגט. — נעכטן איז געווען אַ העלער אָוונט און דערנאָך איז פלוצלונג געוואָרן אַ שטורם. היינט איז דער הימל ווידער אויסגעלייטערט, אָבער עס איז דעמפּיק פון דער פרי אָן. יעדע נאַכט וועט איצט זיין רעגנס און שטורעמס.

— צי גייט איר אָן ליכט? — האָט וויניציוס געפרעגט.

— בלויז נאָר פון פאָרנט טראָגט מען פלאַקערן. איר זייט, אויף יעדן פאַל, ביי דעם טעמפּל פון ליביטיניען תּיכּף פון בין השמשות אָן, הגם מיר טראָגן געוויינלעך אַרויס די טויטע ערשט פאַר סאַמע האַלבע נאַכט.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס שנעלע אָטעמען פון וויניציוסן.

פּעטראָניוס האָט צו אים געזאָגט:

— כ׳האָב דיר נעכטן געזאָגט, אַז אַמבעסטן וועט זיין מיר זאָלן ביידע בלייבן אינדערהיים. איצט אָבער זע איך, אַז איך אַליין וועל אָפּנים נישט קענען איינזיצן... איבעריקנס, ווען עס זאָל האַלטן ביי אַנטלויפן, וואָלטן מיר באַדאַרפט מער פאָר־זיכטיק זיין, אָבער אַזוי ווי מ׳וועט זי דאָך אַרויסטראָגן אַלס טויטע, וועט, דוכט זיך מיר, קיינעם קיין שום חשד נישט איינ־פאַלן.

— אַוודאי! אוודאי! — האָט וויניציוס געענספּערט — איך מוז דאָרט זיין. איך וועל זי אַליין אַרויסנעמען פונם אָרון . . .

— קוים וועט זי נאָר זיין ביי מיר אין הויז, בין איך ערוב פאַר איר — האָט ניגער געזאָגט.

ביי דעם האָט זיך דער שמועס געענדיקט. ניגער איז אוועק אין דער אַכסניה צו זיינע לייט. נאַזאַריוס האָט, נעמענדיק אונטער דער טוניקע אַ „קעסע" מיט גאָלד, זיך אומגעקערט אין תּפיסה. פאַר וויניציוסן האָט זיך אָנגעהויבן אַ טאָג פול מיט אומרו, פיבער, שרעק און דערוואַרטונג.

— די זאַך דאַרף זיך איינגעבן, ווייל זי איז גוט דורכגעטראַכט — האָט פּעטראָניוס געזאָגט. — בעסער האָט מען שוין נישט געקענט דאָס מאַכן. דו מוזט מאַכן אַ פאַרזאָרגט פּנים און טראָגן אַ טונקעלע טאָגע. אָבער די צירק-פאַרשטעלונגען דאַרפסטו פונדעסטוועגן נישט דורכלאָזן. זאָלן זיי דיך זען... אַלץ איז אַזוי גוט דורכגעטראַכט, אַז אַן אַדורכפאַל איז אוממעגלעך. אָבער! דו ביסט דאָך גאַנץ זיכער מיט דיין אַרענדאַטאָר?

— ער איז אַ קריסט — האָט וויניציוס געענטפערט.

פּעטראָניוס האָט מיט פאַרוווּנדערונג אַ קוק געטאָן אויף אים און הייבנדיק מיט די אַקסלען האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— ביי פּאָלוקסן! ווי דאָס פאַרשפּרייט זיך פונדעסטוועגן! און ווי דאָס קלאַמערט זיך אָן די מענטשלעכע הערצער!... אין אַזאַ אימהדיקע צייט, וואָלטן זיך מענטשן אָפּגעזאָגט אין איין קלאַפּ פון אַלע רוימישע, גריכישע און עגיפּטישע געטער. דאָס איז פּלאַדיק... ביי פּאָלוקסן!... ווען איך וואָלט נאָך געגלייבט, אַז עפּעס אויף דער וועלט איז אָפּהענגיק פון די געטער אונזערע וואָלט איך איצט מנדר געווען יעדן פון זיי צו זעקס ווייסע ביקעס און יאָווישן פון קאַפּיטאָל צוועלף... אָבער דו קאַרג אויך נישט קיין מתּנות דיין קריסטוסן...

— איך האָב אים אַוועקגעשאָנקען מיין נשמה — האָט וויניציוס געענטפערט.

און זיי זענען זיך צעגאַנגען. פּעטראָניוס האָט זיך אומגעקערט אין קוביקולום, און וויניציוס איז אַוועק קוקן פונדערווייטנס אויף דער תפיסה און פון דאָרטן איז ער אַוועק אויפן שפּוע פון וואַטיקאַנער באַרג אין יענעם געצעלט פון פּאָססאָר, ווו דער אַפּאָסטאָל האָט אים געטויפט. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אין יענעם געצעלט וועט אים קריסטוס בעסער אויסהערן ווי ערגעץ אַנדערש. און געפינענדיק אים האָט ער זיך געוואָרפן אויף דער ערד און גענומען אויסגיסן זיין גאַנצע אָנגעווייטאָקטע נשמה אין אַ תפילה וועגן רחמנות און ער איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן אינגאַנצן אין איר, אַז ער האָט פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך און וואָס מיט אים איז.

נאָכמיטאָג האָט אים אויפגעוועקט אַ קול פון שופרות, וואָס איז צו אים דערגאַנגען פון דער זייט פון נירונס צירק. דאַן איז ער אַרויס פון געצעלט און האָט זיך גענומען אַרומקוקן אַרום מיט אויגן ווי ערשט פון שלאָף אויפגעוועקטע. עס איז געווען הייס און שטיל אינדרויסן. די שטילקייט איז נאָר איבערגעריסן געוואָרן טיילמאָל דורך דעם קלאַנג פון טאַצן און דורך דעם כסדרדיקן סיקען פון די פעלד-ווערמלעך. די לופט איז געוואָרן דעמפּיק, דער הימל איבער דער שטאָט איז נאָך געווען בלאָ, אָבער אין דער זייט פון די סאַבינער בערג האָבן זיך שוין נידריק ביים ברעג האָריזאָנט געקליבן טונקעלע כמאַרעס.

וויניציוס איז אַוועק אַ היים. אין אטריום האָט אויף אים געווארט פּעטראָניוס.

— איך בין געווען אויפן פּאַלאַטין — האָט ער געזאָגט — איך האָב זיך בכיון געוויזן דאָרט און האָב זיך אפילו געזעצט צום שפּיל אין ביינדלעך. ביי אַנציוסן איז היינט אָוונט אַ גאַסטמאָל. איך האָב צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן קומען, אָבער ערשט נאָך האַלבע נאַכט, ווייל איך מוז זיך פריער אויסשלאָפן. איך

וועל טאַקע זיין און עס וואָלט גוט געווען, אַז דו זאָלסט אויך זיין.

— צי איז נישט געווען עפּעס ידיעות פון ניגערן אָדער פון נאַזאַריוסן ? — האָט וויניציוס געפרעגט.

— ניין, מיר וועלן זיי זען ערשט אום האַלבע נאַכט, האָסטו באַמערקט, אַז עס קלויבט זיך אויף אַ שטורם ?

— יאָ.

— מאָרגן דאַרף זיין אַ פאָרשטעלונג פון געצלמטע קריסטן, נאָר אפשר וועט דער רעגן שטערן.

ביי די ווערטער איז ער צוגעגאַנגען און אָנרירנדיק וויניציוסעס אַקסל, האָט ער געזאָגט :

— אָבער זי וועסטו נישט זען אויפן צלם נאָר אין קאָרי-אָלי. ביי קאַסטאָר ! איך וואָלט נישט אַוועקגעגעבן די מינוט, ווען מ׳וועט זי באַפרייען, פאַר אַלע געמעס פון רוים. עס איז שוין באַלד אָוונט...

דער אָוונט האָט זיך דערנענטערט און די שטאָט איז פריער ווי געוויינלעך געהילט געוואָרן אין פינצטערניש, מחמת די כמארעס וועלכע האָבן פאַרדעקט דעם גאַנצן האָריזאָנט. באַלד מתחילת אָוונט איז אַראָפּ אַ גערדיכטער רעגן, וועלכער האָט, אויסדאַמפנדיק אויף די הייס אָנגעגליטע שטיינער פון דער באַטאָגיקער היץ׳ אָנגעפילט די שטאָט מיט אַ נעפל. דערנאָך איז ווידער אָט שטיל געווען און אָט ווידער אַריבער אַ קורצער רעגן.

— לאָמיר זיך צואיילן — האָט וויניציוס געזאגט — צו-ליבן שטורם קענען זיי נאָך אַ ביסל פריער אַרויספירן די קערפער פון תפיסה.

— ס׳איז צייט! האָט פעטראָניוס געענטפערט.

און נעמענדיק גאַלישע מאַנטלען מיט קאַפּושאָנען זענען זיי אַרויס דורך די גאָרטן-טירלעך אויף דער גאַס. פעטראָ-ניוס האָט זיך נאָך באַוואָפנט מיט א קורץ רוימיש מעסער, וואָס מ׳רופט „סיקא”, וועלכעס ער פלעגט תמיד מיטנעמען אויף אַ נאַכט-שפּאַציר.

די שטאָט איז צוליבן שטורם געווען פוסט. פון צייט צו צייט האָט אַ בליץ דורכגעריסן די וואָלקנס, באַלייכטנדיק מיט אַ העלער שיין די פרישע ווענט פון די נײַ געבויטע אָדער זיך ערשט בויענדיקע הײַזער און די נאַסע שטיינער, מיט וועלכע די גאַסן זענען געברוקירט געווען. בײַ אַזאַ ליכט האָבן זיי לסוף, נאָך אַ געניוג לאַנגן וועג, דערזען דאָס בערגל אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דער קליינער טעמפּל פון ליביטינע און אונטערן בערגל אַ גרופּע מוילאייזלען און פערד.

— ניגער! — האָט וויניציוס שטיל אַ רוף געטאָן.

— דאָס בין איך, האר! — האָט זיך דערהערט אַ שטים פון רעגן אַרויס.

— עס איז אַלץ גרייט?

— יאָ, מײַן טײַערער. אַזוי ווי עס איז נאָר פינצטער געוואָרן זענען מיר שוין געווען אויפן אָרט. אָבער באַהאַלט זיך אין ראָוו, וואָרים איר וועט דורכגענעצט ווערן דורך און דורך. וואָס פאַראַ שטורם! איך רעכן, אַז עס וועט האָגלען.

ניגערס מיינונג האָט זיך טאַקע באַשטעטיקט, וואָרים באַלד האָט אָנגעהויבן צו שיטן אַ האָגל, פריער אַ דראָבנער, דערנאָך אַלץ גרעסער און געדיכטער. די לופט איז תיכף אָפּגעקילט געוואָרן.

און זיי, שטייענדיק אונטערן ראָוו, פאַרדעקט פון ווינט און פון אייז־קוילן האָבן שטיל גערעדט צווישן זיך.

— ווען עס זאָל אונדז אַפילו ווער זען — האָט ניגער געזאָגט — וועט מען אונדז אויך נישט חושד זײַן אין גאַרנישט, וואָרים מיר זעען אויס ווי מיר וואָלטן איבערגעוואַרט דעם שטורם. נאָר איך האָב מורא, אַז זיי זאָלן גישט אָפּלייגן דאָס אַרויס־טראָגן די קערפּערס אויף מאָרגן.

דער האָגל וועט נישט לאַנג דויערן — האָט פּעטראָניוס געזאָגט — מיר מוזן וואַרטן אַפילו ביז טאָג.

און זיי האָבן געוואַרט, אײַנהערנדיק זיך צו זיי ווען נישט פאַרנעמען עפּעס אַן אָפּקלאַנג פון צוג. דער האָגל האָט טאַקע אויפגעהערט, אָבער באַלד דערנאָך האָט גענומען גיסן אַ

רעגן. אָפּט האט גענומען רייסן אַ ווינט און האָט אָנגעטראָגן פון דער זייט פון די שטינקנדיקע גריבער אַן עפּוש פון פוילנדיקע קערפּער, וועלכע מ׳האָט נאָר אויבנאויפיק און נאַכלעסיק באַגראָבן.

אינדעם האָט ניגער געזאָגט:

— איך זע דורכן נעפּל עפּעס אַ שיין... איינע, צוויי, דריי... פלאַקערן!

און ער האָט זיך געווענדט צו די מענטשן:

— גיט אַכט, אַז די אייזלען זאָלן נישט כראַפּען!...

— זיי גייען! — האָט פּעטראַניוס געזאָגט.

און באַלד זענען די שיינען געוואָרן וואָס אַמאָל דייטלעכער. אין אַ מינוט אַרום האָט מען שוין געקענט דערקענען די פון ווינט זיך לעשנדיקע פלאַמען פון די שטורקאַצן.

ניגער האָט גענומען זיך איבערצלמען און תפילה טאָן. דערווייל איז דער אומהיימלעכער צוג צוגעקומען נענטער און לסוף צוקומענדיק צום ליביטינע-טעמפּל איז ער געבליבן שטיין. פּעטראָניוס, וויניציוס און ניגער האָבן זיך שווייגנדיק צוגערוקט צום בערגל, נישט פאַרשטייענדיק וואָס דאָס זאָל באַדייטן. אָבער יענע האָבן זיך געהאַט אָפּגעשטעלט נאָר כדי זיך איבערצובינדן די פּנימער און די מיילער מיט סמאַטעס צו באַשיצן זיך פון שטינקנדיקן עפּוש, וועלכער איז ביי די טאַמע „פּוטיקולי" געווען פּשוט נישט איבערצוטראָגן. נאָכדעם האָבן זיי אויפגעהויבן די טראַגעס מיט די ארונות און זענען ווייטער געגאַנגען.

נאָר איין ארון האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן טעמפּל.

וויניציוס האָט געטאָן אַ שפּרונג צו און נאָך אים פּעטראָניוס און ניגער און די צוויי בריטאַנישע שקלאַפן מיט דער לעקטיקע.

אָבער נאָך איידער זיי זענען צוגעקומען, האָט זיך פון דער פינצטער דערהערט נאַזאַריוסעס יאָמערנדיקע שטים:

— האַר, מ׳האָט זי צוזאַמען מיט אורסוסן איבערגעפירט אין עסקווילינער תפיסה... מיר טראָגן דאָ אַן אַנדערן קערפּער!

און זי האָט מען צוגענומען נאָך פאַר האַלבער נאַכט!!!...

אַהיימגייענדיק איז פּעטראָניוס געווען פינצטער ווי אַ כמאַרע און אַפילו נישט געפּרוווט צו טרייסטן וויניציוסן. ער האָט געוווסט, אַז וועגן אַרויסבאַקומען ליגיע פון עסקווילינער תּפיסה איז אַפילו נישטאָ וואָס צו טראַכטן. ער האָט זיך משער געווען, אַז מ׳האָט זי אַפּנים איבערגעפירט פון טוליאַנום כּדי זי זאָל נישט שטאַרבן פון פיבער און זאָל נישט ניצול ווערן אַזוי נאָך פון אַמפיטעאַטער. און דאָס טאַקע איז געווען אַ באַווייז, אַז מ׳גיט אַכטונג אויף איר און אַז מ׳היט זי מער פון אַנ־דערע. פּעטראָניוס האָט פון טיפן האַרצן רחמנות געהאַט אויף איר און אויף וויניציוסן, אָבער אַ חוץ דעם האָט אים נישט געלאָזט צורו אויך דער געדאַנק, אַז צום ערשטן מאָל אין לעבן גיט זיך אים עפּעס נישט איין.

— אַפּנים, אַז פאָרטונאַ פאַרלאָזט מיך — האָט ער גע־טראַכט — אָבער די געטער האָבן אַ טעות, אויב זיי מיינען, אַז איך וועל מושוה זיין אויף אַזאַ, למשל, שטייגער לעבן, ווי זיינס.

דאָ האָט ער אַ קוק געטאָן אויף וויניציוסן, וועלכער האָט אויך אים געקוקט מיט ברייט געעפנטע אויגן.

— וואָס איז דיר? דו האָסט היץ? — האָט פּעטראָניוס געזאָגט.

און יענער האָט אים געענטפערט מיט אַ מין צעבראָכע־נע און פאַמעלעכע שטים, ווי אַ קראַנק קינד.

— און איך גלייב, אַז ער קען זי מיר אומקערן.

איבער דער שטאָט זענען שטיל געוואָרן די לעצטע דו־נערן פון שטורם.

L VIII

דער דרייטאָגיקער רעגן, אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיי=
גונג אין רוים אום זומער, און דער האָגל וועלכער איז, קעגן
דער דאָרטיקער נאַטור, געפאַלן נישט נאָר בייטאָג און אין
אָוונט נאָר אויך ביינאַכט, האָבן איבערגעריסן די פאָרשטעלונ=
גען. דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן צו באַאומרויקן. מ׳האָט
פאָרויסגעזאָגט אַן אומגערעטעניש אויף וויינטרויבן און בעת
אַ דונער האָט אין איין שיינעם העלן טאָג צעשמאָלצן אויפן קאַ=
פּיטאָל די בראָנזענע סטאַטוע פון צערערע, האָט מען מקריב
געווען קרבנות אין טעמפּל פון יאָוויש סאַלוואטאָר. די כהנים
פון צערערע האָבן אַרויסגעלאָזט קלאַנגען, אַז דער צאָרן פון
די געטער איז געקומען אויף דער שטאָט צוליב דעם צו
לאַנגן אָפּשלעפּן די שטראָף פון די קריסטן. די מאַסן האָבן
דעריבער אָנגעהויבן צו פאָדערן, אַז מ׳זאָל נישט קוקנדיק אויפן
וועטער צוּאײַלן די ווייטערע פאָרשטעלונגען און אַ פרייד האָט
אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוים, בעת מ׳האָט לסוף מודיע געווען, אַז

נאָך דער דרייטאָגיקער העסקה הייבט זיך דער „לודוס״ וו׳י׳ער אָן.

דערווייל איז צוריק שיין געוואָרן אינדרויסן. אין אַמפּיטעאַטער האָט פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט געשטראַמט אַן עולם פון טויזנטער מענטשן. דער צעזאַר אליין איז אויך געקומען פריער מיט די וועסטאַלקעס און מיטן הויף. די פאָרשטעלונג האָט זיך געזאָלט אָנהייבן פון קאַמפן פון די קריסטן צווישן זיך, וועלכע מ׳האָט צו דעם צוועק פאַרקליידט אַלס גלאַדיאַטאָרן און זיי געגעבן פאַרשידענע מינים געווערן, מיט וועלכע די תמידיקע פעכטער פלעגן זיך באַנוצן צום אָנפאַל און אָפּווער־קאַמף. אָבער דאָ איז פאָרגעקומען אַן אדורכפאַל: די קריסטן האָבן אַנידערגעוואָרפן אויפן זאַמד די בעצן, די גאָפּלען, די שפּיזן און פּאַנצערס און האָבן זיך גאָר אַרומגענומען איינער דעם צווייטן און אונטערגעגעבן זיך חשק צו זיין געדולדיק פנים אל פנים מיט די ענוים און דעם טויט. א טיפער כעס און באַליידיקונג האָט דאַן באַהערשט דעם המון. טייל האָבן זיי פאַרגעוואָרפן פחדנות און קליינמוטיקייט, אנדערע האָבן געטענהט, אַז זיי ווילן זיך בכיון נישט שלאָגן אויס שנאה צום פאָלק, כדי נישט צו פאַרשאַפן קיינעמען די פרייד, וואָס סצענעס פון העלדישקייט און אומדערשראָקנקייט פאַרשאַפן. לסוף האָט מען אויך צעזארס באַפעל אַרויסגעלאָזט אויף זיי אמתע גלאַדיאַטאָרן, וועלכע האָבן כהרף עין אויסגעהרגעט די אַלע קניענדיקע און אומבאַוואָפנטע.

אָבער נאָכן אַפּרוימען די טויטע קערפּער האָט די פאָרשטעלונג אויפגעהערט צו זיין אַ קאַמף און מ׳האָט גאָר געגעב. אַ ריי מיטאָלאָגישע בילדער, דעם צעזאַרס אייגענע שאַפונג מ׳האָט, בכן, געזען הערקולעסן ווי ער ברענט אַ לעבעדיקער אויפן באַרג אַעטאַ. ווינציוס האָט אויפגעציטערט ביים געדאַנק, אַז אַלס הערקולעסן האָט מען אפשר באַשטימט אורסוסן, אָבער אַפּנים, אַז די ריי איז נאָך נישט געקומען אויף ליגיעס געטרייען דינער, וואָרים אויפן פלאַקער האָט געברענט אַן אַנדער אומבאַקאַנטער קריסט. דערפאַר האָט כילאָן, וועמען דער צעזאַר

האָט בשום אופן נישט געוואָלט באַפרייען פון זיין אויף דער פאָרשטעלונג, דערקענט אים באַקאַנטע מענטשן. מ'האָט פאָרגעשטעלט דעם טויט פון דעדאַל און איקאַר *). אין דער ראָל פון דעדאַל האָט מען אַרויסגעפירט עוריציוסן, דערזעלבער זקן, וועלכער האָט בשעתו געגעבן כילאָנען דעם צייכן פון פיש, און אין דער ראָל פון איקאַר, זיין זון קוואַרטוס. מיט דער הילף פון אַ ספּעציעלער מאַשין האָט מען ביידע אויפגעהויבן זייער הויך און דערנאָך זיי אַראָפּגעשליידערט פון דער געוואַלטיקער הויכקייט אויף דער אַרענע. דער יונגער קוואַרטוס איז גראָד געפאַלן אַזוי נאָענט פון צעזאַרס פּאָדיום, אַז ער האָט מיט זיין בלוט באַשפּריצט נישט נאָר די אינווייניקסטע באַפוצונגען, נאָר אויך דעם מיט פורפור געפוצטן באַריער פון פּאָדיום. כילאָן האָט דעם פאַל נישט געזען, ווייל ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט נאָר געהערט דעם טויבן זעץ פון קערפּער אָן דער ערד און בעת ער האָט אין אַ ווייל אַרום דערזען בלוט האַרט נעבן זיך, האָט ער שיר נישט געחלשט צום צווייטן מאָל. אָבער די בילדער האָבן זיך שנעל געביטן, די שענדלעכע ענוים פון די מיידלעך, וואָס זענען פאַרן טויט געשענדט געוואָרן פון די גלאַדיאַטאָרן, האָבן שטאַרק דערפרייט דעם המון. עס איז געווען צו זען פריסטעריגס פון קיבעלאַ, פון צערעראַ, עס איז געווען צו זען דאַנאַאידאַן, דירסע און פּאַסיפאַע. מ'האָט אויך געזען נישט דערוואַקסענע מיידלעך, וואָס ווערן צעריסן פון ווילדע פערד. דאָס פאָלק האָט יעדעס מאָל באַגריסט דעם צעזאַרס נייע המצאות, און דער צעזאַר, שטאָלץ און גליקלעך פון די אָוואַציעס, האָט נישט אַוועקגענומען דעם שמאַראַגד פונם אויג און האָט זיך גוט צוגעקוקט צו די ווייסע קערפּער, וואָס זענען צעריסן געוואָרן פון אייזן און צו די קאָנוווּלסיעס-צאַפּלונגען פון די קרבנות. מ'האָט אויך געגעבן בילדער פון דער געשיכטע פון דער שטאָט. נאָך די מיידלעך האָט מען געזען מוציוס סצעוואָלען, וועמענס האַנט, אַ צוגעשמידטע

*) דעדאַל, וועלכער איז, לויט אַנדערע לעגענדעס, אַנטלאָפן פון קרעטאַ קיין סיציליען, שטאַרבט אין די רוימישע אַמפיטעאַטערן מיטן זעלבן טויט ווי איקאַר.

צום פייער פון אַ ברענעדיקן דרייפוס, האָט אָנגעפולט דאָס אַמפיטעאַטער מיטן טשאַד פון געסמאַליעט פלייש, אָבער וועלבער איז ווי דער אמתער סצעוואָלע געשטאַנען אָן אַ קרעכץ מיט אויפגעהויבענע אויגן אינדערהויך, שעפּטשענדיק אַ תּפילה מיט זיינע שוואַרץ-געוואָרענע ליפּן. נאָכדעם ווי מ'האָט אים לסוף דערהרגעט און אַרויסגעשלעפּט דעם קערפּער אין ספּאָליאַריום איז געמאַכט געוואָרן די געוויינלעכע מיטאָג-הפסקה. דער צעזאַר האָט צוזאַמען מיט די וועסטאַלקעס און די אויגוסטער פאַרלאָזט דאָס אַמפיטעאַטער און איז אַריין אין דעם ספּעציעל אויפגעשטעלטן ריזיקן שאַרלאַך-געצעלט, ווו מ'האָט פאַר אים און פאַר די געסט צוגעגרייט אַ הערלעכן „פּראַנדיום”. די מאַסן האָבן על פּי רוב אים נאָכגעטאָן און אַרויסשטראָמענדיק אינדרויסן האָבן זיי זיך אין מאָלערישע גרופּעס צעלייגט נעבן דעם געצעלט, כּדי אָפּצורוען די מידע איברים פון לאַנגן זיצן און כּדי אָפּצועסן די מאכלים, וועלכע שקלאַפן האָבן פון צעזאַרס חסד צעטראָגן מיט גרויס שפע. נאָר די גאָר נייגעריקע זענען נאָכן אויפשטיין פון די ערטער אַראָפּ אויף דער סאַמע אַרענע און אָנרירנדיק מיט די פינגער דאָס זיך פון בלוט קלעפּנדיקע זאַמד, האָבן זיי זיך ווי מבינים און ליבהאָבער מתווכּח געווען מכּח דעם, וואָס עס איז שוין פאָרגעקומען און וואָס עס דאַרף ערשט פאָרקומען. באַלד אָבער זענען זיי זיך אויך צוגאַנגען, כּדי נישט צו פאַרשפּעטיקן אויפן גאַסטמאָל. עס זענען נאָר איבערגעבליבן עטלעכע מענטשן אויס נייגעריקייט אָדער גאָר פון רחמנות צו די קומענדיקע קרבנות.

די האָבן זיך פאַרשטעקט אין די דורכגענג אָדער אין די נידריקע ערטער, און דערווייל האָט מען אויסגעגלייכט די אַרענע און מ'האָט גענומען גראָבן אויף איר גריבער איינער ביים צווייטן אין רייען אויפן גאַנצן אַרענע-עגול פון איין ברעג ביזן אַנדערן. אַזוי, אַז די לעצטע רייע איז אויסגעקומען עטלעכע טריט פון צעזאַרס פּאָדיום. פונדרויסן האָט מען געהערט דעם געפּילדער פונם המון, געשרייען און פּאַטשערייען און דאָ האָט מען מיט אַ פיבערהאַפטע שנעלקייט געמאַכט צו-

גרייטונגען צו נייע ענויים. באַלד האָבן זיי געעפנט די קוניקולומס און פון אַלע עפנונגען האָבן זיך גענומען אַרויסשיטן מאַסן קריסטן נאַקעטע, שלעפנדיק גרויסע צלמים אויף די אַקסלען. דאָס גאַנצע אַמפיטעאַטער איז פול געוואָרן מיט זיי. עס זענען געלאָפן אַלטיטשקע איינגעבויגן אונטער דער משא פון די הילצערנע קלעצער, נעבן זיי קרעפטיקע מענער, פרויען מיט צעלאָזטע האָר, אונטער וועלכע זיי האָבן זיך באַמיט צו באַהאַלטן זייער נאַקעטקייט, נישט דערוואַקסענע יינגלעך און גאָר קליינע קינדער. די צלמים זענען על פּי רוב אַזוי ווי די קרבנות גופא געווען באַקראַנצט מיט בלומען. די צירק־שקלאַפן האָבן, שמייסנדיק די אומגליקלעכע מיט בייטשן, זיי גענייט אַנידערצולייגן די צלמים לעבן די אָפענע גריבער און זיך אַליין אַנידערצושטעלן דערלעבן אין אַ רייע. אַזוינאָך האָבן געזאָלט אומקומען די, וועלכע זענען אין ערשטן טאָג נישט צעריסן געוואָרן פון די הינט און די ווילדע חיות. איצט האָבן זיי די שוואַרצע שקלאַפן גענומען און אַנידערלייגנדיק זיי אויף הינטן אויף די קלעצער האָבן זיי שנעל און אייליק גענומען זיי צוקלאַפּן די הענט און די פיס צום האָלץ, אַזוי, אַז דאָס פאָלק זאָל אומקערנדיק זיך נאָך דער הפסקה, שוין געפינען אַלע צלמים אויפגעשטעלט. אין גאַנצן אַמפיטעאַטער האָט געהילכט אַ געקלאַפּעריי פון האַמערס, און דער עכאָ האָט זיך צעטראָגן איבער די העכערע רייען און דערגאַנגען ביז אינדרויסן אַרום דעם אַמפיטעאַטער און ביז צום געצעלט ווו דער צעזאַר האָט זיך אונטערגעהאַלטן מיט די וועסטאַלקעס און זיינע פריינט. דאָרט האָט מען געטרונקען וויין, געחוזקט פון כילאָנען און איינגערוימט מאָדנע ווערטער די פּריסטערינס פון וועסטאַ. און אויף דער אַרענע האָט געקאָכט די אַרבעט. נעגל זענען אַריין אין די הענט און אין די פיס פון די קריסטן. עס האָבן געהודעט די לאָפּאַטעס, וואָס האָבן פאַרשיט מיט ערד די גריבער אין וועלכע עס זענען געווען אויפגעשטעלט די צלמים.

און צווישן די קרבנות, אויף וועלכע עס האָט געזאָלט אין אַ מינוט אַרום קומען די ריי, איז געווען קריספּוס. די לייבן האָבן נישט באַוויזן אים צוצערייסן, האָט מען אים דע-

ריבער באשטימט א צלם און ער, תמיד גרייט צום טויט, האט זיך געפרייט מיטן געדאנק, אז עס קומט אן אויך זיין שעה. ער האט היינט אויסגעזען אנדערש, ווארים זיין מאגערער גוף איז געווען גאנץ נאקעט נאר וואס א גארטל פון בלושטש-בלעטער האט פארדעקט זיינע לענדן און אויפן קאפ האט ער געהאט א קראנץ פון בלומען. אין די אויגן האט נאך אלץ געבליצט די זעלבע שפרודלדיקע ענערגיע, און דאס זעלבע שטרענגע און פאנאטישע פנים האט אפערגעקוקט פון אונטער דעם קראנץ. אויך זיין הארץ האט זיך נישט געביטן, ווארים אזוי ווי אמאל אין קוניקולום האט ער געסטראשעט מיט גאטס צארן די אין פעל פארנייטע ברידער קריסטן, אזוי האט ער אויך איצט געדונערט אויף זיי מיט תוכחה אנשטאט זיי צו טרייסטן.

— דאנקט און לויבט דעם גורל — האט עם גערעדט — וואס ער דערלויבט אייך אומצוקומען. אפשר וועט אייך דערפאר פארגעבן ווערן א טייל פון אייערע זינד. ציטערט פונדעסטוועגן, דען די גערעכטיקייט מוז געשען און עס קען נישט זיין איין שכר פאר רשעים און פאר צדיקים.

און אויף זיינע ווערטער האט אפגעענטפערט דער הילך פון די האמערס, מיט וועלכע מ'האט צוגעקלאפט די הענט און די פיס פון די קרבנות. וואס אמאל האבן זיך אלץ מער צלמים געהויבן איבער דער ארענע, און ער, ווענדנדיק זיך צו די גרופעס, וועלכע זענען נאך געשטאנען נישט צוגעקלאפטערהייט, יעדער ביי זיין קלאץ, האט ער אזוי גערעדט:

— איך זע דעם אפענעם הימל, אבער איך זע אויך אפן דעם שאול-תחתיה... איך ווייס אליין נישט וואס פאר א דין וחשבון איך וועל אפגעבן דעם האר פון מיין לעבן, הגם איך האב געגלייבט און האב פיינט דאס שלעכטס און נישט פארן טויט שרעק איך זיך, נאר פאר תחית המתים, נישט פאר די ענוים, נאר פארן משפט, ווארים עס קומט דער טאג פון צארן...

פלוצלונג האט זיך פון די נידריקע רייען דערהערט עמיצנס א רויקע און פייערלעכע שטים:

— נישט דער טאָג פון צאָרן, נאָר דער טאָג פון רחמים, דער טאָג פון גאולה און פון שמחה, וואָרים איך זאָג אייך, אַז קריסטוס וועט אייך צוטוליען, טרייסטן און אייך באַזעצן ביי זיין רעכטער האַנט· האָט בטחון, וואָרים אָט עפנט זיך דער הימל פאַר אייך.

ביי די ווערטער האָבן אַלעמעס אויגן זיך געווענדט צו די בענק, אַפילו די, וועלכע זענען שוין געהאָנגען אויף די צלמים, האָבן אויפגעהויבן זייערע בלייכע פאַרמאַטערטע קעפּ און גענומען קוקן אין דער זייט פונם רעדנדיקן מאַן.

יענער האָט גענענט צו דער באַריער, וואָס האָט אַרומגעצוימט די אַרענע און האָט זיי גענומען בענטשן מיטן צייכן פון צלם.

קריספּוס האָט אויסגעשטרעקט צו אים זיין אָרעם, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויס מיט תוכחה אויף אים, אָבער, דערזעענדיק זיין פּנים, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די הענט, די קני האָבן זיך געבויגן אונטער אים און זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעשעפּטשעט:

— אַפּאָסטאָל פּוילוס!...

צו דער גרעסטער פאַרוווּנדערונג פון די צירק-שקלאַפן זאָבן אַנידערגעקניט אַלע, וועלכע מ'האָט נאָכנישט באַוויזן ביז איצט צוצוקלאַפּן, און פּוילוס פון תרשיש האָט זיך געווענדעט צו קריספּוסן און געזאָגט:

— קריספּוס, שרעק זיי נישט, וואָרים נאָך היינט וועלן זיי זיין צוזאַמען מיט דיר אין גן עדן. דו מיינסט, אַז זיי וועלן זיין פאַרטיליקט? אָבער ווער וועט זיי דאָס פאַרטיליקן? צי דען וועט דאָס טאָן גאָט, וועלכער האָט פאַר זייערטוועגן אָפּגעגעבן זיין זון? צי דען וועט דאָס טאָן קריסטוס, וועלכער איז געשטאָרבן צוליב דער גאולה זייער׳ער, אַזוי ווי זיי שטאַרבן איצט פאַר דעם נאָמען זיינעם? און צי דען קען פאַרטיליקן דער, וואָס ליבט? ווער וועט גיין מקטרג זיין אויף די אויסדערוויילטע פון גאָט? ווער וועט זאָגן אויף דעמדאָזיקן בלוט: „פאַרשאָלטן!?"...

— האַר, כ'האָב פיינט געהאַט דאָס שלעכטס — האָט דער אַלטער גייסטלעכער געענטפערט.

— קריסטוס האָט געהייסן מער ליב האָבן מענטשן, ווי פיינט האָבן דאָס שלעכטס, ווארים זיין לערע איז ליבע און נישט שנאה..

— כ'האָב געזינדיקט אין דער שעה פון טויט — האָט קריספוס גענומען קלאָגן.

און ער האָט גענומען זיך קלאַפן אין דער ברוסט,

דערווייל איז דער ממונה פון די בענק צוגעקומען צום אַפּאָסטאָל און אים געפרעגט:

— ווער ביסטו, וואָס דו רעדסט צו די פאַרמשפטע?

— אַ רוימישער בירגער — האָט פוילוס רויק געענטפערט.

דערנאָך האָט ער, ווענדנדיק זיך צו קריספוסן, געזאָגט:

— גלויב, ווארים אַ טאָג פון חסד איז היינט און שטארב אין פרידן, דינער פון גאָט.

אין דעם מאָמענט זענען צוויי שוואַרצע שקלאפן צו צו קריספוסן אום אים אַנידערצולייגן אויפן צלם. אָבער ער האָט נאָך איינמאָל זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און האָט אויסגערופן:

— ברידער מיינע, זייט מתפלל פאַר מיר!

און זיין פנים האָט פאַרלוירן די געוויינלעכע שטרענגקייט, די שטיינערנע שטריכן האָבן באַקומען אַן אויסדרוק פון רו און מתיקות. ער האָט אַליין אויסגעשפרייט די הענט לענגאויס די אָרעמס פונם צלם כדי לייכטער צו מאכן די אַרבעט, און קוקנדיק גלייך אין הימל אַריין האָט ער גענומען הייס מתפלל זיין. ער האָט אויסגעזען ווי גאָרנישט צו פילן, ווארים בעת די נעגל זענען אַריין אין זיינע הענט אריין האָט קיין שום צאפל נישט אויפגעטרייסלט זיין קערפער און אויף זיין פנים האָט זיך נישט באוויזן קיין איין קנייטש פון יסורים. ער האָט מתפלל געווען בעת מען האט אים צוגעקלאפט די פיס, ער האָט מתפלל געווען, בעת מען האָט אויפגעשטעלט דעם צלם אין ארומגעטרעטן ארום די ערד. נאָר ערשט בעת דער המון האָט מיט געלעכטער און געשרייען אָנגעהויבן צוריקארייננשטראָמען אין אַמפיטעאַטער האָבן זיך די ברעמען פונם זקן צונויפגעצויגן, ווי ער וואָלט זיך

געבייזערט, וואָס דאָס געטשנדיגערישע פאָלק שטערט אים די רו און די שטילקייט פון זיסן טויט.

אַלע צלמים זענען שוין געווען אויפגעשטעלט אזוי, אַז אויף דער אַרענע איז געווען ווי אַ וואלד מיט הענגנדיקע מענטשן אויף קלעצער. אויף די אָרעמס פון די צלמים און אויף די קעפּ פון די מארטירער איז געפאַלן די שיין פון דער זון, אויף דער אַרענע אָבער זענען געווען דיקע שאָטנס, וועלכע האָבן געשאַפן אַ מין שוואַרץ קראטן־געפלעכט, פון צוויען וועלכע עס האָט דורכגעלויכטן דאָס געלע זאַמד. אין דער דאָזיקער פאַרשטעלונג איז דאָס פאַרגעניגן פאַרן פאָלק באַשטאַנען אין צוקוקן זיך צו דער פאַמעלעכדיקער גסיסה, אָבער קיינמאָל האָט מען נאָך נישט געזען אַזאַ געדיכטעניש פון צלמים. די אַרענע איז געווען אַזוי פול געפּראָפּט מיט זיי, אַז די דינערשאַפט האָט קוים מיט שוועריקייטן געקענט זיך דורכשטופּן צווישן זיי. ביי די ברעגן זענען מייסטנס געהאָנגען פרויען. אָבער קריספּוסן, אַלס אַן אָנפירער, האָט מען אויפגעהויבן האַרט נעבן צעזארס פּאָדיום אויף אַ ריזיקן צלם ארומגעוויקלט פון אונטן מיט ווייַנשטאָק. קיינער פון די קרבנות האָט נאָך נישט געגוססט, נאָר עטלעכע פון די, וועלכע מ׳האָט די ערשטע צוגעקלאַפּט, האָבן געחלשט. קיינער האָט נישט געקרעכצט און נישט געבעטן קיין רחמנות. טייל זענען געהאָנגען מיט די קעפּ אָנגעבויגן צו די אַקסלען, אָדער אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט ווי זיי וואָלטן געדרימלט, טייל ווי פאַרטיפט אין מחשבות, טייל, קוקנדיק נאָך צום הימל, האָבן שטיל באַוועגט די ליפּן. אין דעמדאָזיקן שרעקלעכן וואַלד פון צלמים, אין די־דאָזיקע אויפגעקלאַפּטע קערפּערס, אין דעם שווייגן פון די קרבנות איז פונדעסטוועגן געווען עפּעס בייז אָנזאָגנדיקס. דאָס פאָלק, וועלכעס איז נאָך דער סעודה זאַט און פריילעך צוריק אַריין אין צירק מיט געשרייען, איז איצט אַנטשוויגן געוואָרן, נישט וויסנדיק אויף וועלכן קערפּער צו פאַרהאַלטן דעם בליק און וואָס צו טראַכטן. די נאַקעטקייט פון די אָנגעשטרענגטע פרויען־קערפּערס האָט אויפגעהערט צו רייצן זייערע חושים. מ׳האָט אפילו נישט געמאַכט די געוויינלעכע וועטן

װעגן דעם, װער עס װעט פֿריער גוססן, װאָס פֿלעגט שטענדיק געשען, װען אויף דער אַרענע איז געװען אַ קלענערע צאָל פֿאַרמשפּטע. עס האָט אויסגעזען, אַז דער צעזאַר אַליין נודעט זיך אויך, װאָרים ער האָט, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, געגומען, מיט אַ פֿוילע באַװעגונג און מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן אומעטיק פּנים פֿאַרריכטן דעם האַלזבאַנד אויף זיך.

אינדעם האָט דער קעגנאיבער העננגנדיקער קריספּוס, װעלכער האָט מיט אַ מינוט פֿריער געהאַלטן פֿאַרמאַכט די אויגן װי אַ חלוש אָדער װי אַ גוסס, זיי װידער געעפֿנט און גענומען קוקן אויפֿן צעזאַר.

זיין פּנים האָט צוריק אָנגענומען אַזאַ אומבאַרחמנותדיקן אויסדרוק און זיין בליק האָט אויפֿגעפֿלאַמט מיט אַזאַ פֿייער, אַז די אויגוסטער האָבן גענומען שעפּטשען צװישן זיך, טייטלענדיק אויף אים מיט די פֿינגער, ביז לסוף האָט דער צעזאַר אַליין אויך געװענדעט אויף אים זיין בליק און האָט פּאַמעלעך צוגעלייגט דעם שמאַראַגד צום אויג.

עס איז געװאָרן שטיל. די אויגן פֿון די צוקוקער זענען געװען אַלע אָנגעשטעלט אויף קריספּוסן, װעלכער האָט געפּרוּװט צו באַװעגן מיט דער רעכטער האַנט, װי ער װאָלט זי געװאָלט אָפּרייסן פֿון האַלדז.

און באַלד האָט זיך זיין ברוסט אָנגעבלאָזן, די ריפּן זענען אים אַרויס פֿונאויבן און ער האָט גענומען רופֿן אויפֿן קול:

— מוטערמערדער! װיי צו דיר!!..

די אויגוסטער, דערהערנדיק די טויט-באַליידיקונג, װאָס איז געװאָרפֿן געװאָרן דעם מושל פֿון דער װעלט אין די אויגן פֿון פֿאָלק, האָבן מורא געהאַט אָפּצואָטעמען, כאָטש איז פֿאַרשטאָרבן געװאָרן, דער צעזאַר האָט אַ ציטער געטאָן און אַרויסגעלאָזט דעם שמאַראַגד פֿון צװישן די פֿינגער.

אויך דאָס פֿאָלק איז פֿאַרציטערט געװאָרן. דאָס קול פֿון קריספּוסן האָט אַלץ העכער געהילכט איבערן גאַנצן אַמפּיטעאַטער:

— ווי דיר, רוצח פון אייגענעם ווייב און ברודער, ווי דיר, אַנטיקריסט! דער אָפּגרונט עפנט זיך אונטער דיר, דער טויט ציט אויס צו דיר זיינע הענט און דאָס קבר וואַרט אויף דיר. ווי דיר, לעבעדיקער מת, דו וועסט שטאַרבן אין שרעק און וועסט זיין פאַרטיליקט אויף אייביק!...

און נישט קענענדיק אָפּרייסן די צוגעקלאַפּטע הענט פון האַלץ, גיוואַלדיק אויסגעשטייפּט, אַ שרעקלעכער, נאָך ביים לעבן ענלעך צו אַ סקעלעט, אַ נישט בויגנדיקער ווי דער גורל, האָט ער געשאָקלט מיט דער ווייסער באָרד איבער נירונס פּאָדיום, צערודערנדיק דערווייל מיט די באַוועגונגען פונם קאָפּ די רויזנ־בלעטער פונם קראַנץ, וואָס מ'האָט אים אַרויפגעלייגט אויפן שאַרבן.

— ווי ד ר, רוצח! דיין מאָס איז שוין איבערפולט און דיין שעה דערנענטערט זיך!!!...

דאָ האָט ער זיך נאָכאַמאָל אויסגעשטייפּט, אַ מינוט האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט אָפּרייסן די הענט פונם צלם און וועט זי אימהדיק אויסשטרעקן איבערן צעזאַר, אָבער פּלוצלונג האָבן זיך זיינע דאַרע אָרעמס נאָכמער אויסגעצויגן, דער קער־פּער האָט זיך אַביסל אַראָפּגעלאָזט, דער קאָפּ איז אים געזונ־קען אויף דער ברוסט און ער איז אויסגעגאַנגען.

צווישן דעם צלמים־וואַלד האָבן די שוואַכערע שוין אויך גענומען איינשלאָפן מיטן אייביקן שלאָף.

LIX.

— האר, — האָט כילאָן געזאָגט — דער ים איז איצט ווי בוימל און די כוואליעס ווי זיי וואָלטן געשלאָפן... לאָמיר פאָרן קיין אכאי. דאָרטן דערוואַרטן דיך דער רום פון אפּאָללין, דאָרטן וואַרטן אויף דיר קרענץ, טריומפן, דאָרט פארגעטערט דיך דאָס פאָלק און די געטער וועלן אויפנעמען ווי זייערס גלייכן דעם גאַסט. דאָ אָבער, האר...

ער האָט איבערגעריסן, וואָרום די אונטערשטע ליפּ האָט אים גענומען אזוי שטארק ציטערן, אז זיינע ווערטער זענען איבערגעגאנגען אין עפּעס אומפארשטענדלעכע קלאנגען.

— מיר וועלן פאָרן נאָכן סוף פון די פאָרשטעלונגען — האָט נירון געענטפערט. — איך ווייס, אז טייל רופן שוין אזוי אויך די קריסטן „איננאָקסיא קאָרפּאָרא". אויב איך זאָל אוועקפאָרן וואָלטן אלע אָנגעהויבן דאָסזעלבע צו זאָגן. וואָס האָסט מורא, צעקוועטשטע לעמעשקע?

דאָס זאָגנדיקן האָט ער צונויפגעצויגן די ברעמען, אָבער ער האָט מיט אַ פּרעגנדיקן בליק געגומען קוקן אויף כילאָנען, ווי ער וואָלט דערוואַרט פון אים אַ דערקלערונג. וואָרום ער האָט זיך נאָר בלויז געמאַכט קאַלטבלוטיק. אויף דער לעצטער פּאָר־שטעלונג האָט ער זיך אַליין דערשראָקן פון קריספּוסעס ווער־טער און פהיימקומענדיק האָט ער נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן פון כעס און פון בושה, אָבער אויך פון שרעק. דערווייל האָט דער אַבערגלויבערישער וועסטינוס, וועלכער האָט שווייגנדיק אויסגעהערט זייער שמועס, זיך אַרומגעקוקט און האָט מיט אַ כוודותדיקע שטים געזאָגט:

— פּאָלג, האַר, דעמדאָזיקן זקן, אין די קריסטן איז פּאַ־ראַן עפּעס וווּנדערלעכס... זייער גאָט גיט זיי אַ לייכטן טויט, אָבער ער קען זיך אויך נוקם זיין.

אויף דעם האָט נירון שנעל געענטפערט:

— נישט איך אָרדן איין די פאָרשטעלונגען. דאָס מאַכט טיגעלין.

— ריכטיק, איך! — האָט טיגעלין זיך אָפּגערופן, דער־הערנדיק דעם צעזאַרס ענטפער. — דאָס מאַך איך דאָס און איך לאַך זיך אויס פון אַלע קריסטלעכע געטער. וועסטיניוס, האַר, איז אַן אָנגעשטאָפּטער זאַק מיט אַבערגלויבנס און אַט דער העלדישער גריך ווידער איז גרייט אַוועקצושטאַרבן זעענדיק אַ הון, וואָס בלאָזט זיך, שיצנדיק אירע הינדעלעך.

— זייער פיין — האָט נירון געענטפערט — נאָר פון הייַנט אָן זאָלסטו הייסן אָפּשניידן די צינגער ביי די קריסטן אָדער זיי פאַרשטאָפּן די מיילער.

— ס'פייער וועט זיי פאַרשטאָפּן די מיילער, אַ געט־לעכער!

— ווי מיר! — האָט כילאָן אַרויסגעקרעכצט.

אָבער דער צעזאַר, וועמען טיגעלינס פרעכע זיכערקייט האָט צוגעגעבן מוט, האָט גענומען לאַכן און געזאָגט ווייזנדיק אויפן אַלטן גריך:

— קוקט נאָר אָן דאָס אויסזען פון אַכילעסעס אייניקל!

און באמת האָט כילאָן אויסגעזען שרעקלעך. די רעשט־לעך האָר אויפן קאָפּ זענען אים אײַנגאַנצן גראָ געוואָרן, אויפן פּנים איז אים פאַרגליווערט געוואָרן אַן אויסדרוק פון שרעקלעכן אומות מורא און דערשלאָגנקייט. ער האָט מאָמענטנווייז אויס־געזען ווי אַ באַטויבטער אָדער האַלב פאַר־חלשטער. אָפּט האָט ער נישט געענטפערט אויף דעם, וואָס מ׳האָט אים געפרעגט, אָפּט ווידער איז ער גאָר אַרײַנגעפאַלן אין כעס און פלעגט ווערן אַזוי פרעך, אַז די אויגוסטער האָבן ליבער נישט גע־וואָלט זיך פאַרטשעפּען מיט אים.

אַזאַ מין מינוט איז אויך איצט אויף אים געקומען.

— טוט מיט מיר וואָס איר ווילט און איך וועל אויף די פאָרש טעלונגען נישט גיין! — האָט ער אין פאַרצווייפלונג אויסגערופן אַ קנאַק טוענדיק מיט די פינגער.

נירון האָט אַ ווייל אויף אים אַ קוק געטאָן און ווענדנ־דיק זיך צו טיגעלין, האָט ער געזאָגט:

— זאָלסט אַכטונג געבן, אַז אין די גערטנער זאָל דער־דאָזיקער סטאָיק זיך געפינען לעבן מיר. כ׳וויל זען, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק די לעבעדיקע פלאַקערן וועלן אויף אים מאַכן.

כילאָן האָט זיך פונדעסטוועגן דערשראָקן פאַר דער דראָונג, וועלכע האָט געציטערט אין צעזאַרס שטים.

— האַר, האָט ער געזאָגט — איך וועל גאָרנישט זען, ווארים איך זע נישט בײַנאַכט.

און דער צעזאַר האָט אים געענטפערט מיט אַ שרעקלעך שמייכעלע:

— די נאַכט וועט זײַן ליכטיק ווי דער טאָג.

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די אַנדערע אוי־גוסטער און האָט גענומען רעדן וועגן די געיעגן וועלכע ער האָט בדעה אײַנצוּאָרדנען ביים סוף פון די פאָרשטעלונגען.

צו כילאָנען איז צוגעקומען פעטראָניוס און אָנרירנדיק אים ביים אַקסל, האָט ער געזאָגט:

— האָב איך דיר דען נישט געזאָגט, אַז דו וועסט נישט אויסהאַלטן ?

און ער האָט געענטפערט:

— איך וויל זיך אָנטרינקען...

און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין ציטערדיקע האַנט נאָך דעם קראַטער מיט וויין, אָבער ער האָט אים נישט געקענט אויפהייבן צום מויל. דערזעענדיק דאָס, האָט אים וועסטינוס צוגענומען דעם קרוג און צוריקנדיק זיך נאָנט צו אים האָט ער מיט א נייגעריק און דערשראָקן פנים אים געפרעגט:

— דאָס רודפן דיך די פוריעס, וואָס ?...

דער זקן האָט אויף אים א ווייל געקוקט מיט ברייט געעפנטע אויגן, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען די שאלה און ער האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן.

און וועסטינוס האָט איבערגעחזרט:

— דאָס יאָגן דיך נאָך די פוריעס ?

— ניין — האָט כילאָן געענטפערט — נאָר עס איז נאַכט אַרום מיר.

— נאַכט ?... זאָלן זיך די געטער מרחם זיין איבער דיר! וואָס הייסט נאַכט ?

— א שרעקלעכע, א פינצטערע נאַכט, אין וועלכער עפּעס רירט זיך און געבענט צו מיר... נאָר איך ווייס נישט וואָס און איך האָב מורא.

— איך בין תמיד געווען זיכער, אַז דאָס זענען כישוף־מאַכער. צי חלומט זיך דיר נישט ?

— ניין, ווייל איך שלאָף נישט איין. איך האָב נישט געוווסט, אַז מ׳וועט זיי אַזוי באַשטראָפן.

— דו באַדויערסט זיי ?

— צו וואָס פאַרגיסט איר אַזויפיל בלוט ? האָסט געהערט, וואָס יענער פון צלם אַראָפּ האָט געזאָגט ? ווי אונז !

— כ׳האָב געהערט — האָט וועסטינוס שטיל געענטפערט — אָבער דאָס זענען דאָך אונטערצינדער.

— נישט אמת !

— און שונאים פון דער מענטשהייט.
— נישט אמת!
— און פאַרסמער פון די ברונעמס.
— נישט אמת!
— און מערדער פון קינדער.
— נישט אמת!
— וואָס הייסט — האָט קאָנסטאַנטינוס פאַרווונדערט געפרעגט — דו אַליין האָסט דאָך, דאָס געזאָגט און האָסט זיי אַרויסגעגעבן אין די הענט פון טיגעלין.
— דעם זעלבער [illegible] טאַקע ריכטיק [illegible] און דער טויט געווינט צו מיר. ס'דוכט זיך מיר, אַז איך בין שוין געשטאָרבן און איר אויך.
— נישט [illegible] דאָס וועלן זיי שטאַרבן און מיר לעבן. אָבער זאָל מיר, וואָס זענען זיי שטאַרבנדיק?
— קריסטוסן...
— דאָס איז זייער גאָט? צי איז דאָס אַ מעכטיקער גאָט?
אָבער כילאָן האָט געענטפערט אויך מיט אַ שאלה:
— וואָס פאַר אַ פּלאַקערן וועלן דאָס ברענען אין גאָרטן? האָסט געהערט, וואָס דער צעזאַר האָט געזאָגט?
— כ'האָב געהערט און כ'ווייס. דאָס רופט מען „סאַרמענטיטי" און „סעמאַקסיי". מ'וועט זיי אָנטאָן אין ווייַטעמדלעך אָנגעזאַפּט מיט סמאָלע, מ'וועט זיי צובינדן צו סלופּעס און אונטערצינדן... זייער גאָט זאָל נאָר נישט אָנשיקן אויף דער שטאָט קיין אומגליקן... סעמאַקסי! דאָס איז אַ שרעקלעכע שטראָף!
— כ'וויל שוין ליבער דאָס, ווייל עס וועט נישט זיין קיין בלוט — האָט כילאָן געענטפערט — הייס דעם שקלאַף מיר דער לאַנגען דעם קראַטער צום מויל. כ'וויל טרינקען און כ'פאַרגיס דעם ווייַן, דען די האַנט ציטערט מיר פון אַלטקייט...
די איבעריקע האָבן דערווייַל אויך גערעדט וועגן די קריסטן. דער אַלטער דאָמיציוס אַפער האָט געשפּעט פון זיי.
— זיי זענען אַזוי פילע — האָט ער געזאָגט — אַז זיי וואָלטן געקענט אויפהייבן אַ בירגער-קריג און דערמאַנט אייך,

אַז מ'האָט מורא געהאַט, צי זיי וועלן זיך נישט וועלן פאַרטייּ־
דיקן, דערווייל שטאַרבן זיי גאָר ווי די שעפּעלעך.

— זאָלן זיי פּרוּוון אַנדערש! — האָט טיגעלין געזאָגט.
דערויף האָט פּעטראָניוס זיך אָנגערופן:

— איר זענט זיך טועה. זיי פאַרטיידיקן זיך.

— ווי אַזוי דען?

— מיט סבלנות.

— אַ נייער אופן!

— געוויס. אָבער צי קענט איר זאָגן, אַז זיי שטאַרבן אַזוי
ווי געוויינלעכע פאַרברעכער? ניין! זיי שטאַרבן אַזוי ווי די פאַר־
ברעכער וואָלטן געווען די, וועלכע פאַרמשפּטן זיי צום טויט, דאָס
הייסט מיר און דאָס גאַנצע רוימישע פאָלק.

— וואָס פאַר אַ פּלוידעריי — האָט טיגעלין אויסגערופן.

— „היק אבדערא"! 1) — האָט פּעטראָניוס געענטפערט.

אָבער די אַרומיקע, געטראָפן פון זיינע טרעפלעכע באַמער־
קונגען האָבן זיך גענומען אָנקוקן פאַרוווּנדערט און זאָגן:

— אמת! עס איז טאַקע דאָ עפּעס משונהדיקס און וווּנדער־
לעכעס אין זייער שטאַרבן.

— איך זאָג אייך, אַז זיי זעען זייער גאָט! — האָט וועסטינוס
זיך אַריינגעמישט.

דאָ האָבן זיך עטלעכע אויגוסטער געווענדט צו כילאָנען:

— העי, אַלטער, דו קענסט זיי גוט, זאָג אונז, וואָס זעען זיי?

דער גריך האָט אויסגעשפּיגן דעם ווייַן אויף דער טוניק און
האָט געענטפערט:

— תחית המתים!...

און ער האָט גענומען אַזוי ציטערן, אַז אַלע אַרומיקע האָבן
אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הויך געלעכטער.

1) אַ רוימיש פאָלקס־ווערטל: שוטה שבשוטים.

LX

זייט עטלעכע טעג האָט וויניציוס נישט געזעהן אײנ־דערהיים. פעטראָניוס האָט געטראַכט, אַז ער האָט שוין אפשר ווידער געמאַכט אַ נייעם פּלאַן און אַרבעט איבער ליגיעס באַפרייאונג פון עסקווילינער תפיסה, אָבער ער האָט אים שוין גאָרנישט געוואָלט פרעגן, כדי נישט גורם צו זיין קיין דורכפאַל אין זיין אַרבעט. דערדאָזיקער גרויסאַרטיקער סקעפּטיק איז אין אַ געוויסן זין געוואָרן אַבערגלויביש, אָדער בעסער געזאָגט, זייט עס איז אים נישט געלונגען אַרויסצובאַקומען ליגיען פון דער מאַמערטינער תפיסה האָט ער אויפגעהערט צו גלויבן אין זיין שטערן.

ער האָט איבעריקנס אויך איצט נישט געגלויבט אין אַ גוטן סוף פון וויניציוסעס פּלענער. די עסקווילינער תפיסה, וועלכע איז אויף דער גיך איינגעאָרדנט געוואָרן אין די קעלערן פון די איינגעלייגטע הייזער בעת דער שרפה, איז אמת נישט געווען אַזוי שרעקלעך ווי דאָס אַלטע טוליאַנום נעבן קאַפּיטאָל, אָבער

עס איז דערפאַר געווען פֿיל מער באַוואַכט. פּעטראָניוס האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז ליגיע האָט מען אַהין איבערגעפֿירט נאָר כּדי זי זאָל נישט שטאַרבן און זאָל נישט ניצול ווערן פֿון אַמפּי־טעאַטער. עס איז אים דעריבער געווען לײַכט זיך אָנצושטויסן, אַז טאַקע דעריבער היט מען זי אַוודאי ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

— אַפֿנים — האָט ער זיך געטראַכט — אַז דער צעזאַר און טיגעלין באַהאַלטן זי עפּעס אויף אַ ספּעציעלע שרעקלעכע פֿאָרשטעלונג און וויניציוס וועט גיכער אַליין אומקומען איידער עס וועט אים געלינגען זי אַרויסצובאַקומען.

אָבער אויך וויניציוס האָט פֿאַרלוירן די האָפֿנונג זי אַרויס צובאַקומען. איצט קען דאָס באַווייזן נאָר בלויז קריסטוס. דעם יונגן טריבון איז איצט געגאַנגען נאָר אין דעם, ער זאָל זי קענען זען כאָטש אין תּפֿיסה.

זייט אַ געוויסער צײַט האָט אים נישט געלאָזט רוען דער געדאַנק, אַז נאַזאַריוס האָט זיך פֿונדעסטוועגן אַרײַנבאַקומען אין מאַמערטינער תּפֿיסה אַלס אַרבעטער צום אַרויסטראָגן די מתים. ער האָט, בכן, באַשלאָסן אויך צו פּרוּוון דעם וועג.

איבערקויפֿנדיק פֿאַר אַ ריזיקע סומע דעם אויפֿזעער פֿון די „שטינקנדיקע גריבער”, האָט דער לעצטער אים צוגענומען צווישן זײַנע אַרבעטער, וועלכע ער פֿלעגט יעדע נאַכט שיקן אין די תּפֿיסות נאָך די טויטע קערפּער. די מורא, אַז מ׳וועט אים דערקענען איז געווען אַ קליינע. די נאַכט, די שקלאַפֿן־הלבשה און די שלעכטע באַלײַכטונג אין די תּפֿיסות האָבן אים געשיצט דערפֿון. און וועמען האָט דען, איבריקנס, געקענט אײַנפֿאַלן, אַז אַ פּאַטריציער, אַן אייניקל און אַ זון פֿון קאָנסולן זאָל זיך געפֿינען צווישן די קבֿרנים, וועלכע זענען אויסגע־שטעלט אויף דער פֿאַרסמטער לופֿט פֿון די תּפֿיסות און פֿון די „שטינקנדיקע גריבער?” און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט צו וועלכער נאָר שקלאַפֿערײַ אָדער די גרעסטע נויט האָט געקענט צווינגען מענטשן.

ער אָבער, ווען עס איז געקומען דער דערוואַרטער אָוונט, האָט מיט פֿרייד זיך אַרומגעגאַרטלט די לענדן און אַרומגע־

וויקלט דעם קאָפּ מיט אַ סמאַטע אָנגעזאַפּט מיט טערפּענטין און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז ער צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע אַוועק צום עסקווילין.

די פּרעטאָריאַנער וואַך האָט זיי קיין שוועריקייטן נישט געמאַכט, דען זיי האָבן אַלע געהאַט די געהעריקע „טעססערן", וועלכע דער צענטוריאָן האָט באַקוקט בײַם ליכט פֿון אַ לאַמ־טערן. אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך די גרויסע אײַזערנע טירן געעפֿנט פֿאַר זיי און זיי זענען אַרײַן.

ווינציוס האָט פֿאַר זיך דערזען אַ ריזיק געוועלבט קעלער פֿון וועלכן עס זענען געווען אײַנגענג אין ווײַטערע. קלײנע פֿלעמלעך האָבן באַלויכטן דעם חלל, וועלכער איז געווען גע־פּאַקט מיט מענטשן. טייל פֿון זיי זענען געלעגן בײַ די ווענט שלאָפֿנדיקע אָדער אפֿשר גאָר טויטע. אַנדערע האָבן אַרומגע־רינגלט די גרויסע כּלי מיט וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אינ־מיטן, פֿון וועלכער זיי האָבן געטרונקען ווי געצערטע פֿון היץ, אַנדערע זענען געזעסן אויף דער ערד מיט די עלנבויגנס אָנ־געשפּאַרט אויף די קני און מיט די קעפּ אין די הענט, ווו נישט ווו זענען געשלאָפֿן קינדער צוגעטוליעט צו די מוטערס. אַרום האָט מען געהערט נאָר קרעכצן און אַ הויך פּיפּריק אָטעמען פֿון די קראַנקע, אָדער אַ געוויין, אָדער אַ שעפּטשען פֿון אַ תּפֿילה, אָדער שטיל געצויגענע ניגונים, אָדער די קללות פֿון די וועכטער. אין די קעלערן האָט געהערשט אַ מתים־עפּוש און אַן ענגשאַפֿט. אין די טונקעלע טיפֿע ווינקלען האָט גע־ווימלט פֿון טונקעלע געשטאַלטן און נענטער צו בײַם שײַן פֿון די צאַנקענדיקע פֿלעמלעך האָט מען געזען בלײַכע, צעשראָקענע, אויסגעמאַגערטע און פֿאַרהונגערטע פּנימער מיט אויסגעלאָשענע, אָדער פֿיבעריק־ברענענדיקע אויגן, בלאָע ליפּן, מיט גרויסע טראָפּנס שווייס באַדעקטע שטערנס, מיט פֿײַכט פּאַרקלעפּטע האָר. אין די ווינקלען האָבן די קראַנקע הויך געפֿרעפּלט פֿון היץ, אַנדערע האָבן געבעטן וואַסער, נאָך אַנדערע, מ'זאָל זיי פֿירן צום טויט וואָס גיכער. און דאָס איז שוין געווען אַפֿילו ווינציקער שרעקלעכע תּפֿיסה פֿון אַלטן טוליאַנום. אונטער ווי־

ניציוסן האָבן זיך די פּיס געוואַקלט דאָס זעענדיק און עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. ביים געדאַנק, אַז ליגיע געפינט זיך דאָ אין דערהאַזיקער נויט און אומגליק, האָבן זיך אים די האָר אויפן קאָפּ קאַפּויר געשטעלט און אין דער ברוסט איז אים פאַרשטיקט געוואָרן דער יאוש-געשריי. דאָס אַמפיטעאַטער, די ציין פון די ווילדע חיות, די צלמים, אַלץ איז נאָך בעסער געווען ווי אָט דידאָזיקע קעלערן פול מיט מתים-גערוך, וווּ תחנונימדיקע מענטשלעכע שטימען האָבן פון אַלע זייטן געבעטן:

— פירט אונז צום טויט!

וויניציוס האָט איינגעגראָבן זיינע נעגל אין פלייש פון זיינע הענט, ווארים ער האָט געפילט, אַז ער פאַלט פון די כחות און אַז ער פאַרלירט דאָס באַוווסטזיין. אַלץ, וואָס ער האָט ביז איצט איבערגעלעבט, די גאַנצע ליבע און פּיין האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט אין אים אין איין פאַרלאַנג צו שטאַרבן.

אינדעם האָט זיך האַרט נעבן אים דערהערט די שטים פון אויפזעער איבער די „שטינקנדיקע גריבער”:

— וויפל מתים האָט איר היינט?

— ביי אַ טוץ — האָט דער תפיסה-וועכטער געענטפערט — אָבער ביז אינדערפרי וועט זיין מער וואָרים דאָרט ביי די ווענט גיסטן שוין עטלעכע.

און ער האָט זיך גענומען קלאָגן אויף די פרויען, אַז זיי באַהאַלטן די געשטאָרבענע קינדער, כדי זיי וואָס לענגער צו האָבן ביי זיך און ווי מעגלעך זיי נישט אָפּצוגעבן צו די „שטינקנדיקע גריבער”. עס קומט אויס די מתים צו דערקענען ערשט לויטן ריח, צוליב וואָס די לופט, וועלכע איז אַזוי אויך געווען שרעקלעך, ווערט נאָך מער פאַרדאָרבן. „כ'וואָלט שוין גלייכער געוואָלט — האָט ער געזאָגט — זיין אַ שקלאַף אין די דאָרפישע ערגאַסטולומס איידער דאָ היטן די ביים לעבן פוילנדיקע הינט”. דער ממונה פון די „גריבער” האָט אים געטרייסט, אַז זיין דינסט איז אויך נישט לייכטער. בינו לבינו איז וויניציוס צוריק געקומען צו זיך און ער האָט גענומען זיך אַרומקוקן איבערן קעלער, אין וועלכן ער האָט

אומזיסט געזוכט מיט די אויגן ליגיען, טראַכטנדיק דערביי, אַז ער וועט זי שוין אפשר מער ביי איר לעבן נישט זען. קע־לערן זענען געווען איבער אַ צענדליק, פאַרייניקט צווישן זיך דורך פריש געמאַכטע דורכגראָבונגען. די קברנים זענען אָבער אַריין נאָר אין די קעלערן, פונוואַנען מ׳האָט געדאַרפט צונע־מען טויטע קערפּערס. עס האָט אים דעריבער אַ שוידער דורכגענומען, טראַכטנדיק, אַז דאָס וואָס האָט אים געקאָסט אַזויפיל מי, וועט אים אפשר גאָרנישט העלפן.

צום גליק איז אים זיין עלטסטער געקומען צו הילף.

— די מתים — האָט ער געזאָגט — מוז מען שוין תיכף אַרויסטראָגן, וואָרים די שלאָפקייטן פאַרשפּרייטן זיך דער עיקר דורך די מתים, אויב נישט וועט איר אַלע און אויך די געפאַנגענע אומקומען.

— אויף אַלע קעלערן זענען מיר, בסך הכל, צען — האָט דער וועכטער געזאָגט — און מיר מוזן דאָך שלאָפן אויך.

— וועל איך דיר איבערלאָזן פיר פון מיינע מענטשן, וועל־כע וועלן ביינאַכט אַרומגיין איבער די קעלערן אַרומקוקן זיך צי ס׳איז ווער געשטאָרבן.

— מיר וועלן מאָרגן עפּעס אויסטרינקען דערפאַר. לאָזן זיי יעדן מת אַרויסטראָגן צו דער פּראָבע, דען עס איז אָנ־געקומען אַ באַפעל, מ׳זאָל יעדן טויטן דורכשטעכן דעם האַלז איידער מ׳שיקט אים אַפּ אין די גריבער!

— גוט, אָבער מיר וועלן מאָרגן נעמען אַ כוסה — האָט דער וועכטער געזאָגט.

נאָכדעם האָט ער אויסגעטיילט פיר מענטשן און צווישן זיי וויניציוס און מיט די איבריקע האָט ער זיך גענומען צום אויפלייגן די טויטע אויף די טראַגעס.

וויניציוס האָט אָפּגעאָטעמט. ער איז איצט לכל הפחות געווען זיכער, אַז ער וועט געפינען ליגיע.

און ער האָט קודם כל גענומען שטאַרק דורכקוקן דעם ערשטן קעלער. ער האָט בודק געווען יעדעס פינצטער ווינקל,

ווי עס איז כמעט קיין שטראַל פון ברענענדיקן פלעמל נישט דערגאַנגען, ער האָט זיך איינגעקוקט אין די געשטאַלטן פון די, וואָס זענען געשלאָפן ביי די ווענט צוגעדעקט מיט סמאַטעס, ער האָט זיך איינגעקוקט אין די שווער קראַנקע, וועלכע מ'האָט אַוועקגעשלעפט אין אַ באַזונדער ווינקל. אָבער ליגיע האָט ער אין ערגעץ נישט געקענט געפינען. אין צווייטן און אין דריטן קעלער זענען זיינע זוכענישן אויך געווען אומזיסט.

עס איז דערווייל געוואָרן זייער שפעט: די טויטע זענען שוין געווען אַרויסגעטראָגן. די וועכטער זענען איינגעשלאָפן אין די קאָרידאָרן, וואָס פירן פון איין קעלער אין צווייטן. די קינדער, מיד פון וויינען, זענען סוף כל סוף איינגעשלאָפן. אין קעלער האָט מען נאָר געהערט דעם שווערן אָטעם פון מידע ברוסטן און ווו נישט ווו נאָך דאָס שעפטשען פון אַ תפילה.

וויניציוס מיטן פלעמל אין דער האַנט איז אַריין אין פערטן קעלער לויט דער ריי, וועלכער איז געווען פיל קלענער פון די פריערדיקע און אויפהייבנדיק הויך דאָס פלעמל האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן איבער דעם קאַמער.

און פלוצלונג האָט ער אַ צאַפּל געטאָן. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אונטער די קראַטן אין דער עפנונג פון דער וואַנט זעט ער דאָס ריזנגעשטאַלט פון אורסוסן.

און אויסלעשנדיק כהרף עין דאָס פלעמל איז ער צו צו אים און געפרעגט:

— אורסוס, דאָס ביסטו?

דער ריז האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ:

— ווער ביסטו דען?

— דו דערקענסט מיך נישט? — האָט וויניציוס געפרעגט.

— האָסט אויסגעלאָשן דאָס פייער, ווי זשע זאָל איך דיך דערקענען?

אָבער וויניציוס האָט אין דערזעלבער מינוט דערזען ליגיע, וועלכער איז געלעגן אויף אַ מאַנטל ביי דער וואַנט.

נישט [illegible] מער קיין וואָרט. האָט ער אַנידערגעקניט לעבן [illegible]

אורסוס האָט אים דערקענט און האָט געזאָגט:

— [illegible] געליבט אונז קריסטוס, נאָר וועק זי נישט אויף, האַר.

ווניציאַנוס האָט קניענדיק זיך אײַנגעקוקט אין איר מיט טרערן אין די אויגן. נישט קוקנדיק אויף דער פינצטערניש, האָט ער דאָך געזען איר פּנים בלייך ווי אַלבאַסטער און אירע אויסגעמאַגערטע אַקסלען. און קוקנדיק איצט אַזוי אויף איר האָט אים אָנגענומען אַזאַ ליבשאַפט, ווי אַ שאַרפער ווייטאָק, וואָס טרייסלט אויף די נשמה ביז די טיפסטע טיפענישן און איז גלייכצייטיק פול מיט רחמנות, שעצונג און יראת הכבוד, און פאַלנדיק מיטן פּנים צו דער ערד האָט ער גענומען צו־דריקן זײַנע ליפּן צו אַ ברעג פונעם מאַנטל אויף וועלכן עס האָט גערוט דערדאָזיקער, אים טײַערסטער קאָפּ פון דער וועלט.

אורסוס האָט אַ לאַנגע צײַט שטילשווײַגנדיק געקוקט אויף אים. לסוף האָט ער אים אַ ציִ געטאָן פאַר דער טוניקע.

— האַר — האָט ער געפרעגט — ווי אַזוי ביסטו דאָ אַרײַן און ציִ קומסטו זי באַפרײַען?

וויניציוס האָט זיך אויפגעהויבן. אַ ווײַל האָט ער נאָך געקעמפט מיט זײַן גערירטקייט.

— גיב מיר אַ מיטל! — האָט ער געזאָגט.

— כ'האָב געמיינט, אַז דו וועסט שוין עפּעס אויסגעפינען, האַר. איך האָב געטראַכט...

דאָ האָט ער אַ קוק געטאָן צו דער שפּענדל מיט די קראַטן, דערנאָך האָט ער ווי ענטפערנדיק זיך אַליין געזאָגט:

— אָ!.. נאָר דאָרט שטייען זעלנער...

— הונדערט פּרעטאָריאַנער — האָט וויניציוס געזאָגט. — איז אוממעגלעך דורכצוגיין!

[illegible] ניקט [illegible]

דער ליגיער האָט אַ וויש געטאָן זײַן שטערן מיט דער האַנט און נאָכאַמאָל געפרעגט:

— ווי אַזוי ביסטו דאָ אַריינגעקומען?

— כ'האָב אַ טעססערע פונם אויפזעער פון די גרעבער...

ער האָט פּלוצלונג איבערגעריסן ווי עפּעס אַ געדאַנק וואָלט אים אויפגעבליצט אין קאָפּ.

— ביי די ענויים פון גואל! — האָט ער שנעל גענומען רעדן. איך וויל דאָ בלייבן און זאָל זי נעמען מיין טעסערע, זיך אַרומוויקלען דעם קאָפּ מיט דער סמאַטע, אַרויפוואַרפן אויף זיך דעם מאַנטל און אַרויסגיין. צווישן די גרעבער-שקלאַפן זענען פאַראַן עטלעכע נישט דערוואַקסענע יינגלעך, וועלן זי די פּרעטאָריאַנער דעריבער נישט דערקענען און קוים וועט זי זיך נאָר געפינען ביי פּעטראָניוסן אין הויז, וועט ער זי שוין ראַטעווען!

אָבער דער ליגיער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ אויף דער ברוסט און געענטפערט:

— זי וועט געוויס נישט מסכים זיין דערצו, וואָרום זי האָט דיך ליב און אַ חוץ דעם איז זי קראַנק און קען זיך נישט האַלטן אויף די פיס.

און אין אַ מינוט אַרום האָט ער צוגעגעבן, — אויב דו, האַר, און דער גרויסמעכטיקער פּעטראָניוס האָט זי נישט געקענט אַרויסבאַקומען פון תפיסה, טאָ ווער וועט זי שוין קענען באַפרייען?

— נאָר קריסטוס!...

און זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן. דער ליגיער האָט מיט זיין פּשוטן שכל געטראַכט: „ער וואָלט דאָך געקענט אַלעמען בעטן, און קוים טוט ער דאָס נישט, איז הייסט עס אפנים געקומען די צייט פון ענויים און פון טויט". און ער איז מושלה געוואָרן דערמיט פאַר זיינעטוועגן, אָבער עס האָט אים אומגעהויער ווי געטאָן פאַר דעמזאָזיקן קינד, וועלכעס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן ביי אים אויף די הענט און וועלכעס ער האָט ליב געהאַט מער ווי ס'לעבן.

ויניציוס האָט ווידער אַנידערגעקניט נעבן ליגיען. דורך די קראַטן פון דער עפענונג האָבן זיך אַריינגעשלייכט אין

קעלער די שטראַלן פון דער לבנה און האָבן אים בעסער באַלויכטן ווי דאָס פלעמל, וועלכעס האָט נאָך געצאַנקט איבער דער טיר.

אינדעם האָט ליגיע געעפנט די אויגן און אַרויפלייגנדיק אירע גליענדיקע הענט אויף וויניציוסעס הענט האָט זי געזאָגט:

— איך זע דיך, און איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען.

און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אירע הענט און זיי גענומען דריקן צו זיין שטערן, צו זיין האַרץ, דערנאָך האָט ער זי צעוואָס אונטערגעהויבן פון געלעגער און זי אָנגעשפאַרט אָן זיין ברוסט.

— איך בין געקומען טייערע — האָט ער געזאָגט — זאָל דיך קריסטוס היטן און מציל זיין, אָ ליגיע, געליבטע!..

און ער האָט מער נישט געקענט רעדן, וואָרים ס'האַרץ אין אים האָט גענומען יאָמערן פון שמערץ און פון ליבע און ער האָט זיין שמערץ נישט געוואָלט אַרויסווייזן פאַר איר.

— איך בין קראַנק, מאַרק — האָט זי געזאָגט — און צי אויף דער אַרענע, צי דאָ אין תפיסה אַלץ איינס וועל איך שטאַרבן אינגיכן... אָבער איך האָב געבעטן גאָט, אַז איך זאָל דיך נאָך קענען זען און דו ביסט געקומען. קריסטוס האָט מיין תפילה אָנגענומען!

און בעת ער האָט נאָך אַלץ נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסברענגען און ער האָט זי נאָר געדריקט צו זיין ברוסט, האָט זי ווייטער גערעדט:

— איך פלעג דיך זען דורכן פענצטער פון טוליאַנום, און איך האָב געוווּסט, אַז דו האָסט געוואָלט קומען און איצט האָט מיר דער גואל אונזערער געגעבן אויף אַ מינוט דאָס באַוווּסטזיין, כדי מיר זאָלן זיך קענען געזעגענען. אָט גיי איך שוין צו אים, מאַרק, אָבער איך ליב דיך און איך וועל דיך תמיד ליבן.

וויניציוס האָט זיך געשטאַרקט, האָט גובר געווען אין זיך דעם שמערץ און האָט גענומען רעדן מיט אַ געמאַכטער רויִקער שטים:

— ניין, טייערע, דו וועסט נישט שטאַרבן. דער אַפּאָ־סטאָל האָט געהייסן גלויבן און האָט צוגעזאָגט מתפּלל צו זיין פאַר דיר. ער האָט דאָך געקענט קריסטוסן, קריסטוס האָט אים געליבט און פלעגט אים גאָרנישט אָפּזאָגן... ווען עס וואָלט דיר באַשערט געווען צו שטאַרבן, וואָלט פּעטרוס מיך נישט געהייסן האָבן בטחון, ער האָט דאָך מיר אָבער געזאָגט: „האָב בטחון"! ניין, ליגיע! קריסטוס וועט זיך דערבאַרמען איבער מיר... ער וויל נישט דיין טויט. ער וועט עס נישט דערלאָזן, איך שווער דיר ביים נאָמען פון גואל, אַז פּעטרוס איז מתפּלל פאַר דיר!

עס איז שטיל געוואָרן. דאָס איינציקע פלעמל, וואָס איז געהאָנגען איבער דעם איינגאַנג איז אויסגעגאַנגען, אָבער דערפאַר האָט די לבנה אַריינגעשיינט דורך דער גאַנצער עפע־נונג. אין קעגנאיבערדיקן ווינקל האָט אַ קינד גענומען וויינען און איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. נאָר וואָס פונדרויסן האָבן זיך דערטראָגן די קולות פון די פּרעטאָריאַנער, וועלכע האָבן נאָכן ענדיקן זייער משמור געשפּילט הינטער דער וואַנט אין „סקריפּטאַ דואָצעסיום".

— אָ, מאַרק — האָט ליגיע זיך אָפּגערופן — קריסטוס אַליין האָט גערופן צום פאָטער: „נעם אָפּ פון מיינע ליפּן דעם כּוס מיט ביטערניש" און דאָך האָט ער אים אויסגעטרונקען. קריסטוס גופא איז געשטאָרבן אויפן צלם און איצט שטאַרבן פאַר זיינעטוועגן טויזנטער. פאַרוואָס זשע זאָל ער מיך איינע, שוינען? ווער בין איך דען, מאַרק? איך האָב געהערט ווי פּעט־רוס האָט געזאָגט, אַז אויך ער וועט שטאַרבן אין ענוים און ווער בין איך דען אַנטקעגן אים? ווען די פּרעטאָריאַנער זענען געהאַט געקומען צו אונז האָב איך מיך געשראָקן פאַרן טויט און פאַר די ענוים, איצט אָבער האָב איך שוין נישט קיין מורא.

קוק, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע תּפיסה דאָ איז און איך גיי אַוועק אין הימל. דערמאָן זיך נאָר, אַז דאָ איז דער צעזאָר און דאָרט דער גואל, דער גוטער און באַרמהאַרציקער. און עס איז קיין שום [illegible] נישטאָ. [illegible] ווי גליק־לעך איך [illegible] באַלד [illegible] אַז דו וועסט [illegible] אָנקומען.

דאָ איז זי שטיל געבליבן און אָנצושעפּן לופט אין איר קראַנקער ברוסט, דערנאָך האָט זי צוגעטראָגן זיין האַנט צו איר מויל.

מאַרק!

— וואָס טייערע?

[illegible] וויין נישט נאָך מיר און געדענק, אַז דו וועסט דאָרט אָנקומען צו מיר. איך האָב קורץ געלעבט, אָבער גאָט האָט מיר געגעבן דיין נשמה. [illegible] זאָגן קריסטוסן, אַז [illegible] בין געשטאָרבן און [illegible] האָסט געקוקט אויף מיין טויטן [illegible] געבליבן איך [illegible] האָסטו דאָך נישט מורד געווען [illegible] זיך [illegible] און האָסט אים [illegible] ליב. און דו וועסט אים ליבן און געדולדיק איבערטראָגן מיין טויט, וואָרים דאַן וועט ער אונז פאַראייניקן. איך האָב דאָך דיך ליב און איך וויל זיין מיט דיר —

דאָ האָט איר ווידער פאַרפעלט אָטעם און קוים, קוים צו הערן האָט זי פאַרענדיקט:

— זאָג מיר דאָס צו, מאַרק!...

ווינוציוס האָט זי אַרומגענומען מיט צימערדיקע הענט און האָט געענטפערט:

— ביי דיין הייליקן קאָפּ! איך זאָג דיר צו!...

דאַן האָט איר פּנים אין אומעטיקן לבנה־שיין אויפגעלויכטן. נאָכאַמאָל האָט זי אויפגעהויבן זיין האַנט צו אירע ליפּן און זי האָט געשעפּטשעט:

— איך בין דיין פרוי !...

פון יענער זייט מויער האָבן די פּרעטאָריאַנער, וואָס האָבן געשפּילט אין „סקריפּטאָע דיאָדעציני״ זיך הויך צעאַמפּערט צווישן זיך, זיי אָבער האָבן פאַרגעסן אָן דער תּפיסה, די וועכטער, אָן דער וועלט דער גאַנצער און פילנדיקביידע אין זיך מלאכים־ווייסע נשמות האָבן זיי געמוען תּפילה טאָן.

הענריק שענקעוויטש

קווא וואדיס

(QUO VADIS)

יידיש: יצחק דייטשער

פ א ר ל א ג   ב ז ש א ז א

ו א ר ש ע   1 9 2 8

PRINTED IN POLAND

QUO VADIS
HENRYK SIENKIEWICZ

Wydawnictwo Ch. BRZOZA
Warszawa, Gęsia 25.

Druk. „Record" Dzika 18

זעקסטער טייל

LXI

דרײַ טעג אָדער ריכטיקער דרײַ נעכט איז זײַער רו נישט געשטערט געוואָרן פֿון גאָרנישט. ווען די געוויינלעכע תּפֿיסה-באַשעפֿטיקונג, וואָס באַשטייט אין אָפּשיידן די טויטע פֿון די לעבעדיקע און די שווער קראַנקע פֿון די געזונטע האָט זיך געענדיקט, און בעת די מידע וועכטער האָבן זיך צוגעלייגט שלאָפֿן אין די קאָרידאָרן, איז וויניציוס אַרײַן אין קעלער ווו ליגיע איז געווען און ער איז דאָרט געבליבן אַזוי לאַנג ביז דורך די קראַטן פֿונם פֿענצטערל האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. זי האָט אָנגעלענט איר קאָפּ אויף זײַן ברוסט און זיי האָבן שטיל גערעדט וועגן ליבע און וועגן טויט. זיי האָבן ביידע, אַליין נישט באַמערקנדיק, אין זייערע מחשבות און אין זייערע רייד און אַפֿילו אין זייערע שטרעבונגען און האָפֿנונגען זיך אַלץ מער דערווײַטערט פֿון לעבן און פֿאַרלוירן דעם חוש דערפֿון. זיי זענען ביידע געווען ווי מענטשן, וואָס אָפּשווימענדיק מיט דער שיף פֿון ברעג, זעען זיי שוין מער נישט די יבשה און פֿאַרטיפֿן זיך ביסלעכווײַז אין דער אומענדלעכקייט. ביידע זענען ביסלעכווײַז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומעטיקע גײַסטער, פֿאַרליבטע אין זיך און אין קריסטוסן, גרייט אָפּצופֿליען. טײַלמאָל נאָר האָט זיך נאָך אין זײַן האַרץ אויפֿגעכאַפּט אַ ווייטאָק ווי אַווירבלווינט, טײַלמאָל האָט נאָך ווי אַ בליץ אַ שײַן געטאָן אַ האָפֿנונג, געבוירן פֿון דער ליבע און דעם גלויבן אין דער באַרמהאַרציקייט פֿון געקרייציקטן גאָט. נאָר וואָס אַ טאָג ווײַטער האָט ער זיך אויך אָפּגעריסן פֿון דער ערד און זיך אָפּגעגעבן צום טויט. אינדערפֿרי, ווען ער איז אַרויס פֿון תּפֿיסה,

האָט ער שוין געקוקט אויף דער וועלט, אויף דער שטאָט, אויף די באַקאַנטע און אויף אַלע לעבנס-ענינים ווי דורך אַ חלום. אַלץ האָט אים אויסגעזען פרעמד, ווייט, פוסט און נישטיק. עס האָט אים אַפילו שוין אויפגעהערט צו שרעקן די גרוילעכ-קייט פון ענוים, ווארים ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז אַ זאַך, דורך וועלכער מ'קען דורכגיין פאַרטראַכטערהייט, פאַרקוקט אין עפּעס אַנדערש. עס האָט זיך זיי ביידן אויסגעוויזן, אַז די אייביקייט הויבט זיי שוין אָן ארומצונעמען. זיי האָבן גערעדט וועגן ליבע, וועגן דעם ווי זיי וועלן זיך ליב האָבן און לעבן צוזאַמען, אָבער נאָר פון יענער זייט קבר, און אויב זייער מחשבה האָט זיך נאָך אַמאָל אומגעקערט צו ערדישע זאכן, איז עס נאָר געווען ווי מענטשן, וואָס גרייטן זיך אין אַ ווייטן וועג אַריין, רעדן מכח די רייזע הכנות. איבעריקנס האָט זיי אַרומגערינגלט אזא מין שטילקייט, ווי די שטילקייט וואָס רינגלט אַרום צוויי זאַלן, וואָס שטייען ערגעץ פאַרגעסן אין אַ וויסטעניש. איצט איז זיי נאָר געגאַנגען אין דעם, אַז קריסטוס זאָל זיי נישט פאַנאַנדערשיידן און בעת יעדע מינוט ווייטער האָט זיי צוגעגעבן דידאָזיקע זיכערקייט. האָבן זיי זיך איינגעליבט אין אים ווי אין דעם רינג, וואָס דאַרף זיי פאַרייניקן, ווי אין דעם אומענדלעכן גליק און אומענדלעכער רו. נאָך דאָ אויף דער ערד איז דער שטויב פון דער ערד אַראָפּ פון זיי. זייערע נשמות זענען געוואָרן לויטער ווי אַ טרער. אונטער דער סכנה פון טויט, אין נויט און ליידן אויפן תפיסה-ברעט האָט זיך פאַר זיי אָנגעהויבן דער הימל, וואָרים זי האָט אים גענומען פאַר דער האַנט און אים געפירט שוין ווי אַ גערע-טעטע און אַ הייליקע צום אייביקן לעבנס-קוואַל.

און פעטראָניוס איז נשתומם געוואָרן, זעענדיק אין פּנים פון וויניציוסן אַלץ מער רו און עפּעס מאָדנע שיינען אין זיי-נע אויגן, וואָס ער האָט פריער קיינמאָל נישט געזען. טיילמאָל האָט ער זיך אַפילו געפּרווט אָנשטויסן, אַז וויניציוס האָט עפּעס אויסגעפונען אַ מיטל פון רעטונג און עס איז אים געווען פאַר-דריסלעך פאַרוואָס ער פאַרטרויט אים נישט זיינע האָפענונגען.

לסוף, נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן, האָט ער אים געזאָגט:

— דו זעסט איצט גאָר אַנדערש אויס, באַהאַלט זשע נישט פאַר מיר קיין סודות, וואָרום איך וויל און איך קען דיר זיין בייהילפיק. צי האָסטו עפּעס אַ פּלאַן צוגעטראַכט?

— יאָ — האָט וויניציוס געענטפערט — אָבער דו קענסט מיר שוין נישט זיין בייהילפיק. תיכף נאָך איר טויט וועל איך זיך דערקלערן אַלס קריסט און כ׳וועל גיין נאָך איר.

— האָסטו הייסט עס נישט קיין שום האָפענונג?

— אדרבה. כ׳האָב יאָ. קריסטוס וועט זי מיר צוריקגעבן און כ׳וועל זיך שוין מיט איר מער נישט שיידן קיינמאָל.

פּעטראָניוס האָט גענומען אַרומשפּרייזן איבערן אַטריום מיט אַן אויסדרוק פון אַנטוישונג און אומגעדולדיקייט אין גע־זיכט — דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופן:

— אויף דעם האָט מען דאָך נישט באַדאַרפן אייער קריסטוס, די זעלבע טובה קען דאָך דיר אויך טאָן אונזער טאַנאַטאָס 1).

וויניציוס האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און האָט גע־זאָגט:

— ניין, טייערער, דו ווילסט דאָס נישט פאַרשטיין.

— איך וויל נישט און איך קען נישט — האָט פּעטראָ־ניוס געענטפערט. עס איז איצט נישט קיין צייט אויף וויכוחים, נאָר צי געדענקסטו וואָס דו האָסט געזאָגט דאַן, בעת עס האָט זיך אונז נישט איינגעגעבן זי אַרויסצובאַקומען פון טיליאַנום? איך האָב פאַרלוירן יעדע האָפענונג, אָבער דו האָסט געזאָגט, בעת מיר זענען אהיימגעגאַנגען: „און איך גלויב, אַז קריסטוס קען זי מיר אומקערן”. טאָ זאָל ער זי דיר אומקערן. אויב איך וואַרף אַריין אַ טייערן בעכער אין ים, וועט אים מיר קיין שום גאָט פון אונזערע נישט קענען אָפּגעבן, אָבער אויב אויך

1) דער געניוס פון טויט.

אייערער איז נישט בעסער, ווייס איך באמת נישט, פאַרוואָס איך זאָל מער אַכטן אים, ווי די פריערדיקע.

— ער וועט זי מיר טאַקע צוריקגעבן — האָט וויניציוס געענטפערט.

פעטראָניוס האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען.

— ווייסטו — האָט ער געפרעגט — אַז מאָרגן וועט מען באַלייכטן די גערטנער פון צעזאַר מיט די קריסטן?

— מאָרגן? — האָט וויניציוס איבערגעחזרט.

און פנים אל פנים מיט דער נאָענטער שרעקלעכער ווירקלעכקייט, האָט אין אים זיין האַרץ דאָך אויפגעציטערט פון ווייטאָק און שרעק. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז שוין אפשר די לעצטע נאַכט, וועלכע ער וועט קענען פאַרברענגען מיט ליגיע. געזעגנענדיק זיך דעריבער מיט פעטראָניוסן איז ער שנעל אַוועק צום ממונה איבער די „פוטיקולן" נאָך זיין „טעססערע".

אָבער דאָ האָט אויף אים געוואַרט אַן אַדורכפאַל, דען דער ממונה האָט אים נישט געוואָלט געבן דעם צייכן.

— זיי מיר מוחל, האַר, — האָט ער געזאָגט — איך האָב פאַר דיר געטאָן וואָס איך האָב געקענט, אָבער מיין לעבן איינשטעלן קען איך נישט. היינט ביינאַכט דאַרף מען אַרויספירן די קריסטן צום צעזאַרס גערטנער. אין דער תפיסה וועלן זיין פיל סאָלדאַטן און באַאַמטע. ווען מ'זאָל דיך דערקענען בין איך פאַרלוירן מיט מיינע קינדער.

וויניציוס האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט זיין אומזיסט דאָס בעטן. אָבער אַ האָפענונג האָט אין אים אויפגעבליצט, אַז די זעלנער, וועלכע האָבן אים פריער געזען, וועלן אים איצט אפשר אַריינלאָזן אָן דעם צייכן, בכן, אַזוי ווי עס איז נאַכט געוואָרן, האָט ער זיך ווי געוויינלעך איבערגעטאָן אין דער גראָבער-טוניקע און אַרומוויקלענדיק דעם קאָפּ מיט אַ שמאַטע איז ער אַוועק צו די תפיסה-טויערן.

אָבער אין דעמדאָזיקן טאָג האָט מען געניויער ווי אַלע מאָל באַקוקט די איינגאַנג-צייכנס און וועל כלם האָט נאָך

דער עלטסטער סצעווינוס, א שטרענגער און מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענער דעם צעזאר, דערקענט וויניציוסן.

אָבער אַפּנים, אַז אין זיין מיט אייזן באַפּאַנצערטער ברוסט האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון רחמנות צו מענטשלעכן אומגליק, וואָס אָנשטאָט אַ זעץ צו טאָן מיט דער שפּיז אָן פאַנצער אַלס אַלאַרם, האָט ער נאָר אַוועקגעפירט וויניציוסן אָן אַ זייט און האָט צו אים געזאָגט:

— האַר, גיי אַהיים צו דיר. איך האָב דיר דערקענט, אָבער איך וועל שווייגן, נישט וועלנדיק דיך אומברענגען. אַריינלאָזן קען איך דיך נישט. נאָר גיי אַהיים און זאָלן די געטער דיך טרייסטן.

— אַריינלאָזן קענסטו מיך נישט — האָט וויניציוס געזאָגט, אָבער לאָז מיך דאָ שטיין, זיך צוקוקן צו די, וואָס מ'וועט אַרויספירן.

— מיין חוב פאַרווערט דאָס נישט — האָט סצעווענוס געענטפערט.

וויניציוס האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טויער און האָט געוואַרט ביז מ'וועט אָנהייבן אַרויסצופירן די פאַרמשפּטע. סוף כל סוף, אַרום האַלבע נאַכט, האָבן זיך ברייט געעפנט די תפיסה-טויערן און עס האָבן זיך באַוויזן רייען געפאַנגענע: מענער, פרויען און קינדער אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע אָפּטיילונגען פרעטאָריאַנער. די נאַכט איז געווען זייער אַ ליכטיקע, די לבנה האָט אַזוי געשיינט, אַז מ'האָט געקענט אונטערשיידן נישט נאָר די געשטאַלטן, נאָר אַפילו די פּנימער פון די אומגליקלעכע. זיי זענען געגאַנגען פאַרוויז אין אַ לאַנגן אומהיימלעך טרויעריקן צוג, אין אַ שטילקייט, וואָס איז נאָר איבערגעריסן געוואָרן פון געקלאַנג פון פרעטאָריאַנישן געווער. מ'האָט געפירט אַזויפיל, אַז עס האָט זיך געדוכטן, דאָס אַלע קעלערס וועלן ליידיק בלייבן.

ביים סוף פון צוג האָט וויניציוס דייטלעך דערזען גלויקוס דעם רופא. אָבער נישט ליגיע און נישט אורסוס זענען נישט געווען צווישן זיי.

LXII

די זון איז נאָך נישט געהאַט פאַרגאַנגען ווען דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן צו שטראָמען צו די גערטנער פון צעזאַר. דער המון, אָנגעטאָן יומטובדיק, באַקראַנצט, לוסטיק און זינגענדיק, צוביסלעך אויך שיכור, איז געגאַנגען זען די נייע פּרעכטיקע פאַרשטעלונג. אויסרופן: „סעמאַקסי! סאַרמענטיטי!” האָט מען געהערט אויף וויא טוקטא, אויף עמיליוס־בריק און אויף יענע זייט טיבר, אויפן טריאומף־וועג, נעבן נירונס צירק ביז העט וייט נאָכן וואַטיקאַנער שפּוע. מ'האט אין רוים שוין פריער אויך געזען מענטשן ברענען אויף סלופּעס, אָבער קיינמאָל האט מען נאָך נישט געזען דאָס אין אַזאַ גרויסע צאָל. דער צעזאַר און טיגולין ווילנדיק פאַרענדיקן מיט די קריסטן און איבייגוועגס פאַרהיטן פאַר אַ מגפה, וועלכע האט זיך פון די תפיסות וואָס אַמאָל מער צעטראָגן איבער דער שטאָט, האבן באַפוילן אויסצולײדיקן אַלע קעלערן, אַזוי אַז עס זענען אין זיי פאַרבליבן קוים עטלעכע צענדליק, וועלכע זענען באַשטימט געווען אויפן סוף פון די פאָרשטעלונגען, און דער עולם איז טאַקע פאַרבליפט געבליבן איבערטרעטנדיק די טויערן פון די גערטנער. אַלע הויפּט־אַלייען און זייטיקע אַלייען, וואָס האָבן זיך דורכגעשניטן דורך ביימער־געדיכטעניש, ארום לאָנקעס, וויספּעס, טייכלעך, וואַסערלעך און פעלדלעך באַשאָטן מיט בלימעלעך, זענען געווען פול מיט פעך־סלופּעס צו וועלכע עס זענען געווען צוגעבונדן קריסטן. פון די העכערע ערטער וווּ ביימער האָבן נישט פאַרשטעלט דעם בליק, האט מען געקענט זען גאַנצע רייען קלעצער און קערפּער באַפּוצט מיט בלומען,

מירטנב/ עטער און בלושטש, וואָס האבן זיך געצויגן ווייט איבער די שפּועס און טאָלן, אַזוי אז בעת די נאָנטסטע האבן אויסגעזען ווי מאסט-ביימער האבן די ווייטסטע דאָרט אויסגעזען ווי פּארביקע טירסן אָדער שפּיזן אריינגעשטעקט אין דער ערד. דאָס פאָלק האט גארנישט דערוואַרט אַזוי פיל. מ'האָט געקענט מיינען, אַז מ'האט עפּעס אַ גאַנץ פאלק דאָ צוגעבונדן צו די קרעצער צום פארגעניגן פון צעזאַר און פון רוים. גרופּעס צוקוקער האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר איינציקע מאַסטן, אויף וועלכע עס האָבן זיי פאַריגטערעסירט וועלכע עס איז פיגורן, עלטער אָדער געשלעכט פון צווישן די קרבנות. זיי האָבן באַקוקט די פּנימער, די קרענץ, די גירלאַנדן פון בלושטש, דערנאָך זענען זיי געגאַנגען ווייטער און ווייטער, פרעגנדיק זיך איבערראַשט איינער דעם צווייטן: „שוין זשע זענען פאַראַן אַזויפיל שולדיקע, אָדער ווי אַזוי האָבן דאָס קליינע קינדער, וועלכע קענען קוים גיין, געקענט אונטערצינדן רוים?" און די פאַרוואונדערונג איז ביס-לעכווייז איבערגעגאַנגען אין אומרויקייט.

דערווייל איז נאַכט געוואָרן און אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן. דאַן האָט זיך ביי יעדן פאַרמשפּטן אוועקגעשטעלט אַ שקלאַף מיט אַ פלאַקערדיקן שטורקאַץ אין דער האַנט און ווען עס האָט זיך דערהערט דאָס קול פון אַ האָרן אין פאַרשידענע טיילן פון די גערטנער אַלס סימן פון אָנהויב פון דער פאָרשטעלונג, האָבן אַלע צוגעלייגט די פלאַ-קערס אונטן צו די סלופּעס.

דאָס שטרוי הינטער די בלומען, אָנגעזאַפּט מיט סמאָלע, האָט זיך באַלד אָנגעצונדן מיט אַ העלן פלאַקער, וואָס איז מיט יעדן אויגנבליק געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער און פונאַנדער-לאָזנדיק דעם אַרומגעדרייטן בלושטש איז ער דערגאַנגען ביז אַרויף און האָט אַרומגעכאַפּט די פיס פון די קרבנות. דער המון איז אַנטשוויגן געוואָרן. די גערטנער האָבן אויפגעהילכט מיט איין גרויסן מוראדיקן קרעכץ און געשריי פון יסורים. א טייל קרבנות האָבן פונדעסטוועגן, אויפהויבנדיק די קעפּ צום אויסגעשטערנטן הימל, גענומען זינגען לכבוד קריסטוסן. דאָס

פאָלק האָט געהאָרכט. אָבער די הארטסטע הערצער האָבן אויס־געשווידערט בעת פון די קלענסטע מאַסטן האָבן הארצרייסנדי־קע קינדישע קולכלעך געגומען רופן: „מאַמע! מאַמע!" און אַ ציטער האָט דורכגענומען אפילו די שיכּורע צוקוקער, זעענ־דיק דידאָזיקע קעפּלעך און אומשולדיקע פּנימלעך צעקרומטע פון יסורים אָדער פאַרחלשטע פון רויך, וועלכער האָט שוין גע־נומען שטיקן די קרבנות. און דער פלאַם איז געגאַנגען אַלץ העכער און האָט דורכגעבערענט אַלץ נייע קרענץ פון רויזן און בלושטש, עס האָבן אויפגעפלאַקערט די הויפּט־ און די זייטיקע אַלייען, ס'האָבן אויפגעפלאַקערט די וועלדלעך מיטביימער און די לאָנקעס און די בלימלדיקע פעלדלעך, עס האָט אויפגע־לויכטן דאָס וואַסער אין די שטראָמלעך און אין די טייכלעך, עס זענען ראָז געוואָרן די ציטערנדיקע בלעטלעך אויף די ביימער און עס איז געוואָרן ליכטיק ווי בייטאָג. די גערטנער זענען פול געוואָרן מיט טשאַד פון פאַרברענטע קערפּער, אָבער אינדערזעלבער מינוט האָבן די שקלאַפן געגומען שיטן מירר און אַלאָעס אין די פון פריער צוגעגרייטע בשמים־שיסלען צווישן די סלופּעס. פון צווישן המון האָבן זיך יעדעס מאָל דערטראָגן אויסגעשרייען צי פון רחמנות, צי פון באַגייסטערונג און שמחה, וועלכע זענען מיט יעדע מינוט אַלץ מער געוואַקסן צוזאַמען מיטן פייער, וואָס האָט אַרומגענומען די סלופּעס, האָט זיך אַרויפגעגליטשט ביז צו די ברוסטן פון די מאַרטירער, און האָט מיט בראַנדיקן אָטעם פונאַנדערגעדרייט די האָר אויף זייערע קעפּ, האָט פאַרוואָרפן אַ שלייער אויף זייערע שוואַרץ געוואָרענע פּנימער און האָט לסוף אַרויפגעשאָסן נאָך העכער, ווי צום נצחון און צום טריומף פון יענער קראַפט, וועלכע האָט עס פונאַנדערגעצונדן.

אָבער נאָך ביים אָנהויב פון דער פאָרשטעלונג האָט זיך באַוויזן צווישן דעם המון דער צעזאַר אויף אַ פּרעכטיקע צירק־קוואַדריגע, איינגעשפּאַנט אין פיר ווייסע רומאַקעס. ער איז גע־ווען אָנגעטאָן אין אָנטרייבער הלבשה און אין דער פאַרב פון דער גרינער מחנה, צו וועלכער אי ער אי זיין הויף האָבן גע־

הערט. הינטער אים האָבן זיך געצויגן אנדערע וועגנס געפּאַקט מיט די הויפּלייט אין גרויסאַרטיקע קליידער, סענאַטאָרן, כּהנים און נאַקעטע באַקכאַנטינס מיט קרענץ אויף די קעפּ און מיט קרוגן ווײַן אין די הענט, צום טייל שיכּורע, אַרויסלאָזנדיק ווילדע געשרייען. נעבן זיי האָבן מוזיקאַנטן, אָנגעטאָן ווי פּאַונען און סאַטירן, געשפּילט אויף ציטרעס, פּאַרמינגעס, פּייפלעך און הערנער. אויף אַנדערע וועגנס זענען געפאָרן מאַטראָנעס און רוימישע מיידלעך אויך שיכּורע און האַלב נאַקעטע. נעבן די קוואַדריגעס האָבן לויפערס געפאָכעט מיט טירסן באַפּוצט מיט בענדער, אַנדערע האָבן געפּויקט אין פּייקלעך, אַנדערע האָבן געוואָרפן בלומען. דערדאָזיקער פּרעכטיקער צוג האָט געצויגן פּאַרויס מיט דער ברייטסטער גאָרטן-אַלייע ליאַרמענדיק: „עוואָע!” צווישן רויך און מענטשן-פלאַקערס. דער צעזאַר, האָבנדיק נעבן זיך טיגעלינוסן און כילאָנען, פון וועמענס צעשראָקנקייט ער האָט געוואָלט קלויבן נחת, האָט אַליין אָנגעפירט מיט די פערד און פאָרנדיק טריט ביי טריט האָט ער זיך צוגעקוקט צו די ברענענדיקע קערפּערס און זיך איינגעהערט אין די אויסגעשרייען פונם המון. שטייענדיק אויף דער הויכער גאָלדענער קוואַדריגע אַרומגערינגלט מיט מענטשן-כוואַליעס, וועלכע האָבן זיך געבוקט פאַר אים ביז צו דער ערד, אינם פייערשיין, אין גאָלדענעם קראַנץ פון א צירק-טריומפאַטאָר, איז ער איבערגעוואַקסן מיט אַ קאָפּ די הויפּלייט, דעם המון און האָט אויסגעזען ווי אַ ריז. זיינע מעכטיקע אויסגעשטרעקטע אָרעמס, האַלטנדיק די לייצעס, האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געבענטשט דאָס פאָלק. אין זיין פּנים און אין זיינע פאַרזשמורעטע אויגן איז געווען אַ שמייכעלע און ער האָט געשטראַלט איבער די מענטשן ווי די זון אָדער ווי אַ געטלעכקייט, אַ שרעקלעכע אָבער אַ וווּנדערשיינע און אַ מעכטיקע.

טיילמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, כּדי זיך בעסער צוצוקוקן, דאָ צו אַ מיידל, וועמענס שויס ס'האָט אָנגעהויבן פּראַזשן אין פייער, דאָ צו אַ קאָנוווּלסיוו צעקרימט פּנימל פון אַ קינד, און ער איז ווייטער געפאָרן מיטפירנדיק נאָך זיך דעם גאַנצן

ווילדן צעהוליעטן צוג. טיילמאָל האָט ער זיך געבוקט צום המון אָדער גאָר איבערבייגנדיק זיך אַהינטער, איינגעצויגן די גאָלדענע לייצעס און גערעדט מיט טיגעלינען. לסוף, צופּאָרנדיק ביז צום גרויסן פּאָנטאָן, וועלכער איז געשטאַנען אינדערמיט פון צוויי זיך קרייצנדיקע אַלייען, איז ער אַראָפּ פון דער קוואַדריגע און אַ ווונק טוענדיק צו די באַגלייטער, האָט ער זיך אויסגע־מישט צווישן המון.

מ׳האָט אים באַגריסט מיט אויסגעשרייען און פּאַטשערייען. באַקכאַנטינס, נימפן, סענאַטאָרן, אויגוסטער, כהנים, פּאַונען, סאַטירן און זעלנער האָבן אים אַרומגערינגלט אין איין ווילדן ראָד און ער, האָבנדיק פון איין זייט טיגעלינען און פון דער צווייטער כילאָנען, איז ער אַרומגעגאַנגען דעם פּאָנטאָן, אַרום וועלכן עס האָבן געברענט עטלעכע צענדליק פלאַקערס, אָפּשטעלנ־דיק זיך פאַר יעדן באַזונדער, מאַכנדיק באַמערקונגען וועגן די קרבנות אָדער שפּעטנדיק פון דעם אַלטן גריך, אויף וועמענס פּנים עס איז געווען אַ גרענעצלאָזער יאוש.

לסוף האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַר איין הויכן מאַסט, באַפּוצט מיט מירטן און אַרומגעוויקלט מיט בלעטער. די רויטע פייערצונגען האָבן שוין דערגרייכט ביז צו די קניען פון קרבן, אָבער דאָס פּנים האָט מען נישט געקענט לכתחילה דערזען, מחמת די פריש צעברענטע צווייגלעך האָבן עס פאַרהילט מיט אַ רויך. אין אַ רגע אַרום אָבער האָט אַ לייכט נאַכט־ווינטל צע־טריבן דעם רויך און אַנטפּלעקט דעם קאָפּ פון אַ זקן מיט אַ גראָער, אויף דער ברוסט אַראָפּהענגנדיקער באָרד.

דאָס דערזעענדיק האָט כילאָן ראַפּטום זיך צונויפגעדרייט אין אַ קנויל ווי אַ פאַרווונדעטע שלאַנג און פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי מער ענלעך צו אַ קראַקן ווי צו אַ מענטשלעך קול:

— גלויקאָס! גלויקאָס!...

פון ברענענדיקן סלופּ אַראָפּ האָט אויף אים טאַקע גע־קוקט גלויקאָס־רופא.

ער האָט נאָך געלעבט. זיין פּנים איז געווען צעוויטאָקט און אנגעבויגן, ווי ער וואָלט נאָך צום לעצטן מאָל געוואָלט זיך צוקוקן צו זיין תּלין, וועלכער האָט אים פאַרראַטן, צוגע- רויבט זיין ווייב און קינדער, אָנגעשיקט אויף אים אַ מערדער און ווען דאָס אַלץ איז אים אין נאָמען פון קריסטוסן פאַרגעבן געוואָרן האָט ער אים נאָכאַמאָל איבערגעגעבן אין די הענט פון תּלינים. קיינמאָל האָט נאָך איין מענטש דעם צווייטן נישט אַזוי שרעקלעך און אַזוי בלוטיק באַעוולט. און אָט ברענט איצט דער קרבן אויפן פּעך-סלופּ און דער תּלין איז געשטאַ- נען אונטן דערנעבן. די אויגן פונם קרבן האָבן זיך נישט אָפּ- געריסן פון פילאָנס פּנים. אָפּט האָט זיי דער רויך פאַרשטעלט, נאָר ווען ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל האָט כילאָן ווידער דערזען די דאָזיקע בליקן אָנגעשטעלט אויף זיך. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געוואָלט אַנטלויפן, אָבער ער האָט נישט געקענט. פּלוצלונג האָט ער דערפילט, אַז זיינע פיס זענען ווי פון בליי און אַז עפּעס אַ נישט געזעענע האַנט האַלט אים דאָ מיט אַן איבערמענטשלעכער קראַפט פאַר דעמדאָזיקן סלופּ. און ער איז פאַרשטיינערט געבליבן אויפן אָרט. ער האָט נאָר גע- פילט, אַז עפּעס גייט אין אים איבער, אַז עפּעס רייסט זיך אי- בער, אַז געגנוג שוין ענויים און בלוט, אַז עס רוקט זיך אָן דער סוף לעבן און אַז אַלץ אַרום אים פאַרשווינדט: דער צעזאַר, דער הויף, דער המון און עס רינגלט אים אַרום נאָר אַ מין גרענעצלאָזע, שרעקלעכע און שוואַרצע וויסטעניש ווו מ'זעט נאָר בלויז די אויגן פון דעם מאַרטירער, וועלכע רופן אים צו משפּט. און יענער אויפן סלופּ האָט, איבערבייגנדיק אַלץ נידריקער דעם קאָפּ, כּסדר געקוקט. די אַרומיקע האָבן זיך אָנ- געשטויסן, אַז צווישן ד' דאָזיקע צוויי מענטשן קומט עפּעס פאָר און דאָס געלעכטער איז זיי פאַרגליווערט געוואָרן אויף די ליפּן, ווארים אין כילאָנס פּנים איז געווען עפּעס שרעקלעכעס: עס איז געווען צעקרימט פון אַזאַ מין שרעק און אַזאַ ווייטאָק, ווי אָט די פייערצונגען וואָלטן געברענט זיין אייגענעם קערפּער. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און אויס-

שטרעקנדיק די הענט אינדערהויך האָט ער מיט אַ שרעקלעכער הארצרייסנדיקער שטים אויסגערופן:

— גלויקאָס! אין נאָמען פון קריסטוס! זיי מיר מוחל!

אַלע אַרום זענען שטיל געבליבן. אַ ציטער איז אַלע־מען דורכגעלאָפן און אַלעמענס אויגן האָבן נישט ווילנדיק גע־נומען קוקן אַרויף.

און דער קאָפּ פון מאַרטירער האָט זיך אַ טרייסל גע־טאָן, דערנאָך האָט מען פון שפּיץ מאַסט דערהערט אַ שטים ענלעך צו אַ קרעכץ:

— כ'בין מוחל!...

כילאָן איז געפאַלן אויפן פּנים, יאָמערנדיק ווי אַ ווילדע חיה און אָננעמענדיק ערד אין ביידע הויפּנס האָט ער עס גע־שאָטן אויף זיין קאָפּ. דערווייל האָבן די פלאַמען געשאָסן אַלץ העכער, האָבן אַרומגענומען די ברוסט און דאָס פּנים פון גלוי־קאָסן, האָבן פונאַנדערגעפלאָכטן די מירטן־קרוין אויף זיין קאָפּ און אַרימגעכאַפּט די בענדער אויפן שפּיץ מאַסט, וועלכער האָט אויפגעלויכטן אין איין גרויסן העלן פלאַקער.

אין איין מינוט אַרום אָבער איז כילאָן אויפגעשטאַנען מיט אַזאַ געענדערט פּנים, אַז די אויגוסטער האָבן געמיינט, דאָס זיי זעען פאַר זיך גאָר אַן אַנדערן מענטשן. די אויגן האָבן אים געגליט מיט אויסערגעוויינלעכן גלאַנץ. אויף זיין גע־קנייטשטן שטערן האָט געשיינט אַ באַגייסטערונג. דער מיט איין מינוט צוריק נישטיקער גריך האָט איצט אויסגעזען ווי עפּעס אַ גייסטלעכער, וועלכער קלויבט זיך אין אַ מאָמענט פון רוח הקודש מגלה צו זיין אַ גרויסן אמת.

— וואָס איז דאָס מיט אים? ער איז משוגע געוואָרן! — האָבן זיך עטלעכע שטימען אָפּגערופן.

ער אָבער האָט זיך אויסגעדרייט צום המון און אויסציענדיק די רעכטע האַנט האָט ער געגומען רופן, אָדער ריכטיקער שרייען אַזוי הויך, אַז נישט נאָר דער אויגוסטער, נאָר אויך די מענטשן זאָלן אים דערהערן:

— פאָלק פון רוים! איך שווער ביי מיין טויט, אַז דאָ קומען אום אומשולדיקע מענטשן און אַז דער אונטערצינדער איז — אַט דער!!!...

און ער האָט געטייטלט מיטן פינגער אויף נירון.

עס איז אַ וויילע שטיל געוואָרן. די אויגוסטער זענען אָפּגעשטאָרבן. כילאָן איז אַלץ געשטאַנען מיט אַן אויסגעשטרעקטן ציטערדיקן אָרעם און מיטן פינגער ווייזנדיק אויף נירונען. פּלוצלונג איז געוואָרן אַ בהלה, דאָס פאָלק האָט, אַזוי ווי כוואַליעס וואָס האָבן זיך אַ וויג געטאָן פון אַ פּלוצלומדיקן שטורמווינט, זיך אַ וואָרף געטאָן צום זקן, כדי אים פון דער נאָנט אָנצוקוקן. דאָ און דאָרט האָט מען שוין געהערט שרייען: „האַלט!" ערגעץ אַנדערש; „וויי אונז!" צווישן המון איז געוואָרן אַ פייפעריי און אַ ליאַרם: „אַהענאָבאַרבוס! מוטערמערדער! אונטערצינדער!" די מהומה איז געוואַקסן מיט יעדע מינוט. די באַקכאַנטקעס, שרייענדיק מיט געוואַלדיקע קולות, האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די וועגנס. פּלוצלונג האָבן זיך עטלעכע איבערגעברענטע סלופּעס איבערגעקערט, צעשיטנדיק אַרום און אַרום פונקען און פאַרגרעסערט נאָך די בהלה. די בלינדע שטורמדיקע כוואַליעס פון המון האָבן מיטגעריסן כילאָנען און אים אוועקגעטראָגן ווייט אין גאָרטן.

פון אַלע זייטן האָבן די סלופּעס שוין אָנגעהויבן איבערגעברענט צו ווערן און אומצופאַלן אין דער ברייט פון די אַלייען, אָנפילנדיק דעם גאָרטן מיט רויך, פונקען, טשאַד פון האָלץ און טשאַד פון פרעגלדיק מענטשלעך פעטס. עס זענען פאַרלאָשן געוואָרן די ווייטערע און נענטערע פלאַקערס. אין די גערטנער איז פינסטער געוואָרן. די מאַסן אומרויִקע, אָנגעכמורעטע און אָנגעשראָקענע האָבן זיך געשפּאַרט צו די טויערן. די ידיעה וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל אינגאַנצן געענדערט און פאַרגרוזמהט. טייל האָבן דערציילט, אַז דער צעזאַר האָט געחלשט, אַנדערע, אַז ער האָט אַליין מודה געווען, אַז דאָס האָט ער געהייסן אונטערצינדן רוים, אַ דריטער, אַז ער איז געפערלעך קראַנק [illegible]אָרן, און

נאָך אַנדערע, אַז מ'האָט אים כמעט אַ טויטן אַרויסגעפירט אויף אַ וואָגן. פון פאַרשידענע זייטן האָבן זיך דערטראָגן שטימען פון מיטגעפיל צו די קריסטן: „נישט זיי האָבן פאַרברענט רוים, טאָ צו וואָס זשע דאַרף מען אַזויפיל בלוט, ענויים און אומגערעכטיקייט? וועלן זיך דען די געטער נישט נוקם זיין פאַר די אומשולדיקע און וואָס פאַר אַ „פּיאַקולאַ" וועט זיי קענען איבערבעטן?" די ווערטער „אינאָקסיאַ קאָרפּאָראַ!" האָט מען אַלץ אָפטער געהערט. די פרויען האָבן הויך באַדויערט די קליינע קינדער, וועלכע מ'האָט אַזוי פיל געוואָרפן פאַר די ווילדע חיות, צוגעשלאָגן צום צלם אָדער פאַרברענט אין די דאָזיקע פאַרשאָלטענע גערטנער! און לסוף איז דאָס באַדויערן איבערגעגאַנגען אין אַ כעס אויפן צעזאַר און טיגעלינען. עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס בלייבנדיק אַ ווייל שטיין האָבן זיי זיך אַליין אָדער אַנדערע געשטעלט אַ פראַגע: „וואָס פאַר אַ מין גאָטהייט איז דאָס, וואָס גיט צו אַזויפיל קראַפט בעת ענויים און בעתן טויט?" און זיי זענען אַוועק אַ היים אין מחשבות...

כילאָן האָט נאָך אַ צייט אַרומגעבלאָנקעט אין די גערטנער, נישט וויסנדיק ווהין צו גיין און ווּ זיך אַהינצוטאָן. איצט האָט ער זיך צוריק דערפילט אַלס שוואַכער, נישטיקער און קראַנקער זקן. אָפט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן נישט אינגאַנצן דערברענטע קערפּערס, ער האָט אַ רודער געטאָן די גליענדיקע קוילן, וועלכע האָבן אים נאָכגעשיקט אַ זייל פונקען, טיילמאָל האָט ער זיך אַנידערגעזעצט קוקנדיק אַרום זיך מיט אַ צעמישטן בליק. די גערטנער זענען שוין אינגאַנצן פינסטער געווען. איבער די ביימער נאָר איז געשוועבט די בלייכע לבנה באַלייכטנדיק מיט אַ טריב ליכט די אַלעען, די שוואַרץ געוואָרענע סלופּעס אין דער ברייט פון די גאַסן און די שטיקער פאַרקוילטע רעשטלעך פון די קרבנות. דעם אַלטן גריך האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין דער לבנה זעט ער דאָס פנים פון גלויקאָסן אין אַז זיינע אויגן קוקן נאָך אַלץ אויף אים, און ער האָט זיך באַהאַלטן פאַר דעם לבנה-שיין. ענדלעך איז ער

אַרויס פון שאָטן אוּן עפּעס ווי נישט ווילנדיק, ווי געפירט דורך אַן אומבאַקאַנטער קראַפט, האָט ער זיך געלאָזט אין דער ריכ־טונג פון פאַנטאַן, וווּ גלויקאָס האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

פליצלונג האָט עמעץ אים אָנגערירט ביים אַקסל.

דער אַלטער האָט זיך אומגעדרייט און זעענדיק פאַר זיך אַן אומבאַקאַנטע געשטאַלט האָט ער אין שרעק אויסגערופן:

— ווער איז עס! ווער ביסטו?

— אַן אַפּאָסטאָל, פּוילוס פון תרשיש.

— איך בין פאַרשאָלטן! ... וואָס ווילסטו?

און דער אַפּאָסטאָל האָט געענטפערט:

— כ׳וויל דיך רעטן.

כילאָן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים.

די פיס האָבן זיך געבראָכן אונטער אים און די הענט זענען אים אַראָפּגעהאָנגען שטאַר.

— פאַר מיר איז קיין רעטונג נישטאָ! — האָט ער פאַרשטיקט געזאָגט.

— האָסטו געהערט וועגן דעם, אַז גאָט האָט מוחל געווען דעם תשובה־טוענדיקן אויסוווּרף אויפן קרייץ? — האָט פּוילוס געפרעגט.

— ווייסטו דען, וואָס איך האָב געטאָן?

— איך האָב געזען דיין פּיין און כ׳האָב געהערט דיין קידוש השם.

— אָ, האַר!! ...

— און אויב דער דינער פון קריסטוס האָט דיר מוחל געווען אין דער שעה פון זיינע ענוים און פון זיין טויט, פאַר־וואָס זשע זאָל דיר קריסטוס נישט מוחל זיין?

און כילאָן האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ ווי אַ צעמיש־טער:

— מחילה! פאַר מיר מחילה!

— אונזער גאָט איז דער גאָט פון רחמים — האָט דער אַפּאָסטאָל געענטפערט.

— פאַר מיר? — האָט כילאָן איבערגעחזרט.

און ער האָט גענומען יאָמערן ווי אַ מענטש וואָס האָט שוין קיין כח נישט צו באַהערשן זיינע יסורים. און פוילוס האָט צו אים געזאָגט:

— האַלט זיך אָן אָן מיר און קום מיט.

און אים מיטנעמענדיק, האָט ער זיך מיט אים געלאָזט צו די זיך דורכשניידנדיקע אַלעען, קערעוועדיק זיך לויט דעם רויש פון דעם פאָנטאַן, וועלכער האָט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט ווי געוויינט איבער די קערפּער פון די פאַרפּייניקטע.

— אונזער גאָט איז אַ גאָט פון רחמים — האָט דער אַפּאָסטאָל איבערגעחזרט. ווען דו זאָלסט זיך אויעקשטעלן ביים ברעג ים און וואַרפן אין אים שטיינער וואָלסטו דען געקענט פאַרשיטן די טיפעניש פון ים? און איך זאָג דיר, אַז די באַרמהאַרציקייט פון קריסטוס איז ווי דער ים און אַז די זינד און די חטאים פון בשר ודם ווערן אין אים דערטרונקען ווי די שטיינער אין אָפּגרונט. און זאָלסט וויסן, אַז ער איז ווי דער הימל, וואָס דעקט איבער די בערג, די יבשה און דעם ים, וואָרים ער איז אומעטום און ס'איז נישטאָ צו אים קיין סוף און קיין ענד. דו האָסט געליטן ביים סלופּ פון גלויקאָס און קריסטוס האָט געזען דיינע ליידן. דו האָסט געזאָגט, נישט קוקנדיק וואָס עס וועט מאָרגן מיט דיר געשען; „אָט דער איז דער אונטערציינדער!״ און קריסטוס וועט געדענקען דיינע ווערטער. וואָרים עס איז שוין פאַרביי דיין רשעות און שקר און אין דיין הארץ איז געבליבן נאָר חרטה אָן אַ שיעור... קום מיט מיר און הער וואָס איך וועל דיר זאָגן: אויך איך האָב אים פיינט געהאַט און געראָדפט זיינע אויסדערוויילטע. איך האָב אים נישט געוואָלט און נישט געגלייבט אין אים ביז ער האָט

זיך צו מיר באַווייזן און מיך גערופן. און פון דעמאָלט אָן איז ער מיין ליבע. און איצט האָט ער זיך אין דיר באַוויזן דורך חורטה, שרעק און פיין, כּדי דיך צו רופן צו אים. דו האָסט אים פיינט געהאַט און ער האָט דיך געליבט. דו האָסט זיינע גלייביקע אַרויסגעגעבן אויף ענוים און ער וויל דיר מוחל זיין און דיך רעטן.

די ברוסט פונם אומגליקלעכן האָט זיך גענומען וואָרפן פון אַ שרעקלעכן כליפּען פון וועלכן זיין נשמה איז אויפגעטרייסלט געוואָרן ביזן גרונט, און פּוילוס האָט אים צוגעטוליעט, באַרויקט און געפירט ווי אַ זעלנער פירט אַ געפאַנגענעם.

און אין אַ מינוט אַרום האָט ער ווייטער גענומען רעדן:

— קום נאָך מיר און איך וועל דיך פירן צו אים. וואָס דען האָט מיך געבּרענגט צו דיר? ער האָט מיר באַפוילן צו־נויפצוזאַמלען מענטשלעכע נשמות אין נאָמען פון ליבע. און איך דערפיל זיין געבאָט. דו מיינסט, אַז דו ביסט פאַרשאָלטן און איך זאָג דיר: גלייב אין אים און עס וואַרט אויף דיר די גאולה. דו מיינסט, אַז דו ביסט פאַרהאַסט און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז ער ליבט דיך. קוק אויף מיר! ווען איך האָב אים נישט געהאַט האָב איך גאָרנישט געהאַט א חוץ רשעות אין מיין האַרץ און איצט געניגט מיר זיין ליבע פאַר פאָטער און מוטער, פאַר רייכקייט און מאַכט. אין אים נאָר איז אַ באַהעלטעניש, ער איינער נאָר וועט דיר פאַררעכענען דיין פיין, וועט זען דיין נויט, וועט אַראָפּנעמען פון דיר די מורא און וועט דיך אויפהייבן צו זיך.

אזוי רעדנדיק איז ער מיט אים צוגעקומען ביז צום פּאָג־טאַן, וועמענס זילבערנער שטראָם האָט געגלאַנצט פונדערווייטנס אין לבנה־שיין. אַרום איז שטיל און פּוסט, וואָרים די שקלאַפן האָבן שוין דאָ געהאַט צוגענומען די פאַרקוילטע סלופעס און די קערפּערס פון די מאַרטירער.

כילאָן האָט מיט אַ כליפּען זיך געוואָרפן אויף די קני און פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיט די הענט איז ער אַזוי גע־בליבן אומבאַוועגלעך. און פּוילוס האָט אויפגעהויבן זיין פּנים צו די שטערן און גענומען מתפּלל זיין!

— האַר, קוק אַראָפּ אויף דעמדאָזיקן עלנטן, אויף זיין צער, אויף זיינע טרערן און פּיין! האַר דערבאַרעמדיקער, וואָס האָסט פאַרגאָסן דיין בלוט פאַר די זינד אונזערע, צוליב דיינע ענוים, צוליב דיין טויט און דיין תּחית המתים זיי אים מוחל!

נאָכדעם איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער ער האָט נאָך לאַנג אַזוי געבליקט צו די שטערן און מתפּלל געווען.

אינדעם האָט זיך פון נעבן זיינע טריט דערהערט אַ כליפּנדיק רופן:

— קריסטוס!... קריסטוס!... זיי מיר מוחל!...

דאַן האָט פּוילוס גענענט צום פאָנטאַן און אָנשעפּנדיק וואַסער אין ביידע הענט איז ער צו צום קניענדיקן דערשלאָ־גענעם מענטשן:

— כילאָן! איך טויף דיך אין נאָמען פון פאָטער און זון און גייסט! אָמן!

כילאָן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט צעשפּרייט די הענט און איז אַזוי געבליבן ווי פאַרשטיינערט. די לבנה האָט שטאַרק באַלויכטן זיינע ווייסע האָר און זיין נישט ווײ־ניקער ווייס, אומבאַוועגלעך פּנים, וואָס איז געווען ווי טויט אָדער ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. פיל מינוטן זענען אַזוי אַריבער. פון די גרויסע פייגל שטייגן, וואָס זענען געווען אין דאָמיציוסעס גערטנער האָט זיך דערטראָגן אַ קרייען פון הע־נער און ער האָט נאָך אַלץ אַזוי געקניט, ענלעך צו אַ קבר־סטאַטוע.

ענדלעך האָט ער דערוואַכט, איז אויפגעשטאַנען און ווענדנדיק זיך צום אַפּאָסטאָל האָט ער געפרעגט:

— וואָס האָב איך צו טאָן פאַר מיין טויט, האַר?

פּוילוס האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט פון זיינע מחשבות איבער דערדאָזיקער אומגעהויערער קראַפט, קעגן וועלכער אַפילו אַזעלכע נשמות ווי פון דעמדאָזיקן גריך האָבן נישט געקענט ביישטיין און ער האָט געענטפערט:

— האָב אמונה און זיי גרייט אויף קידוש השם!

איצט זענען זיי ביידע אַרויס פון גאָרטן. ביי די טויערן האָט דער אַפּאָסטאָל נאָכאַמאָל געבענטשט דעם זקן און זיי האָבן זיך צעשיידט, ווארים כילאָן אַליין האָט דאָס פאַרלאַנגט, פאָרויסזעענדיק, אַז נאָכדעם וואָס עס איז געשען, וועט דער צענזאַר און טיגעלין באַפעלן אים צו פאַנגען.

און ער האָט זיך נישט טועה געווען. אַהיימקומענדיק האָט ער שוין געטראָפן דאָס הויז אַרומגערינגלט פון פּרעטאָריאַנער, וועלכע האָבן אים תּיכּף געכאַפּט און מיט סצעווינוסן בּראָש האָבן זיי אים אָפּגעפירט אויפן פּאַלאַטין.

דער צענזאַר איז שוין געהאַט אַוועק שלאָפן, נאָר טיגעלין האָט געוואַרט און דערזעענדיק דעם אומגליקלעכן גריך האָט ער אים אויפגענומען מיט אַ רויק און פאַרביסן פּנים.

— ביסט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן פון מאַיעסטעט־באַליידיקונג — האָט ער געזאָגט צו אים — און די שטראָף וועט דיך נישט אויסמיידן. נאָר אויב דו וועסט מאָרגן אויסרופן אין אַמפיטעאַטער, אַז דו ביסט געווען שיכּור און צעמישט און אַז די אונטערצינדער זענען די קריסטן, וועט זיך דיין שטראָף ענדיקן נאָר מיט שמיץ און אַרויסשיקונג.

— איך קען נישט, האַר! — האָט כילאָן שטיל געענטפערט.

טיגעלינוס איז צו צו אים מיט פּאַמעלעכע טריט און מיט אויך אַזאַ שטילן אָבער שרעקלעכן קול האָט ער געפרעגט:

— וואָס הייסט דאָס, דו קענסט נישט, גריכישער הונט? ביסטו דען נישט געווען שיכּור און פאַרשטייסטו דען נישט, וואָס עס וואַרט אויף דיר? גיב אַ קוק!

און ער האָט אים ביי די ווערטער געוויזן אויף אַ ווינקל פון אַטריום, וווּ עס זענען אין שאָטן נעבן אַ לאַנגער הילצערנער באַנק געשטאַנען פיר אומבאַוועגלעכע טראַקישע שקלאַפן מיט שטריק און צוואַנגען אין די הענט.

כילאָן האָט געענטפערט:

— איך קען נישט, האַר!

טיגעלין האָט גענומען אַריין אין גרימצאָרן, אָבער ער האָט זיך נאָך איינגעהאַלטן.

— האָסט געזען — האָט ער געפרעגט — ווי אַזוי די קריסטן קומען אום? ווילסטו אויך אַזוי שטאַרבן?

דער זקן האָט קאַפּויר געהויבן זיין בלייך פּנים; אַ צייט האָבן זיך זיינע ליפּן שטיל באַוועגט, דערנאָך האָט ער געענטפערט:

— אויך איך גלייב אין קריסטוס!...

טיגעלין האָט נשתּומם אַ קוק געטאָן אויף אים:

— הונט דו, דו ביסט זיכער משוגע געוואָרן!

און פּלוצלונג האָט דער איינגעהאַלטענער כּעס אין אים אויסגעבראָכן. צושפּרינגענדיק צו כילאָנען האָט ער אים מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט פאַר דער באָרד, האָט אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און גענומען טרעטן מיט די פיס, שרייענדיק מיט שוים אויפן מויל:

— וועסט אָפּלייקענען! וועסט אָפּלייקענען!

— איך קען נישט! — האָט כילאָן פון דער ערד געענטפערט.

— נעמט אים!

דערהערנדיק דעם באַפעל האָבן די טראַקן געכאַפּט דעם אַלטן, אים אויסגעצויגן אויף דער באַנק און צובינדנדיק אים צו איר מיט שטריק, האָבן זיי מיט צוואַנגען גענומען דריקן זיינע דאַרע פוסביינער. און ער, בעת מ׳האָט אים צוגעבונדן, האָט ער הכנעהדיק געקושט זייערע הענט, דערנאָך האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און איז געבליבן ווי טויט.

ער האָט אָבער געלעבט, וואָרים ווען טיגעלין האָט זיך צו אים אָנגעבויגן און אים נאָכאַמאָל געפרעגט: „וועסט אָפּלייקענען?" האָבן זיך זיינע ווייסע ליפּן קוים באַוועגט און עס איז פון זיי אַרויס קוים אַ שעפּטשען:

— איך... קען... נישט!...

טיגעלין האָט געהייסן אָפּשטעלן די ענוים און האָט גענומען שפּרייזן הין און צוריק איבערן אַטריום אויסער זיך פון כּעס און, אינדערזועלבער צייט אין פאַרלעגנהייט. לסוף איז אים, ווייזט אויס, איינגעפאַלן עפּעס אַ נייע המצאה, וואָרים ער האָט זיך מיטאַמאָל געווענדט צו די טראַקן און באַפוילן:

— רייסט אים אַרויס די צונג!

LXIII

די דראַמע „אורעאַליוס" פלעגט תמיד געגעבן ווערן אין אַזעלכע טעאַטערן, אָדער אַמפיטעאַטערן וואָס זענען געווען איינגעאָרדנט אַזוי, אַז זיי האָבן זיך געקענט עפענען און בילדן ווי צוויי באַזונדערע סצענעס. אָבער פון נאָך די פאָרשטעלונגען אין צעזאַרס גערטנער האָט דאָס אויפגעהערט, וואָרים עס איז איצט געגאַנגען אין דעם, אַז אַ וואָס גרעסערע צאָל מענטשן זאָלן קענען קוקן אויפן טויט פון דעם געצלמטן שקלאַף, וועלכער ווערט אין דער דראַמע אויפגעפרעסן פון אַ בער. אין די טעאַטערן האָט די ראָל פון בער געשפילט אַן אַקטיאָר איינגענייט אין אַ פעל, דאָס מאָל אָבער האָט די פאָרשטעלונג געזאָלט זיין אַן „עכטע". דאָס איז געווען טיגעלינס נייע המצאה. דער צעזאַר האָט לכתחילה געהאַט בדעה נישט צו קומען, אָבער לויט די עצות פונם פאַוואָריט האָט ער געביטן זיין רצון. טיגעלינוס האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז נאָך די אַלע געשעענישן אין די גערטנער, דאַרף ער אוודאי זיך באַווייזן פאַרן פאָלק

אויך האָט ער אים פאַרזיכערט, אַז דער געצלמטער שקלאַף וועט אים שוין מער נישט לעסטיקן, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט קריספּוסן. דאָס פאָלק איז שוין געווען אַביסל פאַרמאַטערט און איבערגעזעטיקט פון בלוט, האָט מען דעריבער איצט צוגעזאָגט אומזיסטיקע גורל - בילעטן און מתנות און אויך אַן אָונט-מאָלצייט, וואָרים די פאָרשטעלונג האָט געזאָלט פאָרקומען אין אָונט אין שטאַרק באַלויכטענעם אַמפיטעאַטער.

אין אָוונט איז די געביידע טאַקע פול געפּאַקט געוואָרן. אַלע אויגוסטער מיט טיגעלין בראש זענען געקומען, נישט אַזוי צוליב דער פאַרשטעלונג גופא, ווי כּדי צו באַווייזן דעם צעזאַר נאָך די לעצטע געשעענישן זייער טרייקייט און אויך כּדי צו שמועסן אַביסל וועגן כילאָנען, וועגן וועלכן גאַנץ רוים האָט גערעדט.

מ'חאָט זיך בכן איבערגעגעבן אויפן אויער, אַז דער צעזאַר אַהיימקומענדיק פון די גערטנער האָט נישט געקענט איינשלאָפן פון גרימצאָרן. אַז עס זענען אים באַפאַלן רוחות און משונהדיקע וויזיעס, מחמת וואָס ער האָט אויפצומאָרגנס מודיע געווען, אַז ער פאָרט אינגיכן קיין אַכאַי. אַנדערע האָבן דאָס פונדעסטוועגן אָפּגעלייקנט, האַלטנדיק, אַז איצט וועט ער נאָך מער אומברחמנותדיק זיין צו די קריסטן. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין פּחדנים, וועלכע האָבן פאָרויסגעזען, אַז די באַשולדיקונג, וואָס כילאָן האָט געוואָרפן דעם צעזאַר אין פּנים בפני קהל ועדה, וועט אפשר האָבן זייער שלעכטע פאָלגן. עס זענען לסוף געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אין נאָמען פון מענטשלעכקייט געבעטן טיגעלינען, ער זאָל שוין אויפהערן די ווייטערע רדיפות.

— גיט אַכטונג וווהין איר גייט — האָט באַרקוס סאַכאָנוס געזאָגט — איר האָט געוואָלט שטילן די נקמה פון פאָלק און אים איינרעדן, אַז די שטראָף פאַלט אויף די שולדיקע און דער רעזולטאַט איז פונקט להיפּך.

— אמת! — האָט אַנטיסטיוס ווערוס צוגעשטימט — אַלע רעדן איצט צווישן זיך, אַז זיי זענען אומשולדיק, וואָס

שייך פֿאַרשטאַנד, איז כילאָן געדעכט געווען, זאָגנדיק, אַז אייערע מוחות וואָלטן אפֿילו נישט פֿול געמאַכט אַ ניסל־שאָלעכל.

טיגעלין האָט זיך צו זיי געווענדט און געזאָגט:

— מענטשן רעדן אָבער אויך בּאַרקוס סאַכאַנוס, אַז דיין טאָכטער סערווילִיאַ, און דיין ווייב, אַנטיסטיוס האָבן בּאַהאַלטן זייערע קריסטלעכע שקלאַפֿן פֿון צעזאַרס משפּט.

— דאָס איז נישט אמת! — האָט בּאַרקוס אַ דערשראָקענער אויסגעשריען.

— דאָס ווילן אייערע גרושהלעך אומבּרענגען מיין פֿרוי, ווייל זיי זענען זי מקנא אויף איר צניעות! — האָט אַנטיסטיוס ווערוס מיט נישט ווייניקער שרעק געזאָגט.

אַנדערע האָבן גערעדט וועגן כילאָנען.

— וואָס איז מיט אים געשען? — האָט עפּריוס מאַרצעליוס געזאָגט — ער אַליין האָט זיי אַרויסגעגעבן אין טיגעלינס הענט, פֿון אַ בּעטלער איז ער געוואָרן אַן עושר, ער האָט געקענט רויִק אויסלעבן זיינע לעצטע יאָרן, האָבן אַ שיינע לויה און אַ שיינע מצבה, אָבער גאָר לא!! פֿון דער העלער הויט האָט ער גאָר געוואָלט אַלץ פֿאַרלירן און זיך אַליין אומבּרענגען, נישט אַנדערש נאָר ער איז משוגע געוואָרן!

— ער איז נישט משוגע געוואָרן, נאָר ער איז געוואָרן אַ קריסט — האָט טיגעלין געזאָגט.

— ס'קען נישט זיין — האָט וויטעליוס זיך אָנגערופֿן.

— האָב איך דען נישט תּמיד געזאָגט! — האָט וועסטינוס איבּערגעריסן — הרגעט די קריסטן, אָבער, הערט מיך, לאָזט צורו זייער גאָט. דאָס איז קיין קאַטאָוועס נישט!... זעט, וואָס עס טוט זיך! איך האָב זיכער נישט אונטערגעצונדן רוים, נאָר ווען דער צעזאַר זאָל מיר דערלויבן וואָלט איך תּיכף מנדר געווען אַ העקאַטאָמב צו זייער גאָט. אַלע וואָלטן מיר געדאַרפֿט אַזוי טאָן, וואָרום איך זאָג אייך נאָכאַמאָל: ביי זיי איז קיין שפּאַס נישט פֿאַראַן! געדענקט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט!

— און איך האָב עפּעס אַנדערש געזאָגט — האָט פּעטראָניוס זיך אָפּגערופֿן — טיגעלינוס האָט געלאַכט בעת איך האָב

געזאָגט, אַז זיי ווערן זיך, איצט אָבער זאָג איך נאָכמער: אַז זיי זיגן!...

— וואָס הייסט? וואָס הייסט? — האָבן עטליכע שטימען מיטאַמאָל אויסגערופן.

— ביי פּאָלוקסן!... וואָרים אויב אַזאַ כילאָן האָט נישט געקענט ביישטיין קעגן זיי, טאָ ווער וועט זיי שוין ביישטיין?... אויב איר מיינט, אַז נאָך יעדע פאָרשטעלונג קומט נישט צו קיין קריסטן, דאַן דאַרפט איר מיט אייער קענטשאַפט פון דער שטאָט ווערן באָרד-שערער, וואָרום דעמאָלט וועט, איר בעסער ויסן, וואָס דאָס פאָלק טראַכט און וואָס אין שטאָט טוט זיך.

— גערעכט, ביים הייליקן שלייער פון דיאַנע! — האָט וועסטינוס אויסגערופן.

באַרקוס האָט זיך געווענדעט צו פּעטראָניוסן:

— אנטקעגן וואָס זאָגסטו דאָס?

— איך ענדיק מיט דעם, מיט וואָס איר האָט אָנגעהויבן: גענוג שוין בלוט פאַרגאָסן!

טיגעלין האָט אויף אים א שפּאָטישן בליק געטאָן און געזאָגט:

— גיין, נאָך א ביסעלע!

— אויב עס קלעקט דיר נישט קיין קאָפּ, האָסטו דאָך א צווייטן אין קעפּל פון דיין שטאָק — האָט פּעטראָניוס געענטפערט.

דער ווייטערדיקער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן דורכן אָנקומען פון צעזאַר, וועלכער האָט אין באַגלייטונג פון פּיטאַגאָראָס פאַרנומען זיין פּלאַץ. באַלד נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן די פאָרשטעלונג פון „אורעאָלוס” אויף וועלכער קיינער האָט קיין אַכט נישט געלייגט, ווייל יעדנס געדאַנקען זענען פאַרנומען געווען מיט כילאָנען. דאָס פאָלק, צוגעוויינט צו זען ענויים און בלוט האָט זיך אויך געלאַנגווייל קט, האָט געסיקעט, געמאַכט הויך שפּאָטישע באַמערקונגען וועגן די הויפלייט און געשריגן, מ'זאָל שוין צואיילן די סצענע מיטן בער, וואָס האָט געזאָלט

זיין די איינציקע טשעקאווע זאך. ווען נישט די האָפנונג צו זען דעם פאַרמשפּטן זקן און די מתּנות, וואָלט די פאַרשטעלונג גופא נישט מסוגל געווען איינצוהאַלטן דעם המון.

סוף כּל סוף איז אָנגעקומען די דערוואַרטעטע מינוט. די צירק־יינגלעך האָבן פריער אַריינגעטראָגן א הילצערנעם צלם געוויג נידריק, אַז דער בער זאָל אַרויפדראַפּנדיק זיך קענען ד רגרייכן צו דער ברוסט פונם מאַרטירער, דערנאָך האָבן צוויי שקלאַפן אַריינגעפירט אָדער ריכטיקער אַריינגעשלעפּט כילאָנען, וואָרום אַליין האָט ער נישט געקענט גיין, האָבנדיק די ביינער פון די פיס צעשמעטערטע אויף פיצלעך. מ'האָט אים אַרויפגע־לייגט אויפן צלם און אַזוי שנעל צוגעקלאַפּט, אַז די נייגעריקע אויגוסטער האָבן אים נישט געקענט ווי געהעריק באַטראַכטן און ערשט נאָכן אויפשטעלן דעם צלם אין דעם פון פריער צו־געגרייטן גרוב האָבן אַלע אָנגעשטעלט זייערע בליקן אויף אים.
אָבער זעלטן ווער האָט געקענט דערקענען אין דעם דאָזיקן נאַקעטן אַלטיטשקן דעם פריערדיקן כילאָן. נאָך די ענוים, וועל־כע טיגעלין האָט אים געהייסן אנטאָן, איז אין זיין פּנים נישט געבליבן קיין טראָפן בלוט און נאָר אויף זיין ווייסער באָרד האָט מען געזען א רויט בלוט־שנירל, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך דער אַרויסגעריסענער צונג. דורך דער דורכזעעוודיקער הויט האָט מען בסדר אַרויסגעזען זיינע ביינער. ער האָט אויסגעזען א סך עלטער, כּמעט אינגאַנצן צונויפגעשרומפּן. דערפאַר אָבער האָבן זיינע אויגן תּמיד געוואָרפן בייזע און אומרואיקע בליקן, זיין וואָכעדיק פּנים האָט תּמיד געוויזן אייביקע שרעק און אומ־זיכערקייט, איצט אָבער האָט ער געהאַט אזא ווייטאָקלעך אָבער דאָך זיס און געלייטערט פּנים, ווי עס האָבן עס נאָר שלאָפע־דיקע אָדער געשטאָרבענע. און אפשר האָט דער בטחון אים דערמאָנט וועגן יענעם חוטא אויפן צלם, וועמען קריסטוס האָט מוחל געווען און אפשר האָט ער אין זיך גערעדט צום באַרמ־האַרציקן גאָט | אַזוי: „האַר, כ'האָב געביסן, ווי א גיפטיקע שלאַנג, אָבער זע, איך בין מיין גאַנץ לעבן געווען אן עלנ־טער, כ'בין בסדר אויסגעגאַנגען פון הונגער, מענטשן האָבן מיך

געטרעטן מיט די פּיס, מיך געשלאָגן און זיך לוסטיק געמאַכט איבער מיר. איך בין געווען, האַר, זייער אָרים און אומגליקלעך און איצט זע, האָט מען מיך נאָך איבערגעגעבן אויף ענוים און מיך צוגעקלאַפּט צום צלם, דו, באַרמהאַרציקער, וועסט מיך דעריבער נישט אָפּשטויסן אין דער שעה פון טויט!" און אַ שלוה האָט באַהערשט זיין צעווייטאָקט האַרץ. קיינער האָט נישט געלאַכט, וואָרום אין אָט דעם געצלמטן איז געווען עפּעס אַזאַ מין שטילקייט, ער האָט אויסגעזען אַזוי אַלט, אומבאַשיצט, שוואַך, רופנדיק מיט זיין הכנעה אַזוי נאָך רחמנות, אַז נישט ווילנדיק האָט יעדער זיך געטראַכט: ווי קען מען אַזוי פּייניקן און צוקלאַפּן צום צלם מענטשן, וועלכע גוססן שוין אַזוי אויך? דאָס פאָלק האָט געשוויגן. צווישן די אויגוסטער האָט וועסטינוס בייגנדיק זיך אויף רעכט און אויף לינקס געשעפּטשעט מיט אַן איבערגעשראָקענער שטים: „זעט, ווי אַזוי זיי שטאַרבן!" אַנדערע האָבן געוואַרט אויפן בער, בעטנדיק, אַז די פאָרשטעלונג זאָל זיך שוין וואָס גיכער ענדיקן.

ענדלעך האָט זיך דער בער אַריינגעקויקלט אויף דער אַרענע, און דרייענדיק זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אין ביידע זייטן האָט ער קאַפּויערגעקוקט פונהונטן אַרויף, ווי ער וואָלט זיך עפּעס געשלאָגן מיט דער דעה, אָדער ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. דערזעענדיק לסוף דעם צלם און אויף אים דעם נאַקעטן קערפּער, איז ער צו צו אים, האָט זיך אפילו אויפגעהויבן, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף די פאָדערשטע לאַפּעס און הויערנדיק לעבן צלם האָט ער גענומען ברומען, ווי אין זיין חיהש האַרץ וואָלט זיך דערוועקט עפּעס אַ רחמנות צו דעמדאָזיקן זכר פון אַ מענטש.

די צירק־דינערשאַפט האָט גענומען געוואַלדעווען און אים אונטערצוהעצן, אָבער דאָס פאָלק האָט געשוויגן. כילאָן האָט דערווייל מיט אַ פאַמעלעכדיקער באַוועגונג אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט אַ צייט געפירט מיט די אויגן איבער די בענק צוקוקער. ביז לסוף האָט זיך זיין בליק אָפּגעשטעלט ערגעץ אויף די העכסטע רייען פון אַמפיטעאַטר. זיין ברוסט האָט זיך

גענומען האַסטיקער הייבן און דאַן איז געשען עפּעס אַזעלכסס׳ וואָס האָט איבעראַשט און פאַרבליפט די צוקוקער׳ אָט האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן מיט אַ שמייכל, זיין שטערן איז ווי אַרומגעזוימט געוואָרן מיט שטראַלן, די אויגן האָבן זיך פאַרן טויט אויפגעהייבן אַרויף און אין אַ מינוט אַרום זענען צוויי גרויסע טרערן, אָנגעזאַמלטע הינטער די אויגנלעדלעך, פאַמעלעך אַראָפּגערונען איבער זיין פּנים.

און ער איז אויסגעגאַנגען.

באַלד האָט אַ קרעפּטיקע מענער-שטים גאָר הויך אונטערן וועלאריום אויסגערופן ;

— פרידן צו די קדושים !!

אין אַמפיטעאטער האָט געהערשט אַ טויבע שטילקייט.

LXIV

נאָך דער פֿאָרשטעלונג אין די גערטנער פֿון צעזאַר זענען די תּפֿיסות שטאַרק אויסגעליידיקט געוואָרן. מ'האָט נאָך אַפֿילו כּסדר געכאַפּט נייע קרבנות, וואָס דינען צום מזרחדיקן אַבערגלויבן, אָבער די פֿאַנגער האָבן צוגעשטעלט וואָס אַמאָל אַלץ ווייניקער, קוים אַזוי פֿיל וויפֿיל עס איז נויטיק געווען פֿאַר די ווייטערע פֿאָרשטעלונגען, וועלכע האָבן שוין אויך געהאַלטן ביים סוף. דאָס פֿאָלק, איבערגעזעטיקט פֿון בלוט, האָט אַרויסגעוויזן אַן אַלץ גרעסערע מידקייט און אַן אַלץ גרעסערע אומרויקייט צוליב דעם נאָך קיינמאָל נישט געהערטן האַלטן זיך פֿון די קרבנות. דער פּחד פֿון אַבערגלויבישן ווענטיגוס האָט איצט באַהערשט טויזנטער הערצער. צווישן המון האָט מען זיך דערציילט אַלץ מער וווּנדערלעכע זאַכן וועגן דער נקמה פֿון דעם קריסטלעכן גאָט. דער תּפֿיסה=טיפֿוס, וועלכער האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער שטאָט האָט נאָך פֿאַרגרעסערט די אַלגעמיינע מורא. מ'האָט צו אָפֿט געזען לוויות און מ'האָט זיך

איינגערוימט אויפן אויער, אַז מ׳דאַרף נייע „פּיאַקולאַס״ אי־בערצוגעבן דעם אומבאַקאַנטן גאָט. אין די טעמפּלען האָט מען מקריב געווען קרבנות צו יאָווישן און צו ליביטיניען. און ענדלעך, להכעיס די אָנשטרענגונגען פון טיגעליגען און זיינע משרתים, האָט זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז די שטאָט איז אונטערגעצונדן געוואָרן לויטן באַפעל פון צעזאַר און אַז די קריסטן ליידן אומשולדיק.

אָבער טאַקע מחמת דעם האָט דער צעזאַר און טיגעלין נישט אָפּגעשטעלט די רדיפות. כדי צו באַרויקן דאָס פאָלק האָט מען אַרויסגעגעבן נייע באַפעלן צו פונאַנדערטיילן אומזיסט תבואה, וויין און בוימל, עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן תקנות מכח פאַרלייכטערן דעם צוריקאויפבוי פון הייזער, פול מיט הנחות פאַר די אייגנטימער און אויך תקנות מכח דער ברייטקייט פון די גאַסן און דעם מאַטעריאַל פון וועלכן מ׳דאַרף בויען די נייע הייזער, כדי אויסצומיידן אין עתיד שרפות. דער צעזאַר אַליין איז בייגעווען די אסיפות פון סענאַט, און האָט זיך מתוכח געווען צוזאַמען מיט די „פאַטערס״ פון דער שטאָט וועגן דעם וואוילזיין פון פאָלק און פון דער שטאָט, אָבער דערפאַר איז אפילו קיין שאָטן פון חסד נישט געפאַלן אויף די פאַרמשפּטע. דעם וועלט-מושל איז געגאַנגען קודם כל אין דעם, אַרויפצו־צווינגען די איבערצייגונג, אַז אַזעלכע אומברחמנותדיקע שטראָפן קענען קומען נאָר אויף שולדיקע. אין סענאַט האָט זיך אויך קיין איין שטים נישט געלאָזט הערן לטובת די קריסטן, ווארים קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט פאַרטשעפּען מיטן צעזאַר, און אַ חוץ דעם האָבן ווייטזעעוודיקע מענטשן געהאַלטן, אַז אַנטקעגן דעמדאָזיקן נייעם גלויבן וועלן די יסודות פון דער רוימישער מלוכה קיין קיום נישט קענען האָבן.

מ׳האָט די פאַמיליעס אַרויסגעגעבן נאָר גוססדיקע אָדער געשטאָרבענע, ווארים דאָס רוימישע רעכט איז זיך נישט נוקם אָן טויטע. פאַר ויניציוסן איז געווען אַ געוויסע טרייסט דער גע־דאַנק, אַז אויב ליגיע וועט שטאַרבן וועט ער האָבן די מעגלעכ־קייט זי צו קובר זיין אין די משפּחה־קברים און ער וועט

אויך רוען נעבן איר. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין שום האָפנונג זי צו רעטן פון טויט און ער גופא, האלב אָפּגעריסן פון לעבן, פאַרטיפט אין קריסטוסן, האָט שוין נישט געטרוימט וועגן קיין אנדער פאַרייניקונג מיט איר, ווי וועגן דער אייביקער. זיין גלויבן האָט משוט דערגרייכט ביז אין אין—סוף, אַזוי אַז לגבי דעם האָט דידאָזיקע אייביקייט זיך אויסגעוויזן ווי עפּעס אָן אַ שיעורווירקלעכער און עכטער ווי דאָס פאַריבערגייענדיקע לעבן, מיט וועלכן ער האָט דורכגעלעבט ביז איצט. זיין האַרץ איז פול געווען מיט הייסער באַגייסטערונג. ביים לעבן נאָך איז ער פאַרוואנדלט געוואָרן אין כמעט אַ רוחניות, וואָס בענקנדיק נאָך דער געבנצלעכער באַפרייונג פאַר זיך בעט ער עס אויך פאַר זיין צווייט געליבט נפש. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאן וועט ער מיט ליגיען זיך נעמען פאַר די הענט און זיי וועלן אַוועק אין הימל אריין, ווו קריסטוס וועט זיי בענטשן און וועט זיי לאָזן אויף אייביק אין דעם ווי דער מאָרגנשיין גרויסן און רויקן ליכט. ער האָט נאָר געבעטן קריסטוסן ער זאָל ליגיען מציל זיין פון די צירק=ענוים און זאָל איר דערלויבן רויק אויסצוהויכן איר נשמה אין תפיסה, וואָרים ער האָט געפילט, אַז ער וועט גאַנץ באַשטימט מיטשטאַרבן צוזאַמען מיט איר. ער האָט געטראַכט, אַז בעת אַזאַ ים פאַרגאָסן בלוט, טאָר ער גאָרנישט האָפן זי איינע זאָל ניצול ווערן. ער האָט געהערט פון פעטרוסן און פון פּוילוסן, אַז אויך זיי וועלן מוזן שטאַרבן ווי מאַרטירער. דאָס בילד פון כילאָנען אויפן צלם האָט אים איבערגעצייגט, אַז דער טויט, אַפילו אַ מאַרטירערשער, קען זיין זיס. ער האָט דעריבער שוין געבעטן, אַז ער זאָל שוין קומען אויך פאַר זיי ביידן, ווי אַ דערוואַרטערער איבערבייט פון שלעכטן, טרויעריקן שווערן מזל אויף אַ בעסערס.

טיילמאָל האָט ער שוין געהאט ווי אַ פאָרגעשמאַק פון לעבן אויף יענער זייט קבר. דער אומעט, וואָס האָט געשוועבט איבער זייערע ביידנס נשמות האָט פאַרלוירן וואָס ווייטער די פריערדיקע ברענענדיקע ביטערקייט און איז ביסלעכוויז פאַרוואנדלט געוואָרן אין אַ מין יענע=וועלטיקע רויק איבערגעבן

זיך גאַטס ווילן. אַמאָל איז וויניציוס געווען אינגאַנצן פאַרשלו־גען אין שווימען קעגן שטראָם, ער האָט זיך געראַנגלט און זיך געמוטשעט, איצט אָבער האָט ער זיך איבערגעגעבן די כוואַליעס, גלייבנדיק, אַז זיי טראָגן אים צו דער אייביקער רויקייט. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז אויך ליגיע גרייט זיך אַזוי ווי ער צום טויט, אַז נישט קוקנדיק אויף די תפיסה־מויערן וואָס פונאַנדערשיידן זיי, גייען זיי דאָך שוין צוזאַמען, און ער האָט געשמייכלט צו דעמדאָזיקן געדאַנק ווי צום גליק.

און באמת זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען אין אַזאַ איינקלאַנג, ווי זיי וואָלטן זיך טעגלעך געטיילט מיט די געדאַנקען. און ליגיע האָט אויך נישט געהאַט קיין שום שטרעבונגען, קיין שום האָפנונגען אַ חוץ די האָפנונג פונם לעבן אויף יענער וועלט. דער טויט האָט זיך איר פאָרגעשטעלט נישט נאָר ווי אַ באַפרייונג פון די שרעקלעכע תפיסה־מויערן, פון צעזאַרס און טיגעליִנס הענט, ווי אַ גאולה, נאָר אויך ווי דער זמן פון איר פאַרייניקונג מיט וויניציוסן. לגבי דערדאָזיקער פעסטער זיכערקייט האָט אַלץ איבעריקע פאַרלוירן יעדע וואָגיקייט. גאָכן טויט האָט זיך פאַר איר געזאָלט אָנהייבן דאָס גליק און אפילו דאָס ערדישע. זי האָט על כן דערויף געוואַרט, ווי אַ כלה וואַרט אויפן חופה־טאָג.

און דערדאָזיקער מעכטיקער שטראָם פון גלויבן, וועלכער האָט אָפּגעריסן פון לעבן און אַוועקגעטראָגן אויף יענער זייט קבר טויזנטער פון די ערשטע גלויביקע האָט אויך מיטגעריסן אורסוסן. אויך ער האָט לאַנג נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק וועגן ליגיעס טויט. אָבער נאָכדעם ווי דורך די תפיסה מויערן האָבן זיך דאָך יעדן טאָג באַקומען אַלץ נייע ידיעות וואָס עס טוט זיך אין די אַמפיטעאַטערן און אין די גערטנער, בעת דער טויט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ בשותּפותדיקער, אומפאַרמיידלעכער גורל פון אַלע קריסטן און אינדערזעלבער צייט אויך זייער ברכה וואָס איז העכער פאַר אַלע השגות פון אַ בשר ודם וועגן גליק, האָט ער שוין לסוף נישט געוואַגט בעטן קריסטוסן, אַז ער זאָל דאָס גליק נישט באַשערן ליגיען,

אָדער עס אָפּרוקן פאר איר אויף פיל יאָרן. אין זיין פראָסט באַרבאַריש האַרץ האָט ער געטראַכט, אַז דער טאָכטער פונם פירער פון די ליגיער קומט מער און וועט אוודאי מער באַקומען די אַלע הימלישע גליקן, ווי דער גאַנצער המון פּראָסטאַקעס, צו וועלכע ער אַליין האָט אויך געהערט. און אַז אין זיוו השכינה וועט זי זיצן בענטער צום „שעפעלע" ווי די אַנדערע. ער האָט וואָס אַן אמת געהערט, אַז ביי גאָט זענען אַלע מענטשן גלייך, אָבער טיף אין זיין האַרץ איז דאָך געווען די איבערצייגונג, אַז די טאָכטער פון אַן אָנפירער און דערצו אַן אָנפירער פון אַלע ליגיער, איז דאָך נישט דאָס זעלבע וואָס די ערשטע בעסטע שקלאַפין. ער האָט זיך אויך געריכט, אַז קריסטוס וועט אים דערלויבן אויך ווייטער איר צו דינען. וואָס שייך אים גופא האָט ער געהאַט נאָר איין באַהאַלטענעם ווונטש: ער זאָל קענען שטאַרבן אַזוי ווי דאָס „שעפעלע" אויפן צלם. אָבער דאָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין אַזאַ גרויס גליק, אַז הגם ער האָט געוווסט, דאָס אין רוים צלמט מען אפילו די ערגסטע פאַר־ברעכער, האָט ער דאָך נישט געוואַגט צו בעטן וועגן אַזאַ טויט. ער האָט געטראַכט, אַז מ'וועט אים זיכער לאָזן אומקומען אונ־טער די ציין פון די חיות רעות. און דאָס האָט אים גורם גע־ווען גרויס צער. פון קינדוויַיז אָן האָט ער זיך געהאָדעוועט אין די געדיכטע וועלדער, אין כסדרדיקע יאַגדן מחמת וועלכע ער איז, אַ דאַנק זיין איבערמענטשלעכע גבורה, באַרימט געוואָרן צווישן די ליגיער נאָך אַלס יינגל. ער איז אַזוי ווייט געווינט געוואָרן צו לעבן אין יאַגד, אַז שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אין רוים און איז געניט געווען זיך אָפּצוזאָגן דערפון, איז ער תמיד געגאַנגען אין די וויוואַריעס און אין די אַמפי־טעאַטערן כדי כאָטש צוצוקוקן זיך צו די פאַרשידענע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע חיות. זייער אָנבליק האָט אין אים געוועקט אַן אומבאַזיגלעכן חשק פון קאַמף און דערהאַרגענען, ער האָט איצט בכן מורא געהאַט אין זיין האַרץ, אַז ווען עס וועט קומען די שעה זיך מיט זיי צונויפצוטרעפן אין אַמפיטעאַטער, וועלן אים באַפאַלן נישט קיין פאַסיקע מחשבות פאַר אַ קריסט, וועל־

כער דארף מיט הכנעה און מיט סבלנות באגעגענען דעם טויט. אָבער ער האָט דאָך זיין האָפנונג געלייגט אויף קריסטוסן, טרייסטנדיק זיך מיט אַנדערע זיסערע מחשבות. הערנדיק למשל, אַז דאָס „שעפעלע" האָט דערקלערט מלחמה אַלע שאול תחתיה כחות און די בייזע רוחות, פאַר וועלכע די קריסטלעכע אמונה האָט באַטראַכט אַלע געטשנדינערישע געטער, האָט ער געטראַכט, אַז אין דערדאָזיקער מלחמה וועט ער שטאַרק צוניץ קומען דעם „שעפעלע" און וועט אים קענען מער העלפן ווי אַנדערע, ווארים זיין מח האָט גאָר= נישט געקענט משיג זיין, אַז אויך זיין נשמה זאָל נישט זיין שטאַרקער ווי די נשמות פון די איבריקע מארטירער. ווײ- טער האָט ער גאַנצע טעג מתפלל געווען, האָט באַדינט די געפאַנגענע, האָט צוגעהאָלפן די וועכטער, האָט געטרייסט זיין בת מלכה, וועלכע האָט טיילמאָל באַדויערט וואָס זי האָט אין איר קורץ לעבן נישט באַוויזן צו טאָן אַזוי פיל מעשים טובים ווי די באַרימטע „טאַביט" וועגן וועלכער פעטרוס האָט איר בשעתו דערציילט, די וועכטער, וועלכע האָבן אפילו אין תפיסה מורא געהאַט פאַר דער אומגעהויערער גבורה פון דעמדאָזיקן ריז, פאַר וועמען עס האָט נישט עקזיסטירט נישט קיין קייט, נישט קיין שום שטאַרקע קראַטעס, האָבן אים לסוף ליב באַקומען פאַר זיין גוטסקייט. נישט איינמאָל פאַרחידושט פון זיין ליבלעכקייט, האָבן זיי אים אויסגעפרעגט וועגן דער סיבה דערפון. און ער האָט זיי מיט אַזאַ פעסטער זיכערקייט דערציילט וואָס פאַר אַ טייער לעבן אים דערוואַרט נאָכן טויט, אַז זיי האָבן אים גאַנץ נשתומם אויסגעהערט, זעענדיק צום ערשטן מאָל, אַז אין די קעלערן, וווּ עס דרינגט נישט אַריין קיין איין זונשטראַל, קען דאָך אַריינדרינגען דאָס גליק. און בעת ער האָט זיי צוגערעדט, זיי זאָלן גלייבן אין „שעפעלע" האָט נישט איינער פון זיי גע= טראַכט, אַז זיין דינסט איז אַ שקלאַפן-דינסט און זיין לעבן אַן עלנדס, און נישט איינער האָט זיך פאַרטראַכט איבער זיין ביטערן גורל, צו וועלכן נאָך דער טויט וועט ערשט אַ סוף מאַכן.

דער טויט אָבער האָט אָנגעוואָרפן אויפסנ!! א שרעק און האָט גאָרנישט מבטיח געווען, בעת דערדאָזיקער ליגישער ריז און דאָס דאָזיקע מיידל ענלעך צו אבלים, וואָס מ'האָט אַריינ־געוואָרפן אין תפיסה־שטרוי, גייען צום טויט מיט פרייד ווי צו די טויערן פון גליק.

LXV

איינמאָל אין אַן אָוונט איז דער סענאַטאָר סצעווינוס געקומען צוגאַסט צו פּעטראָניוסן און האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט אים אין אַ לאַנג שמועס וועגן די שווערע צייטן אין וועלכע עס קומט אויס צו לעבן און וועגן צעזאַר. ער האָט גערעדט אַזוי אָפן, אַז פּעטראָניוס הגם ער איז געווען מיט אים באַפריינדעט, האָט אָנגעהויבן צו זיין פאָרזיכטיק. ער האָט זיך געקלאָגט אַז די וועלט גייט מיט אַ שלעכטן און אומזיניקן וועג. און אַז דאָס אַלץ וועט זיך מוזן ענדיקן מיט אַ שרעקלעכע מפּלה, נאָך פיל שרעקלעכער ווי די שרפה פון רוים. ער האָט דערציילט, אַז אויך די אויגוסטער זענען נישט צופרידן אַז פעניוס רופוס דער וויצע פּרעפעקט פון די פּרעטאָריאַנער דולדעט מיט געוואַלט די שרעקלעכע ממשלה פון טיגעלינוס, און אַז די משפחה סענעקא איז שוין גאַנץ פאַרצווייפלט פונם צעזאַרס באַהאַנדלען דעם אַלטן חכם און לוקאַנען. און לסוף האָט ער געגעבן אנצוהערן וועגן דער אומצופרידנקייט

פון פאָלק און אַפילו פון די פּרעטאָריאַנאַר, פון וועלכע פּעניוס רופוס האָט באַוויזן צו געווינען פאַר זיך אַ גרויסע טייל.

— אַנטקעגן וואָס זאָגסטו דאָס אַלץ? — האָט אים פּעטראָניוס געפרעגט.

— מחמת זאָרג פאַרן צעזאַר — האָט סצעווינוס געענטפערט. — איך האָב אַ ווייטן קרוב צווישן די פּרעטאָריאַנער, וועלכער הייסט אויך אַזוי ווי איך — סצעווינוס, און דורך אים ווייס איך וואָס עס טוט זיך ביי זיי... דער ווידערווילן וואַקסט דאָרט צווישן זיי אויך... זעסטו, קאַליגולא איז דאָך אויך געווען אַ טיראַן און זע וואָס עס איז געשען! אָט האָט זיך געפונען אַ קאַסיוס כערעאַ... דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע טאַט און עס איז זיכער נישטאָ קיינער צווישן אונז וואָס זאָל אים לויבן דערפאַר און דאָך האָט כערעאַ באַפרייט די וועלט פון אַ מטורף.

— דאָס הייסט — האָט פּעטראָניוס געזאָגט — דו זאָגסט אַזוי: „איך לויב נישט כערעאַן, אָבער ער איז געווען אַ טייערער מענטש און זאָלן אונז די געטער געבן אַ סך אַזעלכע..."

סצעווינוס האָט אָבער געביטן דעם שמועס און האָט אומגעריכט גענומען לויבן פּיזאָנען. ער האָט געריסט זיין משפחה, זיין איידלקייט, זיין צוגעבונדנקייט צו זיין פרוי און ענדלעך אויך זיין שכל און וווּנדערלעכע מעלה זיך באַליבט צו מאַכן ביי מענטשן.

— דער צעזאַר האָט נישט קיין קינדער — האָט ער געזאָגט — און אַלע זעען אין פּיזאָנען דעם יורש עצר. און יעדער איינער פון אונז וואָלט אים אויך בלי ספק בייהילפיק געווען איבערצונעמען די מאַכט. פּעניוס רופוס ליבט אים, די משפחה אננעוס איז אים איבערגעגעבן, פלויציוס לאַטעראַנוס און טוליוס סענעציאָ וואָלטן פאַר אים אין פייער געגאַנגען, דאָסזעלבע אויך נאַטאַליוס און סובריוס פלאַוויוס און סולפּיציוס אַספּער און אַטראַניוס קווינקציאָנוס און אפילו וועסטינוס.

— פון אָט דעם לעצטן קען פּיזאָן קיין גרויסע נוצן נישט

האָבן — האָט פּעטראָניוס געזאָגט — וועסטינוס האָט מורא פאַר זיין אייגענעם שאָטן.

— וועסטינוס שרעקט זיך פאַר חלומות און פאַר רוחות — האָט סצעווינוס געענטפערט — אָבער ער איז דאָך אַ טיכ־טיקער מענטש, וועלכן מ׳וויל׳ און מיט רעכט, מאַכן פאַר קאָנסול. און דאָס וואָס ער איז אין האַרצן אַ געגנער פון די רדיפות אויף די קריסטן, דאַרפסטו אים נישט נעמען פאַר אומ־גוט, וואָרים אויך פאַר דיר איז וויכטיק אַז דידאָזיקע אומדיני־קייטן זאָלן אויפהערן.

— נישט פאַר מיר, נאָר פאַר ויניציוסן — האָט פּעט־ראָניוס געענטפערט — צוליב ויניציוסן וואָלט איך געוואָלט אַרויסראַטעווען אַ געוויס מיידל, אָבער איך קען עס נישט ווייל איך האָב פאַרלוירן דעם חן ביי אהענאָבאַרבאָן.

— וואָס רעדסטו? זעסטו דען נישט, אַז דער צעזאַר דערנענטערט זיך צוריק צו דיר און הייבט ווידער אָן מיט דיר צו רעדן? און כ׳וויל דיר זאָגן פאַרוואָס: ער קלייבט זיך שוין ווידער קיין אַכאַי, ווו ער וועט זינגען זיינע אייגענע גריכישע לידער. ער איז שוין אומגעדולדיק צו דערדאָזיקער נסיעה, אָבער גלייכצייטיק ציטערט ער ביים געדאַנק וועגן דער איראָניע פון די גריכן. ער פאַרשטייט, אַז אים דערוואַרט דאָרט אָדער דער גרעסטער טריומף אָדער די גרעסטע מפּלה. ער דאַרף אַ גוטע עצה און ער ווייסט אַז בעסער ווי דו קען עס אים קיי־נער נישט געבן. דאָס איז די סיבה, וואָס דו באַקומסט צוריק חן ביי אים.

— לוקאַן וואָלט מיך געקענט פאַרטרעטן.

— די געלע באָרד האָט אים פיינט און האָט אים אין האַרצן פאַרמשפּט צום טויט. ער זוכט נאָר עפּעס אַ תּירוץ, וואָרום ער זוכט תּמיד תּירוצים. לוקאַן פאַרשטייט, אַז מען מוז זיך צואיילן.

— ביי קאַסטאָר! — האָט פּעטראָניוס געזאָגט — מעגלעך. אָבער איך קען האָבן נאָך אַ שנעלער מיטל צו געווינען צוריק חן.

— ווי אזוי?

— בלויז נאָר איבערצוחזרן פאַר אַהעגאַבאַרבאַ דאָס אַלץ, וואָס די האָסט מיר מיט אַ מינוט פריער געזאָגט.

— איך האָב גאָרנישט געזאָגט! — האָט סצעווינוס אומ-רויק אויסגערופן.

פעטראָניוס האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל:

— האָסט אָנגערופן דעם צעזאַר מטורף. דו זעסט באַ-צייטנס פיזאָנען אויפן טראָן און האָסט געזאָגט: „לוקאַן פאַר-שטייט, אַז מ'דאַרף זיך צוואַיילן". מיט וואָס ווילט איר זיך דאָס צוואַיילן, קאַראַסימע?

סצעווינוס איז בלייך געוואָרן און אַ ווייל האָבן זיי זיך ביידע געקוקט אין די אויגן.

— דו וועסט נישט איבערדערציילן!!

— ביי די לענדן פון קיפּרידא! ווי גוט דו קענסט מיך זיין, כ'וועל נישט איבערדערציילן. איך האָב גאָרנישט געהערט, אָבער איך וויל אויך גאָרנישט הערן... פאַרשטייסט! דאָס לעבן איז צו קורץ אום עס זאָל זיך לוינען עפּעס אונטערצונעמען. איך בעט דיך נאָר, דו זאָלסט באַזוכן טיגעלינען און זאָלסט מיט אים אויך אַזוי לאַנג ווי מיט מיר רעדן וועגן וואָס דו ווילסט!

— נאָך וואָס?

— כדי, אַז ווען טיגעלינוס וועט מיר אַמאָל זאָגן: „סצע-ווינוס איז געווען ביי דיר" זאָל איך אים קענען ענטפערן: „דעמזעלבן טאָג איז ער געווען אויך ביי דיר".

סצעווינוס האָט, הערנדיק דאָס, צעבראָכן דאָס העלפאַנט-ביינערנע שטעקעלע, וועלכעס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט און האָט געענטפערט:

— זאָל אַלדאָס בייז אויסגיין אויף אָט דעם שטעקל. איך וועל היינט זיין ביי טיגעלינען און דערנאָך אויפן גאַסטמאָל ביי נעראָנען. דו וועסט דאָך מסתמא אויך זיין? יעדנפאַלס אויף ווידערזען איבערמאָרגן אין אַמפיטעאַטער, ווו עס וועלן אַרויס-טרעטן די לעצטע קריסטן!... אויף ווידערזען!

— איבערמאַרגן! — האָט פּעטראָניוס איבערגעחזרט, בלייבנדיק אַליין: עס איז הייסט עס נישטאָ קיין צייט צו פאַרלירן. אַהענאָבאַרבוס דאַרף מיך באמת אין אַכאַי. ער וועט זיך דעריבער אפשר רעכענען מיט מיר.

און ער האָט באַשלאָסן צו פּרוּוון דאָס לעצטע מיטל.

און כּך הוה, אויפן גאַסטמאָל ביי נערוואַ האָט דער צעזאַר פאַרלאַנגט פּעטראָניוס זאָל רוען אַנטקעגן אים, וואָרום ער האָט געוואָלט שמועסן מיט אים וועגן אַכאַי און וועגן די שטעט, ווו ער וואָלט געקענט אַרויסטרעטן מיט דערפאָלג. עס איז אַממייסטן געגאַנגען וועגן די אַטענער, פאַר וועלכע ער האָט זיך געשראָקן. די אַנדערע אויגוסטער אַרום האָבן גיריק זיך צוגעהערט צו דעם שמועס כּדי אויפכאַפּנדיק עטלעכע ווערטער פון פּעטראָניוסעס מיינונגען, זיי דערנאָך אַיבערצוחזרן אַלס אייגענע.

— עס דוכט זיך מיר, אַז איך האָב ביז איצט נישט געלעבט — האָט נירון געזאָגט — און, אַז איך וועל געבוירן ווערן ערשט אין גריכנלאַנד.

— דו וועסט געבוירן ווערן צו נייעם רום און צו אומשטערבלעכקייט — האָט פּעטראָניוס געענטפערט.

— איך גלייב, אַז עס וועט אַזוי זיין און, אַז אַפּאָללאָ וועט מיר נישט אַרויסווייזן קיין קנאה. אויב איך וועל צוריקקומען מיט טריומף, וועל איך מקריב זיין צו אים אַזאַ העקאַטאָמב, וואָס קיין שום גאָט האָט נאָך ביז איצט נישט געהאַט.

סצעוויגוס האָט גענומען ציטירן האָראַציוס פערזן:

„Sic te diva potens Cypri
sic fratres Helenae lucida sidera,
veńtorumque reat Pater...“ (1

— די שיף שטייט שוין גרייט אין נעאָפּאָליס — האָט

1) זאָל דיך פירן די מעכטיקע געטין פון ציפּער, און די ברידער פון העלענאַ, די ליכטיקע שטערן און דער פאָטער פון די שטורמען (דער איבערז.).

דער צעזאַר געזאָגט — כ'וואָלט געוואָלט אַרויספאָרן אפילו שוין מאָרגן.

ביי די ווערטער האָט זיך פעטראָניוס אויפגעהויבן און קוקנדיק נירונען גלייך אין די אויגן האָט ער געזאָגט:

— דו וועסט מיר דערלויבן, געטלעכער, איך זאָל פריער פייערן אַ חתונה-מאָלצייט אויף וועלכער איך וועל דיך פריער פון אַנדערע פאַרבעטן.

— אַ חתונה-מאָלצייט? וואָס פאַר איינע? — האָט נירון געפרעגט.

— פון וויניציוסן מיט דער טאָכטער פון ליגיער קיניג, דיין ערבותניצע. זי געפינט זיך אמת איצט אין תפיסה, אָבער ערשטנס קען זי אַלס ערבותניצע נישט אַרעסטירט ווערן און צווייטנס האָסטו אַליין דערלויבט וויניציוסן חתונה צו האָבן מיט איר, און אַזוי ווי דיינע באַפעלן זענען אַזוי ווי די באַפעלן פון צעוס — נישט צוריקצונעמען, וועסטו דעריבער איצט באַפעלן זי צו באַפרייען פון תפיסה און איך וועל זי אָפּגעבן צו איר געליבטן.

די קאַלטבלוטיקייט און די זיכערקייט מיט וועלכע פעטראָניוס האָט גערעדט האָט אינגאַנצן צעמישט נירונען, וועלכער האָט זיך תמיד פאַרלוירן, בעת עמיץ האָט צו אים גערעדט אין אַזאַ טאָן.

— איך ווייס עס — האָט ער געענטפערט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן. — איך האָב שוין געטראַכט וועגן איר און וועגן יענעם ריז, וועלכער האָט דערקוועטשט קראָטאָנען.

— אויב אַזוי זענען זיי ביידע פריי — האָט פעטראָניוס רויק געענטפערט.

אָבער דאָ איז טיגעלינוס געקומען צוהילף זיין האַר:

— זי געפינט זיך אין תפיסה לויטן ווילן פון צעזאַר, און דו פעטראָניוס האָסט אַליין געזאָגט, אַז זיינע באַפעלן זענען נישט צוריקצוציען.

אַלע אַרומיקע, קענענדיק די געשיכטע פון וויניציוס מיט ליגיע האָבן גוט פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. זיי

זענען דעריבער אַנטשוויגן געוואָרן, נייגעריק צו זען מיט וואָס דאַ וועט זיך ענדיקן.

— זי איז אין תּפיסה צוליב דיין טעות און דורך דיין נישט וויסן די פּעלקער-געזעצן, קעגן דעם רצון פון צעזאַר — האָט פּעטראָניוס באַטאָנענדיק געענטפערט. — דו ביסט, טיגעלין, אַ נאַיווער מענטש, אָבער אפילו דו וועסט דאָך נישט זאָגן, אַז זי האָט אונטערגעצונדן רוים און ווען דו זאָלסט עס אפילו יאָ זאָגן, וואָלט דער צעזאַר דיר נישט געגלויבט.

אָבער נירון איז שוין צוריקגעקומען צו זיך, און ער האָט געצומען זשמורען זיינע קורצזיכטיקע אויגן מיט אַן אויסדרוק פון געוואַלטיקער רשעות.

— פּעטראָניוס איז גערעכט — האָט ער אין א מינוט אַרום זיך אָנגערופן.

טיגעלינוס האָט אויף אים אַ פאַרוואונדערטן בליק געטאָן.

— פּעטראָניוס איז גערעכט — האָט נירון נאכאַמאָל איבערגעחזרט. — מאָרגן וועלן זיך עפענען פאַר איר די תּפיסה-טויערן, און וועגן חתונה - מאָלצייט וועלן מיר רעדן איבערמאָרגן אין אַמפיטעאַטער.

— כ'האָב ווידער פאַרלוירן — האָט פּעטראָניוס א טראַכט געטאָן.

און אַהיימקומענדיק איז ער שוין אַזוי זיכער געווען, אַז עס קומט אַ סוף צו ליגיעס לעבן, אַז ער האָט אויפצומאָרגנס אַרויסגעשיקט זיינס אַ פאַרטרויטן שקלאַף צום אַמפיטעאַטער אָפּצומאַכן מיטן ממונה פון ספּאָליאַריום וועגן אַרויסגעבן איר טויטן קערפּער כדי אים אומצוקערן וויניציוסן.

LXVI

אין נ־רונס צייטן איז געוואָרן אַ מנהג די פריער זייער זעלטן געגעבענע אָוונט־פאָרשטעלונגען אין די צירקן און אין די אַמפיטעאַטערן. די אויגוסטער האָבן עס גערן געהאַט. ווייל אָפּט איז נאָך די פאָרשטעלונגען געגעבן געוואָרן גאַסטמאָלן און הולאַנקעס, וואָס האָבן געדויערט ביזן ווייסן טאָג אַריין. און כאָטש דאָס פאָלק איז שוין געווען איבערגעזעטיקט מיט בלוט, פונדעסטוועגן, ווען עס האָט זיך צעטראָגן די ידיעה, אַז עס קומט שוין דער סוף פון די פאָרשטעלונגען און אַז די לעצטע קריסטן וועלן שוין אומקומען אויף דער אָוונט־פאָרשטעלונג, האָבן אומצייליקע מאַסן גענומען שטראָמען אין אַמפיטעאַטער אַריין. די אויגוסטער זענען אַלע ווי איין מאַן געקומען, זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז עס וועט נישט זיין קיין געוויינלעכע פאָרשטעלונג און אַז דער צעזאַר האָט באַשלאָסן איינצוּאָרדנען אַ טראַגעדיע פון וויניציוסעס יסורים. טיגעלין האָט געהאַלטן בסוד, וואָס פאַר אַ מין ענוים עס איז באַשטימט

[illegible] דער געליבטער פונם יונגן טריבון, דאָס האָט אָבער נאָכ-
מער דערוועקט די נייגעריקייט פון אַלעמען, די, וועלכע האָבן
אַמאָל געזען ליגיען ביי פּלויציוסן אין הויז האָבן דערציילט
וווּנדער וועגן איר שיינקייט. אַנדערע האָט קודם כל אינטע-
רעסירט צו וויסן, צי מ׳וועט זי בכלל היינט זען אויף דער
אַרענע, ווארים פיל פון די וועלכע האָבן געהערט דעם ענטפער,
וואָס דער צעזאַר האָט געגעבן פּעטראָניוסן ביי נעראָן האָבן
עס צווײדײטיק אויסגעטייטשט. טייל האָבן זיך משער געווען, אַז
דער צעזאַר וועט גאָר פּשוט אָפּגעבן אָדער ער האָט שוין
אָפּגעגעבן וויניציוסן דאָס מיידל: מ׳האָט זיך דערמאנט, אַז
זי איז דאָך אַן ערבותניצע, וועלכע מעג מחמת דעם דינען
צו וועלכן גאָט זי וויל, און דאָס פעלקער-געזעץ דערלויבט
נישט צו באַשטראָפן דערפאַר.

אומזיכערקייט, דערוואַרטונג און נייגעריקייט האָבן באַ-
הערשט אַלע צוקוקער. דער צעזאַר איז אָנגעקומען פריער ווי
אַלע מאָל און צוזאַמען מיט זיין אָנקום האָט מען ווידער גע-
נומען שעפּטשען, אַז עס וועט זיכער פאָרקומען עפּעס אויסער-
געוויינלעכעס, וואָרים נירון איז איצט באַגלייט געווען אַ חוץ
פון טיגעלינען און וואַטיניוסן נאָך אויך פון קאַסיוסן דעם
צענטוריאָן, אַ ריז מיט אַן אומגעהויערער גבורה, וועלכן דער
צעזאַר האָט נאָר דאַן מיטגענומען ווען ער האָט געוואָלט האָבן
אַ באַשיצער, למשל, ווען עם האָט זיך אים פאַרגלוסט זיך
ארויסצולאָזן אויף די נאַכט-שפּאַצירן אויף סובור, ווו ער פלעגט
זיך פאַרווײלן אין „סאַגאַטיאָ" דאָס הייסט, טרייסלען און הויך
אונטערוואַרפן אויף אַ זעלנערישן מאַנטל די מיידלעך, וואָס
מ׳האָט אָנגעטראָפן אויפן וועג. מ׳האָט באַמערקט, אַז אין אַמפי-
טעאַטער גופא זענען אָנגענומען געוואָרן פאַרהיטונגס-מיטלען. די
פרעטאָריאַנער-וואַך איז פאַרגרעסערט געווען און די קאָמאַנדע
איבער זיי האָט געהאַט נישט דער צענטוריאָן, נאָר דער טריבון
סורביוס פלאַוויוס, וועלכער איז ביז איצט באַקאַנט געווען מיט
זיין בלינדער איבערגעגעבנקייט צום צעזאַר. מ׳האָט פאַרשטאַ-
נען, אַז דער צעזאַר וויל זיך, ווי ס׳זאָל נישט זיין, פאַרזיכערן

אַר אַן אויסברוך פון וויניציוסעס פאַרצווייפלונג און די גייגעריקייט איז בכן באַכמער געוואַקסן.

אַלעמענס אָנגעשרענגטע פאַרכאַפּטע בליקן האָבן זיך געווענדט צום אָרט, ווו עס איז געזעסן דער אומגליקלעכער געליבטער. און ער, שטאַרק בלאַס, דער שטערן באַדעקט מיט טראָפּנס שווייס, איז ווי די איבריקע צוקוקער אויך געווען נישט זיכער, נאָר אומרויק ביז אין די טיפענישן פון זיין נשמה. פעטראָניוס האָט אים, אַליין נישט וויסנדיק גענוי וואָס עס וועט פאָרקומען, גאָרנישט געזאָגט, נאָר אים געפרעגט, גייענדיק פון נערוואַן, צי ער איז גרייט אויף אַלעם און צי ער וועט זיין אויף דער פאָרשטעלונג. וויניציוס האָט אים אויף ביידע פראַגן געענטפערט: „יאָ!" אָבער דערביי זענען אים ווי מוראשקעס אריבער איבערן לייב, וואָרים ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פעטראָניוס פרעגט נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין. שוין אַ שטיק צייט ווי ער אַליין לעבט מיט אַ האַלב לעבן, ער איז אַליין פאַרטיפט אין טויט און ער האָט שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק וועגן ליגיעס טויט, וואָרים דאָס' האָט געזאָלט זיין פאַר זיי ביידע זייער באַפרייונג און זייער פאַראייניקונג, אָבער איצט ערשט האָט ער איינגעזען, אַז עפּעס אַנדערש איז טראַכטן פונדערווייטנס וועגן דער לעצטער מינוט ווי וועגן אַ רויק איינשלאָפן און עפּעס אַנדערש איז צו גיין קוקן אויף די ענוים פון דעם, מער ווי ס'לעבן, טייער נפש. אַלע פון פריער שוין דורכגעלעבטע יסורים האָבן זיך צוריק דערוועקט אין אים. די איינגעשטילטע פאַרצווייפלונג האָט ווידער גענומען שרייען אין זיין האַרץ, עס האָט אים ווידער באַהערשט דער אומצאָליקער ווילן צו ראַטעווען ליגיע פאַר יעדן פּרייז. אינדערפרי האָט ער געזוכט אַריינצובאַקומען זיך אין די קוניקולן, כדי זיך איבערצייגן צו ליגיע געפינט זיך דאָרט, אָבער די פּרעטאָריאַנער-וואַך האָט געהיט אַלע איינגענג און די באַפעלן זענען געווען אַזעלכע שטרענגע, אַז אַפילו די באַקאַנטע זעלנער האָבן זיך נישט געלאָזט איבעררעדן נישט דורך קיין בקשות און נישט דורך קיין געלט. וויניציוסן האָט זיך אויסגעדוכט אַז די אומ-

זי כצרקייט וועט אים פריער מאַכן דעם טויט, נאָך איידער ער
וועט זען די פאַרשטעלונג. ערגעץ טיף אין הארצן האָט זיך
ביי אים נאָך פאַרוואַלגערט אַ האָפענונג, אַז אפשר איז ליגיע
נישטאָ אין אַמפיטעאַטר און אַז אַלע זיינע אַנגסטן זענען אומזיסט.
טיילמאָל האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דערדאָזיקער האָפענונג
מיט אַלע כחות. ער האָט זיך געטראַכט, אַז קריסטוס האָט
דאָך זי געקענט נעמען צו זיך פון תפיסה אַרויס, אָבער ער
וועט נישט דערלאָזן זי זאָל פאַרפייניקט ווערן אין צירק. פריער
האָט ער שוין שלום געמאַכט אין אַלעם מיט גאָטס ווילן נאָר
איצט, בעת מען האָט אים אַוועקגעטריבן פון די קוניקולן און
ער איז צוריק אַריין אויף זיין אָרט, אין אַמפיטעאַטר און פון
די גייגעריקע בליקן, וועלכע מ'האָט אויף אים אָנגעשטעלט, האָט
ער דערקענט, אַז די שרעקלעכסטע השערות קענען דאָ פאַר-
ווירקלעכט ווערן, האָט ער „אים” גענומען בעטן אין זיך, מיט
פייער, כמעט ווי מיט דראָונג וועגן מציל זיין זי. „דו קענסט!”
האָט ער געחזרט צונוי.. ־יקנדיק קאָנוועלסיוו די הענט. „דו
קענסט!” ער האָט פריער זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז די
דאָזיקע וגינוט ווען זי וועט באמת אָנקומען וועט זיין אַזוי
שרעקלעך. איצט, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין רעכנונג וועגן
דעם, וואָס עס קומט מיט אים פאָר, האָט ער געהאַט דאָס גע-
פיל, אַז אויב ער וועט דערזען ליגיעס עבורים, וועט זיך זיין
ליבע פאַרוואַנדלען אין שנאה און זיין גלויבן אין יאוש. און
ער האָט זיך אינדערזעלבער צייט דערשראָקן פון דעם גע-
פיל, וואָרים ער האָט זיך געשראָקן צו באַליידיקן קריסטוסן,
וועמען ער האָט געבעטן וועגן רחמנות און וועגן אַ נס. ער
האָט שוין נישט געבעטן וועגן איר לעבן, ער האָט נאָר גע-
וואָלט זי זאָל שטאַרבן איידער מ'וועט זי אַרויספירן אויף דער
אַרענע. און ממעמקים פון זיינע ליידן האָט ער געהאַלטן אין
איין חזרן: „זאָג מיר כאָטש דאָס נישט אָפּ, און איך וועל
דיך נאָך מער ליב קריגן”. לסוף האָט אַלץ אין אים אַזוי
אויפגעבריזט ווי די ים-כוואַליעס געשליידערטע פונם ווינט. עס
האָט זיך אין אים דערוועקט די תאוה פון נקמה און פון בלוט.

עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ ווילדער חשק צו וואַרפן זיך אויף ביִרונעץ און אים דערווערגן פאַר אַלעמען אין די אויגן, און גלייכצייטיק האָט ער געפילט, אַז מיט דעמדאָזיקן געפיל באַליידיקט ער ווידער קריסטוסן און איז עובר אויף זיין געבאָט, טייל מאָל איז אים ווי אַ בליץ דורך אַ האָפענונג, אַז דאָס אַלץ, פאַר וואָס ער ציטערט אַזוי געוואַלדיק וועט נאָך די אַלמעכטיקע און באַרמהאַרציקע השגחה אָפּווענדן, אָבער די האָפענונג איז באַלד צוריקפאַרלאָשן געוואָרן, ווי פון גרויס צער, אַז „ער" וועלכער וואָלט געקענט מיט איין וואָרט חרוב מאַכן דעמדאָזיקן צירק און מציל זיין ליגיע, האָט זי דאָך פאַרלאָזט כאָטש זי האָט אין אים געהאַט בטחון און האָט אים געליבט מיט דער גאַנצער ריינער נשמה. און ער האָט זיך געטראַכט, אַז אָט ליגט זי איצט אין פינצטערן קוניקולום אַ שוואַכע, אַן אומבאַשיצטע, אַ פאַרלאָזענע לשבט ולחסד פון די צעווילדעוועטע וועכטער, אויסהויכנדיק שוין אפשר איר לעצטן אָטעם און ער מוז דאָ אָן אומבאַהאָלפענער וואַרטן אין דעמדאָזיקן שרעקלעכן אַמפיטעאַטער נישט וויסנדיק צומאָל וואָס פאַר אַ ענוים מ'האָט פאַר איר צוגעטראַכט און וואָס פאַרא מינוט עס רוקט זיך דאָ אָן. לסוף, אַזוי ווי איינער, וואָס פאַלנדיק אין אַ תהום כאַפּט זיך אָן אין אַלעם וואָס איז דאָ אויפן ברעג, אַזוי האָט ער מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט אָן געדאַנק, אַז פונדעסטוועגן קען ער נאָר מיט בטחון זי ראַטעווען. עס איז דאָך נישט מער געבליבן ווי דאָסדאָזיקע איינע מיטל! האָט דאָך אים פּעטרוס געזאָגט, אַז מיט גלויבן קען מען די ערד פון אירע פונדאַמענטן רירן!

ער האָט זיך, בכן, צונויפגענומען, האָט דערדריקט אין זיך דעם ספק און האָט זיין גאַנצן מהות אַריינגעפּרעסט אין איין וואָרט: כ'גלויב, און ער האָט געוואַרט אויף אַ נס.

אָבער אַזוי ווי אַ צופיל אָנגעצויגענע סטרונע מוז פּלאַצן, אַזוי איז ער אויך געבראָכן געוואָרן פון אָנשטרענגונג. אַ טויטע בלאַסקייט האָט באַדעקט זיין פּנים, און זיין קערפּער האָט גענומען שטאַר ווערן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זיין געבעט

אין דערהערט געוואָרן, ווארים אָט שטאַרבט ער. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ליגיע איז שוין אוודאי אויך געשטאָרבן און אַז קריסטוס נעמט זיי אויף אַזאַ אופן צו זיך. די אַרענע, די ווייסע טאָגעס פון דעם אומצייליקן המון צוקוקער, דאָס ליכט פון די טויזנטער לאָמפּן און פלאַקערן, דאָס אַלץ איז אים פאַרשוווּנדן פון די אויגן.

אָבער דערדאָזיקער חלשות האָט נישט לאַנג געדויערט. אין אַ מינוט אַרום איז ער צו זיך געקומען, אָדער ריכטיקער עס האָט אים אויפגעוועקט אַ טופּען פון אומגעדולדיקן המון.

— ביסט קראַנק — האָט פּעטראָניוס צו אים געזאָגט — הייס זיך אַהיימטראָגן!

און נישט אַכטנדיק, וואָס דער צעזאַר וועט זאָגן, איז ער אויפגעשטאַנען אום אונטערצושפּאַרן וויניציוסן און כּדי מיט אים אַרויסצוגיין. דאָס האַרץ איז אים איבערפולט געוואָרן מיט רחמנות און אַ חוץ דעם האָט אים גערייצט נישט אויסצוהאַלטן דאָס, וואָס דער צעזאַר האָט דורך זיין שמאַראַגד כּסדר געקוקט אויף וויניציוסן, שטודירנדיק מיט צופרידנקייט זיינע יסורים, אפשר כּדי זיי דערנאָך צו באַשרייבן אין פּאָעטישע פערזן און באַקומען אַפּלאָדיסמענטן פון די צוהערער.

וויניציוס האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. אים איז לייכטער געווען צו שטאַרבן דאָ אין אַמפיטעאַטער ווי אַרויסצוגיין פונדאַנען. האָט דאָך די פאָרשטעלונג אַ ליאַדע מינוט געזאָלט זיך אָנהייבן.

און באמת האָט אינדערזעלבער מינוט דער שטאָט פּרעפעקט אַ פאָך געטאָן מיט אַ רויט טיכל און אויף דעם צייכן האָבן אַ סקריפּ געטאָן אַנטקעגן איבער דעם צעזאַרס פּאָדיום די טויערן און פון טונקעלן חלל האָט זיך אויף דער העל באַוויזן דער באַלויכטעטער אַרענע באַוויזן אורסוס.

דער ריז האָט געזשמורעט מיט די אויגן, ניכר, פאַר־בלענדט פון דער ליכטיקייט אויף דער אַרענע. באַלד איז ער אַרויף ביז אין דערמיט אַרענע, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געוואָלט דערזען מיט וואָס אים וועט דאָ

אויסקומען צו באַגעגענען זיך. אַלע אויגוסטער און דער רוב פון די צוקוקער האָבן געוווסט, אַז דאָס איז דער מאַן, וואָס האָט דערקוועטשט קראָטאָנען. דערזעענדיק אים האָט זיך דעריבער דערהערט אַ שעפּטשען איבער אַלע בענק. אין רוים האָט נישט געפעלט קיין גלאַדיאַטאָרן, וועלכע זענען פיל ריזיקער געווען ווי די געוויינלעכע מענטשלעכע מאָס, אָבער עפּעס אַזוינס ווי דאָ האָבן נאָך די אויגן פון די קווירִיטן קיינמאָל נישט געזען. קאַסיוס, וועלכער איז געשטאַנען אין פּאָדיום פון צעזאַר האָט אויסגעזען אַנטקעגן דעמדאָזיקן ליגיער ווי אַ נעבעכדיק מענטשל. די סענאַטאָרן, די וועסטאַלקעס, דער צעזאַר, די אויגוסטער און דאָס פאָלק האָבן מיט התפּעלות פון מבינים און ליבהאָבער געקוקט אויף זיינע מעכטיקע, ווי צווייגן דיקע פיס מוסקלען, אויף זיינע ברוסטן, ווי צוויי פאַנצערס און אויף זיינע הערקולעס־אַקסלען. דאָס שעפּטשען איז העכער געוואָרן מיט יעדער מינוט. פאַר דעמדאָזיקן המון האָט גאָר־נישט עקזיסטירט קיין גרעסערער תענוג ווי זען אַזעלכע מוסקלען אין שפּיל, אין אָנשטרענגונג און אין געראַנגל. דאָס שעפּטשען איז אַריבער אין געשרייען און אין פיבערהאַפטן נאָכ־פרעגן זיך ווו געפינט זיך דאָס דער שבט וואָס גיט אַרויס אַזעלכע ריזן, ער אָבער אי געשטאַנען איינמיטן אַמפיטעאַטער אַ נאַקעטער, מער ענלעך צו אַ שטיינערנעם קאָלאָס ווי צו אַמענטשן, מיט אַן אָנגעשטרענגט אָבער אויך אומעטיק פנים פון אַ באַרבאַר און זעענדיק די ליידיקע אַרענע, האָט ער פאַרוווּנדערט געבליקט מיט זיינע בלאָע קינדערשע אויגן דאָ אויף די צוקוקער, דאָ אויפן צעזאַר, דאָ ווידער אויף די קראַטן פו די קוניקולן פונוואַנען ער האָט דערוואַרט די תלינים.

אינם מאָמענט ווען ער איז אַרויס אויף דער אַרענע האָט זיין תמימותדיק האַרץ נאָך צום לעצטן מאָל זיך אַ צאַפּל געטאָן אין דער האָפענונג, אַז אפשר דערוואַרט אים טאַקע אַ צלם, אָבער זעענדיק, אַז ס'איז נישטאָ נישט קיין צלם און נישט קיין גרוב האָט ער געטראַכט, אַז ער איז מסתמא נישט ווערט דעם חסד און אַז עס וועט אים אוודאי אויסקומען אַנדערש צו שטאַרבן, געוויס פון חיות. ער איז געווען אומבאַוואָפנט און ער

האָט באַשלאָסן אומצוקומען אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ דינער פון „שעפעלע" — רויק און געדולדיק. דערווייל האָט ער גע־וואָלט נאָכאיינמאָל מתפּלל זיין צום גואל. און אַנידערקניענדיק אויף דער אַרענע האָט ער צונויפגעלייגט די הענט און האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די שטערן, וואָס האָבן געפינקלט אינדערהויך דורך דער עפנונג פון צירק.

דאָסדאָזיקע האַלטן זיך איז נישט געפעלן דעם עולם. זיי האָבן שוין גענוג געהאַט קריסטן, וואָס שטאַרבן ווי די שעפעלעך. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויב דער ריז וועט זיך נישט ווענדן ווערן איז די פאָרשטעלונג דורכגעפאַלן. פון פאַר־שידענע זייטן האָט זיך געטראָגן אַ סיקען. טייל האָבן גענומען רופן נאָך די מאַסטיגאָפאָרן, וועמענס עובדה עס איז געווען אונטערצושמייסן די קעמפער, וואָס ווילן זיך נישט ראַנגלען. אין אַ מינוט אַרום איז דאָך צוריק שטיל געוואָרן, ווארים קיינער האָט פונדעסטוועגן נישט געוווסט, וואָס אייגנטלעך עס דערוואַרט דעם ריז און צי ער וועט טאַקע נישט וועלן קעמפן אינם מאָמענט, ווען ער וועט זיך געפינען פּנים אל פּנים מיטן טויט.

און עס איז נישט לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַן אומגעריכט פאַרטויבנדיקער בלאָז פון מעשענע טראָמבעס און אויף דעם צייכן האָבן זיך געעפנט די קראַטן קעגנאיבער דעם צעזאַרס פּאָדיום און אויף דער אַרענע האָט זיך אַ לאָז געטאָן אונטער געוואַלדיקע קולות פון די בעסטיאַרן אַ מאוימדיקער גערמאַנישער אָקס, טראָגנדיק אויפן קאָפּ אַ נאַקעטן פרויענקערפּער.

— ליגיע! ליגיע! — האָט וויניציוס אַ געשריי געטאָן.

און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט ביי די האָר פון קאָפּ, האָט זיך צענויפגעדרייט אין אַ קנויל, ווי אַ מענטש, וואָס האָט דערפילט אין זיך דעם שאַרף פון אַ שפּיז, און מיט אַ כראָפּנדיקער אוממענטשלעכער שטים האָט ער גע־נומען איבערחזרן:

— איך גלייב! איך גלייב!... קריסטוס! אַ נס!!

און ער האָט אפילו נישט געפילט ווי פּעטראָניוס האָט

אים אין דערזעלבער מינוט פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיט דער טאַגע. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס האָט דער טויט אָדער דער ווייטאָק אים געמאַכט פֿינצטער אין די אויגן. ער האָט נישט געקוקט, ער האָט נישט געזען. עס האָט אים אַרומגערינגלט עפּעס אַ שרעקלעכע פּוסטקייט. אין קאָפּ איז ביי אים קיין שום געדאַנק נישט פֿאַרבליבן, נאָר די ליפּן האָבן אַלץ כּסדר געחזרט ווי אַ צעמישטער:

— איך גלייב! איך גלייב! איך גלייב!

אינדעם איז דאָס אַמפּיטעאַטער אַנטשוויגן געוואָרן. די אויגוסטער האָבן זיך אַלע ווי איין מענטש אויפֿגעהויבן פֿון די ערטער, וואָרום אויף דער אַרענע איז פֿאָרגעקומען עפּעס אויסערגעוויינלעכס. דער הכנעהדיקער ליג, וואָס איז נאָר וואָס גרייט געווען צום טויט האָט דערזעענדיק זיין בת מלכּה אויף די הערנער פֿון דער ווילדער בעסטיע, זיך אומגעריכט אַ ריס געטאָן ווי אַ לעבעדיק אונטערגעצונדענער און אָנבייגנדיק זיך אינדערהעלפֿט האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן זייטיק אונטערלויפֿן גלייך צו דער צעווילדעוועטער חיה.

פֿון אַלעמענס ברוסטן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קורצער געשריי פֿון פֿאַרבליפֿונג און עס איז באַלד צוריק געוואָרן טויט שטיל: דער ליגיער איז דערווייל פֿייל אויסן בויגן צוגעפּאַלן צום צעווילדעוועטן אָקס און אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר די הערנער.

— קוק! — האָט פּעטראָניוס אויסגערופֿן, אַראָפּרייסנדיק די טאָגע פֿון וויניציוסעס קאָפּ.

דער האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט אָנגעבויגן אַהינטער זיין חי לייוונט בלייך פּנים און האָט גענומען קוקן אויף דער אַרענע מיט אַ גלעזערנעם פֿאַרשטאַרטן בליק.

אַלעמענס הערצער האָבן אויפֿגעהערט צו שלאָגן. מ׳האָט געקענט הערן אין אמפּיטעאַטער אַ פֿליג דורכפֿליען. מענטשן האָבן נישט געגלייבט זייערע אויגן. צייט רוים שטייט האָט מען נאָך עפּעס ענלעכס נישט געזען.

דער ליגיער האָט געהאַלטן די ווילדע חיה ביי די הערנער, זיינע טריט זינקען אַריין אין זאַמד ביז איבער די קנעכל.

דער רוקן איז אים געווען אויסגעבויגן ווי אן אָנגעצויגענער
בויגן, דער קאָפּ אינגאַנצן צווישן די אַקסלען, אויף די אָרעמ=
זענען אים די מוסקולן אַרויסגעטרעטן, אַז די הויט האָט שיר
נישט געפּלאַצט, אָבער דעם אָקס האָט ער אַנידערגעזעצט אויפן
אָרט. און, אי דער מענטש אי די חיה זענען אַזוי געבליבן
אומבאַוועגלעך, אַז די צוקוקער האָט זיך אויסגעוויזן, דאָס זיי
זעען פאַר זיך אַ בילד וואָס שטעלט פאָר הערקולעס' אָדער טע=
זעאָס' מעשים, אָדער גאָר אַ פון שטיין אויסגעהאַקטע גרופּע.
אָבער, אין דערדאָזיקער לפּנימדיקער רויקייט האָט מען געקענט
דערקענען אַ מוראדיקע אָנשטרענגונג פון צוויי זיך ראַנגלנדיקע
כּוחות. דער אָקס האָט זיך אויך ווי דער מענטש איינגעגראָבן
מיט די פיס אין זאַמד און אַזוי, אַז ער האָט אויסגעזען ווי
אַן אומגעהייער ריזיקע קויל. ווער וועט דער ערשטער בלייבן
אָן כּוחות, ווער וועט דער ערשטער פאַלן? די דאָזיקע שאלות
זענען איצט אין דער מינוט פאַר דידאָזיקע אין קאַמפן פאַר=
קאָכטע צוקוקער, געווען פיל וויכטיקער ווי זייער אייגענער
גורל, ווי גאַנץ רוים מיט איר ממשלה איבער דער וועלט. אָט
דער ליגיער איז פאַר זיי איצט געווען אַ האַלבגאָט וועמען
מ'דאַרף דינען און שטעלן סטאַטועס. דער צעזאַר אַליין איז
אויך אויפגעשטאַנען. ער און טיגעלינוס האָבן, הערנדיק וועגן
דער גבורה פון דעם מענטש בכּיון איינגעאָרדנט אַזאַ מין פאָר=
שטעלונג און שפּאָטנדיק האָבן זיי זיך געטראַכט: „זאָל זשע
דערדאָזיקער קראָטאָן-דערשטיקער מנצח זיין דעם אָקס וואָס מיר
וועלן אים אויסקלויבן". איצט האָבן זיי נשתומם געקוקט אויף
דעם בילד, וואָס זיי האָבן דאָ געהאַט פאַר זייערע אויגן, ווי
נישט גלויבנדיק, אַז דאָס זאָל זיין אויף דער וואָר. מ'האָט גע=
קענט זען מענטשן אין אַמפּיטעאַטר, וועלכע זענען, אויפהייבנ=
דיק די הענט, געבליבן אַזוי פאַרגליווערט אין דער פּאָזע. אַנ=
דערע האָט זיך דער שווייס געגאָסן פון שטערן, ווי זיי אַליין
וואָלטן זיך דאָס געראַנגלט מיטן אָקס. אין צירק האָט מען נאָר
געהערט דאָס סיקען פונם פייער אין די לאָמפּן און דעם שאָרך
פון די אָפּגעברענטע קוילן, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון די

פלאַקערן. דאָס קול איז אַלעמען אָפּגעשטאַרבן אויף די ליפּן, דערפאַר האָבן די הערצער אין די ברוסטן אַזוי שטאַרק גע-קלאַפּט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרויסשפּרינגען. אַלעמען האָט זיך געדוכט, אַז דער קאַמף דאָ געדויערט שוין אייביקייטן.

אין דער מענטש און די חיה זענען אַלץ אַזוי געשטאַ-נען, אין מוראדיקער אָנשטרענגונג, ריכטיק ווי אין דער ערד איינגעגראָבן.

פלוצלונג האָט זיך פון דער אַרענע אַ מין טויבער ריטש, ענלעך צו אַ קרעכץ, דערטראָגן, גלייך נאָך וועלכן עס האָט זיך פון אַלע ברוסטן אַרויסגעריסן איין געשריי און עס איז צוריק שטיל געוואָרן. מענטשן האָבן געמיינט, אַז זיי חלומען: אָט האָט דער אומגעהייערער קאָפּ פונם אָקס גענומען זיך אַרונ-טערדרייען אין די אייזערנע הענט פון באַרבאַר.

זיין פנים, קאַרק און אַקסלען זענען געווען רויט ווי פּורפּור, דער רוקן האָט זיך נאָך שטאַרקער אויסגעבויגן. עס איז געווען קענטיק, אַז ער נעמט צונויף זיינע לעצטע אי-בערמענטשלעכע כחות, אָבער אַז זיי וועלן אים שוין נישט אויף לאַנג קלעקן.

דער אַלץ מער פאַרשטיקטער, כראָפּענדיקער און אַלץ מער ווייטאָקלעכער ריטש פונם אָקס האָט זיך צונויפגעמישט מיטן פייפנדיקן סאַפּען פון דער ברוסט פונם ריז. דער קאָפּ פון דער חיה האָט זיך אַלץ מער און מער אַרונטערגעדרייט און פון פּיסק איז אַרויסגעקראָכן אַ לאַנגע פאַרשוימטע צונג.

נאָך אַ מינוט און די צוקוקער, וואָס זענען געזעסן נענ-טער האָבן דערהערט אַ קנאַק ווי פון איבערגעבראָכענע ביי-נער, און באַלד איז דער אָקס געגעבן אַ פאַל צו דער ערד מיט אַ טויטלעך אָפּגעדרייטן קאַרק.

אין איין אויגנבליק האָט דער ריז געגעבן אַ שלעפּ אַראָפּ די שטריק פון זיינע הערנער און נעמענדיק דאָס מיידל אויף די הענט האָט ער גענומען שנעל אָפּאָטעמען.

זיין פנים איז געווען בלאַס, די האָר האָבן זיך אים געקלעפּט פון שווייס. די אַקסלען און די אָרעמס זענען געווען

ווי באַגאָסן מיט וואַסער. אַ מינוט איז ער אַזוי געשטאַנען האַלב צעמישט, דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און גענומען קוקן אויף די צוקוקער.

און דאָס אַמפיטעאַטער איז פון זינען אַראָפּ.

די ווענט פונם בנין האָבן גענומען ציטערן פונם ליאַרם פון די עטלעכע צענדליק טויזנט צוקוקער. זינט די פּאָרשטע-לונגען קומען פאַר האָט מען נאָך אַזאַ באַגייסטערונג נישט געדענקט. די וואָס זענען געזעסן אין די העכערע רייען האָבן זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָפן נידריקער, שטויסנדיק זיך אין די דורכגענג צווישן די בענק, כדי וואָס נענטער זיך צו-קוקן צום גבור. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגןליידנשאַפטלעכע, עקשנותדיקע קולות, וועלכע זענען באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין אַלגעמיינעם רעש וועגן באַגנעדיקונג. דערדאָזיקער ריז איז איצט געוואָרן אויסערגעוויינלעך טייער און די ערשטע פערזאָן אין רוים פאַר דעמדאָזיקן אין פיזישע קראַפט פאַר-ליבטן המון.

און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס פאָלק פאָדערט אים שענקען דאָס לעבן און אים אומקערן די פרייהייט, אים איז אָבער נישט געגאַנגען אין זיך אַליין. אַ ווייל האָט ער זיך אומגעקוקט אַרום זיך, דערנאָך האָט ער צוגעגענגט צום צעזאַרס פּאָדיום און וויגנדיק דעם מיידלשן קערפּער אויף זיינע אויס-געשטרעקטע אָרעמס האָט ער אויפגעהויבן די אויגן מיט אַן אויסדרוק פון תחנונים. ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן:

— איבער איר דערבאַרעמט אייך! זי זייט מציל! פאַר אירעטוועגן האָב איך דאָס געטאָן!

דער עולם האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען וואָס ער פאַר-לאַנגט. זעענדיק דעם פאַרחלשטן קערפּער פונם מיידל, וועלכער האָט לעבן דעם געוואַלדיקן קערפּער פונם ריז אויסגעזען ווי אַ קליין קינד, האָט אַ גרויס רחמנות אַרומגעכאַפּט דעם המון, די ריטער און די סענאַטאָרן. איר קליינע געשטאַלט, ווייס ווי אויסגעהאַקט פון מאַרמאָר, איר חלשות, די מוראַדיקע סכנה, פון וועלכער דער ריז האָט זי נאָר וואָס באַפרייט און לסוף

איר שײנקײט און זײן טרײשאַפט האָבן אַלעמענס הערצער גע־רירט. טײל האָבן געמײנט, אַז דאָס בעט אַ פּאָטער רחמים פאַר זײן קראַנק קינד. דאָס רחמנות האָט מיטאַמאָל אױסגעבראָכן װי אַ פלאַקער. שױן גענוג בלוט, גענוג יסורים, גענוג טױט. פון טרערן פאַרשטיקטע שטימען האָבן גענומען שרײען װעגן חסד פאַר בײדן.

אורסוס האָט זיך דערװײל געדרוקט אַרום און אַרום דער אַרענע, װיגנדיק כּסדר דאָס מײדל אױף זײנע אָרעמס און מיט זײנע באַװעגונגען און מיט זײנע אױגן האָט ער געבעטן פאַר איר לעבן. און פּלוצלונג האָט װיניציוס זיך אַרױס געטאָן פון אָרט, איז אַריבערגעשפּרונגען די באַריערע, װאָס האָט אָפּגעטײלט די ערשטע ערטער פון דער אַרענע און צולױפנדיק צו ליגיען האָט ער מיט זײן טאָגע איבערגעדעקט איר נאַקעטן קערפּער.

דערנאָך האָט ער צעריסן דעם טוניק איבער זײן ברוסט, האָט אױפגעדעקט די סימנים פון די װונדן, װאָס ער האָט באַ־קומען אין דער מלחמה מיט די אַרמענער און האָט אױסגע־שטרעקט די הענט צום פאָלק.

דאַן איז די התפעלות פון המון איבערגעגאַנגען יעדע גרענעץ. זײ האָבן גענומען טופּען און ליאַרמען. די קולות װעגן באַגנעדיגונג זענען פּשוט געװאָרן דראָענדיק. דאָס פאָלק האָט זיך איצט אײנגעשטעלט שױן נישט בלױז פאַרן גבור, נאָר האָט זיך געשטעלט אין שוץ פון דעם מײדל, פונם העלד און זײער ליבע. טױזנטער פון די צוקוקער האָבן זיך געװענדעט צום צע־זאַר מיט בליצנדיקע אױגן פון כּעס און מיט געבײלטע פויסטן. יצנער אָבער האָט נאָך אַלץ אָפּגעצױגן און זיך געװאַקלט. צו װיניציוסן האָט ער אײגנטלעך נישט געהאַט קײן שום שנאה און אין ליגיעס טױט איז ער גאָרנישט פאַראינטערעסירט געװען, אָבער ער װאָלט דאָך ליבערשט געװאָלט זען דעם קערפּער פונם מײדל צעפליקט דורך די צײן פון די חיות. זײן אכזריות, װי אױך זײן פאַרקריפּלטע פאַנטאַזיע און זײנע פאַרקריפּלטע תאװות האָבן זיך געקװיקט מיט אַזעלכע בילדער. און דאָ װיל דאָס פאָלק אים דאָס צונעמען. בײם דאָזיקן געדאַנק האָט אַ

נעס זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין מיט שמאַלץ פאַרגאָסן פּנים. זיין איינגליבע האָט אים אויך נישט דערלויבט אונטערצוגעבן זיך דעם רצון פונם פאָלק, און גלייכצייטיק האָט ער אָבער אויך נישט געוואַגט, מחמת זיין איינגעבוירענער פּחדנות, זיך קעגנזושטעלן.

האָט ער, בכן, גענומען קוקן צי ער וועט לכל הפּחות צווישן די אויגוסטער נישט דערזען פינגער, וואָס ווייזן אַראָפּ אַלס צייכן פון טויט. אָבער פּעטראָניוס האָט געהאַלטן אַרויף זיין האַנט, קוקנדיק אים דערביי כמעט אַרויספאָדערנדיק גלייך אין פּנים. דער אַבערגלייבישער, נאָר עקזאַלטירטער וועסטינוס, וועלכער האָט מורא געהאַט פאַר רוחות אָבער נישט פאַר מענטשן, האָט געגעבן אַ צייכן פון חסד. דאָסזעלבע האָט געוויזן דער סענאַטאָר סצעווינוס, דאָסזעלבע נערווא, און טוליוס סענעציאָ, און דער אַלטער באַרימטער פירער אָסטאָריוס סקאַפּולאַ און אַנטיסטיוס און פּיזאָ און וויטוס און קריספּינוס און מינוציוס טערמוס און פּאָנציוס טעלעסינוס און דער זייער ערנסטער, דורכן פאָלק געאַכטעטער טראַזעאַוס. זעענדיק דאָס האָט דער צעזאַר אַוועקגענומען דעם שמאַראַגד פון אויג מיט אַן אויסדרוק פון פאַראַכטונג און באַליידיקונג. אינדעם האָט טיגעלינוס, וועלכער האָט דורכאויס געוואָלט טאָן להכעיס פּעטראָניוסן, זיך אָנגעבויגן און געזאָגט:

ז — גיב נישט נאָך, געטלעכער, מיר האָבן פּרעטאָריאַנער.

דאַן האָט נירון זיך אומגעקוקט אין דער זייט, ווו דער שטרענגער און אים מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענער סוברייוס פלאַוויוס האָט געהאַלטן די קאָמאַנדע איבער די פּרעטאָריאַנער, און ער האָט דערזען אַן אומגעוויינלעכע זאַך: דאָס פּנים פונם אַלטן טריבון איז פירכטערלעך אָבער באַגאָסן מיט טרערן און די האַנט האָט ער געהאַלטן אויפגעהויבן אַלס צייכן פון חסד.

דאָס פאָלק האָט זיך דערווייל גענומען דערצערענען. אַ שטויב האָט זיך אויפגעהויבן פון אונטער די טויזנטער טופּנדיקע פיס און פאַרדעקט דאָס אַמפיטעאַטער. צווישן די גע-

שרייען האָט מען דערהערט: „אַהעבאַבאַרבוס! מוטערמערדער! אונטערצינדער!"

נירון האָט זיך דערשראָקן. דאָס פֿאָלק איז געווען דער אַלמעכטיקער מושל אין צירק. די פֿריערדיקע צעזאַרן און איבערהויפּט קאַליגולאַ האָבן טיילמאָל געוואַגט צו גיין קעגן ווילן פֿון פֿאָלק, האָט עס תמיד אַרויסגערופֿן אומרוען, וואָס פֿלעגן אפֿילו דערגיין ביז בלוט-פֿאַרגיסונג. נירון איז אָבער געווען אין אַן אַנדער לאַגע: קודם כּל אַלס קאָמעדיאַנט און זינגער האָט ער זיך געניטיק אין דער לאַסקע פֿון פֿאָלק, צווייטנס האָט ער עס געוואָלט האָבן אויף זיין זייט קעגן דעם סענאַט און די פּאַטריציער און לסוף נאָך דער שׂרפֿה פֿון רוים האָט ער מיט אַלע מיטלען געזוכט עס צו שמייכלען און צו געווינען עס פֿאַר זיך, כּדי אָפּצווועגדן זייער צאָרן אויף די קריסטן. ער האָט ענדלעך פֿאַרשטאַנען, אַז לעגנער זיך קעגנשטעלן איז פּשוט געפֿערלעך· די אומרוען· וואָס וועלן זיך אָנהייבן אין צירק, קענען אַרומנעמען די גאַנצע שטאָט און האָבן ערנסטע פֿאָלגן.

ער האָט, בכן, נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף סובריוס פּלאַוויוס, אויפֿן צענטריאָן סצעווינוס, דעם סענאַטאָרס קרוב, אויף די פּרעטאָריאַנער, און, זעענדיק אומעטום אָנגעשטרענגטע בייזע פּנימער, האָט ער געגעבן אַ צייכן פֿון חסד.

דאַן האָט אַ דונער פֿון פּאַטשערייען אַ הילך געטאָן פֿון אויבן ביז אַראָפּ. דאָס פֿאָלק איז שוין זיכער געווען פֿאַרן לעבן פֿון די פֿאַרמשפּטע, וואָרום פֿון אָט דער מינוט אָן זענען זיי אַרייבער אין רשות פֿון פֿאָלק און אפֿילו דער צעזאַר וואָלט שוין נישט געוואַגט זיי ווידער צו רודפֿן מיט זיין נקמה.

LXVII.

פיר ביטינער שקלאַפן האָבן פאָרזיכטיק געטראָגן ליגיע
צו פעטראָניוסן אין הויז. און וויניציוס מיט אורסוסן זענען גע־
גאנגען דערלעבן, איילנדיק זיך כדי זי וואָס שנעלער איבערצו־
געבן אין די הענט פון גריכישן רופא. זיי זענען געגאַנגען
שווייגנדיק, ווייל נאָך די איבערלעבונגען פון דעמדאָזיקן טאָג האָבן
זיי קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען. וויניציוס איז ביז
איצט געווען האַלב נישט ביי די געדאַנקען. ער האָט כסדר
געטראַכט, אַז ליגיע איז געראַטעוועט, אַז עס דראָט זי
שוין נישט קיין תפיסה, נישט קיין טויט אין צירק, אַז
זייער אומגליק האָט זיך שוין. איינמאָל פאַר אַלעמאָל געענ־
דיקט, און אַז ער נעמט זי אַהיים צו זיך אום שוין מער מיט
איר זיך נישט צו שיידן. און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט,
אַז דאָס איז גיכער אַן אָנהויב פון אַן אַנדער לעבן, ווי אַ
ווירקלעכקייט. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָנגעבויגן אי־
בער דער אָפענער לעקטיקע, כדי אַ קוק צו טאָן אויף דעמדאָ־

זיקן ליבן פנים, וועלכעס האָט ביים שיין פון דער לבנה אויס־געזען ווי איינגעשלאָפן און ער האָט געחזרט אין געדאַנק: „דאָס איז זי! קריסטוס האָט זי מציל געווען!" ער האָט זיך אויך דערמאַנט, אַז אין ספּאָלאַריום פון צירק, ווו ער און אורסוס האָבן אַריינגעטראָגן ליגיע, איז צוגעקומען עפּעס אַן אומבאַקאַנטער רופא און האָט אים פאַרזיכערט, אַז דאָס מיידל לעבט און וועט לעבן. ביי דעם געדאַנק האָט די פרייד אין זיין ברוסט אזוי אויפגעבראַוזט, אַז ער איז מאָמענטנווייז גאַנץ שוואַך געבליבן און ער האָט זיך געמוזט אָנשפּאַרן אָן אור־סוסעס אָרעם, נישט האָבנדיק אַליין קיין כוח צו גיין. און אור־סוס האָבן געבליקט צום אויסגעשטערנטן הימל און האָט מתפלל געווען.

זיי זענען געגאַנגען געשווינט דורך די גאַסן, ווו ביי אויפגעבויטע ווייסע הייזער האָבן געבלאַנקט אין לבנה־ליכט. די שטאָט איז געווען פּוסט ווו נישט ווו נאָר האָבן גרופּקעס מענטשן, באַקראַנצטע מיט בלושטש, געזונגען און געטאַנצט פאַר די פּאָרטיקעס ביי באַגלייטונג פון פלייטן, הנאה האָבנדיק פון דער הערלעכער נאַכט און פון דער יומטובדיקייט, וואָס האָט זיך געצויגן פון אָנהייב פון די פאָרשטעלונגען. ערשט בעת זיי זענען שוין געווען נישט ווייט פון דערהיים האָט אורסוס אויפגעהערט מתפלל צו זיין און האָט גענומען רעדן שטיל ווי ער וואָלט מורא געהאַט אויפצוּוועקן ליגיע:

— האַר, דאָס האָט דער גואל זי מציל געווען פון טויט. בעת כ'האָב זי דערזען אויף די הערנער פון אָקס האָב איך אין מיר געהערט אַ קול: „שיץ זי!" און דאָס איז זיכער גע־ווען די שטים פון שעפעלע. די תפיסה האָט פון מיר אַרויס־געצויגן די כוחות, אָבער „ער" האָט זיי מיר אומגעקערט אויף דערדאָזיקער מינוט און „ער" האָט דאָס באַגייסטערט אָט דאָס בייזע פאָלק, אַז זיי האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר איר. זאָל געשען זיין ווילן!

און וויניציוס האָט געענטפערט:

— געלויבט זאָל זיין דער נאָמען זיינער!...

און ער האָט ווייטער נישט געקענט רעדן, וואָרום ער האָט דערפילט פלוצלונג, אַז אַ גרויס געוויין צעשפּאַרט אים די ברוסט. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומבאַזיגלעכער חשק צו וואַרפן זיך אויף דער ערד און דאַנקען דעם גואל פאַר דעם נס און פאַר זיין רחמים.

זיי זענען דערווייל צוגעקומען ביז צום הויז פון פּעטראָניוס: די דינערשאַפט וועלכע האָט שוין אַלץ געוווּסט דורך אַ ספּעציעלן שליח — אַ שקלאַף, זענען איצט אַלע אַרויס זיי אַנטקעגן. פּוילוס האָט נאָך אין אַנציום באַקערט דעם גרעסטן טייל פון זיי. ווינוציוס' אומגליק איז זיי גוט באַקאַנט געווען און דעריבער איז זייער שמחה גאָר גרויס געווען, זעענדיק די קרבנות וועלכע עס איז געלונגען ניצול צו ווערן פון נירונס רשעות, און זי איז נאָך גרעסער געוואָרן בעת דער רופא טעאָקלעס האָט נאָכן באַטראַכטן ליגיען דערקלערט, אַז זי האָט קיין שום שווערן שאָדן נישט געליטן און נאָכדעם ווי עס וועט אריבער די אָפּשוואַכונג, וואָס איז איר פאַרבליבן נאָך דעם תפיסה־פיבער, וועט זי גענצלעך געזונט ווערן.

נאָך דיזעלבע נאַכט האָט זי צוריקבאַקומען דאָס באַוווּסטזיין. אויפוואַכנדיק אין דעם פּרעכטיקן קוביקולום, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט קאָרינטישע לאָמפּן, און אין ווערווענע דופט האָט זי נישט געוווּסט וווּ זי איז און וואָס עס טוט זיך מיט איר. עס איז פאַרבליבן אין זכרון די לעצטע מינוט ווען מ'האָט זי צוגעבונדן צו די הערנער פונם אָקס וואָס איז געווען געבונדן מיט קייטן. און איצט זעענדיק איבער זיך דאָס פּנים פון ווינוציוסן באַלויכטן פון מילדן קאָלירטן ליכט האָט זי געמיינט, אַז זיי געפינען זיך שוין נישט אויף דער וועלט. די געדאַנקען האָבן זיך נאָך געמישט אין איר שוואַכן קאָפּ, עס האָט זיך איר אויסגעוויזן גאַנץ נאַטירלעך, אַז זיי האָבן זיך ערגעץ דאָ אָפּגעשטעלט אויפן וועג צום הימל צוליב איר פאַרמאַטערטקייט און שוואַכקייט. און נישט פילנדיק קיין שום ווייטאָק, האָט זי געשמייכלט צו ווינוציוסן און זי האָט אים געוואָלט פרעגן וווּ זיי געפינען זיך. אָבער פון איר מויל איז

נאָר אַרויס אַ שטילער שעפּטש אין וועלכן וויניציוס האָט קוים געקענט דערהערן זיין נאָמען.

האָט ער אַנידערגעקניט לעבן איר און אַרויפלייגנדיק לייכט זיין האַנט אויף איר שטערן האָט ער געזאָגט:

— קריסטוס האָט דיך מציל געווען און דיך אומגעקערט צו מיר!

אירע ליפּן האָבן זיך נאָכאַמאָל באַוועגט פון אַן אומקלאָרן שעפּטשען, און אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך איר די אויגן צוגעמאַכט, איר ברוסט האָט זיך אַ הויב געטאָן מיט אַ לייכטן זיפץ און זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף, וועלכן דער רופא טעאָקלעס האָט דערוואַרט און וועלכן ער האָט פאָרויסגעזאָגט אַ רפואה שלמה.

וויניציוס איז אַזוי געבליבן נעבן איר קניענדיק און פאַרטיפט אין תפילה. זיין נשמה איז דורכגענומען געוואָרן מיט אַזאַ גרויסער ליבע, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן. טעאָקלעס איז עטלעכע מאָל אַריינגעקומען אין קוביקולום, עטלעכע מאָל האָט זיך דורך דעם פאָנאַנדערגענומענעם פאָרהאַנג באַוויזן עניסעס גאָלדהאָריקער קאָפּ. ענדלעך האָבן די גאַזעלן, וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט אין די גערטנער, גענומען שרייען, אָנזאָגנדיק דעם אָנהייב פון טאָג און ער האָט נאָך אַלץ אין דער מחשבה געקושט די טריט פון קריסטוסן. נישט זעענדיק און נישט הערנדיק וואָס עס טוט זיך אַרום אים, מיט אַ האַרץ וואָס איז פאַרוואַנדלט געווען אין אַ קרבן עולה, פאַרזונקען אין התלהבות נאָך ביים לעבן בלויז רוחניות.

LXVIII

נאָך ליגיעס באַפרייונג, איז פּעטראָניוס, נישט ווילנדיק רייצן דעם צעזאַר, אַוועק אַזוי ווי די איבריקע אויגוסטער אויפן פּאַלאַטין. ער האָט געוואָלט הערן, וועגן וואָס מ׳וועט דאָרט רעדן. און דער עיקר אום זיך איבערצוצייגן צי טיגעלין פּלאַנט נישט ווידער אומצוברענגען דאָס מיידל. אמת, אַז אי זיי און אי אורסוס געפינען זיך אין רשות פונם פאָלק און אָן גרויסע אומרוען וואָלט קיינער נישט געקענט הייבן אַ האַנט אויף זיי. דאָך, האָט פּעטראָניוס, וויסנדיק מיט וואָס פאַר אַ שנאה דער פּרעטאָריאַנער פּרעפעקט ברענט צו אים, גערעכנט, אַז מסתמא וועט ער, נישט קענענדיק דירעקט אים דערגרייכן, זוכן מיט אַלע מיטלען זיך נוקם צו זיין כאָטש אָן זיין שוועסטערזון.

נירון איז געווען בייז און צורייצט, ווייל די פאָרשטעלונג האָט זיך נישט געענדיקט, אַזוי ווי ער האָט זיך געוואונטשן. אויף פּעטראָניוסן האָט ער לכתחילה נישט געוואָלט אפילו קוקן. פּעטראָניוס אָבער איז, נישט פאַרלירנדיק זיין קאַלט־

בלוטיקייט צוזעגאַגגען צו אים מיט דער גאַנצער פרייקייט פון אַן „אַרביטער עלעגאַנטיאַע" און האָט צו אים געזאָגט.

— ווייסטו, געטלעכער, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? שרייב אָן אַ ליד וועגן אַ מיידל, וועלכע דער באַפעל פון וועלט-הערשער באַפרייט פון די הערנער פון ווילדן אָקס און קערט זי אום צו איר געליבטן. די גריכן האָבן פילנדיקע הערצער און כ׳בין זיכער, אַז אַזאַ ליד וועט זיי באַגייסטערן.

נירונען איז דידאָזיקע המצאה, נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצער צערייצטקייט, שטאַרק געפעלן און נאָך טאָפּלט געפעלן: ראשית אַלס טעמע צו אַ ליד והשנית, וואָס ער וועט קענען זיך אַליין זינגען שבחים אַלס גרויסמוטיקער וועלט-הערשער. ער האָט, על כּן, אַ מינוט געקוקט אויף פּעטראָניוסן און דער-נאָך צו אים געזאָגט:

— יאָ! ביסט אפשר גערעכט! אָבער צו פּאַסט עס פאַר מיר צו באַזינגען מיין אייגענע גוטסקייט?

— דו דאַרפסט זיך נישט דערמאַנען. יעדער איינער אין רוים וועט אַזוי אויך פאַרשטיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און פון רוים צעגייען זיך דאָך אַלע ידיעות איבער דער גאַנצער וועלט.

— און דו ביסט זיכער, אַז דאָס וועט געפעלן ווערן אין אכאַי?

— ביי פּאָלוקסן! — האָט פּעטראָניוס אויסגערופן.

און ער איז אַוועק אַ צופרידענער, ווארים ער איז איצט געווען זיכער, אַז נירון, וועמענס גאַנץ לעבן איז געווען אַ צופּאַסן דיווירקלעכקייט צו די ליטעראַרישע המצאות, וועט זיך נישט וועלן קאַליע מאַכן קיין טעמע און דערמיט אַליין וועט ער בינדן טיגעלינוסן די הענט. דאָס האָט פונדעסטוועגן נישט משפּיע געווען אויף זיין פּלאַן משלח צו זיין ויניציוסן פון רוים, אַזוי גיך ווי ליגיעס געזונט-מצב וועט נישט זיין מער קיין מניעה. און דעריבער טאַקע, זעענדיק אים אויפצומאָרגנס, האָט ער צו אים געזאָגט:

— פיר זי אַוועק קיין סיציליען. עס איז פאָרגעקומען עפּעס אַזעלכעס, וואָס צוליב דעם דראָט אייך מצד דעם צעזאַר קיין שום שלעכטס נישט. אָבער טיגעלין איז מסוגל צו באַנוצן זיך אפילו מיט סם. א ויב נישט פון שנאה צו אייך, איז צו מיר.

ווינציוס האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— זי איז געווען אויף די הערנער פון ווילדן אָקס און דאָך האָט זי קריסטוס מציל געווען.

— טאָ ברענג אים הונדערט אָקסן פאַר אַ קרבן תודה — האָט אים פּעטראָניוס, מיט אַ שאָטן פון אומגעדולדיקייט גע־ענטפערט — אָבער הייס אים נישט זי מציל זיין צום צווייטן מאָל... געדענקסטו, ווי אַזוי עאָל האָט אויפגענומען אדיסעיוסן, בעת ער איז צום צווייטן מאָל געקומען אים בעטן וועגן גינסטיקע ווינטן ? די געטער האָבן זיך נישט ליב איבערצוחזרן.

— ווען זי וועט געזונט ווערן — האָט ווינציוס גע־ענטפערט — וועל איך זי אַוועקפירן צו פּאָמפּאָניע גרעצינע.

— און וועסט טאָפּלט גוט טאָן, ווייל פּאָמפּאָניע ליגט קראַנק. אַ קרוב פון אולוסן, אנטיסטיוס, האָט דאָס מיר דער־ציילט. דאָ וועלן דערווייל פּאָרקומען אַזעלכע זאַכן, אַז מענטשן וועלן אָן אייך פאַרגעסן, און ביי היינטיקע צייטן זענען די גליקלעכסטע די אין וועלכע מען פאַרגעסט. זאָל דיר פּאָרטונע זיין פאַר אַ זון אום ווינטער און אַ שאָטן אום זומער !

און דאָס זאָגנדיק, האָט ער איבערגעלאָזט וויניציוסן מיט זיין גליק און אַליין איז ער אַוועק אויספרעגן טעאָקלעסן וועגן לעבן און געזונט פון ליגיע.

אָבער זי איז שוין געווען מחוץ לסכנה. אין די תפיסה־קעלערן, ביי דער אויסגעמאַטערטקייט נאָך דעם תפיסה־פיבער, וואָלטן זי די פוילע לופט און די אומבאַקוועמלעכקייטן שוין אינגאַנצן דערשלאָגן, איצט אָבער איז זי געווען אַרומגערינגלט מיט דער צערטלעכסטער השגחה און נישט נאָר מיט אַלעם נייטיקסטן, נאָר אפילו מיט לוקסוס. לויטן באַפעל פון טעאָ־קלעסן האָט מען זי אין צווי טעג אַרום אָנגעהויבן ארויספירן

אין גאָרטן ארום דער ווילע, ווו זי איז געבליבן לאַנגע שעהן. וויניציוס האָט באַפוצט איר לעקטיקע מיט אַנעמאָנען און נאָכמער מיט איריסן, כדי איר צו דערמאָנען אָן אַטריום ביי אולוסן אין הויז. נישט איינמאָל האָבן זיי, פאַרבאָרגן אין שאָטן פון צעוואַקסענע ביימער גערעדט, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, וועגן די אַמאָליקע ליידן און שרעקן. ליגיע האָט אים געזאָגט, אַז קריסטוס האָט אים בכיון דורכגעפירט דורך אַזעלכע ליידן כדי איבערצואַנדערשן זיין נשמה און זי אויפהייבן צו זיך און ער האָט געפילט, אַז דאָס איז אמת, אַז עס איז אין אים נישט פאַרבליבן גאָרנישט פון דעם אַמאָליקן פאַטריציער, וועלכער האָט נישט אָנערקענט קיין אַנדער רעכט אויסער זיינע אייגענע תאוות. אָבער אין דידאָזיקע חשבון־הנפשן איז נישט געווען קיין שום פאַרביטערונג. עס האָט זיך זיי ביידן אויסגעוויזן, אַז פיל יאָרן זענען שוין אַריבער איבער זייערע קעפּ און אַז דערדאָזיקער שרעקלעכער עבר ליגט שוין ווייט הינטער זיי. דערווייל ריינגלט זיי אַרום אַ רו, וועלכע זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. עפּעס אַ נײַי לעבן, א זייער מתיקותדיקס, רוקט זיך אָן אויף זיי און טוליעט זיי. מעג דאָרט אין רוים דער צעזאַר הוליען און אָנפילן די וועלט מיט שרעק. זיי, פילנדיק איבער זיך אַ פיל מעכטיקערע השגחה, האָבן זיך שוין נישט געשראָקן נישט פאַר זיין רשעות, נישט פאַר זיינע ווילדקייטן, אַזוי ווי ער וואָלט שוין מער נישט געווען דער הערשער איבער זייער לעבן אָדער טויט. איינמאָל פאַר זונאונטערגאַנג האָט זיך פון די ווייטע וויוואַריעס דערטראָגן צו זיי דאָס געבריל פון לייבן און אַנדערע ווילדע חיות. אַמאָל האָבן דידאָזיקע קולות דורכגענומען וויניציוסן מיט שרעק אַלס אַ שלעכטער סימן. איצט האָבן זיי נאָר מיט אַ שמייכל אַ קוק געטאָן איינער אויפן אַנדערן און זיי האָבן אויפגעהויבן די אויגן צו דער אָוונט־שקיעה. טיילמאָל איז ליגיע, זייענדיק נאָך שוואַך און נישט קענענדיק נאָך אַליין גיין, איינגעשלאָפן אין דער אַרומיקער גאָרטן־שטילקייט, און ער האָט געוואַכט איבער איר און איינקוקנדיק זיך אין

איר שלאָפנדיק פנים, האָט ער נישט ווילנדיק געטראַכט, אַז דאָס איז שוין נישטמער דיזעלבע ליגיע, וועלכע ער פלעגט זען ביי אולוסן אין הויז. די תפיסה און די קראַנהקייט האָבן אַ ביסל אַ תל געמאַכט פון איר שיינקייט. דאַן, ווען ער פלעגט איר זען ביי אולוסן און שפעטער ווען ער איז געקומען זי צורויבן פון מרימס הויז איז זי געווען שיין, ווי אַ סטאַטוע און גלייכצייטיק ווי אַ בוים, איצט אָבער איז איר פנים געוואָרן כמעט דורכזיכטיק, די הענט דאַר, דער קערפער אויסגעמאָגערט פון דער קראַנקהייט, די ליפן בלייך און אפילו די אויגן האָבן זיך אויסגעוויזן ווייניקער בלאָ ווי פריער. די גאָלדהאָריקע עניסע, וועלכע האָט איר געבראַכט בלומען און טייערע געוועבן צוצודעקן איר די פיס, האָט אויסגעזען לעבן איר ווי אַ ציפרישע געטין. דער עסטעט פעטראָניוס האָט אומזיסט זיך באַמיט אויסצוגעפינען אין איר די אַמאָליקע רייץ, און הייבניק מיט די אַקסלען האָט ער אין זיך געטראַכט, אַז אָט דער שאָטן פון די עליזיי־פעלדער איז נישט ווערט געווען די אַלע באַמיונגען, ווייטאָקן און יסורים, וועלכע האָט שיר נישט אויסגעזויגן דאָס לעבן פון וויניציוסן. וויניציוס אָבער, וועלכער האָט איצט געליבט איר נשמה, האָט זי טאַקע דעריבער נאָכמער געליבט און בעת ער האָט געוואַכט איבער איר ווען זי איז איינגעשלאָפן, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער וואַכט איבער דער וועלט דער גאַנצער.

LXIX.

די ידיעה וועגן דער וונדערלעכער רעטונג פון ליגיע האָט זיך שנעל צעטראָגן צווישן דער שארית הפליטה פון די קריסטן, וועלכע זענען ביז איצט נישט אומגעקומען אין פּאָגראָם. די גלויביקע האָבן זיך אָנגעהויבן צענויפצוקומען בכדי אָנצוקוקן דידאָזיקע, וועלכע קריסטוס האָט אָפן אַרויסגעוויזן זיין חסד. צום ערשט איז געקומען דער יונגער נאַזאַריוס מיט מרימן, ביי וועמען דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס האָט זיך ביז איצט אויסבאַהאַלטן, און נאָך זיי זענען אָנגעקומען אויך אַנדערע. אַלע צוזאַמען מיט וויניציוסן און ליגיע און פּעטראָניוסעס קריסטלעכע שקלאַפן האָבן מיט כוונה אויסגע־הערט די דערציילונג פון אורסוסן וועגן דער שטים, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אין אים און האָט אים געהייסן קעמפן מיט דער ווילדער חיה און אַלע זענען אַוועקגעגאַנגען מיט בטחון און האָפנונג, אַז קריסטוס וועט נישט דערלאָזן אויסראָטן ביז צום סוף זיינע גלויביקע, איידער ער וועט אַליין קומען זיך זעצן

צום שרעקלעכן משפט. און דידאָזיקע האָפנונג האָט גע־שטאַרקט זייערע הערצער, וואָרום די רדיפות האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט. אויף וועמען נאָר די עפנטלעכע מיינונג האָט אָנ־געוויזן אַלס קריסט, דעם האָבן די שטאָט־וויגילן באַלד אַוועק־געשלעפט אין תפיסה אַריין. עס זענען שוין טאַקע געווען ווי־ניקער קרבנות, וואָרום דעם רוב פון די גלויביקע האָט מען שוין אויסגעכאַפּט און אויסגעשאָכטן און די איבערגעבליבענע זענען אָדער אַוועק פון רוים בכדי איבערצוּוואַרטן דעם שטורם אין די ווייטע פּראָווינצן, אָדער זיי האָבן זיך שטאַרק אויסבאַ־האַלטן, נישט וואַגנדיק זיך צענויפצוקומען צוזאַמען מתפּלל צו זיין ווי נאָר אין די אָרענאַריען הינטער דער שטאָט. דאָך האָט מען זיי נאָך אַלץ נאָכגעשפּירט און נישט קוקנדיק דערויף וואָס די אייגנטלעכע פאַרשטעלונגען זענען שוין געווען געענ־דיקט, האָט מען זיי דאָך נאָך געהאַלטן אויף ווייטערדיקע אָדער מ׳האָט זיי תיכּף פאַרמשפּט. און הגם דאָס רוימישע פאָלק האָט שוין נישט געגלייבט, אַז די קריסטן זענען געווען די אונטערצינדער פון דער שטאָט, דאָך האָט מען זיי באַשול־דיקט אַלס שונאים פון דער מענטשהייט און פון דער מלוכה און דער עדיקט קעגן זיי איז כסדר געווען אין קראַפט.

אפּאָסטאָל פּעטרוס האָט לאַנג נישט געוואַגט צו באַווייזן זיך ביי פּעטראָניוסן אין הויז, ביז לסוף אין אַ געוויסן אָוונט האָט נאַזאַריוס געמאָלדן זיין קומען. ליגיע, וועלכע איז שוין אַליין אַרומגעגאַנגען, און וויניציוס זענען אַרויסגעלאָפן אים מקבל פּנים זיין און האָבן אַרומגענומען זיינע פיס, און ער האָט זיי באַגריסט מיט טאָפּלטער גערירטקייט, ווייל שוין נישט פיל שעפעלעך זענען אים געבליבן אין דער סטאַדע איבער וועלכער קריסטוס האָט אים איבערגעגעבן די השגחה און איבער וועמענס גורל זיין גרויס האַרץ האָט איצטער געוויינט. און דעריבער, בעת וויניציוס האָט צו אים געזאָגט: „האַר, צוליב דיר האָט דער גורל זי מיר אומגעקערט״, האָט ער אים געענטפערט: „ער האָט זי דיר אומגעקערט צוליב דיין גלייבן און צוליב דעם עס זאָלן נישט אַנטשטומט ווערן אַלע מיילער,

וועלכע לאָזן הערן דעם נאָמען זיינעם". און ניכּר, אַז ער האָט, בעת מעשה, געטראַכט וועגן די טויזנטער קינדער זיינע, צע־ריסענע פון ווילדע חיות, וועגן די צלמים מיט וועלכע די אַרענעס זענען געפּראָפּט געווען און וועגן די פייער־סלופּעס אין די גערטנער פון דער „בעסטיע", וואָרים ער האָט גערעדט מיט גרויס צער. וויניציוס און ליגיע האָבן באַמערקט, אַז זיינע האָר זענען שוין אינגאַנצן ווייס געוואָרן, זיין געשטאַלט איינגעבויגן און אין זיין פּנים האָט ער געהאַט אַזוי פיל טרויער און ליידן, ווי ער וואָלט אַליין דורכגעגאַנגען דורך די אַלע ענוים און יסורים, דורך וועלכע עס זענען דורכגעגאַנגען די קרבנות פון נירונס רשעות און ווילדקייט. אָבער זיי האָבן שוין ביידע פאַרשטאַנען, אַז אויב קריסטוס אַליין האָט איבערגעטראָגן ענוים און דעם טויט, קען עס קיינער נישט אויסמיידן. דאָך האָט זיי ווײ געטאָן דאָס האַרץ, זעענדיק דעם אַפּאָסטאָל, צוגע־דריקט דורך דער משא פון יאָרן, אַרבעט און ליידן. דעריבער האָט וויניציוס, וועלכער האָט אין עטלעכע טעג אַרום שוין געוואָלט אַוועקפירן ליגיע קיין נעאַפּאָליס, ווו זיי האָבן געזאָלט באַגעגענען פּאָמפּאָניען און פון דאָרט צוזאַמען פאָרן קיין סי־ציליען, אים גענומען בעטן, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט זיי פאַרלאָזן רוים.

אָבער דער אַפּאָסטאָל האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין קאָפּ און געענטפערט:

— איך הער די רייד פון אונזער האַר, וועלכער האָט ביים ים טבריה געזאָגט צו מיר: „ווען דו ביסט יונג געווען האָסטו אָנגעגורט די לענדן און ביסט געגאַנגען וווהין דו האָסט געוואָלט. אָבער ווען דו וועסט אַלט ווערן, וועסטו אויסשטרעקן די הענט און אַן אַנדערער וועט דיך אָנגורטן און דיך פירן, וווהין דו ווילסט נישט". עס איז דאַרום רעכט, אַז איך זאָל גיין נאָך מיין סטאַדע.

און בעת זיי זענען שטיל געבליבן, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס ער זאָגט, האָט ער צוגעגעבן:

— עס דערנענטערט זיך צום סוף די מי מיינע, אָבער גאַסטפריינדלעכקייט און רו וועל איך געפינען ערשט אין הויז פון האַר.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו זיי און געזאָגט: „געדענקט אָן מיר, ווארים איך האָב אייך געליבט, ווי אַ פאָטער ליבט זיינע קינדער, און וואָס איר וועט טאָן אין לעבן, זאָלט איר טאָן צום לויב פון האַר".

און אַזוי רעדנדיק האָט ער אויפגעהויבן איבער זיי זיינע אַלטע ציטערנדיקע הענט און האָט זיי געבענטשט, און זיי האָבן זיך געטולעט צו אים, פילנדיק, אַז דאָס איז אפשר די לעצטע ברכה, וואָס זיי באַקומען פון אים.

עס איז זיי אָבער באַשערט געווען אים נאָכאַמאָל צו זען. עטלעכע טעג שפעטער האָט פעטראָניוס געבראַכט שרעקלעכע ידיעות פון פּאַלאַטין. מ׳האָט זיך דארט דערוווסט, אַז איינער פון צעזאַרס באַפרייטע איז אַ קריסט און מ׳האָט ביי אים געפונען די בריוו פון די אַפּאָסטאָלן פעטרוס און פּוילוס פון תרשיש, אויך די בריוו פון יעקב, יהודה און יוחנן. אַז פעטרוס געפינט זיך אין רוים האָט טיגעלין שוין פריער געוווסט, ער האָט אָבער גערעכנט, אַז ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די טויזנטער גלויביקע. איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צוויי כהנים פון דער נייער אמונה לעבן ביז איצט און זיי געפינען זיך אין רוים. עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן זיי אויסצוזוכן און זיי צו פאַנגען פאַר יעדן פרייז, האָפנדיק אַז ערשט מיט זייער טויט וועלן פאַרטיליקט ווערן די לעצטע וואָרצלען פון דער פאַרהאַסטער סעקטע. פעטראָניוס האָט געהערט פון וועסטיניוסן, אַז דער צעזאַר אַליין האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, דאָס אין משך פון דריי טעג זאָלן פעטרוס און פּוילוס פון תרשיש זיך שוין געפינען אין מאַמערטינער תפיסה און אַז מ׳האָט אַרויסגעשיקט גאַנצע אָפּטיילונגען פרעטאָריאַנער דורכצונישטערן אַלע הייזער אויף יענער זייט טיבער.

הערנדיק דאָס האָט וויניציוס באַשלאָסן לויפן וואָרענען דעם אַפּאָסטאָל. אין אָוונט איז ער מיט אורסוסן, אַרויפוואַרפנדיק

אויף זיך גאָלילשע מאַנטלען וואָס פאַרדעקן די פּנימער, אוועק צו מרים אין הויז אין סאַמע עק פון יענער זייט טיבער־שטאָט־טייל, צופוסנס פון נאַניקולער בארג, וווּ פּעטרוס האָט זיך אויפגעהאַלטן. אויפן וועג האָבן זיי געזען הייזער באַלאַגערטע מיט פּרעטאָריאַנער, אָנגעפּירטע פון אומבאַקאַנטע מענטשן. די געגנט איז געווען אָנגעשראָקן און אויף טייל ערטער האָבן זיך צונויפגעקומען גרופּעס בייגעריקע. ווו נישט ווו האָבן די צענטריאָנען אויסגעפּרעגט די פאַרהאַלטענע וועגן פּעטרוס בן שמעון און וועגן פּוילוס פון תרשיש.

אורסוס און וויניציוס זענען, פּעדערנדיק זיך פאַר די זעלנער, בשלום צוגעקומען צו מרים'ס הויז, וווּ זיי האָבן פּעטרוסן אַרומגערינגלט מיט אַ הייפל גלייביקע. טימאָטעוס, דער תלמיד פון פּוילוס, און לינוס זענען אויך געווען.

הערנדיק וועגן דער נאָנטער סכּנה האָט נאַזאַריוס אַלע אַרויסגעפירט מיט אַ פאַרבאָרגענעם אַרויסגאַנג צו דער גאָרטן־טיר און פון דאָרט צו די פאַרלאָזטע שטיינברוכן, וואָס געפינען זיך עטלעכע הונדערט טריט פון יאַניקולער טויער. דערביי האָט אורסוס געמוזט טראָגן לינוסן, וועמענס צעבראָכענע ביינער פון די ענוים זענען זיך נאָך ביז איצט נישט צונויפגעוואַקסן. קוים האָבן זיי זיך שוין געפונען אין די היילן און געפילט זיך זיכער האָבן זיי ביים ליכט פון אַ קליין פלעמל, וועלכעס נאַזאַריוס האָט אָנגעצונדן, זיך גענומען שטיל בעראַטן, ווי אַזוי צו ראַטעווען דאָס זייער טייערע לעבן פון אַפּאָסטאָל.

— האַר — האָט וויניציוס צו אים געזאָגט — זאָל נאַזאַריוס מאָרגן פאַרטאָג דיך אַרויספירן פון שטאָט צו די אַלבאַנער בערג. דאָרט וועלן מיר זיך טרעפן און מיר וועלן דיך מיטנעמען קיין אַנציום, וווּ עס וואַרט אויף אונז אַ שיף, וואָס וועט אונז פירן קיין נעאַפּאָליס און סיציליען. געבענטשט וועט זיין דער טאָג און די שעה, ווען דו וועסט איבערטרעטן די שוועל פון אונזער הויז און בענטשן אונזער היים.

אַלע האָבן אים געהערט מיט פרייד'יקער הסכּמה און האָבן גענומען בעטן דעם אַפּאָסטאָל, זאָגנדיק:

— באַהאַלט זיך, פּאַסטוך אינזערער, וואָרים דו טאָרסט נישט בלייבן אין רוים. לאָז האָבן אַ קיום דעם לעבעדיקן אמת, ער זאָל נישט אומקומען צוזאַמען מיט אונז און מיט דיר. פֿאָלג אונז, מיר בעטן דיך ווי אַ פֿאָטער.

— טו דאָס אין נאָמען פֿון קריסטוס! — האָבן אַנדערע גערופֿן, קלאַמערנדיק זיך אָן זיין מאַנטל.

און ער האָט זיי געענטפֿערט:

— קינדער מיינע! ווער קען דען וויסן ווען גאָט וועט אים דעם סוף פֿון לעבן באַשערן?

אָבער ער האָט נישט געזאָגט, אַז ער וועט נישט פֿאַר־לאָזן רוים און ער האָט זיך געוואַקלט וואָס צו טאָן, וואָרים שוין פֿון לאַנג ווי אין זיין גשמה האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ נישט זיכערקייט און אפֿילו אומרו. זיין סטאַדע איז צעזייט און צעשפּרייט, זיין ווערק חרוב, די קירכע וועלכע האָט פֿאַר דער שׂרפֿה אויסגעשפּראָצט ווי אַ פּרעכטיקער בוים, ליגט איצט, דורך דער מאַכט פֿון דער „בעסטיע", אין שטויב. עס איז גאָרנישט געבליבן אויסער טרערן, גאָרנישט אויסער זכרונות, ליידן און טויט: די זריעה האָט אַרויסגעגעבן פֿיל פּירות, אָבער דער שׂטן האָט אַלץ צעטרעטן. די מחנות מלאָכים זענען נישט געקומען צוהילף די קדושים און אָט צושפּרייט זיך נירון נאָך שרעק־לעכער, נאָך מעכטיקער ווי ווען עס איז מיט גרויס הצלחה איבער דער וועלט, אַ האַר פֿון אַלע ימים און פֿון אַלע יבשות. נישט איינמאָל האָט ער, גאָטס פֿישער, שוין אויסגעשטרעקט אין קליינמוט זיינע הענט צום הימל און געפֿרעגט: „האַר! וואָס זאָל איך טאָן? ווי אַזוי זאָל איךביישטיין? און ווי אַזוי זאָל איך, שוואַכער זקן, קעמפֿן מיט דערדאָזיקער אומגעהויערער גבורה פֿון בייזן, וועמען דו האָסט דערלויבט צו הערשן און צו זיגן?"

און ער האָט אַזוי גערופֿן פֿון דער טיף פֿון זיין גרויסן ווייטאָק, חזרנדיק אין האַרצן: „נישטאָ שוין די שעפּעלעך, וועלכע דו האָסט מיך געהייסן פּיטערן. נישטאָ שוין דיין הויז, פּוסטקייט און טרויער הערשט אין דיין רעזידענץ, וואָס זשע באַפֿעלסטו מיר ווייטער צו טאָן? זאָל איך דאָ בלייבן, אָדער

זאָל איך אַרויספירן פונדאַנען די רעשט פון דער סטאַדע, כדי ערגעץ ווייט איבער ימים צו לויבן אין באַהעלטעניש דעם נאָמען דײַנעם ?"

און ער האָט זיך געוואַקלט. ער האָט געגלויבט, אַז דער אמת דער לעבעדיקער וועט נישט אומקומען און מוז גובר זײַן. אָבער טיילמאָל האָט ער געטראַכט, אַז עס איז נאָך נישט געקומען די צייט, וועלכע וועט קומען ערשט דאַן, ווען דער האר וועט נידערן אויף דער ערד אין טאָג פון משפט, און גרויס וועט זײַן מאַכט, טויזנט מאָל שטאַרקער פון נירונס מאַכט.

טיילמאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז אויב ער וועט פאַרלאָזן רוים, וועלן די גלויביקע אים נאָכגיין און ער וועט זיי דאַן אַוועקפירן העט ווייט אין די טונקעלע וועלדלעך פון גליל בײַם רויקן ים טבריה, צו די ווי די טויבן אָדער ווי די שעפעלען רויקע פאַסטוכער, וואָס פיטערן דאָרט צווישן מור און נרד שמעקנדיקע פעלדער. און זײַן פישער-האַרץ איז אַלץ מער באַהערשט געוואָרן פון אַ שטאַרקן פאַרלאַנג נאָך שטילקייט און רו, און אַן אַלץ גרעסערע בענקשאַפט נאָך דער אָזערע, נאָך גליל און אַלץ מער האָבן זיך די טרערן געזאַמלט אין די אויגן פון דעם זקן.

אָבער בעת ער האָט שוין אויף אַ מינוט זיך באַשלאָסן, האָט אים פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט אַ שרעק און אומרויקייט. ווי אַזוי דען זאָל ער פאַרלאָזן דידאָזיקע שטאָט אין וועלכער אַזוי פיל בלוט פון קדושים איז אײַנגעזאַפּט אין דער ערד און ווו אַזוי פיל גוססדיקע האָבן מקדש השם געווען ? זאָל ער אײַנער זיך אויסהיטן פון דעם ? און וואָס וועט ער ענטפערן דעם האַר, בעת ער וועט דערהערן פון אים די ווערטער: „זיי זענען געשטאָרבן פאַר זייער גלויבן, און דו ביסט אַנטלאָפן ?"

טעג און נעכט זענען בײַ אים אַוועק אין זאָרג און צער. אַנדערע, וועלכע זענען צעריסן געוואָרן דורך לייבן, וועלכע זענען צוגעקלאַפּט געוואָרן אויף די צלמים, וועלכע זענען פאַרברענט געוואָרן אין די גערטנער פון צעזאַר, זענען נאָך עטלעכע מינוט יסורים אײַנגעשלאָפן אין אייביקער רו צו גאָט,

ער אָבער האָט נישט געקענט שלאָפן און האָט געפילט יסורים נאָך גרעסערע ווי די אַלע וועלכע די תּלינים האָבן אויסגע־טראַכט פאַר די קרבנות. דער מאָרגן האָט שוין געוויסט די־דעכער פון די הייזער, בעת ער האָט נאָך אַלץ געדופן אינ־דערטיף פון זיין אָנגעוויטאָקט האַרץ:

— האַר, האָסט דאָך מיר באַפוילן דאָ אַהערצוקומען און אין דערדאָזיקער נעסט פון דער „בעסטיע״ צו גרינדן די רע־זידענץ דיינע?

אין פאַרלויף פון די פיר און דרייסיק יאָר נאָכן טויט פון האַר האָט ער נישט געוווסט פון קיין רו. מיטן וואַנדער־שטעקן אין האַנט איז ער געלאָפן איבער דער וועלט און דער־ציילט די „גוטע נייעס״. זיינע כּוחות האָבן זיך אויסגעשעפּט אין נסיעות און אין אַרבעט ביז ווען ער האָט שוין ענדלעך אין דעמדאָזיקן כּרך, וואָס איז דער קאָפּ פון דער וועלט, באַ־פעסטיקט דאָס ווערק פונם לערער, האָט איין פייערדיקער אָטעמצוג פונם בייזן עס פאַרברענט און ער זעט איצט, אַז מ׳דאַרף דעם קאַמף אָנהייבן פונסניי. און וואָס פאַר אַ קאַמף! פון איין זייט דער צעזאַר, דער סענאַט, דאָס פאָלק, די לעגי־אָנערן, וועלכע נעמען אַרום מיט אַן אייזערנע רייף די וועלט, אומציילינקע שטעט, אומציילינקע לענדער, אַ מאַכט, וואָס קיין מענטשלעך אויג האָט נאָך נישט געזען, און פון דער צווייטער זייט ער, אַזוי איינגעבויגן פון יאָרן און פון אַרבעט, אַז זיי־נע ציטערנדיקע הענט קענען שוין קוים האַלטן דעם וואַנדער־שטעקן זיינעם.

ער האָט דערום טיילמאָל צו זיך געזאָגט, אַז נישט פאַר אים איז זיך צו פאַרמעסטן מיטן צעזאַר פון רוים און אַז אָט דאָס ווערק קען נאָר קריסטוס אַליין אויספירן.

דידאָזיקע אַלע געדאַנקען זענען איצט דורכגעלאָפן דורך זיין דאגותפולן קאָפּ הערנדיק די בקשות פון דעם לעצטן הייפל גלויביקע, און זיי, צושטייענדיק צו אים אַלץ מער און מער, האָבן אים געבעטן מיט תּחנונים:

— ווער אַנטרונען, רבי, און אונז פיר אַרויס פון אונ־
טער דער מאַכט פון דער בעסטיע.

לסוף האָט אויך לינוס איינגעבויגן פאַר אים זיין פאַר־
פייניקטן קאָפּ.

— האַר! — האָט ער געזאָגט — דיך האָט דער גורל
געהייסן פיטערן זיינע שעפּעלעך, אָבער זיי זענען שוין דאָ
מער נישטאָ, אָדער זיי וועלן שוין מאָרגן דאָ נישט זיין. גיי
זשע, בכן, דאָרט, ווו דו קענסט זיי נאָך געפינען. אָט לעבט
נאָך גאָטס וואָרט אין ירושלים און אין אַנאַכיאַ און אין עפעז
און אין אַנדערע שטעט. וואָס וועסטו אויפטאָן בלייבנדיק אין
רוים? אויב דו וועסט פאַלן, וועסטו דערמיט נאָך פאַרגרעסערן
דעם נצחון פון דער בעסטיע. פאַר יוחנן האָט גאָט נישט באַ־
שטימט דעם סוף פון זיין לעבן, פּוילוס איז אַ רוימישער
בירגער און אָן אַ משפּט קען מען אים נישט באַשטראָפן. אָבער
אויב איבער דיר, לערער, וועט זיך צעהוליען די טייוולאָנישע,
מאַכט, דאַן וועלן די, וועלכע האָבן שוין פאַרלוירן דעם מוט
זיך פרעגן: „ווער־זשע איז איבער נירוֹנען?״ דו ביסט דער זייל
אויף וועלכן גאָטס הויז איז געבויט. לאָז אונז שטאַרבן אָבער
דערלאָז נישט דעם נצחון פון אַנטיקריסט איבער גאָטס דינער
און קער זיך נישט אום דאָ ביז גאָט וועט נישט שטירצן דעם,
וועלכער האָט פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט.

— זע אונזערע טרערן! — האָבן אַלע אַרומיקע אונטער־
געהאַלטן.

און אויך איבער פּעטרוסעס פּנים זענען גערונען טרערן.
אין אַ ווייל אַרום איז ער דאָך אויפגעשטאַנען און אויסשטרעקנ־
דיק זיינע הענט איבער די קניענדיקע האָט ער געזאָגט:

— זאָל זיין געלויבט דער נאָמען פון גאָט און זאָל גע־
שען דער ווילן זיינער!

LXX.

אויפצומאָרגנס מיטן טאָג צוגלייך האָבן צוויי טונקעלע געשטאַלטן געוואַנדערט מיטן אַפּיער וועג צום פלאַכלאַנד פון קאַמפּאַניע.

איינע פון זיי איז געווען באַזאַריוס און דער צווייטער דער אַפּאָסטאָל פּעטרוס, וועלכער האָט פאַרלאָזן רוים און די פאַרפּייניקטע קדושים אין איר.

אין מזרח־זייט האָט דער הימל שוין באַקומען אַ קוים גרינלעכע קאָליר, וועלכע האָט זיך ביסלעכווייז, אַלץ דייטלע־כער געזוימט פון אונטן אויף זאַפּראַנגל. די ביימער מיט די זילבערנע בלעטער, די ווייסע מאַרמאָרן פון די ווילעס און די בויגנס פון דער וואַסערפירונג, וועלכע האָבן זיך געצויגן דורכן פלאַכלאַנד צו דער שטאָט, האָבן זיך אַרויסגעטוקט פון שאָטן. די גרינקייט פון הימל איז געוואָרן אַלץ העלער און העלער, דורכזאַפּנדיק זיך מיט גאָלד. און באַלד האָט דער מזרח גענומען זיך רויטלען און באַלייכטן די אַלבאַנער בערג, וועלכע האָבן זיך

באַווייזן פּרעכטיקע, לילי־ענפאַרביקע, ווי פון בלויז שיינען גע־שאַפן.

דער מאָרגנרויט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די ציטערנדי־קע טוי־טראָפּנס אויף די בלעטער פון דיביימער. דער נעפּל איז זיך צעגאַנגען, אויפדעקנדיק אַן אַלץ ברייטערן אויסקוק אויף דעם פלאַכלאַנד, אויף די הייזער, בית עולמס, שטעטלעך און ביימער צווישן וועלכע עס האָבן זיך געוויזן, די זיילן פון טעמפּלען.

דער וועג איז געווען פּוסט. די דאָרפסלייט וואָס פירן זייער גרינוואַרג אין שטאָט אַריין האָבן, אַפנים, נאָכנישט באַוויזן אײַנצושפּאַנען זייערע וועגלעך. פון די ברוקשטיינער, מיט וועלכע דער וועג איז געווען אויסגעפלאַסטערט ביז צו די בערג, האָבן אין דער שטילקייט אָפּגעהילכט די טריט פון די הילצערנע פּאַנטאָפל וואָס די וואַנדערער האָבן געטראָגן אויף די פיס.

באַלד האָט די זון זיך אַפּוירגערוקט פון הינטער דער באַרג־קייט און דאַן האָט אַ וווּנדערלעך בילד אַ שלאָג געטאָן דעם אַפּאָסטאָל אין די אויגן. אָט האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס גאָלדענע ראָד, אַנשטאָט אויפצוהייבן זיך אַלץ העכער און העכער אויפן הימל נידערט גאָר אַראָפּ פון די בערג און שלייכט זיך איבערן וועג.

דאַן האָט זיך פּעטרוס אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— זעסטו אָט די ליכטיקייט, וועלכע דערנענטערט זיך צו אונדז?

— איך זע גאָרנישט — האָט נאַזאַריוס געענטפערט.

אָבער אין אַ ווייל אַרום האָט פּעטרוס ווידער זיך אָנגע־רופן, פאַרשטעלנדיק די אויגן מיט דער האַנט:

— עפּעס אַ געשטאַלט גענענט צו אונדז אין שיין פון דער זון.

צו זייערע אויערן האָט זיך אָבער נישט דערטראָגן קיין מינדסטער אָפּקלאַנג פון טריט. אַרום און אַרום איז געווען שטיל. נאַזאַריוס האָט נאָר געזען, אַז פונדערווייטנס ציטערן די

ביימער, ווי עמעצער וואָלט זיי געטרייסלט, און דער זונענשיין צעגיסט זיך אַלץ ברייטער איבערן לאַנד אַרום.

און ער האָט פאַרוואונדערט גענומען קוקן אויפן אַפּאָסטאָל.

— רבי! וואָס איז דיר? — האָט ער אומרויק אויסגע־רופן.

פון פּעטרוסעס האַנט איז אַרויסגעפאַלן דער וואַנדערשטעקן, זיינע אויגן האָבן שטאַר געקוקט פאר זיך, זיין מויל איז געווען געעפנט, און אויף זיין פנים האָט זיך געזען פאַרוואונדערונג, פרייד, באַגייסטערונג. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די קני מיט אויסגעשטרעקטע הענט פאָרויס און פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי:

— כריסטע!... כריסטע!...

און ער איז צוגעפאַלן מיטן פנים צו דער ערד ווי ער וואָלט געקושט עמעצנס טריט.

לאַנג האָט געדויערט דאָס שטילשווייגן, דערנאָך האָבן אין דער שטילקייט זיך דערהערט דעם אַלטנס ווערטער איבערגעריסן דורך אַ כליפּען:

— קוואָ וואַדיס, דאָמינע?...*)

און נאַזאַריוס האָט קיין ענטפער נישט געהערט, נאָר צו פּעטרוסעס אויערן האָט זיך דערטראָגן אַן אומעטיקע און ווייכע שטים, וועלכע האָט געזאָגט:

— אַז דו פאַרלאָזט דאָס פאָלק מיינס, גיי איך קיין רוים, כדי זיך לאָזן צלמען צום צווייטן מאָל.

דער אַפּאָסטאָל איז געלעגן אויף דער ערד מיטן פנים אין שטויב, אָן באַוועגונג און אָן ווערטער. נאַזאַריוס האָט שוין געמיינט, אַז ער חלשט אָדער איז געשטאָרבן, אָבער ער איז לסוף אויפגעשטאַנען, האָט מיט ציטערנדיקע הענט אויפגעהויבן דעם וואַנדער-שטעקן און קיין וואָרט נישט זאָגנדיק האָט ער זיך אומגעקערט אין דער זייט פון די זיבן בערג פון רוים.

---

*) וווהין גייסטו, האר?

און דאָס ייִנגל, זעענדיק דאָס, האָט איבערגעזאָגט ווי אַן עכאָ:

— קוואָ וואַדיס, דאָמינע ?...

— קיין רוים — האָט דער אַפּאָסטאָל שטיל געענטפערט. און ער איז אַוועק צוריק אין שטאָט.

פּוילוס, יוחנן, לינוס און אַלע גלייביקע האָבן אים באַגעגנט מיט פאַרוואונדערונג און מיט שרעק, וועלכע איז געווען נאָכמער באַרעכטיקט, ווייל טאַקע דעמזעלבן פאַרטאָג, באַלד נאָך זיין אַוועקגיין, האָבן די פּרעטאָריאַנער אַרומגערינגלט מרימס הויז זוכנדיק דעם אַפּאָסטאָל. ער אָבער האָט אויף אַלע קשיות זיי נאָר געענטפערט מיט פרייד און מיט רויקייט:

— דעם האר האָב איך געזען!

און נאָך דעמזעלבן אָוונט איז ער אַוועק אויפן אָסטריאַנער בית עולם, בכדי צו לערנען און צו טויפן די יעניקע, וועלכע האָבן באַגערט זיך אָפּצוּבאָדן אין לעבנס־וואַסער.

און פון דאן אָן איז ער יעדן טאָג דאָרט אַהינגעקומען און נאָך אים האָבן נאָכגעצויגן יעדן טאָג אַלץ גרעסערע מאַסן. עס האָט זיך געדוכט, אַז פון יעדער טרער פון די פאַרפּייניקטע ווערן געבוירן נייע גלייביקע און אַז יעדער קרעכץ אויף דער אַרענע שלאָגט אָפּ מיט אַ ווידער קול אין טויזנטער הערצער. דער צעזאַר איז געשוווּמען אין בלוט, רוים און די גאַנצע געטשנדינערישע וועלט האָט געהוליעט. אָבער די, וועלכע האָבן שוין גענוג געהאַט פאַרברעכן און שגעון, די, וועלכע זענען געטרעטן געוואָרן, די, וועמענס לעבן עס איז געווען אַ לעבן פון פּיין און יאָך, אַלע נידערגעשלאָגענע, אַלע טרויעריקע, אַלע אומגליקלעכע זענען געקומען הערן די וווּנדערלעכע נייעס וועגן דעם גאָט, וועלכער האָט פון ליבע צו מענטשן געלאָזט זיך צלמען, כדי מכפּר צו זיין אויף זייערע זינד.

און געפינענדיק דעם גאָט, וועלכן זיי האָבן געקענט ליבן,

האָבן זיי געפֿונען דאָס, וואָס די דאַמאָלסדיקע וועלט האָט ביז דאַן נישט געקענט געבן קיינעם: גליק מחמת ליבע.

און פּעטרוס האָט פֿאַרשטאַנען, אַז נישט דער צענזאָר, נישט אַלע זיינע חילות וועלן נישט גובר זיין דעם אמת דעם לעבעדיקן, און אַז עס וועלן אים נישט פֿאַרפֿלייצן נישט קיין טרערן, נישט קיין בלוט און אַז איצט ערשט הייבט זיך אָן זיין נצחון. ער האָט אויך פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס גאָט האָט אים אומגעקערט פֿון וועג: אַז האָט די דאָזיקע שטאָט פֿון אויסגעלאַסנקייט, פֿאַרברעכן, ווילטקייט און מאַכט אָנגעהויבן ווערן זיין שטאָט און זיין טאָפּלטע רעזידענץ, פֿון וועלכער עס וועט אַרויסגיין איבער דער וועלט די ממשלה פֿון גוף און פֿון דער נשמה.

LXXI

ביז ענדלעך איז געקומען אויך די צייט פאַר ביידע אַפּאָסטאָלן. אָבער ווי אויף צו פאַרענדיקן זיין דינסט, איז דעם געטלעכן פישער באַשערט געווען צו פאַנגען צוויי נשמות שוין אין תפיסה גופא. די זעלבער פּראָצעסוס און מאַרטיניאַנוס, וועלכע האָבן אים געהיט אין מאַמערטינער תפיסה האָבן זיך געלאָזט טויפן. דערנאָך איז געקומען די צייט פון ענוים. נירון האָט זיך דאַן נישט געפונען אין רוים. דעם פּסק דין האָבן אַרויסגעגעבן העליוס און פּאָליטעטעס, דעם צעזאַרס צוויי באַפרייטע, וועמען ער האָט אָנפאַרטרויט די ממשלה איבער רוים דורך דער צייט וואָס ער וועט נישט זיין. דעם גרייזגראָען אַפּאָסטאָל האָט מען לויט די פאָרשריפטן פריער געשמיסן און אויפן צווייטן טאָג האָט מען אים אַרויסגעפירט אונטער דער שטאָט צום וואַטיקאַנער באַרג ווו מ'האָט אים געזאָלט צלמען לויטן משפּט. די זעלבער האָבן זיך געחידושט צוליב דעם גרויסן עולם, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן פאַר דער תפיסה׳ ווארים לויט זייער השגה,

האָט דער טויט פון אַזאַ פשוטן מאַן און דערצו נאָך אַ פרעמדן נישט, באַדאַרפט מאכן אַזאַ אויפרודער. זיי האָבן נישט פאַר־שטאַנען, אַז דערדאָזיקער עולם באַשטייט נישט פון נייגעריקע, נאָר פון גלייביקע, וואָס ווילן דעם גרויסן אַפּאָסטאָל באַגלייטן צום שטראָף־פּלאַץ. נאָכמיטאָק האָבן זיך ענדלעך געעפנט די טויערן פון תפיסה און פעטרוס האָט זיך באַוויזן אינדערמיט פון אַ מחנה פרעטאָריאַנער. די זון האָט שוין געהאַט אראָפּגעבידערט אַ ביסל צו דער זייט פון אָסטיען, דער טאָג איז געווען אַ שטילער און אַ לויטערער. פעטרוסן האָט מען מחמת זיין אַלטקייט נישט געהייסן טראָגן דעם צלם, ווייל זיי האָבן גערעכנט, אַז ער וועט נישט קענען דערטראָגן, מ׳האָט אים אויך נישט פאַרלייגט דעם יאָך אויפן האַלז, כדי אים נישט שווער צו מאכן דעם גאַנג. ער איז געגאַנגען אַ פרייער און די גלייביקע האָבן אים געקענט גוט זען. אין דער רגע, בעת עס האָט זיך באַוויזן צווישן די אייזערנע זעלנערשע העלמען זיין גראָער קאָפּ האָט זיך דער־הערט אַ געוויין צווישן עולם, אָבער ער האָט באַלד אויפגעהערט. ווארים דעם אַלטנס פנים איז געווען אַזוי לויטער און האָט גע־שיינט מיט אַזאַ פרייד, אַז אַלע האָבן דערפילט, אַז דאָ גייט נישט אַ קרבן צום טויט, נאָר אַ זיגער מאַכט דאַ זיין טריאומף־מאַרש.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אָט דער פישער, דער תמיד הכנעהדיקער און איינגעבויגענער איז איצט געגאַנגען אַ גלייכער, העכער אין געוויקס פון די זעלנער, פול מיט ווערט. קיינמאָל האָט מען אין זיין געשטאַלט נישט געזען אַזוי פיל מאַיעסטע־טישקייט, מ׳האָט געקענט מיינען, אַז דאָס ציט פאַרביי אַ מאָנאַרך ארומ־געריננגלט פון פאָלק און פון זעלנער. פון אַלע זייטן האָט מען געהערט שטימען: „אָט גייט פעטרוס אָפּ צום האר". אַלע האָבן ווי פאַרגעסן, אַז עס דערוואַרט אים אייגנטלעך ענוים אין טויט. זיי זענען געגאַנגען אין פרייַלעכער ערנסטקייט, אָבער רויקע, פילנדיק, אַז זייט דעם טויט אויף גלגולתא איז נאָך אַזאַ גרויסע געשעעניש נישט פאַרגעקומען. און אַז אַזוי ווי יענער טויט האָט

מכפּר געווען די גאַנצע וועלט, אַזוי דאַרף דער איצטיקער מכפּר זיין די דאָזיקע שטאָט.

איבערן וועג האָבן זיך מענטשן אָפּגעשטעלט פאַרחידושטע, זעענדיק דעמדאָזיקן זקן, און די גלייביקע האָבן, ארויפפליינענדיק זיי די הענט אויף די אַקסלען, מיט בנעימותדיקע שטימען גע־זאָגט: „זעט ווי אַזוי עס שטאַרבט אַ צדיק, וועלכער האָט גע־קענט קריסטוסן און האָט דערציילט ליבע אויף דער וועלט". און יענע האָבן זיך פאַרטראַכט, דערנאָך זענען זיי אַוועק טראַכטנדיק: „באמת, דערדאָזיקער האָט נישט געקענט זיין אַן אומגערעכטער!"

איבערן וועג זענען איינגעשטילט געוואָרן דער טומל און די גאַסן־געשרייען. די מחנה האָט געצויגן פאַרביי די ניי אויפגעבויטע הייזער, פאַרביי די ווייסע זיילן פון די טעמפּלען איבער וועלכע עס האָט זיך געשפּרייט אַ טיפער רויקער און בלאָער הימל. זיי זענען געגאַנגען שטילשווייגנדיק, טיילמאָל נאָר האָבן אַ בריאזג געטאָן די וואָפן פון די זעלנער אָדער ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשעפּטש פון תפילות. פּעטרוס האָט זיי גע־הערט און זיין פּנים האָט געלויכטן מיט אַן אַלץ גרעסערע פרייד, ווארים זיין בליק האָט קוים געקענט אַרומכאַפּן די טויזנטער גלייביקע. ער האָט געפילט, אַז ער האָט אַ ווערק גע־שאַפן און ער האָט שוין געוווּסט, אַז דער אמת, וועלכן ער האָט זיין גאַנץ לעבן דערציילט וועט ווי אַ כוואַליע אַלץ פאַר־גיסן און אַז קיין שום זאַך וועט אים שוין נישט איינהאַלטן. און אַזוי טראַכטנדיק האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום באַרג און האָט געזאָגט: „האר, דאָסט מיך געהייסן איינעמען די דאָזיקע שטאָט, וועלכע הערשט איבער דער וועלט, האָב איך זי איינגענומען, האָסט מיך געהייסן גרינדן אין איר דיין רעזידענץ, האָב איך זי געגרינדעט, דאָס איז איצט דיין שטאָט האר, און איך גיי צו דיר, ווארים איך האָב זיך שווער אָנ־געאַרבעט".

פאַרבייגייענדיק פאַרביי די טעמפּלען האָט ער געזאָגט צו זיי: „קריסטוסעס טעמפּלען וועט איר זיין". קוקנדיק אויף די מאַסן מענטשן, וואָס זענען פאַרביי זיינע אויגן, האָט ער צו זיי

[illegible]: „קריסטוסעס דינער וועלן אייערע קינדער זיין". און ער איז געגאַנגען מיט אַ געפיל פון אַן אָפּגעהאַלטענעם נצחון, ביז באַוווסטזיין פון זיינע פאַרדינסטן, מיטן באַוווסטזיין פון זיין [illegible], אַ רויקער, אַ שטאָלצער. די זעלנער האָבן אים דורכגע־[illegible] איבער דער טריומף־בריק, ווי זיי וואָלטן נישט ווילנדיק געגעבן אַ באַווייז פון זיין טריומף און זיי האָבן אים געפירט הייטער צו נאָמאַריע און צום צירק. די גלייביקע פון יענער זייט טיבער זענען צוגעשטאַנען צום צוג און עס איז געוואָרן אַזאַ געדראַנג, אַז דער צענטריאָן, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די פּרעטאָריאַנער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז ער פירט עפּעס אַ גרויסן גייסטלעכן, וועלכן עס רינגלען אַרום זיינע גלייביקע און ער האָט זיך גענומען באַאומרויקן צוליב דער קליינער צאָל זעלנער וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך. אָבער פון המון האָט זיך נישט געהערט קיין איין געשריי פון אויפרעגונג אָדער שנאה. די פּנימער זענען געווען דורכגענומען מיט דער גרויסקייט פון מאָ־מענט, פייערלעכע און גלייכצייטיק פול מיט דערוואַרטונג. וואָ־רום טייל פון די גלייביקע דערמאָנענדיק זיך, אַז בשעת דעם טויט פונם האַר, האָט זיך די ערד געשפּאָלטן פאַר שרעק און די טויטע זענען אַרויס פון די קברים, האָבן זיי געמיינט, אַז אויך איצט וועלן געשען באַשיינפּערלעכע סימנים, נאָך וועלכע דער טויט פון אַפּאָסטאָל וועט זיין אַ זכר לדורות. אַנדערע האָבן אַפילו געטראַכט: „אַט וועט דער האַר מסתמא אויסקלייבן די שעה פון פּעטרוסעס טויט אַראָפּצונידערן אויף דער ערד, ווי ער האָט מבטיח געווען און משפּטן די וועלט". און מיט דער מחשבה האָבן זיי זיך פאַרלאָזט אויף גאָטס חסד.

אָבער אַרום איז געווען רויק. די בערג האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך געוואַרעמט און אויסגערוט אין דער זון. דער צוג האָט זיך, לסוף, אָפּגעשטעלט צווישן צירק און דעם וואַטיקאַנער באַרג. די זעלנער האָבן זיך תיכף גענומען צום גראָבן אַ גרוב, אַנדערע האָבן אַנידערגעלייגט אויף דער ערד דעם צלם, האַ־מערס און נעגל, וואַרטנדיק ביז די הכנות וועלן זיך ענדיקן,

און דער עולם, כּסדר שטילשווייגנדיק און פייערלעך האָט געקניט אַרום.

דער אַפּאָסטאָל, זיין קאָפּ אין שטראַלן און אין גאָלדענע אָפּשיינען, האָט זיך צום לעצטן מאָל געווענדעט צו דער שטאָט. פונדערווייטנס עטוואָס נידריקער אַראָפּ, האָט מען געזען דעם גלאַנציקן טיבער, אויפן צווייטן ברעג די מאַרס־פעלדער, עטוואָס העכער דעם אויגוסט-מאַזאָלעום, נידריקער, די ריזיקע טערמען, וועלכע נירון האָט אָנגעהויבן צו בויען, נאָך נידריקער דאָס טעאַטער פון פּאָמפּעיוסן און הינטער זיי, אויף טייל ערטער אָנזעעודיק און אויף טייל ערטער פאַרשטעלטע דורך אַנדערע בנינים פון סעפּטיוס יוליוס, האָט מען אַרויסגעזען אַ מאַסע פּאָרטיקן, טעמפּלען, קאָלאָנען, שטאָקנדיקע בנינים און לסוף העט וויט די בערג — אַרומגעקלעפּטע מיט הייזער. ריזיקע מענטשן־געווימלען, וואָס פאַרלירן זיך אין בלאָען נעפּל. די נעסט פון פאַרברעכן, אָבער אויך פון מאַכט, פון שגעון, אָבער אויך פון אָרדנונג, וועלכע איז געוואָרן דער קאָפּ פון דער וועלט. איר אונטערדריקער, אָבער אויך איר געזעץ און איר רו, אַן אַלמעכטיקע, אומצייליקע און אייביקע.

און פּעטרוס אַרומגערינגלט פון די זעלנער, האָט אויף איר געקוקט אַזוי, ווי עס קוקט אַ הערשער און אַ קיניג אויף זיין ירושה. און ער האָט געזאָגט אַזוי צו איר: „ביסט אויסגעקויפט און ביסט מיין”. און קיינער, נישט נאָר פון צווישן די זעלנער, וועלכע האָבן געגראָבן דעם גרוב אין וועלכן מ׳האָט געזאָלט אַריינשטעקן דעם צלם, נאָר אפילו צווישן די גלייביקע האָט מען נישט פאַרשטאַנען, אַז באמת שטייט דאָ צווישן זיי דער ווירקלעכער הערשער פון דערדאָזיקער שטאָט און אַז עס וועלן פאַרשווינדן צעזאַרן, עס וועלן אַריבער די כוואַליעס באַרבאַרן, עס וועלן פאַרגיין יאָרהונדערטער און דערדאָזיקער זקן וועט דאָ כּסדר קיניגן.

די זון איז אַראָפּ נאָך נידריקער צו אָסטיען און זי איז געוואָרן גרויס און רויט. די גאַנצע מערב זייט פון הימל איז

געלעגן אין פלאַמען. די זעלנער זענען צוגעגאַנגען צו פּעטרוסן אים אויסצוטאָן די קליידער.

אָבער ער, מתפלל זייענדיק, האָט זיך ראַפּטום אויסגעגלייכט און אויסגעשטרעקט הויך זיין רעכטע האַנט. די תּליינים האָבן זיך צוריקגעצויגן, ווי זיי וואָלטן נישט דרייסט געוואָרן פון זיין דאָזיקער האַלטונג, די גלייביקע האָבן אויך פאַרהאַלטן דעם אָטעם, מיינענדיק, אַז ער וויל רעדן און עס איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך שטיל.

און ער, שטייענדיק אזוי אויף דער הויכקייט, האָט מיט זיין אויסגעשטרעקטער רעכטער האַנט גענומען מאַכן א צלם, בענטשנדיק אין דער לעצטער שעה פון לעבן:

— אורבי עט אָרבי!

און אין דעמזעלבן ווונדערלעכן אָוונט האָט אַן אַנדער אָפּטיילונג זעלנער געפירט מיטן אָסטיער וועג פוילוס פון תּרשיש צום אָרט, וואָס רופט זיך אַקוואַע סאַלוויאַע. אויך נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען אַ מחנה גלייביקע, וועלכע ער האָט באַקערט צום גלויבן און ער האָט דערקענט די נענטער באַקאַנטע. האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט מיט זיי גערעדט, וואָרום אַלס רוימישער בירגער איז די וואַך צו אים געווען מילדער. ביים אזויגערופענעם טערגעמינאַ=טויער האָט ער דערזען פלאָטילע, די טאָכטער פון פּרעפעקט פלאַוויוס סאַבינוס, און זעענדיק איר יונג פּנימל באַגאָסן מיט טרערן, האָט ער געזאָגט: „פלאָטילע, טאָכטער פון דער אייביקער גאולה, גיי אוועק אין פרידן, אַנטליי מיר נאָר דיין שלייער מיט וועלכן מ׳וועט מיר די אויגן פאַרבינדן אין דער מינוט ווען כ׳וועל אָפּגיין צום האַר", און נעמענדיק דעם שלייער איז ער געגאַנגען ווייטער מיט אַזאַ פריידיק געזיכט, ווי אַ פּועל, וועלכער האָט גוט אָפּגעאַרבעט זיין טאָג, קערט זיך אום אַ היים. זיינע מחשבות אַזוי ווי פּעטרוסעס זענען געווען רויקע און געלייטערטע, ווי דער הימל אין דעם אָוונט. זיינע אויגן האָבן געקוקט פאַרטראַכט איבערן

פלאַכלאַנד, וועלכעס האָט זיך געצויגן פאַר אים און אויף די אַלבאַנער בערג, וועלכע האָבן זיך געטונקט אין ליכטיקייט. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע נסיעות, זיין מי און אַרבעט. זיינע קאַמפן אין וועלכע ער האָט מנצח געווען. וועגן די אַלע גאָטס הייזער, וועלכע ער האָט געגרינדעט אין אַלע לענדער איבער אַלע ימים און ער האָט זיך געטראַכט, דאָס ער האָט ערלעך פאַרדינט מנוחה. אויך ער האָט אַ ווערק אויסגעפאַרטיקט. ער האָט געפילט, אַז זיין זריעה וועט שוין דער ווינט פון רשעות נישט אַוועקבלאָזן. ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער זיכערקייט, אַז אין דער מלחמה, וואָס זיין אמת האָט דערקלערט דער וועלט, וועט ער מנצח זיין און אַ געוואַלטיקע מנוחה איז איינגעטרעטן אין זיין האַרץ.

דער וועג צום שטראָף־פלאַץ איז געווען ווייט און דער אָוונט האָט גענומען צופאַלן. די בערג זענען געוואָרן פורפורדיק און זייער צופוסנס איז ביסלעכווייז געהילט געוואָרן אין שאָטן. די סטאַדעס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. ווי־נישט־ווו זענען געגאַנגען גרופעס שקלאַפן מיט די אַרבעטס־כלים אויף די אַקסלען. פאַר די הייזער אויפן וועג האָבן זיך געשפילט קינדער, וועלכע האָבן נייגעריק נאָכגעקוקט דער פאַרבייגייענדיקער מחנה זעלנער. אין דעמדאָזיקן אָוונט, אין דערדאָזיקער דורכזיכטיק גאָלדיקער לופט איז געווען נישט נאָר מנוחה און טרייסט, נאָר אויך אַ מין האַרמאָניע, וועלכע איז אויפגעגאַנגען פון דער ערד צום הימל. און פוילוס האָט זי געהערט און זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט פרייד ביים געדאַנק, אַז צו דערדאָזיקער וועלט־מוזיק האָט ער צוגעגעבן איין קלאַנג, וועלכער איז ביז איצט נישט געווען און אָן וועלכן די ערד די גאַנצע איז געווען „ווי קופער וואָס קלינגט און ווי אַ פויק וואָס בומט".

און ער האָט זיך דערמאַנט, ווי ער האָט געלערנט מענטשן ליבע, ווי ער האָט זיי געזאָגט, אַז ווען זיי זאָלן אפילו צעטיילן זייער פאַרמעגן פאַר אָרימע און ווען זיי זאָלן אפילו באַזיצן אַלע לשונות און אַלע סודות און אַלע וויסנשאַפטן, וועלן זיי

אלץ זיין גאַרנישט אָן ליבע, וועלכע איז מילד, גערולדיק, וועלכע טוט קיינעם קיין שלעכטס נישט, פאַרלאַנגט נישט קיין כּבוד, איז אַלץ סובל, גלייבט אַלעמען, נעמט זיך דורך מיט אַלץ, און לעבט אַלץ איבער.

אָט איז אים זיין לעבן דורך אין לערנען מענטשן דעם-דאָזיקן אמת. און איצט האָט ער ביי זיך געטראַכט: וואָס פאַר א כּח וועט זיך מיט דעם קענען פאַרגלייכן און וואָס וועט עס גובר זיין? ווי אזוי וועט עס דער צעזאָר קענען דערשטיקן, ווען ער זאָל אפילו צוויי מאָל אַזוי פיל לעגיאָנען האָבן, צוויי מאָל אַזויפיל שטעט און ימים און לענדער און פעלקער?

און ער איז געגאַנגען נאָך זיין שכר ווי א זיגער.

די מחנה האָט לסוף פאַרלאָזט דעם גרויסן שליאַך און איז אַראָפּ אויף א זייטיק שטעגל צו מזרח זייט אין דער ריכטונג צו די סאַלווישע וואַסערן. אויף די פעלדגראָזן איז געלעגן א רויטע זון. ביים קוואַל האָט דער צענטוריאָן אָפּגעשטעלט די זעלנער, ווארים עס איז געקומען די שעה.

און פּוילוס, אַרויפוואַרפנדיק אויף זיין אַקסל דעם שלייער פון פּלאַטילע בכדי זיך דערמיט צו פאַרבינדן די אויגן, האָט צום לעצטן מאָל אויפגעהויבן זיינע אַפּלען פולע מיט מנוחה אָן א שיעור צו די אייביקע אָוונט-שיינען און האָט תּפילה געטאָן. יאָ! די שעה האָט געשלאָגן, אָבער ער האָט פאַר זיך געזען א גרויסן שליאַך פון שיינען, וואָס פירט צום הימל און אין האַרצן האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט דיזעלבע ווערטער, וועלכע ער האָט פריער אין באַוווסטזיין פון זיין אָפּגעטויטנעם חוב און פון זיין נאָענטן סוף, אויפגעשריבן: „א באַגעגעניש א גוטס האָב איך באַגעגנט, מיין גלויבן האָב איך אָפּגעהיטן, מיין אַרבעט אָפּגעטאָן און אויפן סוף איז באַשטימט פאַר מיר דער קראַנץ פון גערעכטיקייט".

LXXII

און רוים האָט געהוליעט ווי פריער, אַזוי אַז עס האָט זיך געדוכט, דאָס דידאָזיקע שטאָט וועלכע האָט באַזיגט די וועלט, הויבט לסוף אָן, מחמת דוחק אין אָנפירער, פון אינ־ווייניק אויס זיך גופא צו צערייסן. נאָך איידער עס האָט גע־שלאָגן די לעצטע שעה פאַר די אַפּאָסטאָלן איז געקומען די מרידה פון פיזאָנען און באַלד דערנאָך אַן אומברחמנותדיקע הריגה פון די אָנגעזעענסטע קעפּ אין רוים, אַזוי, אַז די יעני־קע אפילו וועלכע האָבן אין נירונען געזען געטלעכקייט, האָבן ענדלעך אין אים איצט דערזען דעם גאָט פון טויט. אבלות איז געפאַלן אויף דער שטאָט, שרעק האָט זיך באַזעצט אין די הייזער און אין די הערצער, אָבער די פּאָרטיקן זענען געווען באַפּוצט מיט בלומען, וואָרום עס איז פאַרבאָטן געווען אַרויסצווייזן טרויער נאָך דיגעשטאָרבענע. מענטשן האָבן אויפכאַפּנדיק זיך אינדערפרי פון שלאָף, זיך געפרעגט ווע־

מענס ריי עס איז היינט. דער מתים־צוג וואָס האָט זיך גע־צויגן נאָכן צעזאַר איז געוואָרן גרעסער פון טאָג צו טאָג.

פיזאָ האָט באַצאָלט מיט זיין קאָפּ פאַר דער מרידה און נאָך אים איז געגאַנגען סענעקאַ און לוקאַן, פעניוס רופוס און פלויציוס לאַטעראַנוס און פלאַוויוס סצעווינוס און אַפראַניוס קווינעציאַנוס און דער אויסגעלאַסענער שותּף פון צעזאַר'ס ווילדקייטן טוליוס סענעציאָ און פּיאָקולוס און אַראַריקוס און טוגורינוס און גראַטוס און סילאַנוס און פּראָקסימוס און סובּריוס פלאַוויוס, וועלכער איז אַמאָל געווען מיט לייב און לעבן טריי דעם צעזאַר און סולפּיציוס אַספּער. טייל פון זיי האָט אומגעבראַכט זייער אייגענע נידערטרעכטיקייט, אַנדערע פּחדנות, אַנדערע עשירות, אַנדערע העלדישקייט. דער צעזאַר, אָנגע־שראָקן בלויז פון דער צאָל מורדים, האָט באַלאַגערט די מוי־ערן מיט היל און געהאַלטן די שטאָט ווי אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד, אַרויסשיקנדיק יעדן טאָג צענטוריאָנען מיט טויט־אור־טיילן צו פאַרדעכטיקע פאַמיליעס. די פאַרמשפטע האָבן זיך נאָך געחנפעט אין בריוו פול מיט שבחים, דאַנקנדיק דעם צע־זאַר פאַרן משפט, אַוועקשענקנדיק אים אַ טייל פאַרמעגן בכדי דאָס איבריקע צו ראַטעווען פאַר זייערע קינדער. מ'האָט סוף כּל סוף געקענט מיינען, אַז נירון כאַפּט בכיון איבער יעדער גרענעץ, כּדי צו זען ביז וואָס פאַר אַ מדרגה עס דערגרייכט די געמיינקייט פון מענטשן און ווי לאַנג זיי וועלן אַזוי דולדן אַזאַ בלוטיקע ממשלה. נאָך די מורדים האָט מען אומגעברענגט זייערע קרובים, פריינט און אפילו באַקאַנטע. די איינוווינער פון די פּרעכטיקע, נאָך דער שׂרפה אויסגעמויערטע הייזער, פלעגן זיכער זיין, אַז אַרויסגייענדיק יעדעס מאָל פון זייער הויז אויף דער גאַס וועלן זיי זען גאַנצע רייעס לויות. פּאָמ־פּעיוס, קאָרנעליוס מאַרציאַליס, פלאַוויוס נעפּאָס און סטאַציוס דאָמיציוס זענען אומגעקומען צוליב דער באַשולדיקונג אין ווייניק ליבע צום צעזאַר. נאָוויוס פּריסקוס אַלס פריינט פון סע־נעקאַ, רופיוס קריספּוסן האָט מען צוגענומען דאָס רעכט פון פייער און וואַסער צוליב דעם, ווייל ער איז אַמאָל געווען

פּאָפּעאַס מאַן. דער גרויסער טראַזעאַס איז אומגעקומען צוליב זיין אָרנטלעכקייט, פיל האָבן באַצאָלט מיטן לעבן צוליב זייער פיינער אָפּשטאַמונג, אַפילו פּאָפּעאַ איז געפאַלן אַ קרבן פון צעזאַרס אַ מאָמענטאַלן כעס.

און דער סענאַט האָט זיך דערנידריקט פאַרן שרעקלעכן הערשער, האָט געבויט לכבוד אים טעמפּלען, האָט געמאַכט אַ וואָ־טום פאַר זיין שטים, האָט באַקראַנצט זיינע סטאַטועס און האָט באַשטימט כהנים פאַר אים, ווי פאַר אַ גאָט. די סענאַטאָרן זע־נען מיט פלאַטערניש אין האַרצן געגאַנגען צום פּאַלאַטין לויבן דאָס געזאַנג פון „פּעריאָדאָניצעסן" און הוליען צוזאַמען מיט אים אין אָרגיעס פון נאַקעטע קערפּער, ווייַן און בלומען.

און פון אונטן, פון דער ערד, די אָנגעזאַפּטע מיט בלוט און טרערן איז דערווייל אויפגעגאַנגען שטיל, אָבער וואָס ווייַ־טער אַלץ מעכטיקער די זריעה פון פּעטרוסן.

LXXIII.

חיניציוס צו פעטראָניוסן:

„מיר ווייסן אויך דאָ, קאַראַסימע, וואָס עס טוט זיך אין רוים, און וואָס מיר ווייסן נישט, דערציילן אונז דיינע בריוו אַז מ'וואַרפט אַ שטיין אין וואַסער, צעגייען זיך די וועלן אַרום אַלץ ווייטער און ווייטער. אַזאַ כוואַליע פון שגעון און רשעות איז בכן דערגאַנגען פון פאַלאַטין ביז צו אונז. אויפן וועג קיין גריכנלאַנד האָט דאָ ביי אונז אָפּגעטרעטן קאַרינאַס, געשיקט פון צעזאַר צו באַרויבן די שטעט און טעמפּלען, בכדי אָנצופילן דעם ליידיקן מלוכה־אוצר. פאַרן פרייז פון מענטשלעכע שוייס און טרערן בויט מען אין רוים דעם „דאָמוס אַורעאַ" ס'איז מעגלעך, אַז די וועלט האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ הויז נישט געזען, אָבער זי האָט נאָך אויך נישט געזען אַזעלכע עוולות. דו קענסט דאָך קאַרינאַסן. כילאָן, איידער ער האָט מיט זיין טויט מכפּר געווען אויף זיין לעבן, איז געווען ענלעך צו אים. גאָר אין די שטעטלעך פון אונזער געגנט זענען זיינע לייט

ניט געווען, אפשר דערפאַר, וואָס אין זיי איז נישטאָ קיין טעמפּלען און קיין אוצרות. דו פרעגסט, צי מיר זענען זיכער? איך וועל דיר נאָר ענטפערן, אַז מיר זענען פאַרגעסענע און זאָל דיר דאָס דינען פאַר אַן ענטפער. אָט, למשל, איצט אין דער מינוט, זע איך פון דעם פּאָרטיק, אונטער וועלכן איך שרייב, אונזער רויקן ים־אויסגוס און אויף אים איז אורטוט אין אַ שיפל אַראָפּלאָזנדיק אין קלאָרן וואַסער זיין נעץ. מיין ווייב שפּינט רויטע וואָל דאָ לעבן מיר און אין די גערטנער אונטערן שאָטן פון די מאַנדלביימער זינגען אונזערער שקלאַפן. אָ, וואָס פאַר אַ מנוחה, קאַראַסימע, און ווי מיר האָבן פאַרגעסן די אַמאָליקע שרעקן און יסורים. אָבער נישט די פאַרקעס, ווי דו שרייבסט, שפּינען אַזוי זיס דעם פאָדעם פון אונזער לעבן. דאָס איז די ברכה פון קריסטוס אונזער ליבן גאָט און גואל צער און טרערן האָבן מיר דאָך, ווייל אונזער אמת הייסט אונז וויינען איבער יענעמס אומגליק, אָבער אפילו אין די טרערן איז פאַראַן אַ טרייסט, וועלכע איז אייך גאַנץ אומבאַקאַנט, אַז שפּעטער ווען עס וועט אָפּלויפן די צייט פון אונזער לעבן, וועלן מיר צוריקגעפינען די אַלע טייערע, וועלכע זענען אומגעקומען און וועלכע וועלן נאָך אומקומען פאַר גאָטס וואָרט. פאַר אונז זענען פּעטרוס און פּוילוס נישט געשטאָרבן, נאָר געבוירן געוואָרן אין ליבע. אונזערע נשמות זעען זיי און בשעת די אויגן וויינען, פרייען זיך די הערצער מיט שמחה. אָ, יאָ, טייערער, מיר זענען גליקלעך מיט אַ גליק, וואָס קיין שום זאַך קען עס נישט חרוב מאַכן, ווייל דער טויט, וועלכער איז פאַר אייך דער סוף פון אַלצדינג, וועט פאַר אונז זיין נאָר אַן איבערגאַנג צו נאָך אַ גרעסערע רו, אַ גרעסערע ליבע און גרעסערע פרייד.

און אַזוי פאַרגייען דאָ ביי אונז די טעג און די חדשים אין האַרציקער שלוה. אונזערע דינער און שקלאַפן גלייבן אויך ווי מיר אין קריסטוסן און אַזוי ווי ער האָט געבאָטן ליבע, דעריבער ליבן מיר זיך אַלע. נישט איינמאָל בעת זונאונטערגאַנג, אָדער ווען די לבנה שיינט שוין אויפן וואַסער, רעדן

מיר, איך און ליגיע, וועגן די אַמאָליקע צייטן, וועלכע ווייזן זיך אונז היינט אויס ווי אַ חלום און בעת איך גיב אַ טראַכט, ווי דערדראָזיקער טייערער קאָפּ, וועלכן איך וויג היינט יעדן טאָג אויף מיין האַרצן, איז געווען נאָכט פון ענוים און טויט, גיב איך אָפּ פון גאַנצן האַרצן אַ שבח צו אונזער האַר, וואָרים פון דידאָזיקע הענט האָט נאָר איינער זי געקענט אַרויסרייסן, זי מציל זיין פון דער אַרעבע און זי מיר אויף אייביק אומ-קערן. אָ, פעטראָניוס, דו האָסט דאָך געזען וויפיל דאָס דאָזיקע גלייבן גיט טרייסט און סבלנות אין אומגליק, וויפיל געדולד און מוט לגבי דער טויט, קום זשע צופאָרן זען, וויפיל עס גיט גליק אין טאָג טעגלעכן לעבן. זעסטו, מענטשן האָבן ביז היינט נישט געקענט קיין גאָט, וועלכן מ'זאָל קענען ליבן, דעריבער האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן אויך נישט ליב געהאַט און דערפון האָט געשטאַמט זייער עלנט, וואָרים אַזוי ווי דאָס ליכט פון דער און אַזוי קומט דאָס גליק פון ליבע. נישט די געזעצגעבער, נישט די פילאָזאָפן האָבן זיי דעם אמת נישט געלערנט און ער איז נישט געווען נישט אין גריכנלאַנד און נישט אין רוים, און ווען איך זאָג: נישט אין רוים, הייסט דאָס אויף דער גאַנצער וועלט. די טרוקענע און קאַלטע לערע פון די סטאָיקער, צו וועלכער עס טוליען זיך אַלע בעסערע מענטשן, פאַרהאַרטעוועט די הערצער ווי די שווערדן, אָבער זי מאַכט זיי גיכער גלייכגילטיק ווי בעסער. נאָר צו וואָס זאָג איך דאָס אַלץ דיר, וואָס דו האָסט מער פון מיר געלערנט און פאַרשטייסט מער פון מיר. דו האָסט דאָך אויך געקענט פּוילוסן און נישט איינמאָל האָסטו מיט אים לאַנגע שמועסן געפירט, על כן ווייסטו דאָך אַמבעסטן צי לגבי דעם אמת, וועלכן ער האָט געלערנט, זענען נישט אַלע לערעס פון אייערע פילאָזאָפן און רעטאָריקער קיין פוסטע זייפן-בלאָזן און נישטיקער ווערטער-טומל אָן יעדע באַדייטונג. געדענקסטו די שאלה, וועלכע ער האָט דיר געשטעלט: „און ווען דער צעזאַר וואָלט געווען אַ קריסט, וואָלט איר זיך דען נישט געפילט זיכערער, זיכערער מיט אייער פאַרמעגן אָן שרעקן און רויק וועגן אייער

מאָרגן ז״ דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז אונזער אמונה איז אַ קעגנערין פון לעבן און איך וועל דיר איצט זאָגן, אַז ווען איך וואָלט דיר פון אָנהייב בריוו אָן געזאָגט נישט מער פון צוויי ווערטער: „כ׳בין גליקלעך ז״ וואָלט איך נאָך אַלץ נישט באַוויזן דיר מיין גליק אויסצודריקן. דו וועסט מיר אויף דעם ענטפערן, אַז מיין גליק איז ליגיע! יאָ, טייערער! דערפאַר, ווייל איך ליב איר נשמה די אומשטערבלעכע און ביידע ליבן מיר קריסטוסן, און אין דערדאָזיקער ליבע איז נישטאָ קיין צעשיידונג. נישט קיין בגידה, נישט קיין ענדערונג, נישט קיין עלטער, נישט קיין טויט. ווארים בעת עס וועלן פאַרשווינדן די יוגנט און די שיינקייט, בעת אונזערע קערפער וועלן פאַרוועלקט ווערן און דער טויט וועט קומען, וועט די ליבע בלייבן, ווייל די נשמות וועלן בלייבן. איידער מיינע אויגן האָבן זיך געעפנט צום ליכט, בין איך מסוגל געווען פאַר ליגיען אונטער־צוציינדן מיין אייגן הויז, איצט אָבער זאָג איך דיר: איך האָב די נישט געליבט, ווארים ליב האָבן האָט מיך ערשט קריסטוס אויסגעלערנט. אין אים איז דער קוואַל פון גליק און רו. נישט איך זאָג עס, נאָר די ווירקלעכקייט גופא. פאַרגלייך אייערע מיט שרעק באַגלייטע תענוגים, אייערע מיטן מאָרגן נישט זיכערע פריידן, אייערע אָרגיעס, וואָס זענען ענלעך צו סעודת־אבלים, מיטן לעבן פון די קריסטן און דו וועסט געפינען אַ פאַרטיקע תשובה. אָבער בכדי דו זאָלסט קענען בעסער פאַרגלייכן, קום־זשע צופאָרן אין אונזער צימרונג־שמעקנדיקע בערג, אין אונזערע שאָטנדיקע איילבירט־וועלדלעך, צו אונזערע מיט בלושטש פאַרוואַקסענע ברעגעס. עס דערוואַרט דיך דאָ אַזאַ רו, פון וועלכער דו האָסט שוין לאַנג נישט געוווּסט און הערצער, וועלכע ליבן דיך באמת. דו, האָנגדיק אַן איידעלע און גוטע נשמה, דאַרפסט זיין גליקלעך. דיין פלינקער שכל וועט דערקענען דעם אמת און דערקענענדיק וועסטו אים ליב באַקומען, ווארים מ׳קען זיין שונא ווי דער צעזאַר און טיגעלין, נאָר גלייכגילטיק צו אים קען קיינער נישט זיין. אָ, מיין פעטראָניוס, איך און ליגיע פרייען מיר זיך מיט דער

האָפנונג דיך איינגיכן צו זען. זיי געזונט, גליקלעך און קום".

פעטראָניוס האָט דערהאַלטן חיניציוסעס בריוו, אין קומאַע, וווהין ער איז אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט די איבעריקע אויגוסטער נאָכן צעזאַר. זיין לאַנג-יאָריקער קאַמף מיט טיגעלינען האָט שוין געהאַלטן ביים סוף. פעטראָניוס האָט שוין געוווּסט, אַז ער וועט מוזן פאַלן און ער האָט גוט פאַרשטאַנען די סיבות דערפון. אויף וויפיל דער צעזאַר איז מיט יעדן טאָג געפאַלן אַלץ נידריקער צו דער ראָל פון א קאָמעדיאַנט, קלאָון און אָנטרייבער, אויף וויפיל ער איז אַלץ מער געזונקען אין קרענקלעכער, שמוציקער און מיאוסער צעלאָזנקייט, איז דער גרויס-אַרטיקער „אַרביטער עלעגאַנטיאַע" אים געוואָרן צו לאַסט. אפילו בעת פעטראָניוס האָט געשוויגן, האָט נירון אין זיין שווייגן געפילט בזיפה, אפילו ווען ער האָט געלויבט, האָט ער געפילט חוזק. דער הערלעכער פּאַטריציער האָט גערייצט זיין אייגנליבע און געוועקט אין אים קנאה. זיין עשירות און זיינע קונסטווערק זענען אויך שטאַרק באַגערט געוואָרן אי פונם הערשער און אי פונם אַלמעכטיקן מיניסטער. מ'האָט אים ביז איצט געשוינט צוליב דער נסיעה קיין אַכאַי אין וועלכער זיין געשמאַק, זיין קענטשאַפט פון גריכישקייט האָבן געקענט צונוץ קומען, ביסלעכווייז אָבער האָט טיגעלין אָנגעהויבן איבערצייגן דעם צעזאַר, אַז קאַרינאַס שטייגט נאָך איבער פעטראָניוסן אין געשמאַק און אין וויסנשאַפט און אַז ער וועט נאָך בעסער פון אים איינאָרדנען די שפּילן אין אַכאַי, די אויפנאַמען און דעם טריאומף. פון דער מינוט אָן איז פעטראָניוס געווען א פאַרלוירענער, מ'האָט פונדעסטוועגן נישט געוואַגט אים צוצושיקן א טויט-משפט אין רוים גופא. אי דער צעזאַר און אי טיגעלין האָבן זיך דערמאַנט, אַז אָט דערדאָזיקער מכלומרשט פאַרצערטלטער עסטעט „וואס מאַכט פון נאַכט טאָג" פאַרנומען נאָר מיט תענוגים, קונסט און גאַסטמאָלן, האָט פונדע'סטוועגן אַרויסגעוויזן, בעת ער איז געווען פראָקאָנסול אין ביטיניען און דערנאָך קאָנסול אין דער רעזידענץ א וווּנדערלעכע אַרבעטסזאַמקייט און ענערגיע. מ'האָט אים באַטראַכט פאַר אַפּעיקן צו אַלצדינג

און מ'האָט געחווסט, אַז אין רוים איז ער באַליבט נישט נאָר ביים פאָלק נאָר אפילו ביי די פרעטאָריאַנער. קיינער פון צעזאַרס אָנפאַרטרויטע האָט נישט געקענט פאָרויסזען, ווי אַזוי ער וועט אין אַזאַ פאַל האַנדלען, זיי האָבן בכן, געהאַלטן פאַר מיושב־דיקער אים אַרויסצונאַרן פון שטאָט און ערשט אויף דער פּראָווינץ אים פּאַקן.

צו דעם צוועק, האָט ער דערהאַלטן אַ פאַרבעטונג, אַז ער זאָל זיך צוזאַמען מיט אַלע אויגוסטער קומען קיין קומאַע. און ער, הגם ער האָט פאַרשטאַנען דאָס שפּיצל, איז דאָך אַרויסגעפאָרן, אפשר בכדי נישט אַרויסצוטרעטן מיט אַן אָפענעם ווידערשטאַנד און אפשר בכדי נאָך איין איבריק מאָל צו ווייזן דעם צעזאַר און די אויגוסטער אַ פריילעך פּנים אָן שום זאָרג און אַזוי נאָך אָפּהאַלטן איבער טיגעלינען דעם לעצטן נצחון פאַרן טויט.

יענער אָבער האָט אים תיכף באַשולדיקט אין פריינט־שאַפט מיטן סענאַטאָר סצעווינוס, וועלכער איז געווען דער הויפּט פון פּיזאָנס פאַרשווערונג. פּעטראָניוסעס מענטשן, וועלכע זענען געבליבן אין רוים, האָט מען איינגעזעצט אין תּפיסה, זיין הויז באַלאַגערט מיט פּרעטאָריאַנער. אָבער ער, דערוויסנ־דיק זיך וועגן דעם, האָט נישט אַרויסגעוויזן נישט קיין בהלה, און אַפילו נישט קיין זאָרג און ער האָט מיט אַ שמייכל גע־זאָגט צו די אויגוסטער, וועלכע ער האָט אויפגענומען אין זיין אייגענער פּרעכטיקער ווילע אין קומאַע:

— אַהענאָבאַרבוס האָט נישט ליב קיין אָפענע קשיות, איר וועט זען, ווי ער וועט צעמישט ווערן, ווען איך וועל אים פרעגן, צי דאָס האָט ער באַפוילן צו אַרעסטירן מיין „פאַמיליע" אין רוים.

דערנאָך האָט ער זיי מבטיח געווען אַ גאַסטמאָל „פאַר דער ווייטער נסיעה" און ער האָט גראָד געמאַכט די הכנות דערצו בעת עס איז אָנגעקומען דער בריוו פון וויניציוסן.

פּעטראָניוס, איבערלייענענדיק אים, האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, אין אַ ווייל אַרום אָבער האָט זיין פּנים אויפגע־

ליכטן מיט דער געוויינלעכער לויטערקייט און דעמזעלבן טאָג אין אָוונט האָט ער זיי אָנגעשריבן אָט דאָס ווייטערע:

„כ'פריי זיך מיט אייער גליק און כ'באַוווּנדער אייערע תּערצער, קאַריסימע, וואָרום איך האָב נישט גערעכנט, אַז צווייפּאַרליבטע זאָלן נאָך קענען געדענקען אָן אַ דריטן, אַ הייטן. און איר נישט נאָר, וואָס איר האָט נישט פאַרגעסן אָן מיר, נאָר איר בעט מיך נאָך קיין סיציליע בכדי צו טיילן זיך מיט אייער ברויט און אייער קריסטוס, וועלכער, ווי דו שרייבסט, טיילט אייך אַזויפיל גליק צו.

אויב אַזוי, טאָ אַכפּערט אים. איך מיין, טייערער, אַז ליגיע האָט דיר אַביסל אומגעקערט אויך אורסוס, און אַביסל אויך דאָס רוימישע פאָלק. ווען דער צעזאַר וואָלט געווען אַן אַנדערער מענטש וואָלט איך אַפילו געמיינט, אַז ער לאָזט דיך צוליב צוליב דיין קרובהשאַפט מיט אים דורך יענעם אייניקל, וועלכע טיבעריוס האָט בשעתו געגעבן איינעם פון דער ני-ניציוס-משפּחה. אויב אָבער דו מיינסט, אַז דאָס איז קריסטוס, וועל איך זיך נישט שפּאַרן מיט דיר. געוויס! קאַרגט אים נישט קיין קרבנות. פּראָמעטעוס האָט זיך אויך מקריב געווען פאַר די מענטשן. אָבער, עהעו! פּראָמעטעוס איז, אפּנים, געווען נאָר אַ פאַנטאַזיע פון פּאָעטן, אָבער וועגן קריסטוסן האָבן מיר מענטשן, וועלכע מ'קען גלייבן דערציילט, אַז זיי האָבן אים אַליין געזען. איך בין מסכּים מיט אייך, אַז דאָס איז דער ערלעכסטער פון די געטער.

די פראַגע פון פּוילוסן געדענק איך און כ'בין מסכּים, אַז ווען אַהענאָבאַרבוס וואָלט געלעבט לויט דער לערע פון קריסטוסן, וואָלט איך אפשר געהאַט צייט צו פאָרן צו אייך קיין סיציליען. דאַן וואָלטן מיר אונטערן שאָטן פון ביימער ביים קוואַל געפירט שמועסן וועגן אַלע געטער און וועגן אַלע אמתן, ווי עס האָבן עס אַמאָל געפירט די גריכישע פילאָזאָפן. איינט אָבער מוז איך דיר געבן אַ קורצע תּשובה.

בלויז נאָר צוויי פילאָזאָפן וויל איך קענען: איינער פון זיי הייסט פּיררהאָן, דער צווייטער—אַנאַקרעאָנט. די איבריקע קען

אין דיר בילק פאַרקויפן צוזאַמען מיט דער גאַנצער גריכישער שולע און מיט אונזערע סטאָיקער. דער אמת וווינט ערגעץ אַזוי הויך, אַז די געטער אַליין קענען אים נישט דערזען פון שפּיץ פון זייער אָלימפּ. דיר, קאַראַסימע, ווייזט זיך אויס, אַז אייער אָלימפּ איז נאָך העכער און שטייענדיק אויף אים רופסטו צו מיר: „קום אַרויף, וועסטו דערזען אַזעלכע אויסקוקן, וואָס דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען!" מעגלעך. אָבער איך קען דיר ענטפערן: „פאַרגינט! איך האָב קיין פיס נישט!" און ווען דו וועסט דערלייענען ביז צום סוף אָט דעם בריוו, וועסטו, רעכן איך, מיר געבן רעכט.

ניין! גליקלעכער מאַן פון דער מאָרגנשטערן־בת־מלכּה אייער אמונה איז נישט פאַר מיר. זאָל איך ליבן די ביטיניער, וועלכע טראָגן מיין לעקטיקע, די עגיפּטער, וועלכע הייצן ביי מיר אין די בעדער, אהענאַבאַרבצן און טיגעלינוסן? ביי די ווייסע קניען פון די כאַריטינס שווער איך דיר, דאָס ווען כ'זאָל דאָס אַפילו וועלן, קען איך נישט. אין רוים זענען פאַראַן אַמווייניקסטנס הונדערט טויזנט מענטשן, וואָס האָבן קרומע פּלייצעס אָדער גראָבע קניען, אָדער דאַרע לידקעס, אָדער קיילעכדיקע אויגן, אָדער צו גרויסע קעפּ. צי וועסטו מיך הייסן אויך זיי ליבן. ווו זאָל איך נעמען אָט די ליבע, אַז איך האָב זי נישט אין האַרצן ביי מיר? און אויב אייער גאָט וויל, אַז איך זאָל דווקא זיי אַלע ליב האָבן, פאַרוואָס־זשע האָט ער מיט זיין אַלמעכטיקייט זיי נישט געגעבן דאָס געשטאַלט פון למשל ניאָבידן, וועלכע דו האָסט געזען אויפן פּאַלאַטין? ווער עס האָט ליב די שיינקייט, קען שוין צוליב דעם גופא נישט ליב האָבן די מיאוסקייט. עפּעס אַנדערש איז נישט גלייבן אין אונזערע געטער, אָבער ליב האָבן זיי קען מען, ווי עס האָבן זיי ליב געהאַט פידיאַס און פּראַקסיטעלעס און מיראָן און סקאָפּאַס און ליזיאַס.

ווען איך וואָלט אַפילו געוואָלט גיין דאָרט וווּהין דו רופסט מיך, קען איך נישט. דו גלייבסט, אַזוי ווי פּויליוס פון טאַרשיש, אַז אַמאָל, אויף יענער זייט סטיקס, אויף עפּעס אַזעלכע

עליזיי-פעלדער וועט איר זען אייער קריסטוסן. גוט! זאָל ער דיר דאָן אליין זאָגן, צי ער וואָלט מיך צוגענומען מיט מיינע געמעס, מיט מיין מירצענער וואַזע, מיט מיינע אויסגאַבן פון די סאָזיוסן און מיט מיין גאָלדהאָריקע. בלויז ביים געדאַנק וועגן דעם, ווילט זיך מיר לאַכן, מיין טייערער, וואָרים פּוילוס פון תרשיש אליין האָט דאָך מיר געזאָגט, אז פאַר קריסטוסן אליין דאַרף מען זיך אָפּזאָגן פון רויזן-קרענץ, פון מאָלצייטן און פון תענוגים. אמת, ער האָט מיר צוגעזאָגט אַן אנדער גליק, אָבער איך האָב אים געענטפערט, אז פאַר דעם אַנדערן גליק בין איך שוין צו אַלט און מיט בלומען ווען זיך מיינע אויגן תמיד קוויקן און דער דופט פון פיילכן וועט מיר אויך תמיד זיין ליבער ווי דער געשטאַנק פון שמוציקן „מיטמענטש" פון סובורה.

דאָס זענען די סיבות, פאַרוואָס אייער גליק איז נישט פאַר מיר. אָבער עס איז אַ חוץ דעם דאָ נאָך איינע, וועלכע איך האָב געלאָזט אויף צום סוף: אָט רופט מיך טאַנאַטאָס. פאַר אייך הייבט זיך איצט אָן דער פרימאָרגן פון לעבן און פאַר מיר איז שוין די זון פאַרגאַנגען און דער אָוונט הילט שוין מיין קאָפּ. אַנדערש געזאָגט, איך מוז שטאַרבן, קאַראַסימע.

עס לוינט זיך נישט וועגן דעם לאַנג צו רעדן. עס האָט געמוזט אזוי זיך ענדיקן. דו, וועלכער האָסט געקענט אַהענאָ-באַרבאָן, ווייסט דאָס לייכט פאַרשטיין. טיגעלינוס האָט מיך באַזיגט, אָדער ריכטיקער נישט אזוי! דאָס האָבן זיך נאָר מיינע נצחונות געענדיקט. איך האָב געלעבט ווי כ'האָב געוואָלט און כ'וועל שטאַרבן, ווי עס וועט מיר געפעלן.

נעמט אייך דאָס נישט צום האַרץ. קיין שום גאָט האָט מיר נישט צוגעזאָגט קיין אומשטערבלעכקט, על כן הייסט עס, טרעפט מיך נישט דאָ קיין אומגעריכטע זאַך. אגב, ביסטו זיך טועה, וויניציוס, זאָגנדיק, אז נאָר אייער גאָט לערנט שטאַרבן רויק. ניין, אונזער וועלט האָט נאָך פאַר אייך געוווּסט, אז ווען דער לעצטער בעכער איז אויסגעליידיקט, איז צייט אוועקצוגיין, אָפּרוען, און זי קען דאָס נאָך טאָן בנעימות.

פלאַטאָ זאָגט אז די זיטלעכקייט איז מוזיק און דאָס לעבן פון חכם איז האַרמאָניע. אויב דאָס איז טאַקע אַזוי, וועל איך שטאַרבן, ווי כ׳האָב געלעבט, זיטלעך.

כ׳וויל נאָך געזעגענען דיין געטלעכע פרוי מיט די ווער־טער, מיט וועלכע כ׳האָב זי באַגריסט אַמאָל ביי אולוסן אין הויז: „פאַרשידן און פאַרשידנסטע פעלקער האָב איך אָנגע־זען, און אַזעלכע ווי דו קען איך נישט".

על כן, אויב די נשמה איז עפּעס מער, ווי עס מיינט פּירראָן, דאן וועט מיינע קומען צופליען צו אייך אויפן וועג צו די ברעגן פון אָקעאַנאָס, און זי וועט זיך באַזעצן אין אייער הויז אין געשטאַלט פון אַ זומערפייגעלע, אָדער ווי עס גלייבן די מצרים, אין אַ רויב פויגל

אנדערש קומען קען איך נישט.

און לעת עתה, זאָל סיציליען פאַר אייך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ העספּערידן גאָרטן, זאָלן די פעלד-וואַלד־און וואַסער־געטינס אייך באַשיטן מיט בלומען איבערן וועג און אין אַלע אקאנטן, צווישן די זיילן פון אייער הויז זאָלן זיך נעסטן ווייסע טויבן.

LXXIV

פעטראָניוס האָט קיין טעות נישט געהאַט. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט דער יונגער נערוואַ, וואָס איז אים תּמיד געווען טריי און איבערגעגעבן, געשיקט קיין קומאַע זיינס אַ באַפרייטן מיט ידיעות וועגן אַלעם, וואָס עס טוט זיך ביים צעזאַר אין הויף.

פעטראָניוסעס אונטערגאַנג איז געווען שוין באַשלאָסן. אויף צומאָרגנס אָוונט האָט מען בדעה אַרויסצושיקן צו אים דעם צענטוריאָן מיט אַ באַפעל ער זאָל בלייבן אין קומאַע און וואַרטן אויף ווייטערע באַפעלן. דער צווייטער שליח וועלכער האָט געזאָלט אַרויסגעשיקט ווערן אין עטלעכע טעג אַרום האָט אים באַדאַרפט ברענגען דעם טויט-משפט.

פעטראָניוס האָט אויסגעהערט די ידיעות פון דעם שליח מיט אַ לויטערער רויקייט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— וועסט איבערגעבן דיין האַר אײַנע פון מיינע וואַזעס, וועלכע מ׳וועט דיר געבן פאַר דיין אָפּפאָרן. זאָג אים אויך

אין מיין נאָמען, אַז איך דאַנק אים פון גאַנצן האַרצן, ווייל אויף אַזאַ אופן וועל איך קענען מקדים זיין דעם משפט.

און ער האָט פּלוצלונג גענומען לאַכן, ווי אייבער, וואָס איז געפאַלן אויף אַ גוטער המצאה פרייט זיך שוין מיט איר פאַרווירקלעכונג.

און נאָך דעמזעלבן אָוונט האָבן זיינע שקלאַפן זיך פאַר־שפּרייט איבער דער שטאָט, פאַרבעטנדיק אַלע אויגוסטער און אויגוסטינס, וואָס האָבן געוווילט אין קומאע, אויף אַ גאַסטמאָל אין דער פּרעכטיקער ווילע פון אַרביטר פון עלעגאַנץ.

ער אַליין האָט אין די נאָכמיטאָג־שעהן געשריבן אין ביבליאָטעק, דערנאָך האָט ער גענומען אַ באָד, נאָך וועלכער ער האָט זיך געלאָזט אָנטאָן די וועסטיפּליקעס, און אַ פּרעכטיקער, אַ שלאַנקער, ענלעך צו די געטער איז ער אַריין אין טריקליניום בכדי צו וואַרפן אַ בליק פון אַ מבין אויף די הכנות, און נאָכדעם אין די גערטנער, ווו ייִנגלעך און יונגע גריכישע מיידלעך פון די אינזלען האָבן געפלאָכטן קרענץ פון רויזן צום אָוונט־מאָלצייט.

אויף זיין פּנים איז נישט געווען צו זען די מינדסטע זאָרג. די דינערשאַפט האָט נאָר לויט דעם דערקענט, אַז דאָס הייַנטיקע גאַסטמאָל וועט זיין אויסערגעוויינלעך, ווייל ער האָט באַפוילן געבן אומגעוויינלעכע מתנות די יעניקע, פון וועלכע ער איז געווען צופרידן און לייכטע שמיץ די אַלע וועמענס אַרבעט עס איז אים נישט געווען צום געשמאַק, אָדער וועלכע האָבן זיך נאָך פריער פאַרדינט אַ פאַרוווּרף אָדער אַ שטראָף. די ציטרען־שפּילער און די זינגער האָט ער נאָך פריער גע־הייסן רייך באַלוינען, ענדלעך אַוועקזעצנדיק זיך אין גאָרטן אונטער אַ בוקנבוים, וואָס דורך זיינע בלעטער האָבן זיך דורכ־געריסן די זונשטראַלן, פלעקנדיק די ערד מיט ליכט־פלעקן, האָט ער געלאָזט רופן צו זיך עניסע.

זי איז געקומען אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ מירטן־צווייגל אין די האָר, אַ פּרעכטיקע ווי כאַריטאַ. ער האָט זי באַזעצט לעבן זיך און צוריירנדיק זיך לייכט מיט זיינע פינגער צו איר

שטערן האָט ער גענומען קוקן אויף איר מיט אַזאַ ליבשאַפט, מיט וועלכער אַ מבין קוקט אויף אַ געטלעכע סטאַטוע, וועלכע איז נאָר וואָס אַרויס פון אונטער דעם קינסטלערס האַמער.

— עניסע, — האָט ער געזאָגט צו איר — ווייסטו, אַז דו ביסט שוין לאַנג נישט קיין שקלאַפין?

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע רויקע, ווי דער הימל בלאָע אויגן און גענומען שאָקלענדיק מיטן קאָפּ דער־ווידערן.

— איך בין עס תּמיד, האַר — האָט זי געזאָגט.

— אָבער אפשר ווייסטו נישט — האָט פּעטראָניוס ווײַ־טער געזאָגט — אַז אָט די ווילע און די אַלע שקלאַפן, וועל־כע פּלעכטן דאָרט די קרענץ און אַלץ וואָס געפינט זיך דאָ די פעלדער, די סטאַדעס געהערן פון היינט אָן צו דיר.

עניסע האָט דאָס דערהערנדיק פּלוצלונג זיך אַ רוק אָפּ געטאָן און מיט אַ שטים אין וועלכער ס'האָט זיך געהערט אַ פּלוצלונגער שרעק, האָט זי געפרעגט:

— אַנטקעגן וואָס זאָגסטו מיר דאָס, האַר?

זי האָט צוריק געגעבנט און גענומען קוקן אויף אים ושמורענדיק מיט די אויגן פאַר שרעק. אין אַ ווײַל אַרום איז איר פּנים בלייך געוואָרן, ווי קרייד. ער אָבער האָט אַלץ גע־שמייכלט און לסוף האָט ער געזאָגט נאָר איין וואָרט:

— יאָ!

עס איז אַ ווײַל שטיל געוואָרן, נאָר וואָס אַ לייכט ווינטל האָט געשאָרכט צווישן די בלעטער פון בוקנבוים.

פּעטראָניוס האָט באמת געקענט מיינען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ סטאַטוע אויסגעהאַקט פון ווייסן מאַרמאָר.

— עניסע! — האָט ער געזאָגט — איך וויל שטאַרבן שלוהדיק.

און דאָס מיידל, קוקנדיק אויף אים מיט אַ ביטערן שמייכל, האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

— איך הער דיך, האַר.

אין אָונט האָבן די געסט, וועלכע זענען שוין נישט איינ־מאָל געווען אויף גאַסטמאָלן ביי פּעטראָניוסן און האָבן געוווּסט, אַז אין פאַרגלייך מיט זיי זענען אפילו דעם צעזאַרס גאַסטמאָלן נוּדנע און באַרבאַריש, זיך אָנגעהויבן צו נויפצוקומען מאַסנווייז, קיינעם אָבער איז נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס דאַרף זיין דער לעצטער „סימפּאָסיאָן". פיל האָבן אפילו געוווּסט, אַז איבער דעם ברויסאַרטיקן אַרביטער עלעגאַנץ האָבן זיך אָנגערוקט כמאַרעס פון צעזאַרס ווידערווילן, אָבער דאָס האָט שוין אַזויפיל מאָל געטראָפן און יעדעס מאָל האָט פּעטראָניוס מיט איין געשיקטן אויפטריט אָדער מיט איין דרייסט וואָרט אַלץ ווידער גוט געמאַכט, אַזוי אַז קיינער האָט באמת זיך נישט פאָרגעשטעלט עס זאָל אים איצט דראָען אַן ערנסטע סכנה. זיין פריילעך פּנים און זיין מהיכא־תּיתידיק שמייכעלע האָט ביי אַלעמען נאָכמער באַפעסטיקט דידאָזיקע מיינונג. די פּרעכטיקע עניסע, וועמען ער האָט געזאָגט דאָס ער וויל שטאַרבן בשלוה און פאַר וועמען יעדעס וואָרט זיינס איז געווען אַ געטלעך געבאָט, האָט אין אירע זיסע שטריכן געהאַט פולע רויקייט און אַ מין וווּנדערלעכן שיין אין די אויגן, וועלכע מ'האָט געקענט אָננעמען פאַר פרייד. ביי דער טיר פון טריקליניום האָבן יינגלעך מיט גאָלדענע געשטריקן אויף די האָר אַרויפגעלייגט די געסט רויזנקרענץ אויף די קעפּ, אַכטונג געבנדיק גלייכצייטיק, זיי זאָלן לויטן מנהג איבערטרעטן די שוועל מיטן רעכטן פוס. אין זאַל האָט זיך געטראָגן אַ לייכטער דופט פון פיילכן, די באַלייכטונג האָט אַרויסגעשיינט פון פאַרשידנפאַרביקע אַלעקסאַנדריער גלעזלעך. ביי די בענק זענען געשטאַנען גריכישע מיידלעך צום באַפייכטן די טריט פון די געסט מיט בשמים. אונטער די ווענט האָבן די ציטרען־שפּילער און די אַטענער זינגער געוואַרט אויף אַ צייכן פון זייער דיריזשאָר.

די טיש־סערווירונג האָט געבלאַנקט מיט פּראַכט, אָבער דערדאָזיקער פּראַכט האָט נישט שאָקירט, האָט נישט געמאַכט קיין שווערן איינדרוק אויף קיינעם און איז גיכער ווי פון זיך זעלבסט אַרויסגעגליט. פריילעכקייט און אומגעשטערטקייט האָט זיך גע־

טראָגן צוזאַמען מיטן פיילכן־דופט איבערן זאַל. די געסט האָבן דאָ אַריינקומענדיק געפילט אַז עס הענגט נישט איבער זיי נישט קיין צוואַנג, נישט קיין דראָונג, ווי אויף די גאַסטמאָלן ביים צעזאַר ווי אַ נישט געגוג הויכער אָדער נישט געגוג טרעפּלעכער שבח פאַרן זינגען אָדער פאַרן ציטירן האָט געקענט קאָסטן דאָס לעבן. און דעריבער זעענדיק נאָך די בלאַנקענדיקע ליכט, די מיט בלושטש געוויקלטע קרוגן, דעם פרירנדיקן ווייַן אויף שניי און די זעלטענע מאכלים, זענען דערפרייט געוואָרן די הערצער פון די געסט. די געשפּרעכן האָבן גענומען זשומען הילכיקער ווי עס זשומען אַ מחנה בינען אַרום אַ בליענדיקן עפּלבוים. אָפט זענען זיי איבערגעריסן געוואָרן פון אַ פריילעך געלעכטער, אָדער פון אַ שעפּטשען פון שבחים. אָדער פון אַ צו הילכיקן קוש אויף אַ ווייַסן אַקסל.

די געסט האָבן, טרינקענדיק ווייַן, אַראָפּגעשאָקלט עטלעכע טראָפּן לכבוד די אומשטערבלעכע געטער, בכדי צוצונייגן זייער השגחה און זייער ליבע פאַר דעם באַלעבאָס. ס'מאַכט נישט אויס, וואָס פיל גלייבן נישט אין די געטער. אַזוי הייסט דער מנהג און דער אַבערגלויבן. פּעטראָניוס, ליגנדיק לעבן עניסע, האָט גערעדט וועגן רוימישע נייעסן, וועגן די נייסטע גטן, וועגן ליבע און ליבע-אינטריגעלעך, וועגן די וועט-לויפן, וועגן ספּיקולוסן, וועלכער האָט זיך לעצטנס קונה שם געווען אויף דער אַרענע און וועגן די נייסטע אַרויסגאַבן, וואָס האָבן זיך באַוויזן ביי אַטראַקטוסן און ביי די סאָזיוסן. אַראָפּשאָקלענדיק עטלעכע טראָפּן ווייַן, האָט ער געזאָגט, אַז ער טוט דאָס נאָר לכבוד דער הער פון ציפּער, וועלכע איז די עלטסטע און די גרעסטע פון אַלע געטער, די איינציקע אומשטערבלעכע, דויערנדיקע, הערשנדיקע.

זיינע רייד זענען געווען ווי אַ זונשטראַל, וואָס באַלייכט אַלעמאָל אַן אַנדערע זאַך, אָדער ווי אַ זומער-ווינטל וואָס באַרירט די בלומען אין גאָרטן. ענדלעך האָט ער אַ ווונק געטאָן צום דיריזשאָר און אויף דעם צייכן האָבן לייכט אויפגעקלונגען די ציטרען און יונגע שטימען האָבן זיי אונטערגעהאַלטן. דערנאָך

האָבן טענצערקעס פון קאָס, צניסעס לאַנדסלייט, גענומען שימע־רירן פון אונטער דורכזעעוודיקע שטאָפן מיט זייערע ראָזע קערפּער. צום סוף האָט אַן עגיפּטישער טרעפער גענומען זאָגן די געסט די צוקונפט פון אַ רעגנבויגן־אַרטיקן אורים ותומים אין אַ קריש־טאָלן געפעס.

נאָר ווען זיי האָבן שוין געהאַט געגוג פאַרווייַלונגען האָט פּעטראָניוס אונטערהייבנדיק זיך אַביסל אויף דעם סירישן קאָפּ־שטיק עטוואָס מידלעך זיך אָנגערופן:

— פריינט! זייט מיר מוחל, וואָס איך וועל אייך דאָ אויפן מאָלצייט פאָרלייגן מיין בקשה: זאָל יעדער פון אייך זיך נעמען אַלס מתנה דעם בעכער פון וועלכן ער האָט צום ערשטן געטרונקען לכבוד די געטער און אויף מיין גליק.

פּעטראָניוסעס בעכערס האָבן געבלאַנקט פון גאָלד־צירונג און מייסטערהאַפטע שניצונגען, דעריבער, הגם געבן מתנות איז אין רוים געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, האָבן די הער־צער פון די געסט אויפגעציטערט פון פרייד. טייל האָבן אים גענומען דאַנקען און לויבן הויך, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז יאָוויש אַליין האָט די געטער אויפן אָלימפּ נישט באַערט מיט אַזעלכע מתנות, עס זענען לסוף געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געוואַקלט אָנצונעמען, אויף אַזוי ווייט איז דאָס איבער־געגאַנגען די געוויינלעכע מאָס.

ער האָט אויפגעהויבן הויך זיין מורדענער קרוג, וועלכער איז ענלעך געווען צו אַ שטראַלנדיקן רעגנבויגן און האָט גע־זאָגט.

— און אָט איז דער בעכער, פון וועלכן איך האָב גע־טרונקען לכבוד דער האַרין פון ציפּר. זאָל פון איצט אָן קיינעמס ליפּן אים נישט באַרירן און זאָלן קיינעמס הענט נישט אָפּ־גיסן פון אים לכבוד אַן אַנדערע געטין.

און ער האָט אַ וואָרף געטאָן די טייערע כלי אויף דעם מיט ליליעס אויסגעשיטן זאַפראַן־באָדן און בעת זי האָט זיך צעשמעטערט אויף פּיצלעך, האָט ער, זעענדיק אַרום די פאַר־וואונדערטע בליקן, געזאָגט:

— טײַערע, זײַט פריילעך, אָנשטאָט זיך צו וווּנדערן. די אַלטקייט און שוואַכקייט זענען טרויעריקע באַגלייטער פון די לעצטע לעבנס־יאָרן. איך וועל אייך אָבער געבן אַ גוטן בײַ־שפּיל און אַ גוטע עצה; מ׳האָט, זעט איר, די ברירה נישט צו וואַרטן אויף זיי און איידער זיי קומען אָן, פרייוויליק אַוועק־צוגיין, אַזוי ווי איך טו עס.

— וואָס ווילסטו דען טאָן? — האָבן עטלעכע שטימען אומרויק געפרעגט.

— כ׳וויל זיך משׂמח זײַן, טרינקען ווײַן, הערן מוזיק, קוקן אויף אָט די געטלעכע פאָרמען, וועלכע איר זעט דאָ לעבן מיר, און נאָכדעם איינשלאָפן מיט אַ באַקראַנצטן קאָפּ. איך האָב זיך שוין געזעגנט מיטן צעזאַר. ווילט איר הערן וואָס איך האָב אים אָנגעשריבן צום געזעגענען?

דאָס זאָגנדיק האָט ער פון אונטער דעם פורפורנעם קאָפּשטיק אַפּגעגענומען אַ בריוו און האָט גענומען לייענען אָט דאָס ווײַטערע:

„איך ווייס, אָ, צעזאַר, אַז דו וואַרטסט אומגעדולדיק אויף מײַן קומען און אַז דײַן טרײַ האַרץ פון אַ פרײַנט בענקט בײַטאָג און בײַנאַכט נאָך מיר. איך ווייס, אַז דו וואָלסט מיך באַשיט מיט מתּנות, וואָלסט מיר אָנפאַרטרויט די פּרעפעקטור איבער די פּרעטאָריאַנער און טיגעלינען וואָלסטו געהייסן זײַן דאָס, צו וואָס די געטער האָבן אים באַשאַפן — אַן אייזל־טרײַבער אויף דער ערד, וועלכע דו האָסט געירשנט נאָכן פאַרסמן דאָמיציען. דו מוזט מיר אָבער מוחל זײַן, וואָרום איך שווער דיר בײַם האַדעס און אין אים בײַ די שאָטנס פון דײַן מוּ־טער, פרוי, ברודער און סענעקאַ, אַז איך קען נישט קומען. דאָס לעבן איז אַ גרויסער אוצר, מײַן טײַערער, און איך האָב פון דעמדאָזיקן אוצר פאַרשטאַנען אויסצוקלײַבן די טײַערסטע צירונג, אָבער אין לעבן זענען אויך פאַראַן זאַכן, וועלכע איך קען שוין לענגער נישט אַריבערטראָגן. אָך, מײַן נישט, כ׳בעט דיך, אַז מיך אַרט דאָס, וואָס דו האָסט דערהרגעט דײַן מוטער און דײַן פרוי און דײַן ברודער, וואָס דו האָסט פאַרברענט

רוים און פאַרשיקט קיין שרעק אַלע פּיינע מענטשן פון זיין מלוכה. ניין, מיין טייער אוראייניקל פון כראָנאָס. דער טויט איז דער גורל פונם מענטש און פון דיר האָט מען קיין אַנדערע מעשים נישט געקענט דערוואַרטן. אָבער קאַליעטשען זיך נאָך לאַנגע יאָרן די אויערן מיט דיין געזאַנג, זען דיינע דאָמיציוס=דינע פיס וואַרפן זיך אין פירדעישן טאַנץ, הערן דיין שפּילן, דיין דעקלאַמירן און דיינע פּאָעמעס, אָרעמער פּאָעט פון די הינטערגעסלעך, דאָס אַלץ איז שוין געווען איבער מיינע כוחות און האָט מיר שוין ליבער געמאַכט דעם טויט. רוים פאַרשטאָפּט זיך די אויערן הערצדיק דיך, די וועלט לאַכט דיך אויס און איך וויל שוין מער נישט רויט ווערן פאַר דיינעטוועגן. דאָס הוילן פון צערבער, מיין ליבער, הגם עס איז עלעך צו דיין געזאַנג, וועט מיך פיל ווייניקער ווי טאָן, ווייל איך בין קיינמאָל זיין פריינט נישט געווען און איך בין נישט מחויב צו שעמען זיך פאַר זיין שטים. זיי געזונט, אָבער זינג נישט, הרגע, אָבער שרייב נישט קיין שירים, פאַרסם, נאָר טאַנץ נישט, צינד אונטער, נאָר שפּיל נישט אויף קיין ציטרע. אזוי ווינטשט דיר און דידאָזיקע לעצטע פריינטלעכע עצה גיט דיר דער אַרביטר עלעגאַנטיאַע״.

די געסט זענען נבהל געוואָרן, וואָרום זיי האָבן געוווּסט אַז ווען נירון זאָל אָנווערן די מלוכה, וואָלט עס פאַר אים געווען אַ ווייניק מוראדיקער קלאַפּ. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער בשר ודם, וואָס האָט אָנגעשריבן אַזאַ בריוו מוז שטאַרבן און דערביי זענען זיי אַליין אויף טויט איבערגעשראָקן געוואָרן, וואָס זיי האָבן אַזאַ בריוו געהערט.

אָבער פּעטראָניוס האָט זיך האַרציק און פריילעך צעלאַכט, ווי עס וואָלט דאָ געגאַנגען וועגן דעם אומשולדיקסטן וויץ, דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו זיי און האָט געזאָגט:

— זייט זיך משמח און פאַרטרייבט פון זיך די שרעק. קיינער דאַרף זיך נישט רימען, אַז ער האָט דעם בריוו גע-

הערט, איך ווידער וועל זיך מיט אים באַרימען סיידן פאַר כאַראָן ביים איבערשיפן זיך.

אויף דעריוף האָט ער אַ ווונק געטאָן צו דעם גריך דעם רופא און ער האָט אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט. דער פלינקער גריך האָט כהרף עין אים אַרומגעבונדן דעם אָרעם מיט אַ גאָלדענער באַנד און האָט געעפנט דעם אָדער ביים האַנט־געלענק. דאָס בלוט האָט אַ שפּריץ אַרויס געטאָן אויפן קאָפּשטיק און באַגאָסן עניסע, וועלכע האָט אונטערשפּאַרנדיק פּעטראָניוסעס קאָפּ אָנגעבויגן זיך איבער אים און געזאָגט:

— האַר, מיינסטו, אַז איך וועל דיך פאַרלאָזן? ווען די געטער זאָלן מיר וועלן געבן אומשטערבלעכקייט און דער צו־צו די הערשאַפט איבער דער וועלט, וואָלט איך אויך בעסער נאָך דיר געגאַנגען.

פּעטראָניוס האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט זיך עטוואָס אונ־טערגעהויבן, צוגערירט זיך מיט זיין מויל צו אירע ליפּן און געענטפערט:

— קום מיט מיר.

דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— דו האָסט מיך באמת געליבט, געטלעכע מיינע!..

און זי האָט אויסגעשטרעקט צום רופא אירע ראָזע אָרעמס און אין אַ ווייל אַרום האָט איר בלוט געצומען שטראָמען און צונויפמישן זיך מיט זיין בלוט.

אָבער ער האָט געגעבן אַ צייכן צום זינגמייסטער און עס האָבן זיך ווידער דערהערט די ציטערן און די שטימען. פריער איז געזונגען געוואָרן „האַרמאָדיאָס" און נאָכדעם דאָס ליד פון אנאַקרעאָנט אין וועלכן דער דיכטער קלאָגט זיך, אַז ער האָט איינמאָל הינטער זיין טיר געפונען אַפראָדיטעס פאַר־פרוירן און פאַרוויינט קינד. ער האָט עס אַריינגענומען צו־זיך, האָט עס אָנגעוואַרעמט, אויסגעטריקנט די פליגלען, און דאָס אומדאַנקבאַרע האָט אים אַלס שכר דורכגעלעכערט מיט זיינע פיילן דאָס האַרץ און פון דאַן אָן האָט אים פאַרלאָזט די רויקייט...

און זיי ביידע, אָנגעלענט איינע אָן די צווייטע, שיינע ווי צוויי גיפּס=סטאַטועס, האָבן אויסגעהערט שמייכלענדיק און וואָס אַמאָל בלאַסער. נאָכן סוף פֿון דעם שיר האָט פּעטראָניוס געהייסן ווייטער דערלאַנגען ווײַן און מאכלים, דערנאָך האָט ער ווייטער געגומען שמועסן מיט די נעבנטער זיצנדיקע געסט וועגן קליינע אָבער אָנגענעמע זאַכן, ווי עס פֿלעגט דער מנהג זײַן צו רעדן ביים טיש, לסוף האָט ער צוגערופֿן דעם גריך ער זאָל אים אויף אַ ווײַל אַרומבינדן די אָדערן, ווײַל עס ווילט זיך אים שטאַרק שלאָפֿן און ער וויל זיך נאָך איינמאָל איבערגעבן „היפּנאָסן" איידער טאַנאַטאָס וועט אים אויף אייביק איינשלעפֿן.

און ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט איז דער קאָפּ פֿון דעם מיידל שוין געלעגן אויף זײַן ברוסט ווי אַ ווייסע בלום. דאַן האָט ער זי אָנגעשפּאַרט צוקאָפּנס, כּדי נאָך איינמאָל זיך צוצוקוקן צו איר. דערנאָך האָט מען אים צוריק אויפֿגעבונדן די אָדערן.

די זינגער האָבן אויף זײַן ווונק אָנגעהויבן אַ נײַ ליד פֿון אַנאַקרעאָנט און די ציטערן האָבן שטיל צוגעשפּילט אַזוי, אַז מ'זאָל קענען הערן די ווערטער. פּעטראָניוס איז אַלץ בלאַסער און בלאַסער געוואָרן און בעת די לעצטע קלאַנגען זענען אַנטשוויגן געוואָרן האָט ער זיך נאָכאַמאָל געווענדט צו די געסט און געזאָגט:

— פֿרײַנט, זײַט מודה, אַז צוזאַמען מיט אונדז גייט אונטער...

אָבער ער האָט שוין נישט געקענט דערענדיקן: זײַן אָרעם האָט מיט אַ לעצטער באַוועגונג אַרומגענומען עוניסען און תּיכּף איז זײַן קאָפּ אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן קאָפּשטיק — און ער איז געשטאָרבן.

די געסט אָבער האָבן, קוקנדיק אויף די דאָזיקע צוויי קערפּער, ענלעכע צו צוויי פּרעכטיקע סטאַטועס, פֿאַרשטאַנען, אַז צוזאַמען מיט זיי גייט אונטער דאָס איינציקע וואָס איז נאָך געבליבן זייער וועלט — איר פּאָעזיע און איר שיינקייט.

עפּילאָג

מתחילת האָט דער בונט פון די גאַלישע לעגיאָנען אונטער דער אָנפירונג פון ווינדעקס אויסגעוויזן צו זיין נישט געפערלעך. דער צעזאַר איז ערשט אַלט געווען איין און דרייסיק יאָר און קיינער האָט נישט געוואגט צו האָפן, אַז די וועלט זאָל שוין פטור ווערן פון אָט דעם בייזן פאַרזעעניש. מ'האָט זיך דערמאָנט, ווי צווישן די לעגיאָנען איז שוין נישט איינמאָל נאָך ביי די פריערדיקע מושלים געקומען צו אומרוען, וועלכע האָבן פונדעסטוועגן נישט געבראַנגט צו קיין ענדערונגען אין דער מלוכה. אַזוי האָט דרוזוס אונטערגעדריקט אין טיבעריוסעס צייטן דעם אויפשטאַנד פון די פּאַנאָניער לעגיאָנען און גערמאַניקוס די רהיינישע. „איבריקנס — האָבן מענטשן געזאָגט — ווער וואָלט דען איבערגענומען די הערשאַפט נאָך נירון, אַז כמעט אַלע אייניקלעך פון געטלעכן אויגוסט זענען אומגעקומען בעת זיין ממשלה?" אַנדערע האָבן, קוקנדיק אויף די קאָלאָסן, וועלכע האָבן נירונען פאָרגעשטעלט אַלס הערקולעסן, נישט ווילנדיק זיך געטראַכט, אַז קיין שום קראַפט אין דער וועלט וועט נישט קענען באַזיגן אַזאַ מאַכט. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געבענקט נאָך אים זייט ער איז אוועקגעפאָרן קיין אַכאַי, וואָרים העליוס און פּאָליטעטעס, וועמען ער האָט איבערגעלאָזט די ממשלה איבער רוים און איטאַליען, האָבן רעגירט נאָך בלוטיקער ווי ער.

קיינער איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן און מיטן פאַרמעגן. דאָס געזעץ האָט אויפגעהערט צו באַשיצן. עס איז פאַרשוונדן די מענטשלעכע ווערט און די זיטלעכקייט, עס זענען לויז געוואָרן די פאַמיליען=באַנדן. און די שפלדיקע הערצער האָבן נישט געהאַט די דרייסטקייט אַפילו צו האָפן. פון גריכנלאַנד זענען דערגאַנגען אָפּקלאַנגען וועגן דעם צעזאַרס אומגעהויערע טריומפן, וועגן טויזנטער קרוינען וועלכע ער האָט באַקומען און טויזנטער קאָנקורענטן, וועלכע ער האָט באַזיגט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די וועלט איז איין בלוטיקע

פּאַיאַצישע אָרגיע. גלייכצייטיק אָבער האָט זיך אויך באַפּעס-טיקט די מיינונג, אַז עס איז געקומען שוין אַ סוף צו דער טוגנט און צו דער ערנסטקייט, אַז עס איז געקומען די צייט פון טענץ, מוזיק, צעלאָזטקייט, בלוט און אַז פון איצט אָן און ווייטער מוז שוין דאָס לעבן אַזוי אויסזען. דער צעזאַר גופא, ווען דער בונט האָט געעפנט אַ וועג צו נייע רויבערייען, האָט זיך נישט שטאַרק געזאָרגט וועגן די צעבונטעוועטע לע-גיאָנען און וועגן ווינדעקסן. און ער האָט נאָך אדרבה פיל מאָל אַרויסגעוויזן זיין פרייד מיט דעם. ער האָט גאָרנישט געוואָלט אָוועקפאָרן פון אַכאַי און ערשט ווען העליוס האָט אים מודיע געווען, אַז אויב ער וועט נאָך ווייטער אָפּשלעפּן זיין קומען קען עס גורם זיין, ער זאָל פאַרלירן די הערשאַפט, איז ער אַרויסגעפאָרן קיין נעאַפּאָל.

דאָרט האָט ער ווידער געשפּילט און געזונגען, זיך נישט וויסן = מאַכנדיק וועגן די אַלץ דראָענדיקערע ידיעות וועגן לויף פון די געשעענישן. אומזיסט האָט אים טיגעלינוס געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די פריערדיקע לעגיאָנען = בונטן האָבן נישט געהאַט קיין פירער איצט אָבער האָבן זיי בראש אַ מאַן, וואָס שטאַמט פון די אַמאָליקע אַקוויטאַנער מלכים און דערצו נאָך אַ באַרימ-טער און געניטער קריגער. „דאָ, — האָט נירון געענטפערט — הערן מיך גריכן, וואָס נאָר זיי אַליין קענען הערן און נאָר זיי זענען ווערט מיין געזאַנג”. ער האָט געזאָגט, אַז זיין ערשטער חוב איז די קונסט און רום. ערשט ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ווינדעקס האָט אים אויסגערופן אַלס אַ נישטיקן אַרטיסט, האָט ער געכאַפּט און איז אַוועק קיין רוים. די וווּנדן, וואָס פּעטראָניוס האָט אים געמאַכט און וועלכע דאָס זיין אין גריכנלאַנד האָט אַ ביסל פאַרהיילט, האָבן זיך ווידער געעפנט אין זיין האַרץ און ער האָט געוואָלט זוכן יושר ביים סענאַט קעגן אַזאַ אומדער-הערטע עולה.

אויפן וועג, אָנטרעפנדיק אַ גרופּע פון בראָנז, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט דעם קריגער גאַלל, וועלכער ליגט אויף דער ערד אונטער די פיס פון אַ רוימישן ריטער, האָט ער דאָס גענומען

פאר א גוטן סימן און פון איצט אָן אויב ער האָט דערמאָנט ווען די צעבוינטעוועטע לעגיאָנען און ווינדעקסן איז נאָר בכדי אָפּצולאכן פון זיי. זיין אַריינפאָר אין שטאָט אריין האָט פּאָר־טונקלט אַלץ וואָס עס איז ביז אהער געווען געוואָרן. ער איז אַריינגעפאָרן אויף דעמזעלבן וואָגן, אויף וועלכן אויגוסט האָט אַמאָל אָפּגעהאַלטן זיין טריומף. מ'האָט איינגעלייגט איין בויגן פון צירק בכדי צו עפענען א ברייטן אַריינגאַנג פאַר דעם צוג. דער סענאַט, די ריטער און אומגעהייערע מאַסן זענען אַרויס אים אַנטקעגן. די וועגס האָבן געציטערט פון געשרייען: „זיי געגריסט אויגוסט! זיי געגריסט הערקולעס! זיי געגריסט געטלע־כער, איינציקער, אָלימפּישער, פּיטיער, אומשטערבלעכער!" נאָך אים האָט מען געטראָגן די געוווּנענע קרענץ, די נעמען פון די שטעט אין וועלכע ער האָט טריומפירט און טאוולען מיט די נעמען פון די מייסטערס, וועלכע ער האָט מנצח געווען. נירון גופא איז געווען באַגייסטערט און ער האָט א גערירטער גע־פרעגט די אויגוסטער אַרום אים: וואָס איז געווען יוליוס צעזאַרס טריומף אַנטקעגן זיינעם? דער געדאַנק, אז עמיצער א בשר־ודם זאָל וואגן אויפצוהייבן א האנט אויף אַזאַ קינסטלער - האַלב גאָט האָט אים גאַרנישט געקענט אין קאָפּ אַריין. ער האָט זיך באמת געפילט אָלימפּיש און מחמת דעם געזיכערט. די התלהבות און די קולות פון המון האָבן נאָך אונטערגעהעצט זיין אייגענע באַגייסטערונג. און עס האָט זיך באמת געקענט אויסדוכטן אין די טעג פון דעמדאָזיקן טריומף, אז נישט נאָר דער צעזאַר און רוים נאָר אויך די גאַנצע וועלט איז משוגע געוואָרן.

אונטער די בלומען און די בערג קרענץ האָט קיינער נישט געקענט זען דעם תהום. דעמזעלבן אָוונט נאָך זענען די זיילן און די ווענט פון די טעמפּלען באַדעקט געוואָרן מיט אויפשריפטן אין וועלכע מ'האָט געזידלט די פאַרברעכנס פון צעזאַר, אים געדראָט מיט נאָענטער נקמה און אים אויסגעלאַכט אַלס אַרטיסט. פון מויל צו מויל האָט זיך איבערגעטראָגן דער זאָץ - „ער האָט אַזוי לאַנג געזונגען ביז ער האָט די הענער (גאַלאַס) אויפגעוועקט". אומרויקע ידיעות האָבן גענומען אומגיין

איבער דער שטאָט אין דער פאָרם פון שרעקלעכע גוזמאות. אַן אומרויִקייט איז באַפאַלן די אויגוסטער. אין דער אומזיכערקייט, וואָס דער עתיד דאַרף ברענגען, האָבן מענטשן מורא געהאַט ארויסצוווייזן וועלכע עס איז האָפנונג, מורא געהאַט כמעט צו פילן און צו טראַכטן.

ער אָבער האָט ווייטער געלעבט מיט טעאַטער און מוזיק. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט ניי אויסגעפונענע כלי זמר און מיט עפעס אַ נייעם וואַסער-אָרגאַן וועלכן מ'האָט אויסגעפרווט אויפן פאַלאַטין. אין זיין קינדיש געוואָרענעם און צו קיין שום ראַט אָדער מעשים אומפעיקן קאָפ האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז זיינע פלענער וועגן פאָרשטעלונגען און סצענעס אויף דער ווייטער צוקונפט וועלן אָפהאַלטן די סכנה. זיינע נאָנטסטע, זעענדיק, אַז אַנשטאַט צו באַמיען זיך וועגן מיטלען און וועגן חיל, באַמיט ער זיך גאָר וועגן אויסדריקן וואָס זאָלן טרעפלעך אויסמאָלן די סכנה, האָבן זיי זיך גאָר אינגאַנצן פאַרלוירן. טיילמאָל האָט ער זיך אַריס געטאָן בכדי אַרויסצולויפן קעגן דעם שונא, ער האָט געהייסן שוין לאָדענען אויף וועגנס די ציטרעס און האַרפעס, באַוואָפענען די יונגע שקלאַפינס אַלס אמאַזאָנקעס און גלייכצייטיק אָפרופן די לעגיאָנען פון מזרח. טיילמאָל ווידער האָט ער געטראַכט, אַז נישט מיט מלחמה, נאָר מיט זיין געזאַנג וועט ער אַ סוף מאַכן צום בונט פון די גאַלישע לעגיאָנען, און זיין האַרץ האָט זיך שוין געפרייט מיט דעם בילד, וואָס האָט זיך געזאָלט שאַפן נאָך דעם ווי ער וועט האָבן איינגענומען די זעלנער מיט זיינס אַ ליד. אָט רינגלען אים די זעלנער אַרום מיט טרערן אין די אויגן און ער וועט זיי אויפזינגען אַן עפיניסיום, נאָך וועלכן עס וועט זיך אָנהייבן פאַר אים און פאַר רוים אַ גאָלדענע עפּאָכע. טיילמאָל ווידער האָט ער גערופן וועגן בלוט, אַן אַנדערשמאָל ווידער האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט זיך באַגנוגענען מיט דער הויפט-ממשלה איבער מצרים, ער האָט דערמאַנט די טרעפערס, וועלכע האָבן אים פאָרויסגעזאָגט דו הערשאַפט אין ירושלים, אָדער ער האָט זיך גאָר אַליין דורכגענומען מיטן געדאַנק, אַז ער וועט

אַלס וואַנדערנדיקער זינגער פאַרדינען זיין ברויט און לענדער און שטעט וועלן אין אים ערן שוין נישט דעם צעזאַר, דעם האַר פון דער ערד, נאָר דעם דיכטער וואָס די מענטשהייט האָט נאָך אַזעלכן נישט געהאַט.

און אַזוי האָט ער זיך געוואָרפן, געשפּילט, געזונגען, געביטן די פּלענער, געביטן די ציטאַטן, אויסגעביטן זיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פון דער וועלט אויף עפּעס אַ ן אומזיניקן, פאַנטאַסטישן און שרעקלעכן חלום. אַ רוישיקע קאָמעדיע פון אָנגעבלאָזענע פּראָזן, שלעכטע שירים, קרעכצן, טרערן און בלוט און בינו לבינו איז די כמאַרע אויף מערב געוואַקסן און גרעסער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. די מאָס איז געווען איבערגעפולט, די פּאַיאַצישע קאָמעדיע האָט שוין, קענטיק, געהאַלטן ביי ענדיקן זיך.

בעת ער האָט באַקומען די ידיעה וועגן גאַלבע און וועגן אָנשליסן זיך פון שפּאַניען צום בונט איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן גרימצאָרן און ווילדקייט. ער האָט צעשמעטערט די בעכערס, האָט איבערגעקערט דעם טיש ביי דער סעודה און האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן, וועלכע נישט העליוס און נישט טיגעלינוס האָבן געוואַגט אויסצופירן. אויסמאָרדן אַלע גאַללען, וואָס געפינען זיך אין רוים, נאָכדעם נאָכאַמאָל אונטערצינדן די שטאָט, אַרויסלאָזן די חיות פון די אַרענאַכיעס, און די הויפּטשטאָט איבערטראָגן קיין אַלעקסאַנדריע דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין אַ גרויסער, וווּנדערלעכער און ליכטער אויפטו. אָבער די טעג פון זיין אַלמעכטיקייט זענען שוין געווען געענדיקט און אַפילו זיינע פריערדיקע שותפים אין פאַרברעכן האָבן איצט גענומען אים באַטראַכטן אַלס אַ משוגענעם.

דער טויט פון ווינדעקסן און די מחלוקת צווישן די אויפשטענדיקע לעגיאָנען גופא, האָבן דוכט זיך ווי צוריק איבערגעבויגן די שאָל אויף זיין זייט. שוין האָט מען זיך געגרייט צו נייע טריומפן, שוין האָט מען פאַרויסגעזאָגט נייע טויט-משפטים אין רוים. בעת אין אַ געוויסע נאַכט איז אָנגעקומען צורייטן אויף אַ פאַרשוימטן פערד אַ שליח מיט אַ ידיעה, אַז דאָס חיל

האָט אין שטאָט גופא אויסגעטריבן די פאָן פון אויפשטאַנד און אויסגערופן גאַלבען פאַר צעזאַר.

דער צעזאַר איז געשלאָפן בעת דער שליח איז אָנגעקומען אָבער אויפכאַפנדיק זיך, האָט ער אומזיסט גערופן די לייב־וואַך, וועלכע פלעגט בייַנאַכט וואַכן ביי די טירן פון די צימערן. אין פאַלאַץ איז שוין קיינער נישט געווען. נאָר וואָס שקלאַפן האָבן אין די זייטיקע צימערן געראַבירט אויף דער גיך אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט. ביי זיין אָנקומען זענען זיי איבערגעשראָקן געוואָרן און ער האָט אַרומגעבלאָנקעט אַ פאַרלאָזטער איבער די צימערן, אָנפילנדיק זיי מיט געשרייען פון שרעק און יאוש.

סוף כל סוף זענען די באַפרייטע: פאַאָן, ספּירוס און עפּאַפראָדיט אים געקומען צו הילף. זיי האָבן געוואָלט ער זאָל אַנטלויפן, זאָגנדיק, אַז עס איז שוין נישטאָ קיין איבעריקע מינוט צו פאַרלירן, ער אָבער האָט זיך נאָך געפרווּט צו נאַרן. און ווען ער זאָל, אָנגעטאָן אין טרויער, רעדן פאַרן סענאַט צי וואָלט דער סענאַט געקענט זיך קעגנשטעלן זיינע טרערן און זיינע רייד? ווען ער זאָל באַנוצן זיין גאַנצע רעדנערישע קונסט, זיינע אַלע אַקטיאָרישע פעיקייטן און דבור, צי וואָלט דען איין מענטש אין דער וועלט געקענט אים ביישטיין? צי וואָלט מען דען אים נישט געגעבן כאָטש די פרעפעקטור איבער עגיפּטן?

און זיי צוגעוווינט צו חנפענען, האָבן נאָך נישט געהאַט די העזה, פשוט צו דערווידערן, זיי האָבן אים נאָר געוואָרנט, אַז איידער ער וועט באַוויזן צוצוקומען ביז צום פאָרום, וועט דאָס פאָלק אים צערייסן אויף שטיקלעך און זיי האָבן אים געדראָט אַז אויב ער וועט זיך נישט תיכף ומיד זעצן אויף אַ פערד וועלן זיי אים אויך פאַרלאָזן.

פאַאָן האָט אים פאָרגעלייגט אַלס באַהעלטעניש זיין ווילע, וואָס געפינט זיך הינטערן נאָמענטאַנער טויער. אין אַ מינוט אַרום האָבן זיי זיך געזעצט אויף די פערד און איבערדעקנדיק זיך די קעפ מיט די מאַנטלען זענען זיי אַוועק

צום עק שטאָט. די נאכט איז בלייכער געוואָרן. אויף די גאַסן
האָט שוין אָבער געהערשט אַ באַוועגונג, וואָס האָט געוויזן אויף
דער אויסערגעוויינלעכקייט פון דער לאַגע. זעלנער, איינצלנע
און אין קליינע אָפּטיילונגען זענען געווען צעשפּרייט איבער
דער שטאָט. שוין נישט ווייט פון לאַגער איז דעם צעזאַרס
פערד פּלוצלונג אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט דערזעענדיק אַ טויטן
קערפּער. דאַן האָט זיך דער מאַנטל אַראָפּגערוקט פון רייטערס
קאָפּ און דער זעלנער וואָס איז גראָד אין דער רגע פאַרביי-
געגאַנגען האָט דערקענט דעם צעזאַר, נאָר צעטומלט ווערנדיק
פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש, האָט ער אים מיליטעריש
באַגריסט. פאַרביירייטנדיק דעם פּרעטאָריאַנער-לאַגער האָבן זיי
דערהערט דונערנדיקע אויסרופן לכּבוד גאַלבען. נירון האָט
שוין לסוף פאַרשטאַנען, אַז ס'איז געקומען די שעה פון טויט.
עס איז אים באַפאַלן אַ מורא און חרטה-געפילן. ער האָט גע-
זאָגט, דאָס ער זעט פאַר זיך אַ חושך אין געשטאַלט פון אַ
שוואַרצע כמאַרע און פון דער כמאַרע קוקן צו אים אַרויס
פּנימער אין וועלכע ער דערקענט זיין מוטער, פרוי און ברו-
דער. זיינע ציין האָבן געקלאַפּט פון שרעק, און דאָך האָט זיין
קאָמעדיאַנטישע נשמה געפונען אַ מין רייץ אין דער מוראדי-
קייט פון דער מינוט. זיין דער אַלמעכטיקער הערשער פון דער
ערד און אַלץ אָנווערן האָט זיך אים אויסגעוויזן אַלס די העכ-
סטע טראַגעדיע. און טריי זיך אַליין האָט ער אויסגעהאַלטן
געשפּילט אין איר די ערשטע ראָל. עס האָט אים באַהערשט
אַ שגעון פון ציטירן און אַ ליידנשאַפטלעכער פאַרלאַנג, אַז די
וואָס געפינען זיך לעבן איס זאָלן עס פאַרגעדענקען פאַר די
קומענדיקע דורות. מינוטנווייז האָט ער געזאָגט, דאָס ער וויל
שטאַרבן און ער האָט גערופן ספּיקולוסן, וועלכער פלעגט דער-
הרגענען פלינקער פון אַלע גלאַדיאַטאָרן. מינוטנווייז פלעגט ער
דעקלאַמירן: „מיין מוטער, מיין ווייב און מיין ברודער רופן
מיך צום טויט!" פון צייט צו צייט האָבן זיך אין אים אויך
געוועקט נאַרישע און קינדישע בליצן פון האָפנונג. ער האָט

געוווסט, אַז דער טויט קומט און האָט גלייכצייטיק נישט גע־גלייבט אין אים.

דאָס נאָמענטאַנער טויער האָבן זיי געפונען אָפן. רייטנ־דיק ווייטער זענען זיי פאַרביי לעבן אָסטריאַנום, ווו פעטרוס פלעגט לערנען און טויפן. פאַרטאָג זענען זיי אָנגעקומען אין פּאַאָנס וויללע.

דאָרט האָבן די באַפרייטע פאַר אים שוין מער קיין סוד נישט געמאַכט, אַז ער מוז שטאַרבן. ער האָט, בכן, געהייסן גראָבן פאַר זיך אַ גרוב און ער האָט זיך געלייגט אויף דער ערד בכדי זיי זאָלן נעמען אַ מאָס פון קבר. דערזעענדיק אָבער די אַרויסגעוואָרפענע ערד איז אים אַ מורא באַפאַלן. זיין פעט פנים איז בלאַס געוואָרן און אויפן שטערן זענען אים אַרויס גרויסע טראָפּנס שווייס ווי טוי־טראָפּנס. ער האָט אָנגעהויבן אָפּשלעפּן. מיט אַ ציטערנדיקע און גלייכצייטיק אַקטיאָרישע שטים האָט ער דערקלערט, אַז עס איז נאָכנישט געקומען די מינוט, דערנאָך האָט ער גענומען ציטירן. לסוף האָט ער גע־בעטן מ'זאָל אים פאַרברענען. „וואָס פאַר אַ קינסטלער עס שטאַרבט אָפּ!" האָט ער אַלץ אינאיינעם איבערגעחזרט ווי אין פאַרווונדערונג.

דערווייל איז אָנגעקומען פּאַאָנס שליח מיט דער ידיעה, אַז דער סענאַט האָט שוין אַרויסגעגעבן דעם פסק־דין און אַז דער „פּאַרריסידאָ" וועט באַשטראָפט ווערן לויטן אַלטן מנהג.

— וואָס פאַר אַ מנהג איז דאָס? — האָט נירון געפרעגט מיט בלאַסע ליפּן.

— מ'וועט דיר אַריינכאַפּן דעם האַלז אין אַ גרויסן גאָפּל, און מ'וועט דיך פאַרשמייסן צום טויט, און דעם קערפּער וועט מען אַריינוואַרפן אין טיבער! — האָט עפּאַפראָדיט גראָב גע־ענטפערט.

דאַן האָט ער געעפנט דעם מאַנטל אויף זיין ברוסט.

— שוין צייט, הייסט עס — האָט ער געזאָגט — אַ קוק טוענדיק צום הימל.

און איבערגעחזרט נאָכאַמאָל:

— וואָס פאַר אַ קינסטלער עס שטאַרבט אָפּ!

אין דערזעלבער מינוט האָט זיך דערהערט אַן אָפּקלאַנג פון פערדישע טריט. דאָס איז אַ צענטריאָן מיט אַ מחנה זעלנער געקומען נאָכן קאָפּ פון אַהענאָבאַרבאַן.

— אייל זיך צו! — האָבן די באַפרייטע אויסגערופן.

נירון האָט צוגעלייגט דאָס מעסער צום האַלז, אָבער ער האָט זיך מיט אַ פחדנישע האַנט בלויז נאָר געשטאָכן און עס איז קלאָר געווען, אַז ער וועט קיינמאָל נישט האָבן דעם מוט טיף אַריינצושטעכן. דאַן האָט עפּאַפראָדיט אומגעריכט אים אַ שטופּ געטאָן די האַנט און דאָס מעסער איז אַריין אין האַלז ביז צום הענטל. די אויגן זענען אים אַרויס פון אויבן גרויסע, מוראדיקע, איבערגעשראָקענע.

— איך ברענג דיר לעבן! — האָט דער צענטריאָן אויסגערופן אַריינקומענדיק.

— צו שפּעט — האָט נירון מיט אַ כאָרכלענדיקע שטים געענטפערט.

און ער האָט צוגעגעבן:

— דאָס איז טריישאַפט!

אין איין אויגנבליק אַרום האָט דער טויט גענומען פאַרשלייערן זיין קאָפּ. דאָס בלוט האָט מיט אַ שווארצן טונקעלן שטראָם געפלאָסן פון זיין גראָבן קארק אויף די בלומען פון גאָרטן. זיינע פיס האָבן גענומען שאַרן די ערד, און ער איז געבליבן ליגן טויט.

די טרייע אַקטע האָט אים אויפצומאָרגנס איינגעוויקלט אין אַ טייער געוועב און פאַרברענט אויף אַ בשמים - שמעקנדיקן שייטער.

אזוי איז פאַרביי נירון, ווי עס גייט פאַרביי אַ שטורמ־ווינט, א הוראגאַן, אַ שרפה, אַ מלחמה אָדער אַ מגפה, און דער באַזיליק פון פּעטרוס הערשט נאָך עד היום הזה, פון די וואַטי־קאַנער שפּיצן, איבער דער שטאָט און איבער דער וועלט.

נעבן דעם אַמאָליקן קאַפּענער טויער געפינט זיך היינט אַ קליינינקע קירכע מיט אַ שוין עטוואָס אָפּגעמעקטער אויפשריפט:
Quo vadis domine?

סוף